STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05376

# ""FORVERTS"" ALMANAKH, 1935

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# „פֿאָרווערטס"
# אַלמאַנאַך

**1935**

רעדאַקטירט פֿון

## ב. וולאַדעק

מיט דער נאָענטסטער מיטאַרבייטערשאַפֿט
פֿון מ. איווענסקי און עליאַס מילער

●

# FORWARD ALMANAC

**B. VLADECK**
*EDITOR*

M. EVENSKY and ELIAS MILLER
*Associate Editors*

Published by the
FORWARD ASSOCIATION
NEW YORK, N. Y.

Copyright by
The Forward Association
New York
1935

234

אָריאָם פּרעס, 21־19 וועסט 21טע גאַס, ניו יאָרק, נ. י.

**1935, July 13—Aug. 11] AB 30 DAYS [אב 56945**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| July 31 | W | Ab 1 | New Moon ראש חדש | Num 28: 1-15 | |
| Aug. 1 | Th | 2 | | | |
| 2 | F | 3 | | | |
| 3 | S | 4 | דברים, שבת חזון | Deut. 1: 1-3: 22 | Is. 1: 1-27 |
| 4 | S | 5 | | | |
| 5 | M | 6 | | | |
| 6 | T | 7 | | | |
| 7 | W | 8 | | | |
| 8 | Th | 9 | צום תשעה באב Fast of Ab* | Deut. 4: 25-40<br>*Afternoon*<br>Ex. 32: 11-14: 34: 1-10 | *Morning:*<br>Jer. 8: 13-9: 23<br>*Afternoon:*<br>Is. 55: 6-56: 8<br>*Seph.* Hosea 14: 2-10; Micah 7: 18-20 |
| 9 | F | 10 | | | |
| 10 | S | 11 | ואתחנן, שבת נחמו | Deut. 3: 23-7· 11 | Is. 40: 1-26 |
| 11 | S | 12 | | | |
| 12 | M | 13 | | | |
| 13 | T | 14 | | | |
| 14 | W | 15 | | | |
| 15 | Th | 16 | | | |
| 16 | F | 17 | | | |
| 17 | S | 18 | עקב | Deut. 7. 12-11: 25 | Is. 49: 14-51. 3 |
| 18 | S | 19 | | | |
| 19 | M | 20 | | | |
| 20 | T | 21 | | | |
| 21 | W | 22 | | | |
| 22 | Th | 23 | | | |
| 23 | F | 24 | | | |
| 24 | S | 25 | ראה (מב' הח') | Deut. 11: 26-16: 17 | Is. 54: 11-55: 5 |
| 25 | S | 26 | | | |
| 26 | M | 27 | | | |
| 27 | T | 28 | | | |
| 28 | W | 29 | יום כפור קטן | | |
| 29 | Th | 30 | א' דראש חודש New Moon | Num. 28: 1-15 | |

**1935, Aug. 30—Sept. 27] ELUL 29 DAYS • [אלול 5695**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Aug. 30 | F | Elul 1 | ב' דראש חדש New Moon* | Num. 28: 1-15 | |
| 31 | S | 2 | שפטים | Deut. 16: 18-21: 9 | Is. 51: 12-52: 12 |
| Sept. 1 | S | 3 | | | |
| 2 | M | 4 | | | |
| 3 | T | 5 | | | |
| 4 | W | 6 | | | |
| 5 | Th | 7 | | | |
| 6 | F | 8 | | | |
| 7 | S | 9 | כי תצא | Deut. 21: 10-25: 19 | Is. 54: 1-10 |
| 8 | S | 10 | | | |
| 9 | M | 11 | | | |
| 10 | T | 12 | | | |
| 11 | W | 13 | | | |
| 12 | Th | 14 | | | |
| 13 | F | 15 | | | |
| 14 | S | 16 | כי תבא | Deut. 26: 1-29: 8 | Is. 60 |
| 15 | S | 17 | | | |
| 16 | M | 18 | | | |
| 17 | T | 19 | | | |
| 18 | W | 20 | | | |
| 19 | Th | 21 | | | |
| 20 | F | 22 | | | |
| 21 | S | 23 | נצבים, וילך | Deut. 29: 9-31: 30 | Is. 55: 6-56: 8 or 61: 10-63: 9 |
| 22 | S | 24 | משכימים לסליחות Selihot* | | |
| 23 | M | 25 | | | |
| 24 | T | 26 | | | |
| 25 | W | 27 | | | |
| 26 | Th | 28 | | | |
| 27 | F | 29 | | | |

**1934, Sept.. 10—Oct. 9] TISHRI 30 DAYS תשרין 5695**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Sept. 10 | M | Tishri 1 | New Year א' דראש השנה | Gen. 21<br>Num. 29: 1-6 | I Sam. 1: 1-2: 10 |
| 11 | T | 2 | New Year ב' דראש השנה | Gen. 22<br>Num. 29: 1-6 | Jer. 31: 2-20 |
| 12 | W | 3 | צום גדליה Fast of Gedaliah | Ex. 32: 11-14; 34: 1-10 | Is. 55: 6-56: 8<br>*Seph.* none |
| 13 | Th | 4 | | | |
| 14 | F | 5 | | | |
| 15 | S | 6 | וילך, שבת שובה | Deut. 31 | Hos. 14: 2-10, Joel 2: 15-17, 2; 27;<br>*Seph.* Hos. 14: 2-10, Micah 7: 18-20 |
| 16 | S | 7 | | | |
| 17 | M | 8 | | | |
| 18 | T | 9 | | | |
| 19 | W | 10 | יום כפור Day of Atonement | Lev. 16<br>Num. 29: 7-11<br>*Afternoon* Lev. 18 | Is. 57: 14-58: 14<br>*Afternoon:* Jonah<br>*Seph. add* Micah 7: 18-20 |
| 20 | Th | 11 | | | |
| 21 | F | 12 | | | |
| 22 | S | 13 | האזינו | Deut. 32 | II Sam. 22: 1-51, *or*<br>Ezek. 17: 22-18: 32 |
| 23 | S | 14 | | | |
| 24 | M | 15 | Tabernacles א' דסכות | Lev. 22: 26-23: 44<br>Num. 29: 12-16 | Zech. 14 |
| 25 | T | 16 | Tabernacles ב' דסכות | Lev. 22: 26-23: 44<br>Num. 29: 12-16 | I Kings 8: 2-21 |
| 26 | W | 17 | | Num. 29: 17-25<br>*Seph.* 29: 17-22 | |
| 27 | Th | 18 | | Num. 29: 20-28<br>*Seph.* 29: 20-25 | |
| 28 | F | 19 | חול המועד | Num. 29: 23-31<br>*Seph.* 29: 23-28 | |
| 29 | S | 20 | | Ex. 33: 12-34: 26<br>Num. 29: 26-31 | Ezek. 38: 18-39: 16 |
| 30 | S | 21 | הושענא רבא | Num. 29: 26-34<br>*Seph.* 29: 31-34 | |
| Oct. 1 | M | 22 | שמיני עצרת Eighth Day of the Feast* | Deut. 14: 22-16: 17<br>Num. 29: 35-30: 1 | I Kings 8: 54-66 |
| 2 | T | 23 | שמחת תורה Rejoicing of the Law | Deut. 33: 1-34: 12<br>Gen. 1: 1-2: 3<br>Num. 29: 35-30: 1 | Josh. 1<br>*Seph.* 1: 1-9 |
| 3 | W | 24 | אסרו חג | | |
| 4 | Th | 25 | | | |
| 5 | F | 26 | | | |
| 6 | S | 27 | בראשית, (מב' הח') | Gen. 1: 1-6: 8 | Is. 42: 5-43: 10<br>*Seph.* 42: 5-21; 61: 10; 62: 5 |
| 7 | S | 28 | | | |
| 8 | M | 29 | | | |
| 9 | Th | 30 | New Moon א' דראש חודש | Num. 28: 1-15 | |

**1934, Oct.. 10—Nov. 7] HESHVAN 29 DAYS חשון 5695**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Oct. 10 | W | Heshv. 1 | ב' דראש חדש New Moon | Num. 28: 1-15 | |
| 11 | Th | 2 | | | |
| 12 | F | 3 | | | |
| 13 | S | 4 | נח | Gen. 6: 9-11: 32 | Is. 54: 1-55: 5<br>*Seph.* 54: 1-10 |
| 14 | S | 5 | | | |
| 15 | M | 6 | | | |
| 16 | T | 7 | | | |
| 17 | W | 8 | | | |
| 18 | Th | 9 | | | |
| 19 | F | 10 | | | |
| 20 | S | 11 | לך לך | Gen. 12: 1-17: 27 | Is. 40: 27-41: 16 |
| 21 | S | 12 | | | |
| 22 | M | 13 | | | |
| 23 | T | 14 | | | |
| 24 | W | 15 | | | |
| 25 | Th | 16 | | | |
| 26 | F | 17 | | | |
| 27 | S | 18 | וירא | Gen. 18: 1-22: 24 | II Kings 4: 1-37<br>*Seph.* 4: 1-23 |
| 28 | S | 19 | | | |
| 29 | M | 20 | | | |
| 30 | T | 21 | | | |
| 31 | W | 22 | | | |
| Nov. 1 | Th | 23 | | | |
| 2 | F | 24 | | | |
| 3 | S | 25 | חיי שרה (מב' הח') | Gen. 23: 1-25: 18 | 1 Kings 1: 1-31 |
| 4 | S | 26 | | | |
| 5 | M | 27 | | | |
| 6 | T | 28 | | | |
| 7 | W | 29 | יום כפור קטן | | |

1934, Nov. 8—Dec. 6] **KISLEV 29 DAYS** כסלו 5695

| Civil Month | Day of the week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Nov. 8 | Th | Kislev 1 | New Moon ראש חדש | Num. 28: 1–15 | |
| 9 | F | 2 | | | |
| 10 | S | 3 | תולדת | Gen. 25: 19–28: 9 | Mal. 1: 1–2: 7 |
| 11 | S | 4 | | | |
| 12 | M | 5 | | | |
| 13 | T | 6 | | | |
| 14 | W | 7 | | | |
| 15 | Th | 8 | | | |
| 16 | F | 9 | | | |
| 17 | S | 10 | ויצא | Gen. 28: 10–32: 3 | Hos. 12: 13–14: 10, *or* 11: 7–12: 12 *or* 11: 7–14: 10; *Seph* 11: 7–12: 12 |
| 18 | S | 11 | | | |
| 19 | M | 12 | | | |
| 20 | T | 13 | | | |
| 21 | W | 14 | | | |
| 22 | Th | 15 | | | |
| 23 | F | 16 | | | |
| 24 | S | 17 | וישלח | Gen. 32: 4–36: 43 | Hos. 12:13–14: 10 *or* 11: 7–12: 12 *or* Obadiah 1: 1–21; *Seph.* Obadiah 1: 1–21 |
| 25 | S | 18 | | | |
| 26 | M | 19 | | | |
| 27 | T | 20 | | | |
| 28 | W | 21 | | | |
| 29 | Th | 22 | | | |
| 30 | F | 23 | | | |
| Dec. 1 | S | 24 | וישב (מב' הח') | Gen. 37: 1–40: 23 | Amos 2: 6–3 8 |
| 2 | S | 25 | Hanukkah, Feast of Dedication חנוכה | Num. 7: 1–17; *Seph.* 6: 22–7: 17 | |
| 3 | M | 26 | | Num. 7: 18–29; *Seph.* 7: 18–23 | |
| 4 | T | 27 | | Num. 7: 24–35; *Seph.* 7: 24–29 | |
| 5 | W | 28 | | Num. 7: 30–41; *Seph.* 7: 30–35 | |
| 6 | Th | 29 | | Num. 7: 36–47; *Seph.* 7: 36–41 | |

1934, Dec. 7–1934, Jan. 4] **TEBET 29 DAYS** טבת 5694

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Dec. 7 | F | Tebet 1 | New Moon ראש חדש | Num. 28: 1–15; 7: 42–47 | |
| 8 | S | 2 | מקץ | Gen. 41 1–44: 17; Num. 7. 48–53 | Zech. 2: 14–4: 7 |
| 9 | S | 3 | Eighth Day of Hanukkah | Num. 7: 54–8. 4 | |
| 10 | M | 4 | | | |
| 11 | T | 5 | | | |
| 12 | W | 6 | | | |
| 13 | Th | 7 | | | |
| 14 | F | 8 | | | |
| 15 | S | 9 | ויגש | Gen. 44. 18–47: 27 | Ezek. 37 15–28 |
| 16 | S | 10 | צום עשרה בטבת Fast of Tebet | Ex. 32: 11–14, 34: 1–10 | Is. 55: 6–56: 8; *Seph. none* |
| 17 | M | 11 | | | |
| 18 | T | 12 | | | |
| 19 | W | 13 | | | |
| 20 | Th | 14 | | | |
| 21 | F | 15 | | | |
| 22 | S | 16 | ויחי | Gen. 47: 28–50: 26 | I Kings 2. 1–12 |
| 23 | S | 17 | | | |
| 24 | M | 18 | | | |
| 25 | T | 19 | | | |
| 26 | W | 20 | | | |
| 27 | Th | 21 | | | |
| 28 | F | 22 | | | |
| 29 | S | 23 | שמות (מב' הח') | Ex. 1· 1–6: 1 | Is. 27: 6–28. 13, 29: 22, 23; *Seph.* Jer 1. 1–2· 3 |
| 30 | S | 24 | | | |
| 31 | M | 25 | | | |
| Jan. 1935 1 | T | 26 | | | |
| 2 | W | 27 | | | |
| 3 | Th | 28 | יום כפור קטן (מוקדם) | | |
| 4 | F | 29 | | | |

1935, Jan. 5—Feb. 3] **SHEBAT 30 DAYS** שבט 5695

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVAL, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Jan. 5 | S | Shebat 1 | וארא, ראש חדש | Ex. 6: 2–9: 35; Num. 28: 9–15 | Is. 66 |
| 6 | S | 2 | | | |
| 7 | M | 3 | | | |
| 8 | T | 4 | | | |
| 9 | W | 5 | | | |
| 10 | Th | 6 | | | |
| 11 | F | 7 | | | |
| 12 | S | 8 | בא | Ex. 10: 1–13: 16 | Jer. 46: 13–28 |
| 13 | S | 9 | | | |
| 14 | M | 10 | | | |
| 15 | T | 11 | | | |
| 16 | W | 12 | | | |
| 17 | Th | 13 | | | |
| 18 | F | 14 | | | |
| 19 | S | 15 | בשלח, שבת שירה; ר"ה לאילנות New Year for Trees | Ex. 13: 17–17: 16 | Judges 4: 4–5: 31; *Seph.* 5: 1–31 |
| 20 | S | 16 | | | |
| 21 | M | 17 | | | |
| 22 | T | 18 | | | |
| 23 | W | 19 | | | |
| 24 | Th | 20 | | | |
| 25 | F | 21 | | | |
| 26 | S | 22 | יתרו | Ex. 18: 1–20: 26 | Is. 6: 1–7: 6; 9: 5, 6; *Seph.* 6: 1–13 |
| 27 | S | 23 | | | |
| 28 | M | 24 | | | |
| 29 | T | 25 | | | |
| 30 | W | 26 | | | |
| 31 | Th | 27 | יום כפור קטן (מוקדם) | | |
| Feb. 1 | F | 28 | | | |
| 2 | S | 29 | משפטים, (מב' הח') | Ex. 21: 1–24· 18 | I Sam. 20: 18–42 |
| 3 | S | 30 | א' דראש חדש New Moon | Num. 28 1–15 | |

1935, Feb. 3—Mar. 5] **ADAR 30 DAYS** אדר ראשון 5695

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Feb. 4 | M | Adar 1 | New Moon ב' דר' חדש | Num. 28 1–15 | |
| 5 | T | 2 | | | |
| 6 | W | 3 | | | |
| 7 | Th | 4 | | | |
| 8 | F | 5 | | | |
| 9 | S | 6 | תרומה | Ex. 25: 1–27: 19 | I Kings 5: 26–6. 13 |
| 10 | S | 7 | | | |
| 11 | M | 8 | | | |
| 12 | T | 9 | | | |
| 13 | W | 10 | | | |
| 14 | Th | 11 | | | |
| 15 | F | 12 | | | |
| 16 | S | 13 | תצוה | Ex. 27: 20–30: 10 | Ezek. 43: 10–27 |
| 17 | S | 14 | פורים קטן | | |
| 18 | M | 15 | | | |
| 19 | T | 16 | | | |
| 20 | W | 17 | | | |
| 21 | Th | 18 | | | |
| 22 | F | 19 | | | |
| 23 | S | 20 | כי תשא | Ex. 30: 11–34: 35 | I Kings 18: 1 (*or* 20)–39; *Seph.* 18: 20–39 |
| 24 | S | 21 | | | |
| 25 | M | 22 | | | |
| 26 | T | 23 | | | |
| 27 | W | 24 | | | |
| 28 | Th | 25 | | | |
| Mar. 1 | F | 26 | | | |
| 2 | S | 27 | ויקהל (מב' הח'), פ' שקלים | Ex. 35: 1–38: 20; 30: 11–16 | II Kings 12: 1–17; *Seph.* 11: 17–12: 17 |
| 3 | S | 28 | | | |
| 4 | M | 29 | יום כפור קטן | | |
| 5 | T | 30 | New Moon א' דר' חדש | Num. 28: 1–15 | |

**1935, Mar. 6—Apr. 3]  ADAR SHENI 29 DAYS  אדר שני 5695**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Mar. 6 | W | Adar Sheni 1 | New Moon ב' דר' חדש | Num. 28: 1-15 | |
| 7 | Th | 2 | | | |
| 8 | F | 3 | | | |
| 9 | S | 4 | פקודי | Ex 38: 21-40: 38 | I Kings 7: 51-8: 21<br>Seph. 7:40-50 |
| 10 | S | 5 | | | |
| 11 | M | 6 | | | |
| 12 | T | 7 | | | |
| 13 | W | 8 | | | |
| 14 | Th | 9 | | | |
| 15 | F | 10 | | | |
| 16 | S | 11 | ויקרא, פ' זכור | Lev. 1: 1-5: 26<br>Deut. 25: 17-19 | I Sam. 15: 2-34<br>Seph. 15: 1-34 |
| 17 | S | 12 | צום אסתר | | |
| 18 | M | 13 | Fast of Esther | Ex. 32: 11-14; 34: 1-10 | Is. 55: 6-56: 8<br>Seph. none |
| 19 | T | 14 | פורים<br>Purim, Feast of Esther* | Ex. 17: 8-16 | |
| 20 | W | 15 | שושן פורים<br>Shushan Purim | | |
| 21 | Th | 16 | | | |
| 22 | F | 17 | | | |
| 23 | S | 18 | צו, פ' פרה | Lev. 6: 1-8: 36<br>Num. 19 | Ezek. 36: 16-38<br>Seph. 36: 16-36 |
| 24 | S | 19 | | | |
| 25 | M | 20 | | | |
| 26 | T | 21 | | | |
| 27 | W | 22 | | | |
| 28 | Th | 23 | | | |
| 29 | F | 24 | | | |
| 30 | S | 25 | שמיני, (מב' הח') פ' החדש | Lev. 9: 1-11: 47<br>Ex. 12: 1-20 | Ezek. 45: 16-46: 18<br>Seph. 45: 18-46: 15 |
| 31 | S | 26 | | | |
| Apr. 1 | M | 27 | | | |
| 2 | T | 28 | | | |
| 3 | W | 29 | | | |

**1935, Apr. 4—May 3]  NISAN 30 DAYS  ניסן 5695**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| Apr. 4 | Th | Nisan 1 | New Moon ראש חדש | Num 28: 1-15 | |
| 5 | F | 2 | | | |
| 6 | S | 3 | תזריע | Lev 12: 1-13 59 | II Kings 4 42-5· 19 |
| 7 | S | 4 | | | |
| 8 | M | 5 | | | |
| 9 | T | 6 | | | |
| 10 | W | 7 | | | |
| 11 | Th | 8 | | | |
| 12 | F | 9 | | | |
| 13 | S | 10 | מצרע, שבת הגדול | Lev. 14: 1-15: 33 | Mal. 3: 4-24 or<br>II Kings 7: 3-20<br>Seph. Mal. 3: 4-24 |
| 14 | S | 11 | | | |
| 15 | M | 12 | | | |
| 16 | T | 13 | | | |
| 17 | W | 14 | Fast of the First-Born<br>תענית בכורים | | |
| 18 | Th | 15 | Passover א' דפסח | Ex. 12: 21-51<br>Num. 28: 16-25 | Josh. 3: 5-7; 5: 2-6: 1, 27<br>Seph. 5: 2-6: 1, 27 |
| 19 | F | 16 | Passover ב' דפסח | Lev 22: 26-23: 44<br>Num. 28: 16-25 | II Kings 23: 1 (or 4)-9; 21-25 |
| 20 | S | 17 | * | Ex. 33: 12-34: 26<br>Num. 28: 19-25 | Ezek. 36: 37-37: 14<br>Seph. 37: 1-14 |
| 21 | S | 18 | | Ex. 13: 1-16<br>Num. 28: 19-25 | |
| 22 | M | 19 | חול המועד | Ex. 22: 24-23: 19<br>Num. 28: 19-25 | |
| 23 | T | 20 | | Num. 9: 1-14<br>Num. 28: 19-25 | |
| 24 | W | 21 | Passover ז' דפסח | Ex. 13: 17-15: 26<br>Num. 28: 19-25 | II Sam. 22 |
| 25 | Th | 22 | Passover ח' דפסח | Deut. 14: 22-16:17<br>Num. 28: 19-25 | Is. 10: 32-12: 6 |
| 26 | F | 23 | אסרו חג | | |
| 27 | S | 24 | אחרי מות, (מב' הח') | Lev. 16: 1-18: 30 | Ezek. 22: 1-19 (or-16)<br>or<br>Amos 9: 7-15 |
| 28 | S | 25 | | | |
| 29 | M | 26 | | | |
| 30 | T | 27 | | | |
| May 1 | W | 28 | | | |
| 2 | Th | 29 | | | |
| 3 | F | 30 | New Moon א' דר' חדש | Num. 28: 1-15 | |

**1935, May 4—June 1]  IYAR 29 DAYS  אייר 5695**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| May 4 | S | Iyar 1 | ב' דר' חדש קדשים<br>New Moon | Lev. 19: 1-20: 27<br>Num. 28: 9-15 | Is. 66 |
| 5 | S | 2 | | | |
| 6 | M | 3 | | | |
| 7 | T | 4 | | | |
| 8 | W | 5 | | | |
| 9 | Th | 6 | | | |
| 10 | F | 7 | | | |
| 11 | S | 8 | אמר | Lev. 21: 1-24: 23 | Ezek. 44: 15-31 |
| 12 | S | 9 | | | |
| 13 | M | 10 | | | |
| 14 | T | 11 | | | |
| 15 | W | 12 | | | |
| 16 | Th | 13 | | | |
| 17 | F | 14 | | | |
| 18 | S | 15 | בהר | Lev. 25: 1-26: 2 | Jer. 32: 6-27 |
| 19 | S | 16 | | | |
| 20 | M | 17 | | | |
| 21 | T | 18 | 33d Day of Omer ל"ג בעמר | | |
| 22 | W | 19 | | | |
| 23 | Th | 20 | | | |
| 24 | F | 21 | | | |
| 25 | S | 22 | בחקתי | Lev. 26: 3-27: 34 | Jer. 16: 19-17: 14 |
| 26 | S | 23 | | | |
| 27 | M | 24 | | | |
| 28 | T | 25 | | | |
| 29 | W | 26 | | | |
| 30 | Th | 27 | יום כפור קטן (מוקדם) | | |
| 31 | F | 28 | | | |
| June 1 | S | 29 | במדבר, (מב' הח') | Num. 1: 1-4: 20 | I Sam. 20· 18-42 |

**1935, June 2—July 1]  SIVAN 30 DAYS  סיון 5695**

| Civil Month | Day of the Week | Jewish Month | SABBATHS, FESTIVALS, FASTS | PENTATEUCHAL PORTIONS פרשיות | PROPHETICAL PORTIONS הפטרות |
|---|---|---|---|---|---|
| June 2 | S | Sivan 1 | New Moon ראש חדש | Num. 28: 1-15 | |
| 3 | M | 2 | | | |
| 4 | T | 3 | | | |
| 5 | W | 4 | | | |
| 6 | Th | 5 | | | |
| 7 | F | 6 | א' דשבועות<br>Feast of Weeks | Ex. 19: 1-20: 26<br>Num. 28: 26-31 | Ezek. 1: 1-28; 3: 12 |
| 8 | S | 7 | ב' דשבועות<br>Feast of Weeks* | Deut. 15: 19-16:17<br>Num. 28: 26-31 | Hab. 3: 1-19<br>Seph. 2: 20-3: 19 |
| 9 | S | 8 | אסרו חג | | |
| 10 | M | 9 | | | |
| 11 | T | 10 | | | |
| 12 | W | 11 | | | |
| 13 | Th | 12 | | | |
| 14 | F | 13 | | | |
| 15 | S | 14 | נשא | Num. 4. 21-7. 89 | Judges 13: 2-25 |
| 16 | S | 15 | | | |
| 17 | M | 16 | | | |
| 18 | T | 17 | | | |
| 19 | W | 18 | | | |
| 20 | Th | 19 | | | |
| 21 | F | 20 | | | |
| 22 | S | 21 | בהעלתך | Num. 8: 1-12: 16 | Zech. 2: 14-4: 7 |
| 23 | S | 22 | | | |
| 24 | M | 23 | | | |
| 25 | T | 24 | | | |
| 26 | W | 25 | | | |
| 27 | Th | 26 | | | |
| 28 | F | 27 | | | |
| 29 | S | 28 | שלח לך, (מב' הח') | Num. 13: 1-15: 41 | Josh. 2 |
| 30 | S | 29 | יום כפור קטן | | |
| July 1 | M | 30 | א' דראש חדש<br>New Moon | Num. 28: 1-15 | |

# אינהאַלט


זייט

אַנשטאָט א הקדמה — ב. װאָלאַדעק ..... 9

דער אידישער לוח און דער אַלגעמיינער קאַלענדאַר ..... 11

דער אַלגעמיינער קאַלענדאַר — לבנה יאָהרען און זון יאָהרען — דער קאַלענדאַר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — דער אידישער לוח — סוד העיבור — די כּללים פון אידישען לוח — אַסטראָלאָגיע.

אַלגעמיינע און אידישע כראָנאָלאָגיע ..... 35

די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע ..... 55

פּאַסירונגען, וויכטיגע היסטאָרישע פאַקטען און ערפינדונגען
פון אַלגעמיינעם אינטערעס ..... 59

אַמעריקאַ ..... 73

די ענטדעקונג — דער נאָמען — נאָרד און זיד אַמעריקע — די פאַראייניגטע שטאַאַטען — שטח — אָרומיגע וואַסערען — בערג — טאָלען — טייכען — קלימאַט וועלדער — חיות — תבואות און מינעראַלען.

די רעגירונגען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען ..... 76

די קאָנסטיטוציע — דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס — דער פּרעזידענט — די פעדע-ראַלע קאָורטס — די יעצטיגע אַדמיניסטראַציע — דער קאַבינעט — די אַמענד-מענטס.

די פאַראייניגטע שטאַאַטען ..... 79

שטח — באַפעלקערונג — עקאָנאָמישע רעסאָרסען — אָפּהענגיגע לענדער — באַשרייבונג פון יעדען שטאַאַט — באַשרייבונג פון די אָפּהענגיגע טעריטאָריעס.

דער 73טער קאָנגרעס ..... 120

די „ניראַ" ..... 128

די רעגירונג פון ניו-יאָרק סטייט ..... 133

די סטייט רעגירונג — די גרעיטער-ניו-יאָרקער — די רעגירונג פון דער שטאָט ניו-יאָרק — וואָרקמענס קאָמפּענסיישאָן — סטייט אינשורענס פאָנד — רעגולירונג פון שטונדען פאַר פרויען ארבעטער — פּענסיעס פאַר אַלטע לייט.

אַמעריקאַנער בירגערשאַפט ..... 137

ווי קען מען ווערען א בירגער — פּאַספּאָרט רעגעלען.

אימיגרעישאָן געזעצען ..... 142

געזעצליכע יום טובים אין אַמעריקע ..... 145

די באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען ..... 146

די אַמעריקאַנער פּרעזידענטען ..... 150

דער צוזאַמענשטעל פון נייעם סענאַט ..... 154

אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע לאַגע אין יאָהר 1934 אין ציפערען ..... 157

אידישע וועלט אָרגאַניזאַציעס ..... 173

„איקאָ" — אַליאַנס איזראַעליט — אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיאיישאָן — באָארד אָוו דעפּיוטיס — דזשוינט פאַריין קאָמיטע — דער „אָרט" — „האיאַס" — דער „בונד" אין פּוילען — די הסתדרות — די ציוניסטישע וועלט-אָרגאַניזאַציע — דער אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט — דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים — צי"שאָ — דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט — דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אַמעריקע.

אידישע סטאַטיסטיק ..... 215

צאָהל אידען אין די פינף וועלט טהיילען — אויף וועלכע שפּראַכען ריידען אידען — אידען אין אַמעריקע — אידישע באַפעלקערונג לויט פאַרשידענע לענדער — צאָהל פון אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקע פון 1900 ביז 1930 — די אידישע באַפעל-קערונג אין וויכטיגע שטעדט פון דער וועלט.

זייט

סטאַטיסטיק פון אידען אין אמעריקע ........ 229

צאָהל אידען אין יעדען שטאַאט — שטעדט אין די פאראייניגטע שטאַאטען מיט א אידישער באַפעלקערונג פון טויזענט און מעהר — אידען אין הויכע עמטער אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

אידען אין ארץ ישראל ........ 237

אלגעמיינע היסטאָרישע און געאָגראפישע ידיעות וועגען לאַנד — עטנאָגראפיע — באַפעלקערונג — דער קלימאַט — פלאָראַ און פאונא — אנטוויקלונג פון אידישער קאָלאָניזאציע — די ביז איצטיגע רעזולטאַטען פון פאלעסטינער קאָלאָניזאציע — צאָהל אידען אין פאלעסטינע.

בירא־בידזשאַן ........ 258

בירא־בידזשאן אלס אויטאָנאָמע אידישע געגענד — קאלינין וועגען די גרויסע וויכטיגע ערווארטונגען פון בירא־בידזשאן.

אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאציעס אין אמעריקע ........ 262

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער סעקרעטאַריאַטען און די אינטערנאַציאָנאַלע פעדעראַציע פון טרייד יוניאָנס ........ 282

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל ........ 286

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל ........ 293

פאַקטען און ציפערען פון דער אמעריקאנער ארבייטער באַוועגונג ........ 297

די נעשאָנאַל לעיבאָר יוניאן — די נייטס אָוו לעיבאָר — די אמעריקאן פעדערייי־שאָן אָוו לעיבאָר.

די קאָאָפעראַטיווע באַוועגונג ........ 310

די געשיכטע פון „פאָרווערטס" ........ 313

„די צוקונפט" ........ 321

דער ארבייטער רינג ........ 323

די ארבייטער רינג שולען ........ 328

דער אידישער סאָציאליסטישער פארבאנד אין 1933-1934 ........ 330

פרינציפען ערקלערונג פון דער סאָציאליסטישער פארטיי ........ 333

דער אידישער ארבייטער קאָמיטעט ........ 335

די פאָראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ........ 340

דירעקטאָרי פון די יוניאָנס פאַרבונדען מיט די אידישע געווערקשאַפטען ........ 341

די אידישע נאָדעל יוניאָנס ........ 346

די אמאַלגאמייטעד — די אינטערנעשאנאל — קאפען מאכער יוניאן — די פאָריערס אינטערנעשאנאל.

די לענדער פון דער וועלט ........ 355

סאָוועט־רוסלאַנד ........ 375

פאַשיזם ........ 381

די געווינער פון נאָבעל פרייזען ........ 385

וויכטיגער דאָקומענט פון דער צייט פון דער מלחמה ........ 392

כראָנאָלאָגיע ........ 393

אידישע ביכער ערשינען אין אמעריקע אין 1933-1934 ........ 401

יזכור ........ 409

# אנשטאט א הקדמה

עס איז שוין געמאכט געוואָרען עטליכע פאַרזוכען ארויסצוגעבען א אידישען אַלמאנאך וואָס זאָל זיין אזוי נוצליך און צייטמעסיג ווי די אַלמאנאַכען וואָס ווערען ארויסגעגעבען אויף אנדערע שפּראַכען. צום באדויערן האָט זיך קיין איינער פון אָט די פאַרזוכען ניט איינגעגעבען און אויב מיר פּרובירען עס ווידער איז עס נאָר דערפאר, ווייל מיר ווייסען ווי נויטיג עס איז אזא סאָרט אויסגאבע פאר די אידישע לעזער און ווי וויכטיג עס איז איינצופונדעווען אן אויסגאבע וואָס זאָל פון יאָהר צו יאָהר אונז האַלטען אינפאָרמירט וועגען אַלע וויכטיגע ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דעם אידישען און אַלגעמיינעם לעבען.

די ארבייט אויף דעם אַלמאנאך האָט לכתחילה אָנגעפאנגען אונזער ליבער פארשטאָרבענער גענאָסע שיפלאקאף. די ערשטע פאָר ארטיקלען האָט ער אנגע־שריבען ליגענדיג אויפ׳ן טויטען בעט. נאָך זיין טויט, איז די ארבייט איבערגע־געבען געוואָרען צו די גענאסען מ. איוועניסקי און עליאס מילער, וועלכע האָבען מיט זעהר ווייניג אויסנאָמען, צוזאמענגעשטעלט דעם גאַנצען מאַטעריאַל. מיין ווייניגקייט האָט זיך נאָר באנוגענט מיט עטוואָס עדיטאָריעלע ארבייט און עצות.

אויב דער אַלמאנאך וועט זיין אן ערפאָלג, וועט ער ארויסגעגעבען ווערען יעדען יאָהר, ווי אן אַלמאנאך דארף זיין. און מיט אן ערפאָלג מיינען מיר ניט א פינאנציעלען ערפאָלג.

ב. וולאַדעק

# דער אידישער לוח און דער אלגעמיינער קאלענדאר

**א פאפולערע ערקלערונג וועגען אידישע און אלגעמיינע צייטרעכענונגען**

פאר אמאליגע היימישע ישובניקעס און גלאט אזוי פרומע פראסטע אידען, איז דער לוח געווען פארהייליגט. זיי פלעגען דעם לוח רופען: „דער לוח הקודש״, דער הייליגער לוח. דער לוח איז פאר מאנכע פון זיי געווען נאך הייליגער ווי די תורה.

אט די עהרליכע און פראסטע מענשען זיינען מסתמא געווען אונטער דעם איינדרוק, אז דער לוח איז דאס געווען פון יענע לוחות, וואס משה רבנו האט גע־קראגען אויפ'ן בארג סיני, וואו ער האט פארבראכט שעהנע עטליכע טעג, און ניט קענענדיג זיך דערווארטען אויף די לוחות האבען דערווייליע אידען געמאכט א קאלב פאר א גאט. אט וואס עס קען פאסירען ווען קיין לוח איז ניטא און מען ווייס ניט אויף וועלכער וועלט מען איז.

עס האט געקאסט צייט ביז לוחות זיינען ארויסגעקריגען געווארען. איז אבער אלץ געווען כדאי. עפעס א קלייניגקייט „לוחות״. אויף די לוחות האבען טאקע געקענט זיין די עשרת הדברות. אבער דער עיקר פון אלע לוחות איז דער „לוח הקדוש״. ער עפענט פשוט די אויגען. פון לוח דערוויסט מען זיך פילע וויכטיגע זאכען, וואס אהן זיי איז גאר שווער אבצוהיטען אידישקייט.

דער לוח איז א יודע הכל. ער ווייס פון אלצדינג. דער לוח ווייס ווען עס איז ראש חודש, ווען עס איז דער מולד, ווען מען דארף בענטשען ליכט, וואס פאר א סדרה מען דארף לייענען שבת, און וואס פאר א פרק מען דארף זאגען. דער לוח זאגט ווען עס איז פסח, ווען עס איז שבועות, ווען עס איז ראש השנה, ווען עס איז יום כפור, ווען עס איז סוכות, הושענה רבה און שמיני עצרת. ניט אבער נאר אין אידישע זאכען אליין איז דער לוח באהאוונט. ער איז אויך באהאוונט אין גוי'אי־שע חכמות. ער ווייס פון די גויאישע חדשים און חגאות, אזוי ווי להבדיל א פרו־מער איד אין אשרי. פון א לוח האט מען זיך געקענט אויך אפילו דערוויסען וואו עס איז א יאריד און וואו מען קען פארדינען א פאר קערבלאך. דעם לוח מוזען פאלגען די גרעסטע רבנים, הכלל דער לוח הקדוש קומט פון בארג סיני.

ניט אבער די גוטע עהרליכע פראסטאקעס, נאר אפילו לומדים קענען ווערען ענטוישט, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, אז דער אידישער לוח איז צוזאמענגע־שטעלט אויף די אויסרעכענונגען וואס איינער א גריך מיט'ן נאמען מעטאן האט געמאכט. מעטאן האט געלעבט מיט אן ערך 432 יאהר איידער קריסטוס האט גע־לעבט. די רעכענונגען האבען אפשר אידען אויסגעבעסערט און האבען צוגעגעבען פילע זאכען. די וועלכע עס האבען צוזאמענגעשטעלט דעם אידישען לוח האבען זיך גערעכענט מיט אידישע דינים, מנהגים און דער עיקר אידישע ימים טובים. דער לוח איז אבער באגרינדעט אויף אריפמעטישע אויסרעכענונגען. די אויסרעכענונגען זיי־נען באזירט אויף די רעכענונגען פון דעם גריך מעטאן.

ווייס מען די אויסרעכענונגען קען מען מאכען אליין א לוח. עס איז אפילו ניט שווער צוזאמענצושטעלען א לוח אויף טויזענט יאהר און זאגאר אן אייביגען לוח.

דער באוואוסטער אידישער פילאזאף, רבנו משה בן מימון, דער רמב״ם זאגט אפילו אין זיין „יד החזקה״ — משנה תורה, אז די אויסרעכענונגען ווי צוזאמען

צושטעלען א לוח, זיינען אזוי לייכט, אז אפילו א קינד קען זיי מאכען און אויסלערנען די כללים אין דריי אדער פיר טעג. „אבל זה החשבון... שאנו מחשבים בו היום, אפילו תינוקות של בית רבן מגיעין עד סופו בשלשה וארבעה ימים" (הלכות קידוש החדש, פרק י"א).

עס פארשטעהט זיך, אז נאָר פאר אזא גאון, ווי דער רמב"ם איז געווען, זיינען די אויסרעכענונגען געווען א קינדער־שפיל. פאר געוועהנליכע מענשען זיינען אפשר די אויסרעכענונגען ניט אזוי קינדיש איינפאך. פונדעסטוועגען איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקען פאר די אויסרעכענונגען אויף וועלכע דער אידישער לוח איז באגרינדעט. דער וואָס איז נאָר באהאוונט אין אריפמעטיק און האָט א ידיעה אין חשבונות (ברוכצאָהלען, פרעקשאָנס) קען לייכט פארשטעהן די כללים פון אן אייביגען לוח. ער דארף בלויז האָבען געדולד און זיך ניט פוילען צוזאמענצושטעלען טאבעלען מיט פיעלע ציפערען.

דער אידישער לוח וואָס איז באגרינדעט אויף דעם „סוד העיבור", דער סעקרעט פון מאכען א עיבור יאָהר, איז זעהר א וויכטיגער קאפיטעל אין דער אידישער קולטור־געשיכטע. אום אבער צו האָבען א באגריף וועגען די פראגען מיט וועלכע דער לוח איז פארבונדען, מוזען מיר זיך צוערשט באקענען מיט די אלגעמיינע צייטרעכענונגען. מיר דארפען זיך באקענען מיט דעם „קאלענדאר", ווי ער איז אָנגענומען געווארען ביי די מייסטע ציוויליזירטע פעלקער פון אייראָפּע און אמעריקע.

## דער אלגעמיינער קאלענדאר

דאָס וואָרט קאלענדאר קומט פון דעם לאטיינישען וואָרט „קאלאנדעיא". קאלענדס זיינען געווען די ערשטע טעג פון רוימישע חדשים, דער רוימישער ראש חודש. דאָס וואָרט נעמט זיך פון דעם שורש קאלא — רופען — ווען די עלטערע פלעגען צוזאמענרופען די פאָלקס־מאסען. א געוועהנליכער באגריף, ווי ביי די אלטע העברייער „קרוא מקרא", אדער „מקרא קודש".

אין זייערע חדשים האָבען די אלטע רוימער געהאט „קאלענדס", „נאנעס" און „אידעס". די קאלענדס זיינען אויסגעפאלען אלע מאָל דעם ערשטען טאָג פון חודש. די נאָנעס זיינען אויסגעפאלען אין פיר חדשים (מארטש, מאי, דזשוליי און אָקטאָבער) דעם 7טען טאָג און אין די איבעריגע מאָנאטען דעם 5טען טאָג פון חודש. 8 טעג נאָך די „נאָנעס" פלעגען אויספאלען „אידעס". די קאלענדס זיינען געווען דאָס וואָס מען רופט ביי אידען „ראשי־חדשים".

דער פארצייטיגער רוימישער קאלענדאר האָט געהאט ניט 12 מאָנאטען, נאָר צעהן. סעפּטעמבער מיינט טאקע דער 7טער, אָקטאָבער, דעם אכטער חודש, נאָוועמבער דער ניינטער חודש, און דעצעמבער דער 10טער חודש. די אלטע העברייער פלעגען רופען די מאָנאטען מייסטענס לויט נאטור ענדערונגען. עס זיינען געבליבען בלויז פיר נעמען: „אביב", „זיו", „אותנים", „בול". לויט זייער מיינונג איז „ירח האביב" דער פריהלינגס מאָנאט (ניסן—אפּריל); „ירח זיו" דער שעהנער לויטערער מאָנאט (אייר—מאי) ירח בול דער מאָנאט פון תבואה (אָקטאָבער—חשון) וועגען ירח אותנים (תשרי) זיינען פאראן פארשיידענע מיינונגען. דער טייטש פון אותנים מיינט שטארקע. צו דער נאָמען האָט צו טאָן מיט פארצייטיגע גלויבענס אָדער ווי די גמרא זאָגט, אז דער מאָנאט הייסט אותנים, צוליב די פילע ימים טובים (ראש השנה, יום כפור, סוכות און שמיני עצרת), קען מען ניט וויסען.

אויך די אלטע דייטשען (טיוטאָנער) האָבען געהאט די נעמען פון די מאָנאטען לויט נאטור ענדערונגען. ביי די אלטע דייטשען האָט דער פריהלינג מאָנאט געהייי־

סען דער לענין: דער קאַלטער מאָנאַט יאַנואַר האָט געהייסען דער אייז־מאָנאַט: אָקטאָבער — ווייַן מאָנאַט און אַזוי ווייטער. ווי באַוואוסט וויל היטלער איינ־פיהרען די נעמען פון אַלטע מאָנאַטען און פאַרוואַרפען די נעמען וואָס זיינען אנגע־נומען געוואָרען פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער.

די נעמען פון די היינטיגע קאַלענדאַרען ווערען גערופען מיט רוימישע נעמען. די אַמאָליגע רוימער האָבען אָבער גערעכנט א יאָהר, וואָס איז באַשטאַנען פון צעהן מאָנאַטען, און דער גאַנצער יאָהר האָט געהאַט 304 טעג. די נעמען פון די ערשטע מאָנאַטען האָבען די רוימער גערופען לויט נאַטור־ערשיינונגען אדער געטער. די איבעריגע מאָנאַטען האָבען זיך גערופען לויט זייער נומער אָרדנונג.

דער אַלטער רוימישער קאַלענדאַר האָט געהאַט פאָלגענדע צעהן מאָנאַטען:

| | צאָהל פון טעג אין מאָנאַט | פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען | נאָמען פון מאָנאַט |
|---|---|---|---|
| מאַרטיאוס | 31 | פון קריגס גאָט מאַרס | Martius |
| אַפּרילים | 30 | פון עפענען (בלומען) | Aprilis |
| מאַיאוס | 31 | פון געטין פון וואוקס | Maius |
| יוניאוס | 30 | פון די ווייב פון יופּיטער קעניגין פון הימעל | Junius |
| קווינטילים | 31 | דער 5טער (מאָנאַט) | Quintilis |
| סעקסטילים | 30 | דער 6טער (מאָנאַט) | Sextilis |
| סעפּטעמבער | 30 | דער 7טער (מאָנאַט) | September |
| אָקטאָבער | 31 | דער 8טער (מאָנאַט) | October |
| נאָוועמבער | 30 | דער 9טער (מאָנאַט) | November |
| דעצעמבער | 30 | דער 10טער (מאָנאַט) | December |
| | 304 | | |

מען זעהט אַז אין דעם מאָנאַטליכען קאַלענדאַר פון די רוימער, האָבען איינ־גאַנצען געפעהלט די מאָנאַטען יאַנואַר און פעברואַר. די נעמען פון מאָנאַטען יוני און יולי זיינען אויך געווען גאַנץ אנדערע. די טעג פון יאָהר זיינען געווען ווייניגער ווי א נאָרמאַלער יאָהר מיט 61 טעג.

די געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון רוימישען קאַלענדאַר איז זייער וויכטיג צו וויסען אום צו פאַרשטעהן ווי דער קאַלענדאַר פון היינטיגע ציוויליזירטע פעל־קער איז צוזאַמענגעשטעלט. מיר וועלען פון דער געשיכטע אויך בעסער קענען פאַרשטעהן ווי אַזוי עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט דער איצטיגער אידישער קאַלענ־דאַר.

אין תלמוד ווערט פיל דערמאָנט, אַז אידען צעהלען זייערע יאָהרען לויט די טעג פון דער לבנה „ימות הלבנה" און אנדערע פעלקער ציילען די יאָהרען לויט די טעג פון דער זון „ימות החמה", אין דער אמת'ן זיינען נאָך דאָ איצט פעלקער, ווי כינע און די מאַכמעדאַנישע פעלקער, וואָס צעהלען די יאָהרען לויט די לבנה טעג. אין די אַמאָליגע פאַרצייטיגע יאָהרען האָבען פילע פעלקער געצעהלט די טעג לויט דער לבנה „ימות הלבנה", גריכען און רוימער האָבען אָנגעהויבען צו צעהלען לויט דער לבנה. לויט די זון האָבען אָנגעהויבען צו צעהלען די עגיפּטער.

## לבנה יאָהרען „ימות הלבנה" און זון יאָהרען „ימות החמה"

די צייט פון א טאָג איז לייכט צו באַשטימען. דער אסטראָנאָמישער טאָג איז די צייט, וואָס די ערד דרעהט זיך ארום און ארום, ווי זי וואָלט זיך געדרעהט אויף איהר אייגענעם אַקס. די צייט פון דרעהען זיך ארום דעם אַקס איז 24 שטונדען. אָבער עס איז גאָר ניט געווען נויטיג פאר פרימיטיווע פעלקער צו קלעהרען אפילו וועגען אזא זאך, ווי אסטראָנאָמיע צו באַשטימען, וואָס א טאָג איז.

דער חומש דערצעהלט אונז, אז גאָט האָט א נאָמען געגעבען די ליכטיגקייט „טאָג" און די פינסטערניש „נאכט". אזוי האָבען פארשטאַנען אלע פארצייטיגע פעלקער דעם טאָג. א גאַנצער טאָג האָט אבער געהאט אי טאָג אי נאַכט.

ווען די פארצייטיגע פעלקער האָבען אָנגעפאַנגען צו ווערען ציוויליזירט האָבען זיי איינגעטיילט דעם טאָג אין 24 שטונדען. א גאנצער טאָג איז דעריבער פארע־כענט א „מעת־לעת" פון 24 שטונדען. פון וואנען צו רעכענען דעם אָנפאַנג פון טאָג זיינען דאָ פארשידענע מנהגים. עס זיינען געווען פעלקער, וואָס האָבען גערע־כענט דעם אָנפאַנג פון טאָג פון זונען אויפגאנג. אמאָליגע אידען פלעגען רעכענען דעם טאָג פון זעקס אזייגער פריה. איצט רעכענען אידען א טאָג „מערב ועד ערב" פון איין אָווענט ביז'ן צווייטען. שבת הויבט זיך אָן פרייטאג צו נאכט און ענדיגט זיך שבת צונאכט. אזוי רעכענט מען ימים טובים, יאָהרצייטען און אנדערע דאַ־טומס. אייראָפּייאישע פעלקער רעכענען דעם טאָג פון צוועלף אזייגער אין מיטן נאכט.

זיבען טעג שטעלען צוזאמען א וואָך „שבוע". ביי די אלטע עגיפּטער איז שבת געווען דער ערשטער טאָג. ביי אידען איז שבת דער זיבעטער טאָג. דאָס איז דער טאָג פון רוה. ביי קריסטען איז זונטאג דער טאָג פון רוה און ביי מאכמעדאנער — פרייטאג.

ביי די מייסטע פעלקער האָבען די טעג פון וואָך נעמען לויט די נעמען פון נעטער אדער פּלאַנעטען. ווי מען האָט אמאָל גערעכענט „שבעה כוכבי לכת" זיבען פּלאַנעטען. זיבען טעג פון וואָך, זיבען איז געווען א מיסטישע צאָל. אז מיר רופען דעם פינפטען טאָג אין אידיש דאָנערשטאג, האָט דאס צו טאָן מיט דעם גלויבען פון אלטע דייטשען אין דונערגאָט „טאָרס" אדער „טוירס־דעי". פרייטאג האָט צו טאָן מיט א אלטען גאָט „פריג" און מאָנטאג מיט דער לבנה. אין העברעאיש רופט מען די טעג פון וואָך לויט זייער סדר: יום הראשון, יום השני — דער ערשטער טאָג, דער צווייטער טאָג א. א. וו. בלויז דער זיבעטער טאָג האָט א נאָמען: שבת. אין סלאַווישע שפּראַכען זיינען די מייסטע נעמען פון וואָך לויט זייער סדר. די וואָך האָט זיך ביי אלטע סלאַווען אָנגעפאנגען מאָנטאג „פּאָנידעלניק", „וטאָרניק", דער צווייטער, „טשעטווערג", דער פערטער און „פּיטניצא" דער פינפטער טאָג.

די צייט וואָס די ערד באַוועגט זיך ארום דער זון; דער „ארביט", דער וועג פון דער ערד ארום דער זון געדויערט 365 טעג און אומגעפעהר א פערטעל שטונדע. אָט די צייט רופט מען זון־יאָהר.

די עגיפּטער (מצריים) האָבען די ערשטע פעסטגעשטעלט די רעכענונג פון זון־יאָהר הויפּטזעכליך צוליב די פּעריאָדישע אויסגוסען פון טייך ניל אויף וועלכע די זון האָט א גרויסע ווירקונג. פון איין אויסגוס ביז'ן צווייטען פארגעהן 365 טעג און עטליכע שטונדען. די עגיפּטער האָבען געהאט א יאָהר פון 12 מאָנאַטען צו 30 טעג, וואָס מאכען אויס 360 טעג. די איבעריגע 5 טעג זיינען ביי זיי געווען ימים טובים. אין 1460 יאָהרען האָט זיך ביי די עגיפּטער אָנגעקליבען א גאנצער חודש פון די איבעריגע שטונדען. עס איז געווען אן עיבור יאָהר אין 1460 יאָהר.

די רעכענונגען פון חדשים זיינען אבער ניט לויט דער זון, נאָר לויט דער לבנה. מען פלעגט מעסטען די צייט לויט דער לבנה. פילאָלאָגען ווייזען אָן, אז דער סאנקריטישער וואָרט „מא" (מעסטען) קומט פון „מאָס" — לבנה און „מאסא"— מאָנאט. די ווערטער „מאָנאַט" און „מאנד", אין דייטש; „מאָנטה", אין „מאון", אין ענגליש; „ירח" (יאָרייאַך) לבנה און „ירח" (יעראך) חודש, אין העברעאיש; „מעסיאַץ" אי פאר א חודש אי פאר א לבנה אין רוסיש, ציינגען וואָס פאר א נאָהענטע שייכות עס האָט די פעריאָדע פון א חודש מיט דער לבנה.

אונזער ערד האָט א לעבענס־באַגלייטערין, וואָס געהט מיט איהר אויף איהרע שטענדיגע נסיעות, און בלייבט איהר אימער טריי, דאָס איז די לבנה. די לבנה דרעהט זיך ארום דער ערד אין 27 טעג 7 שטונדען 43 מינוט און 11.5 סעקונדען, ווי מען רופט דאָס איבערען „עליפס"; די לבנה דארף אבער אָניאָגען די ערד, און דער גאנצער וועג, וואָס די לבנה מאכט דורך געדויערט 29 טעג 12 שטונדען 44 מינוטען און 2.9 סעקונדען. אָט דעם וועג מאכט די לבנה דורך יעדען חודש.

די לבנה באווייזט זיך אויף דער ערד אין פארשידענע פאָרמען, אין פארשידענע פאַזען. דאָ ווייזט זיך די לבנה אין דער פאָרם פון א דינעם קרומען פאַס, דאָ באַווייזט זיך די לבנה אין דער פאָרמע פון א סערפּ און דאָ שיינט זי ארויס אין איהר פולען גלאַנץ. כאָטש די לבנה האָט ניט קיין אייגענע ליכט און האָט בלויז דעם אָפּשיין פון דער זון, באַצויבערט אבער די לבנה פארליבטע פאָרלאַך, פּאָעטען און גלאַט „לונאַטיקס" (משוגעים).

לויט די פארשידענע פאַזען פון דער לבנה האָט מען געצעהלט די מאָנאַטען. ווען די לבנה האָט זיך באַוויזען בלויז מיט איין דינעם ליכט פּאַס, איז דעמאָלסט געווען דער ווידערגעבורט פון דער לבנה. עס איז געווען דער מולד. פון מולד האָט מען גערעכענט א נייעם חודש (חדש—ניי). ראש חודש איז ענטוועדער אין דעמזעלביגען טאָג פון מולד, אָדער מיט א טאָג שפּעטער.

ווי מיר האָבען געזעהן געדויערט דער וועג פון דער לבנה 29 טעג מיט א האַלבען מיט 44 מינוטען און צוויי סעקונדען. אָט די האַלבע טעג מיט די מינוטען פלעגען פארשאַפען קאָפּדרייענישען די פארצייטיגע פעלקער. ווי לאַנג דארף זיין א חודש? 30 טעג איז צופיל און 29 טעג צו ווייניג. אפילו מען זאָל שוין באַשליסען צו מאַכען איין מאָנאַט 30 טעג און דעם צווייטען 29 טעג, וואָס זאָל מען אָבער טאָן מיט די מינוטען און סעקונדען?

נאָך גרעסערע קאָפּדרייעניש פלעגט מען האָבען אויסצוגלייכען דעם זון־יאָהר מיט'ן לבנה־יאָהר. ניט רעכענענדיג די מינוטען מיט די סעקונדען האָט א לבנה־יאָהר 354 טעג (שנד ימים) א זון־יאָהר האָט אבער 365 טעג מיט אומגעפעהר א פערטעל. דער זון־יאָהר איז א גרעסערער פאר דעם לבנה־יאָהר מיט 11 טעג, און וואָס זאָל מען אויך טאָן מיט די פערטעל טעג פון דער זון, וואָס ווערען אין 4 יאָהר א גאנצען טאָג? ווי קען מען איבערהויפּט אויסגלייכען דעם לבנה־יאָהר מיט'ן זון־יאָהר?

פאר א מאָנאַט צייט קען מען לייכט אויסקומען מיט דער לבנה. פאר א גאַנצען יאָהר איז אָבער די לבנה רעכענונג ניט גענוג. די זון באַשטימט די תקופות פון יאָהר, די סעזאָנען, די צייט פון פרילינג, פון זומער, פון הערבסט (אָסיען) און פון ווינטער. די זון רעכענט זיך ניט מיט די צאָל פון חדשים. צוועלף חדשים זיינען ניט קיין גאנצער יאָהר; צוועלף לבנה חדשים מאכען אויס 354 טעג מיט אומגעפעהר 9 שטונדען און א זונען יאָהר איז מיט אומגעפעהר 11 טעג מעהר. די נאַטור פאָלגט אבער דער זון, ניט דער לבנה.

אום אויסצוגלייכען די לבנה מאָנאַטען מיט דעם זון־יאָהר, זיינען געמאכט

געוואָרען פארשידענע רעכענונגען. וויכטיג זיינען פאר אונזער צוועק צו באקענען זיך מיט די רעכענונגען פון דעם גריך מעטאָן.

מעטאָן א גריך פון אטהענס (אפינען) (אָדער אתונא אין העברעאיש) האָט געלעבט מיט 432 יאָהר איידער קריסטוס איז געבאָרען געוואָרען. ער איז געווען אן אסטראָנאָם, א מענש וואָס באשעפטיגט זיך מיט דעם גאנג פון שטערען אויפ'ן הימעל. ער האָט צוזאמענגעשטעלט א רעכענונג, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

די רעכענונג פון מעטאָן איז באקאנט מיט'ן נאָמען „מעטאניק סייקעל". „סייקיל" איז א „פעריאָדע" וואָס קערט זיך צוריק. מיר רופען אזא פעריאָדע „מחזור" אין העברעאיש. עס איז ניט א מחזור צום דאַוונען ימים טובים, נאָר א פעריאָדע פון יאָהרען.

ווענען דעם „מעטאנישען מחזור" אדער „מעטאניק סייקעל" וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדען, ווען מיר וועלען קומען צו דעם אידישען לוח, דערווייל וועלען מיר זיך בלויז באקענען מיט אלגעמיינע שטריכען ווענען דעם.

מעטאָן האָט אויסגערעכענט, אז אין דער פעריאָדע, „ציקל" (סייקעל אָדער מחזור) פון 19 זונען יאָהרען, וואָס מאכען אוים 6940 טעג פאלען אוים 235 לבנה מאָנאטען. אם ענדע פון דער פעריאָדע פאלט אוים דער מולד פון דער לבנה אין דעמזעלבען טאָג, ווען די פעריאָדע „מחזור" האָט זיך אנגעפאנגען.

אין גאנצען ריכטיג איז אָבער ניט מייטאָנס רעכענונג. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז אין דעם זון־יאָהר, ווי עס איז אויסגעארבייט געוואָרען פון אסטראָנאָמען איז אן אונטערשיד פון צוויי שטונדען. די 19 זון־יאָהרען לויט אָט דעם רעכענונג זיינען ניט קיין גאנצע 6940 טעג, נאָר 6939 טעג 16 שטונדען און א האלבע; אין דער צייט, וואָס די 235 לבנה מאָנאטען האָבען בלויז 6939 טעג 14 שטונדען און א האלבע, א אונטערשיד אין צוויי שטונדען. ווי געזאָגט, וועלען מיר די מעטאָנישע רעכענונג באטראכטען ווען מיר וועלען רעדען ווענען אידישען לוח. עס איז אָבער זייער וויכטיג צו פארשטעהן דעם פארזוך אויסצוגלייכען דעם זונען יאָהר מיט לבנה יאָהרען. דערווייל לאָמיר זיך צוריק אומקערען צום רוימישען קאלענדאר, צום רוימישען לוח.

ווי מיר ווייסען שוין האָט דער פארצייטיגער רוימישער קאלענדאר געהאט בלויז 10 מאָנאטען. ווי עס ווערט באהויפטעט, זיינען די רוימער ניט געווען אריגינעל אין זייער גייסטיגען לעבען. זיי זיינען גוטע סאָלדאטען, אָבער זייערע געדאנקען און אידעעס האָבען זיי איבערגענומען פון אנדערע. עס איז מעהר ניט, זיי זיינען געווען גוטע תלמידים. דעם פארצייטיגען 10 מאָנאטיגען לוח האָבען זיי אויך גע־ירשענט פון די אמאָליגע איינוואוינער פון איטאליע, פון די עטרוסקען. דער 10 מאָנאטיגער יאָהר איז אבער רעפאָרמירט געוואָרען אויף א לבנה יאָהר פון 354 טעג.

דער 10 מאָנאטליכער קאלענדאר איז געווען א אומגעלומפערטער קאלענדאר. מען זאָגט, אז דער לעגענדארער צווייטער קעניג פון רוים, נומא פאמפילי (572 יאָהר פאר קריסטוס) האָט שוין צוגעגעבען צוויי מאָנאטען. די דעצעמווירען, (א קאָמיטע פון 10 וואָס זיינען באשטימט געוואָרען פון רוים צו פאָהרען נאָך גריכענלאנד לערנען חכמה) (452-455 פאר קריסטוס) האָבען געמאכט א שטיקעל טאָלק אויך אין רוימישען קאלענדאר. עס זיינען צוגעגעבען געוואָרען צוויי מאָנאטען יאנואר און פעברואר. יאנואר איז נאָך דעם נאָמען פון א רוימישען גאָט מיט צוויי פנימער. אין פעברואר נאָך דעם וואָרט רייניגען, תשובה טאָן, אדער צו די עהרע פון א גאָט פון תשובה. דער קאלענדאר איז געווען לויט לבנה מאָנאטען מיט א איבעריגען חודש פון 22 טעג יעדען צווייטען יאָהר.

קיין ריכטיגער טאָלק איז אבער ניט געמאכט געווארען אין רוימישען קאלענ־דאר, ביז יוליוס צעזאר (קיסר), וואָס האָט געלעבט אין די יאָהרען פון 102 ביז 44 פאר קריסט. ער האָט איינגעשטעלט א קאלענדאר באזירט אויף דעם זון־יאָהר.

יוליוס צעזאר, א באריהמטער קריגס־פיהרער, רעדנער און שרייבער און דער־נאָך דיקטאַטאָר (ערמאָרדעט געוואָרען פון רעפובליקאנער אין דעם מאָנאט מערץ), האָט אין צייט פון זיין גלאָרי, אין דעם יאָהר 46 פאר קריסט, איינגעלאדען פון אלעקסאנדריען (מצרים) דעם אסטראָנאָם סעסאגין און האָט צוזאמענגעשטעלט א קאלענדאר לויט דעם זון־יאָהר. דער לוח איז באקאנט אלס דער יוליאנער קאלענ־דאר. דער קאלענדאר איז געווען גילטיג פאר די מייסטע אייראָפּייער פעלקער ביז דעם יאָהר 1582, ווען דער פּאַפּסט גריגאָרי דער דרייצעהנטער, האָט דעם לוח געענ־דערט אויף צעהן טעג. אין רוסלאנד איז דער יוליאנער לוח געווען גילטיג ביז דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָהר 1917. דער לוח איז געווען לויט'ן „אלטען סטיל". די צייט־רעכענונג פון גריגאָרי רופט מען דער „נייער סטיל".

לכבוד יוליאוס צעזאר האָט מען א נאָמען געגעבען דעם 7טען מאָנאט, דעם אמאָליגען פינפטען, מיט'ן נאָמען פון צעזאר „יולי" און דעם 8טען מאָנאט, אמאָ־ליגען 6טען, האָט פאר זיך גענומען דער אדאָפּטירטער זוהן פון יוליאוס צעזאר אקטאוו און דער ערשטער רוימישער אימפּעראטאר (פון 63 ביז 14 פאר קריסטוס) דער אימפּעראטאר האָט זיך א נאָמען געגעבען אווגוסט, וואָס עס מיינט דער גלאָ־רייכער, דער ערהאבענער. מיט'ן נאָמען אווגוסט רופט זיך דער איצטיגער אכטער מאָנאט. מיט איבעריגע פארצייטיגע נעמען, וואָס האָבען פארלאָרען יעדען זין, האָט מען זיך ניט געבאַדערט.

דער רעכענונג פון יוליאנער קאלענדאר איז א גאַנץ איינפאכער. עס איז אנגענו־מען געוואָרען, אז דער זונען־יאָהר האָט 365 טעג און א פערטעל. און לויט דעם חשבון איז באשטימט געוואָרען, אז אן איינפאכער יאָהר זאָל האָבען 355 טעג — 7 מאָנאטען צו 31 טעג, 4 מאָנאַטען צו 30 טעג און איין מאָנאט 28 טעג. צוזאמען 365 — אזוי, ווי אין פיר יאָהר קלייבען זיך צוזאמען פון פיר פערטעל טאָג איין גאנצער טאָג, האָט מען געמאכט יעדען 4טען יאָהר א עיבור־יאָהר אויף איין טאָג. א זון־יאָהר (עיבור יאָהר) האָט דעריבער 366 טעג.

עס איז אבער פעסטגעשטעלט געוואָרען פון אסטראָנאָמען, אז א זון־יאָהר האָט ניט קיין 365 און א פערטעל, זעקס שטונדען, נאָר 365 טעג 5 שטונדען 48 מינוטען און 7.7 סעקונדען (365.2422). דער אונטערשייד צווישען דעם אסטראָ־נאָמען זון־יאָהר און דעם יוליאנער איז דעריבער אין 11 מינוטען 52.3 סעקונדען. עס איז אפשר א קליינער אונטערשייד אין א משך פון א יאָהר, נאָר ווי זאָגט מען „כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול", פון קליינע נישטיגע פּרוטעס קלייבען זיך צוזאמען אין משך פון יאָהרען גרויסע סומען, און פון קליינע סעקונדען גאנצע יאָהרען. אין 128 יאָהר ווערט פון דעם אונטערשייד פון 11 מינוטען און סעקונ־דען א גאנצער טאָג און נאָך 184-10000. פון דער צייט, וואָס איז איינגעפירט געוואָרען דער יוליאנער קאלענדאר ביז אין דעם יאָהר 1577. ווען דער פּאַפּסט גריגאָרי דער 13טער האָט אָנגעהויבען צו טראכטען וועגען אונטערשייד, איז שוין געווען אן אונטערשייד אין צעהן טעג און דער פּאַפּסט האָט באשלאָסען דעם אונ־טערשייד צו באזייטיגען.

די הויפּט אורזאכע וואָס האָט באוועגט דעם פּאַפּסט גריגאָרי צו מאכען די רעפאָרמען איז געווען די צייט פון פּסחא פראַווען. די פארצייטיגע קריסטען האָבען געפּראַוועט פּסחא אין דעם זעלביגען טאָג, וואָס אידען האָבען געפּראַוועט פּסח. דער קריסטליכער קאָנסיל אין ניצע אין יאָהר 325 האָט אבער באשלאָסען אין

גאַנצען זיך אפּצוטיילען פון אידען און האָט דעריבער באשלאָסען צו מאַכען דעם קריסטליכען פסח ניט אין דערזעלבער צייט, וואָס דעם אידישען. ביי אידען פאַלט אוים פסח אין דער צייט פון דער פולער לבנה, דעם 15טען ניסן „בכסא ליום חגנו". דער קאָונסיל אין ניטצע האָט באשלאָסען, אז דער פסח זאָל זיין באַוועגליך. ניט פריהער, ווי דעם 21טען מערץ און ניט שפּעטער, ווי דעם 25טען אפּריל. עס דאַרף אויסקומען א זונטאג נאָך א פולער לבנה. דער טאָג פון קריסטליכען פסח אין יאָהר 1577 איז אויסגעפאַלען מיט 10 טעג פריהער ווי דער קאָונסיל אין ניטצע האָט באשטימט. די מעטאָנישע סייקעלס אויסצוגלייכען דעם זון־יאָהר מיט די לבנה חדשים, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אין די אלטע קאַלענדאַרען מיט גאָלדענע בוכשטאַבען און האָבען זיך דעריבער גערופען „גאָלדענע צאָהלען", זיינען אויך געווען א וואַגיגע אורזאַכע צו מאַכען די רעפאָרמע אין קאַלענדאַר.

מיט דער הילף פון אסטראָנאָמען האָט דער פּאַפּסט גרינגאָרי דער 13טער זיך אונטערנומען צו מאַכען א רעפאָרמע אין קאַלענדאַר. אין דעם ערשטען מאַרטש 1582 האָט דער פּאַפּסט ארויסגעגעבען א דעקרעט „בול" אויסצומעקען 10 טעג. פון דעם 5טען אָקטאָבער 1582 זאָל זיך רעכענען דער 15טער אָקטאָבער. מען האָט פּשוט איבערגעהיפּט 10 טעג. אנשטאָט די איבעריגע 10 עיבור יאָהרען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט מען אָפּגערוקט דעם קאַלענדאַר אויף 10 טעג.

פאַר דער צוקונפט האָט מען באשלאָסען, אז מ'זאָל לאָזען אלע עיבור יאָהרען ווי געווען, נאָר אז מען זאָל מאַכען אָט די ענדערונג. אין יאָהרהונדערטע זאָל דער לעצטער יאָהר ניט זיין קיין עיבור יאָהר, ווי עס איז געטאָן געוואָרען לויט'ן אלטען סטיל, נאָר פראָסטע יאָהרען, אָן אויסנאַמע זאָל געמאַכט ווערען בלויז אין די יאָהר־הונדערטע אין וועלכע די ערשטע צוויי ציפער טיילען זיך אויף 4. למשל, יאָהר 1600 איז געווען א עיבור יאָהר און אם ירצה השם אין יאָהר 2000 וועט אויך זיין אַן עיבר יאָהר. אין יאָהר 1900 איז אבער לויט'ן נייעם סטיל קיין עיבור יאָהר ניט געווען און פון פריהערדיגען אונטערשייד אין 12 טעג צווישען נייעם סטיל און דעם אלטען איז געוואָרען 13 טעג.

דעם רעפאָרמירטען נייעם קאַלענדאַר רופט מען גריגאָריאַנער קאַלענדאַר אדער דער נייער סטיל אין אונטערשייד פון דעם אלטען סטיל אָדער דער יוליאַנער קאַ־לענדאַר. די קאַטוילישע לענדער האָבען דעם נייעם סטיל אָנגענומען גלייך. אבער די פּראָטעסטאַנטישע און פּראַוואָסלאַווגע לענדער האָבען זיך געקווייינקעלט. אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער איז דער נייער סטיל אָנגענומען געוואָרען אין 17טען יאָהרהונדערט. אין ענגלאַנד און איהרע קאָלאָניעס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אויך די אמעריקאַנער קאָלאָניעס, איז דער נייער סטיל אנגענומען געוואָרען אין יאָהר 1732. אין יענעם יאָהר איז פון דריטען סעפּטעמבער געוואָרען דער 13טער. אין א טאָג נאָך דעם 3טען סעפּטעמבער איז געוואָרען גלייך דער 14טער. עס איז געוואָרען א גאַנצע סומאַטאָכע פאַר די וואָס דאַרפען צאָהלען רענט און פּראָצענטען. די מיספאַרשטענדניסע זיינען אבער אויסגעגליכען געוואָרען.

רוסלאַנד האָט ערשט אנגענומען דעם גריגאָריאַנער קאַלענדאַר, דעם נייעם סטיל נאָך דער רעוואָלוציע. עס זיינען איצט געבליבען ווייניג לענדער וואָס האַלטען זיך ביים אלטען סטיל. אויך די פּראַוואָסלאַווגע קירכע האָט ענדליך אנגענומען דעם נייעם סטיל אין יאָהר 1923.

## דער קאַלענדאַר פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט שטורעם אָפּגעשאַפט פילע גלויבענס און מנהגים פון דעם אלטען רעזשים, האָט אויך אָפּגעשאַפט דעם

קריסטליכען קאלענדאר, דעם יוליאנער, ווי דעם גריגאָריאנער. די **פראנצויזישע** רעוואָלוציע האָט איינגאנצען אנגעפאנגען א נייע כראָנאָלאָגיע, מען האָט אָנגעפאנ־ גען צו רעכענען ניט פון דעם געבורט פון קריסטוס, נאָר פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע. פון דעם 14טען דזשוליי 1789 האָט מען אָנגעהויבען צו צעהלען **א** נייע ערא.

דער מאָנאט פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע איז באשטאנען, ווי ביי די אלטע גריכען פון 3 צעהנדליגס „דעקאדס״, 3 דעקאדס האָבען געמאכט א מאָנאט. א פראסטער יאָהר איז באשטאנען פון 360 וואָכען טעג און 5 ימים טובים און אן עיבור יאָהר זיינען געווען 6 ימים טובים. די נעמען פון די חדשים זיינען געווען נייע צוגעפאסט צו דער נאטור. וואנדערמעהר, דער ערשטער מאָנאט האָט זיך אָנגע־ פאנגען דעם 22טען סעפטעמבער. די איבעריגע מאָנאטען זיינען: „בריומער, פרימער, ניוואז, פלאוויאז, וואנטאוו, דזשערמינאל, פלאָריאל, פרעריאל, מאסידאר, טערמי־ דאר און פרוקטידאר״. די נעמען באגעגענט מען אָפט אין דער ליטעראטור. דער קאלענדאר איז אפגעשאפט געווארען נאָך דעם זיג פון רעאקציע אין יאָהר 1806.

## דער אידישער לוח—קאלענדאר

דער אידישער לוח, ווי מיר האָבען איהם איצט, וואָס איז געבויט אויף פעסטע מאטעמאטישע אויסרעכענונגען, איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון דעם לעצטען אידישען נשיא אין ארץ ישראל, הלל השני, אין יאָהר 359 לויט קריסטליכע צייט־ רעכענונג. דאָס איז די מיינונג פון פילע באוואוסטע היסטאָריקער, ווי גרעץ און נאָך.

עס איז אפילו דאָ א סברא און די סברא האָט ארויסגעזאָגט דער באוואוסטער אסטראָנאָם חיים זעליג סלאָנימסקי, אז דער לוח איז פון א שפעטערע צייט און איז געבויט אויף די חשבונות פון „אלמאגעסט״ — (אן אראבישע איבערזעצונג פון דעם גריכישען מאטעמאטיקער פטאלאמעי) — געגען סלאָנימסקי זיינען אבער ארויסגעטראטען אנדערע געלערענטע. די פאָלעמיק צווישען סלאָנימסקי און זיינע געגנער, הויפטזעכליך פינעלעס, האָט מען גערופען מיט שפאס „דער 30 יעהריגער קריג״. אויף סלאָנימסקי׳ן זאָגט מען „אגב חורפא שבשתא״ צוליב זיין אסטראָ־ נאָמישע שארפקייט האָט ער געמאכט א טעות אין היסטאָרישע און עקאָנאָמישע פאקטען.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, צי דער לוח איז גאָר שפעטער פארפאסט געוואָרען אָדער אין יאָהר 359, זיכער איז אבער, אז דער לוח איז ניט געווען ביז דעם יאָהר 359. ווי האָט מען געקענט וויסען ווען עס איז געווען ראש חודש ? ווען ראש השנה ?

מיר קומען איצט צו זעהר א וויכטיגען קאפיטעל אין דער אידישער געשיכטע. עס איז דאכט זיך מעהר ניט ווי א לוח, אבער די געשיכטע פון לוח איז פארבונדען מיט פילע דראמאטישע מאָמענטען און זעהר אינטערעסאנטע היסטאָרישע עפיזאָ־ דען אין דער אידישער געשיכטע.

דער אידישער לוח איז געבויט אויף די לבנה חדשים. ״ישראל מונה לימות הלבנה״, אידען צעהלען נאָך די לבנה טעג, זאָגט די גמרא. א לבנה יאָהר באשטעהט פון 12 מאָנאטען אין א געוועהנליכען איינפאכען יאָהר — שנה פשוטה — און פון 13 מאָנאטען אין אן עיבור יאָהר — שנה מעוברת. ווען און ווי אזוי מאכט מען אן עיבור יאָהר ?

## סוד העיבור

די גמרא רעדט וועגען דעם סעקרעט פון מאכען אן עיבור יאָהר און רופט עס „סוד העיבור". אין וואָס באשטעהט דער סעקרעט? איז דאָס א מאַטעמאַטישער סעקרעט אדער אפשר א סעקרעט, וואָס די אידישע געלערענטע האָבען געהאַלטען צוליב עקאָנאָמישע אורזאכען?

עס איז דא א מיינונג, אז דער „סוד העיבור" מיינט פשוט דער „סאוועט" פון עיבור יאָהר. דאָס הייסט, אז עס איז געווען באשטימט א קליינער קרייז פון מענשען, וואָס האָט געהאט די מאכט צו פּראָקלאמירען אן עיבור יאָהר. ביי היינטיגען טאָג איז דער „סוד העיבור" דער סעקרעט שוין מעהר קיין סעקרעט ניט. מיר האָבען שוין דערמאָנט די מיינונג פון רמבם, אז לויט די איצטיגע אויסרעכענונגען קען אפילו א קינד זיך אויסלערנען דעם סוד. די היינטיגע מעטאָדע איז אבער א נייע. עס זיינען אוועקגעגאנגען יאָהרען איידער דער סוד העיבור איז געווארען אלגעמיין באקאנט.

אין דער ענטוויקלונג פון אידישען לוח זיינען געווען 3 פּעריאָדען:

1. די גאַנץ פאַרצייטיגע פּעריאָדע.
2. די סנהדרין פּעריאָדע אין דער צייט פון די אידישע נשיאים אין יבנה.
3. די איצטיגע מאָדערנע פּעריאָדע, וואָס איז געבויט אויף אויסרעכענונגען.

פון דער גאַנץ פאַרצייטיגער פּעריאָדע, ווייסען מיר ווייניג. רבי אברהם אבן עזרא, א אידישער געלערענטער, וועלכער זאָגט אמאָל ארויס פריייע געדאַנקען, זאָגט זעהר סאַרקאַסטיש, אז עס איז מערקווירדיג מיט דער תורה. וועגען א „מצורע", א קרעציגען, וואָס ריהרט אָן בלויז איין מענשען איז דא א גאַנצע סדרה און וועגען אזא זאַך, ווי צייטרעכענונגען, וואָס ריהרט אָן אלע מענשען איז אין דער תורה ניט דערמאָנט.

לויט געוויסע פּסוקים אין דער תורה, קען מען זעהן, אז דער פאַרצייטיגער אידישער לוח האָט געהאט גענויע 30 טעג פאַר יעדען מאָנאט. די תורה דערצעהלט אונז (בראשית, קאַפּיטעל ז), אז דער מבול האָט זיך אנגעפאַנגען דעם 17טען דעם צווייטען מאָנאט און דעם 17טען דעם זיבעטען מאָנאט האָט שוין נח'ס קאַסטען גערוהט אויף די בערג אררט. דער מבול האָט געדויערט, דערצעהלט אונז די תורה „חמשים ומאת יום", הונדערט און פופציג טעג. אלזא, פינף מאָנאַטען אדער הונדערט און פופציג טעג, מיינט, אז א מאָנאט האָט געהאט אין די פאַרצייטיגע יאָהרען 30 טעג. זאָגען אבער רבנים, אז אזא רעכענונג איז געווען, איידער די תורה איז געגעבען געווארען, פאַר „מתן תורה". ווייסען געגוי, וואָס פאַר א רעכענונג עס איז געווען אנגענומען אין דער תורה, קען מען ניט.

עס איז אויך ניט פעסטגעשטעלט געווארען, ווען עס איז ראש השנה. די תורה רופט דעם מאָנאט, ווען עס פאַלט אוים פסח, ראש השנה און אויך דעם מאָנאט ווען עס פאַלען אוים ראש השנה און יום כיפור און סוכות „ירח האותנים", ראש השנה, אבער לויט'ן אָרדנונג איז דער „ירח השביעי", דער זיבעטער מאָנאט. ווי עס שטעהט פילע מאָל אויסדריקליך אין דער תורה. נו פרעגט זיך די פראַגע, ווען עס איז געווען ראש השנה, אָנפאַנג יאָהר אין זיבעטען מאָנאט תשרי, אדער אין ערשטען מאָנאט ניסן?

יחזקאל בן בוזי הכהן, אָט דער נביא פון גלות בבל, וועמ עס איז געווען, לויט די פּלפּולים פון די ביבעל קריטיקער, דער מחבר פון דעם גרעסטען טייל פון דער תורה, דערצעהלט וועגען א נבואה וואָס ער האָט געהאט „בראש השנה בעשור לחודש" — (יחזקאל מ, פסוק א) — אין אָנפאַנג יאָהר, דעם צעהנטען אין חודש,

וואָס עס דאַרף גאָר אויספאַלען יום כיפור. א גוטע השערה זאָגט וועגען דעם אברהם עפשטיין. ער זאָגט ארויס די סברא, אז ראש השנה איז טאקע געווען דעם ערשטען תשרי, אבער דעם צעהנטען תשרי יום כיפור איז ווידער געווען ראש השנה אויסצוגלייכען די לבנה מאַנאַטען מיט די זון מאַנאַטען.

עס וואָלט אונז פאַרפיהרען ווייט אלע פלפולים און השערות, וואָס זיינען וועגען דעם ענין ארויסגעזאָגט געוואָרען. עס לעגט זיך אבער זעהר אויפ'ן שכל. ווי די גמרא ערקלעהרט אין ראש השנה דף א, אז עס זיינען געווען פיר „ראש השנה'עס", „ארבעה ראשי שנים הם". אויך אין אונזער מאָדערנער וועלט האָבען מיר אויך עטליכע ראשי השנה'עס. דער ערשטער יאנואר איז דער קאַלענדאַר ראש השנה; דער ערשטער יולי איז דער פיסקאַלער ראש השנה פאַר דער אמעריקאנער רעגירונג, ווען עס הויבט זיך אָן צו רעכענען דער בודזשעט. עס זיינען דא אנדערע פיסקאַלע און נאַטירליכע „ראשי שנים" אין פילע לענדער פון דער וועלט.

מען קען אננעמען מיט זיכערקייט, אז אין דער ערשטער אונבאַקאַנטער פע־ריאָדע פלעגט מען פּראָקלאַמירען ראש חודש און ראש השנה לויט דעם געבורט פון דער לבנה. פון פילע פלעצער פון תנך ווייסען מיר, אז ראש חודש, די נייע לבנה איז געווען א גרויסער יום טוב ביי אידען, כמעט אזא יום טוב ווי שבת. צי מען האָט געוואוסט פון רעכענונגען אדער ניט, ראש השנה, ווי ביי פילע סע־מיטישע פעלקער איז געווען דער ערשטער תשרי. דערנאָך איז ניסן געוואָרען דער ערשטער „ראשון ראש לכל חדשי השנה". מען פלעגט פּראָקלאַמירען ראש חודש דורך די ערשיינונג פון דער לבנה „על פי ראיה". די וויכטיגע ימים טובים וואָס אידען האָבען געהאַט. פסח און סוכות פלעגען אויספאַלען ווען די לבנה איז אין פולען גלאַנץ „ביום הכסא".

## דער צווייטער פעריאָד — דער סנהדרין אין די צייטען פון בית שני

אין די צייטען פון צווייטען בית המקדש, וואָס איז צוריק אויפגעבויט געוואָ־רען, וואו פילע אידען און אידישע פיהרער האָבען זיך אומגעקערט פון גלות בבל, האָט פונקציאָנירט דער אידישער סנהדרין, די העכסטע אידישע געזעץ אויסטייט־שענדע קערפּערשאַפט. דער סנהדרין איז געווען די קערפערשאַפט, וואָס איז געקו־מען נאָכדעם ווי דער גרויסער סינאָד, די „אנשי כנסת הגדולה" האָט פאַרענדיגט די גרויסע ארבייט פון זאַמלען און צונויפשטעלען דעם תנך. דער וואָרט „סנהדרין" שטאַמט פון גריכיש און דאָס ווייזט אז די גריכישע קולטור האָט דאך געהאַט א ווירקונג אויף אידען.

איינע פון די וויכטיגסטע פונקציעס פון דעם סנהדרין איז געווען צו פּראָקלאַ־מירען ימים טובים, עיבור יאָהרען און ראשי חדשים ניט נאָר פאַר די אידען פון ארץ ישראל, נאָר אויך פאַר די אידען פון אנדערע לענדער. אין די צייטען פון בית שני, זיינען אידען געווען צושפּרייט איבער פילע לענדער. די גלות אידען האָבען געהאַט א גרויסע געמיינדע אין בבל און מצרים. אין מצרים איז אפילו געווען א בית המקדש „בית חוניו" (מנחות פרק יג, משנה י). ניט אזוי דער בית המקדש האָט צוזאַמענגעהאַלטען די גלות לענדער מיט דעם צענטער פון ארץ ישראל, ווי די מאַכט פון סנהדרין צו פּראָקלאַמירען עיבור יאָהרען און ימים טובים. אפשר איז דאָס געווען דער גרויסער סוד, דער „סוד העיבור", וואָס האָט דעם סנהדרין אין ארץ ישראל געגעבען די מעגליכקייט אָנצוהאַלטען די העגעמאָניע פון ארץ ישראל.

וועגען דעם ווי מען פלעגט פּראָקלאַמירען ראשי חדשים, ימים טובים און עיבור יאָהרען, האָבען מיר פילע ידיעות אין משנה און תלמוד. וועגען יעדען וויכ־

טיגען יום טוב, אויסער חנוכה, זיינען דאָ באַזונדערע מסיכתות. אמת די מסיכתות זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען נאָך דעם חורבן פון צווייטען בית המקדש, אָבער פילע משנות זיינען זעהר אַלט, זיי שטאַמען פון די צייטען, ווען דער בית המקדש איז נאָך געשטאַנען.

לויט די ידיעות וואָס מיר האָבען פלעגט מען מאַכען גרויסע פּאַראַדען ווען מען פלעגט מקדש זיין דעם חודש. דורך א סיסטעם פון אילומינאַציעס אויף בערג פלעגט מען לאָזען וויסען די אידען פון א״י און פון אנדערע לענדער, ווען ראש חודש איז פּראָקלאַמירט געוואָרען. די סיסטעם האָט מען געמוזט אויפגעבען צוליב, דעם, וואָס די „שומרונים" האָבען דורך פאַלשע אילומינאַציעס פאַרפירט די איינוואוינער פון ווייטע לענדער (ראש השנה פרק ב. משנה ב). מען האָט דעריבער מודיע געווען די אידען פון די גלות לענדער דורך ספּעציעלע שלוחים און דורך בריף.

אין תלמוד — סנהדרין (דף יא, עמוד ב) זיינען געבליבען די נוסחאות פון די בריף וואָס רבן גמליאל פלעגט ארויסשיקען צו די אידען פון גליל, דרום און פון גלות בבל. די מאַכט פון פּראָקלאַמירען ראשי חדשים, עיבור יאָהרען און ימים טובים איז אבער געווען אין די הענט פון סנהדרין אין ארץ ישראל. פון פילע קוועלען אין תלמוד קען מען זעהן, אז די חשבונות פון לוח, זיינען ניט געווען פרעמד צו די אידישע געלערענטע, די חשבונות האָבען זיי אבער געהאַלטען פאר זיך. ראש חודש פלעגט מען פּראָקלאַמירען דורך עדות, וואָס האָבען געמוזט באַשטעטיגען, אז זיי האָבען געזעהן דעם מולד פון דער לבנה. עס איז געווען „על פי הראיה", דורך זעהן דעם מולד. חדשים האָבען שוין געהאַט די איצטיגע נעמען ניסן, אייר, סיון, א. א. וו. די גמרא דערצעהלט, אז די נעמען פון די חדשים האָבען די אידען געבראַכט פון בבל.

דער אויספרעגען פון עדות איז צוגעגאַנגען מיט גרויסע צערעמאָניעס און טאַראַראַם. די צערעמאָניעס האָבען געהאַט א ווירקונג. לויט די צערעמאָניעס פלעגען באַשטימט ווערען ימים טובים פאַר אַלע אידען פון גלות. ווען מען האָט אָנגעפאַנגען צו שיקען שלוחים, האָבען די אידען אין גלות אָנגעפאַנגען צו פּראַווען צוויי טעג ראש חודש, צוויי טעג יום טוב, דער צווייטער טאָג פסח, שבועות, ראש השנה. און סוכות איז לויט דער תורה ניט קיין פולער יום טוב. די אידען פון די גלות לענדער האָבען אבער געמוזט פּראַווען צוויי טעג יום טוב, ווייל די שליחים האָבען ניט אַלע מאָל געקענט דערגרייכען זיי. די צווייטע טעג רופט מען טאַקע „יום טוב של גלות", דער יום טוב פון גלות. אין ארץ ישראל פּראַוועט מען זיי ניט און פרומע אידען, וואָס באַזוכען ארץ ישראל פסח אדער אן אנדער יום טוב זיינען נשתומם צו זעהן, אז דעם צווייטען טאָג פסח למשל עסענען אידען די קראָמען אין ארץ ישראל, און אין דעם אכטען טאָג פסח עסען ארץ ישראל אידען חמץ. אין די גלות לענדער פּראַוועט מען אַלע די ימים טובים פון גלות, טראָץ דעם, וואָס לויט אונזערע רעכענונגען, וויסען מיר גענוי ווען איז ראש חודש און ווען עס איז אן עיבור יאָהר.

די מאַכט פון פּראָקלאַמירען עיבור יאָהרען און ימים טובים, איז געבליבען אין די הענט פון אידישען בית דין, אין יבנה ארץ ישראל, נאָכדעם ווי דער צווייטער בית המקדש איז שוין חרוב געוואָרען. דאָס איז געווען דער אויפטו פון דעם תנא רבי יוחנן בן זכאי, וואָס ארץ ישראל איז געבליבען דער אידישער צענטער, אפילו נאָך דעם חורבן. דער בית דין אין יבנה האָט פאַרטגעזעצט די ארבייט פון דעם סנהדרין. ראש חודש פלעגט פּראָקלאַמירט ווערען דורך אויספרעגען עדות „על פי הראיה" און דער בית דין האָט געהאַט די מאַכט צו מאַכען עיבור יאָהרען.

אין די צייטען פון דעם בית דין אין יבנה איז געווען א טענדענץ צו פּראָקלאַ־

מירען ימים טובים דורך חשבונות. עס איז געווען דער תנא רבי יהושע בן חנינה, א איד א געלערענטער, אן אסטראָנאָם און שארפזיניגער למדן, וואָס האָט געזוכט באגרינדען די צייט פון ימים טובים אויף חשבונות. לויט דעם תלמוד איז רבי יהושע בן חנניה געקומען אין באריהרונג אפילו מיט גריכישע געלערענטע „סבא דבי אתונה״. ער האָט געהאט דעם מוט ארויסצוטרעטען געגען דעם נשיא פון בית דין, רבי גמליאל פון יבנה, וואָס האָט געשטאַמט פון הלל הזקן.

ווענען דעם קאמף פון רבי יהושע בן חנניה געגען דעם נשיא ווערט פיל דער־צעהלט אין תלמוד. ער האָט דערנאָך אפילו אויסגעפיהרט אז מען זאָל רבן גמליאל׳ן מאכען פאר אויס נשיא. דער קאמף איז געווען א פארצוויגענער. רבי יהושע בן חנניה האָט מוטיג געזאגט צו רבן גמליאל „וועה איז צו דער שיף, פון וועלכער דו ביזט דער קאפיטאן און וועה איז צו דעם דור וואָס דו ביזט דער פיהרער. דו ווייסט דאָך גאָר ניט ווענען דעם וועהטאָג פון חכמים״. (ברכות כח).

רבי יהושע בן חנניה איז געווען א איד, א גרויסער ארימאן, אבער דאס איז ניט געווען דער אמת׳ער וויטאג. דעם אמת׳ן וויטאג האָט ער געהאט, ווען רבי גמליאל האָט איהם זעהר פיל מביש געווען ווענען זיינע חשבונות פון לוח. ווענען דעם דערצעהלט די משנה אין ראש השנה (פרק ב, משנה ט). פון די קורצע ווער־טער פון דער משנה דערוויסען מיר זיך א פאטעטישע געשיכטע.

רבי יהושע בן חנינה האָט זיך געהאט זיינע אויסרעכענונגען ווענען לוח, און רבי גמליאל האָט גוזר געווען, אז רבי יהושע זאָל קומען צו איהם מיט זיין שטעקען און געלד — „במקלו ומעותיו״ — אין דעם טאָג וואָס ער קומט איז לויט דער ערקלערונג פון רבי יהושע יום כיפור און לויט דער פראָקלאמאציע פן רבן גמליאל איז דער טאָג א וואָכעדיגער טאָג. רבי יהושע׳ן האָט דאס זעהר וועה געטאָן, אבער די תנאים רבי עקיבה און רבי דוסא בן הרכינס האָבען איהם געראָטען צו פאָלגען. רבי יהושע האָט געפאָלגט. רבי גמליאל איז געפאלען זיך קושען און האָט פאטעטיש אויסגעשריען: „מיין רבי און תלמיד, מיין רבי אין חכמה און מיין תלמיד, וואָס דו האָסט מיר געפאָלגט״. ביי רבי יהושע׳ן איז אבער דערפון געבליבען א וויטאָג אין הארצען.

וואָס בית דין טוט איז געטאָן, איז געווען די מיינונג פון רבי יהושע׳ס חברים — רבי עקיבה און רבי דוסא. עס איז אן אלטער כלל, ווי עס שטעהט אין תהלים: „חק לישראל—משפט לאלהי יעקב״, וואָס עס איז א געזעץ פאר אידען—יעקב—איז דאָס אויך דער דין פאר דעם גאָט פון אידען, אבער חשבונות זיינען חשבונות אפילו פאר גאָט. דער קאמף צו באגרינדען דעם לוח אויף חשבונות איז אבער געווען א פארצוויגענער. די אורזאכע איז געווען אבצוהיטען דעם צענטער פון ארץ ישראל. גרויס מסירות נפש איז געווען פאר רבי עקיבה׳ן, ווען ער פלעגט פאָהרען לחוץ לארץ און פראָקלאמירען עיבור יאָהרען אין נאָמען פון דעם בית דין אין ארץ ישראל.

נאָך דער אונטערדריקונג פון דעם בונט פון בר כוכבא איז ווידער געמאכט געווארען א פארזוך צו באפרייען די גלות לענדער פון דער ארץ ישראל העגעמאָניע צו מאכען עיבור יאָהרען. דעם מאָל האָט דאָס געטאָן דער פלימעניק פון רבי יהושע בן חנינה, אין בבל רבי חנניה. די גמרא דערצעהלט (ברכות סג), ווי צוויי גרויסע תנאים זיינען געקומען אין בבל מבטל מאכען די געזעצע פון רבי חנניה. די נע־שיכטע איז זעהר א שעהנע און א ריהרענדע. זי איז אבער ניט פון ענין. דער סוף איז געווען, אז די תנאים האָבען אזוי געריהרט די אידען אין בבל, אז אלע האָבען זיך צוואויינט, און די מאכט צו פראָקלאמירען עיבור יאָהרען און ראשי חדשים איז געבליבען ביי דעם בית דין פון ארץ ישראל.

רבי יהודה הנשיא, א פריינט פון רוימישע קיסרים, האָט צוריק גענעבען מאכט דעם אידישען צענטער אין ארץ ישראל, כאָטש אין בבל זיינען געווען אידישע גע־לערענטע וואָס האָבען געוואוסט פון סוד העיבור. די מאכט האָט געדויערט ביז דעם יאָהר 359 לויט קריסטליכען צייטרעכענונג. אין יענע צייטען האָבען אידען אָנגעהויבען פיל צו ליידען פון פארפאָלגונגען צוליב קריסטען. דער נשיא פון ארץ ישראל הלל דער צווייטער, האָט פארעפענטליכט דעם סוד העיבור. אלע אידישע ימים טובים, אלע עיבור יאָהרען זיינען פעסטגעשטעלט געווארען לויט חשבונות. אין יאָהר 359 איז געשאפען געווארען דער לוח, ווי מיר האָבען איהם איצט.

## די כללים פון אידישען לוח

דער אידישער לוח איז געבויט אויף פעסטע אויסרעכענונגען און כללים. לויט די אויסרעכענונגען קען מען שאפען אן אייביגען לוח, סיידען משיח וועט קומען און וועט אויסבעסערען איינינע קליינע טעות'ן, וואָס זיינען נאָך אין לוח געבליבען.

דער פונדאמענט פון דעם אידישען לוח איז דער „מחזור", ציקעל פון יאָהרען. עס זיינען דאָ צוויי מחזורים — ציקלען: „מחזור גדול", וואָס באשטעהט פון 28 יאָהר, א ציקעל פון די תקופות און דער „מחזור קטן", א ציקעל פון 19 יאָהר. דאָס איז דער אונז שוין באקאנטער מעטעאנישער ציקעל (מחזור).

אידען רעכענען זייער צייט לויט דער וועלט־באשאפונג, ווי אידען שטעלען זיך פאָר. עס איז דאָ א רעכענונג, וואָס הייסט לפ"ג (פרט גדול), ווען מען רעכענט די טויזענטע יאָהרען, די צעהנדליגע און די איינצעלנע יאָהרען. און לפ"ק (פרט קטן), ווען מען רעכענט די טויזענטער יאָהרען ניט.

מיר שטעהען איצט ביי דער שוועל פון ה'תרצ"ה. דאָס הייסט פינף טויזענט זעקס הונדערט און פינף און ניינציג יאָהר פון דער וועלט באשאפונג. ווילען מיר וויסען אין וועלכען מחזור מיר זיינען, איז דאָס זעהר לייכט אויסצוגעפינען: מען טיילט 5695 אויף 19 און מען ווייס די צאָהל פון מחזורים און די איבעריגע יאָה־רען. פון דעם אָנגענומענעם יאָהר פון דער וועלט באשאפונג ביז היינט, האָבען מיר לויט דעם חילוק, וואָס מיר האָבען געמאכט 299 מחזורים — מחזורים קטנים — און 14 יאָהר. אין דעם יאָהר 5700 וועלען מיר האָבען גענויע 300 מחזורים, 300 מעטעאנישע ציקלען.

אין די יאָהרען פון א מעטעאנישען ציקעל — מחזור קטן, האָבען מיר 7 יאָהר וואָס זיינען עיבור יאָהרען. דאָס זיינען דער 3טער יאָהר פון ציקעל, דער זעקסטער יאָהר, דער 8טער יאָהר, דער 11טער יאָהר, דער 14טער יאָהר, דער 17טער יאָהר און דער 19טער יאָהר פון ציקעל. פאר די נעקסטע עטליכע יאָהר וועלען מיר האָבען די פאָלגענדע עיבור יאָהרען:

דער יאָהר 5695—ה'תרצ"ה לפ"ג—איז דער 14טער אין ציקעל און וועט דעריבער זיין אן עיבור יאָהר, דער יאָהר 5698—ה'תרצ"ח לפ"ג—וועט זיין ווידער אן עיבור יאָהר, ווייל דער יאָהר וועט זיין דער 17טער אין ציקעל, דערנאָך וועלען מיר האָבען אן עיבור יאָהר אין יאָהר 5700—ה'ת"ש לפ"ג—פאר די לעצטע 19 יאָהר האָבען מיר געהאט עיבור יאָהרען אין די יאָהרען 5684, 5687, 5689, 5692 און דער יאָהר 5695. דאָס איז דער יאָהר וואָס קומט און ביז דער ענדע פון סייקעל וועלען זיין די יאָהרען 5698 און 5700.

אויסצוגעפינען ווען עס איז אן עיבור יאָהר איז זעהר לייכט. מען דארף אויס־געפינען דעם אידישען יאָהר — לפ"ג — און טיילען איהם אויף 19 און געדענקען,

אז אין יעדען ציקעל פון 19 יאָהר זיינען די פאָלגענדע יאָהרען עיבור יאָהרען: 3, 6, 8, 11, 14, 17 און 19. דער סימן אין העברעאיש איז (גוח אדזט).

מיט דער פראגע פון עיבור יאָהרען זיינען נאָך אבער די אויסרעכענונגען ניט אויסגעשעפט. דער אידישער נאָרמאלער צוועלף מאָנאטענדיגער לבנה־יאָהר האָט 354 טעג. 6 מאָנאטען צו 29 טעג און 6 מאָנאטען צו 30 טעג. עס זיינען אבער דאָ יאָהרען, וואָס האָבען בלויז 353 טעג — 7 מאָנאטען צו 29 טעג — און עס זיינען דאָ יאָהרען, וואָס האָבען 355 טעג — 5 מאָנאטען צו 29 טעג. א נאָרמא־לער פּראָסטער יאָהר פון 354 טעג רופט מען אין העברעאיש „שנה כסדרה", א יאָהר פון 353 טעג — „חסרה" — מאנגעלהאפט, און א יאָהר פון 355 טעג — „שלמה" — פולער יאָהר. אין עיבור יאָהרען קומען צו 30 טעג, און עס זיינען דאָ יאָהרען פון 384, 383 און 385 טעג.

די צאָהל פון טעג, ווערט באשטימט לויט'ן מולד פון דער לבנה, ווען די לבנה ווערט געבוירען. דער מולד איז אויסגערעכענט פאר דער אייביגקייט. דער אידישער זייגער האָט 24 שטונדען. אויף אידיש קען מען זאָגען 13 אזייגער און 18 אזיי־גער. יעדע שטונדע ווערט צוטיילט לויט דעם אידישען לוח אויף 1080 חלקים. יעדער חלק ווערט נאָך אויך געטיילט אויף 73 אויגענבליקע — רגעים. דער שכל פארוואָס מען טיילט א שטונדע אויף 1080 זאָגט דער רמבם, איז צוליב דעם, וואָס 1080 טיילט זיך אויף אלע צאָהלען ביז 10, אויסער 7. אונזערע א מינוט האָט 18 חלקים.

פון איין מולד ביז דעם צווייטען, פון איין ראש חודש ביז דעם צווייטען פאר־געהן 29 טעג, צוועלף שטונדען און 793 — תשצג — חלקים. ווען מען ווייס, ווען איין מולד איז געווען, דארף מען דעריבער צורעכענען 29 טעג, צוועלף שטונדען, און 793 חלקים אדער 29 טעג, 12 שטונדען, 13 מינוט און 13 חלקים, ווען מיר ווילען דאָס רעכענען אויף מינוטען. אויסצורעכענען דעם מולד איז דעריבער א זאך פון פּראָסטע אריפמעטיק, חיבור און חיסור. עס ווענדט זיך נאטירליך אויך פון געגענד אין אין וועלכע פלעכע דער געגענד געפינט זיך. ראש חודש איז ענטוועדער אין טאָג פון מולד אָדער אויף מאָרגען. טראָץ דעם וואָס דער מולד איז א פעסט־געשטעלטע אויסרעכענונג מוזען מיר וויסען און געדענקען, אז צוליב דער איינשטע־לונג פון אידישע ימים טובים איז ניט אלע מאָל פאלט אוים דער ערשטער טאָג תשרי ראש השנה אין דער צייט פון מולד אדער אויף מאָרגען. מען מאכט נדחות, דער עיקר צוליב דעם וואָס יום כיפור טאָר ניט אויספאלען ניט פרייטאג און ניט זונטאג, און הושענה רבה טאָר ניט אויספאלען אום שבת. צו מאכען צוויי טעג, וואָס מען זאָל קיין פייער ניט טאָרען אָנצינדען, וואָלט געווען זעהר אומבאקוועם, און הושענה רבה, ווען מען דארף קלאפען הושענות טאָר ניט אויסקומען אויך אום שבת. עס זיינען נאָך דא אויך אנדערע טעמים פאר נדחות. א יאָהר טאָר ניט זיין קירצער, ווי 353, אדער 383, און טאָר ניט זיין לענגער ווי 355 אדער 385 טעג.

די נדחות אין תשרי ווערען געמאכט, ווען דער מולד פאלט אוים אום 18 אזייגער, וואָס דאָס הייסט מולד זקן. כדי עס זאָל ניט זיין די ערשטע נאכט פון ראש השנה פינסטער. עס ווערט אויך געמאכט א נדחה אום עס זאָל ניט אויס־פאלען ראש השנה זונטאג, מיטוואך און פרייטאג. פאלט אוים זונטאג דעם ערשטען טאָג ראש השנה, מוז אויספאלען הושענה רבה אום שבת. פאלט אוים מיטוואך ראש השנה מוז אויספאלען יום כיפור פרייטאג, און ווען עס פאלט אוים פרייטאג ראש השנה מוז אויספאלען יום כיפור זונטאג. אין אזעלכע פאלען גלייכט מען אוים מיט א נדחה, מען לעגט אָב דעם ערשטען טאָג ראש השנה.

עס זיינען דא פילע כללים, ווי עס פאלען אוים אידישע ימים טובים. איין כלל הייסט:

| | |
|---|---|
| 1) א | ת |
| 2) ב | ש |
| 3) ג | ר |
| 4) ד | ק |
| 5) ה | צ |
| 6) ו | פ |

מען נעהמט דעם ערשטען אות פון אלף בית און דעם לעצטען און מיר באַקומען פאָלגענדען כלל:

1) א"ת—דער ערשטער טאָג פסח פאלט אוים דעם טאָג פון נעקסטען תשעה באב.

2) ב"ש—דער צווייטער טאָג פסח פאלט אוים דעם טאָג פון נעקסטען ערשטען טאָג שבועות.

3) ג"ר—דער דריטער טאָג פסח פאלט אוים דעם טאָג פון נעקסטען ערשטען טאָג ראש השנה.

4) ד"ק—דער פערטער טאָג פסח פאלט אוים דעם טאָג פון נעקסטען שמחת תורה.

5) ה"צ—דער פינפטער טאָג פסח פאלט אוים דעם טאָג פון צום כיפור.

6) ו"פ—דער זעקסטער טאָג פסח פאלט אוים דעם טאָג פון פאַריגען פורים.

דער שכל איז א גאנץ איינפאכער. פון פסח ביז ראש השנה האָבען די חדשים יעדען יאָהר דיזעלבע טעג לויט פאלגענדען סדר:

ניסן, סיון, אב — 30 טעג.

איר, תמוז, אלול — 29 טעג.

צי די יאָהרען זיינען נאָרמאלע, מאנגעלהאפטע אדער פולע יאָהרען, איז קיין אונטערשייד נים, דער סדר איז אלע מאָל דערזעלבער.

פון דעם ערשטען טאָג פסח ביז דעם נעקסטען תשעה באב איז 112 טעג אָדער 16 גאנצע וואָכען.

פון צווייטען טאָג פסח ביז דעם נעקסטען שבועות איז 49 טעג אדער 7 גאנצע וואָכען.

פון דעם דריטען טאָג פסח ביז דעם נעקסטען ערשטען טאָג ראש השנה איז 161 טעג אָדער גאנצע 23 וואָכען א. א. וו.

פון ניסן ביז תשרי זיינען קיין ענדערונגען קיינמאָל ניטאָ. אויך אין תשרי, שבט און טבת זיינען קיין ענדערונגען ניטאָ. עס זיינען אבער דאָ ענדערונגען אין חשון, כסליו און אין אדר.

| | שנה פשוטה — פראָסטער יאָהר | | | עיבר יאָהר | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | נאָרמאלער יאָהר | מאנגעלהאפט. יאָהר | פולער יאָהר | נאָרמאלער יאָהר | מאנגעל. יאָהר | פולער יאָהר |
| ניסן | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 |
| אייר | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 |
| סיון | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 |
| תמוז | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 |
| אב | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 |
| אלול | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 |
| תשרי | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 |
| חשון | 29 | 29 | 30 | 29 | 29 | 30 |
| כסלו | 30 | 29 | 30 | 30 | 29 | 30 |
| טבת | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 | 29 |
| שבט | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 | 30 |
| אדר | 29 | 29 | 29 | 30 | 30 | 30 |
| צווייטער אדר | | | | 29 | 29 | 29 |
| ס"ה טעג | 354 | 353 | 355 | 384 | 383 | 385 |

עס זיינען דאָ 14 קאָמבינאציעס ווי צו באשטימען די ימים טובים. עס ווענדעט זיך, ווען עס איז דער ערשטער טאָג ראש השנה און ווען עס איז דער ערשטער טאָג פסח און וויפיל ערשטע טעג פסח שבת.

די וועלכע שטעלען צוזאמען די לוחות שטעלען צוזאמען פארשידענע קאָמ־בינאציעס אין ראשי תיבות:

ב' ח' ג'
ג' ש' א'

מיר ווילען אויסמיידען די ראשי תיבות אזוי ווייט ווי מעגליך. אום אבער זיי צו פארשטעהן מוז מען האָבען אין זינען פאָלגענדעס: דער ערשטער בוכשטאַב צייגט אָן אויף דעם טאָג פון ראש השנה, דער צווייטער בוכשטאַב וויפיל טעג עס זיינען דאָ אין יאָהר און דער דריטער בוכשטאַב, ווען עס איז דער ערשטער טאָג פסח. ב' ח' ג' מיינט פשוט דער ערשטער טאָג ראש השנה איז מאָנטאג. דער יאָהר מאנגעלהאפט און דער ערשטער טאָג פסח איז דינסטאג. ג' ש' א' מיינט דער ערשטער טאָג ראש השנה איז דינסטאג, דער יאָהר איז פול, דער ערשטער טאָג פסח איז זונטאג א. א. וו.

מיר גיבען דאָ א טאַבעלע פון די טעג אין יעדען מאָנאט, סיי דער יאָהר איז א איינפאַכער און סיי דער יאָהר איז א עיבור יאָהר.

## קורצע לוח טאַבעלע אויף 19 יאָהר לויט דעם 300טען מחזור קטן „סייקעל"

דער „מחזור גדול" (גרויסער סייקעל) איז 204טער „רד", הויבט זיך אָן אין יאָהר 5685 (תרפ"ה) און ענדיגט זיך 5712 (תשי"ב).

| סדר פון קביעה | סדר פון מחזור „סייקעל" | יאָהר: ג"פ פרט גדול | יאָהר: ק"פ פרט קטן | יאָהר: ק"פ צאהל | ווי איז דער יאהר | ערשטער טאָג ראש השנה: טאג | ערשטער טאָג ראש השנה: אלגעמיינער דאטום | ערשטער טאג פסח: טאג | ערשטער טאג פסח: אלגעמיינער דאטום | צאהל פון טעג | צאהל פון שבתים | סדר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 2 | 1 | 5682 | 682 | תרפ"ב | איינפאך | מאָנטאג | אָקט. 3 1921 | דאָנערשטאג | אפר. 13 1922 | 355 | 50 | פול |
| 6 | 2 | 5683 | 683 | תרפ"ג | איינפאך | שבת | סעפּ. 23 1922 | זונטאג | אפר. 1 1923 | 353 | 50 | מאנגעל |
| 10 | 3 | 5684 | 684 | תרפ"ד | עיבור | דינסטאג | סעפּ. 11 1923 | שבת | אפר. 19 1924 | 384 | 54 | נאָרמאל |
| 2 | 4 | 5685 | 685 | תרפ"ה | איינפאך | מאָנטאג | סעפּ. 29 1924 | דאָנערשטאג | אפר. 9 1925 | 355 | 50 | פול |
| 7 | 5 | 5686 | 686 | תרפ"ו | איינפאך | שבת | סעפּ. 19 1925 | דינסטאג | מער. 30 1926 | 355 | 51 | פול |
| 11 | 9 | 5687 | 687 | תרפ"ז | עיבור | דאָנערשטאג | סעפּ. 9 1926 | זונטאג | אפר. 17 1927 | 383 | 55 | מאנגעל |
| 3 | 7 | 5688 | 688 | תרפ"ח | איינפאך | דינסטאג | סעפּ. 27 1927 | דאָנערשטאג | אפר. 5 1928 | 354 | 50 | נאָרמאל |
| 14 | 8 | 5689 | 689 | תרפ"ט | עיבור | שבת | סעפּ. 15 1928 | דאָנערשטאג | אפר. 25 1929 | 385 | 55 | פול |
| 6 | 9 | 5690 | 690 | תר"ץ | איינפאך | שבת | אָקט. 5 1929 | זונטאג | אפר. 13 1930 | 353 | 50 | מאנגעל |
| 3 | 10 | 5691 | 691 | תרצ"א | איינפאך | דינסטאג | סעפּ. 23 1930 | דאָנערשטאג | אפר. 2 1931 | 354 | 50 | נאָרמאל |
| 14 | 11 | 5692 | 692 | תרצ"ב | עיבור | שבת | סעפּ. 12 1931 | דאָנערשטאג | אפר. 21 1932 | 385 | 55 | פול |
| 7 | 12 | 5693 | 693 | תרצ"ג | איינפאך | שבת | אָקט. 1 1932 | דינסטאג | אפר. 11 1933 | 355 | 51 | פול |
| 4 | 13 | 5694 | 694 | תרצ"ד | איינפאך | דאָנערשטאג | סעפּ. 21 1933 | שבת | מער. 31 1934 | 354 | 51 | נאָרמאל |
| 8 | 14 | 5695 | 695 | תרצ"ה | עיבור | מאָנטאג | סעפּ. 10 1934 | דאָנערשטאג | אפר. 18 1935 | 383 | 54 | מאנגעל |
| 7 | 15 | 5696 | 696 | תרצ"ו | איינפאך | שבת | סעפּ. 28 1935 | דינסטאג | אפר. 7 1936 | 355 | 51 | פול |
| 4 | 16 | 5697 | 697 | תרצ"ז | איינפאך | דאָנערשטאג | סעפּ. 17 1936 | שבת | מער. 27 1937 | 354 | 51 | נאָרמאל |
| 9 | 17 | 5698 | 698 | תרצ"ח | עיבור | מאָנטאג | סעפּ. 6 1937 | שבת | אפר. 16 1938 | 385 | 55 | פול |
| 1 | 18 | 5699 | 699 | תרצ"ט | איינפאך | מאָנטאג | סעפּ. 26 1938 | דינסטאג | אפר. 4 1939 | 353 | 50 | מאנגעל |
| 12 | 19 | 5700 | 700 | ת"ש | עיבור | דאָנערשטאג | סעפּ. 14 1939 | דינסטאג | אפר. 23 1940 | 385 | 55 | פול |

סך הכל טעג אין מחזור 300 (ש) 6940

דער „מחזור גדול״ (גרויסער סייקעל) געדויערט 28 יאָהר. דער מחזור גדול באשטימט די תקופות, סעזאָנען פון יאָהר — פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער. אין העברעאיש זיינען די פיר סעזאָנען, די פיר תקופות: 1) תקופת ניסן, 2) תקופת תמוז, 3) תקופת תשרי און 4) תקופת טבת. דער איצטיגער מחזור גדול איז „רד״ 204, ער ענדיגט זיך אין יאָהר 5712 תשיב לפ״ק.

# די 14 קביעות

## א טאַבעלע וואָס צייגט די 14 אופנים, ווי א אידישער יאָהר קען צוזאמענגעשטעלט ווערן

| קביעה | העברעאישער סימן | דער ערשטער טאָג ראש השנה | דער ערשטער טאָג פסח | סימן לויט טעג | יאָהר | צאָהל טעג | צאָהל שבתים | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | בשה | מאָנטאָג | דאָנערשטאָג | פול | איינפאכער | 355 | 50 | חשון און כסלו 30 טעג |
| 2 | בחג | מאָנטאָג | דינסטאָג | מאנגעלהאפט | „ | 353 | 50 | חשון און כסלו 29 „ |
| 3 | גכה | דינסטאָג | דאָנערשטאָג | נאָרמאַל | „ | 354 | 50 | חשון 29 און כסלו 30 „ |
| 4 | השא | דאָנערשטאָג | זונטאָג | פול | „ | 355 | 51 | חשון און כסלו 30 „ |
| 5 | הכז | דאָנערשטאָג | שבת | נאָרמאַל | „ | 354 | 51 | חשון 29 און כסלו 30 „ |
| 6 | זחא | שבת | זונטאָג | מאנגעלהאפט | „ | 353 | 50 | חשון און כסלו 29 „ |
| 7 | זשג | שבת | דינסטאָג | פול | „ | 355 | 51 | חשון און כסלו 30 „ |
| 8 | בשז | מאָנטאָג | שבת | פול | עיבור | 383 | 55 | חשון און כסלו 29 „ |
| 9 | בחה | מאָנטאָג | דאָנערשטאָג | מאנגעלהאפט | „ | 384 | 54 | חשון און כסלו 30 „ |
| 10 | גכז | דינסטאָג | שבת | נאָרמאַל | „ | 385 | 54 | חשון 29 און כסלו 30 „ |
| 11 | השג | דאָנערשטאָג | דינסטאָג | פול | „ | 385 | 55 | חשון און כסלו 30 „ |
| 12 | החא | דאָנערשטאָג | זונטאָג | מאנגעלהאפט | „ | 383 | 55 | חשון און כסלו 29 „ |
| 13 | זשה | שבת | דאָנערשטאָג | פול | „ | 385 | 55 | חשון און כסלו 30 „ |
| 14 | זחג | שבת | דינסטאָג | מאנגעלהאפט | „ | 383 | 55 | חשון און כסלו 29 „ |

די צאָהל שבתים און לויט דעם די צאָהל פון סדרות איז אָפּהענגיג ניט נאָר פון דער צאָהל וואָכען אין וועלכען טאָג דער ערשטער טאָג ראש השנה פאַלט אוים. ווייס מען וואָס פאַר א קביעה א יאָהרהאָט, קען מען וויסען דעם גאַנצען צוזאמענשטעל פון יאָהר. לויט'ן נומער פון קביעה זיינען פארשידענע יאָהרען גלייך אין לוח. דער יאָהר 5694 (תרצ״ד) האָט דעם זעלבען צוזאמענשטעל ווי 5697 (תרצ״ז); דער יאָהר 5693 (תרצ״ג) ווי דער יאָהר 5696 (תרצ״ו).

## טאַבעלע פון קביעות געקירצט

### פראָסטער יאָהר

| ערשטער טאָג פסח | | שבת | דאָנערשטאָג | דינסטאָג | זונטאָג |
|---|---|---|---|---|---|
| | | טעג | טעג | טעג | טעג |
| ערשטער טאָג ראש השנה | מאָנטאַג | ...... | 355 | 353 | ...... |
| ״ ״ ״ ״ | דינסטאַג | ...... | 354 | ...... | ...... |
| ״ ״ ״ ״ | דאָנערשטאַג | 354 | ...... | ...... | 355 |
| ״ ״ ״ ״ | שבת | ...... | ...... | 355 | 353 |

### עיבור יאָהר

| ערשטער טאָג פסח | | שבת | דאָנערשטאָג | דינסטאָג | זונטאָג |
|---|---|---|---|---|---|
| | | טעג | טעג | טעג | טעג |
| ערשטער טאָג ראש השנה | מאָנטאַג | 385 | 383 | ...... | ...... |
| ״ ״ ״ ״ | דינסטאַג | 384 | ...... | ...... | ...... |
| ״ ״ ״ ״ | דאָנערשטאַג | ...... | ...... | 385 | 383 |
| ״ ״ ״ ״ | שבת | ...... | 385 | 383 | |

מען זעהט פון דער טאַבעלע, אז אין א פראָסטען נאָרמאַלען יאָהר פון 354 טעג, ווען עס איז דינסטאַג ראש השנה מוז אויסקומען דער ערשטער טאָג פון נעקסטען פסח דאָנערשטאַג און אין א עיבור יאָהר, א נאָרמאַלען (384 טעג), ווען עס פאַלט אויס דינסטאַג דער ערשטער טאָג ראש השנה, מוז אויספאַלען דער נעקסטער ערשטער טאָג פסח שבת.

ווי עס איז שוין אָנגעדייטעט געוואָרען, זיינען דאָ 14 קאָמבינאַציעס, און אַזוי לויפען יאָהר איין יאָהר אויס, יאָהרען איין ציקלען אין די 14 קאָמבינאַציעס. מיר שטעהען ברוך השם עטליכע יאָהר פאַר דעם 3 הונדערטען ציקעל (מחזור קטן).

אָט די כללים איז אויך וויכטיג צו געדענקען, ווען מען טראַכט פון א אייביגען לוח.

דער ערשטער טאָג פסח קען ניט אויספאַלען ניט מאָנטאַג, ניט אום מיטוואָך און ניט פרייטאַג, אַדער ווי עס איז דער העברעאישער סימן, „ולא בדו פסח״.

דער ערשטער טאָג ראש השנה קען ניט אויספאַלען ניט זונטאַג, ניט מיטוואָך און ניט פרייטאַג „ולא אדו ראש השנה״.

יום כפור קען ניט אויספאַלען זונטאַג, ניט דינסטאַג און ניט פרייטאַג „ולא כיפּור באגו״.

הושענה רבה קען ניט אויספאַלען ניט דינסטאַג, ניט דאָנערשטאַג און ניט שבת „ולא גהז הושע״.

פּורים קען ניט אויספאַלען ניט מאָנטאַג, ניט מיטוואָך און ניט שבת. „ולא בדז פּורים״.

עס זיינען דאָ נאָך אינטערעסאַנטע כללים, וואָס מען דאַרף אבהיטען ביים מאַכען א לוח. דאָס ביסעל כללים, וואָס מיר האָבען געגעבען, ווילען אבער קענען געבען א פאָרשטעלונג ווי א אידישער לוח ווערט צוזאַמענגעשטעלט.

די גמרא זאָגט: „כל היודע לחשוב בתקופות ומזלות ואיננו חושב עליו הכתוב אומר ואת פועל ד׳ לא יביטו״. דער וואָס קען רעכענען וועגען יאָהרען און רעכענט ניט, האָט אויף איהם דער פּסוק געזאָגט, אז זיי באַטראַכטען ניט גאָט׳ס ווערק.

צונויפשטעלן א לוח איז ווי דער רמב"ם האָט געזאָגט א לייכטע זאך, מען דארף אבער געדענקען עטליכע כללים.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן לוח האָט זיך אויך ענטוויקעלט א מאָדנע לעהרע פון מזלות, אדער שטערנזעהעריי „אסטראָלאָגיע".

## אסטראָלאָגיע

אסטראָלאָגיע אדער פאַלשע וויסענשאפט פון דער באשרייבונג פון דעם גאנג פון די שטערען און אגב צו באשטימען דעם מזל פון פעלקער און איינצעלנע פער־זאָנען איז פיל עלטער ווי די אמת'ע וויסענשאפט אסטראָנאָמיע. כאָטש פול מיט אָבערגלויבען, האָט אבער אסטראָלאָגיע אויסגעטראָטען א וועג פאר אסטראָנאָמיע, יוי אלכעמיע האָט געמאכט א וועג פאר כעמיע.

די אסטראָלאָגען אדער די שטערנזעהער האָבען דורך די שטערען ארויסגע־זאָגט דעם מזל פון מענשען און די צוקונפט פון וועלט־פאסירונג. אסטראָלאָגיע איז געווען ענטוויקעלט אין אלטען בבל און אשור און מצרים. די „חרטומים" פון מצרים זיינען געווען די קלוגע, די געלערענטע, די עצה געבער פון די פרעה'ס. זיי האָבען בלויז געדארפט א קוק טאָן אויפ'ן הימעל און די זון, די לבנה און די שטערען, האָבען זיי שוין געזאָגט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און וואָס איינער דענקט און טוט און וואָס עס וועט מיט איהם פאסירען.

סיי פרעה דער קעניג פון מצרים און סיי נבוכדנצר דער קעניג פון בבל, האָבען שיער ניט דער'הרג'עט זייערע שטערנזעהער, ווען זיי האָבען ניט געקענט פותר חלום זיין צו די גרויסע קעניגע. צו דער הילף פון די שטערנזעהער זיינען געקומען די אידען יוסף הצדיק און דניאל הצדיק.

די שטערנזעהער זיינען דאָס געווען די „חכמים פון מזרח", וואָס זיי זיינען געקומען זעהען, ווי דער רבונו של עולם איז מיט מזל א טאַטע געוואָרען און דער געטליכער זוהן איז געבאָרען געוואָרען אין „בית לחם" (געבאָרען געוואָרען איז נאָר קריסטוס אין נצרת, נאר צוליב'ן רומעל האָט זיך געפּאסט אז ער זאָל געבאָרען ווערען אין „בית לחם").

אסטראָלאָגיע איז אָבער ניט א חכמה פון דעם אָריענט. עס איז א חכמה, וואָס עס עקזיסטירט אפילו אין היינטיגע יאָהרען. די חכמה באשטעהט אין דעם, וואָס מען נארט אויס געלט פון לייכט גלויביגע, וואָס קומען פרעגען עצות פון די שטערנזעהער. דאָ אין אמעריקע איז אסטראָלאָגיע זעהר א גוט־באצאָלטע ביזנעס. אסטראָלאָגען האָבען גרויסע אָפיסעס און פרעס אגענטען. אָנצוהאלטען אן אָפיס איז פארבונדען מיט גרויסע הוצאות, נאָר עס באצאָלט זיך. קיין קונדען פעהלען ניט.

עס זיינען דא גענוג מיידלאך מיט צובראָכענע הערצער, וואָס קומען בעטען הילף פון שטערען. ניט נאָר לייכטזיניגע מיידלאך אליין אבער קומען פרעגען עצות ביי אסטראָלאָגען. צו אסטראָלאָגען קומען וואָל־סטריט בראָקער, ארטיסטען, שריי־בער און אפילו מענשען, וואָס פרעטענדירען צו זיין געלערנטע. מענשליכע הערצער און מענשליכע נארישקייטען זיינען נאָך ניט דערגרונטעוועט געוואָרען.

אין אלע שפראכען זיינען דא פילע ווערטער וואָס שטאַמען פון אסטראָלאָגיע. אין אידיש אפילו זיינען דא גענוג ווערטער, וואָס זיינען גענומען דירעקט פון דעם אסטראָלאָגישען זשארגאָן. „מזל" און „מזל טוב", זיינען ווערטער אָהן וועלכע א איד קען זיך ניט באגעהן. אז מען ווערט געבאָרען אָהן מזל איז ביטער. גליקליך איז דער, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין א מזל'דיגער שעה. א מאדים א יונג

איז א קריגערישער יונג, און מאדים איז דער העברעאישער וואָרט פון „מארס", דער קריגס-גאָט.

די אמאָליגע פעלקער האָבען געגלויבט אז עס זיינען בלויז דא זיבען פּלאַ־נעטען, „שבעה כוכבי לכת", זיבען געהענדע שטערען. צווישען די „כוכבי לכת" זיינען געווען די זון מיט דער לבנה, דער שטערן מארס „מאדים", דער שטערן יופּיטער, „צדק", דער שטערן ווענוס, „נוגה", מערקורי, „כוכבי" און דער שטערן סאטורן, „שבתאי". מיט די נעמען פון די שטערען זיינען גערופען געוואָרען די טעג פון וואָך.

אויסער די שבעה „כוכבי לכת", זיינען דא אין אלע אידישע לוחות די „מזלות" אָדער דער „זאָדיאַק". אין דעם „זאָדיאַק" (חיות און מזלות) געפינט איהר א לייב און וואסערטרעגער, א שלאנג און א ציג, א באָראן און א בתולה. אזוי ווערען דאָס אויפגעפּאַרט די מזלות און יעדער חודש האָט זיך זיין מזל. ווערט איינער געבאָרען אין א געוויסען חודש און א געוויסען טאָג, רעכענט שוין דער אסטראָלאָג די מינוט און די רגע און זאָגט דורכ'ן „האראסקאָפּ" יעדענס מזל.

עס איז מערקווירדיג, וואָס טראָץ דעם, וואָס ביי אידען איז אָן „עכום" (עובד כוכבים ומזלות) א פארבלאָנדזשעטער מענש, פונדעסטוועגען געפינען מיר אין תלמוד (שבת קנו), אז דער וואָס ווערט געבאָרען אין מזל מאדים (מארס) וועט ער זיין א בלוטפארגיסער. ער וועט זיין א פעלדשער, א קצב, א מוהל אדער גאָר א גזלן. דער וואָס ווערט געבאָרען אין מזל נוגה (ווענוס) וועט ער זיין רייך, אדער א נואף, און דער וואָס ווערט געבאָרען אין מזל חמה (זון) וועט ער קיין ליגען ניט זאָגען. רבי חנינה זאָגט, מזל מחכים ומזל מעשיר. א מענש ווערט קלוג לויט'ן מזל און ווערט רייך. דערפאר האָט אבער רבי יוחנן געזאָגט „אין מזל לישראל". מען געברויכט אפילו דעם ווערטעל אין דעם זין, אז אידען האָבען קיין מזל ניט, אבער די אמת'ע מיינונג פון רבי יוחנן איז, אז אידען דארפען מיט אזעלכע נאַ־רישקייטען ווי מזל זיך ניט אָפּגעבען.

א גלויבער אין אסטראָלאָגיע איז געווען דער באריהמטער אידישער פילאָזאָף און פון די ערשטע ביבעל קריטיקער, רבי אברהם אבן עזרא (1092-1167). רבי אברהם אבן עזרא איז געווען א איד א חכם, אבער א גרויסער אביון. פון איהם שטאַמט דער ווערטעל וועגען א שלים־מזל, אז ווען ער זאָל האנדלען מיט תכריכים וואָלט קיינער ניט געשטאָרבען, און ווען ער זאָל האנדלען מיט ליכט, וואָלט די זון קיינמאָל ניט אונטערגעגאנגען.

רבי אברהם אבן עזרא זינגט אזוי:

גלגל ומזלות במעמדם
נטו במהלכם למולדתי
לו יהיו נרות סחורתי
לא יאסף שמש עד מותי
איגע להצליח ולא אוכל
כי עותוני כוכבי שמי
לו אהיה סוחר בתכריכים
לא יגועין אישים בכל ימי.

אין א פּראָסטער פּראָזע מיינט דאָס. די פּלאנעטען און מזלות האָבען זיך אביסעל א נויג געטאָן, ווען איך בין געבאָרען געוואָרען, ווען ליכט וואָלט געווען מיין סחורה, וואָלט די זון קיינמאָל ניט אונטערגעגאנגען. איך מאַטער זיך צו

קרינגען גליק, אבער איך קען ניט, ווייל עס האבען מיר צוטומעלט די שטערען פון הימעל, ווען איך וואלט האנדלען מיט תכריכים, וואלטען מענשען גאר ניט אויס־געגאנגען פאר מיין לעבען.

דאכט זיך אזא געבילדעטער מענש, אזא סקעפטיקער און וויצלינג, אבער פון אבערגלויבען קען מען ניט אנטלויפען.

### נעמען פון וואך אין פארשידענע שפראכען

| פלאנעטען און טעג | | לאטיינישע נעמען פון וואך | ראמאנישע שפראכען | אלט ענגליש | מאדערנע ענגליש | אידיש און דייטש |
|---|---|---|---|---|---|---|
| זיבען פלאנעטען | שבעה כוכבי לכת | | | | | |
| סאל (זון) | שמש | דיעס סאליס | דימאנש | זונסדיי | זאנדיי | זונטאג |
| לונא | ירח | „ לונאע | לונדי | מאונדיי | מאנדיי | מאנטאג |
| מארס | מאדים | „ מארטיס | מארדי | טיוסדיי | טיוסדיי | דינסטאג |
| מערקורי | כוכב | „ מערקורי | מערקרעדי | וואדענסדיי | וועדנעסדיי | מיטוואך |
| יופיטער | צדק | „ יאוויס | דזוידי | טארסדיי | טוירסדיי | דאנערשטאג |
| וועניס | נוגה | „ וועגעריס | וועגדרעדי | פריגסדיי | פריידיי | פרייטאג |
| סאטורן | שבתאי | „ סאטורנא | סאמערי | סענטערנע | סאטורדיי | ש ב ת זאנאבענד |

## נעמען פון חדשים

| רוימיש | אידיש | העברעאיש | א ל ט העברעאישע | מאָדערנע אידישע | אשורישע און כאלדייאישע | מאחמעדאנישע | פראנצויזישע רעוואָלוציאָנערע | אייראָפּעאישע און אמעריקאנער | אלט דייטשע נעמען | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| די חיות און מזלות „זאָדיאַק" | | | | | | | | | | |
| אקוואריום | וואסערטרעגער | דלי | —— | שבט | שבתו | מוחרם | ניוואז | יאנואר | אייזמאנאט | 1 |
| פיססעס | פיש | דגים | —— | אדר | אדרו | צפר | פלואוויאז | פעברואר | הארנינג | 2 |
| אריעס | באראן | טלה | אביב | ניסן | ניסנו | רביע אול | וואנטאז | מערץ | לענצמאָנאט | 3 |
| טארוס | אקס | שור | זיו | איר | איארו | רבגע אכיר | דזערמינאל | אפּריל | וואנדעלמאָנאט | 4 |
| געמינו | צווילינג | תאומים | —— | סיון | שימו | גמאד אול | פלארעאל | מאי | ווידעמאָנאט | 5 |
| סקארפּיא | שלאנג | סרטן | —— | תמוז | דוצו | גמאד אכיר | פּרעריאל | יוני | בראכמאָנאט | 6 |
| לעא | לייב | אריה | —— | אב | אבו | רג׳ב | מעסידאר | יולי | היימאָנאט | 7 |
| ווירגא | מיידעל | בתולה | —— | אלול | אולולו | שאבאן | טערמידאָר | אוגוסט | ערנטעמאָנאט | 8 |
| ליברא | וואָגשאָל | מאזנים | אותנים | תשרי | טישראתי | ראמדאן | פרוקטידאָר | סעפּטעמבער | הערבסטמאָנאט | 9 |
| קאנסער | קאנסער | עקרב | בול | חשון | ארחשמנו | שואל | וואנדערמיער | אָקטאָבער | וויינמאָנאט | 10 |
| סאגיסטארוס | פייל און בויגן | קשת | —— | כסלו | כיסילמו | זיל קידה | ברומער | נאָוועמבער | ווינטערמאנאט | 11 |
| קאפּריקארנוס | ציג | גדי | —— | טבת | תבטו | זיל חגה | פרימער | דעצעמבער | יולמאָנאט | 12 |

אָ נ מ ע ר ק ו נ ג ע ן

דער ערשטער אידישער מאָנאַט איז ניסן און ראש השנה איז אין זיבעטען מאָנאַט תשרי.

פון די אַלטע העברעאישע נעמען האָבען מיר בלויז פיר נעמען פון די חדשים. די נעמען פון די איצטיגע אידישע חדשים האָבען אידען מיטגעבראַכט פון בבל, ווי די גמרא אליין דערצעהלט. דאביי איז אינטערעסאנט צו באמערקען אז אין כאלדייאיש מיינט „ארחשמנו", דער אכטער מאָנאַט. ביי אידען איז דער נאָמען פאַר גרייזט געוואָרען אויף „מר חשון".

דער ערשטער מאָנאַט פון דעם קאַלענדאַר פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע איז געווען וואנדערמיער, וואָס איז אויסגעפאַלען ענדע סעפּטעמבער און דעם גרעסטען טהייל פון אָקטאָבער, ארום תשרי.

# אלגעמיינע
# און אידישע כראָנאָלאָגיע

## אָנווייזענדיג אויף וויכטיגע היסטאָרישע פאַסירונגען

| פאר קריסטוס געבורט | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 3750 | ציוויליזאציע שטאַרק ענטוויקעלט אין עגיפּטען און בבל. קופו, קעניג פון עגיפּטען (מצרים), בויט די גרויסע פּיראמידען. אין בבל זיינען געבויט פילע שטעדט. | |
| 2750 | דינגיין דער צווייטער, קעניג פון בבל. פילע ערפינדונגען אין מצרים. כינעזער צייטרעכענונג הויבט זיך אָן פון 2637 פאר קריסטוס. | |
| 2400 | בבל ווערט א וויכטיגע שטאָדט. אין מצרים איז די ציוויליזאציע אויף א הויכער מדרגה. | |
| 2286 | עולם האָט באזיגט בבל. | |
| 2250 | האמוראבי, דער גרויסער געזעצ־געבער פון בבל, באזיגט עולם. | |
| 2000 | כשדים (כאלדעער) באזיגען בבל. די היקסאס אדער פאסטוכער באַזיגען מצרים. | אברהם אבינו אין אור כשדים. |
| 1950 | | אברהם אבינו באַרייזט מצרים. |
| 1730 | | יוסף ווערט פארקויפט אין מצרים. |
| 1700 | | יעקב אבינו מיט די קינדער עמיגרירען אין מצרים. |
| 1560 | די פאסטוכער „היקסאס" ווערען פון מצרים פארטריבען. | |
| 1400 | אשור ווערט באזיגט פון בבל. | אידען ווערען באפרייט פון מצרים. |
| 1320 | אשור ווערט אונאָפּהענגיג פון בבל. | יהושע באזיגט פאלעסטינע און מאכט דאָס לאנד פאר ארץ ישראל. |
| 1274 | | |
| 1140 | תגלת פלאסר איז קעניג פון אשור. בבל צאָהלט צינזען (מס) צו אשור. | |
| 1067 | אין עגיפּטען איז אן עפּאָכע פון שטילשטאנד, אן עפּאָכע פון דעקאדענס (צוזאמענפאל). | שאול געקרוינט פאר קעניג אין ארץ ישראל. |

| פאַר קריסטוס געבורט | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 1055 | | דוד ווערט אידישער קעניג. |
| 1015 | | שלמה המלך בויט דעם בית המקדש. |
| 1000 | די גריכען קומען אין דער געשיכטע. לעגענדארע פעריאָדע. מען דיינקט, אז האָמער האָט דאן געשריבען זיינע פּאָעמען „איליאַדע" און „אָדיסעע". מען נעמט אָן, אז די לעגענדארע „טראָי מלחמה" איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1184 פאר קריסטוס. אשור ווערט שטארק. שישק, דער קעניג פון מצרים, באַפאַלט ירושלים. | אידישע מלוכה ווערט צוריסען אויף צוויי טיילען: יהודה און ישראל. רחבעם, דער זון פון שלמה, קעניג פון יהודה. ירבעם בן נבט קעניג פון ישראל (933-917). |
| 800 | יאָהר 745, תגלת פלאסר גרינדעט אַ שטאַרקע צענטראליזירטע מלוכה אין אשור. סרגן, דער קעניג פון אשור, באזיגט שומרון אין 721. 776 איז דער אָנפאנג פון גריכישע אָלימפּיאַדע. די פעניקער (כנענים) גרינדען קאַרטאַגאַ; עס איז אַ סעמיטישער וואָרט וואָס מיינט „קרית הדשת" (אַ נייע שטאָדט) אין 714.<br>עס ווערען געגרינדעט גריכישע קאָלאָניעס אין איטאַליע און סיציליע. אין יאָהר 721 ננוה באַזיגט און די מלוכה פון אשור צושטערט. גריכען קומען אין מצרים. | אין יאָהר 721, די צעהן שבטים פון די אידען באזיגט פון אשור.<br>יהודה ווערט באלאגערט פון אשור און ווערט געראטעוועט. די אשורים צולויפען. |
| 600 | אין יאָהר 621 די דראקאָנישע געזעצען אָנגענומען אין אטהענס, גריכענלאנד. די געזעצען זיינען געווען אזעלכע שטרענגע, אז עד היום רופט מען שטרענגע געזעצע דראקאָנישע געזעצע.<br>דער קלוגער סאָלאָן ווערט געזעצגעבער אין אטהענס; אין יאָהר 594-560 הערשט פּיסיסטראַטוס, דער טיראַן פון אטהענס.<br>אין יאָהר 538 באזיגט כורש, דער קעניג פון פערסיען, בבל.<br>אין יאָהר 530 באזיגען די פערסיער עולם.<br>אין יאָהר 525 ווערט מצרים באַזיגט פון פערסיען. | יהודה הויבט אָן צו צאָהלען צינזען „מס" צו בבל; ווערט אונטערטהעניג.<br>אין יאָהר 598 ווערט ירושלים באַזיגט.<br>אין יאָהר 587 דער חורבן ירושלים און דער חורבן פון ערשטען בית המקדש קומען פאָר. גדליה פון אחיקם ערמאָרדעט.<br>אין יאָהר 558 הויבען אָן אידען צוריק צו קומען אין ארץ ישראל.<br>אין יאָהר 520 בויען אידען דעם צווייטען בית המקדש. |

| פאר קריסטוס געבורט | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 500 | עס הויבט זיך אָן די לעגענדאַרישע געשיכטע פון רוים. רוים ווערט א רעפּובליק אין יאָהר 451. עס ווערען ארויסגעגעבען די ערשטע געזעצען אין רוים, וועלכע זיינען באקאנט אלס די 12 טאפעלס, 12 לוחות.<br>ספּארטא ווערט א מאַכט אין גריכענלאַנד. אין יאָהר 490 האָבען די גריכען א זיעג איבער פּערסיאנער אין מאַריטאָן. א שליח לויפט 20 מייל אָנזאָגען די גוטע בשורה. מאריטאן געלאָף איז יעצט געוואָרען אן אויסדרוק פון גיך לויפען.<br>אין גריכענלאנד ענטוויקעלט זיך קונסט, ליטעראטור און פילאָזאָפיע. עס איז די צייט פון העראָדאטוס דעם היסטאָריקער, סאָפאָקל און עסביל די דראמען שרייבער און סאָקראטוס דעם פילאָזאָף. | אין יאָהר 458 קומט עזרא אין ארץ ישראל. פארשטארקט אידישקייט.<br>אין יאָהר 445 קומט נחמיה אין ארץ ישראל. עזרא לערענט מיט די אידען די פארגעסענע תורה, וואָס איז באקאנט אלס „תורת משה".<br>אין ארץ ישראל ווערט געשאפען דער גרויסער סינאָד, אנשי כנסת הגדולה. זיי הויבען אָן צו שאַפען נייע געזעצען. |
| 400 | סאָקראטוס ווערט פארגיפטעט. פּלאטאָ, זיין תלמיד, שטארבט אין יאָהר 347. אריסטאָטעל שטאַרבט אין 322.<br>אין יאָהר 336 ווערט אלעקסאנדער דער גרויסער, אלכסנדר מוקדין, קעניג פון מאקעדאָניען.<br>פּערסיען ווערט באזיגט פון גריכען. אין יאָהר 336 הויבט אָן אלכסנדר מוקדין זיין היסטאָרישע קאריערע. ער באזיגט פּערסיען, צור, סיריען און ארץ ישראל. דרינגט אריין אין עגיפּטען און גרינדעט דאָרטען די שטאָדט אלעקסאנדריע. נעמט אויף זיין פאטאלע רייזע נאָך אינדיען. שטאַרבט אין יאָהר 323, א יאָהר שפּעטער ווי זיין רבי אריסטאָטעל.<br>די גרויסע אימפּעריע וואָס אלעקסאנדער בויט ווערט צוטהיילט.. | אלעקסאנדער דער גרויסער (אלכסנדר מוקדין) ווערט הערשער פון ארץ ישראל און סיריען אין יאָהר 332.<br>אין יאָהר 301 געהט פּאלעסטינע אריבער צום סיליקער. שמעון הצדיק, דער לעצטער פון כנסת הגדולה. דער תלמוד (תורה של שבעל פה), הויבט זיך אָן.<br>אין ארץ ישראל האָט דער גרויסער אלעקסאנדער געמאַכט א גרויסען רושם. אין מדרש און אין תלמוד זיינען געבליבען פילע לעגענדעס וועגען אלכסנדר מוקדין. אלע קינדער, וועלכע זיינען געבאָרען געוואָרען אין ארץ ישראל, האָט מען א נאָמען געגעבען אלכסנדר.<br>מיט דעם איבערגאנג פון סיריען און ארץ ישראל צו די סיליקעער און פּטעלאמעער (תלמים) הויבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אין ארץ |

| פאר קריסטוס געבורט | אלוועלטליכע היסטאריע |
|---|---|

עגיפטען געהט אריבער צו די
פטעלאמעער, סיריען און ארץ
ישראל צו די סיליקעער.
דער העלעניסטישער (גריכישער)
גייסט פארשפרייט זיך אין אזיען.
300 פטאלאמעאוס (תלמי 2), פילא־
דעלפיוס (געלעבט 247-308) גע־
גרינדעט א גרויסע ביבליאטעק
אין אלעקסאנדריא אין יאהר
284. ער בויט א ליכט הויז אויף
דעם אינזעל פאראס.

אין עגיפטען איז גרויסע פראס־
פעריטי. ער רופט אידען פון
ארץ ישראל איבערצוזעצען דעם
תנך. אנטיוכוס דער גרויסער אין
יאהר 284.

עס הויבט זיך אן די פארצויגענע
מלחמה צווישען רוים און קאר־
טאגא. דער גרויסער העלד הא־
ניבאל מארשירט איבער די אל־
פען בערג אין יאהר 218. אין
יאהר 202 ווערט האניבאל בא־
זיגט.

200 אין יאהר 197 אנטיוכוס באזיגט
די ברעגען פון קליין אזיען.
אין יאהר 149 די דריטע פיני־
קישע מלחמה אנגעפאנגען.
אין 146 קארטאגא באזיגט. רוים
ווערט שטארק.
אין 142 גריכענלאנד אונטער־
יאכט פון רוים.
אין יאהר 134 אויפשטאנד פון
קנעכט אויף סיציליע. די רוימער
הויבען אן צו באזיגען די גאל־
לען אין גאליע (פראנקרייך) אין
יאהר 101.

100 אין יאהר 37 בונט פון גלאדיא־
טארס אין רוים. אין יאהר 66
סיריען ווערט א רוימישע פרא־
ווינץ.
אין יאהר 60 א טריאומוויראט
(הערשאפט פון 3) ווערט געשא־
פען אין רוים פון פאמפעי, צעזאר

## אידישע היסטאריע

ישראל. דער גריכישער גייסט בא־
געגענט זיך מיטן אידישען.
אלעקסאנדריע ווערט א גרויסער
אידישער צענטער. עס הויבט זיך
אן דער רעכענונג וואס איז בא־
קאנט מיטן נאמען „מנין שטרות"
אין 312.

לויט דעם תלמוד און אנדערע
קוועלען איז די איבערזעצונג פון
דעם תנך אונטער פטאלאמעאוס
געמאכט געווארען פון 70 אידען.
די איבערזעצונג איז באקאנט אלס
די „העתקת השבעים". די אי־
בערזעצונג האט געשפילט א גרוי־
סע ראלע אין אידישער ווי אין
וועלטליכער געשיכטע.
אין יאהר 167 אנטיוכוס ניט
ארויס שווערע גזרות געגען אידען.
די קרבנות אין בית המקדש ווע־
רען אפגעשטעלט (בטול התמיד).
אין דעם בית המקדש ווערט גע־
בויט א מזבח פאר גריכישע גע־
טער. אויפשטאנד פון חשמונאים.
אין יאהר 165 האט יהודה
המצביא א גרויסען זיג איבער
אנטיוכוס (25 כסלו ג' תקצוי).
אידען פייערען דאריבער חנוכה.

אלעקסאנדער ינאי, אידישער קע־
ניג און כהן גדול (103-76), בא־
זיגט עזה. האט א נידערלאגע לע־
בען עכו. עס הויבט זיך אן דער
קריג צווישען פרושים און צדוקים.
אין יאהר 63 דרינגט פאמפעי
אריין אין ארץ ישראל. ארץ

פאר קריסטוס געבורט

### אלוועלטליכע היסטאָריע

אין קראססוס. צעזאר (קיסר) באַזיגט פּאָמפּעי אין יאָהר 48.
אין יאָהר 45 יוליאוס צעזאר ווערט דיקטאַטאָר. אין יאָהר 43 ווערט צעזאר ערמאָרדעט. א צווייטער טריאומווויראט ווערט געשאפען פון אנטאָני קלאַוויוס און לעפּידוס. ציצעראָ, דער גרויסער אָראטאָר, ערמאָרדעט. אין יאָהר 27 ווערט אָקטאַוויוס אימפּעראטאָר אונטער'ן נאָמען אגוסטוס (דער גלאָררייכער).

### די נייע צייטצעהלונג

14 אגוסטוס שטארבט.
25 פּאָנטיוס פּילאטוס, רוימישער גובערנאטאָר פון יהודה.
33 קריסטוס ווערט געקרייציגט.
37 קאליגולא, באוואוסט דורך זיין שפּרוך, אז ווען די גאַנצע מענשהייט וואָלט געוועזן פון איין קאָפּ וואָלט ער איהם אָפּגעהאקט, ווערט הערשער פון רוים.
54 נעראָ (נעראָן), באוואוסט מיט רשעות, ווערט רוימישער הערשער.
64 א גרויסער פייער אין רוים.
66 אויפשטאנד פון אידען.

### אידישע היסטאָריע

ישראל פארלירט זעלבסטשטענדיגקייט. הורדוס דער אדומי ווערט הערשער פון גליל. הורדוס, וועמען מען הויבט אָן צו רופען דער גרויסער, ווערט קעניג פון יהודה. ער פארפאָלגט און מאָרדעט אידישע געלערנטע. פון דעם יאָהר 17 ביז 7 בויט איבער דעם בית המקדש צו געפעהלען אידען. בית הלל און בית שמאי.
אין דעם יאָהר 1 אָדער 4 ווערט געבאָרען קריסטוס.
ניט קריסטוס געבורט, ניט זיין לעבען האָבען געמאכט א גרויסען איינדרוק ביי אידען. ער האָט אָנגעהויבען צו פּריידיגען זאכען וואָס ער האָט געהערט פון פּרושים, צווישען די פארשטויסענע פון דער געזעלשאפט.

יאָהרען 41־44. אגריפּוס, קעניג פון יהודה. רבן גמליאל דער ערשטער.

אין יאָהר 66. דער בונט פון אידען.
עס הויבען זיך אָן די גרויסע מלחמות געגען רוים. שמעון בן גיורא, יוחנן פון גוש חלב ווייזען ארוים גרויסע העלדישקייטען. רבי שמעון בן גמליאל, רבי יוחנן בן זכאי, יוסף בן מתתיהו.

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 69 | וועספּאַסיאן (אספּיסינוס), וועלכער האָט באלאגערט פאר איינינגע יאָהר פּאַלעסטינע, ווערט הערשער. | |
| | | אין יאָהר 70 ווערט דער בית המקדש חרוב. |
| 70 | ירושלים חרוב. | |
| 71 | טיטוס הרשע, באוואוסט ביי אנדערע היסטאָריקער אלס דער וואָהלטעטיגער פון מענשליכען געשלעכט, ווערט הערשער. | |
| 95 | עס הויבען זיך אָן פאַרפאָלגונגען געגען קריסטען. | |
| 98 | האדריאן (אנדריאנוס), דער אונטערדריקער פון בר כוכבא'ס אויפשטאַנד, ווערט הערשער. | |
| | | דער בונט פון בר כוכבא ווערט אונטערדריקט אין יאָהר 135. רבי עקיבא בן יוסף ווערט ערמאָרדעט. חורבן ביתר. |
| 138 | 117-138 די הערשאַפט פון אנטאָניוס פּיאוס, א פריינד פון רבי יהודה הנשיא, ווי אנדערע דענקען. | |
| | | 170-254 לעבט דער גרויסער אסטראָנאָמער פון נרדעה, שמואל ירחינאי. |
| 180 | 161-180 די הערשאַפט פון מארק אווריליוס, פילאָזאָף סטאָאיקער. | |
| 163 | קריסטען ווערען שטאַרק פאַרפאָלגט אין רוים. | |
| | | 212. אידען ווערען רוימישע בירגער. |
| 224 | 193-224 סאָלדאַטען הערשאַפט אין רוים. די פארפאָלגונגען פון די קריסטען פארשטארקען זיך. | |
| 330 | קריסטענטום אָנגענומען אלס שטאאטס רעליגיע. | עס האָבען געלעבט די גרויסע אמוראים אביי און רבא. |
| 361 | די הערשאַפט פון דזשוליאן דעם אפּיקורס. וויל אויסבויען דעם אידישען בית המקדש. | |

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 364 | רוימישע אימפעריע צוטהיילט. | אין יאָהר 365 שטאַרבט הלל דער צווייטער. עס ווערט אָנגענומען די נייע אידישע צייטרעכענונג, אויסגעאַרבייט פון אריפמעטישע כללים (דער נייער לוח). |
| 375 | די הונען דרינגען אריין אין רוים. | |
| 395 | די רוימישע אימפעריע ווערט אין גאַנצען צוטהיילט אויף ביזאַנט און מערב רוים. | |
| 410 | אלאַריק פון די וועסט גאָטהען (דייטשע שבטים) דרינגט אריין אין רוים. | |
| | | אין יאָהר 425 ענדיגט זיך די אידישע נשיאות (הערשאַפט איבער רעליגיעזע ענינים). |
| 475 | ראָמולוס אגוסטוס דער לעצטער קיסר פון רוים. | |
| 476 | רוים הערט אויף צו זיין א אימפעריע. עס הויבען זיך אָן די פינסטערע יאָהרען פון מיטעלאַלטער. | |
| | | אין יאָהר 495 פאַרענדיגט זיך דער תלמוד בבלי. |
| 565 | יוסטין קיסר פון ביזאַנט. ער פאַרעפענטליכט זיין געזעץ בוך, קאָוד יוסטין. | |
| 570 | מחמד (מאַהאָמעד) ווערט געבאָרען. | |
| | | 598. עס הויבט זיך אָן די תקופה פון גאונים. די תקופה ענדיגט זיך אין 1038. |
| 622 | דער איסלאַם, מחמעדאַנישע רעליגיע, הויבט זיך אָן. מיט דעם אנטלויפען פון מחמד פון מעקקא און מעדינא „הגירה" (וואַנדערונג) הויבט זיך אָן די מחמעדאַנישע צייטרעכענונג. | |
| | | 633. ירושלים ווערט באַזיגט פון אראַבער. |
| 637 | די אראַבער באַזיגען סיריען. | |

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע |
|---|---|
| 800 | טשארלעמאן (קארל דער גרויסער) ווערט געקרוינט אלס דער קיסר פון וועסט. ער שטאַרבט אין יאָהר 814. |
| 843 | די מלוכה פון קארל דעם גרויסען ווערט צוטהיילט צווישען די קינדער פון לודוויג (דער זוהן פון קארל דעם גרויסען): 1) צענטראל מלוכה מיט איטאַליען; 2) די איסט מלוכה מיט דייטשלאנד; 3) די וועסט מלוכה מיט פראנקרייך. |
| 862 | רוריק ווערט קעניג פון רוסלאנד. |
| 900 | געשטאָרבען דער קעניג פון וועסעקס, ענגלאנד, אלפרעד דער גרויסער. געבאָרען אין יאָהר 848. |

## אידישע היסטאָריע

760. קאַראימען טיילען זיך אָפּ פון אידען.

942. יאָהרצייט פון גרויסען אידישען פילאָזאָף רבי סעדיה גאון. געבאָרען אין יאָהר 892.

961. יאָהרצייט פון אידישען שטאַאטסמאן, רבי חסדאי אבן שפרוט. געבארען אין 912.

965. די מלוכה פון כוזרים, וואָס האָט אָנגענומען די אידישע אמונה, געפאלען.

1040. יאָהרצייט פון רבי גרשון מאור הגולה. באוואוסט דורך זיינע תקנות. געבאָרען אין יאָהר 960.

1055. יאָהרצייט פון רבי שמואל הנגיד, פּאָעט און שטאַאטסמאן. געבאָרען אין יאָהר 993.

1070. יאָהרצייט פון גרויסען פּאָעט און פילאָזאָף רבי שלמה בן גבירול. געבארען אין יאָהר 1020. זיינע פילאָזאָפישע ווערק האָבען זיך געוואלגערט אין א לאטיינישער איבערזעצונג און זיינען ערשט באקאנט געוואָרען דורכ'ן אידישען געלערטען מונק אין דעם 19טען יאָהרהונדערט.

| די גייע ציימצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 1095 | די קרייצציגע הויבען זיך אָן. דער ווילדער פּעטער צורייצט דעם המון מען זאָל ראטעווען ירושלים און דעם קבר פון קריסטוס פון אונגלויביגע. די קרייצציגער פּאָגראָמירען פילע אידישע געמיינדעס. | |
| 1099 | קרייצציגער נעמען ירושלים. | |
| | | 1105. יאָהרצייט פון דעם גרויסען קאָמענטאטאָר פון תנך און תלמוד רבי שלמה בן יצחקי, „רש"י". געבאָרען אין יאָהר 1040. |
| | | 1140. יאָהרצייט פון גרויסען פּאָעט רבי יהודה הלוי. געבאָרען 1070. |
| | | 1167. יאָהרצייט פון גרויסען ביבעל - פאָרשער, פילאָזאָף און פּאָעט רבי אברהם אבן עזרא. ער האָט געגלויבט אין מזל און ער אליין האָט געהאט א זייער פינסטערען מזל. געבארען 1092. |
| 1187 | סאלאדין (צלה-אל-דין) נעמט אָפּ ירושלים פון די קרייצציגער. | |
| 1215 | אין ענגלאנד ווערט ארויסגעגעבען די מאגנא טשארטא (דער גרויסער טשארטער פון פאָלקס רעכטע). | |
| 1236 | טארטארען דרינגען אריין אין רוסלאנד און רוסלאנד ווערט אונטעריאָכט. | |
| | | 1204. יאָהרצייט פון באריהמטען פילאָזאָף און תלמודישער געלערנטער, רבי משה בן מימון, רמב"ם. געבארען אין יאָר 1135. |
| | | 1270. געשטאָרבען דער אידישער געלעהרנטער און גרינדער פון דעם נייעם ישוב אין ארץ ישראל, רבי משה בן נחמן-רמבן. געבארען אין יאָהר 1194. |
| | | 1300. ענטדעקט געווארען דער מיסטישער ספר, דער זוהר. |
| 1348 | עס הויבט זיך אָן די שווארצע מגפה. מען באשולדיגט אידען, | |

די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע

אז זיי פארגיפטען די ברונימער מיט וואסער. אידען לײדען אי פון דער מגפה, אי פון שרעקליכע פארפאָלגונגען.

1431 די פראנצויזישע פאטריאָטקע, זשאן ד'ארק (די מיידעל פון אָר־לעאנס), ווערט פארברענט פון ענ־גלענדער. זי ראטעוועט אָבער פראנקרייך. זי ווערט באשולדיגט אין כשוף.

1415 דזשאן הוסס, רעליגיעזער רעפאָר־מאטאָר, ווערט פארברענט.

1450 יאהן גוטענבערג ערפינדעט די קונסט פון דרוק.

1453 טערקען נעמען קאָנסטאנטינאָ־פאָל.

1492 קאָלומבוס ענדעקט אמעריקא.

1498 ענדעקט א וועג צו איסט אינדיען (א לאנג יעהריגער חלום) דורך דעם פאָרטוגעזער וואסקא דע גאם.

1517 מארטין לוטער (געבאָרען 1483, געשטאָרבען 1546), דער דייטשער רעפאָרמאטאָר, טרעט אויף מיט זיינע טעזיסען אין ווארמס.

אידישע היסטאָריע

1410. יאָהרצייט פון פילאָזאָף, וועלכער האָט געהאט א וויר־קונג אויף שפינאָזא, ר' חסדאי קראשקאש. געבארען 1330.

אידען זיינען ארויסגעטריבען גע־וואָרען פון שפאניען.

1516. טערקען נעמען ארץ־ישראל.

1532. רבי שלמה מולכו, א זוהן פון גע'שמדטע עלטערען, וועלכער איז געווארען א פייערדיגער איד, און דוד הראובני, א איד פון אראביען, טרעטען אויף פאר דעם פאבסט און קעניגע מיט א פראָ־יעקט אָבצונעמען ארץ ישראל פון די טערקען. שטארבען אויף קידוש השם.

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 1535 | די אנגליקאנער טשוירטש גע־גרינדעט. | |
| 1603 | ענגלאנד פאראייניגט זיך מיט סקאָטלאנד. | |
| 1600 | דזשיאָרדאנאָ ברונאָ ווערט פאר־ברענט פאר אפיקורסות. | |
| 1613 | די דינאסטיע פון די ראָמאנאָווס ווערט עטאבלירט אין רוסלאנד. | |
| 1616 | שעקספיר, דער בארימטער ענג־לישער דראמאטורג, שטארבט. געבאָרען 1564. | |
| 1618 | עס הייבט זיך אָן דער 30 יעה־ריגער קריג. דער קריג איז געווען א רייהע פון מלחמות אין דייטשע לענדער, עסטרייך, שוועדען, שפאניען און פראנקרייך. אָנגעפאנגען האָט זיך דער קריג אין פראג, באָהעמיא (טשעכאָסלאָוואקיא) צוליב רעליגיעזער אונטערדריקונג פון פראָטעס־טאנטען. עס זיינען געווען אבער וויכטיגע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראגען פארוויקעלט. געענדיגט האָט זיך דער קריג מיט דעם פרידען אין איטאליען, אין 1648. פּראָטעסטאנטיזם איז ניט פארניכטעט געוואָרען, ווי די קאַטוילישע לענדער האָבען גע־וואָלט. | |
| 1618 | די מאנדזשוס ווערען די דינאס־טיע אין כינא. | |
| 1620 | די פּילגרימען קומען אין אמערי־קא אויף דער שיף „מעיפלאוער". | |
| 1642 | רעוואָלוציע ברעכט אוים אין ענג־לאנד. א קריג צווישען די פּאר־לאמענטאריער און ראָיאליסטען, שטיצער פון קארל דעם ערשטען. | |
| 1645 | די פארלאמענטארישע ארמיי אָפּ־געהאלטען א זיעג. קארל אנט־לויפט פון סקאָטלאנד. מען גיט איהם אָבער ארויס. | |

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| | | 1648 ברעכט אוים די אוקראַינישע שחיטה אויף אידען, גזרת ת"ח, |
| 1649 | דער ענגלישער קעניג טשארלס דער ערשטער ווערט הינגעריכטעט פון רעוואָלוציאָנערען. | |
| 1653 | אָליווער קראָמוועל (1599-1658) ווערט לאָרד פּראָטעקטאָר פון 3 רעפּובליקען: ענגלאַנד, סקאָטלאנד און אירלאַנד. צוטרייבט דעם פּארלאמענט און פיהרט די הערשאַפט מיט אן אייזערנער האנד. זיין נאָכפאָלגער, ריטשארד קראָמוועל, געווען א שוואכער הערשער. | |
| | | 1657. יאָהרצייט פון מקובל און שטאַאטסמאַן רבי מנשה בן ישראל, וועלכער איז אויפגעטראָטען פאר דעם ענגלישען פּראָטעקטאר קראָמוועל צו ערלויבען אידען קומען קיין ענגלאַנד. געבאָרען אין יאָהר 1604. |
| 1660 | טשארלס דער צווייטער ווערט קעניג פון ענגלאַנד. די סטואַרטס ווערען צוריק הערגעשטעלט. | 1676. עס שטארבט דער פאלשער משיח שבתי צבי. געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1626. ער האָט זיך פּראָקלאַמירט אלס משיח און האָט געפונען אן אָפּקלאַנג אין פילע אידישע לענדער. זיינע חסידים האָבען ניט אויפגעהערט צו גלויבען אין איהם נאָכדעם, ווען ער האָט אָנגענומען אפילו דעם מאַכמעדאַנישען גלויבען. |
| | | 1676. יאָהרצייט פון גרויסען פילאָזאָף ברוך שפינאָזא. געבאָרען אין יאָהר 1632. שפינאָזא איז פאַררעכענט פאר דעם גרעסטען פילאָזאָף פון דער נייער צייט. באַגרינדער פון פאַנטהעאיזם, די לע־ |

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| | | רע וואָס זאָגט, אז גאָט און וועלט איז איינס. |
| 1688 | א בלוטלאָזע רעוואָלוציע אין ענגלאנד. וויליאם פון ארענדזש ווערט קעניג אין ענגלאנד. די מאַכט פון פארלאמענט הויבט אָן צו ווערען שטאַרקער. | |
| 1683 | טערקען פארטריבען פון די טויערען פון וויען. | |
| 1689 | פּיאָטר דער גרויסער (געבאָרען 1672, געשטאָרבען 1725) פארכאפּט די מאַכט אין רוסלאנד. זיין שוועסטער סאָפיא פארשפּארט ער אין מאָנאסטיר. מיט אן אייזערנער האנד מאַכט פּיאָטר רוסלאנד פאר א ציוויליזירטע לאנד. „פּיאָטר האָט מיט אזיאַטישע מיטלען געמאַכט רוסלאנד אייראָפּעאיש", דריקט זיך אויס מארקס. אין 1703 גרינדעט ער די נייע הויפּטשטאָדט פּעטערסבורג. | |
| | | 1701. אן עמיגראַציע פאנגט זיך אָן פון דעם שעדליצער רב, רבי יהודה החסיד, מיט נאָכפאָלגער נאָך ארץ ישראל. די עמיגראַנטען ליידען שרעקליכע צרות און נויט. ווען זיי קומען אין ארץ ישראל, שטאַרבען פילע פון הונגער. |
| 1709 | די מלחמה לעבען פּאָלטאַווא. פּיאָטר באזיגט שוועדען. | |
| | | 1716. א שרעקליכער פּאָגראָם קומט פאָר אויף אידען אין פּאָזען. |
| 1740 | פרידריך דער גרויסער ווערט קעניג אין פּרייסען (געבאָרען 1712, געשטאָרבען 1786). שלעכטער פּאָעט, נאָך ערגערער פילאָזאָף, אָבער א גוטער סאָלדאַט. געווען באפריינדעט מיט וואָלטער'ן. געפיהרט דעם 7 יעהריגען קריג פון 1756 ביז 1763. פּרייסען ווערט א מאַכט. באקומט פּוילישע שלעזיען. | |

| אלוועלטליכע היסטאָריע | די נייע צייטצעהלונג |
|---|---|
| די ערשטע צוטיילונג פון פוילען. | 1772 |
| אמעריקאַנער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעפאַנגען. | 1774 |
| פארעפענטליכט די „דעקלערעי־שאָן אָוו אינדעפּענדענס״. | 1776 |
| די פאַראייניגטע שטאַאטען שלי־סען שלום מיט ענגלאַנד. | 1783 |

### אידישע היסטאָריע

1747. עס שטאַרבט דער גרוי־סער פּאָעט און מקובל, משה חיים לוצאַטאָ. מיט איהם הויבט זיך אָן דער ווידערגעבורט „רענע־סאַנס״ פון דער נייער העברייאי־שער ליטעראַטור. זיינע ספרים „מגדל עוז״ און „לשירים תהלה״ זיינען וויכטיגע פּאָעטישע ווערק. באַריהמט אויך אלס מקובל און בעל מוסר. געבאָרען אין 1707. א לעבען פול מיט דראַמאַטישע פּאַסירונגען.

1758. געשטאָרבען רבי ישראל בעל שם טוב „בעשט״, דער גרינ־דער פון דער סעקטע חסידים. א פאָלקס־מענש פול מיט ענטוזיאַזם און פאָלקס־ליבע. געבאָרען אין יאָהר 1698.

1786. יאָרצייט פון משה מענ־דעלסאָן, דעם פּאָעטער פון אידישער השכלה. פילאָזאָף און געשעפטס־מאַן. גרויסער פריינד פון לעסינג, פון וועמען ער איז פאַראייביגט אין „נתן דער חכם״ מענדעלסאָן האָט אויפגעטאָן, אז דער תנ״ך זאָל איבערזעצט ווערען אין דייטש, און האָט געהאָלפען שאַ־פען א נייעם „ביאור״ אויף תנ״ך. זיין רעפּוטאַציע איז געווען גרויס צווישען אלע שיכטען פון דייטשען פאָלק. ער איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1729. ער איז געווען האָרבעוואַטע. א גרויסער דייטשער און העברייאישער שרייבער; מען האָט איהם גערופען דער אידישער סאָקראַטוס.

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| 1789 | פראנצויזישע רעוואָלוציע ברעכט אויס. | |
| | | 1791. די פראנצויזישע רעוואָלוציע גיט אידען גלייכע רעכטע. |
| | | 1797. יאָהרצייט פון ווילנער גאון רבי אליהו מווילנע. זיין גאונות איז געווען איבעראל באוואוסט. ער איז געווען ניט נאר א תלמודיסט, נאָר אויך א גרויסער מאטעמאטיקער. ער האָט אָנגעפאנגען א גרויסען קאמף געגען חסידים. געבאָרען 1720. |
| | | 1798. יאָהרצייט פון רבי אליהו הינדעס ספרא ודינא פון ווילנער גאון. געחתמעט אויף אלע חרמות געגען חסידים מיט'ן נאָמען רבי אליהו ב"ר מרדכי. זיין זוהן רבי זלמן איז געווען פון די ערשטע חסידים. |
| 1800 | פרעזידענט דזשעפערסאָן קויפט פון פראנקרייך, לואיזיאנא, וואָס פארגרעסערט באדייטענד די פאראייניגטע שטאאטען, פאר דעם פרייז פון 80 מיליאָן פראנק. | |
| | | 1807. נאפאָלעאָן רופט צוזאמען דעם אידישען סנהדרין. |
| 1812 | נאפאָלעאָן דרינגט אריין אין רוסלאנד. | |
| | אמעריקא פיהרט קריג מיט ענגלאנד. | |
| 1815 | די מלחמה אין וואטערלאָ מאכט אן ענדע צו נאפאָלעאָנ'ס קאריערע. ער ווערט פארשיקט אויף דעם אינזעל העלענא. | |
| 1825 | אויפשטאנד פון דעקאבריסטען אין רוסלאנד. | |
| | | 1825. אן אמעריקאנער איד, עמאנואל נח קומט ארויס מיט א פראָיעקט צו געבען אידען א טעריטאָריע אין אמעריקא. |
| 1830 | א רעוואָלוציע אין פאריז געגען די בורבאָנען. | |

## די נייע ציטצעהלונג — אלוועלטליכע היסטאָריע

עס ווערט פאַרעפענטליכט דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט.

1848 עס ברעכען אויס רעוואָלוציעס אין פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, אונגארען און איטאַליען. די רעוואָלוציעס ברייננען רעפאָרמען, אָבער זיי ווערען אונטערדריקט.

1864 יאָהרצייט פון פערדינאנד לאַסאַל 1825-1864. פיהרער פון דייטשע ארבייטער. גרינדער פון ארבייטער פאראיין אין דייטשלאנד. שטאאטסמאן און אָראַטאָר.

1865 סוף פון אמעריקאנער בירגער קריג. לינקאָלן ווערט ערמאָרדעט אפריל דעם 14טען.

1870 קריג צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך. דייטשלאנד פאראייניגט. ווילהעלם דער ערשטער געקרוינט אלס קייסער פון דייטשלאנד.

1871 די פאַריזער קאָמונע פּראָקלאַמירט דעם 18טען מארטש. פראנקרייך ווערט א בירגערליכע רעפּובליק.

1877 קריג צווישען רוסלאנד און טערקיי.

1881 אלעקסאנדער דער צווייטער דערהרג'עט פון רעוואָלוציאָנערען דעם 12טען מארטש. פרעזידענט גארפילד ערמאָרדעט דעם 2טען דזשוליי.

סאָפיע פעראווסקי זשעליאבאוו און אנדערע העלדישע נאראָדנאָוואָלצעס הינגעריכטעט.

## אידישע היסטאָריע

1840. די וועלט ווערט אויפגערודערט פון אן עלילת דם אין דמשק, סיריען. די באשולדיגטע אידען האָט מען אנגעטאָן גרויסע יסורים.

1848. אידען קריגען בירגעררעכטע אין פילע דייטשע לענדער.

1856. געשטאָרבען דער דייטשער ליריקער און דענקער, היינריך היינע. געבאָרען 1798.

1860. געגרינדעט אין פאריז דער „אליאנץ” כל ישראל חברים.

1875. משה העסס, באוואוסטער סאָציאליסט, מחבר פון „רוים און ירושלים”, שטארבט. געבארען 1812.

1881. פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאנד. עמיגראציע נאָך אמעריקא פארשטארקט זיך.

**די נייע צייטצעהלונג — אלוועלטליכע היסטאָריע**

1882 געשטאָרבען דער באוואוסטער נאטור-פאָרשער טשארלס דארווין. געבאָרען 1809.

1883 יאָהרצייט פון קארל מארקס. געבאָרען 1818.

געשטאָרבען דער רוסישער שרייבער טורגעניעוו. געבאָרען 1818.

1886 די „סטאטוע פון פרייהייט" אויפגעדעקט אין ניו יאָרק אויף דעם אינזעל בעדלא אין דער אנוועזענהייט פון א מיליאָן מענשען.

1888 ווילהעלם דער צווייטער ווערט קייסער פון דייטשלאנד.

1894 א קריג צווישען כינע און יאפאן. יאפאן זיגרייך.

רוסלאנד הויבט זיך אָן צו רוקען אין מאנדזשוריע.

פראנצויזישער פרעזידענט קארנאָ ערמאָרדעט.

דער אידישער קאפיטאן דרייפוס פון פראנקרייך דעגראדירט און פארשיקט אויף דעם טייפעל אינזעל צוליב א פאלשער באשולדיגונג.

1895 יאָהרצייט פון פרידריך ענגעלס 1820-95. פריינד פון מארקס.

1897 געשטאָרבען הענרי דזשאָרדזש, דער אמעריקאנער עקאָנאָמיסט און רעפאָרמער, באגרינדער פון סינגעל טעקסעס. געב. 1839.

1898 שפאניש-אמעריקאנער קריג.

**אידישע היסטאָריע**

1882. אנגעקומען אין אמעריקא די באלטער גרופע אידישע עמיגראנטען. צווישען זיי אייב קאהאן.

די ערשטע בילו'צעם געפאָרען קיין ארץ ישראל.

1885. געשטאָרבען דער העברעאישער שרייבער סמאלענסקין.

1886. געשטאָרבען דער באוואוסטער פילאנטראָפ משה מאנטעפיאָרע אין עלטער פון 101 יאָהר.

1891. געשטאָרבען דער באוואוסטער אידישער היסטאָריקער היינריך גרעץ. געבארען 1817.

געשטאָרבען לעאָן פינסקער, מחבר פון „אויטאָעמאנציפאציע". געבאָרען 1821.

1891. ס'הויבט זיך אָן צו אנטוויקלען אידישע קאָלאָניזאציע אין ארגענטינא פון באראן הירש.

1896. באראן מאריץ הירש שטארבט. ער האָט אויסגעגעבען מיליאָנען אויף צדקה אין אלע לענדער. געבארען 1821.

1897. ציוניסטישער קאָנגרעס אין באזעל.

דער ערשטער צוזאמענפאָהר פון „בונד".

| די נייע צייטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע |
|---|---|
| 1889 | קריג צווישען ענגלאנד און די בורען אין זיד אפריקא. |
| 1900 | באָקסער בונט אין כינע. |
| | קעניג הומבערט פון איטאליע דערשאָסען. |
| 1905 | פּרעזידענט מעקקינלי ערמאָרדעט דעם 6טען סעפּטעמבער. |
| 1902 | געשטאָרבען עמיל זאָלא, בארימטער פראנצויזישער שרייבער. ארויסגעקומען פאר דרייפוס'ן אין יאָהר 1898 מיט זיין בארימטען אָפענעם בריף „איך באשולדיג". געבאָרען 1840. |
| | הינגעריכטעט געוואָרען לעקערט. |
| 1904 | רוסיש-יאפּאנעזישער קריג. |
| 1905 | די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאנד. |
| 1905 | צאר פּראָקלאמירט מאניפעסט פון פרייהייט דעם 30טען אָקטאָבער. פּאָגראָמען אויף אידען אין 200 שטעדט פאָלגען נאָך. |
| 1906 | די רוסישע דומא עפענט זיך. |
| 1908 | יאָהרצייט פון גערשוני 1908-1870. |
| 1910 | די פאראייניגונג פון זיד אפריקא עטאבלירט. |
| 1912 | באלקאנישע מלחמה. |
| 1913 | יאָהרצייט פון בעבעל. 1913-1840. פיהרער פון דייטשע סאָציאל-דעמאָקראטען. |
| 1914 | עסטרייכישער גרויס פירסט פראנציס ערמאָרדעט. דעם 1טען אויגוסט ברעכט אויס די גרויסע וועלט מלחמה. |
| | זשאָרעס 1914-1859 ווערט ערמאָרדעט פון א פראנצויזישען שאָוועניסט. |
| 1917 | צאר ניקאָלאי דער צווייטער זאָגט זיך אָפּ פון טראָן מארטש דעם |

אידישע היסטאָריע

1903. קישינעווער פּאָגראָם, אפּריל 19-21. פּאָגראָם אין האָמעל דעם 11טען סעפּטעמבער.

1904. יאָהרצייט פון טעאָדאָר הערצל, פאָטער פון פּאָליטישען ציוניזם. געבארען 1860.

1906. פּאָגראָמען אין ביאליסטאָק, סעדליץ און האָמעל.

1912. אמעריקא ברעכט אָב האנדעלס אָבמאך מיט רוסלאנד. צוליב דעם וואָס רוסלאנד לאָזט ניט אריין אמעריקאנער בירגער.

1913. עס קומט פאָר דער טרויעריג-בארימטער בייליס פּראָצעס פון עלילת דם.

1915. יאָהרצייט פון י. ל. פּרץ. געבארען 1851.

1916. יאָהרצייט פון שלום עליכם. געבארען 1859.

1917. דער ענגלישער שטאאטסמאן באלפור גיט ארויס א דעקלא-

| די נייע ציטצעהלונג | אלוועלטליכע היסטאָריע | אידישע היסטאָריע |
|---|---|---|
| | 15טען. די רוסישע רעוואָלוציע ברעכט אוים. אמעריקא ערקלערט קריגט די צענטראַלע מעכטע. | ראציע צו שאפען אין ארץ ישראל א אידישע היים. |
| 1917 | יאָהרצייט פון פּלעכאנאוו. 1917-1837. | 1917. געשט. מענדעלי מוכר ספרים, שלום יעקב אבראמאָוויץ. געבארען 1830. |
| 1918 | וואפענשטילשטאנד ערקלערט דעם 11טען נאָוועמבער. דייטשלאנד ווערט א רעפּובליק. פּוילען ווערט צוריק אויפגעשטעלט אלס רעפּובליק. עס גרינדען זיך די רעפּובליקען טשעכאָסלאָוואקיע, אונגארען און עסטרייך. | |
| 1919 | די שלום קאָנפערענץ פאָרמאל געעפענט אין ווערסאל. דער שלום ווערט אונטערגעשריבען דזשון דעם 28טען. אמעריקאנער סענאט ווארפט צוריק דעם שלום אָפּמאך דעם 19טען נאָוועמבער. | 1919. פּוילישע סאָלדאטען מאכען א פּאָגראָם אויף אידען אין ווילנע. דער באוואוסטער שרייבער ווייטער, אברהם דעווענישסקי, ווערט דער'הרגעט. אין לידא א פּאָגראָם מיט פילע הרוגים. מארגענטוי פארטיידיגט די פּוילישע רעגירונג. |
| 1920 | די נאציאָנען ליג, די ליג אָוו נעישאָנס, ווערט געגרינדעט אלס רעזולטאט פון ווערסאליער פרידען. די גרינדונג מיט פאָרשטעהער פון 13 נאציאָנען קומט פאָר דעם 10טען יאנואר. די ערשטע זיצונג קומט פאָר אין נאָוועמבער מיט פאָרשטעהער פון 45 נאציאָנען.<br>ערד-ציטערניש אין כינע, אין דעצעמבער. | |
| 1921 | אמעריקא שליסט א באזונדער שלום מיט דייטשלאנד און עסטרייך.<br>פאשיסטען ווערען טהעטיג אין איטאליע. | |
| 1922 | דער איירישער פריער שטאאט ווערט געגרינדעט דעם 6טען דעצעמבער.<br>מוסאָליני גרינדעט א פאשיסטישע רעגירונג אין איטאליע. | 1922. שטארבט דער באוואוסטער אידיש-העברעאישער שרייבער דוד פרישמאן.<br>געשטאָרבען דער באוואוסטער שרייבער און דענקער מאקס נארדאָו. באוואוסט אויך אלס טהעטיגער ציוניסט. געבארען 1849. |
| 1924 | יאָהרצייט פון מארטירער מאטעאָטי, 1924-1885. ערמאָרדעט פון מוסאָלינים פאשיסטען. | |

**די נייע צייטצעהלונג — אַלוועלטליכע היסטאָריע**

1923 פראַנצויזישע און בעלגישע טרופּען פאַרנעמען די רוהר געגענד אין דייטשלאַנד.

יאָהרצייט פון לענין. 1870-1924.

1924 דייטשלאַנד נעהמט אָן דעם פּלאַן פאַר רעפּאַראַציעס, אויסגעאַרבייט פון די אמעריקאַנער דאַוז און יאָנג.

1925 עס ווערט ראַטיפיצירט דער אָפּמאַך פון די 9 מעכטע אויסגעאַרבייט אין וואַשינגטאָן.

1926 דייטשלאַנד ווערט צוגעלאָזען צו דער נאַציאָנען ליג איינשטימיג.

1927 לינדבערג פליהט איינער אליין איבער דעם אַטלאַנטיק. ער מאַכט די רייזע פון ניו יאָרק נאָך פּאַריז אין 36 שעה.

1928 דער ערשטער פינף - יעהריגער פּלאַן הויבט זיך אָן אין רוסלאַנד.

1929 קראַך אויף וואָל סטריט. עקאָנאָמישער און פינאַנציעלער קריזיס פאַרשפּרייט זיך אין די מייסטע לענדער פון דער וועלט.

1931 דעם 21טען סעפּטעמבער געהט ענגלאַנד אַרונטער פון גאָלד סטאַנדאַרד.

יאַפּאַן אָרגאַניזירט אַ נייעם שטאַאַט מאַנטשוקאָ.

1933 אַדאָלף היטלער ווערט דייטשער קאַנצלער, דעם 30טען יאַנואַר. דעם 27טען פעברואַר ווערט פאַרברענט דער רייכסטאַג אין בערלין. דעם 14טען מאַרטש האָבען די דייטשע נאַצים אַ גרויסען זיג. היטלער פאַרבאָט אַלע פּאַרטייען. דעם 2טען מאַי פאַרכאַפּט ער אַלע יוניאָנס. עס הויבט זיך אָן דער טעראָר אין דייטשלאַנד געגען מאַרקסיסטען און אידען.

פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט ווערט פּרעזידענט.

**אידישע היסטאָריע**

1923. יאָהרצייט פון מעדעם. 1879-1924. לעגענדע פון דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג.

1924. געשטאָרבען יצחק אייזיק הורוויטש, באַוואוסטער עקאָנאָמיסט און פּובליציסט.

געשטאָרבען דער באַוואוסטער קריטיקער בעל מחשבות.

1926. יאָהרצייט פון פאָלקס־ליבלינג און קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן. געבאָרען 1871.

1926. געשטאָרבען דער באַוואוסטער שרייבער איזראַיל זאַנגוויל. געבאָרען 1864.

1927. געשטאָרבע ןדער באַוואוסטער דענקער אחד העם. געבאָרען 1854.

1929. געשטאָרבען דער באַוואוסטער כלל טוער לואיס מאַרשאַל. געבאָרען 1856.

אַ שרעקליכער פּאָגראָם קומט פאָר אין ארץ ישראל. הונדערטע הרוגים. לאָרד פּאַספילד, קאָלאָניאַלער מיניסטער אין דער ענגלישער אַרבייטער רעגירונג (באַוואוסטער היסטאָריקער פון דער ענגלישער אַרבייטער באַוועגונג) פאַרעפענטליכט אַ רעפּאָרט, אין וועלכען ער זאָגט אַרויס די מיינונג, אַז אין ארץ ישראל דאַרפען צוערשט אַבגעהיט ווערען די אינטערעסען פון די אַראַבישע פעלאַכען. אידישע דעמאָנסטראַציעס אין פילע לענדער.

# די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע

## וויכטיגע דאַטען און פאַקטען

### 1917 — מאָנאַט מאַרטש

7 אין פעטראָגראַד פאַנגען זיך אָן אומרוהען און דעמאָנסטראַציעס. די רעוואָ־לוציע פאַנגט זיך אָן.

8 איבער פעטראָגראַד פאַרשפּרייט זיך א סטרייק כוואַליע. עס סטרייקען יענעם טאָג 131 פאַבריקען מיט 158,581 ארבייטער.

8 עס קומען פאָר די ערשטע בלוטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען דער פּאָליציי און די פילע טויזענדער דעמאָנסטראַנטען. די מיליטערישע פּאַטרולען האַלטען זיך נייטראַל.

11 ניקאָלאַי לאָזט פאַנאַנדער די דומאַ. אין זעלבען טאָג פאַלט אין פעטראָגראַד די וויבאָרגער טורמע.

11 געגרינדעט דער פעטראָגראַדער ראַט פון ארבייטער דעפּוטאַטען.

13 דאָס מיליטער שטעהט צו צו דער רעוואָלוציע. גענומען די שליסעלבורגישע פעסטונג. פון די פעטראָגראַדער טורמעס ווערען באפרייט פּאָליטישע ארעס־טירטע. עס ווערען ארעסטירט פילע צארישע מיניסטאָרען.

13 דער ראַט פון ארבעטער און סאָלדאַטען דעפּוטאַטען פאַרעפענטליכט דעם באוואוסטען „פּריקאַז (באפעהל) נומער 1", לויט וועלכען דער ראַט נעמט איבער די גאַנצע דעה איבער מיליטערישע ענינים.

13 אין מסאקווע שטעהט צו דאָס מיליטער צו דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

15 ניקאָלאַי דער צווייטער זאָגט זיך אָפּ פון טראָן.

15 די גרינדונג פון דער צייטווייליגער רעגירונג.

17 דער יוסטיץ מיניסטער קערענסקי פאַרעפענטליכט א דעקרעט וועגען אמנעסטיע פאַר אלע פּאָליטישע און רעליגיעזע פאַרברעכער.

17 אלע גובערנאַטאָרען, זשאַנדאַרמען און פּאָליציי באאַמטע פון גאַנצען לאַנד ווערען ענטזאָגט פון זייערע שטעלעס.

18 פאַרניכטעט די פעטראָגראַדער אָכראַנע.

19 אָפּגעשאַפען אלע באגרעניצונגען געגען אידען אין רוסלאַנד.

21 ניקאָלאַי און די צאַריצע ווערען ארעסטירט.

23 לויט א באשלוס פון ראַט פון ארבייטער און סאָלדאַטען ווערט איינגעפיהרט אַן 8־שטונדיגער ארבייטס טאָג.

25 די צייטווייליגע רעגירונג לאָזט ארויס א דעקרעט וועגען אָפּשאַפען טויט־שטראָף.

27 סטאַלין, דער צוקונפטיגער דיקטאַטאָר, קומט צוריק פון זיין פאַרשיקונגס פּלאַץ אין סיביר.

27 דער ראַט פון ארבייטער און סאָלדאַטען פון פעטראָגראַד פאַרעפענטליכט אַן אויפרוף צו „די פעלקער פון דער וועלט" פאַר א שלום אָהן אנעקסיעס און קאָנטריבוציעס.

27 די צייטווייליגע רעגירונג פאַרעפענטליכט אַן אויפרוף צום פּוילישען פּאָלק, וואו עס ווערט אנערקענט די פולע אונאָפּהענגיגקייט פון פּוילען.

## מאָנאַט אפּריל — 1917

1 צערעטעלי, דער פיהרער פון די מענשעוויקעס אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, קומט צוריק פון זיין פארשיקונג אין סיביר.

5 אָפּגעשאַפט אלע נאציאָנאלע און רעליגיעזע באגרענעצונגען.

13 ג. וו. פּלעכאנאָוו, דער גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער פּארטיי און דער בארימטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער, קומט צוריק קיין רוסלאנד, נאָך אן אפּוועזענהייט פון כמעט 40 יאָהר.

16 ניקאָלאי לענין (אוליאנאָוו) קומט צוריק קיין רוסלאנד. מיט איהם צוזאמען קומט אויך זינאָוויעוו און נאָך באָלשעוויסטישע טהוער, וועלכע האָבען זיך ביז איצט געפונען אין עמיגראציע.

18 דער מיניסטער פון אויסלענדישע ענינים אין דער צייטווייליגער רעגירונג, מיליוקאָוו שיקט צו אלע בונד־מלוכות א נאָטע־ וואו ער ערקלערט, אז רוסלאנד וועט פיהרען די מלחמה ווייטער ביז „אן ענדגילטיגען זיעג און א פעסטען שלום", און זי וועט שטרענג אָפּהיטען אלע התחייבות'ן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אויף זיך גענומען בנוגע דער מלחמה. אין פּעטראָגראד און אין אנדערע שטעדט קומען פאָר דעמאָנסטראציעס אלס פּראָטעסט געגען מיליוקאָוו'ס נאָטע.

19 אָנגעקומען פון עמיגראציע דער פירער פון סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען וויקטאָר טשערנאָוו.

27 די בירגערליכע עלעמענטען פון רוסלאנד אָרגאניזירען געגען דעמאָנסטראציעס אויסדריקענדיג פולען צוטרויען צו דער צייטווייליגער רעגירונג. אויף די גאסען קומען פאָר צוזאמענשטויסען און עס פאלען די ערשטע בלוטיגע קרבנות פון בירגער קריעג, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעפאנגען אין רוסלאנד. אלס רעזולטאט פון די דעמאָנסטראציעס איז מילוקאָוו געצוואונגען צו רעזיגנירען.

## מאָנאַט מאַי — 1917

9 דער ראט פון ארבייטער און סאָלדאטען דעפּוטאטען באשליסט צונויפצורופען אין סטאָקהאָלם א קאָנפערענץ פון סאָציאליסטישע פאָרשטעהער אין אלע מלחמה לענדער, כדי צו פארשטארקען די שלום אקציע, וואָס דער ראט האָט אָנגעהויבען צו פיהרען.

13 אָנגעקומען פון עמיגראציע דער באוואוסטער טעאָרעטיקער און פיהרער פון די לינקע מענשעוויקעס, מארטאָוו (י. צעדערבוים).

17 אָנגעקומען פון אמעריקא לענינ'ס רעכטע האנד אין דער רעוואָלוציע און דער צוקונפטיגער קריעגס מיניסטער, לעאָן טראָצקי.

18. עס ווערט געגרינדעט א קאָאליציאָנס רעגירונג, וועלכע איז באשטאנען פון 9 מיטגלידער פון בירגערליכע פּארטייען און 6 מיטגלידער פון סאָציאליסטישע פּארטייען (מענשעוויקעס, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען און פאָלקס־סאָציאַליסטען).

1טען יוני, 1917 — אלרוסישער פּויערים צוזאמענפאָהר אין פּעטראָגראד. דאָ האָבען אין גאנצען געהערשט די סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען. די פּויערים דעלעגאטען האָבען זיך אנטזאגט אויסהערען לענינען.

16טען יוני, 1917 — דער ערשטער אלרוסישער צוזאמענפאָהר פון די סאָוועטען (ראטען) פון ארבייטער און סאָלדאטען דעפּוטאטען אין פּעטראָגראד. די ס. ר. זיינען געווען פּארטאָטען אם שטארקסטען, די באָלשעוויקעס אם

שוואכסטען. דער צוזאמענפאָהר האָט געשטיצט די מלחמה פּאָליטיק פון דער צייטווייליגער רעגירונג, וועלכע האָט באשלאָסען אָנפאנגען א נייע אָפענסיווע.
1טען יולי, 1917 — דעמאָנסטראציע אָרגאניזירט פון פעטראָגראדער סאָוועט מיט'ן צוועק צו ציינען זיין פּאָפּולאריטעט צווישען די מאסען, אָבער די פּיעלע הונדערטע פּלאקאטען זיינען געווען מיט באָלשעוויסטישע לאָזונגען.
15טען יולי, 1917 — אונרוהען אין פעטראָגראד, געווענדעט געגען דער צייט־ווייליגער רעגירונג אין פעטראָגראדער סאָוועט. פילע קרבנות זיינען געפאלען. די אונרוהען ווערען דערשטיקט מיט דער הילף פון רעאקציאָנערע אָפיצירען און קאזאקען.
20טען יולי, 1917 — לענין און זינאָוויעוו באהאלטען זיך אויס, ווייל אין דער פרעסע פאנגט זיך אָן אן אטאקע געגען זיי אלס שליחים פון דער דייטשער רעגירונג.
5טען אויגוסט, 1917 — טראָצקי און לונאטשארסקי ווערען ארעסטירט. זיי (צוזאמען מיט לענינ'ען און אנדערע) ווערען באשולדיגט אין פארראט.
12טען אויגוסט, 1917 — די צייטווייליגע רעגירונג באשליסט פארשיקען ניקאָלאי דעם 2טען און זיין פאמיליע אין טאָבאָלסק (סיביר).
25טען אויגוסט, 1917 -- א מלוכה בעראטונג אין מאָסקווע פון אלע קלאסען און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. 2,500 דעלעגאטען. צוזאמענגערופען פון דער צייטווייליגער רעגירונג מיט'ן צוועק אָפּצושוואכען דעם פייער פון בירגער קריעג, וואָס האָט שוין דעמאָלט געפלאקערט איבערן גאנצען לאנד.
25טען אויגוסט, 1917 — אן אלגעמיינער פּאָליטישער סטרייק אָרגאניזירט פון מאָסקווער ארבייטער אונטער די לאָזונגען: „נידער מיט דער קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערער מלוכה בעראטונג, די גאנצע מאכט די סאָוועטען!"
2טען סעפּטעמבער, 1917 — די דייטשע ארמיי נעמט איין ריגא.
7טען סעפטעמבער, 1917 — א ספּעציעלע זיצונג פון דער צייטווייליגער רעגירונג וועגען אָננעמען מיטלען געגען די באוואפענטע דעמאָנסטראציעס, וואָס די באָלשעוויקעס אָרגאניזירען.
אין דער זעלבער נאכט קומט צו קערענסקי'ן א שליח פון גענעראל קאָרנילאָוו מיט א פאָדערונג, אז די רעגירונג זאָל די גאנצע מאכט איבערגעבען קאָר־נילאָוו'ן.
8טען סעפטעמבער, 1917 — קאָרנילאָוו אָרגאניזירט א מיליטערישע עקספּעדיציע אויף פעטראָגראד מיט'ן צוועק צו פארכאפּען די מאכט. דער פעטראָגראדער סאָוועט ווענדעט זיך צו די ארבייטער פון די אייזענבאהנען, פּאָסט און טעלעגראף זיי זאָלען ניט ערלויבען קאָרנילאָוו'ן זיך באנוצען מיט די טעכנישע מיטלען, וואָס איז אונטער זייער רשות. קאָרנילאָוו ווערט באלד אָפּגעשניטען פון דער גאנצער וועלט.
14טען סעפטעמבער, 1917 — די צייטווייליגע רעגירונג ערקלערט רוסלאנד פאר א רעפּובליק.
16טען סעפטעמבער, 1917 — טראָצקי ווערט באפרייט פון טורמע.
20טען סעפטעמבער, 1917 — די באָלשעוויקעס קריגען צום ערשטען מאָל א מאיאָריטעט אין פּרעזידיום פון פעטראָגראדער סאָוועט. די מענשעוויקעס און סאָציאליסטען רעוואָלוציאָנערען רעזיגנירען דאן פון פּרעזידיום.
26טען סעפטעמבער, 1917 — אין פעטראָגראד ווערט צוזאמענגערופען א „דעמאָ־קראטישע בעראטונג" פון פאָרשטעהער פון דעמאָקראטישע זעמסטוואָס, ארבייטער און סאָלדאטען ראטען, קאָאָפּעראטיוון א. אז. וו מיט איבער

1000 דעלעגאטען. די הויפט פראגע איז געווען וועגן א קאאליציע רעגירונג. פאר קאאליציע האָבען געשטימט 766 דעלעגאטען, געגען 688. אן אויס־בעסערונג אויסשליסען פון דער רעגירונג די קאדעטען האָט באקומען א מערהייט פון 595 שטימען געגען 493. אָבער די גאנצע רעזאָלוציע וועגען א קאאליציע רעגירונג, אויסשליסענדיג די קאדעטען, פאלט דורך מיט 813 שטימען געגען 183.

3טען אָקטאָבער, 1917 — קערענסקי פארעפענטליכט א נייעם צעטעל פון מיניס־טאָרען מיט א מאיאָריטעט פון ליבעראלען. דער פעטראָגראדער סאָוועט נעמט אָן א רעזאָלוציע, ערקלערענדיג קריעג דער נייער „רעגירונג פון בירגער קריעג, פון בורזשואזנער אלמאכט און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער געוואלט".

8טען אָקטאָבער, 1917 — אויף דער לעצטער זיצונג פון דער „דעמאָקראטישער בעראטונג", ווערט באשלאָסען אויסטהיילען פון זיך 350 דעלעגאטען, פאָר־שטעהער פון אלע גרופען, צו וועלכע עס דארף צוגעצויגען ווערען נאָך 120 פון בורזשואזע עלעמענטען און די אלע דארפען מיט זיך פאָרשטעלען „דעם ראט פון דער רעפובליק", אָדער פאָרפארלאמענט, וועלכער האָט מיט זיך באדארפט פאָרשטעלען די גאנצע נאציאָן ביז'ן צוזאמענרופען די גרינדונגס פארזאמלונג.

19טען אָקטאָבער, 1917 — די ערעפענונג פון פאָרפארלאמענט. די באָלשעוויקעס מיט אויסגעשרייען „די גאנצע מאכט דארף געהערען די סאָוועטען" פארלאָזען דעמאָנסטראטיוו די זיצונג.

23טען אָקטאָבער, 1917 — א צוזאמענפאָהר פון די פעטראָגראדער סאָוועטען נעמט אָן א רעזאָלוציע, אז די רעגירונגס מאכט דארף איבערגעגעבען ווערען די סאָוועטען פון ארבייטער און סאָלדאטען, ווייל נאָר זיי זיינען פעהיג צו פאָר־טהיידיגען דאָס לאנד פון מפּלות אויפ'ן פראָנט און פון אינערליכער אנארכיע.

23טען אָקטאָבער, 1917 — אויף א געהיימער זיצונג פון דעם צענטראל קאָמיטעט פון באָלשעוויקעס ווערט אָנגענומען לענינ'ס א רעזאָלוציע וועגען א באוואַ־פענטען אויפשטאנד, וועלכער דארף דורכגעפיהרט ווערען אין די קומענדע עטליכע טעג.

4טען נאָוועמבער, 1917 — לענין קומט ארויס פון זיין באהעלטעניש אָנצופיהרען פערזענליך מיט'ן אויפשטאנד.

7טען נאָוועמבער, 1917 — באָלשעוויסטישער אויפשטאנד אין פעטראָגראד. דער פאָרפארלאמענט ווערט צוטריבען פון מיליטער. די זעלבע נאכט ווערט ארעסטירט די צייטווייליגע רעגירונג. די באָלשעוויקעס פארכאפּען די מאכט. עס פאנגט זיך אָן די הערשאפט פון דער רעגירונג פון די סאָוועטען פון אר־בייטער, סאָלדאטען און פויערים.

11טען נאָוועמבער, 1917 — לענין ווערט ערוועהלט פאָרזיצער פון דער סאָוועטען רעגירונג.

14טען נאָוועמבער, 1917 — קערענסקי אנטלויפט פון רוסלאנד.

18טען יאנואר, 1918 — די גרינדונגס פארזאמלונג ווערט פאנאנדער געטריבען פון די באָלשעוויקעס.

# פאַסירונגען, וויכטיגע היסטאָרישע פאַקטען און ערפינדונגען פון אלגעמיינעם אינטערעס

### די פּיראַמידען פון עגיפּטען

די פּיראמידען פון מצרים זיינען געבויט געוואָרען צווישען 1800 און 3000 יאָהר פאר קריסטוס. דאָס הייסט, אז זיי שטעהן שוין פיער און פינף טויזענד יאָהר. די מעהרסטע פון זיי געפינען זיך לעבען קאירא און ציען זיך איבער א שטרעקע פון 60 מייל.

אין די פּיראמידען פלעגען די עגיפּטער באהאלטען זייערע טויטע קעניגע. דער וואונדער פון די פּיראמידען איז זייער ריזיגע גרויס און די ריזיגע שטיינער וואָס זיינען באנוצט געוואָרען צו בויען זיי.

דער גרעסטער פון זיי איז דער פּיראמיד פון „טשעאָפּס", וועלכער איז נאָך איצט 450 פוס הויך און 746 פוס ארום דעם פונדאמענט; ער פארנעהמט א שטח פון בערך 13 אקער לאנד.

אין 1924 איז לעבען לוקסאָר געפונען געוואָרען א פּיראמיד איבער דעם קבר פון טוטאן קאמין, איינער פון די עגיפּטישע קעניגע וואָס האָט רעגירט ארום 1350 פאר קריסטוס.

### די ספינקס

צווישען די גרויסע וואונדער פון דער אמאָליגער וועלט איז א ריזיגער שטיין קריצונג וועלכע הייסט די ספינקס. דאָס איז א געשטאַלט פון א געפליגעלטען לייב מיט א מענשליכען קאָפּ. די פיגור איז אויסגעהאקט פון איין גרויסען פעלז און איז 172 פוס לאנג און 66 פוס הויך. צווישען די לאפּעס פון דעם לייב איז דאָ אן אויפשריפט וואָס צייגט אָן, אז די ספינקס איז געמאכט געוואָרען אין דער פערטער דינאסטיע, ארום 1350 פאר קריסטוס. די ספינקס געפינט זיך אויך לעבען קאירא.

### די כינעזער וואַנט

די כינעזער וואנט, געבויט 300 יאָהר פאר קריסטוס, ציהט זיך איבער דעם צפון גרעניץ פון כינא אין א זיגזאג פאָרם איבער א שטרעקע פון 2550 מייל. 25 וואך־טהורעמס זיינען ארייגעבויט אין דער וואנט און 15,000 וואך־טהורעמס זיינען געווען געבויט לעבען דער וואנט. די וואנט איז 17 און א האלב פוס דיק און 16 פוס הויך. די וואנט איז געמאכט פון גרויסע ציגעל פוןביידע זייטען און אָנגעפיהלט מיט ערד און שטיינער.

### דער קאָליסעאום

דער קאָליסעאום פון רוים איז געווען איינער פון די גרעסטע פארצייטיגע אמפיטעאטערס. דער קאָליסעאום איז געבויט געוואָרען אין דעם ערשטען יאָהר־הונדערט און אין דעם דריטען יאָהרהונדערט איז צוגעבויט געוואָרען א פערטער עטאזש. די געביידע איז געווען 615 פוס לאנג און 510 פוס ברייט. די ארענא איז געווען 281 פוס לאנג און 176 פוס ברייט. די געביידע האָט געהאט 50,000 זיץ־ערטער. 12,000 שקלאפען פון ירושלים זיינען באנוצט געוואָרען צו בויען דעם קאָליסעאום. אונטער דעם דיעל פון דעם קאָליסעאום האָבען די רוימער

געהאלטען ווילדע חיות. פון צייט צו צייט פלעגען זיך די רוימער אמוזירען אין דעם קאָליסעאום, צוקוקען ווי די ווילדע חיות צורייסען מענשען לעבעדיגערהייט.

## דער וואַטיקאַן

דער וואטיקאן איז די וואוינונג פון דעם רוימישען פאפסט. ער באשטייט פון עטליכע טויזענד צימערען. דער קעניג קאָנסטאנטין האָט אָנגעפאנגען דאָס בויען. ער געפינט זיך ביים ברעג פון טייך טיבערוס.

## די ערפינדונג פון פאַפיר און טינט

פאפיר האָט מען אָנגעפאנגען מאכען אין דעם יאָהר 105. די ערפינדונג פון טינט איז געקומען אונגעפער אין דעם יאָהר 500. דרוק־ארבייט האָט זיך אָנגע־הויבען אנטוויקלען אין כינא צווישען אכטען און צעהנטען יאָהרהונדערט.

## קריסטענטום

קריסטענטום איז געוואָרען א מאכט און האָט זיך אָנגעפאנגען שטאַרק צו פארשפרייטען דורך דעם פאנאטישען אפּאָסטאָל פאול. איבער איהם איז באשאפען געוואָרען דער אויסדרוק „ער איז געוואָרען א פאול פון שאול", וואָס מיינט צו באצייכענען איינעם וואָס האָט ראדיקאל געביטען זיינע מיינונגען, ווי דער אפּאָסטאָל פאול, וועלכער איז געווען בעפאָר א פרומער איד מיט'ן נאָמען שאול.

ער איז געבאָרען געוואָרען ביי פרומע עלטערען. יונגערהייט איז ער געווען א תלמיד פון רבן גמליאל דעם ערשטען, אין ירושלים. ווי ער אליין דערצעהלט אין עוואנגעליום אין די „מעשים פון אפּאָסטאָלען", איז ער געווען א פרושי פון די פרושים, דאָס הייסט זעהר רעליגיעז, און אידיש פאנאטיש. ער האָט געליטען פון עפּילעפּסיע. ער האָט זעהר פיעל פארפאָלגט די קליינע אידישע סעקטע קריסטען וואָס האָבען זיך גערופען „משיחים" אין ארץ ישראל, וואָס איז באשטאנען פון אָרימע און פארשטויסענע. פיעלע פון זיי האָבען זיך אליין גערופען „אביונים". זיין רבי רבן גמליאל דער נשיא, אן אמת'ער פרומער איד, איז גראדע געווען געגען פארפאָלגונגען פון קריסטען מיט זיין לאָזונג, דאָס אויב קריסטענטום איז פון גאָט, קען מען געגען דעם ניט קעמפען, און אויב ניט פון גאָט, וועט דאָס אליין בטל ווערען. שאול אָבער האָט אונערבארעמליך פארפאָלגט די קריסטען. פּלוצלונג איז שאול געוואָרען אן אַנדער מענש (ער זאָגט, אז ער האָט געזעהן קריסטוסען אויפ'ן וואהר). ער איז געוואָרען א קריסט, ער האָט אָנגענומען דעם נאָמען פאול און איז געגאנגען פון איין לאנד אין דעם צווייטען און האָט פאנאטיש געפּריידיגט קריסטענטום. געפּריידיגט האָט ער אפילו אין אידישע שולען און האָט געהאט שאַרפע צוזאמענשטויסע מיט אידען.

אין רוים האָט ער געגרינדעט א פאנאטישע גרופּע. מען זאָגט, אז ער איז אומגעקומען פון נירא אין יאָהר 64 (זעקס יאָהר פאר חורבן ירושלים) צוזאמען מיט נאָך קריסטען און דעם אפּאָסטאָל פּיאָטער, דער אידישער פישער שמעון קיפא.

די פארפאָלגונגען געגען קריסטען זיינען אָנגעגאנגען פאר די רוימישע קיסרים אונטער טראיאן, מארקוס אורעליוס, ביז דיאָקלעטיאן 313.

אין דעם יאָהר 313 האָט דער רוימישער קיסר קאָנסטאנטין אָנגעפאנגען צו קוקען מיט פריינדשאַפט אויף קריסטען. ער נעמט אָן קריסטענטום אין יאָהר 337, ליגענדיג אויפ'ן טויטען בעט.

זיין נאָכפאָלגער יוליאן רופט מען משומד „יוליאן אפּאָסטאַט", ווייל ער האָט פארוואָרפען קריסטענטום און צוריק אריבער צו די רוימישע געטער. אגב איז זעהר וויכטיג צו דערמאָנען, אז דיזער יוליאן האָט געוואָלט צוריק אויפבויען דעם

אידישען בית המקדש. קריסטענטום ווערט אָבער צוריק א מלוכה־רעליגיע אין יאָהר 363.

אין דעם יאָהר 323 איז אָפּגעהאלטען געוואָרען די קריסטליכע פארזאמלונג אין ניציע. קריסטען האָבען זיך אין גאנצען אָפּגעטהיילט פון אידען.

פון דער פארשטארקונג פון קריסטענטום האָבען זיך אָנגעהויבען גרויסע פארפאָלגונגען געגען אידען. קריסטענטום, די טאָכטער פון אידענטום, האָט אָנגע־פאנגען א ביטערען קאמף געגען איהר מוטער.

## דער איסלאם; דער מאכמעדאנישער גלויבען

מחמד, דער גרינדער פון מאכמעדאנישען גלויבען, איז געבאָרען געווארען אין יאָהר 571 (קריסטליכע צייט רעכענונג) אין מעקקא. יונגערהייד איז ער געווען א פאסטוך און איז געגאנגען מיט קאראוואנעס אין פארשידענע לענדער. ער איז אָבער געווען זעהר אָרים.

מחמד האָט געליטען פון עפּילעפּסיע און האָט געהאט משונה'דיגע פאנטאזיעס, האלוצינאציעס. ער האָט אָנגעפאנגען צו גלויבען, אז גאָט רעדט צו איהם, און זיין מיסיע דארף זיין צו פארשפּרייטען אן אמת'ע רעליגיע.

ער האָט חתונה געהאט מיט א רייכער אלמנה. ווערענדיג פארזאָרגט מיט א לעבען, האָט ער אָנגעפאנגען צו פּריידיגען אין מעקקא, אז ער איז א נביא פון גאָט. ער האָט געפאָדערט מ'זאָל פארניכטען אלע געטער פון דער קאבו. ער האָט אָבער באגאגענט א גרויסע אָפּאָזיציע, האָט ער געמוזט אנטלויפען פון מעקקא אין יאָהר 622. דאָס יאָהר פון זיין אנטלויפען, וועלכער ווערט באצייכענט מיט'ן נאָמען „הגירה", הויבט זיך אָן די מאכמעדאנישע צייטרעכענונג.

מחמד האָט געהאט גרויסע צוזאמענשטויסען מיט אידען, וועלכע זיינען געווען מעכטיג אין אראביע און געהאט זעלבסטשטענדיגע רעכט אין יענע מדינות. ער האָט אָבער פון זיי פיעל געלערענט. אין „אל־קאָראן", דער הייליגער בוך פון די מאכמעדאנער, זיינען דאָ פיעלע ווערטער וואָס מחמד האָט גענאשט פון אידען ווי אויך פון קריסטען.

אין יאָהר 632 האָט מחמד באזיגט מעקקא. די קאבו, וואו עס זיינען פריהער געווען געצען, האָט ער געמאכט פאר א הייליגקייט.

דער „איסלאם", דער מאכמעדאנישער גלויבען, ווערט א וועלט־מאכט. מיט דעם לאָזונג „לא אילא אילא אלהא, ומחמוד רסיל אלהא", וואָס באדייטעד, אז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער דעם אלהא (דער אמת'ער גאָט) און מחמד איז דער שליח פון גאָט.

מחמד האָט ערקלערט אלס גרונד פּרינציפּ „דיז מחמד בסעף", מחמד'ס געזעץ איז דער שווערד. די מאכמעדאנער האָבען געזוכט צו ערווערבען די וועלט דורכ'ן שווערד.

## די פּאפּסטען

דער פּאפּסט איז דער הויפּט פון דער רוימישער קאטוילישער קירכע. ער פארנעמט דעם שטוהל פון דעם אפּאָסטאָל פּיאָטער, וועלכער איז געווען פריהער דער אידישער פישער שמעון קיפא.

דער פּאפּסט, וועלכער פּרעטענדירט צו זיין דער פארטרעטער פון גאָט אויף דער ערד און דער שליח פון קריסטוס, זוכט מאכט — ניט נאָר אין רעליגיעזע ענינים, נאָר אויך אין וועלטליכע ענינים. אין רעליגיעזע ענינים האָט דער פּאפּסט געהאט מאכט וואָס ער האָט געקענט מוחל זיין אלע עברות אפילו געגען גאָט אליין.

די פּאפּסטען זיינען געווען זעהר מעכטיג פאר לאַנגע יאָהרען. זיי פלעגען

דיקטירען אפילו קעניגע און קיסרים וואָס צו טהאָן, און ווען איז געווען דעם יעניגען הערשער וועלכער האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפען זייער מאַכט.

אָבער ניט אימער האָבען זיי געהאַט די פולשטענדיגע מאַכט. צייטענווייס האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אָן גרויסע אָפּאָזיציעס אויך פון וועלטליכע הערשער.

די פּאַפּסטען זיינען געווען מעכטיג דורך די גיטער וואָס זיי האָבען געהאַט אין פאַרשידענע לענדער.

פּאַפּסט לעאָ דער ערשטער, אין די יאָהרען פון 440 ביז 461, האָט זיך עטאַבלירט אין פיעלע לענדער דורך שלוחים וואָס האָבען זיך גערופען וויקארס.

די מאַכט פון די פּאַפּסטען האָט באַקומען אַ שטאַרקען קלאַפּ דורך דער רעפאָרמאַציע, דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אַנדערע וויכטיגע היס־טאָרישע פּאַסירונגען.

פּאַפּסט גריגאָרי דער ערשטער 590־600 האָט געפיהרט דערצו אַז די מאַכט פון די פּאַפּסטען זאָל זיין אונאַבהענגיג פון דער שטאַאַטס־מאַכט. ער איז געווען נישט נאָר אַ פרומער קאַטוילּיק, נאָר אויך אַ גוטער פינאַנסיסט. ער האָט איינגע־אָרדענט די געשעפטען פון דעם פּאַפּסטום זאָלען זיך גוט באַצאָהלען.

אויך אין דער אידישער געשיכטע האָט דער פּאַפּסטום געשפּיעלט זעהר אַ וויכטיגע ראָלע. די מייסטע פּאַפּסטען האָבען אָנגעמאַכט גרויסע צרות צו אידען; דערפאַר אָבער זיינען געווען פּאַפּסטען וואָס האָבען געהאָלפען די אידען.

אַ גאַנצע רייהע פון פּאַפּסטען זיינען געווען גוטע און שלעכטע, געלערענטע און פינסטערלינגע, פרייע און פאַנאַטישע. דעם טראָן פון דעם הייליגען פּיאָטער (שמעון קיפא) פאַרנעמט איצט פּיאַס דער עלפטער. ער איז געוואָרען פּאַפּסט אין 1922.

## רעפאָרמאַציע:

די רעפאָרמאַציע איז אַ באַוועגונג פון 16טען יאָהרהונדערט, וואָס האָט געזוכט ווייכער צו מאַכען דעם רעליגיעזען יאָך פון מיטעלאַלטער און וואָס האָט געענדערט (רעפאָרמירט) פיעלע רעליגיעזע דאָגמאַס און באַגריפען.

דעם אָנפאַנג פון רעפאָרמאַציע רעכענט מען ווען דער דייטשער רעפאָרמאַטאָר מאַרטין לוטהער האָט אין יאָהר 1520 פאַרברענט דעם בול (דעם אוקאַז) פון פּאַפּסט אליין. צווינגלי, דער שווייצאַרישער רעפאָרמאַטאָר, האָט אָבער אָנגעפאַנגען מיט צוויי יאָהר פריהער (1518) אַ באַוועגונג פון פּראָטעסטען געגען דעם וואָס דער פּאַפּסט נעמט זיך דאָס רעכט צו זיין אַ מוחל עוונות (אינדולגענציעס).

פון דייטשלאַנד און שווייצאַריע האָט זיך פאַרשפּרייט די רעפאָרמאַציע איבער אַנדערע לענדער. די באַוועגונג האָט אַרויסגערופען גרויסע אויפרעגונג און מלחמות. די באַוועגונג האָט זיך געענדיגט מיט דער 30 יעהריגער מלחמה, וואָס האָט אָנגעהאַלטען פון 1618 ביז 1648.

פיעל בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען און אַ סך מענשליכע קרבנות זיינען געפאַלען אין יענע מלחמות.

## די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ:

קריסטאָפער קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַמעריקאַ דעם 12טען אָקטאָבער 1492. אין יענעם טאָג האָט ער נאָך אַ לאַנגער שווערער רייזע דערזעהען אַן אינזעל. מ'דיינקט אַז יענער אינזעל איז געווען דער היינטיגער סענט סאַלוואַדאָר.

אין יאָהר 1497 האָט די שפּאַנישע רעגירונג אָנגעפאַנגען צו באַזעצען קאָלאָ־ניסטען אויף די לענדער וואָס קאָלומבוס האָט ענטדעקט. עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז קאָלומבוס האָט דעם ערשטען מאָהל באַטראָטען דעם אַמעריקאַנער באָדען אויף

א רייזע מיט דענישע מאַטראָזען וועלכע זיינען אָנגעקומען פון אויסלאַנד נאָך גרינלאַנד.

קאָלומבוס איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1448 אין דער שטאָדט גענוא, איטאַליע. מען דיינקט אז מיט זיין רייזע האָט ער געזוכט א וואסער־וועג נאָך אינדיע.

קאָלומבוס האָט געמאַכט עטליכע רייזעס נאָך אמעריקא. ניט קוקענדיג אויף זיין גרויסען אויפטהו, האָט מען איהם ארעסטירט און געבראַכט אין קייטען נאָך שפאַניע צוליב רכילות'ן, וואָס מען האָט געטריבען געגען איהם. ענדליך האָט מען איהם אָבער באפרייט. נאָך דער פערטער עקספעדיציע אין אמעריקא אין יאָהר 1502 איז ער קראַנק געוואָרען און זיך אומגעקעהרט אין שפאַניע, וואו ער איז באַלד געשטאָרבען.

אַנדערע דענקען אז דער אמת'ער נאָמען פון קאָלומבוס איז געווען גלאַוואַן קאַלאַן און געבאָרען איז ער אין קאטאַלאָניע אויף דער מאַדזשאַרקא אינזעל, שפאַניע, ניט אין גענוא איטאַליע.

## די אמעריקאַנער רעוואָלוציע:

דער אָנפאַנג פון דעם קאַמף פון די אמעריקאַנער קאָלאָניעס געגען ענגלאַנד רעכענט מען די באָסטאָנער „טהי פארטי". די באָסטאָנער איינוואוינער האָבען פארניכטעט דעם 16טען דעצעמבער 1773 גרויסע טהעע טראַנספּאָרטען. דער געשריי איז געווען: „קיינע טעקסעס אָהן פארטרעטערשאַפט" (נאָ טאַקסעישאָן וויטהאוט רעפּרעזענטעישאָן).

די ערשטע זיצונג פונ'ם קאָנטינענטאל קאָנגרעס (דער קאָנגרעס פון די קאָלאָניעס) איז פאָרגעקומען סעפּטעמבער דעם 5טען 1774.

אין יאָהר 1775, מאַרטש דעם 13טען, האָט זיך אָנגעפאַנגען די בלוט פאַרגיסונג פון אמעריקאַנער קאָלאָניסטען פון אונאַבהענגיגקייט.

די שלאַכט פון לעקסיקאָן און קאָנקאָרד אין מאַסאַטשוזעטס איז פאָרגעקומען אַפּריל דעם 19טען 1775.

אין יאָהר 1776 האָט טאָמאַס פּעין אָפּגעדרוקט זיין בוך „קאָמען סענס". מיט זיין שאַרפער פּען האָט ער פארטהיידיגט דעם שטאַנדפּונקט פון די אמעריקאַנער קאָלאָניסטען.

דעם 4טען דזשוליי 1776 האָבען די אמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערען פאַרעפענטליכט דעם וויכטיגען היסטאָרישען דאָקומענט, די דעקלאַראַציע וועגען אונאַבהענגיגקייט — „דעקלערעישאָן אָוו אינדעפּענדענס".

אין דעם יאָהר 1777 זיינען אָנגענומען געוואָרען די פּונקטען פון פאַראייניגונג, „אַרטיקלס אָוו קאָנפעדעראַסי", וועלכע זיינען ראַטיפיצירט געוואָרען פון אמעריקאַנער קאָנגרעס אין 1781.

די לעצטע שלאַכט פון דער רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1781, אין יאָרקטאָן, ווירדזשיניא.

## ירושלים:

אויף ווי ווייט עס איז באוואוסט, איז אויף דעם אָרט וואו עס שטעהט איצט ירושלים געגרינדעט געוואָרען א שטאָדט פון א קעניג פון די חיטים צווישען 2000 און 1500 יאָהר פאַר קריסטליכער צייטרעכענונג.

## נינוה:

נינוה איז געווען די הויפּט שטאָדט פון אשור. אין דעם יאָהר 605 פאַר קרים.

איז די שטאָדט פארניכטעט געוואָרען. אקוראט ווען זי איז געגרינדעט געוואָרען ווייסט מען ניט; עס איז אָבער יאָ באוואוסט, אז נאָך אין דעם יאָהר 2234 פאר קריסטוס זיינען אין נינוה געמאכט געווארען אסטראָנאָמישע פאָרשונגען.

**יאַפּאַן:**

דער יאפאנישער קעניגרייך איז געגרינדעט געוואָרען פון דזשימו טענאָ אין דעם יאָהר 660 פאר קריסטוס. לויט דער „יאפאנישער מיטאָלאָגי" איז ער געווען א קינד פון דער זון געטין.

**די קרייצציגע:**

די קרייצציגע זיינען געווען א לאנגע רייהע פון מלחמות וואָס זיינען אָנגעפיהרט געוואָרען פון קריסטליך אייראָפּעאישע פעלקער, מיט דער אבזיכט צו פארכאפען דאָס הייליגע לאנד פאר דער קריסטליכער וועלט. די ערשטע פון די מלחמות איז פאָרגעקומען אין 1096. די קרייצציגער האָבען פארכאפט די שטאָדט ירושלים.

די מלחמות האָבען זיך געצויגען ביז דעם מיטען פון דעם 13טען יאָהר־הונדערט.

**די אינקוויזיציע:**

דער פאפסט גרעגאָרי דער נייענטער האָט געשאפען די אינקוויזיציע אין 1233. זי איז צוריק באניים געוואָרען אין 1814. נאפּאָלעאָן האָט זי אָפּגעשאפען אין 1808. זי איז ווידער איינגעשטעלט געוואָרען אין 1814, און איז ענדליך אָפּגע־שאפען געוואָרען אין 1820.

**דאָס ערשטע ווייסע קינד אין אמעריקא:**

דאָס ערשטע ווייסע קינד וואָס איז געבאָרען געוואָרען אויף דעם אמעריקאנער באָדען איז געווען „ווירדזשיניא דער". זי איז געבאָרען געוואָרען פון ענגלישע עלטערען אין ראָאנאָק, ווירדזשיניא, דעם 18טען אויגוסט 1588.

**שוואַרצע שקלאַפען:**

די ערשטע שווארצע שקלאפען זיינען אריבערגעבראכט געוואָרען צו די אמערי־קאנער קאָלאָניעס אין אויגוסט 1619. זיי זיינען אָנגעקומען אין דזשיימסטאָן, ווירדזשיניא, אויף א האָלענדישער שיף.

**צוטעהלונג פון פוילען:**

פוילען איז צום ערשטען מאָל פארטהיילט געוואָרען צווישען עסטרייך, רוסלאנד און פרייסען אין 1772, דעם צווייטען מאָל אין 1793, צום דריטען מאָל אין 1795.

**ערשטע לופט־פליהעריי:**

דער ערשטער פארזוך צו פליהען מיט א באלון איז געמאכט געוואָרען פון בלאנטשארד און דזשעפעריס אין יאנואר 1785. זיי זיינען אריבערגעשוואומען דעם ענגלישען קאנאל צווישען ענגלאנד און פראנקרייך.

**די ערפינדונג פון פאָקען:**

פראָפעסאָר זשענער האָט ערפונדען די וויסענשאַפט פון שטעלען פאָקען אין 1796.

**די ערשטע דאמף־שיף:**

די ערשטע רייזע אין א דאמף־שיף איבער דעם אטלאנטיק איז געמאכט

געוואָרען אין דעם דאַמף־שיף „סאוואנא" פון סאוואנא, דזשאָרזשיא, נאָך ליווער־פול, ענגלאַנד, אין 1819.

**די ערשטע צייטונג:**

די ערשטע טעגליכע צייטונג אין אמעריקא איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין פילאַדעלפיא אין 1784.

**ערשטער לאָקאָמאָטיוו:**

דער ערשטער טריין וואָס איז געפיהרט געוואָרען פון א לאָקאָמאָטיוו איז געפאָהרען פון אַלבאני אין סקענעקטעדי אין 1831.

**טרייד־יוניאָנס:**

די ערשטע טרייד־יוניאָנס זיינען דערלויבט געוואָרען אין ענגלאַנד אין 1825.

**אָפּשאַפונג פון פאַנשטשינא:**

די רוסישע פויערים זיינען באפרייט געוואָרען פון לאַנד־קנעכטשאַפט ביי די פריצים אין 1861. זיי זיינען באפרייט געוואָרען דורך א מאַניפעסט פון אַלעק־סאַנדער דעם 2טען, וועלכער איז געטויטעט געוואָרען אין 1881.

**באַפרייאונג פון שקלאַפען אין אמעריקא:**

פרעזידענט לינקאָלן האָט ארויסגעגעבען זיין באַפרייאונגס פּראָקלאַמאַציע דעם ערשטען יאַנואר 1863. איבער דריי מיליאָן שקלאַפען זיינען דורך זיין פּראָקלאַ־מאַציע באַפרייט געוואָרען.

**דער שיקאַגאָ פייער:**

צווישען דעם 9טען און 11טען אָקטאָבער 1871 איז די שטאָדט שיקאַגאָ פארניכטעט געוואָרען פון פייער. 18,000 געביידעס זיינען אָפּגעברענט געוואָרען, און דער שאָדען האָט באַטראָפען די סומע פון 196 מיליאָן דאָלאַר.

**ערפינדונג פון טובערקולאָזיס באַציל:**

אין מערץ 1882 האָט פּראָפעסאָר ראָבערט קאָטש פון בערלין אַנאָנסירט די ערפינדונג פון דעם טובערקולאָזיס באַציל.

**ניו־יאָרקער אָפּערא הויז:**

די מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא הויז אין ניו יאָרק איז ערעפענט געוואָרען דעם 22טען אָקטאָבער 1883.

**שיקאַגאָ היי־מאַרקעט:**

דער היי־מארקעט ראיאָט אין שיקאַגאָ איז פאָרגעקומען דעם 4טען מאי 1886. אין יענעם ראיאָט זיינען זיבען פּאָליסלייט געה'רג'עט געוואָרען און 60 זיינען פארוואונדעט געוואָרען. צוליב דעם ראיאָט זיינען דעם 11טען נאָוועמבער 1887 געהאַנגען געוואָרען די אנארכיסטען אויגוסט שפּיז, אַדאָלף פישער, געאָרג ענגעל און אַלבערט א. פּאַרסאָנס; דער פינפטער, לואיס לינג, האָט זיך אויפגעהאַנגען אין דזשייל.

**קאָקסיס ארמיי:**

דעם 29טען אַפּריל 1894 האָט דזשייקאָב קאָקסי, באַוואוסט אַלס דזשענעראַל קאָקסי, געפיהרט אַן ארמיי פון 20,000 מענשען פון דער מיטעל וועסט קיין וואשינגטאָן צו פאָדערען ארבייט און ברויט.

**שיקאַגאָ פולמאַן סטרייק:**

אין דעם ווינטער פון 1894 איז פאָרגעקומען א גאַנצע רייהע פון סטרייקס, פריהער פון די מינען ארבייטער און נאָכדעם פון די פולמאַן קאַר ארבייטער. אַלס

רעזולטאַט פון די שווערע באדינגונגען אונטער וועלכע די אַרבייטער האָבען זיך דאן געפונען, האָט יודזשין וו. דעבס, דער דאמאַלסדיגער פּרעזידענט פון די אמעריקאַן רעילוועי יוניאָן, ארויסגערופען אן אַלגעמיינעם סטרייק פון אַלע אייזענבאהן ארבייטער.

דער ליבעראַלער גאָווערנאָר אַלטגעלד פון אילינאָיס, וואו דער קאַמף איז פאָרגעקומען, האָט זיך באצויגען פריינדליך צו די אַרבייטער און האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון וועלכע ניט איז גוואַלד מיטלען. פּרעזידענט קליוולאַנד האָט געגען דעם פאַרלאַנג פון דעם גאָווערנאָר ארייגעשיקט די פעדעראַלע מיליץ אין שיקאַגאָ. זייער אנוועזענהייט אין שיקאַגאָ און די גאַנצע שטעלונג פון דעם פּרעזידענט צו ארבייטער האָט געשאַפען א סך אויפרעגונג און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א רייהע גוואַלד־טהאַטען פון זייטענס דער מיליץ און די סטרייקערס. פיעלע זיינען געהרג'עט געוואָרען פון ביידע זייטען און דעבס איז צום ערשטען מאָל פארשיקט געוואָרען אין געפענגעניס. דער סטרייק איז געבראָכען געוואָרען.

**דרייפוס:**

דעם 23טען דעצעמבער 1894 איז קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס, א אידישער אָפיציר פון דער פראַנצויזישער ארמיי, פאַר'משפּט געוואָרען פון א מיליטערישען געריכט צוליב א בלבול וואָס איז אויף איהם ארויפגעוואָרפען געוואָרען. דער משפּט האָט אויפגערודערט די וועלט און מאַנכע פון די גרעסטע מענשען פון יענער צייט האָבען זיך געשטעלט אויף דרייפוס'עס זייט, ווייל זיי זיינען געווען איבערציינגט אין זיין אונשולד. צווישען זיי איז אויך געווען דער גרויסער פראַנצויזישער שריפטשטעלער עמיל זאָלאַ. דעם 12טען יולי 1906 איז דרייפוס אין גאַנצען באפרייט געווארען פון אַלע קלאַגען און האָט צוריקגעקראָגען זיין מיליטערישען ראַנג.

**די מיין עקספּלאָדירט:**

דעם 15טען פעברואר 1898 איז די אמעריקאַנער קריגסשיף „מיין" אויפגעריסען געוואָרען אין דעם האַפען פון האַוואַנאַ, קובאַ. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון קריעג צווישען אמעריקאַ און שפּאַניע.

**דער קישינעווער פּאָגראָם:**

דער בלוטיגער פּאָגראָם אין קישינעוו, אין וועלכען אידען זיינען געשטאָכען געוואָרען און אידישעס האָב און גוטס איז ראַבירט געוואָרען, איז דורכגעפיהרט געוואָרען דעם 19טען און 20טען אַפּריל 1903.

**ערשטער עראָפּלאַן פליהען:**

די ערשטע ערפּאָלגרייכע פּראָבע צו פליהען מיט אן עראָפּלאַן איז געמאַכט געוואָרען פון די „ראַיט בראָדערס" דעם 17טען דעצעמבער 1903. די פּראָבע איז געמאַכט געוואָרען אויף א בערגעל ביים ברעג ים פון נאָרט קאַראָלאַינאַ און האָט געדויערט בלויז עטליכע סעקונדען.

**רוסיש־יאַפּאַנישער קריג:**

דער קריג צווישען רוסלאַנד און יאַפּאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 6טען פעברואַר 1904. פּאָרטאַרטור איז געפאַלען דעם 2טען יאַנואר 1905 און פרידען איז געשלאָסען געוואָרען אין פּאָרטסמאַוטה, ניו העמפּשיר, אמעריקאַ, סעפּטעמבער 5טען 1905.

**סאַן־פראַנציסקאָ ערד־ציטערניש:**

דעם 18טען און 19טען אַפּריל 1906 איז אין סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע, פאָרגעקומען אן ערד־ציטערניש. גרויסע פייערען זיינען פאַראורזאַכט געוואָרען און

550 מענשען האָבען פאַרלאָרען זייערע לעבענס. דער שאָדען האָט באַטראָפען ארום 400 מיליאָן דאָלאר. דעם זעלבען זומער זיינען פאָרגעקומען ערד־ציטערנישען אין פאָרמאָזא און אין טשילי, אין וועלכע טויזענדער לעבענס זיינען פארניכטעט געוואָרען.

**לאָס אנדזשעלעס „טיימס" געביידע אויפגעריסען:**

דעם ערשטען אָקטאָבער 1909 איז אויפגעריסען געוואָרען די געבידע פון דער לאָס אַלנדזשעעלעס „טאַימס". 20 מענשען זיינען דער'הרג'עט געוואָרען. אלס רעזול־טאַט פון דער קאטאסטראָפע זיינען די מעקנאמארא ברידער — צוויי סטרייק פיהרער — פאר'משפט געוואָרען אויף לעבענס־לענגליכע געפענגענים.

**טרייענגעל פייער:**

דעם 25טען מערץ 1911 האָט אויסגעבראָכען א פייער אין איינע פון די קליידער פאבריקען אין ניו יאָרק. די ארבייטער, מייסטענס מיידלעך, זיינען פאר־כאַפּט געוואָרען ווי אין א פאסטקע און 148 האָבען פאַרלאָרען זייערע לעבענס אויף א שרעקליכען אופן.

**כינא א רעפּובליק:**

דעם 13טען אָקטאָבער 1911 איז אין כינא פּראָקלאַמירט געוואָרען א רע־פּובליק.

**דער „טיטאַניק" אומגליק:**

די דאַמפּפשיף „טיטאַניק", איינע פון די גרעסטע פּאַסאַזשיר שיפען, איז ארויס־געפאָהרען אויף איהר ערשטער רייזע פון ליווערפּול נאָך ניו יאָרק. דעם 14טען אפּריל 1912 האָט זי זיך אָנגעשטויסען אין אן אייזבארג און איז צושמעטערט געוואָרען. 2207 מענשען האָבען דאביי פאַרלאָרען זייערע לעבענס.

**פליהען ארום דער וועלט:**

ווילי פּאָסט און העראָלד געטי זיינען דעם 23טען יוני 1931 ארויסגעפלויגען פון רוזוועלט פעלד אין ניו יאָרק און האָבען געמאַכט א רייזע איבער דער וועלט דורך די פאָלגענדע פּונקטען: ניו פאונדלאנד, ענגלאנד, מאָסקווע, סיביר, אלאסקא, אלבערטא און צוריק. זיי זיינען אָנגעקומען אויף רוזוועלט פעלד דעם ערשטען יולי, דורכפליהענדיג א שטרעקע פון 15,474 מייל אין 8 טעג מיט 16 שטונדען.

**ארבייטער רעגירונג פאַלט אין ענגלאנד:**

דעם 24טען אויגוסט 1931 האָט פּרעמיער רעמזי מעקדאָנאלד רעזיגנירט צוזאמען מיט די איבעריגע ארבייטער מיניסטאָרען און מעקאָנאַלד האָט צוזאמענ־געשטעלט א נייעם מיניסטעריום פון די פארשידענע פּארטייען וועלכע איז איצט באוואוסט אלס די נעשיאָנעל יוניאָן מיניסטרי. דעם 21טען אָקטאָבער זיינען פאָרגעקומען די נאציאָנאלע וואהלען אין וועלכע די לייבאָר פּארטיי האָט גוואלדיג פארקלענערט איהר רעפּרעזענטאַציע אין פּאַרלאַמענט. דער נייער פּאַרלאַמענט האָט צום ערשטען מאָל פאר ענגלאנד דורכגעפיהרט א הויכען טאַריף ביל.

**בראַזיליען וואַרפט קאַפּי אין ים.**

די רעגירונג פון בראַזיל האָט אָפּגעקויפט צוויי מיט א האלבען מיליאָן זעק קאַפּי און האָט זיי פאַרברענט און אריינגעוואָרפען אין ים אין יאַנואַר 1932 כדי צו העכערען די פּרייזען.

**ענטוואָפנונגס־קאָנפערענץ:**

דעם 2טען פעברואַר 1932 איז אין זשענעווא געעפענט געוואָרען די ערשטע וועלט קאָנפערענץ פאר ענטוואָפנונג אונטער דעם פּאָרזיץ פון ארטור הענדערסאָן. 232 דעלעגאַטען האָבען פארטראָטען קנאַפּע 60 פעלקער.

**לינדבערג׳ס קינד געקידנעפּט:**

דעם ערשטען מערץ 1932 איז געקידנעפּט געוואָרען דאָס 19 מאָנאַט אַלטע קינד פון קאָלאָנעל לינדבערג און האָופּוועל, ניו דזשוירזי. דעם 12טען מאי איז געפונען געוואָרען דער טויטער קערפּער פון דעם קינד אין א וועלדעל פון דער לינדבערג היים. לינדבערג האָט געגעבען 50,000 דאָלאַר צו איינעם א דר. קאָנדאָן וועלכער האָט געמיינט אז ער האָט פאַרבינדונגען מיט די קידנעפּערס.

דעם 19טען סעפּטעמבער 1934 איז א דייטש מיט׳ן נאָמען הויפּטמאַן אַרעס־טירט געוואָרען אַלס דער קידנעפּער. מען האָט ביי איהם געפונען אַרום 14 טויזענד דאָלאַר פון די אויסליין געלד פון דאָקטאָר קאָנדאָן.

**בריאַנד געשטאָרבען:**

אַריסטיד בריאַנד, וועלכער איז געווען צוועלף מאָהל פּרעמיער פון פראַנקרייך, איז געשטאָרבען דעם 3טען יולי 1932 אין עלטער פון 70 יאָהר. אין זיינע יונגע יאָהרען איז בריאַנד געווען א ראַדיקאַל. אַלס אינטערנאַציאָנאַלע פיגור האָט ער געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער פרידען באַוועגונג און אין זיין פּלאַן צו שאַפען א פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּע.

**קאַרדאָזאָ:**

דעם 14טען מערץ 1932 איז בענדזשאַמין נ. קאַרדאָזאָ איינגעשוואָרען געוואָ־רען אַלס ריכטער פון דעם יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט. קאַרדאָזאָ איז דער צווייטער איד וואָס איז דערהויבען געוואָרען צו דעם גרויסען אַמט. דער ערשטער איז ריכטער לואיס בראַנדייס.

**אַנטי־אינדזשאָנקשאָן ביל:**

דעם 23טען מערץ 1932 האָט פּרעזידענט הוּווער אונטערגעשריבען דעם נאָריס ביל, וועלכער פאַרבאָט די פעדעראַל קאָורטס אַרויסצוגעבען אינדזשאָנקשאָנס געגען סטרייקערס, סיידען די באַלעבאַטים איבערצייגען אז די אָנפיהרונג פון דעם סטרייק שעדיגט אָדער שטעלט אין געפאַהר די אינטערעסען פון די געגען וועמען דער סטרייק איז געריכטעט.

**פראַנצויזישער פּרעזידענט ערמאָרדעט:**

פּאָול דומער, דער פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, איז דער־שאָסען געוואָרען פון א רוסישען עמיגראַנט אין פּאַריז, דעם 6טען מאי 1932, אין עלטער פון 75 יאָהר.

**יאַפּאַנישער פּרעמיער ערמאָרדעט:**

קי אינוקאי, דער פּרעמיער פון יאַפּאַן, איז ערמאָרדעט געוואָרען אין טאָקיאָ פון א גרופּע מיליטאַריסטען דעם 15טען מאי 1932.

**אַמעליא אירהאַרט:**

אַמעליא אירהאַרט פּוטנעם איז אַרויסגעפלויגען פון ניו פאַונדלאַנד אין אַן עראָפּלאַן דעם 20טען מאי 1932 און איז אָנגעקומען אין איירלאַנד אין 13 שטונדען מיט 30 מינוט. זי איז געפלויגען 2026 מייל. זי איז געווען די ערשטע פרוי אליין אַריבערצופליהען דעם אַטלאַנטיק.

**פייער אין קוני איילאַנד:**

א פייער איז אויסגעבראָכען אין קוני איילאַנד דעם 13טען יולי 1932 און האָט פאַרניכטעט פיער בלאָק געביידעס אויף דעם באָרד וואָק און פיער בלאָק געביידעס אויף סוירף עוועניו. איבער 2000 מענשען האָבען פאַרלאָרען זייערע היימען און 1000 מענשען האָבען פאַרלאָרען זייערע קליידער אין די באַד הייזער.

**די וועלט־מלחמה:**

דעם 28טען יוני 1914 איז דער עסטרייכישער פרינץ פערנסים און זיין פרוי ערמאָרדעט געוואָרען אין סאַראַיעוואָ, באָסניע.

דעם 28טען יולי האָט עסטרייך ערקלעהרט קריעג געגען סערביע.

די דייטשען זיינען אריין אין בעלגיען דעם 20טען אויגוסט.

יאפאן ערקלעהרט קריעג געגען דייטשלאנד דעם 23טען אויגוסט.

די אמעריקאנער דאמפשיף לוזיטאניא איז געזונקען געוואָרען פון א דייטשער סובמארין דעם 7טען מאַי 1915. די לוזיטאניא האָט געפיהרט צוויילע פאסא־זשירען און 1195 פון זיי האָבען פארלאָרען זייער לעבען. דעם 3טען פעברואר 1917 האָט אמעריקא אָפגעבראָכען דיפּלאָמאטישע באציהונגען מיט דייטשלאנד.

דעם 15טען סעפּטעמבער 1917 איז אין רוסלאנד ערקלעהרט געוואָרען א רעפּובליק.

דעם 2טען נאָוועמבער 1917 ווערט פארעפנטליכט די באַלפור דעקלאראציע, אז ענגלאנד וועט העלפען שאפען א היים פאר אידען אין ארץ ישראל.

דעם 7טען נאָוועמבער 1917 פארכאפען די באָלשעוויקעס די מאכט אין רוסלאנד.

ענגלאנד האָט איינגענומען ירושלים דעם 9טען דעצעמבער 1917.

דעם 3טען מערץ 1918 איז געשלאָסען געוואָרען פרידען אין ברעסט ליטאָווסק צווישען רוסלאנד מיט די צענטראלע מעכטע.

דעם 16טען יולי האָבען די באָלשעוויקעס הינגעריכטעט דעם צאר מיט זיין גאנצער פאמיליע.

דעם ערשטען נאָוועמבער 1918 ווערט א רעפּובליק פּראָקלאמירט אין עסטרייך־אונגארען.

דעם 9טען נאָוועמבער 1918 גיט אויף קייזער ווילהעלם די קרוין און אנטלויפט נאָך האָלאנד. וואפען־שטילשטאנד צווישען די עלאַיס און צענטראלע מעכטע געשלאָסען דעם 11טען נאָוועמבער 1918. דעם 28טען יוני 1919 ווערט דער פרידען אָפּמאך אונטערגעשריבען אין ווערסאַיל.

**סאקאָ און וואַנזעטי:**

דעם 14טען יולי 1921 זיינען צוויי איטאליענער סאקאָ און וואנזעטי פאר׳־משפּט געוואָרען צום טויט פון א געריכט אין מאסאטשוזעטס אויף דער באשולדיגונג אז זיי האָבען גע׳הרג׳עט און בארויבט א פעי־מאסטער פון א שוך־פאבריק. טראָץ די טויזענדער פּראָטעסטען וואָס זיינען אָנגעקומען פון דער גאנצער וועלט זיינען זיי דעם 23טען אויגוסט 1927 הינגעריכטעט געוואָרען.

**אירלאנד ערקלעהרט זיך א פרייע סטייט דעם 6טען דעצעמבער, 1922.**

**דער פינף־יאָהריגער פּלאַן:**

דעם ערשטען אָקטאָבער 1928 איז אין רוסלאנד איינגעשטעלט געוואָרען דער פינף יאָהריגער פּלאַן אין אגריקולטור און אינדוסטרי.

**נ. לעאָפּאָלד און ריטשארד לאָעב:**

צוויי ניינצעהן יעהריגע זיהן פון רייכע אידישע עלטערען אין שיקאגאָ האָבען געקידנעפּט און געטויטעט דעם 13 יעהריגען אינגעל ראָבערט פרייגק. דעם 21טען יולי 1924 זיינען זיי פאר׳משפּט געוואָרען אויף לעבענס־לענגליכע געפענגעניס.

**לינדבערג:**

דעם 20טען מאַי 1927 איז קאַפּיטאַן טשארלס לינדבערג אָפּגעפלויגען אין

זיין מאָנאָפּליין „די ספּיריט אָף סענט לואיס" פון מינעאָלא, לאָנג איילאנד, און איז דעם נעקסטען טאָג אָנגעקומען אין פּאריז.

### קעלאָג-בריאַנד פרידען אָפּמאך:

דעם 24טען יולי 1929 האָט פּרעזידענט הואווער פּראָקלאמירט דעם קעלאָג בריאנד אָפּמאך לויט וועלכען 62 פעלקער האָבען זיך דערקלערט געגען מלחמה.

### אלבערט פאָלל:

אלבערט ב. פאָלל, געוועזענער מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען אונטער פּרעזידענט הארדינג, איז געפונען געוואָרען שולדיג אין נעמען כאבאר די סומע פון $100,000 פון עדווארד ל. דאָהעני פאר געוויסע אָיל-לאנד קאָנצעסיעס. דעם ערשטען נאָוועמבער 1929 איז ער פאר'משפּט געוואָרען אויף א יאָהר געפענגניס און א שטראָף פון $100,000.

א נאָרוועגישע וויסענשאַפטליכע עקספּעדיציע האָט דעם 6טען אויגוסט 1930 געפונען אויף אן אינזעל לעבען שפּיצבערגען די קערפּערס פון סטרינדבערג און פרענקעל וועלכע האָבען זיך ארויסגעלאָזט אין א באלון מיט זעגלען אין 1897 מיט דער האָפענונג איבערצושווימען דעם נאָרד-פּאָל צו אמעריקא.

### גאַנדי'ס פאַסטען:

דעם 20טען סעפּטעמבער 1932 האָט מאהאטמא גאנדי, דער פיהרער פון דער פרייהייטס באוועגונג אין אינדיען, אָנגעפאנגען א תענית אלס פּראָטעסט געגען דער פּאָליטישער אונטערדריקונג פון די „טמאים", די נידעריגע קלאסען פון אינדיען. דעם 26טען סעפּטעמבער, נאָכדעם ווי די רעגירונג פון ענגלאנד האָט נאָכגעגעבען זיין פאָדערונג, האָט ער געענדיגט זיין תענית.

### ניזשני נאָווגאָראָד ווערט די שטאָט פון מאקסים גאָרקי:

דעם 26טען דעצעמבער 1932 האָט מען געענדערט דעם נאָמען פון דער אלטער שטאָדט ניזשני נאָווגאָראָד אויף דער וואָלגא, אויף מאקסים גאָרקי, נאָך דעם נאָמען פון דעם גרויסען בעלעטריסט וועלכער איז דאָרטען געבאָרען געוואָרען.

### דזשאָדזש טייער'ס הויז באמבאַרדירט:

דעם 27טען סעפּטעמבער 1932 איז אויפגעריסען געוואָרען די הויז פון דעם ריכטער וועבסטער טייער, וועלכער האָט פאר'משפּט צום טויט די צוויי איטאַליענער סאקאָ און וואנזעטי אין מאסאטשוזעטס.

### זינאָוויעוו און קאמיענעוו ארויסגעוואָרפען:

די באוואוסטע קאָמוניסטען גרעגאָרי זינאָוויעוו און ליאָן קאמעניעוו צוזאמען מיט א גרויסער צאָל אנדערע באוואוסטע קאָמוניסטען זיינען ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּארטיי פאר קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע מיינונגען דעם 11טען אָקטאָבער 1932.

### דער פראנצויזישער פּרעמיער העריאָט קריגט געטהע מעדאַל:

דעם 19טען אָקטאָבער 1932 האָט פּרעזידענט הינדענבורג געגעבען דעם געטהע מעדאל צו דעם פּרעמיער פון פראנקרייך. העריאָט איז פאררעכענט אלס א גרויסער קענער און פאַרעהרער פון געטהע'ס ליטעראטור.

### א הויכער פליהער פון באלון:

דעם 18טען אויגוסט 1932 זיינען די גרויסע וויסענשאפטסלייט פּראָפעסאר אויגוסט פּיקארד און מאקס קאזינס ארויפגעפלויגען אין א באלון די הויכקייט פון 53,672 פוס. די עקספּעדיציע האָט זייער א גרויסע וויכטיגע וויסענשאַפטליכע באדייטונג. אונגעפעהר צו דער זעלבער צייט האָט פּראָפעסאָר רעגענער באוויזען

ארויף צו שטייגען מיט 40,000 פוס העכער פון פראָפעסאָר פיקארד'ס באלון.

## פאָטאָגראפישע ערפינדונג:

קעפטען א. וו. סטיווענס פון דער אמעריקאנער ארמיי האָט דערפונדען א פאָטאָגראפישען אפאראט מיט וועלכען מ'קען פאָטאָגראפירען ריזיקע שטרעקעס. אין א בילד וואָס זיי האָבען גענומען אין פילאדעלפיע איז זיי געלונגען צו פאָטאָגראפירען די גאַנצע שטרעקע פון דעם דעלעווער טייך ביז סטעטען איילאנד.

## אן ערפינדונג פאר בלינדע:

א פראנצויזישער בלינדער סאָלדאט האָט ערפונדען אן אפאראט מיט וועלכען מען טראנספערירט געוויינליכע דרוק מאטעריאל אויף בריי־ל, די דרוק וואָס בלינדע באנוצען.

## מאָגען אָלסערס:

די דאָקטוירים פון דעם פאקולטעט פון דער נאָרדוועסטערען יוניווערסיטי האָבען ערקלעהרט, אז דער עקסטראקט פון דעם מיוקוס פון א שוויינישען מאָגען איז א רפואה פאר ליידענדע אויף אן אָלסטער אין מאָגען.

## די פינף טאָגיגע וואָך אין אלטע צייטען:

א וויסענשאפטליכע עקספעדיציע פון דער יוניווערסיטי אָוו שיקאגאָ האָט געפונען זעכציג אלטע טאָפלען אין עלישאר. אויף איינעם פון די טאָפלען האָבען זיי פאנאנדערגעקליבען היראָגליפען וועלכע זאָלען זאָגען אז די חיטים האָבען זיך באנוצט מיט דער פינף טאָגיקער וואָך מיט 4020 יאָהר צוריק.

## א פיש מיט פיער אויגען:

די טעמפעלטאָן קראָקער עקספעדיציע האָט ניט לאנג צוריק געכאפט א פיש אין א טייך אין האָנדוראס וועלכער האָט פיער אויגען. זי שווימט אויבען אויף און זוכט אינסעקטען מיט די אויבערשטע אויגען. צו דער זעלבער צייט ניצט זי די אונטערשטע אויגען צו זוכען שפייז אונטען אין וואסער.

## די ליג אָף נײשאָנס:

די ליג פון נאציעס איז געגרינדעט געוואָרען דעם 10טען יאנואר 1920. זיבען און פופציג פעלקער זיינען אָן איהר אָנגעשלאָסען. מיט דער אויסנאמע פון רוסלאנד און די פאראייניגטע שטאאטען באלאנגען צו דער ליג אלע באדייטענדע פעלקער.

די זיצונגען פון דער ליג ווערען אָפגעהאלטען אין זשענעוואַ יעהרליך אין דעם מאָנאט סעפטעמבער. די הויפט ארבייט פון דער ליג ווערט געטאָן פון א קאונסיל וועלכער באשטייט פון פינף מיטגלידער פון פינף גרויסע מעכטע פון דער וועלט.

אין 1929 איז געלייגט געוואָרען דער גרונדשטיין פון א ריזיגער געביידע אין זשענעוואַ פאר דער ליג. אמעריקאנער מיליאָנערען, אָנהייגנער פון דער ליג, האָבען געשיינקט פאר דעם פאָנד פון דער געביידע די סומע פון אכט מיליאָן דאָלאר.

די ליג באשעפטיגט א סטאף פון 500 אָנגעשטעלטע און האָט א יעהרליכען בודזשעט פון זעקס און א האלב מיליאָן דאָלאר, אויסגעצאָהלט פראָ ראטא פון די מיטגלידער פון דער ליג.

## דער וועלט־געריכט פאר אינטערנאציאָנאלע גערעכטיגקייט:

דער וועלט געריכט פאר אינטערנאציאָנאלע גערעכטיגקייט איז ארויסגעוואקסען פון א באשלוס פון דער ליג אָוו נעישאָנס אין 1920 און איז ראטיפיצירט געוואָרען פון 54 פון די 57 פעלקער וואָס באלאנגען צו דער ליג. די אויפגאבע פון דעם וועלט געריכט איז אויסצוגלייכען סכסוכים צווישען פעלקער.

דער געריכט באשטייט פון עלף ריכטער וועלכע זיינען ערוועהלט פון דער ליג אויף ניין יאָהר מיט א סאלארי פון 51 טויזענד האָלענדישע פלאָרינס ($6,000).

אין דער קאָמיסיע וועלכע האָט אויסגעארבייט דעם פלאַן פון דעם וועלט געריכט איז אויך געווען עליהו רוטה, א פארטרעטער פון אמעריקא. די פאַר־אייניגטע שטאַאטען זיינען אָבער געבליבען אויסערהאלב דעם געריכטס פונקט ווי דאָס לאַנד האָט זיך צוריקגעהאַלטען פון דער ליג.

## די פיער סעזאָנען:

אין געוויסע טהיילען פון דער וועלט זיינען דאָ פיער ענטשיידענדע סעזאָנען. פרילינג פאנגט זיך אָן ארום דעם 21טען מארטש; זומער ארום דעם 21טען יוני; הערבסט ארום דעם 23טען סעפטעמבער; און ווינטער ארום דעם 21טען דעצעמבער.

אום צו פארשטעהן די אורזאכען פון די ענדערונגען אין דער נאַטור, אויך פארוואָס עס איז טאָג אין איין אָרט און נאַכט אין אן אנדער אָרט, איז נויטיק צו געדיינקען עטליכע פאקטען:

1. די ערד איז קיילעכדיג ווי א קוגעל.

2. זי דרעהט זיך ארום און ארום איינמאָל אין 24 שטונדען פונקט ווי זי וואָלט זיך געדרעהט אויף אן אָקס.

3. אין דער זעלבער צייט באוועגט זי זיך ארום און ארום דער זון. אָט דער וועג אויף וועלכען זי באוועגט זיך ארום דער זון רופט זיך דער אָרביט. עס נעמט דער ערד קנאַפע 365 מיט א פערטעל טאָג ארומצודרעהען זיך ארום דער זון.

4. צוליב דער באקוועמליכקייט פון ציפערען איז דער ערד־קוגעל צוטהיילט אויף 360 געאָגראַפישע גראַדען.

5. איהר האָט זיך פאַרגעשטעלט אז די ערד דרעהט זיך ארום אן אָקס. שטעלט זיך ווייטער פאָר אז די אָקס איז אָפּגעווענדעט פון דעם „אָרביט" אויף 23 און א האלב געאָגראַפישע גראַדען. ווען דער „שפּיץ" פון דעם אָקס וואָלט ניט זיין אָפּגעווענדעט פון דעם „אָרביט", וואָלטען זיך די סעזאָנען ניט געביטען און די טעג מיט די נעכט וואָלטען ניט זיין לייננער איינע פון די אנדערע. עס וואָלט זיך אויך ניט געביטען פון היץ אויף קעלט.

אין דעם מאָנאט יולי צ. ב. ש. איז דער נאָרט פאָל אָנגעבויגען 23 און א האלב געאָגראַפישע גראַד צו דער זון. אויף דעם צפון האלבען טהייל פון דעם ערד קוגעל איז דערפאר זומער און די טעג זיינען לייננער ווי די נעכט. אין דער זעלבער צייט, צוליב דעם וואָס דער בויך פון דער ערד פארשטעלט די דירעקטע שטראַלען פון דער זון, איז אין דעם דרום האלבען טהייל פון דעם ערד קוגעל ווינטער און די נעכט זיינען לייננער ווי די טעג.

אין דעצעמבער איז עס פונקט פארקערט.

אין מארטש און סעפטעמבער איז די זון אנטקעגען דעם בויך פון דעם ערד קוגעל, און די טעג מיט די נעכט זיינען די זעלבע לייננג אויף דער גאנצער וועלט.

# אַמעריקאַ

## די ענטדעקונג — דער נאָמען

דער נאָמען אמעריקאַ איז געקומען דורך אַ צופאַל. אַן איטאַליענער מיט דעם נאָמען אמעריקוס וועספּוטשי האָט געמאַכט עטליכע עקספּעדיציעס צו דער נייער וועלט צווישען 1497 און 1503. קיין זיכערע היסטאָרישע באַווייזע וועגען די רייזעס פון אמעריקוס וועספּוטשי זיינען ניטאָ, אָבער אויב עס איז אמת, אַז ער האָט באַטראָטען דעם באָדען פון דער נייער וועלט אין 1497, איז עס געווען מיט פינף יאָהר שפּעטער ווי קאָלומבוס האָט ערפונדען דעם מערב קאָנטינענט אָדער די נייע וועלט.

עס געפינען זיך היסטאָרישע באַווייזע אַז אייראָפּייאישע רייזענדע האָבען באַזוכט אמעריקאַ נאָך אין דעם יאָהר 1000. דאָס איז אָבער אויך ניט אין גאַנצען באַשטעטיגט. היסטאָריש איז זיכער אַז קריסטאָפאָר קאָלומבוס האָט ענטדעקט אמעריקאַ אין 1492, און דאָך האָט ער ניט געהאַט דעם כבוד אַז מען זאָל רופען דעם טייל פון דער וועלט אויף זיין נאָמען. אַ געאָגראַפישער שרייבער פון יענער צייט וועלכער האָט געלעזען אַ פּאָר פון וועספּוטשיס בריף און האָט זיי אָנגענומען פאַר אַ זיכערען אמת, האָט זיך באַנוצט מיט דעם נאָמען אמעריקאַ, און אַזוי איז עס פאַרבליבען. קאָלומבוס, דער אמת'ער ענטדעקער פון אמעריקע, איז געשטאָרבען נאָכדעם, ווי ער איז באַפרייט געוואָרען פון געפענגנים וואו ער איז געווען געשמידט אין קייטען אין 1506.

## נאָרד און זיד־אמעריקאַ און די פאַראייניגטע שטאַאַטען

אונטער דעם נאָמען אמעריקאַ קומט אריין די גאַנצע נייע מערב וועלט וואָס איז ענטדעקט געוואָרען אין ענדע 15טען און אָנפאַנג זעכצעהנטען יאָהרהונדערט. אונטער דעם נאָמען אמעריקאַ קומט אריין דער צפון קאָנטינענט אויף וועלכען עס געפינט זיך קאַנאַדאַ און די פאַראייניגטע שטאַאטען, דער דרום קאָנטינענט וועלכער הייסט סאַוטה־אמעריקאַ און דער שמאָלער שטיק לאַנד צווישען די צוויי קאָנטינענטען וועלכער הייסט צענטראַל אמעריקאַ.

## די פאַראייניגטע שטאַאטען — שטח — ארומיגע וואַסערן — בערג — טאָלען — טייכען — תבואות — מינעראַלען, אַ. ז. וו.

דער שטח פון די פאַראייניגטע שטאַאטען איז העכער דריי מיליאָן קוואַדראַטנע מייל. דאָס איז אויסער די קאָלאָניעס וואָס באַלאַנגען צו די פאַראייניגטע שטאַאטען און געפינען זיך אויסער אמעריקאנער קאָנטינענט.

ווען עס זאָל מעגליך זיין אויפצוהויבען זיך אין אַ לופט־שיף הויך גענוג צו קענען זעהן דאָס גאַנצע לאַנד מיט אמאָל, וואָלט מען זעהן אַז די אויבערפלעכע פון די פאַראייניגטע שטאַאטען איז צוטיילט אויף דעם פאָלגענדען אופן:

איין דריטעל פון לאַנד, דער מערב זייט באַשטעהט פון הויכע לאַנד מיט אַ ריזיגער רייהע בערג וועלכע ציהען זיך פון צפון און פון דרום. דאָס זיינען די ראָקי מאָונטיינס.

אנטקעגען דעם, אויף דעם מזרח זייט איז אויך דאָ א שטח הויכע לאַנד דורך וועלכען עס ציהט זיך אויך א רייהע בערג. דאָס זיינען די אפאלאטשיען בערג וואָס פון זיי זיינען די קאטסקילס די העכסטע און די ווייטינגסטע בערג. דער מזרח שטח פון הויכלאַנד און די בערג זיינען ווייט ניט אזוי גרויס און הויך ווי דער מערב זייט.

צווישען די צוויי שטרעקעס הויכלאַנד איז דאָ א גרויסער שטח פארהעלטניס־מעסיג נידעריגערע לאַנד דורך וועלכען עס ציהט זיך דער ריזיגער מיטעללענדישער טאָל.

דער פערטער טייל איז א שמאָלער שטיק לאַנד וואָס ציהט זיך ביים אטלאנ־טישען אָקעאן אויף דעם מזרח ברעג פון לאַנד אויף וועלכען עס געפינען זיך די וויכטיגע אינדוסטריעלע און האפען שטעדט פון ניו יאָרק, פילאדעלפיא, באָסטאָן, באַלטימאָר, טשערלסטאָן, סאוואנא און אנדערע.

## ארומיגע וואַסערען

עס זיינען דאָ פילע נאַטירליכע אורזאכען פארוואָס דאָס לאַנד האָט זיך אזוי שנעל און אויף אזא וואונדערבארען אופן ענטוויקעלט. אָבער עס איז קיין צווייפעל ניט דאָס איינע פון די הויפט אורזאכען פון דעם ראַשיגען וואוקס פון דעם לאַנד איז דער כאַראַקטער פון דעם ים־ברעג וועלכער האָט אין פילע ערטער גערינט ווי אן אָפענער טויער, אין וועלכען די גרויסע שיפען פון דער וועלט האָבען געקענט אריינקומען און שאפען א פארקער מיט דער נייער וועלט.

מיט דעם פאַסיפישען אָקעאן וועלכער באוואַסערט דעם מערב ברעג פון לאַנד, איז די לאַגע אנדערש. יענער ים האָט ניט די איינברעכונגען, ער לויפט כמעט אין א גלייכער ליניע. דער ברעג פון דעם אַטלאַנטיק וועלכער וואשט דעם מזרח ברעג פון אמעריקא, איז אין פילע ערטער איינגעבראָכען, און איז אין די ערטער טיף גענוג, אזוי אז עס האָט זיך געשאפען צוליב דעם א ריזיגער וואסער פארקער מיט אייראפּא. דאָס איז אויך געוואָרען איינע פון די הויפט אורזאכען וואָס די שיף בוי אינדוסטרי האָט זיך ענטוויקעלט אין אמעריקע אין דעם 17טען און 18טען יאָהרהונדערט.

## בערג—טאָלען—טייכען

צווישען די צוויי בערג סיסטעמען, די ראָקים אויף דעם מערב זייט און די אפאלאטשיען אויף דעם מזרח זייט, און צווישען די פילע אנדערע איבערן לאַנד און די הויכלענדער אויף וועלכע זיי געפינען זיך, זיינען דאָ ריזיגע טאָלען וואָס זעהן אויס ווי קאָריטעס. דורך דיזע טאָלען לויפען קלענערע און גרעסערע שטראָמען וועלכע דינען דער באפעלקערונג אויף פארשיידענע אופנים. אויף די גרעסערע טייכען און אָזעראָס איז דאָ א באדייטענדער שיפען פארקער און אן אינדוסטרי פון כאפען פיש, אין די טייכען וואו דאָס וואסער לויפט ראַשיג, ווערט די וואסער־קראפט באנוצט צו באטרייבען פאבריקען, שאפען עלעקטריציטעט, א. ז. וו.

צווישען די טייכען פון אמעריקא איז דער מיסיסיפי דער גרעסטער. ער ציהט זיך דורך עטליכע סטייטס איבער א שטרעקע פון 2500 מייל און פאלט אריין אין דעם גאָלף פון מעקסיקאָ. אין דעם מיסיסיפי פאַלען אריין עטליכע גרויסע טייכען. דער גרעסטער פון זיי איז דער מיזורי טייך. דער גאָלף פון מעקסיקאָ געפינט זיך

ארום די ברעגען פון די זידליכע שטאאטען, און גיסט זיך צוזאמען מיט דעם אט־לאנטיק אויף דעם מזרח זייט פון די פאראייניגטע שטאאטען. אויף דעם צפון זייט צווישען די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדא געפינען זיך פינף גרויסע אזעראס, לייק אירי, לייק אנטעריא, לייק היוראן, לייק מישיגען, און לייק סופיריאר. זיי פארנעמען א שטח פון צעהנדליגע טויזענדער קוואדראטנע מייל, און ווערען גע־ניצט פון ביידע לענדער, די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדא פאר א שיף פארקער און פיש פאנגען.

## קלימאט

נעמענדיג אין אנבעטראכט דאס די פאראייניגטע שטאאטען פארנעמען א שטח פון אונגעפעהר דריי מיליאן קוואדראטנע מייל, איז זיך לייכט פארצושטעלען ווי פארשיידענארטיג דער קלימאט איז אין פארשיידענע טיילען פון לאנד. די צפון שטאאטען האבען קאלטע ווינטערען און אין אייניגע דרום שטאאטען איז כמעט ניטא קיין סימן פון ווינטער. די שטאאטען פון דעם מיטעלען טייל פון לאנד האבען א מעסיגען קלימאט, וואס דריקט זיך אויס אין מילדע ווינטערען.

## וועלדער—חיות—תבואות און מינעראלען

לויט דער פארשיידענארטיגקייט פון דעם קלימאט, זיינען אויך פארשיידענ־ארטיג די חיות, בוימער, תבואות, און פלאנצונגען.

אין די קאלטע וועלדער פון די צפון שטאאטען געפינען זיך סטאדעס פון הירשען און בופלאקסען אויך בערען און וועלף. ביי די קאלטע צפון ברעגען פון דעם אטלאנטיק און דעם פאסיפיק זיינען דא צעהנדליגער טויזענדער ים־הינט וועלכע ווערען געפאנגען צוליב זייערע פעלכלאך פאר פוטערווארג. אין די ווארימע ברעגען פון ים נעבען פלארידא זיינען דא קראקאדילען און אנדערע חיות וואס לעבען אין ווארימע קלימאטען. אין די גרויסע סטעפעס פון די מידל שטאאטען לויפען ארום גרויסע סטאדעס סטעפ הינטלאך וועלכע זיינען עהנליך צו שטשורעס.

פונקט אזוי פארשיידענארטיג זיינען די בוימער, תבואות און פלאנצען. ריזיגע פעלדער פון קארן, ווייץ, האבער און קוקורוזע זיינען פארשפרייט איבער פארשיי־דענע טיילען פון לאנד. בלויז ווייץ ווערט ארונטערגענומען אונגעפעהר א ביליאן בושעל יעהרליך. די פארמער פון די זידליכע שטאאטען פלאנצען הויפטזעכליך קאטאן און טאבאק. דער קאטאן וואוקס אין די סאוטה גרייכט די צאל פון 18 מיליאן בייל יעהרליך. פרוכט בוימער זיינען דא פון אלע סארטען לויט נאך דעם כאראקטער פון דעם קלימאט. אין קאליפארניא און פלארידא וואקסען אראנזשען, פייגען און אנדערע טראפישע פרוכטען. די וועלדער פון די פאראייניגטע שטאאטען זיינען פארשפרייט איבער א שטרעקע פון ווייט איבער צוויי הונדערט מיליאן אקער לאנד. דער נוצען פון די וועלדער איז ניט נאר די געהילץ וואס מען קריגט פון זיי ארויס, נאר אויך דער אינדירעקטער נוצען וואס זיי דינען אלס א רעזערוואר פון וואסער פאר די ארומיגע לענדער. לאנג נאכדעם ווי די רעגענס הערען אויף, גיבען די וועלדער ארויס פייכטקייט פאר די ארומיגע געגענדען.

אין קאליפארניא געפינען זיך אויסערגעוועהנליך גרויסע בוימער וועלכע זיינען טויזענדער יאהר אלט. איינער פון די אלטע בוימער געפינט זיך אין דעם נאציא־נאלען פארק „סעקוואלא“. דער בוים איז 272 פוס הויך און אין דעם גרעסטען טייל איז ער 36 פוס אין דיאמעטער.

פונקט ווי דאָס לאַנד איז רייך א ו י ף דער ערד, באַזיצט עס אויך ריזיגע רייכטימער אין די געדערים פון דער ערד. קוילען, אויל, אייזען, זילבער, גאָלד, בליי און זיבעציג אנדערע מינעראַלען געפינען זיך פאַרשפּרייט איבער די פאַרשיידענע טיילען פון לאַנד.

# די רעגירונגען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען

ביז דעם יאָהר 1776 זיינען אין אמעריקע געווען דרייצעהן באַזונדערע קאָלאָניעס מיט באַזונדערע רעגירונגען. זיי זיינען געווען אונטער ענגלאַנד וועלכע האָט זיי רעגירט מיט אַן אייזערנער האַנט.

אין 1776 האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען פאָרטרעטער פון די קאָלאָניעס אין פילאַדעלפיא און האָבען אָנגענומען די ערקלערונג פאַר אונאַבהענגיקייט. ביי דעם צוזאַמענפאָר איז צום ערשטען מאָל באַניצט געוואָרען דער אויסדרוק, די פאַראייניגטע קאָלאָניעס.

מיט פינף יאָהר שפּעטער האָבען זיי ווידער געהאַט א צוזאַמענפאָר און האָבען אָנגענומען די ארטיקלס אָף קאָנפעדערײשאָן, א מין קאָנטראַקט וועלכער האָט פאַרבונדען די קאָלאָניעס איינע מיט די אנדערע. פון דעם איז מיט זעקס יאָהר שפּעטער אין 1887 ארויסגעוואַקסען די קאָנסטיטוציע.

## די קאָנסטיטוציע

אין דער ארבייט פון שאַפען די קאָנסטיטוציע זיינען פאָרגעקומען פילע שוועריגקייטען. טראָצדעם וואָס זיי זיינען אַלע געווען ענגלישע קאָלאָניעס, איז אָבער די באַפעלקערונג שוין געווען א פאַרשיידענאַרטיגע און זייערע אינטערעסען האָבען זיך שטאַרק אונטערשיידעט איינע פון דעם אנדערען. די קלענערע סטייטס זיינען געווען אייפערזיכטיג אויף די גרעסערע. די אינטערעסען פון די מעהר אָדער ווייניגער ענטוויקעלטע אינדוסטריעלע שטאַאַטען פון די נאָרטה זיינען געווען גאַנץ אנדערש פון די אינטערעסען פון די סאַוטה, וועלכע האָט זיך אָפּגעגעבען מיט לאַנדווירטשאַפט.

אום אויסצוגלייכען אַט די צוויסטיגקייטען האָט זיך געפאָדערט פיל טאַקט. דאָס האָבען די פאַרפאַסער פון דער קאָנסטיטוציע ארויסגעצייגט דערמיט וואָס זיי האָבען געשאַפען א האַרמאָנישען דאָקומענט אין וועלכען עס זיינען געמאַכט געוואָרען הנחות צו אַלע צדדים.

דער פּריעמבל, אָדער פּרינציפּען ערקלערונג איז אויסגעדריקט אויף דעם פאָלגענדען אופן:

„מיר, דאָס פאָלק פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען, אום צו שאַפען א מעהר פאָלקאָמענע פאַראייניגונג, עטאַבלירען גערעכטיגקייט, פאַרזיכערען פרידליכקייט אין לאַנד, צוגרייטען זיך פאַר געמיינזאַמע פאַרטיידיגונג, פאַרבעסערען דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין, און פאַרזיכערען די ברכה פון פרייהייט פאַר אונז און פאַר די קומענדע דורות, שטעלען מיר איין און עטאַבלירען די קאָנסטיטוציע פאַר די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקע".

די קאָנסטיטוציע טיילט זיך אויף 3 אבטיילונגען: די געזעצגעבענדע אבטיילונג, די עקזעקוטיווע און די געריכטען. די געזעצגעבענדע מאַכט האָט דער קאָנגרעס.

## דער אמעריקאנער קאָנגרעס

די געזעצגעבענדע מאכט פון לאַנד איז אין דעם קאָנגרעס וועלכער באשטעהט פון סענאַט און רעפּרעזענטאנטען הויז. דער סענאַט באשטעהט פון צוויי סענאַטאָרען פון יעדען סטייט, גרויס אָדער קליין. דאָס רעפּרעזענטאנטען הויז באשטעהט פון א צאָל פארטרעטער פון יעדען שטאַאט לויט נאָך דער גרויס פון דער באפעלקערונג. יעדע צעהן יאָהר איז דאָ א פאָלקס-צעהלונג. לויט נאָך דער פאָלקס-צעהלונג ווערט באשטימט די צאָל פון פארטרעטער אין דער הויז. דער וויס-פּרעזידענט איז דער פאָרזיצער פון סענאַט. דער פאָרזיצער פון רעפּרעזענטאנטען הויז איז דער ספּיקער, א מיטגליד וועלכער ווערט ערוועהלט פון די מיטגלידער פון רעפּרעזענטאנטען הויז.

די עקזעקוטיווע מאכט האָט דער פּרעזידענט.

## דער פּרעזידענט

דער פּרעזידענט ווערט ערוועהלט פון דעם „קאָלעדזש אָף עלעקטאָרס". יעדער סטייט איז בארעכטיגט צו דער זעלבער צאָל פארטרעטער צו דעם קאָלעדזש אָף עלעקטאָרס ווי די צאָל פון קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען צוזאמענגענומען וואָס רעפּרעזענטירען דעם סטייט.

לכתחילה האָט מען טאַקע געצילט אז דער „קאָלעדזש אָף עלעקטאָרס" זאָל אויסקלייבען דעם פּרעזידענט. איצט איז דאָס ניט מעהר ווי א פּוסטע פאָרמע. אין דעם טאָג פון די וואהלען שטימט מען טאַקע פאר דעם „קאָלעדזש אָף עלעקטאָרס", אָבער ווען מען ציילט איבער די שטימען, ווייס מען ווער עס איז ערוועהלט פּרעזידענט, ווייל יעדער פּארטיי נאָמינירט איהר קאנדידאט מיט וואָכען פריהער, און די מיטגלידער פון דעם „קאָלעדזש אָף עלעקטאָרס" געהן בלויז דורך די פאָרמאַליטעט פון ערוועהלען דעם פּרעזידענט, לויט דעם וואונש פון זייערע פּארטייען.

דער פּרעזידענט שטעהט אָן דער שפּיצע פון דער עקזעקוטיווע מאכט. דאָס איז די מאכט וואָס פירט דורך די געזעצען.

די געריכטליכע מאכט האָבען די פעדעראלע געריכטען.

## די פעדעראלע קאָורטס

די פעדעראלע קאָורטס האָבען די אויפגאבע אויסצוטייטשען די געזעצע פון לאַנד און אָבהיטען אז די געזעצע זאָלען ניט אריבערטרעטען די קאָנסטיטוציע. דער סופּרים קאָורט איז די העכסטע געזעצליכע אינסטאנץ פון לאַנד. דער סופּרים קאָורט באשטעהט פון 9 מיטגלידער, וועלכע ווערען באשטימט פון פּרעזידענט און ראטיפיצירט פון קאָנגרעס. צוזאמען מיט'ן סופּרים קאָורט געפינען זיך אויך פעדעראלע—סוירקוט און דיסטריקט קאָורטס.

ווי מען זעהט זיינען דאָ דריי באזונדערע אבטיילונגען אין דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען לויט דער קאָנסטיטוציע.

1) די געזעצגעבענדע מאכט וואָס געפינט זיך אין די הענד פון קאָנגרעס.

2) די עקזעקוטיוו (די אויספיהר) מאכט וואָס געפינט זיך אין די הענד פון פּרעזידענט.

3) די געריכטליכע מאכט, וואָס האָט צו ענטשיידען קאָנסטיטוציאָנעלע פּראַגען אין אויסטייטשען די געזעצע פון לאַנד.

## די יעצטיגע אדמיניסטראציע

פרעזידענט — פרענקלין דעלאנא רוזוועלט
זיין געהאלט איז 75 טויזענד דאלאר

וויצע פרעזידענט — דזשאהן ניונס גארנער
זיין געהאלט איז 15 טויזענד דאלאר

## דעם פרעזידענטס קאַבינעט

דער פרעזידענט האָט א קאבינעט פון מיניסטאָרען מיט וועמען ער באראט זיך איבער פארשיידענע פראגען. יעדער פון די מיניסטאָרען איז אָן דער שפּיצע פון א וויכטיגער אפּטיילונג פון דער רעגירונג. זיי ווערען אפּאָינטעט פון דעם פּרע־זידענט.

## דער קאַבינעט

סעקרעטערי אָוו סטייט — קארדעל האָל.
סעקרעטערי אָוו די טרעזשורי — הענרי מארגענטאָו, דזשוניאָר.
סעקרעטערי אוו וואָר — דזשאָרדזש ה. דערן.
אטוירני דזשענעראל — האמער ס. קאממינגס.
פּאָסטמאסטער דזשענעראל — דזשיימס א. פארלי.
סעקרעטערי אָוו אינטיריאָר — הערא‏לד ל. איקעס.
סעקרעטערי אָוו אגריקאלטשאר — הענרי א. וואלאס.
סעקרעטערי אוו קאמוירס — דעניעל ס. ראפּער.
סעקרעטערי אוו לייבאָר — פראנסעס פּוירקינס.
סעקרעטערי אוו די נייווי — קלאוד א. סוואנסאָן.

דער געהאלט פון די מיטגלידער פון קאבינעט איז 15 טויזענד דאלאר א יאָהר.

מיסס פּוירקינס איז די ערשטע פרוי וואָס האָט ווען פארנומען אן אמט אין דעם אמעריקאנער קאבינעט.

## די אמענדמענטס

די קאָנסטיטוציע האָט פּאָרגעשריבען א מעטאָדע ווי אזוי ענדערונגען קענען אין איהר געמאכט ווערען. די ענדערונגען רופען זיך אמענדמענטס. ביז איצט זיינען שוין אָנגענומען געוואָרען 21 אמענדמענטס.

די ערשטע צוועלף אמענדמענטס ווערען אויך אָנגערופען די „ביל אָף רייטס". זיי זיינען אנגענומען געוואָרען אין 1791. אסך פון די בירגער זיינען געווען מיט דער מיינונג אז די קאָנסטיטוציע האָט געגעבען צופיל מאכט דער צענטראלער רע־גירונג. די מעהרסטע פון די ערשטע צוועלף אמענדמענטס זיינען אלזא געוואָרען א מין געשריבענע גאראנטיע פאר די רעכטע פון יעדען שטאאט באזונדער און די פּערזענליכע רעכטע פון דעם איינצעלנעם בירגער.

די נעקסטע דריי אמענדמענטס זיינען אָנגענומען געווארען באלד נאָך דעם בירגער־קריג. דער דרייצעהנטער אמענדמענט האָט אָפּגעשאפט שקלאפעריי אין 1865. דער 14טער אמענדמענט האָט געגעבען בירגער־רעכט צו די געוועזענע שקלאפען. ער איז אָנגענומען געווארען אין 1868.

דער 15טער אמענדמענט איז אָנגענומען געווארען אין 1870. ער האָט פאר־באָטען די שטאאטען צוצונעמען דאָס שטימרעכט פון בירגער צוליב ראסע, קאָליר, אָדער צוליב דעם וואָס זיי זיינען פריער געווען שקלאפען.

דער 16טער אמענדמענט איז אָנגענומען געווארען אין 1913. דער אמענד־מענט האָט געגעבען דעם קאָנגרעס דאָס רעכט ארויפלייגען אויף די בירגער א נאַ־ציאָנאלען איינקונפטס־טעקס.

אין דעם זעלבען יאָהר איז אויך אָנגענומען געווארען דער 17טער אמענד־מענט וועלכער האָט אָפּגעשאפט די אלטע מעטאָדע פון ערוועהלען סענאטאָרען דורך די סטייט לעדזשיסלייטשורס, און האָט געשאפען דיסטריקטען מעטאָדע פון די־רעקטע ערוועהלונג פון סענאטאָרען דורך א פאָלקס אָפּשטימונג.

דער 18טער אמענדמענט וועלכער איז אָנגענומען געווארען איז 1919 האָט פארבאָטען די מאנופאקטור און האנדעל פון אלקאָהאָלישע געטרענקע.

דער ניינצעהנטער אמענדמענט וועלכער איז אנגענומען געווארען אין 1920 האָט געגעבען פרויען די שטימרעכט.

דער צוואנציגסטער אמענדמענט באשטימט, אז דער טערמין פון דעם פרעזי־דענט און וויים־פרעזידענט זאָל זיך אָנפאנגען דעם 20טען יאנואר און פון קאָנ־גרעס דעם 3טען יאנואר.

דער 21טער אמענדמענט, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען אין 1933, האָט אָבגעשאפט דעם 18טען אמענדמענט.

# די פאראייניגטע שטאַאטען

## שטח, באַפעלקערונג און עקאָנאָמישע רעסאָרסען.

---

די פאראייניגטע שטאאטען פון צפון אמעריקע שטעלען צוזאמען איין גרויסע מעכטיגע פעדעראלע רעפובליק. די גרעסטע דעמאָקראטישע רעפובליק פון דער וועלט. די הויפט־שטאָדט פון די פאראייניגטע שטאאטען איז וואשינגטאָן, וואָס געפינט זיך אין א באזונדערען דיסטריקט, וואָס מען רופט „דער דיסטריקט אָף קאָ־לאָמביע."

מען האָט אבזיכטליך אָבגעזונדערט א געגענד, וואָס געהערט נים צו קיין סטייט און געבויט דאָרטען די הויפט־שטאָדט פון דער רעפובליק אום צו פאר־מיידען קנאה צווישען באזונדערע שטאאטען. דער דיסטריקט אָף קאָלאָמביע גע־פינט זיך אין גאנצען אונטער דעם רשות פון דער פעדעראלער רעגירונג. יעדער איינצעלנער שטאאט איז אבער אין פילע הינזיכטען זעלבסטשטענדיג. יעדער שטאאט קען זיך שאפען אייגענע געזעצען אויב זיי זיינען נאָר ניט אין ווידערשפרוך מיט דער פעדעראלער קאָנסטיטוציע. יעדער איינצעלנער שטאאט פון די פאראייניגטע שטאאטען האָט זיין אייגענע געשיכטע און זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע.

אויסער די טעריטאָריעס וואָס די פאראייניגטע שטאאטען פארמאָגט, זיינען דאָ אין דער פאראייניגונג 48 שטאאטען. דער שטח פון אָט די 48 שטאאטען, אריינ־גערעכענט אויך די 70 סקווער מיילען פון דיסטריקט אָף קאָלאָמביע, איז 3.026.789 סקווער מיילען. דער שטח איז דריי פערטעל פון דעם שטח פון אייראפא. צוזאמען מיט אלאסקא דערגרייכט דער שטח כמעט דעם גאנצען שטח פון אייראפא. צוזאמען מיט דעם שטח פון אנדערע טעריטאָריעס און לענדער, וועלכע זיינען דערווייל אונ־טערן רשות פון אמעריקע, פארנעמט דער גאנצער שטח 3,738,395 סקווער מיילען.

דער גאנצער שטח האָט אזוי פיעל סקווער מיילען, וויפיעל דער גאנצער קאָנטינענט — אייראפא.

די מאָטאָ, וואָס די פאראייניגטע שטאאטען האָבען אנגענומען לויט א פאָראָרדנונג פון קאָנגרעס אין דעם יאָהר 1782 איז א לאטיינישער ווערטעל „ע פלוריבוס אונום", וואָס דאָס מיינט: פילע אין איינעם. אלע 48 שטאאטען, דער דיסטריקט אָף קאלאמביע, די טעריטאָריעס אלאסקא און די האוואיען אינזלען שטעלען צוזאמען איין אונטיילבארען גאנצען. וואָס אנבעטרעפט ווענען די לענדער, וואָס זיינען אונטערוואָרפען דער מאכט פון די פאראייניגטע שטאאטען, וועלען וואהרשיינליך אייניגע פון זיי ווערען מיט דער צייט אין גאנצען זעלבסטשטענדיג. די פיליפינען אינזלען וועלען ווערען אין 10 יאָהר שפעטער אין גאנצען זעלבסטשטענדיג לויט א פעראָרדנונג פון קאָנגרעס מארטש דעם 24טען, 1934. גרויס איז אבער די אמעריקאנער רעפובליק ניט מיט די אָבהענגיגע לענדער, נאָר מיט שטאאטען און טעריטאָריעס, וואָס שטעלען צוזאמען די פאראייניגטע שטאאטען.

די גרעניצען פון די פאראייניגטע שטאאטען, אויף דעם אמעריקאנער קאָנטינענט, ציהען זיך פון דעם אטלאנטישען אָקעאן ביז דעם פאסיפישען און פון די „גרויסע אָזיערעס" (גרויסע לייקס) צו דעם גאלף אָף מעקסיקא. דורך נאטירליכע און אבגעמאכטע גרעניצען, איז די רעפובליק פון די פאראייניגטע שטאאטען אבגעגרעניצט פון קענעדע אין צפון אויף 3900 מייל און פון מעקסיקא אין דרום 1975 מייל.

ווען מען זאָל ציהען א לאנגען שנור איבער די נאטירליכע און אבגעמאכטע גרעניצען, וועט דער גרעניץ־שנור האָבען 10,713 מייל.

די גרעניצען זיינען ווי פאָלגט:

גרעניצט זיך מיט'ן אטלאנטישען אָקעאן אויף 1883 מייל; מיט'ן פאסיפישען אָקעאן אויף 1316 מייל; מיט'ן גאלף אָף מעקסיקא אויף 1639; מיט'ן קענעדע אויף 3900 מייל; מיט'ן מעקסיקא אויף 1975 מייל.

דער גרויסער שטח, וואָס אמעריקע האָט איצט 3,026,789 סקווער מייל, אויפ'ן קאָנטינענט און 711,606 אין אנדערע געגענדען איז ניט מיט אמאָל געוואָרען. פאר דער צייט פון איהר עקזיסטענץ אלס רעפובליק איז אמעריקע פארפירפאכט געוואָרען. די רעפובליק איז געוואקסען. זי האָט זיך אויסגעצויגען. פון א ריעזען קינד איז אמעריקע געוואָרען א אויסגעוואקסענער ריעז. די פאראייניגטע שטאאטען איז געוואקסען סיי אין באפעלקערונג און סיי אין שטח.

די פאָלגענדע קורצע טאבעלע צייגט דעם ריזיגען וואוקס פון באפעלקערונג.

| צענזוס יאָהר | צאָהל פון באפעלקערונג |
|---|---|
| 1790 | 3,929,214 |
| 1800 | 5,308,483 |
| 1810 | 7,239,881 |
| 1840 | 17,069,453 |
| 1870 | 38,558,371 |
| 1900 | 75,994,575 |
| 1930 | 122,775,046 |

דער וואוקס פון באפעלקערונג האָט א גרויסען טייל צו פארדאנקען דער אימיגראציע פון פארשידענע לענדער פון דעם יאָהר 1820 ביז 1930, אין א משך פון 130 יאָהר, זיינען איינוואנדערט נאָך אמעריקע לויט פארעפענטליכטע סטאטיסטיק 37,520,312. איבער 37 מיליאָן אימיגראנטען זיינען פאר דער צייט אריינ־

געקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען. פון זיי האָט בלויז א קליינער טייל פאר־לאָזען דאָס לאנד. אז דער וואוקס פון דער באפעלקערונג אין א גאָר גרויסער מאָס איז א רעזולטאט פון אימיגראציע איז זעלבסטפארשטענדליך.

די אימיגראנטען האָבען פיל בייגעטראָגען צו ענטוויקלען אמעריקע עקאָנאָמיש, גייסטיג און פּאָליטיש. צוזאמען מיט די געבאָרענע אמעריקאנער, זיינען אימיגראנ־טען געווען די פּיאָנירען צו קולטיווירען און צו באזעצען די גרויסע שטרעקעס לאנד פון דער וועסט. די אימיגראנטען האָבען געהאָלפען די פאראייניגטע שטאאטען צו ווערען די מעכטיגע גרויסע רעפּובליק פון דער נייער וועלט. נאָך אלעמען זיינען אמעריקאנער, אויסער אינדיאנער, אלע אימיגראנטען. איינינע זיינען געקומען פריהער און איינינע שפּעטער.

צוזאמען מיט דעם וואוקס פון באפעלקערונג איז אויך אויסגעוואקסען דער שטח פון דער טעריטאָריע, וואָס די פאראייניגטע שטאאטען פארנעמט. פאר דעם גאנצען 19טען יאָהרהונדערט האָט זיך די יונגע אמעריקאנער רעפּובליק אלץ אויס־געשפּרייט ווייטער און ווייטער.

נאָכדעם, ווי די אמעריקאנער קאָנסטיטוציע איז ראטיפיצירט געווארען פון אלע סטעיטס, איז די פארבינדונג צווישען פארשידענע שטאאטען געווארען שטאר־קער. אין 1790 איז די רעפּובליק באשטאנען פון פאָלגענדע 13 שטאאטען: ניו־העמפּשייר, מאססאטשוזעטס, ראָוד איילאנד, קאָנעקטיקוט, ניו־יאָרק, ניו דזשוירזי, פּענסילווייניע, דעלעווער, מערילענד, ווירדזשיניע, דזשאָרדזשיע, נארטה קאראליינע און סאוט קאראליינע.

אָט די 13 שטאאטען, זיינען די אָריגינעלע שטאאטען. זייער גאנצער איצטיגער שטח פארנעמט 326,378 סקוועער מיילען. אין דער צייט, ווען די אמעריקאנער קאָנס־טיטוציע איז ראטיפיצירט געוואָרען איז זייער שטח געווען פיל גרעסער, דערפאר וואָס זייערע גרעניצען זיינען געווען פיל ווייטער. די שטאאטען מעין, ווערמאָנט, קענטאָקי, וועסט ווירדזשיניע, טענעסי, מיסיסיפּי, אלאבאמא, אָהייא, אינדיאנא, אילינאָי, מישיגען, וויסקאנסין און א טייל פון מינעסאטא זיינען אבגעבראָקעלט געוואָרען פון די אָריגינעלע שטאאטען. דער אָריגינעלער שטח פון די פאראייניגטע שטאאטען איז געווען 892,135 סקוועער מיילען. די גרעניצען זיינען געווען פון דעם אטלאנטישען ים ביז דער טייך מיסיסיפּי און פון קענעדע ביז פלאָרידא.

אין דעם יאָהר 1803 האָט פּרעזידענט דזשעפערסאָן אָבגעקויפט פון נאפּאָליאָ־נען דעם גרויסען שטח פון 827,987 סקוועער מיילען. טהאָמאס דזשעפערסאָן, דער פארפאסער פון דעם וויכטיגען דאָקומענט „דעקלערייששאן אף אינדעפּענדענס", א מענש מיט שטארקע דעמאָקראטישע איבערצייגונגען, האָט מורא געהאט צו האָבען אימפּעריאליסטישע שכנים און האָט דעריבער געקויפט פון פראנקרייך די גרויסע שטרעקע לאנד, וואָס האָט געהערט צו פראנקרייך פאר דער סומע פון 60 מיליאָן פראנק (15 מיליאָן דאלאר). דער מסחר הייסט אין אמעריקאנער געשיכטע „לואי־זיאנא פארטשייז", דער קויף פון לואיזיאנא. מיט דעם מסחר איז דער שטח פון דער טעריטאָריע פון די פאראייניגטע שטאאטען פארדאָפּעלט געוואָרען.

די גרויסע טעריטאָריע איז איבערגעגאנגען פון פראנקרייך צו שפּאניען, פון שפּאניען ווידער צו פראנקרייך. אויף דער טעריטאָריע האָבען געוואוינט פראנ־צויזען (קרעאלען) שפּאניער, אבער אויך פילע אמעריקאנער. מיט דעם קויף פון דער טעריטאָריע האָט אמעריקע זיך אָנגעפאנגען צו פארשפּרייטען. די היינטיגע שטאאטען ארקאנזא, מיזורי, אייאָווא, א טייל פון מינעסאטא, נאָרטה דאקאטא, סאוטה דאקאטאָ, נעבראסקא, גרויסע טיילען פון קענזעס, טיילען פון אקלאהאמא,

טיילען פון מאָנטאַנאַ, וואיאָמינג, טיילען פון קאָלאָראַדאָ, טיילען פון לואיזיאַנאַ זיינען אויסגעוואקסען פון יענער היסטאָרישער קניה.

דער ווייטערדיגער וואוקס פון די פאראייניגטע שטאַאטען איז געקומען דורך מלחמות און דורך קאָלאָניזאַציע. די אמעריקאַנער האָבען זיך געשפּאַרט אלץ ווייטער און ווייטער צו דער וועסט, ביז דעם פּאַסיפישען אָקעאַן און האָבען אויך דערוויילע פארנומען זייטיגע לענדער.

וועגען דעם וואוקס פון שטח, קען מען זעהען פון פאָלגענדער טאַבעלע:

## וואוקס פון דעם שטח פון די פאראייניגטע שטאַאטען

| ט ע ר י ט אָ ר י ע | יאָהר | סקווער מיילען |
|---|---|---|
| טעריטאָריע צוגעקומען דורך קויף פון לואיזיאַנאַ | 1803 | 827,987 |
| טעריטאָריעס צוגעקומען דורך אָפּמאַך מיט שפּאַניע | 1819 | 13,435 |
| טעריטאָריע צוגעקומען דורך קריגען פלאָרידע | 1819 | 58,666 |
| טעריטאָריע צוגעקומען דורך קריגען טעקסעס | 1845 | 389,166 |
| טעריטאָריע צוגעקומען דורך קריגען אָרעגאָן | 1846 | 286,541 |
| טעריטאָריע צוגעקומען דורך צונעהמען פון מעקסיקאָ | 1848 | 529,189 |
| טעריטאָריע צוגעקומען דורך קויף פון מעקסיקאָ | 1853 | 29,670 |
| דער אָריגינעלער שטח אויף דעם קאָנטינענט | | 892,135 |
| דער איצטיגער שטח אין סקוו. מיילען אויפן קאנטינענט | | 3,026,789 |
| אָפּגעקויפט אלאסקא פון רוסלאַנד | 1867 | 586,400 |
| האוויען אינזלען אריבער צו די פאר. שטאַאטען | 1898 | 6,407 |
| די איצטיגע טעריטאָריע פון די פאריייניגטע שטאַאטען | | 3,619,596 |

## אָפּהענגיגע לענדער

| | | |
|---|---|---|
| דער וואוקס פון טעריטאָריע אויף דעם קאנטינענט | | 2,134,654 |
| די פיליפּינען אינזלען אריבער צו די פאר. שטאַאטען | 1899 | 114,400 |
| פּוערטאָ ריקאָ אריבער צו די פאראייניגטע שטאַאטען | 1899 | 3,435 |
| גואם אריבער צו די פאראייניגטע שטאַאטען | 1899 | 206 |
| סאַמאָא (אמעריקאַנער) אריבער צו די פאר. שטאַאטען | 1900 | 76 |
| די זאָנע פון פּאַנאַמאַ קאַנאַל אריבער צו די פאר. שט. | 1904 | 549 |
| די ווירדזשיניא אינזלען אריבער צו די פאר. שטאַאטען | 1917 | 133 |
| דער שטח פון די פאראייניגטע שטאַאטען און דער שטח פון איהרע טעריטאָריעס און אָפּהענגיגע לענדער | | 3,738,395 |

טראָץ דעם, וואָס די מאָטאָ פון די פאראייניגטע שטאַאטען איז „ע פּלוריבוס אונום" פילע אין איינעם, זיינען נאָך אָבער ניט אלע שטאַאטען צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם. עס הערשט נאָך א לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם. די פאראייניגטע שטאַאטען טיילען זיך אין ראַיאָנען, אין סעקציעס, וואָס נעמען ארום געוויסע גרעניצען. איין ראַיאָן איז אנדערש ווי דער צווייטער. יעדער ראַיאָן האָט לאָקאַלע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען.

דער אנטאגאָניזם צווישען ראַיאָנען האָט געפיהרט צום בלוטיגען בירגער־קריג, וואָס האָט געדויערט עטליכע יאָהר. עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען שקלאַפעריי, פאַרוואָס די דרום־שטאַאטען האָבען זיך אָבגעריסען פון דער פאַראייניגונג. דער בירגער־קריג האָט אויסגעבראָכען אָבצוהאַלטען די פאַרשפּרייטונג פון שקלאַפעריי אין די נייע געגרינדעטע שטאַאטען. אין דעם בירגער־קריג זיינען געווען פאַרוויקעלט הויכע אידעאַליסטישע פּרינציפּען, אָבער אויך עקאָנאָמישע אינטערעסען. קאַטאַן איז געווען דער הויפּט ארטיקעל, וואָס די דרום־שטאַאטען האָבען פּראָדוצירט. דער ארטיקעל קאַטאַן האָט מען געקרוינט מיט'ן נאָמען קעניג. דער קעניג קאַטאַן האָט זיך אָבער געגוויטיגט אין שקלאַפען וואָס זיינען געווען באַטראַכט פון די דרום־פּלאַנטאַטאָרס, ווי בהמות און זיינען געווען דער אייגענטהום פון פּלאַנטאַטאָרס ווי אָקסען, פערד און אנדערע מטלטלים.

די פּראָדוקציע פון קאַטאַן איז געוואַקסען אומגעהויער. אין יאָהר 1834 האָט אַמעריקע פּראָדוצירט 900.000 ביילס קאַטאַן, און האָט אויך דאַמאָלסט באַטראַכט די פּראָדוקציע פאַר זעהר גרויס. אין יאָהר 1860 פאַר'ן אויסברוך פון בירגער־קריג האָט שוין די פּראָדוקציע דערגרייכט פון פינף מיליאָן און פיר הונדערט טויזענד ביילס קאַטאַן. די מייסטע קאַטאַן האָבען אָבער די דרום־שטאַאטען עקספּאָרטירט אין אויסלאַנד און זיינען דעריבער ניט געווען אָבהענגיג פון דעם אינדוסטריעלען צפון, וואו מען האָט געקוקט קרום אויף שקלאַפעריי, און וואו געגען שקלאַפעריי זיינען היים ארויסגעטראָטען די אבאָליציאָניסטען, אָט די אידעאַליסטישע אינטעליגענטען, וואָס האָבען ערקלעהרט קריג דער שקלאַפעריי.

ווען לינקאָלן איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט האָט ער גאַר ניט געהאַט בדעה צו באפרייען שקלאַפען, ער איז אבער געווען דערפאַר, אז די שקלאַפעריי, „סלייוועריי" זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטען אין די נייע שטאַאטען. גלייך אָבער ווי לינקאָלן איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט, האָט זיך סאוטה קאַראָליינע אבגעריסען פון דער פאַראייניגונג פון שטאַאטען. דערנאָך זיינען צוגעשטאַנען דזשאָרדזשיע, פלאָרידע, אלאבאמא, מיסיסיפּי, לואיזיאַנא. דער נייער שטאַאט טעקסעס, ווירדזשיניע, נאָרטה קאַראָליינא, טענעסי און ארקאַנזאַ. די אבגעריסענע שטאַאטען האָבען געגרינדעט א אייגענע קאָנפעדעראציע. די אָבגעריסענע שטאַאטען האָבען מוטיג געקעמפט פאַר דער הייליגקייט פון שקלאַפעריי, אבער אויך פאַר דעם פּרינציפּ פון זעלבסטשטענדיקייט פון איינצעלנע שטאַאטען. דער קאַמף האָט זיך געפיהרט ביטער. ענדליך האָט געזיגט דער פּרינציפּ פון אייניגקייט פון שטאַאטען. די שוואַרצע שקלאַפען, די נעגערס זיינען באפרייט געוואָרען. אבער דער ריס האָט זיך נאָך ביז היינט ניט אין גאַנצען פאַרהיילט. טראָץ דעם, וואָס די נעגער זיינען באפרייט געוואָרען, ווערען זיי נאָך עד היום באהאנדעלט ווי שקלאַפען אין די דרום־שטאַאטען. דער סעקציאָנעלער געפיהל איז נאָך ניט אין גאַנצען פאַרניכטעט אין די דרום שטאַאטען.

עד היום הערשט נאָך אין פילע שטאַאטען א לאָקאַלער סעקציאָנעלער פּאַטריאָטיזם. האָט נאָך מיט א פּאָר יאָהר צוריק דער שטאַאט נאָרטה דאַקאָטא געוואָלט אבצייסען זיך פון דער פאַראייניגונג און מאַכען שבת פאַר זיך. אמת טאַקע עס איז צו דעם ניט געקומען, אבער דער פּאַרלאַנג אליין איז זעהר כאַראַקטעריסטיש. עס ווייזט אז עד היום הערשט נאָך אַן אנטאגאָניזם צווישען פאַרשידענע געגענדען. די אגריקולטורעלע מיטעל וועסט, די דרום שטאַאטען, די אינדוסטריעלע שטאַאטען פון דער איסט, די ווייטע שטאַאטען פון מערב האָבען פאַרשידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען. יעדער שטאַאט איז אבער אויך צוטיילט אין קלאַסען, אין רייכע און ארימע, אין ארבייטער און קאַפּיטאַליסטען.

אָבער טראָץ דעם אַנטאַגאָניזם הערשט דאָך דער פּרינציפּ „ע פּלוריבוס אונום” (פילע אין איינעם). יעדער שטאַאַט האָט זיך זיין אייגענע רעגירונג, זיינע אייגענע געזעצען, אָבער אַלע שטאַאַטען זיינען פאַראייניגט, זיי שטעלען צוזאַמען די גרויסע דעמאָקראַטישע רעפּובליק פון דער נייער וועלט.

מיר גיבען דאָ קורצע באַשרייבונגען פון יעדען שטאַאַט. עס איז דאָ אויך פאַראַן א טאַבעלע, וואָס גיט אָן געוויסע ידיעות וועגען יעדען שטאַאַט, וועגען דעם שטח, וואָס יעדער שטאַאַט פאַרנעמט, וועגען דער באַפעלקערונג פון שטאַאַט, וועגען דער צאָל אידען פון שטאַאַט און אזוי ווייטער. נאָך דער טאַבעלע קומט א קורצע באַשרייבונג פון יעדען שטאַאַט באַזונדער.

אין דער טאַבעלע זיינען דאָ פאָלגענדע קאָלומס :

1) נאָמען פון שטאַאַט.

2) די פאַרקירצונג פון נאָמען אין ענגליש.

3) שטח פון סקווער מיילען אין 3 סעקציעס :

א. שטח פון לאַנד און וואַסער.
ב. שטח וואַסער.
ג. דער ראַנג פון שטאַאַט לויט'ן שטח.

4) באַפעלקערונג אין יעדען שטאַאַט.

א. די באַפעלקערונג לויט דעם לעצטען צענזוס.
ב. וואוקס פון באַפעלקערונג אין 10 יאָהר.
ג. מענשען פער סקווער מייל.
ד. ראַנג פון שטאַאַט לויט דער באַפעלקערונג.

5) אידישע באַפעלקערונג:

א. צאָהל פון אידען אין יעדען שטאַאַט.
ב. פּראָצענט פון אידען צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.
ג. פּראָצענט פון אידען צו דער גאַנצער צאָהל אידען פון אמעריקע.

6) די געשאַצטע רייכקייט פון יעדען שטאַאַט אין מיליאָנען דאָלאַר.

7) דער יאָהר, ווען יעדער שטאַאַט איז אריין אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

די צאָהל אידען איז אַנגעגעבען לויט די סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען פון דאָקטאָר לינפעלד. זיי זיינען ניכער א שאַצונג, ווי אמת'ער צענזוס. די צאָהלען פאַלען ניט צוזאַמען אין איין יאָהר. די פּראָצענטען קענען אָבער ווייניג געענדערט ווערען, אפילו מען זאָל נעמען די צאָהלען פון דעמזעלבען יאָהר.

די באַשרייבונגען פון די שטאַאַטען איז לויט נאָך ענגלישען אלפאבעט.

| נאָמען פון שטאַאט | פאַרקירצט אין ענגליש | שטח אין סקווער מיילען: שטח לאַנד און וואַסער | שטח וואַסער | ראַנג לויט שטח | באַפעלקערונג לויט צענזוס 1930: צאָהל פון באַפעלק. | וואוקס אין 10 יאָהר אין פראָצ. | מענשען פער סקווער מייל | ראַנג לויט באַפע | אידישע באַפעלקערונג: צאָהל פון א י ד ע ן | פראָצענט פון אידען | פון 100 וואָהנען אין שטאַאט | געשאַצטע רייכקייט מיליאָנען | געוואָרען א שטאַאט אין יאָהר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אלאַבאַמא | Ala....... | 51,998 | 719 | 28 | 2,646,228 | 12.7 | 50.85 | 15 | 12,891 | .49 | 0.31 | 3,316 | 1819 |
| אַריזאָנא | Ariz...... | 113,956 | 146 | 5 | 435,573 | 30.4 | 3.8 | 44 | 1,455 | .33 | 0.03 | 1,578 | 1910 |
| אַרקאַנזאַ | Ark....... | 53,355 | 810 | 26 | 1,854,482 | 5.8 | 34.7 | 25 | 8,850 | .48 | 0.21 | 2,876 | 1836 |
| קאַליפאָרניע | Cal....... | 158,297 | 2,645 | 2 | 5,677,251 | 5.5 | 35.8 | 6 | 123,284 | 2.17 | 2.92 | 17,048 | 1850 |
| קאָלאָראַדאָ | Colo...... | 103,948 | 290 | 7 | 1,035,791 | 10.2 | 9.44 | 33 | 20,321 | 1.96 | 0.48 | 3,516 | 1876 |
| קאָנעקט. | Conn...... | 4,965 | 145 | 46 | 1,606,903 | 16.2 | 323.4 | 29 | 91,538 | 5.70 | 2.17 | 6,186 | פון די 13 אָריגינעלע שטאַאטען |
| דעלעווער | Del....... | 2,370 | 405 | 47 | 238,380 | 6.9 | 100.5 | 47 | 5,310 | 2.23 | 0.13 | 725 | |
| ד. אָף קאָל. | D. C...... | 70 | 8 | 49 | 486,869 | 11.3 | 695.5 | 41 | 16,000 | 3.29 | 0.38 | 1,860 | |
| פלאָרידא | Fla....... | 58,666 | 3,805 | 21 | 1,468,211 | 51.4 | 24.9 | 31 | 13,402 | .91 | 0.32 | 2,029 | 1845 |
| דזשאָרדזשיא | Ga........ | 59,265 | 540 | 20 | 2,908,506 | 0.29 | 49.8 | 14 | 23,179 | .80 | 0.55 | 4,442 | |
| איידעהאָ | Idaho..... | 83,888 | 534 | 12 | 442,032 | 3.2 | 5.4 | 43 | 1,141 | .26 | 0.03 | 1,829 | 1890 |
| אילינאָי | Ill........ | 56,665 | 622 | 23 | 7,630,654 | 17.3 | 134.2 | 3 | 345,980 | 4.53 | 8.17 | 24,356 | 1818 |
| אינדיאַנא | Ind....... | 36,354 | 309 | 37 | 3,238,503 | 10.1 | 88.7 | 11 | 27,244 | .84 | 0.64 | 9,910 | 1816 |
| אייאָווא | Ia........ | 56,147 | 561 | 24 | 2,470,939 | 2.7 | 43.9 | 19 | 16,404 | .66 | 0.39 | 11,385 | 1846 |
| קענזעס | Kans...... | 82,158 | 384 | 13 | 1,880,999 | 6.3 | 22.9 | 24 | 7,792 | .41 | 0.18 | 6,791 | 1861 |
| קענטאָקי | Ky....... | 40,598 | 417 | 36 | 2,614,589 | 8.6 | 64.7 | 17 | 19,533 | .75 | 0.46 | 3,994 | 1792 |
| לואיזיאַנא | La........ | 48,506 | 3,097 | 30 | 2,101,593 | 16.5 | 43.1 | 22 | 16,432 | .78 | 0.39 | 3,864 | 1812 |
| מעין | Me....... | 33,040 | 3,145 | 38 | 797,423 | 4.2 | 24.3 | 35 | 8,480 | 1.06 | 0.20 | 2,314 | 1820 |
| מערילענד | Md....... | 12,327 | 2,386 | 41 | 1,631,526 | 12.4 | 131.9 | 28 | 70,871 | 4.34 | 1.70 | 4,537 | |
| מאַסאַטש. | Mass...... | 8,266 | 227 | 44 | 4,249,614 | 10.4 | 514.6 | 8 | 225,634 | 5.31 | 5.33 | 15,032 | |
| מישיגען | Mich...... | 57,980 | 500 | 22 | 4,842,325 | 32.1 | 83.6 | 7 | 89,462 | 1.85 | 2.12 | 13,293 | 1837 |
| מינעסאָטא | Minn..... | 84,682 | 3,824 | 11 | 2,563,953 | 7.5 | 30.3 | 18 | 43,197 | 1.68 | 1.02 | 9,518 | 1858 |
| מיסיסיפּי | Miss...... | 46,865 | 503 | 31 | 2,009.821 | 12.1 | 42.8 | 23 | 6,420 | .32 | 0.15 | 2,476 | 1817 |
| מיזורי | Mo....... | 69,420 | 693 | 18 | 3,629,367 | 6.4 | 52.1 | 10 | 80,687 | 2.22 | 1.91 | 11,311 | 1821 |
| מאָנטאַנא | Mont..... | 146,997 | 866 | 3 | 537,606 | 2.3 | 3.7 | 39 | 1,578 | .29 | 0.04 | 2,560 | 1889 |
| נעבראַסקא | Neb....... | 77,520 | 712 | 15 | 1,377,963 | 6.4 | 176. | 32 | 14,209 | 1.03 | 0.34 | 5,818 | 1867 |
| נעוואַדא | Nev....... | 110,690 | 869 | 6 | 91,058 | 17.5 | 0.83 | 49 | 264 | .29 | 0.01 | 569 | 1864 |

| נאָמען פון שטאַאט | פארקירצט אין ענגליש | שטח אין סקווער מייל'ען: שטח לאנד און וואסער | שטח וואסער | ראנג לויט שטח | באפעלקערונג לויט צענזוס 1932: צאהל פון באפעלק. | וואוקס אין 10 יאהר אין פראצ. | מענשען פער סקווער מייל | ראנג לויט באפע | אידישע באפעלקערונג: צאהל פון אידען | פראצענט פון אידען | פון 100 וואהנען שטאַאט | געשאצטע רייכקייט מיליאנען | געוואָרען א שטאַאט אין יאהר |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ניו העמשיר | N. H..... | 9,341 | 310 | 43 | 465,293 | 5.0 | 49.6 | 42 | 2,779 | .60 | 0.07 | 1,595 | |
| ניו דזש. | N. J...... | 8,224 | 710 | 45 | 4,041,334 | 27.6 | 491.4 | 9 | 225,306 | 5.58 | 5.32 | 13,581 | |
| ניו מעק. | N. M..... | 122,634 | 131 | 4 | 423,317 | 18.6 | 3.5 | 45 | 1.052 | .25 | 0.02 | 963 | 1910 |
| ניו יאָרק | N. Y..... | 49,204 | 1,550 | 29 | 12,588,066 | 21.5 | 265.3 | 1 | 1,903,890 | 15.12 | 45.0 | 40,708 | |
| נאָר. קאר. | N. C...... | 52,426 | 3,686 | 27 | 3,170,276 | 23.9 | 50.4 | 12 | 8,252 | .26 | 0.19 | 5,429 | |
| נאָרט דאק. | N. D..... | 70,837 | 654 | 16 | 680,845 | 5.5 | 9.6 | 38 | 2,749 | .40 | 0.07 | 2,580 | 1889 |
| אָהייאָ | O......... | 41,040 | 300 | 35 | 6,646,697 | 15.3 | 161.6 | 4 | 173,976 | 2.62 | 4.11 | 21,390 | 1803 |
| אָקלאהאָמא | Okla...... | 70,057 | 643 | 17 | 2,396,040 | 17.9 | 34.4 | 21 | 7,823 | .33 | 0.19 | 4,271 | 1906 |
| אָרעגאָן | Ore........ | 96,699 | 1,092 | 9 | 953,786 | 21.6 | 9.8 | 34 | 13,075 | 1.37 | 0.31 | 3,844 | 1859 |
| פּענסילוו. | Pa......... | 45,126 | 294 | 32 | 9,631,350 | 10.6 | 213.6 | 2 | 404,979 | 4.20 | 9.57 | 32,757 | |
| ראוד אייל. | R. I...... | 1,248 | 181 | 48 | 687,497 | 13.7 | 550.5 | 37 | 25,003 | 3.64 | 0.59 | 2,215 | |
| סאוט קאר. | S. C...... | 30,989 | 494 | 39 | 1,738,765 | 2.9 | 55.9 | 26 | 6,851 | .39 | 0.16 | 2,763 | |
| סאוט דאק. | S. D...... | 77,615 | 747 | 14 | 692,849 | 8.5 | 8.9 | 36 | 1,584 | .23 | 0.04 | 3,419 | 1889 |
| טענעסי | Tenn...... | 42,022 | 335 | 34 | 2,616,556 | 11.6 | 62.2 | 16 | 22,532 | .86 | 0.53 | 4,957 | 1796 |
| טעקסעס | Tex....... | 265,896 | 3,498 | 1 | 5,824,715 | 24.8 | 21.9 | 5 | 46,648 | .81 | 1.10 | 10,939 | 1845 |
| יוטא | Utah .... | 84,990 | 2,806 | 10 | 507,847 | 11.8 | 5.9 | 40 | 2,857 | .56 | 0.07 | 1,765 | 1896 |
| ווערמאָנט | Vt......... | 9,564 | 440 | 42 | 359,611 | 1.9 | 37.6 | 46 | 2,036 | .57 | 0.05 | 947 | 1791 |
| ווירדזשיניא | Va......... | 42,627 | 2,365 | 33 | 2,421,851 | 4.8 | 56.8 | 20 | 25,656 | .75 | 0.61 | 5,665 | |
| וואשינגשאָן | Wash..... | 69,127 | 2,291 | 19 | 1,563,396 | 15.1 | 22.7 | 30 | 14,698 | .94 | 0.35 | 5,727 | 1889 |
| וו. ווירדזש. | W. Va.... | 24,170 | 148 | 40 | 1,729,205 | 18.1 | 71.5 | 27 | 7,471 | .43 | 0.18 | 5,374 | 1863 |
| וויסקאָנסין | Wis....... | 56,066 | 810 | 25 | 2,939,006 | 11.3 | 53.2 | 13 | 35,935 | 1.22 | 0.85 | 8,964 | 1848 |
| וואיאָמינג | Wyo...... | 97,914 | 366 | 8 | 225,565 | 15.5 | 2.3 | 48 | 1,319 | .58 | 0.03 | 1,167 | 1890 |
| סך הכל | | 3,026,789 | 53,013 | | | | | | 4,228,029 | | 100 | | |
| צוזאמען מיט טעריטאָריעס | | 3,738,395 | | | | | | | | | | | |

## די טעריטאָריעס

| | שטח | באפעלקערונג | וואוקס אין 10 יאָהר | מענטשען פער סקווער מייל |
|---|---|---|---|---|
| אלאסקא | 586.000 | 52.278 | 7.7 | |
| האוואי אינזלען | 6.407 | 368.336 | 43.9 | |
| גואם | .206 | 18.509 | 39.5 | |
| קאנאַל זאָן | .549 | 39.469 | 72.7 | |
| פּאָרטאָ ריקאָ | 3.435 | 1.543.913 | 18.7 | 449.4 |
| אמעריקאנער סאמאָא | 76 | 10.055 | 24.6 | |
| ווירדזשיניא אינזלען | 133 | 22.012 | 24.6 | |
| פיליפינען | 114.400 | 12.604.100 | | 111. |

סך הכל 711,606

## ALABAMA (ALA.)
### אלאַבאַמאַ

רעדט מען וועגען „דעם קאטאן שטאַאט”, ווייס מען אז מען רעדט פון אלאַ־באמא, ווייל די הויפט פּראָדוקציע פון דעם שטאַאט איז קאטאן און דעריבער רופט מען אלאַבאַמאַ „דער קאטאן שטאַאט”.

אַלאַבאַמאַ איז א אמתער דרום שטאַאט. עס גרעניצט זיך פון צפון מיט דעם שטאַאט טענעסי, פון מזרח מיט דעם שטאַאט דזשארדזשיע, פון דרום מיט פלאָ־רידע און דעם גאלף פון מעקסיקא, און פון מערב מיט'ן שטאַאט מיסיסיפּי. די הויפּטשטאָדט פון אלאמאבא איז מאנטאגאמערי, א שטאָדט פון ארום 66 טויזענט איינוואהנער. די גרעסטע שטאָדט פון אלאבאַמא איז אבער בירמינגטאָן פון ארום 260 טויזענט איינוואָהנער. מען רופט בירמינגטאָן „די פּיטסבורג פון דרום”, ווייל דאָרטען איז פיל ענטוויקעלט די אינדוסטרי פון מינעראלען און שטיין־קוילען.

טראָץ דעם, וואָס אלאַבאַמאַ איז באוואוסט אלס א שטאַאט פון קאטאן און אגריקולטור, האָט זיך אבער פאר די לעצטע יאָהרען פיעל ענטוויקעלט פאבריקאציע, אייזען, שטיין קוילען ווערען בעארבייט פונקט ווי קאטאן. ארום 3 טויזענט פאברי־קען זיינען דאָ אין שטאַאט.

א כאראקטעריסטיק פון אַלאבאַמא איז די גרויסע צאָל נעגער, וואָס וואָהנען דארטען. 40 פּראָצענט פון אלע איינוואָהנער זיינען נעגער. דער באריהמטער גע־לערנטער נעגער דאקטאר בוקער וואשינגטאָן האָט געגרינדעט אין יאָהר 1880 א אינסטיטוט וואו פילע נעגער קריגען העכערע בילדונג. דער אינסטיטוט האָט 1736 סטודענטען. אין סטייט אוניווערזיטעט ווערען קיין שווארצע ניט צוגעלאָזען. די ווייסע באגעהן זיך מיט די נעגער זעהר שלעכט. „קו קלוקס קלען” איז דאָרטען פארשפּרייט.

## ARIZONA (ARIZ.)
### אריזאָנא

מען האָט געדענקט פריהער אז דער נאָמען אָריזאנא שטאַמט פון אן אינדיאנער דיאלעקט און עס מיינט קליינע וואסער קוואלען. ווי פּראָפעסאר גואן דייק ווייל

האָבען איז אריזאָנא גאָר א ענגלישער וואָרט אריד־זאָנא, טרוקענע זאָנע. דער טייטשוואָרט פאסט זיךווירקליך אריין אין דער באשרייבונג פון דעם שטאאט, וואָס האָט אזוי ווייניג וואסער.

לויט'ן שטח פארנעמט אריזאָנא דעם פינפטען ראנג. עס האָט א שטח פון 113,956 סקוועיר מיילען. דער וואסער שטח פון גאנצען שטאאט איז 146 סקוועיר מיילען. די באפעלקערונג איז זעהר שיטער. אין גאנצען וואָהנען אין אריזאָנא 435,572 מענשען, וואָס מאכט קוים אויס 3.8 פער סקוועיר מייל. לויט דעם ראנג פון באפעלקערונג איז אריזאָנא דער 44טער שטאאט, קלענער ווי דער דיסטריקט און קאָלאמביא.

אריזאָנא איז בארימט אלס א שטאאט, וואָס איז באשאפען געוואָרען פון מענשען. די וויסטע מדבריות זיינען דורך מענשען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין בליהענדע קולטואווירטע פעלדער. די פעלדער ווערען באוואסערט דורך קינסטליכע מיטלען. קאטאן, ווייץ און קאָרן וואקסען. בהמות פיטערען זיך. דורך קינסטליכע באוואסערונג האָט זיך אנטוויקעלט אין שטאאט שטארק די ציטרוס אינדוסטריע. ארץ ישראל טוט אין דער הינזיכט נאָך אריזאָנא.

פאר טוריסטען איז אריזאָנא צוציהענד דורך דער שעהנער פאַנאָראמע פון גרענד קעניאָן פון טייך קאָלאָראדאָ. איינע פון די שעהנסטע נאטור־וואונדער. דער קעניאָן ציהט זיך אויף 2 הונדערט מייל, 12 מייל ברייט אין דורכשניט און א מייל טיף. א גרויסע צוציהונג פאר טוריסטען איז דער וואסער־דאם, וואָס מען רופט דער „רוזוועלט דאם". דער דאם איז פון די צוויי גרעסטע דאמס אין דער וועלט.

אריזאָנא האָט א גרויסע באפעלקערונג פון אינדיאנער. 43,726 אינדיאנער וואָהנען אין אריזאָנא אויף רעזערוויישאנס. זיי פארנעמען 18,653,014 אייקער לאַנד. די איינוואָהנער האָבען די טראדיציעס פון די העלדישע קאָו באָיעס.

די הויפט־שטאָדט פון אריזאָנא איז פעניקס מיט א באפעלקערונג פון 48 טויזענט איינוואוהנער. אין טאקסאָן א שטאָדט פון 32 טויזענט איינוואָהנער געפינט זיך דער סטייט־אוניווערזיטעט. אָריזאָנא גרעניצט זיך מיט די שטאאטען נעוואדא, יוטא, ניו־מעקסיקא און קאליפאָרניע. פון דרום גרעניצט זיך אריזאָנא מיט מעקסיקא.

# ARKANSAS (ARK.)
## ארקאנזא

ארקאנזא איז פון די אלטע יחסנדיגע דרום שטאאטען. דער גאנצער מזרח גרעניץ איז דער טייך מיסיסיפי. דער שטאאט איז אין שכנות מיט די שטאאטען טענעסי, מיסיסיפי, לואיזיאנא, טעקסעס און אָקלאהאמא.

אגריקולטור און קאטאן זיינען די הויפט באשעפטיגונג פון די איינוואהנער. דער שטאאט איז אויך רייך אין וועלדער און אויל. עס ווערען דארט אויך אויסגע־ארבייט פילע געהילץ פּראָדוקטען.

די באפעלקערונג באשטעהט גרעסטענטיילס פון ווייסע. דער שטאאט האָט אָבער איבער א פערטעל, 25.8 פּראָצענט שווארצע. עס זיינען דארטען דאָ באזונ־דערע שולען פאר ווייסע און באזונדערע פאר שווארצע. אידען זיינען דארטען ווייניגער ווי א האלב פּראָצענט. די הויפט־שטאָדט פון ארקאנזא איז ליטל ראָק מיט א באפעלקערונג פון 82 טויזענט מענשען.

דער שטאאט איז אויסגעשניטען געוואָרען פון דער לואיזיאנא קויף, וואָס דזשעפערסאָן האָט איינגעהאנדעלט. דער נאָמען ארקאנזא שטאמט פון אינדיאנישען

וואָרט „גערייכערטע וואסער". דער שטאאט האָט דעם צונעמעניש „בערען שטאאט" צוליב די בערן, וואָס זיינען דאָרטען אמאָל געווען.

די איינוואָהנער פון שטאאט זיינען זעהר פרום. די הויפט רעליגיע איז די באפטיסטישע. זעהר פיל האָבען אבער די לעצטע יאָהרען די איינוואהנער געליטען פון קריזיס און פון דער טריקעניש. עס האָט זיך אפילו ביי יחסנדיגע פרומע ווייסע אָנגעהויבען צו אנטוויקלען אפיקורסישע געדאנקען. די איינוואהנער האָבען געמאכט א שטיקעל רעוואָלוציע מיט דעם, וואָס זיי האָבען פארכאפט שפייז פון גראָסערי סטאָרס.

## CALIFORNIA (CAL.)

## קאַליפאָרניע

קאַליפאָרניע רופט מען דאָס גאָלדענע לאַנד, די „עלדאראדא" פון אמעריקע. אין קאַליפאָרניע האָט מען ענטדעקט גאָלד אין יאָהר 1849. אין קאַליפאָרניע שיינט די זון העל ווי גאָלד. לעצטענס איז קאַליפאָרניע באריהמט געוואָרען דורך האָלי־וואוד לעבען לאָס אנדזשעלעס, וואו גאָלד האָט זיך געשאָטען.

א העלפט פון ים־ברעג פארנעמט קאַליפאָרניע. עס גרעניצט זיך פון מזרח און פון דרום מיט מעקסיקא. לויט'ן שטח איז קאַליפאָרניע דער צווייטער שטאאט. עס פארנעהמט 158,297 סקווער מייל.

זעהר שטאָלץ זיינען די איינוואוהנער פון קאַליפאָרניע מיט זייער קלימאַט. ווינטער צייט קומען אָן באזוכער פון אלע עקען וועלט. אין קאַליפאָרניע זיינען דאָ שעהנע האָטעלס, וואָס זיינען אויסגעשטאטעט מיט גרויס שיק. די וועגען זיינען זעהר באקוועם און אָטאָמאָבילס, וואָס זיינען דאָ אין קאַליפאָרניע צוויי מיליאָן, לויפען איבער אלע וועגען.

אגריקולטור איז זעהר פיין ענטוויקעלט אין קאַליפאָרניע. איבער 336 מיליאָן דאלאר איז אינוועסטעט אין וויינטרויבען אליין. אין קאַליפאָרניע זיינען זעהר שטארק ענטוויקעלט די ציטראסען, (אפעלסינען, ציטראָנען און גרעיפ פרוכטען). עס וואקסען דאָרטען אבער אויך אנדערע פרוכטען. עפּעל, בארנעס, פלוימען, קאר־שען און מאנדלען. עס איז א לאַנד פון ראָזינקעס מיט מאנדלען.

אויסער פרוכט פראָדוצירט קאַליפאָרניע גאָלד, זילבער, קופער, בליי און אויל. אין קאַליפאָרניע איז ענטוויקעלט אויך פאבריקאציע. איבער 54 אויל רעפיינערים זיינען דארטען דאָ. פילע זיינען באשעפטיגט מיט געקענטע ארטיקלען. מען פרע־געלט דאָרטען אלערליי איינגעמאכטסען און שפייזען.

די מואווי אינדוסטריע איז זעהר שטארק ענטוויקעלט אין קאַליפאָרניע. דאר־טען זיינען דא ארום 60 גרויסע סטודיאָס, וואָס לאָזען ארויס פילמס אויף הונדער־טע מיליאָנען דאלאר. דער געהאלט וואָס די סטארס אליין קריגען באטרעפט מי־ליאָנען.

קאַליפאָרניע שפילט א גרויסע ראָליע אין דעם עקספּארט פון די פאראייניגטע שטאאטען. קאַליפאָרניע איז דער דריטער שטאאט אין ראַנג פון עקספּאָרט.

א גרויסע צאָל יאפּאנעזער, ארום הונדערט טויזענט וואהנען אין קאַליפאָרניע, אויך ארום 40 טויזענט כינעזער. עס וואָהנען דארטען אויך אינדיאנער ארום 20 טויזענט. אידען זיינען דא אין קאַליפאָרניע ארום 125 טויזענט. דער פּראָצענט פון אידען צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג איז 2.17. פון אלע אמעריקאנער אידען, זיינען אין קאַליפאָרניע דאָ ארום 3 פּראָצענט. זעהר שטארק אין קאַליפאָרניע איז די קאטוילישע קירכע.

די הויפּטשטאָדט פון קאַליפאָרניע איז סאַקראַמענטאָ וואָס האָט ארום 93 טויזענט איינוואָהנער. סאַן פראַנציסקאָ מיט ארום 650 טויזענט איינוואָהנער איז א וויכטיגער פּאָרט אויף דעם פּאַסיפישען אָקעאַן „דער גאָלדענער האַרן". די גרעסטע שטאָדט אין קאַליפאָרניע איז לאָס־אַנדזשעלעס, וואָס האָט א מיליאָן צוויי הונדערט אַכט און דרייסיג טויזענט איינוואָהנער. לויט איהר שטח איז לאָס־אַנדזשעלעס די גרעסטע שטאָדט אין אַמעריקע. זי פאַרנעמט 442 קוואַדראַטנע מייל. לעבען לאָס־אַנדזשעלעס געפינט זיך דער בּאַריהמטער מאַווי פּלאַץ האָליוואָוד.

## COLORADO (COLO.)

## קאָלאָראַדאָ

קאָלאָראַדאָ איז א בערגיגער שטאַאַט. ער גרעניצט זיך מיט די שטאַאַטען וואַיאָמינג, נעבראַסקאַ, קענזעס, אָקלאַהאָמאַ, ניו־מעקסיקאָ און יוטאַ.

דער בערגיגער כאַראַקטער מאַכט דעם שטאַאַט פאַר מעהר שעהן. דער קלימאַט איז וואַרים אין זומער און קאַלט ווינטער. אָבער זעהר טרוקען און געזונד, און דעריבער א גוטער פּלאַץ פאַר שווינדזיכטיגע. דענווער, א שטאָדט פון אַרום 3 הונדערט טויזענט איינוואָהנער איז די הויפּט־שטאָדט פון קאָלאָראַדאָ. מען זאָגט, אַז 300 טעג אין יאָהר איז דענווער אָהן איין שום וואָלקענדל. אין דענווער געפינט זיך אויך דער באַוואוסטער אידישער סאַניטאַריום פאַר שווינדזיכטיגע.

קאָלאָראַדאָ איז זעהר באַריהמט מיט שעהנע לאַנדשאַפטען און פּרעכטיגע פּאַנאָראַמען. דער נאָמען קאָלאָראַדאָ שטאַמט פון קאָליער. דער אייזענבאַהן פון ריאָ גראַנדאָ און דענווער געהט דורך אַזעלכע שעהנע פּלעצער, וואָס פאַרכאַפּען מיט זייער שעהנקייט. ער געהט דורך הויכע בערג און שעהנע טאָהלען. טוריסטען פאָהרען פון ווייטען אָנקוקען די פּאַנאָראַמע. טוריסטען ציהט אויך צו קאָלאָראַדאָ ספּרינג, וואָס איז מיט זיינע מינעראַלע קוועלען און פּלעצער פיעל מיט קאַלאַי.

דער שטאַאַט פּראָדוצירט פיל מעטאַלען: גאָלד, זילבער, קופּער, אייזען און פּעטראָליאום. אין דער פּראָדוקציע פון צוקער איז קאָלאָראַדאָ דער ערשטער שטאַאַט. קאָלאָראַדאָ פּראָדוצירט אויך ווייצענס, קאָרן און פּאָטייטאָס.

מען רופט קאָלאָראַדאָ דער הונדערט יאָהריגער שטאַאַט. קאָלאָראַדאָ איז געוואָרען א שטאַאַט פונקט הונדערט יאָהר נאָך דער דעקלאַראַציע פון אַמעריקאַנער אונאַבהענגיגקייט. קאָלאָראַדאָ איז געוואָרען א שטאַאַט אין יאָהר 1876.

## CONNECTICUT (CONN.)

## קאָנעקטיקוט

קאָנעקטיקוט איז קליין אין שטח. דער שטאַאַט פאַרנעהמט דעם 46טען ראַנג אין שטח. דער שטח איז 4,965 קוואַדראַט מיילען. דער שטאַאַט איז אָבער באַזעצט געדיכט. 323 מענשען אויף א קוואַדראַטנעם מייל. קאָנעקטיקוט גרעניצט זיך מיט די שטאַאַטען ראָוד איילאַנד, מאַסאַטשוסעטס און ניו־יאָרק.

כאָטש קליין אין שטח און ניט זעהר גרויס אין באַפעלקערונג, — אין קאָנעקטיקוט זיינען דאָ א מיליאָן זעקס הונדערט טויזענט איינוואָהנער און ער פאַרנעמט דעם 29טען ראַנג—איז ער אָבער אַלס שטאַאַט זעהר א וויכטיגער. מען רופט קאָנעקטיקוט „דער נוס שטאַאַט". מען האָט געהאַלטען די איינוואָהנער פאַר אַזעלכע בריות אַז מען האָט געזאָגט, אַז זיי קענען שאַפען ניס פון האָלץ און פאַרקויפען זיי פאַר ניס.

קאָנעקטיקוט איז איינער פון די 13 אריגינעלע שטאַאטען, וואָס האָבען זיך פאראייניגט. די אָריגינעלע איינוואָהנער פון שטאַאט זיינען געווען האָלענדער און פוריטאנער. איצט וואָהנען אין קאָנעקטיקוט פארהעלטניסמעסיג פילע אידען. זיי מאַכען אויס 5.7 פּראָצענט פון דער באפעלקערונג און פון אלע אמעריקאנער אידען וואָהנען 2,17 פּראָצענט אין קאָנעקטיקוט. אין שטאַאט זיינען אויך דאָ פילע אידישע פארמער.

די באפעלקערונג אין קאָנעקטיקוט וואָהנט מייסטענס אין שטעדט. עס וואָהנען 131,770, 1 אין שטעדט און בלויז 475,133 וואָהנען אין דערפער.

קאָנעקטיקוט איז א אינדוסטריעלער שטאַאט. מען פאבריצירט דארטען מעשענע ארטיקלען, מאשינען, אייזענבאהנען, טעקסטילס, טייפּרייטערס, זייגערס, קארסעטען, פינס און נאָדלען. א וויכטיגער ארטיקעל אין קאָנעקטיקוט איז טאבאק. די הויפּט־שטאָדט פון קאָנעקטיקוט איז הארטפאָרד, וואָס איז דער אינשורענס צענטער פון גאנץ אמעריקע. אין ניו־הייווען געפינט זיך דער באריהמטער יעיל אוניווערסיטעט, וואָס האָט א שם איבער דער גאנצער וועלט.

פון די גרויסע שטעדט אין קאָנעקטיקוט איז די הויפּט־שטאָדט הארטפאָרד מיט 164 טויזענט איינוואָהנער, ברידזשפּאָרט מיט 146 טויזענט איינוואָהנער, ניו־הייווען מיט 162 טויזענט איינוואָהנער און ניו־לאָנדאָן מיט הונדערט טויזענט איינוואָהנער.

דער נאָמען קאָנעקטיקוט שטאמט פון א אינדיאנער דיאלעקט און עס מיינט לאנגער טייך מיט וועלכען זיי האָבען באצייכענט דעם טייך קאָנעקטיקוט.

ברידזשפּאָרט האָט א סאָציאליסטישע אדמיניסטראציע. קאָנעטיקוט האָט אויסגעקליבען פינף פאָרשטעהער צו דער לעדזשיסלייטשור.

## DELAWARE (DEL.)
## דעלווער

דעלווער איז פון די קלענסטע שטאַאטען. סיי אין שטח און סיי אין באפעלקערונג איז ער דער 47טער שטאַאט. דער שטאַאט גרעניצט זיך מיט פּענסילווייניע, ניו־דזשוירזי, דעם אטלאנטישען אָקעאן און מערילענד. דער נאָמען שטאמט פון דעם לאָרד דע לא וואר, אן אייגענטימער פון דער קאָלאָניע. דער קליינער שטאַאט האָט דעם צונעמעניש „דימאנטען שטאַאט", קליין און טייער. מען רופט דעם שטאַאט אויך „דער שטאַאט פון דער בלויער הון".

דעלווער איז איינער פון די 13 אָריגינעלע שטאַאטען. דער שטאַאט איז אן אגריקולטורעלער, אבער אויך פאבריקאציע איז דארטען ענטוויקעלט. דאווער מיט א באפעלקערונג פון 4800 איז די הויפּט־שטאָדט, אבער די וויכטיגסטע שטאָדט איז ווילמינגטאָן מיט א באפעלקערונג פון 106 טויזענט איינוואָהנער.

ווילמינגטאָן איז א פּאָרט־שטאָדט, און פאבריקאציע פון לעדער איז דארטען ענטוויקעלט. אין דעלווער געפינט זיך א וויכטיגער פולווער פאבריק פון די פּאָנטס. אין דעלווער האָט זיך נאָך אבגעשטעלט דער בארבארישער מיטעל צו שמייסען פארברעכער מיט נאגייקעס.

## DISTRICT OF COLUMBIA (D. C.)
## דיסטריקט אָף קאָלאָמביע

דער דיסטריקט האָט בלויז א שטח פון 76 סקווער מיילען אויף וועלכע עס איז אויסגעלעגט די שעהנע הויפּט־שטאָדט פון די פאראייניגטע שטאַאטען וואשינגטאָן

און אומגעגענד. דעם שטח האָבען מנדב געווען די שטאַאטען מערילענד און וויר־דזשיניע.

כאָטש דער דיסטריקט אַף קאָלאָמביע האָט אַזאַ קליינעם שטח, האָט ער אָבער א באַפעלקערונג פון ארום א האַלבען מיליאָן איינוואוינער און ער פאַרנעמט דעם 41טען ראַנג צווישען די שטאַאטען.

אין וואַשינגטאָן וואוינען א גרויסע צאָהל פון רעגירונגס־אַנגעשטעלטע און דער גאַנצער מסחר פון שטאָדט באַשטעהט אין דעם צו באַזאָרגען די איינוואוינער מיט נויטיגע לעבענסמיטעל. וואַשינגטאָן וויים ניט פון עקאָנאָמישען קריזיס. די הויפּט אינדוסטריע פון וואַשינגטאָן איז פּאָליטישע ארבייט, און פּאָליטישע ארבייט שטעלט זיך דאָרטען ניט אָב.

איינוואוינער פון וואַשינגטאָן האָבען ניט קיין רעכט צו שטימען. די מוניציפּאַ־ליטעט ווערט רעגירט פון רעגירונגס פאַרשטעהער. אין געוויסע פעלע פאָהרען די איינוואוינער פון וואַשינגטאָן אין די שטאַאטען פון וועלכע זיי קומען דאָרטען צו שטימען. דאָס איז, ווען זיי האַלטען אָן זייערע וואוינונגען אין אנדערע שטאַאטען.

וואַשינגטאָן איז אויסגעלייגט לויט א שעהנעם פּלאַן. די רעגירונגס־געביידעס באַשיינען די שטאָדט. דער קעפּיטאָל, די „ווהייט האוז", דער „נאַציאָנאַלער מוזע־אום", די „קאָנגרעשיאָנאַל לייברערי", דער פּאָסט אָפּיס און פילע אנדערע רעגירונגס־געביידעס צייכענען זיך אויס מיט זייער שעהנער ארכיטעקטור. פילע פּריוואַטע פּערזאָנען און אינסטיטוציעס האָבען דאָרטען געבויט שעהנע פּאַלאַצען. דער דיפּלאָ־מאַטישער דיסטריקט איז פול מיט שעהנע הייזער. וואַשינגטאָן אין דיסטריקט אַף קאָלאָמביע איז א שעהנע פּראַכטפולע שטאָדט.

אין וואַשינגטאָן וואוינען ארום 16 טויזענט אידען, וואָס מאַכען אויס 3.2 פּראָ־צענט פון דער באַפעלקערונג.

## FLORIDA (FLA.)
## פלאָרידע

ווען דער שפּאַניער פּאָנס דע לעאָן האָט דעם זונטאג פון קריסטליכען פסח, דעם 27טען מאַרטש 1513 ענטדעקט פלאָרידא, האָט ער געדענקט, אז ער האָט ענטדעקט דעם קוואַל פון אייביגער יוגענד. דער קוואַל וואָס אזוי פיל מענשען האָ־בען געזוכט און זוכען נאָך היינט אויך.

דער קוואַל פון אייביגער יוגענד איז ניט ענטדעקט געוואָרען, אָבער דערפאַר איז דער פּלאַץ געבליבען א צוציהונגס אָרט פאַר די וואָס זוכען פאַרגעניגען אין לעבען. פלאָרידע איז א פּלאַץ פאַר ווינטער אפרוה און טויזענטער מענשען פאָהרען דאָרטען אויף ווינטער און גיבען דאָרטען אויס מיליאָנען. מאַנכע פאַרלירען גאַר דאָרטען זייער יוגענד.

דער נאָמען פון שטאַאט שטאַמט פון בלומען, ווייל דער פּלאַץ איז ענטדעקט געוואָרען אין דעם יום-טוב פון בלומען. מען רופט דעם שטאַאט אויך מיט'ן נאָמען דער בלומען שטאַאט, אָבער אויך דער שטאַאט פון גאָלף.

פון מערב זייט ליגט דער שטאַאט ביי דעם גאָלף אַף מעקסיקאָ, פון מזרח גרע־ניצט זיך פלאָרידע מיט'ן אַטלאַנטישען אָקעאַן, פון דרום מיט דעם אויסגוס פון פלאָרידע. די בערג־ליניע ציהט זיך אויף 3,751 מייל. פון צפון זייט גרעניצט זיך פלאָרידע מיט די שטאַאטען דזשאָרדזשיע און אַלאַבאַמאַ.

די פירות פון פלארידע זיינען האלב טראפּישע. עס וואקסען דארטען אפּעל־סינען, גרעיפּ פרוכטען און פיין עפּעל. דארטען ווערט אויך קולטיווירט קאטאן און פארם־פּראדוקטען. מען פאבריצירט דארטען אויך גוטע סיגארען.

פלארידע איז רייך מיט נאטירליכע רייכטימער, ספּעציעל מיט גרויסע וועלדער. דער שטאאט איז אן אמת'ער דרום שטאאט. דארטען זיינען דא 431,828 נעגער, וואס מאכען אויס 29,8 פּראצענט פון דער באפעלקערונג.

טאלאסי מיט א באפעלקערונג פון 10 טויזענט איינוואהנער איז די הויפּט־שטאדט פון פלארידע. מיאמי א שטאדט מיט הונדערט און צעהן טויזענט איינ־וואהנער איז באוואוסט מיט דעם בום, וואס האט זיך געענדיגט מיט א קראך.

דזשעקסאנוויל און טאמפּא זיינען גרויסע שטעדט אין פלארידע מיט איבער הונדערט טויזענט איינוואהנער.

## GEORGIA (GA.)

### דזשארזשי

דזשארדזש דער צוייטער, קעניג פון ענגלאנד האט געטשארטערט די קאלאניע אין יאהר 1732 און דער סטייט טראגט זיין נאמען. מען האט א נאמען געגעבען די סטייט די „קרעקער סטייט", ווייל דער שטאאט איז געווען באוואהנט פון ארימע ווייסע, „קרעקער דזשעקס". די ערשטע איינוואהנער פון דער קאלאניע זיינען געווען מענשען, וואס זיינען אנטלאפען געווארען פון גערכטיגקייט פון ענגלאנד.

אין ענגלאנד איז אמאל געווען א פארברעכען ווען איינער האט ניט געקענט צאלען קיין חובות. אזעצער (באנקראטירער) פלעגט מען זעצען אין טיורמע. פילע אזעצער זיינען געלאפען אין דזשארדזשי, דארטען זיינען אבער געלאפען אויך אנדערע אנטלאפענע פון גערעכטיגקייט.

דזשאררזשי איז געווען איינער פון די 13 אריגינעלע שטאאטען. דאס איז א טיפּישער דרום־שטאאט. גרעניצט זיך מיט ביידע „קאראליינעס", מיט פלארידע, אלאבאמא און טענעסי. צום מזרח גייט ארויס דזשארדזשי צום אטלאנטישען ים. סאוואנא, א שטאדט מיט 85 טויזענט איינוואהנער איז א וויכטיגער קאטאן פּארט.

די נעגער מאכען אויס 36.8 פּראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון דזשארדזשי. דער פּראצענט איז געפאלען פאר 10 יאהר פון 41,7. די נעגער צו־לויפען זיך פון דארטען.

אטלאנטא איז די הויפּט־שטאדט פון דזשארדזשי. די שטאדט האט א באפעל־קערונג פון ארום 300 טויזענט איינוואהנער. עס איז פון די שעהנסטע און וויכ־טיגסטע שטעדט פון דער סאוטה. עס האט א שם מיט די גוטע איינגעפונדעוועטע באנקען.

## IDAHO

### איידאהא

אין אינדיאניש הייסט איידאא דער פּערל פון די בערג, און מיט דעם נאמען איז דער שטאאט באוואוסט.

איידאהא איז א בערגיגער שטאאט פון דער וועסט. ער גרעניצט זיך מיט בריטיש קאלאמביע, מאנטאנא, וואיאמינג, יוטא, נעוואדא, וואשינגטאן און ארע־גאן.

דער שטאאט איז נאך ניט אין גאנצען ענטוויקעלט. עס זיינען ניט ענטוויקעלט די פילע מינעראלען מיט וועלכע דער שטאאט איז זעהר רייך און פילע שטרעקעס

לאַנד, וואָס וואַרטען אויף קינסטליכע באוואַסערונג. דער שטאַאַט איז גרויס אין שטח. ער איז דער צוועלפטער אין ראַנג פון שטח, אבער דער 43טער אין באפעל־קערונג.

דער שטאַאַט איז מייסטענס אַן אַגריקולטורעלער. גרויסע סטאַדעס פון שאָף און רינדער זיינען דאָ אין שטאַאַט. עס זיינען דאָרטען דאַ זעג־מילען, ווייל איידאַהאָ איז רייך מיט וועלדער. די איינוואוינער פון שטאַאַט באַריהמען זיך, אַז זייער זעג־מיל אין פאָטיאַטש איז דער גרעסטער אין דער וועלט.

די הויפט־שטאָדט פון איידאַהאָ איז בויזע סיטי, אַ שטאָדט פון 21 טויזענט איינוואוינער. קיין גרויסע שטעדט זיינען דאָרטען ניטאָ. בילדונג שטעהט אויף אַ זייער הויכער מדרגה. אין מאָסקאָו, אַ שטעדטעל פון 4 טויזענט איינוואוינער געפינט זיך דער סטייט־אוניווערזיטעט און אין קאַלדוועל, אביסעל אַ גרעסערע שטעדטעל — אַ קאַלעדזש.

## ILLINOIS (ILL.)

## אילינאָי

די שכנים פון אילינאָי, די איינוואוינער פון מיזורי, האָבען אַ נאָמען געגעבען אילינאָי דער „סאַקער סטייט". דער שטאַאַט איז אבער שוין גאַר ניט באוואוינט פון סאַקערס. דער שטח פון שטאַאַט איז ניט זעהר קיין גרויסער, פאַרהעלטניס־מעסיג, אבער דער דריטער אין באפעלקערונג, 1342 מענשען וואוינען אויף אַ סקווער מייל. דער שטאַאַט איז פון די וויכטיגסטע אינדוסטריעלע געביעטען אין אמעריקע.

אילינאָי גרעניצט זיך מיט די שטאַאַטען וויסקאָנסין, קענטאָקי, מיזורי און אייאָווא. דער שטאַאַט איז פון די צענטראַלע געגענדען אין לאַנד, באוואַוסט פון לייק מישיגען. מיסיסיפּי און אהייא טייכען פליסען נאָהענט פון זיינע גרעניצען. דער טייך אילינאָי איז דער טייך פון שטאַאַט.

די וויכטיגסטע שטאָדט פון אילינאָי איז שיקאַגאָ, די צווייטע שטאָדט אין לאַנד מיט אַ באפעלקערונג פון איבער 3 און אַ האַלב מיליאָן. שיקאַגאָ איז דער אייזענבאַהן צענטער פון לאַנד. אין שיקאַגאָ קומען זיך צוזאַמען די אייזענבאַהנען פון מזרח און דרום, פון דאָרטען הייבען זיך אָן די לאַנגע אייזענבאַהנען אין דער וויטער וועסט. שיקאַגאָ איז אויך דער תבואה צענטער פון אמעריקע. דער שיקאַגאָ באָארד אָף טרעיד האָט די וויכטיגסטע תבואה בערזע, דער באַריהמטער פּיט. שיקאַגער סטאָק־יאַרדס האָבען אַזאַ נאָמען איבער'ן לאַנד, ווי שיקאַגאָ גענגסטערס.

שיקאַגאָ איז אויך באַריהמט מיט איהרע בולוואַרדס. טוריסטען באוואונדערען די שיקאַגער קונסט־מוזעאומס. דער שיקאַגאָ מוזעאום אָף אָרט און פילד מוזעאום. שיקאַגאָ איז די נאַציאָנאַלע שטאָדט פאַר קאָנווענשאָנס. די שיקאַגער וועלט־אויס־שטעלונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1933 און האָט זיך פאַרצויגען אויף נאָך אַ יאָהר ציהט צו באזוכער ניט נאָר פון אמעריקע, נאָר אויך פון אנדערע וועלט־טיילען.

אין אילינאָי זיינען דאָ אַ גרויסע צאָהל אידען. זיי מאַכען אויס 4.53 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באפעלקערונג. פון יעדע הונדערט אידען וואוינען אין אילינאָי 8.17 פּראָצענט. די מעהרסטע אידען געפינען זיך אין שיקאַגאָ.

די וויכטיגסטע אינדוסטרים פון אילינאָי זיינען אייזען פעקטאָרים. פעקטאָרים פון מאַשינען און וואַגאָנען. עס זיינען דאָרטען דאָ אויך אָטאָמאָביל פעקטאָרים. די קליידער אינדוסטרי איז דאָרטען אויך וויכטיג.

29 קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטען געפינען זיך אין אילינאָי. די באריהמ־טע אוניווערזיטעטען זיינען: דער „אילינאָי אוניווערזיטעט" אין אורבאנא, דער „שיקאגער אוניווערזיטעט" און „דזשיימס מיליקען אוניווערזיטעט" אין דעקייטאר.

אויסער שיקאגא, זיינען קיין גאָר גרויסע שטעדט אין אילינאָי ניטאָ. שטעדט פון מעהר ווי 50 טויזענט איינוואָהנער זיינען ציצערא, דעקייטאר, איסט סט. לואיס, אהק פּארק, פּיארע (104 טויזענט), ראקפארד און די הויפּט־שטאָדט ספּרינגפילד מיט 71 טויזענט איינוואהנער. ספּרינגפילד איז באריהמט מיט דעם, וואָס דער באפרייער פון שווארצע שקלאפען איבערהעם לינקאָלן האָט דאָרטען געוואָהנט און דאָרטען איז פאָרמירט געווארען זיין קאריערע.

## INDIANA (IND.)
## אינדיאנא

די פראנצויזישע „קרעאלען" האָבען א נאָמען געגעבען אינדיאנא „הושערס", וואָס האָט געמיינט אין זייער שפּראך „באריהמער", און דער נאָמען איז געבליבען מען רופט אינדיאנא מיט'ן נאָמען „הוזיער שטאאט". דער נאָמען אינדיאנא אליין ערקלערט זיך אליין. עס נעמט זיך פון די אינדיאנער איינוואָהנער.

אינדיאנא איז פון די צענטראלע שטאאטען און גרעניצט זיך מיט מישיגען, אָהייאָ, קענטאָקי און אילינאָי. דער שטאאט איז אויך אינדוסטריעל. לויט דער פּראָדוקציע פון שטיין־קוילען איז אינדיאנא דער זעקסטער שטאאט. עס איז דאָר־טען ענטוויקעלט אויך אייזען און אויל אינדוסטרי. געריִ, אינדיאנא איז א שטאָדט וואָס איז געבויט געוואָרען פון שטאָהל־טראָסט. פון דאָרטען שטאמט די קאָמישע פיגור, דאקטאר ווירט, וואָס האָט געמאכט א שטורעם אין א גלאָז וואסער וועגען דעם באָלשעוויזם פון פּרעזידענט'ס רוזוועלט ראטגעבער, די מיטגלידער פון „מארך־טראָסט".

עוואנסוויל, א שטאָדט פון 103 טויזענט איינוואָהנער לעבען טייך אהייא איז א וויכטיגער צענטער פון געהילץ־האנדעל. די הויפּט־שטאָדט פון אינדיאנא איז אינדיאנאפּאָליס, א שטאָדט פון 366 טויזענט איינוואָהנער. אין סאוטה בענד, א שטאָדט פון 105 טויזענט איינוואָהנער איז דאָ א באוואוסטער קאטוילישער אוני־ווערזיטעט „נאָטר דאם".

דער באריהמטער סאָציאליסט יודזשין וו. דעבס האָט באריהמט געמאכט טערי האָוט, א שטאָדט פון ארום 63 טויזענט איינוואָהנער.

## IOWA (IA.)
## אייאָווא

אייאָווא, דער שטאאט, וואָס האָט צוליב די מלחמות מיט די אינדיאנער, גע־קריגען דעם נאָמען „האווקי" שטאאט, (שווארצער האק איז געווען א אינדיאנער טשיף) איז פון די וויכטיגסטע אגריקולטורעלע שטאאטען אין דער מידעל־וועסט. דער שטאאט גרעניצט זיך מיט וויסקאנסין, אילינאָי, מיזורי און סאוטה דאקאטא.

דער שטאאט איז געווען באוואוסט אלס דער שטאאט פון רייכע פארמער, בעלי גופים. די פארמער האָבען געלעבט באקוועם. מיט טעלעפאָנס, אָטאָמאָבילס און ריידיא אין די הייזער. די פארמס זיינען געווען זעהר גוט איינגעארדענט און אמע־ריקאנער פלעגען מיט שטאָלץ אָנווייזען אויף דעם רייכען פארמער פון אייאָווא. דער קריזיס האָט אבער רואינירט פילע פארמער. די פארמס זיינען בעלאסטעט מיט שווערע מארטגיידזשעס און די פארמער קענען זייערע מארטגיידזשעס ניט צאָלען.

קאָרן איז דער וויכטיגסטער פּראָדוקט פון אייאָווא. קאָרן ווערט פּראָדוצירט אין אייאָווא מעהר ווי אין אנדערע שטאַאטען. אויך מיט ווייץ, האָבער און בהמות איז אייאָווא געבענשט. פלייש אינדוסטרי איז דאָרטען זעהר ענטוויקעלט.

דע מאינס, א שטאָדט פון 150 טויזענט איינוואָהנער איז די גרעסטע שטאָדט אין אייאָווא און אויך די הויפּט־שטאָדט. אין עימס, א שטעדטעל פון ארום 11 טויזענט איינוואָהנער איז דאָ א באריהמטער אגריקולטורעלער קאלעדזש. מען זאָגט, אז דער קאלעדזש איז דער בעסטער אין לאַנד.

## KANSAS (KANS.)

## קענזעס

קענזעס איז לויט זיין געאָגראַפישער לאַגע דער צענטראלער שטאַאט און אזוי רופט מען טאקע דעם שטאַאט. דעם שטאַאט רופט מען אויך דער „פּרעירי שטאַאט".

דער שטאַאט גרעניצט זיך מיט נעבראַסקא, מיזורי, אקלאהאמא און קאָלאָראַדא. דער שטאַאט איז הויפּטזעכליך אגריקולטורעל. דער שטאַאט האָט אויך מינעראלע רייכטימער. טשיקען פארמס און מילך פארמס זיינען זעהר ענטוויקעלט אין קענזעס. קענזעס ליידעט אבער פיל פון דעם וועלט־קריזיס.

א גרויסער אגריקולטור קאלעדזש איז דאָ אין מאַנהעטען, א שטעדטעל פון 10 טויזענט איינוואָהנער. דער קאלעדזש ווערט געשטיצט פון שטאַאט. דער שטאַאט שטיצט אויך דעם אוניווערזיטעט אין קענזעס.

טויט־שטראָף איז אָבגעשאפט אין קענזעס. פון דעם יאָהר 1870 האָט מען קיין מענשען ניט היגגעריכטעט. דער פארזוך איינצופיהרען טויט־שטראָף דורך עלעקטריק איז וועטאָירט געוואָרען פון גאָווערנאָר.

די גרעסטע שטאָדט אין קענזעס איז קענזעס סיטי, א שטאָדט פון 122 טויזענט איינוואָהנער. טאפּעקא, א שטאָדט פון 64 טויזענט איינוואהנער איז די הויפּט־שטאָדט פון קענזעס. קאלבי א קליין שטעדטעל מיט צוויי טויזענט איינוואָהנער איז באוואוסט מיט דעם, וואָס די איינוואָהנער צאָהלען ניט קיין לאָקאלע טעקסעס. אלע הוצאות פון שטעדטעל ווערען געדעקט פון די פּראָפיטען, וואָס די שטאָדט אדמיניסטראַציע מאכט פון דעם, וואָס די מוניציפּאַליטעט פארקויפט עלעקטריק.

## KENTUCKY (KY.)

## קענטאָקי

קענטאָקי איז דער גרעניץ־שטאַאט צווישען דעם צפון און דרום פון אמעריקע. די איינוואָהנער האָבען זיטען פון דער סאוטה, אבער זיי זיינען פון די פּיאָנירען, וועלכע האָבען געבויט די וועסט, און די זיטען פון די אמאָליגע פּיאָנערען זיינען געבליבען. די איינוואָהנער פון קענטאָקי זיינען טומעלדיג און זיינען בארייט צו געבען און צו כאפּען קלעפּ.

פון צפון גרעניצט זיך קענטאָקי מיט די שטאַאטען אילינאָי, אָהייאָ און אינדיאַנא. פון דרום — מיט טענעסי; פון מערב — מיט ווירדזשיניע און וועסט ווירדזשיניע. מען רופט קענטאָקי דער „שטאַאט פון בלויען גראָז". פילע בערג זיינען דאָ אויף דער פלעכע אין מזרח פון לואיסוויל, וואָס רופט זיך דער ראַיאָן פון בלויען גראָז.

די איינוואָהנער באשעפטיגען זיך מיט אגריקולטור און האָדעווען בהמות.

די פערד פון קענטאַקי האָבען א נאָמען איבער דער גאנצער וועלט. דער שטאאט פּראָדוצירט אויך טאבאק און קאָרן.

א מערקווירדיגע נאטירליכע ערשיינונג אין קענטאַקי זיינען די גריבער אונטער דער ערד (קייווס), וואָס ציהען זיך אויף 9 טויזענט סקווער מיילען. דער מאמאטה „קייוו" איז דער גרעסטער, ער איז פארבונדען מיט דורכגאנגען, וואָס ציהען זיך אויף 150 מייל.

די הויפּט-שטאָדט פון קענטאַקי איז פראנקפארט, א שטעדטעל פון ארום 12 טויזענט איינוואהנער. די גרעסטע שטאָדט פון קענטאַקי איז לואיסוויל מיט 308 טויזענט איינוואהנער.

## LOUISIANA (LA.)
## לואיזיאנא

לואי דער 14טער, קעניג פון פראנקרייך, דער באריהמטער דעספּאָט, וואָס האָט געזאָגט: „איך בין דער שטאאט" איז פאראייביגט אין אמעריקע. דער שטאאט לואיזיאנא טראָגט זיין נאָמען. לא־סאללע, דער פראנצויזישער פאָרשער האָט דאָס לאנד אזא נאָמען געגעבען.

לואיזיאנא האָט נאָך אָט די היסטאָרישע באדייטונג. דזשאהן לאָ, דער באריהמ־טער אוואנטיוריסט האָט געגרינדעט זיין טרויעריג־באריהמטען מיסיסיפּי פּלאַן, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען אלס זייפען־בלאָז „מיסיסיפּי באבל". פראנקרייך האָט אָנגע־פאנגען צו קאָלאָניזירען דעם געגענד און פראנקרייך'ס הערשאפט האָט זיך פאר־שפּרייט. פּרעזידענט דזשעפערסאָן האָט אבגעקויפט דעם געגענד „לואיזיאנא", און דער איצטיגער שטאאט לואיזיאנא איז בלויז א טייל פון יענער היסטאָרישער קניה.

א גרויסע צאָהל פון די איינוואָהנער באשטעהט פון „קרעאלען", פראנצויזען מיט א געמיש פון שפּאניער און פּארטוגעזער. דער שטאאט טראָגט דאריבער דעם נאָמען דער „קרעאל שטאאט". עס זיינען נאָך איבערגעבליבען פילע פראנצויזישע מנהגים אין שטאאט. ניו־אָרליענס, א שטאָדט מיט קרוב פון א האלבען מיליאָן איינוואָהנער פּראוועט נאָך דעם קארניוואל „מארדי גרא". דער קארניוואל ציהט צו טוריסטען פון אנדערע געגענדען. ניו־אָרליענס איז איבערהויפּט א וויכטיגע שטאָדט, וואָס פאראייניגט גרויסע וואסער וועגען.

א גרויסער פּראָצענט פון די איינוואהנער, א דריטעל זיינען נעגער. עס איז א דרום־שטאאט מיט די זיטען פון דרום. פיש, פּעטראָלעאום און צוקער זיינען די הויפּט פּראָדוקטען. עס וואקסט דארטען אויך קאטאן, רייז און טאבאק.

לואיזיאנא ליגט ביי דעם גאלף אף מעקסיקא און ביי דעם מויל פון מיסיסיפּי טייך. דאָס לאנד איז זעהר וואסערדיג. דער שטאאט גרעניצט זיך אויך מיט די שטאא־טען ארקאנזא, מיסיסיפּי און טעקסעס. די הויפּט־שטאָדט פון לואיזיאנא איז באטאן רוזש א שטאָדט מיט 68 טויזענט איינוואהנער. נאָך א וויכטיגע שטאָדט אויסער ניו־אָרליענס, מיט איבער הונדערט טויזענט איינוואהנער איז קאָרא.

## MAINE (ME.)
## מעין

אז מען רעדט פון א שטאאט וואָס ליגט אונטען אין מזרח „דאון איסט", מיינט מען דעם שטאאט מעין. ער ליגט אויף דעם מזרח פון די פאראייניגטע שטאאטען

און גרעניצט זיך מיט קוויבעק, קענעדע, ניו־בראַנזוויק, קענעדע, מיט דעם שטאַאט ניו־העמפּשייר און דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן.

מעין רופט מען אויך דער „לאָמבער שטאַאט". עס וואַקסען דאָרטען פילע וועלדער. פילע אינזלען באַוואַקסען מיט וועלדער געפינען זיך אין שטאַאט. דער באַריהמטסטער צווישען זיי איז „מאַונט דעזוירט" אָדער ווי מען רופט איהם אויך „אַקאַדיאַ נעשיאָנאַל פּאַרק".

אין מעין איז ווינטער זעהר קאַלט. אַ טיפער שנעע באַדעקט די ערד אייניגע חדשים. אייז איז דאָרטען אַן אַרטיקעל, וואָס מען עקספּאָרטירט. די געגענדען אין מעין זיינען זעהר מאַלעריש און ציהען צו פילע טוריסטען.

לאָמבער איז דער הויפּט פּראָדוקט פון מעין. עס זיינען דאָרטען דאָ פילע פּאַפּיר פאַבריקען. מעין איז אויך אַ שטאַאט וואָס לעבט פון טוריסטען. פּאָרטלאַנד, אַ שטאָדט פון אַריבער 70 טויזענט איינוואָהנער איז זעהר אַ וויכטיגער פּאָרט. אַגוסטאַ, אַ שטאָדט פון 17 טויזענט איינוואָהנער איז די הויפּט־שטאָדט פון מעין.

## MARYLAND (MD.)
## מערילענד

מערילענד, דאָס לאַנד פון דער קעניגין מאַריע, די ווייב פון דעם ענגלישען קעניג טשאַרלס דעם ערשטען, איז אַ גרעניץ־שטאַאַט צווישען צפון און דרום.

מערילענד רופט מען טאַקע אויך דער אַלטער גרעניץ־שטאַאַט „אָלד לאַין סטייט", אָבער דאָס איז צוליב אַ קריג אין די קאָלאָניאַלע צייטען וועגען אַ גרעניץ פראַגע צווישען לאָרד באַלטימאָר און ווילהעלם פּען, גרינדער פון פּענסילווייניע.

דער שטאַאַט מערילענד גרעניצט זיך מיט פּענסילווייניע, דעלעווער, ווירדזשי־ניע און וועסט ווירדזשיניע, אויך מיט דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן. פון דרום איז מערילענד אַבגעזונדערט דורך די טשעספּיקאַ בוכטע. עס איז זעהר אַ וויכטיגע בוכטע פון קאָמערציעלען שטאַנדפּונקט און צוליב דעם איז באַלטימאָר געוואָרען אַ וויכטיגער פּאָרט.

באַלטימאָר מיט איבער אַכט הונדערט טויזענט איינוואָהנער איז די וויכ־טיגסטע שטאָדט אין מערילענד. אין מערילענד איז שטאַרק ענטוויקעלט אַלע קליי־דער אינדוסטריעס. איבער 70 טויזענט אידען וואָהנען אין מערילענד. אַ גרויסע צאָל אין באַלטימאָר. אידען מאַכען אויס 4.34 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג און 1.7 פּראָצענט פון זייער צאָל אין לאַנד. אויך אַ גרויסע צאָל נעגער 16.9 פּראָצענט וואָהנען אין מערילענד.

מערילענד איז איינע פון די 13 אָריגינעלע שטאַאַטען. די הויפּט־שטאָדט פון מערי־לענד איז אַנאַפּאָליס, אַ שטעדטעל מיט 12 טויזענט איינוואָהנער. אין אַנאַפּאָליס איז דאָ די נייוואַל אַקאַדעמיע פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען. מערילענד איז באַ־וואוסט מיט דעם „דזשאָהן האָפּקינס אוניווערזיטעט". מערילענד איז זעהר נאָהענט צו וואַשינגטאָן, מען קומט פון באַלטימאָר אין וואַשינגטאָן אין 40 מינוט.

## MASSACHUSETTS (MASS.)
## מאַסאַטשוסעטס

מאַסאַטשוסעטס רופט מען דער אַלטער שטאַאַט פון דער בוכטע „אָלד בעי סטעיט". מאַסאַטשוסעטס איז פון די ערשטע קאָלאָניעס אין די ערשטע 13 אָרי־גינעלע שטאַאַטען. זעהר אַ וויכטיגע ראָליע האָט מאַסאַטשוסעטס געשפּילט אין דער

אמעריקאנער געשיכטע. דער שווערער נאמען פון שטאאט, שטאמט פון אן אינדיא־נער דיאלעקט און עס מיינט „דער ארט פון בלויע בערג".

דער שטאאט איז אין שכנות מיט ווערמאנט, ניו־העמפשייר, ראוד איילענד און קאנעקטיקוט. דער געגענד ליגט אין דעם הארץ פון ניו־ענגלאנד, ניי־ענגלאנד.

כאטש מאסאטשוסעטס האט א קליינעם שטח און איז לויט'ן ראנג פון שטח דער 44טער שטאאט, איז דער שטאאט אבער זעהר געדיכט באזעצט. 541.6 מענ־שען וואהנען אויף א סקווער מייל. די אידישע באפעלקערונג אין מאסאטשוסעטס איז 227 טויזענט, 5.31 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג און 5.33 פראצענט פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג. די גאנצע באפעלקערונג איז 4,842,325. דער 28טער שטאאט און דער צווייטער געדיכטסטער שטאאט.

מאסאטשוסעטס איז זעהר אינדוסטריעל. דער שטאאט פארנעמט א וויכטיגען פלאץ איז אלע אינדוסטריען, פאבריקען פון קאטאן סחורות און וואלענע סחורות זיינען דא פיעל. דארטען זיינען אויך דא פילע גארבארניעס און שיך־פאבריקען. עס איז דארטען ענטוויקעלט אגריקולטור.

מען באטראכט מאסאטשוסעטס אלס דעם געבילדעסטען שטאאט פון די פאר־אייניגטע שטאאטען. באסטאן די הויפט־שטאדט פון מאסאטשוסעטס מיט א בא־פעלקערונג פון 790 טויזענט איינוואהנער רופט מען די אמעריקאנער אטענס. באסטאן איז א היסטארישע שטאדט מיט פילע היסטארישע מערקווירדיגקייטען. הארווארד אוניווערזיטעט איז אן אריסטאקראטישער אוניווערזיטעט מיט א נאמען איבער דער גאנצער וועלט. מאסאטשוסעטס טעכנאלאדזשיקאל אינסטיטוט איז א וויכטיגע אינסטיטוציע. עס זיינען דארטען דא אויך אנאלפאבעטען, 3.5 פראצענט מענשען וואס קענען ניט לעזען און שרייבען, נאר זיי באשטעהען מיינסטענס פון אויסלענדער און נעגער.

## MICHIGAN (MICH.)

## מישיגען

מישיגען רופט מען „דער שטאאט פון די אזערעס". דער שטאאט וואס גרע־ניצט זיך מיט קענעדע ווערט צוטיילט דורך לייק מישיגען אויף צוויי טיילען. דער שטאאט האט אויך פילע אנדערע אזערעס.

אין מישיגען זיינען דא פילע אטאמאביל פעקטארים. דעטראיט, די פערטע שטאדט לויט איהר גרויס, מיט א באפעלקערונג פון אנדערטהאלבען מיליאן איינ־וואהנער שפילט א אנפיהרענדע ראלע אין דער אטאמאביל אינדוסטריע. דער וועלט־קריזיס האט שטארק געטראפען דעם גאנצען שטאאט און באזונדערס דע־טראיט. אין מישיגען געפינען זיך ארום 90 טויזענט אידען, וואס מאכען אויס 1.68 פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג און 1.02 פראצענט פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג פון לאנד.

אין מישיגען איז דא א געזעץ, וואס מען ערלויבט צו סטעריליזירען שוואכ־זיניגע. דורך א רעפערענדום אין 1931 איז צוריק איינגעפיהרט געווארען טויט־שטראף אין מישיגען. אין מישיגען איז אויך דא א געזעץ, וואס פאדערט צו רעדזשיסטרירען אלע אויסלענדער.

די הויפט־שטאדט פון מישיגען איז לאנסינג, א שטאדט פון 80 טויזענט איינ־וואהנער. דיבארן, א שטאדט פון ארום 50 טויזענט איינוואהנער האט געקראגען די טרויעריגע בארימטקייט דורך פארד'ס אנטיסעמיטישען נעסט, וואס ער האט דארטען געמאכט. אין מישיגען האבען זיך צוליב'ן קריזיס פארמאכט פילע באנקען.

## MINNESOTA (MINN.)

### מינעסאָטא

מינעסאָטא, א צענטראַלער שטאַאַט פון דעם צפון־מערב, גרעניצט זיך מיט אָנטעריאָ און מאַניטאָבאַ, קענעדע. ער גרעניצט זיך אויך מיט די שטאַאַטען וויס־קאָנסין, אייאָווא און די דאַקאָטאַס. דער מיסיסיפּי טייך קומט אריין אין מינעסאָטא.

דער שטאַאַט איז רייך מיט נאַטירליכע רייכטימער. מיט די מעטאַלען באַ־זאָרגט דער שטאַאַט די אייזען פּעקטאָריס פון אילינאָי, פּענסילווייניע און אָהייאָ. דער שטאַאַט איז אויך וויכטיג אלס אגריקולטורעלער צענטער. עס זיינען דאָרטען דאָ מיהלען און תבואה־שפּייכלערס. אמאָל איז מינעסאָטא געווען רייך מיט לאָמבער, נאָר פילע וועלדער זיינען אויסגעשניטען געוואָרען, נאָר עס זיינען נאָך דאָ איצט אויך פילע זעג־מיהלען און פּאַפּיר פּעקטאָריס.

די שטאָדט מיניאַפּאָליס מיט ארום א האַלבען מיליאָן איינוואָהנער, איז דער צווייטער תבואה צענטער נאָך שיקאַגאָ. די צווילינג־שטאָדט סענט־פּאָול מיט א באַפעלקערונג פון 271 טויזענט איינוואָהנער איז די הויפּט־שטאָדט פון מינעסאָטא. דולוטה מיט א באַפעלקערונג פון ארום הונדערט טויזענט איינוואָהנער איז וויכטיג אלס צענטער פון רויע מאַטעריאַלען און א טראַנספּאָרט פּלאַץ. די שטאָדט געפינט זיך לעבען די גרויסע אָזערעס.

מינעסאָטא איז באַריהמט מיט איהר גוטער סיסטעם פון פּאָלקס־בילדונג. וויכ־טיג איז דער אוניווערזיטעט פון מינעסאָטא. אין מינעסאָטא איז ענטוויקעלט שטאַרק די ראַדיקאַלע פּאַרמער באַוועגונג.

## MISSISSIPPI (MISS.)

### מיסיסיפּי

מיסיסיפּי איז א טיפּישער דרום־שטאַאַט. די נעגער זיינען דאָרטען מעהר ווי ווייסע. נעגער מאַכען אויס 50.2 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג און ווייסע 49.8 פּראָצענט. די באַפעלקערונג איז 2 מיליאָן און ערך צעהן טויזענט נפשות.

דער שטאַאַט גרעניצט זיך מיט די שטאַאַטען טענעסי, אַלאַבאַמאַ, לואיזיאַנאַ און אַרקאַנסאַ. דער טייך מיסיסיפּי פון וועלכען דער שטאַאַט האָט זיין נאָמען פליסט אריין אין שטאַאַט פון מערב זייט.

די פּראָדוקטען פון שטאַאַט זיינען קאָטאָן, צוקער־ראָהרען, ניס, תבואה און פרוכט. אין דעם שטאַאַט הערשען נאָך די אַלטע טראַדיציעס פון די אַמאָליגע פּלאַנטאַטאָרס, מיט שעהנע מאַיאָנטקעס פאַר די אַריסטאָקראַטען און נידעריגע הייזקעס פאַר די נעגער. אויב ניט קיין שקלאַפען נאָכ'ן געזעץ, אבער דאָך ערני־דעריגט און אונטערדריקט.

די הויפּט־שטאָדט פון מיסיסיפּי איז דזשעקסאָן, א שטעדטעל פון 48 טויזענט איינוואָהנער. קיין שטעדט מיט א הונדערט טויזענט איינוואָהנער זיינען ניטאָ אין מיסיסיפּי.

## MISSOURI (MO.)

### מיזורי

די איינוואָהנער פון מיזורי האָבען א שם פאַר האַרטע מענשען. א מיזורער ווערט פאַר קיין זאַך ניט נתפּעל, ער גלויבט קיינעם ניט, סיידען מען באַווייזט איהם

און דאמאָלסט גלויבט ער ניט. מיזורי האָט אויך א נאָמען אלס „בוליאן שטאאט", ווייל א סענאַטאָר פון מיזורי, בענטאָן, האָט געפאָדערט, אז געלט מוז זיין ענט־וועדער פון גאָלד אדער פון זילבער (בוליאן). ווי א ריכטיגער איינוואָהנער פון מיזורי האָט סענאטאר בענטאָן אין פאפיר־געלט ניט געגלויבט.

די איינוואהנער פון מיזורי האָבען די כאראקטעריסטישע שטריכען פון די דרום־פּלאַנטאַטאָרס און פון די צפון־אינדוסטריאליסטען. זיי באשעפטיגען זיך מיט אגריקולטור, מיט קאטאָן און ווייצענס. זיי באשעפטיגען זיך אויך מיט פאבריקאציע. דאָרטען איז ענטוויקעלט די שיך־אינדוסטריע, און קענזעס סיטי איז באוואוסט מיט גרויסע יאַטקעס, פלייש פעקערייען. אין מיזורי זיינען אויך דאָ גרויסע פאקטען פון קעז און פוטער און מאשין פאבריקען.

אין סענט לואיס און אומגעגענד זיינען דאָ א מיליאָן און 246 טויזענט איינ־וואָהנער. סענט לואיס איז א גרויסער קאָמערציעלער און באנק צענטער. אין שטאָדט זיינען דאָ שעהנע פארקס און א „אָפען עיר" טעאטער, וואָס איז עטאבלירט פון שטאָדט. דער בריק איבער'ן טייך מיסיסיפּי איז א זאַך, וואָס רופט ארויס באוואונ־דערונג פון טוריסטען, וועלכע שטעלען זיך אָב אין סענט לואיס אויף זייערע רייזעס. סענט לואיס איז א וויכטיגער מיטעל פּונקט. אין סענט לואיס וואָהנען א סך דייטשען און קינדער פון דייטשען. אין שטאָדט אליין זיינען דא ארום ניין הונדערט טויזענט איינוואָהנער.

א וויכטיגע שטאָדט אין מיזורי איז קענזעס סיטי, א פאבריק־שטאָדט, וואָס האָט ארום פיר הונדערט טויזענט איינוואָהנער. די הויפּט־שטאָדט פון מיזורי איז דזשעפערסאָן סיטי, א שטאָדט פון 22 טויזענט איינוואָהנער.

## MONTANA (MONT.)

### מאָנטאַנאַ

ווי דער נאָמען ציינט איז מאָנטאנאַ א בארגיגער שטאאט. די באריהמטע שטיינערנע בערג קרייצען דורך דעם שטאאט פון מערב זייט. מאָנטאנא גרעניצט זיך מיט קענעדע פון צפון זייט. דער שטאאט גרעניצט זיך מיט די דאקאטאס, וואיאָמינג און איידאהא.

מאָנטאנאָ איז דער איינציגער שטאאט וואָס האָט געוויזען א פארלוסט אין דער באפעלקערונג פאר צעהן יאָהר. דער שטאאט האָט פארלאָרען איבער 15 טוי־זענט, וואָס מאכט 2.3 פראָצענט. אין שטח איז מאָנטאנא דער דריטער, אבער אין דער באפעלקערונג דער 39טער. אויף א גאנצען סקווער מייל, וואָהנען 3.7 מענשען.

דער שטאאט איז אגריקולטורעל, אבער דער עיקר רייכקייט פון געגענד זיינען מעטאַלען גאָלד, זילבער און קופער. בליי און צינק זיינען די וויכטיגסטע פּראָדוק־טען פון שטאאט. דער שטאאט איז רייך אויך אין געהילץ.

קיין גרויסע שטעדט זיינען אין מאָנטאנא ניטאָ. די גרעסטע שטאָדט איז בוט מיט א באפעלקערונג פון ארום 40 טויזענט איינוואָהנער. די הויפּט־שטאָדט איז העלענא מיט א באפעלקערונג פון 12 טויזענט. דער שטאאט איז שעהן מיט נאטור־בילדער. „גלייסיער נעשאָנאל פארק" צווישען מאָנטאנא און קענעדע איז פון די שעהנסטע פארקען אין דער וועלט.

## NEBRASKA (NEB.)
### נעבראַסקאַ

נעבראַסקאַ, דער שטאַאַט פון שוואַרצען וואַסער, ווי די אינדיאַנער האָבען גערופען דעם געגענד איז אַ טיפּישער אַגריקולטורעלער שטאַאַט פון דער וועסט. דער שטאַאַט איז אין שכנות מיט סאַוטה דאַקאָטאַ, אייאָווא, מיזורי, קענזעס, קאָלאָראַדאָ און וואַיאָמינג. דער שטאַאַט ליגט אין אַ טאָהל. בערג זיינען זעהר ווייניג.

די הויפּט פּראָדוקטען פון נעבראַסקאַ זיינען קאָרן, צוקער רעהרין, ווייץ און האָבער. אין דער פּראָדוקציע פון קאָרן פאַרנעמט נעבראַסקאַ דעם דריטען פּלאַץ.

אמייאַ, אַ שטאָדט פון 214 טויזענט איינוואָהנער איז אַ וויכטיגער אייזענבאַהן צענטער. לינקאָלן, אַ שטאָדט פון אַרום 75 טויזענט איינוואָהנער, איז די הויפּט־שטאָדט.

## NEVADA (NEV.)
### נעוואַדאַ

דער וואָרט „נעוואַדאַ" שטאַמט פון שפּאַניש. עס מיינט שנעע באַדעקט. דער שטאַאַט איז בערגיג, אָבער מען האָט דאָרטען געפונען פילע טייערע מעטאַלען. דער שטאַאַט פּראָדוצירט גאָלד, זילבער און קופּער אין נעוואַדאַ איז געווען די באַוואוסטע זילבער מיין „קאַמסטאַק לאָד", און מען האָט גערופען נעוואַדאַ דער „זילבער שטאַאַט". טייערע מעטאַלען ווערען אָבער ווייניגער אין נעוואַדאַ.

נעוואַדאַ איז ווייניגער באַזעצט ווי יעדער אַנדער שטאַאַט. ווייניגער ווי איין מענש (0.83 פּראָצענט) וואָהנט איבער אַ גאַנצען סקווער מייל. דער שטאַאַט גרעניצט זיך מיט איידאַהאָ, אָרעגאָן, יוטאַ, אַריזאָנאַ און קאַליפאָרניע. דער שטח פון שטאַאַט איז 110,690 סקווער מיילען., דער 6טער שטאַאַט לויט'ן שטח און דער 49טער לויט דער באַפעלקערונג. אין איין ווינקעל אין די בראָנקס, זיינען דאָ מעהר מענשען ווי אין נעוואַדאַ. די באַפעלקערונג פון נעוואַדאַ איז 91 טויזענט.

די באַריהמטע שטאָדט אין נעוואַדאַ איז רינאָ. די שטאָדט מאַכט אַ לעבען פון גט'ן פּאָרלאַך. עס איז דורכגעגאַנגען אַ געזעץ אַז אַ פּאָרל מוז וואָהנען זעקס וואָכען צו קריגען אַ גט. די האָטעל־קיפּערס און רעסטאָראַנען האָבען אפשר דערפון געוואונען, אָבער לאָיערס האָבען פאַרלאָרען. ווייניגער פּאָרלאַך קומען איצט אין רענאָ נאָך גט'ן. רינאָ האָט אַ באַפעלקערונג פון 18 טויזענט. די הויפּט־שטאָדט פון נעוואַדאַ איז די קליינע שטעדטעל קאַרסאָן סיטי וואָס האָט ווייניגער ווי 3 טויזענט איינוואָהנער.

## NEW HAMPSHIRE (N. H.)
### ניו־העמפּשייר

ניו־העמפּשייר איז אַ קליינער שטאַאַט פון דער ניו־ענגלאַנד גרופּע. דער שטאַאַט גרעניצט זיך פון צפון מיט קענעדע, פון דרום מיט מאַסאַטשוסעטס, פון מערב מיט ווערמאָנט און פון מזרח מיט מעין און דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן. ניו־העמפּשייר איז געווען פון די 13 אָריגינעלע שטאַאַטען.

מען רופט ניו־העמפּשייר „דער שטאַאַט פון גראַניט". מען זאָגט, אז די איינוואָהנער זיינען טיכטיגע מענשען די הויפּט באַשעפטיגונג זייערע איז די פאַברי־

קאציע פון קאטאן סחורות, שיך און פאפיר. דער שטאאט איז באריהמט מיט די ווייסע בערג.

מאנטשעסטער איז די גרעסטע שטאָדט אין ניו־העמפשייר. מאנטשעסטער האָט 77 טויזענט איינוואהנער. די הויפט־שטאָדט פון ניו־העמפשייר איז קאנקארד, א שטאָדט מיט 25 טויזענט איינוואהנער. דער אוניווערזיטעט דארטמאוטה איז זעהר באריהמט ניט נאָר אין ניו־העמפשייר נאָר איבער גאנץ אמעריקע.

## NEW JERSEY (N. J.)

### ניו דזשוירזי

כאָטש קליין אין שטח, איז אבער ניו־דזשוירזי א וויכטיגער שטאאט אין עקאָנאָמישען זין. ניו־דזשוירזי פארנעמט דעם 45טען ראנג אין שטח, אָבער נאָך דער באפעלקערונג איז ניו־דזשוירזי דער 9טער שטאאט. 491,4 מענשען וואָהנען אויף א קוואדראט מייל.

ניו־דשוירזי איז געווען איינער פון די 13 אָריגינעלע שטאאטען. דער שטאאט איז אין שכנות מיט ניו־יאָרק, פענסילוויינע. ניו־דזשוירזי גרעניצט זיך אויף מיט'ן אטלאנטישען ים און דער דעלווער בוכטע.

אינדוסטריעל איז ניו־דזשוירזי דער 6טער שטאאט. זיידען פעקטאָרים און טעקסטיל פאבריקען, מאשין שעפער און כעמישע פאבריקען זיינען דא פיל אין ניו־דזשוירזי. דער שטאאט פראָדוצירט אויך פילע מינעראלען. צוליב דעם נאָהענטען מארקעט אין ניו־יאָרק איז אגריקולטור אויך פון די וויכטיגסטע אינדוסטריעס אין שטאאט.

אין ניו־דזשוירזי זיינען דאָ פילע אידען. די צאָל פון די אידען אין ניו־דשוירזי איז 225,306, וואָס מאכט אוים 5.58 פראָצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג און 5.32 פראָצענט פון אלע אידען אין די פאראייניגטע שטאאטען. אין ניו־דזשוירזי זיינען דאָ פילע אידישע פארמערס. וואודביין, וואו עס איז דאָ די באראן הירש אגריקולטורעלע שולע איז אין גאנצען א אידיש שטעדטעל. לייקוואוד א ווינטער־אָפרוה פלאץ איז באזעצט מיט פילע אידען. אידען זיינען דאָ פיל אין אטלאנטיק סיטי, א וויכטיגער אָפרוה־פלאץ לעבען ים. אין פילע שטעדט און שטעדטלאך פון ניו־דזשורזי איז א אידישע באפעלקערונג.

די גרעסטע שטאָדט אין ניו־דזשוירזי איז נוארק, ניט ווייט פון ניו־יאָרק. אין נוארק זיינען דא קרוב פון א האלבען מיליאן איינוואהנער. די גרויסע שטעדט פון ניו־דזשוירזי זיינען דזשוירזי סיטי מיט 317 טויזענט איינוואהנער; פעטערסאָן מיט 138 איינוואָהנער און עליזאבעט מיט 115 טויזענט איינוואָהנער. די הויפט־שטאָדט פון ניו־דזשוירזי איז טרענטאָן, א שטאָדט פון 124 טויזענט איינוואָהנער. אין ניו־דזשוירזי זיינען דאָ וויכטיגע אוניווערזיטעטען. דער פרינסטאן אוניווערזיטעט, ראטגערס קאלעדזש און דער אינסטיטוט פון טעכנאָלאָגיע זיינען וויכטיגע ערציהונגס אינסטיטוציעס.

## NEW MEXICO (N. M.)

### ניו מעקסיקא

ניו־מעקסיקאָ איז א גרויסער שטאאט נאָר זעהר שיטער באזעצט. לויט'ן שטח דער 4טער שטאאט און לויט דער באפעלקערונג דער 45טער. 3.5 מענשען וואָהנען אויף א סקווער מייל.

דער שטאַאט גרעניצט זיך מיט קאָלאָראַדא, אָקלאַהאמא, טעקסעס, אַריזאָנאַ און אויך מיט מעקסיקא. די טעריטאָריע פון ניו־מעקסיקא איז אַנעקסירט געוואָרען אין 1845 און אַלס שטאַאט איז ניו־מעקסיקא צוגעלאָזען געוואָרען ערשט אין יאָהר 1910.

אין ניו־מעקסיקא זיינען דאָ ארום 29 טויזענט אינדיאַנער, וואָס וואָהנען אויף רעגירונגס־רעזערוויישאַנס. אין 18 אידניאַנער געמיינדע שטעדט, „פועבלא'ס" וואָהנען ארום 11 טויזענט אינדיאַנער, ארום 60 טויזענט מעקסיקאַנער וואָהנען דאָרטען. צווישען די איינוואָהנער זיינען דאָ א גרויסער פּראָצענט פון אַנאַלפאַבעטען (די וואָס קענען ניט לעזען און שרייבען). דער שטאַאט האָט אבער אין זיך פילע לאָקאַלע קאָלירפולע שטריכען, סיי אין לאַנדשאַפט און סיי אין באַפעלקערונג. קינסטלער פאָהרען דאָרטען צו קריגען אינספּיראַציע, מאָהלען אינדיאַנער און אַלט־שפּאַנישע טיפּען און אַלטע אַרכיטעקטור.

קיין גרויסע שטעדט זיינען אין ניו־מעקסיקא ניטאָ. די איינוואָהנער מאַכען א לעבען פון פיה־צוכט. זיי פּראָדוצירען רויע מעטאַלען און באַשעפטיגען זיך אויך מיט אַגריקולטור. אַזוי ווי אין אַריזאָנאַ איז אויך אין ניו־מעקסיקא ענטוויקעלט די קינסטליכע באַוואַסערונגען. די הויפּט־שטאָדט פון ניו־מעקסיקא איז סאַנטא פע, א שטעדטעל מיט 11 טויזענט איינוואָהנער.

## NEW YORK (N. Y.)
## ניו יאָרק

אין דעם יאָהר 1809 האָט ניו־יאָרק אַלס שטאַאט אַנגענומען דעם „מאָטאָ" (לאָזונג) „עקסעלסיאָר", וואָס דאָס מיינט העכער און העכער. ניו־יאָרק האַלט נאָך דעם לאָזונג אָן. דער שטאַאט ניו־יאָרק האַלט אין וואַקסען און אַנטוויקלען זיך.

מען רופט ניו־יאָרק דער „עמפּייער" שטאַאט. אָנצודייטען אַז ניו־יאָרק פאַרנעמט דעם ערשטען פּלאַץ אין דער פאַראייניגונג פון פאַרשידענע שטאַאטען. אין שטח פאַרנעמט גראָדע ניו־יאָרק דעם 29טען פּלאַץ, אבער דערפאַר איז ניו־יאָרק דער ערשטער שטאַאט אין באַפעלקערונג, דער ערשטער—אין עקאָנאָמישען זין, דער ערשטער—אין רייכקייט און אויך דער ערשטער שטאַאט פון אידישען שטאַנדפּונקט.

כאָטש אידען מאַכען אויס 15.12 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, לעבען אבער אידען אין ניו־יאָרק ארום 45.01 פּראָצענט פון אַלע אידען אין די פאַראייניגטע שטאַאטען. די אידישע באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק דערגרייכט באַלד די צאָל פון אידען אין סאָוועטען־פאַרבאַנד און זיינען מעהר ווי אין אוקראַאינע. אין עטליכע גאַסען פון בראָנזוויל, א טייל פון דער שטאָדט גרויס ניו־יאָרק, געפינען זיך אידען מעהר ווי אין גאַנץ ארץ ישראל. אידען זיינען דאָ פון אַלע לענדער און אַלע שטעדט פון גרויסע אידישע געמיינדעס. אידען האָבען גרויסע אָרגאַניזאַציעס, האָבען א וויכטיגע פּרעסע און אפילו נאָך דעם פאַרצווייגענעם קריזיס שפּילען נאָך אידען א גרויסע ראָליע אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד.

ניט אָבער בלויז אידען זיינען דאָ פיל אין ניו־יאָרק. אַלע נאַציאָנען זיינען רעפּרעזענטירט אין ניו־יאָרק. די שטאָדט ניו-יאָרק רופט מען „מעטראָפּאָליע", די מוטער פון שטעדט. די שטאָדט ניו־יאָרק איז אויך א קאָסמאָפּאָליטישע שטאָדט. עס זיינען דאָ גרויסע געמיינדעס פון איטאַליענער, איירישע, דייטשען, גריכען, אַלערליי סלאַוואַקען, מאַדיאַרען און פילע אַזיאַטישע פעלקער. די בינעזער שטאָדט אין ניו־יאָרק איז א גרויסע אַטראַקציע.

דער שטאַאט ניו־יאָרק האָט פילע גרויסע שטעדט, וואָס שפּילען א וויכטיגע

עקאנאמישע ראליע. באפלא האט ארום 6 הונדערט טויזענט איינוואהנער, ראטשעס־טער—ארום 330 טויזענט איינוואהנער, די הויפט־שטאדט פון ניו־יארק אלבאני—125 טויזענט, סיראקיוז—האט 210 טויזענט איינוואהנער, סקענעקטעדי, דער צענ־טער פון עלעקטרישער אינדוסטרי—ארום 80 טויזענט, ניאגרא פאלס, לעבען דעם באריהמטען וואסער־פאל—75 טויזענט איינוואהנער. עס זיינען דא נאך זעהר פילע שטעדט און שטעדטלאך מיט וויכטיגע עקאנאמישע פונקציעס, אבער דער עיקר ראליע אין שטאאט ניו־יארק שפילט די מעטראפאליע גרויס ניו־יארק. די באפעל־קערונג פון גרויס ניו־יארק איז קרוב פון 7 מיליאן נפשות. אז מען זאל ארייננעמען אלע ארומיגע שטעדט און שטעדטלאך, וואס זיינען עקאנאמיש א טייל פון גרויס־ניו־יארק, האט ניו־יארק ארום צעהן מיליאן איינוואהנער. פיל גרעסער ווי לאנדאן, וואס רעכענט זיך פאר דער גרעסטער שטאדט פון דער וועלט.

גרויס ניו־יארק טיילט זיך אויף פינף טיילען (באראס). אלע באראס שטעלען צוזאמען דעם ניו־יארקער מוניציפאליטעט.

צאהל פון דער באפעלקערונג:

| נאמען פון בארא | צאל פון אלגעמיינע באפ. | צאל פון אידען געשאצט | פראצענט פון איד. | פון הונדערט נ. י. איד. וואה. |
|---|---|---|---|---|
| בראנקס | 1,265,258 | 420,000 | 33.2 | 23.79 |
| ברוקלין | 2,560,401 | 797,600 | 31.11 | 45.16 |
| מאנהעטען | 1,867,312 | 465,000 | 24.8 | 26.33 |
| קווינס | 1,079,129 | 75,000 | 7. | 4.25 |
| ריטשמאנד | 158 ,346 | 7,200 | 4.6 | .47 |
| סך הכל — | 6,930,446 | 1,765,800 | 25.48 | 100.00 |
| פראצענט פון שטאדט | | | | 92.7 |
| די באפעלקערונג פון אנדערע שטעדט אין ניו־יארק סטייט | 5,657,620 | 138,090 | 2.44 | 7.3 |
| גרענד טאטאל — | 12,588,066 | 1,904,890 | 15.12 | 100.00 |

די שטאדט ניו־יארק רעכענט זיך צו זיין די גרעסטע שטאדט פון ארבייטער. עס זיינען דא אין ניו־יארק מעהר ארבייטער, ווי אין יעדער אנדער שטאדט אין אמעריקע.

צענזוס פון 1931

| | פאבריקען | ארבייטער |
|---|---|---|
| בראנקס | 1,154 | 17,894 |
| ברוקלין — קינגס | 5,160 | 122,247 |
| מאנהעטען | 18,233 | 262,832 |
| קווינס | 1,501 | 46,035 |
| ריטשמאנד | 184 | 6,649 |
| | 26,234 | 455,657 |

דאָס זיינען ארבייטער, וואָס ארבייטען דירעקט אין פאבריקען, אויסער זייערע פאמיליעס, ניט נעמענדיג אין באטראכט ארומיגע קליינע שטעטלאך וואָס ארבייטען פאר ניו־יאָרק און די אָפּיסעס וואָס געפינען זיך אין ניו־יאָרק. אין ניו־יאָרק זיינען דאָ א אומגעהויערע צאָל פון שקלאפען אין ווייסע קאָלנערס, דאס זיינען די סטע־נאָגראפיסטען, בוכהאלטערס און אלערליי אָנגעשטעלטע. ניו־יאָרק האָט אויך די וויכ־טיגסטע ארבייטער אָרגאַניזאציעס.

קליידער אינדוסטרי איז די וויכטיגסטע אין ניו־יאָרק. די צווייטע וויכטיגסטע איז דרוק־שעפער, רעדאקציעס און פארלאגען. דער אינזעל מאנהעטען אין ניו־יאָרק איז דער גרעסטער האנדעלס־צענטער אין אמעריקע. דאָ געפינען זיך די גרויסע באנקען, אלערליי „עקסטשענדזשעס" (בערזעס), עקספּאָרט און אימפּאָרט הייזער. אלע אמעריקאנער גרויסע פירמעס און פילע אויסלענדישע גרויסע פירמעס האָבען דאָ זייערע אָפּיסעס.

ניט נאָר אבער אין האנדעל איז די שטאָדט ניו־יאָרק גרויס. ניו־יאָרק איז גרויס אויך מיט מערקווירדיגע זאכען, וואָס צו זעהן. דער „אקוואריום", „ברוקלין ברידזש", „ברוקלין מוזעאום", „באטאניקאל גארדען" און „זאָאָלאָגישער גארדען". אין די בראנקס: „מעטראפּאליטאן מוזעאום אָף אַרט", „ניו־יאָרק פּאָבליק לייברערי" אויף דער 42טער סטריט, „מוזעאום אָף נעטשוראל היסטאָרי", „עמפּייער בילדינג", און סענטראל פּארק זיינען בלויז איינינע פון די מערקווירדיגע זאכען, וואָס א מענש פון דער פּראָווינץ באוואונדערט אין ניו־יאָרק.

דער שטאאט ניו־יאָרק גרעניצט זיך פון מערב און פון צפון מיט די אזערעס אירי, אָנטעריאָ, און מיט קענעדע. פון מזרח—מיט ווערמאָנט, מאסאטשוסעטס און קאָנעקטיקוט, פון דרום מיט די שטאאטען ניו־דזשוירזי, פּענסילווייניע און דעם אטלאַנטישען ים. דער ים־פּראָנט באשטעהט פון לאָנג איילאנד, סטעטען איילאנד און דער גרויסער ניו־יאָרקער פּאָרט. איבער דעם ניו־יאָרקער טייך האָדסאָן געהן שיפען איבער א שטרעקע פון 150 מייל, אין אָלבאני. אין שטאאט ניו־יאָרק זיינען דאָ אַכט הונדערט מייל וואסער־וועגען איבער'ן ים, טייכען און אָזערעס.

איבער דעם שטאאט ניו־יאָרק זיינען דאָ ארום 160 טויזענט פּארמס: ווייץ, קאָרן, גערשטען, האָבער, פּאָטייטאָס און פרוכטען ווערען פּראָדוצירט. די אנדריאָנ־דאק און די קעטסקיל בערג האָבען גרויסע זומער־פּלעצער און זיי ציהען צו הונ־דערטער טויזענטער געסט. לעצטענס האָבען זיך אין ניו־יאָרק ענטוויקעלט קעמפּס. ארום 16 מיליאָן מענשען האָבען באזוכט פּיקניק און קעמפּס. פילע קעמפּס טוען האָטעל ביזנעס.

די הויפּט־שטאָדט פון ניו־יאָרק שטאאט איז אָלבאני. א שטאָדט פון 125 טויזענט איינוואָהנער.

## NORTH CAROLINA (N. C.)

## נאָרטה קאראליינא

דער שטאאט נאָרטה קאראליינא גרעניצט זיך מיט דעם אטלאַנטישען ים און מיט די שטאאטען ווירדזשיניע, דזשארדזשיע, סאוטה קאראליינא און טענעסי. דער שטאאט איז געווען פון די ערשטע 13 אָריגינעלע שטאאטען, וואָס האָבען געשאפען דעם פונדאמענט פון די פאראייניגטע שטאאטען. דער שטאאט איז אבער אויך געווען דער ערשטער, וועלכער איז ארויסגעטראטען פון פארבאנד, נאָכדעם ווי לינ־קאָלן איז ערוועהלט געווארען אלס פּרעזידענט.

דער שטאאט איז ארומגערינגעלט מיט דרום־שטאאטען און איז אין דעם צענ־

טער פון דרום מיט אלע טראדיציעס פון דרום און אויך אלע פאָראורטיילע. נאָרטה קאראליינא פראָדוצירט קאטאן, טאבאק און מינעראלען. דער שטאאט איז אבער געווארען שטאַרק אינדוסטריאליזירט. אין פאבריקאציע פון קאטאן סחורות פארנעמט נאָרטה קאראליינע דעם צווייטען פלאץ נאָך מאסאטשוסעטס. ארבייטער ווערען דאר־טען עקספּלואטירט שרעקליך.

דער שטאאט באריהמט זיך, וואָס 99 פּראָצענט פון זיינע איינוואהנער זיינען געבאָרען געווארען אין אמעריקע, אבער דער שטאאט איז אבגעשטאנען אין קול־טורעלער ענטוויקלונג. 29 פּראָצענט פון די איינוואהנער זיינען נעגערס.

די הויפּט־שטאָדט פון נאָרטה קאראליינע איז ראלי, א שטאָדט פון ארום 37 טויזענט איינוואהנער. נעשוויל איז באריהמט מיט זיינע פלעצער פאר אָפּרוה און פיינהוירסט מיט גאלף קורסען. נאָרטה קאראליינע איז געווען פון די וועניגע שטאאטען וועלכע האָבען ניט ראטיפיצירט דעם צוריקרוף פון פּראָהיבישאָן.

## NORTH DAKOTA (N. D.)
## נאָרטה דאקאטא

נאָרטה דאָקאטאַ איז א טיפּישער אגריקולטורעלער שטאאט פון דער צפון־מערב גרופּע. דער שטאאט גרעניצט זיך פון צפון מיט קענעדע און איז אין שכנות מיט די שטאאטען סאוטה דאקאטא, מינעסאטא און מאָנטאנא.

דער שטאאט איז באריהמט מיט זיינע גוטע תבואות. „נומער איינס צפון ווייץ", א סאָרט ווייץ, וואָס איז באריהמט אויף דער וועלט און איז געקומען צו־ערשט פון נאָרטה דאקאטא. פּיהצוכט, פּראָדוקציע פון ווייץ, קאָרן, גערשטען, האָבער און פלאַקס איז זעהר שטארק ענטוויקעלט. דער שטאאט איז באזעצט מיט פילע פון די סקאנדינאווישע לענדער און דייטשען. ארום א דריטעל פון שטאאט זיינען אָנגעפּאָהרענע אימיגראנטען.

נאָרטה דאקאטא איז באריהמט מיט דער ראדיקאלער פארמער באוועגונג, „די נאָן פּארטיזאן ליעג". אונטער דער ווירקונג פון דער ליעג האָט דער שטאאט אונ־טערנומען קהל'שע באנקען און קאָאָפּעראטיווע שפּייכלערס.

ביסמארק, א שטעדטעל מיט 11 טויזענט איינוואהנער איז די הויפּט־שטאָדט. א פייער האָט מיט א פּאָר יאָהר צוריק פארניכטעט די „קעפּיטאל" מיט פילע שטאאטס־רעקאָרדס. די גרעסטע שטאָדט אין נאָרטה דאקאטא איז פארגא, מיט א באפעלקערונג פון 29 טויזענט איינוואָהנער.

## OHIO (O.)
## אָהייא

**אין אמאָליגע גוטע יאָהרען פלעגט מען דערקענען א שטאאט מיט א צונג־**מעניש. כמעט יעדער שטאאט האָט א צונעמעניש און אָהייאָ האָט מען גערופען „דער בוקי שטאאט" צוליב אזעלכע בוימער, וואָס האָבען דאָרטען געוואקסען. איצט אָבער וואקסען וועניגער בוימער אין אָהייא. אָהייא איז א אינדוסטריעלער שטאאט. דער דריטער מיט דער צאָל ארבייטער. דאָרטען זיינען דאָ גרויסע שטעדט מיט פעקטאָרים און ארבייטער, וואָס האָבען ניט קיין דאך איבער'ן קאָפּ, שוין ניט רע־דענדיג פון בוימער.

די גרויסע שטעדט אין אָהייא זיינען: קליוולאנד מיט 900,429 איינוואָהנער;

סינסינעטי מיט 451 טויזענט; טאָלידא מיט 291 טויזענט; אייקראָן מיט 256 טוי־זענט; דייטאָן מיט 201 טויזענט און יאַנגסטאַון מיט 171 טויזענט.
די הויפּט־שטאָדט פון אָהייאָ איז קאָלאָמבוס, מיט 290 טויזענט איינוואוינער.
דער עיקר אינדוסטריעס זיינען: מיינינג, אויל, אייזען, שמעלצונג פון מעטאַל און פאַבריקאַציע פון מאַשינען. איבער דער גאַנצער אירי ווערען געבראַכט אין קליוולאַנד רויע מעטאַלען מעהר ווי אין יעדער אנדער שטאָדט.
אין אָהייאָ איז אויך ענטוויקעלט אגריקולטור און פיהצוכט. עס זיינען דאָרטען דאָ פילע קענערים פון פרוכטען און גרינסען.
דער שטאַאַט האָט א שם מיט דעם אינטענסיווען פּאָליטישען לעבען. עס האָט געגעבען דעם אמעריקאַנער פאַרבאַנד 7 פּרעזידענטען. איינינע פון זיי גראַדע ניט פון הויכען קאַליבער.
אָהייאָ גרעניצט זיך מיט מישיגען, פּענסילווייניע, וועסט־ווירדזשיניע און קענ־טאָקי. 161 מענשען וואוינען אויף א סקווער מייל אין אָהייאָ. אידען מאַכען אויס 2.62 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און 4.11 פּראָצענט פון אַלע אמעריקאַנער אידען.

## OKLAHOMA (OKLA.)
## אָקלאַהאָמאַ

אָקלאַהאָמאַ רופט מען דער בום־שטאַאַט. דער שטאַאַט האָט זיך ענטוויקעלט פון א בום און האָט געוואַקסען ווי אויף הייוען. אָקלאַהאָמאַ איז דער געבורטס־אָרט פון די רויטע אינדיאַנער פון וועלכע די ווייסע האָבען צוגענומען שטיקער ערד.
די שטאַאַטען מיט וועלכע אָקלאַהאָמאַ גרעניצט זיך זיינען: קענזעס, אַרקאַנזאָ, מיזורי, טעקסעס, ניו־מעקסיקאָ און קאָלאָראַדאָ.
מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק האָט מען ענטדעקט אויל אין אָקלאַהאָמאַ און מען האָט אָנגעפאַנגען צו לויפען נאָך אָקלאַהאָמאַ. עס איז געוואָרען א בום. די שטאָדט אָקלאַהאָמאַ האָט זיך ענטוויקעלט אין עטליכע יאָהר. אָקלאַהאָמאַ האָט איצט 185 טויזענט איינוואוינער. טולזאַ איז געוואָרען א שטאָדט מיט 150 טויזענט איינוואוינער. פילע ווייסע זיינען רייך געוואָרען. די אינדיאַנער האָבען פאַר זייערע לענדער געקראָגען קליינע באַלוינונג. איצט פיהלט אָקלאַהאָמאַ שטאַרק דעם קריזיס, דער בום האָט אין גאַנצען געפּלאַצט.
גיטרי איז די הויפּט־שטאָדט פון אָקלאַהאָמאַ, א שטעדטעל פון 10 טויזענט איינוואוינער. אָקלאַהאָמאַ האָט א שם פאַר א שטאַאַט פון אוניווערזיטעטען. דער קלו־קלוקס־קלען איז דאָרטען גאַנץ שטאַרק.

## OREGON (ORE.)
## אָרעגאָן

דער שטאַאַט אָרעגאָן ליגט אין דער ווייטער וועסט. ער גרעניצט זיך מיט דעם פּאַסיפישען אָקעאַן און מיט די שטאַאַטען וואַשינגטאָן, איידאַהאָ, קאַליפאָרניע און נעוואַדאַ.
איצט קומט מען אין אָרעגאָן אין 5 טעג מיט'ן אייזענבאַהן און מיט אן עראָ־פּלאַן אין א מעת־לעת. אַמאָל האָט געדויערט וואָכען איידער מען איז אהין געקו־מען. דזשייקאָב אסטאָר האָט דאָרטען געבויט א סטאַנציע צו כאַפּען ווילדע חיות און אָרונטערנעמען זייערע פעל. די סטאַנציע, אָדער דעם האַנדעלס־פּאָסט האָט ער א נאָמען געגעבען אסטאָריע, וואָס עס איז איצט א שטעדטעל פון צעהן טויזענט

איינוואהנער. אסטאָריע ווערט באשריבען פון דעם אמעריקאנער שרייבער וואשינג־טאָן אירווינג.

מען פלעגט רופען ארעגאָן דער ביבער שטאאט, צוליב די פילע ביבערן, וואָס דער שטאאט האָט פארמאָגט. אסטאָר איז רייך געוואָרען נים נאר פון ריעל־עסטייט, נאָר אויך פון פוטער־האנדעל. דער נאָמען אָרעגאָן שטאמט פון שפאניש פון דעם נאָמען פון א פלאנץ.

אין אָרעגאָן זיינען נאָך איצט אויך דאָ וועלדער, וואָס זיינען 3 הונדערט פוס הויך. דער האנדעל פון געהילץ איז זעהר שטארק ענטוויקעלט. עס איז דארטען אויך ענטוויקעלט די פראָדוקציע פון פרוכטען, תבואות און די סעמאָן פישערים.

די קאסקייד בערג, וואָס גרייכען אין פלעצער 12 טויזענט פוס, די אייזענ־באהנען, די טייכען זיינען זעהר מאלעריש. פּאָרטלאנד, א שטאָדט פון 302 טויזענט איינוואהנער רופט מען די בלומען־שטאָדט. אוויהי דאם 530 פוס הויך איז דער העכסטער דאם אין דער וועלט. די הויפּט־שטאָדט פון אָרעגאָן איז סיילעם, א שטאָדט פון ארום 27 טויזענט איינוואהנער.

## PENNSYLVANIA (PA.)

### פּענסילווייניע

פּענסילווייניע, א שטאאט וואָס גרעניצט זיך מיט ניו־יאָרק, ניו־דזשוירזי, דע־לעווער, מערילענד, וועסט־ווירדזשיניע און אָהייאָ, איז א וויכטיגער אינדוסטריעלער שטאאט. ער איז איינער פון די 13 אָריגינעלע שטאאטען און שפּילט א גרויסע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען לעבען פון לאנד.

כאָטש פענסילווייניע פארנעמט דעם 32טען ראנג אין שטח, איז ער אבער דער צווייטער אין ראנג פון באפעלקערונג. פענסילווייניע איז נאָך ניו־יאָרק דער וויכ־טיגסטער אינדוסטריעלער שטאאט. ער איז דער צווייטער שטאאט אין דער צאָל ארבייטער און אין דער ווערדע פון אויסגעארבייטע פּראָדוקטען. גרויסע שטאָהל שמעלצערייען געפינען זיך אין שטאאט, וויכטיגע מיינס, גרויסע פעקטאָרים זיינען דאָרטען דא. אין שטאאט זיינען אויך דאָ קליידער פעקטאָרים, אויך אגריקולטור איז ענטוויקעלט דאָרטען.

דער שטאאט, וואָס מען רופט דער ווינקעל־שטיין שטאאט (קיע־סטאָן סטייט) פּראָדוצירט די פונדאמענטאלע פּראָדוקטען פון אונזער היינטיגען עקאָנאָמישען לעבען. אין פענסילווייניע ווערען פּראָדוצירט א העלפט פון דעם שטאָהל וואָס אמעריקע פארברויכט. דאָרטען זיינען דאָ גרויסע פעקטאָרים וואו מען מאכט וואַ־גאָנען. פיטסבורג א שטאָדט פון ארום 670 טויזענט איינוואָהנער איז א וויכטיגע אינדוסטריעלע שטאָדט. דאָרטען האָבען אמעריקאנער קאפּיטאליסטען געמאכט זייע־רע מיליאָנען און דאָרטען זיינען ארבייטער פארשווארצט געוואָרען.

פילאדעלפיע, די שטאָדט פון ברידערליכער ליבע, אדער פארשלאָפענע שטאָדט, ווי אידען רופען איהר, איז די גרעסטע שטאָדט אין פענסילווייניע. זי האָט קרוב פון צוויי מיליאָן איינוואהנער. פילאדעלפיע איז געווען די אמעריקאנער הויפּט־שטאָדט פון די יאָהרען 1790 ביז 1800. דאָרטען געפינט זיך דער היסטאָרישער „ליבערטי האָל" מיט דעם צושפּאָלטענעם גלאָק. פילאדעלפיע איז פון די וויכטיגסטע פּאָרטען.

סקרענטאָן, א שטאָדט פון ארום 144 טויזענט איינוואָהנער איז דער גרעסטער צענטער פון שטיין־קוילען. די הויפּט־שטאָדט פון פענסילווייניע איז העריסבוירג, א שטאָדט פון ארום 80 טויזענט איינוואהנער. אין פענסילווייניע וואהנען ארום

405 טויזענט אידען. זיי מאכען אויס 4.20 פּראָצענט פון דער אלגעמיינער באפעל־קערונג. 9.57 פּראָצענט פון אמעריקאנער אידען וואהנען אין פענסילווייניע. א גרויסע צאָל אידען וואָהנען אין פילאדעלפיע. אין פילאדעלפיע איז דער אידישער דראפּסי קאלעדזש פאר שטודיום פון אידישער וויסענשאפט. אין דאולסטאָן, א שטעדטעל פון ארום 5 טויזענט איינוואָהנער איז דאָ א אידישע פארם שוהל.

## RHODE ISLAND (R. I.)
## ראָוד איילאנד

אמעריקאנער רופען ראָוד איילאנד „רהאדי" דערפאר וואָס ראוד איילאנד איז א קליינער שטאאט, דער קלענסטער שטאאט לויט'ן שטח. אין גאנצען פארנעמט ראָוד איילאנד 1248 סקווער מיילען, פון וועלכע 181 סקווער מיילען זיינען וואסער.

אָט דער קליינער „טל ומטר'ל"־שטאאט איז דער געדיכסטעטער שטאאט, 550.5 מענשען וואָהנען דארטען אויף א סקווער מייל. דער שטאאט איז זעהר אינ־דוסטריעל. 97.5 וואָהנען אין שטעדט. וועבערייען, שפּינעריי‏ען און זאָקען־מאכעריי, „האָזיערי" זיינען דאָרטען ענטוויקעלט. עס ווערען דאָרטען פאבריצירט וועב און שפּין מאשינען. די הויפּט־שטאָדט פון ראָוד איילאנד איז פּראָווידענס מיט א באַ־פעלקערונג פון 253 טויזענט מענשען און מיט גרויסע פאבריקען. וויכטיגע אינ־דוסטריעלע צענטערען זיינען באטיקעל, א שטאָדט פון 77 טויזענט איינוואָהנער און וואינסטאק מיט א באפעלקערונג פון 50 טויזענט איינוואהנער. ניופּאָרט איז א אריסטאָקראטישער אָפּרוה־פּלאַץ, א פּלאַץ פאר די פיר הונדערט. ניופּאָרט האָט שעהנע רייכע פּאלאצען פון די שעהנסטע ארכיטעקטור וואָס געלט קען קויפען.

אין דעם קליינעם שטאאט ראוד איילאנד וואָהנען קרוב פון 7 הונדערט טוי־זענט מענשען. דער שטאאט איז דער 37טער לויט דער באפעלקערונג. ראָוד איי־לאנד איז פון די 13 אָריגינעלע שטאאטען פון דער ניו־ענגלאנד גרופּע. דער שטאאט גרעניצט זיך מיט מאסאטשוסעטס, קאָנעקטיקוט און מיט דעם אטלאנטישען אָקעאן.

## SOUTH CAROLINA (S. C.)
## סאוטה קאראליינע

לויט דעם כאראקטער פון דער באפעלקערונג און לויט טראדיציעס אונטער־שיידט זיך סאוטה קאראליינע וועניג פון נאָרטה קאראליינע. די קאראליינעס קענען באטראכט ווערען ווי איין געגענד, וואָס טיילט זיך אויף צוויי שטאאטען.

סאוטה קאראליינע איז, ווי איהר שוועסטער־שטאאט פון די 13 אָריגינעלע שטאאטען. דער שטאאט גרעניצט זיך מיט נאָרטה קאראליינע, דזשארדזשיע און דעם אטלאנטישען אָקעאן. בוימוואָהל איז א וויכטיגער פּראדוקט. דער באָדען איז א פעטער און עס גיט ארויס טאבאק, אראנדזשען, לעמאָנען און אנדערע גוטע פּירות. דאָרטען וואקסען אויך תבואות, גרינסען און פלאקס.

סאוטה קאראליינע האָט אויך א גרופּע אינזלען ביים ברעג ים. די הויפּט־שטאָדט פון סאוטה קאראליינע איז קאָלאָמביע, א שטאָדט פון ארום 5 טויזענט איינוואהנער. די וויכטיגסטע שטאָדט פון שטאאט איז טשארלסטאן מיט א באפעל־קערונג פון ארום 62 טויזענט איינוואהנער. א וויכטיגער פּאָרט פאר טראנספּאָרט פון קאטאן. טשארלסטאן האָט איינע פון די עלטסטע אידישע קהילות. שוין אין יאָהר 1756 איז דארטען געווען א אידישע קהלה פון שפּאנישע און פּאָרטוגעזישע אידען.

אין סאוטה קאראליינע ענטוויקעלט זיך פאבריקאציע. עקספלואטאציע פון קינדער און פון נעגער איז דארטען גרויס. אויך סאוטה קאראליינע האט ניט ראטי־פיצירט דעם צוריקרוף פון פראהיבישאן. טאטזעכליך זיינען ביידע קאראליינעס די איינציגע שטאאטען פון די וואס האבען געשטימט דעם אמענדמענט ניט צו ראַ־טיפיצירען.

## SOUTH DAKOTA (S. D.)
## סאוטה דאקאטא

סאוטה דאקאטא, ווי נארטה דאקאטא איז איינער פון די צענטראלע אגרי־קולטורעלע שטאאטען פון צפון־מערב.

סאוטה דאקאטא גרעניצט זיך מיט נארטה דאקאטא, מינעסאטא, אהייא, נעב־ראסקא, וואיאמינג און מאנטאנא. דער שטאאט פארמאגט א סך בהמות, פלאקס און תבואות. דער שטאאט פראדוצירט אויך רויע מעטאלען, גאלד און זילבער. אין סאוטה דאקאטא געפינען זיך גרויסע רעזערוויישאנס מיט אינדיאנער. עס וואהנען דארטען ארום 22 טויזענט אינדיאנער, וואס פארנעמען ארום 7 מיליאן אייקער לאנד.

סאוטה דאקאטא איז א פרעיערי לאנד. די שווארצע בערג 7 טויזענט צוויי הונדערט פוס הויך זיינען פול מיט מינעראלען. אויף דעם בארג כושמאר, זעקס טויזענט צוויי הונדערט פוס הויך, האט דער סקולפטוריסט גיטסאן בארגלין אויס־געהאקט א בילד פון דזשארדזש וואשינגטאן'ס קאפ. די בילדער פון דזשעפערסאן, לינקאלן און רוזוועלט וועט אויך דערזעלבער סקולפטאר אויסהאקען אויף א שטיין און וועט בקיצור איבערגעבען די גאנצע אמעריקאנער געשיכטע וואס קולידזש האט אנגעשריבען.

גאר קיין גרויסע שטעדט זיינען אין סאוטה דאקאטא ניטא. סיאקס פאלס האט ארום 33 טויזענט איינוואהנער. די הויפט־שטאדט פון סאוטה דאקאטא איז פיערי, א שטעדטעל פון ארום 4 טויזענט איינוואהנער.

## TENNESSEE (TEN.)
## טענעסי

טענעסי באריהמט זיך, אז איהר באפעלקערונג איז העכסט אמעריקאניש. דער שטאאט פארמאגט ניט קיין איין פראצענט אויסלענדישע געבארענע. טענעסי איז אבער אזא אבגעשטאנענער שטאאט, ווי אלע דרום־שטאאטען. טראץ דעם, וואס פאבריקאציע ווערט דארטען ענטוויקעלט.

דער שטאאט טענעסי גרעניצט זיך מיט קענטאקי, ווירדזשיניע, נארטה קארא־ליינע, מיסיסיפי, אלאבאמא, דזשארדזשיע, ארקאנזא און מיזורי. טענעסי איז פון די צענטראלע דרום שטאאטען.

די הויפט פראדוקטען פון שטאאט זיינען תבואה, קאטאן, טאבאק, קוילען, אייזען, בליי און קופער. דארטען זיינען אויך דא פאבריקען פון מאשינען, קאטאן־סחורות און פאבריקען וואס פרעסען ארויס אויל פון קאטאן.

די הויפט־שטאדט פון טענעסי איז נעשוויל, א שטאדט פון 153 טויזענט איינ־וואהנער. די גרויסע שטעדט פון שטאאט זיינען: מעמפיס מיט 254 טויזענט איינ־וואהנער, נאקסוויל מיט 105 טויזענט איינוואהנער און טשאטאנוגא מיט 120 טוי־זענט איינוואהנער. טשאטאנוגא האט א היסטארישע באדייטונג מיט דער ראלע וואס זי האט געשפילט אין די שלאכטען פון בירגער-קריג.

## TEXAS (TEX.)
### טעקסעס

טעקסעס רופט מען דער שטאַאט מיט דעם איינציגען שטערן. טעקסעס איז פריהער געווען א פּראָווינץ פון מעקסיקא. אין 1835 האָט טעקסעס ארונטערגע־וואָרפען די הערשאַפט פון מעקסיקא, איז געוואָרען זעלבסטשטענדיג און האָט אָנ־גענומען איין שטערן אויף איהר פאָהן. דער איינצעלנער שטערן איז געבליבען אפילו נאָכדעם, ווען אין יאָהר 1845 איז טעקסעס אנעקסירט געוואָרען פון די פאר־איינגטע שטאַאטען און איז געוואָרען א שטאַאט פון פילע אנדערע אמעריקאנער שטאַאטען.

טעקסעס איז דער גרעסטער שטאַאט אין אמעריקע לויט'ן שטח. ער האָט 265 טויזענט קוואַדראט מיילען. דער שטח איז גרעסער ווי גאנץ פראנקרייך און עלזאס לאָטארינגען. אין טעקסעס קען זיך לייכט פּאַמעסטיען גאנץ דייטשלאַנד און נאָך א העלפט פוילען. לויט דער באפעלקערונג איז טעקסעס דער 5טער שטאַאט. דער שטאַאט איז אבער שיטער באזעצט, 21 מענשען אויף א סקווער מייל. ווען טעק־סעס איז אנערקענט געוואָרען איז פארשטאנען געוואָרען, אז נאָך 4 שטאַאטען קענען ארויסוואקסען פון טעקסעס, ווען די באפעלקערונג וועט זיך פארגרעסערען.

דער שטאַאט טעקסעס גרעניצט זיך מיט ניו־מעקסיקא, אָקלאהאמא, ארקאנזא, לואיזיאנא, מיט מעקסיקא און מיט דעם ים־אויסגוס „גאלף" פון מעקסיקא.

זייענדיג אזא גרויסער שטאַאט אין שטח איז דער שטאַאט צוטיילט לויט'ן קלימאַט און באָדען. ס'זיינען דאָ ערטער, וואָס זיינען טרוקען צוליב מאנגעל אין רעגען. דער באָדען ביים ברעג ים איז זומפּיג, אבער דער גרעסטער טייל פון שטאַאט האָט א מילדען קלימאַט און רעגען איז דאָ גענוג און דער באָדען גיט ארויס קאטאָן, תבואות, פרוכטען און גוטע פּאַשע פאר בהמות. דער שטאַאט איז רייך אויך אין מינעראַלען, פּאָטאַש און פּעטראָלעאום. פּעטראָלעאום רעפיינערים זיינען דאָ פילע אין שטאַאט.

טעקסעס האָט א וויכטיגען פּאָרט גאַלעווסטאָן, א שטאָדט פון 35 טויזענט איינוואָהנער. דאלאס איז א שטאָדט פון איבער 260 טויזענט איינוואָהנער און סענט־אנטאָניע פון 231 טויזענט איינוואָהנער. די הויפּט־שטאָדט פון טעקסעס איז יוסטין, א שטאָדט פון 54 טויזענט איינוואָהנער. די שטאָדט יוסטאָן „היוסטאָן" האָט 293 טויזענט איינוואָהנער.

## UTAH (UTAH)
### יוטא

דער שטאַאט יוטא איז א שטאַאט פון דעם ווייטען וועסט. ער גרעניצט זיך מיט די שטאַאטען איידאהאָ, וואיאָמינג, אַריזאָנא, נעוואדא און פון מזרח זייט מיט קאָלאָראדא.

מען רופט יוטא דער שטאַאט פון די מאָרמאָנען. דריי־פערטעל איינוואהנער פון דעם שטאַאט יוטא פאָלגען נאָך די לעהרע פון די הייליגע פון שפּעטערע צייטען, די מאָרמאָנען.

די מאָרמאָנען זיינען א רעליגיעזע סעקטע, וואָס רופען זיך אָפיציעל „די קירכע פון יעזוס קריסטוס פון די הייליגע פון שפּעטערדיגע טעג". די רעליגיע האָט גע־גרינדעט איינער אן ארבייטער דזשאָזעף סמיטה. ער האָט פרעטענדירט צו האָבען א פּערזענליכען באזוך ביי דעם רבונו של עולם און זיין ליבען זוהן עליו השלום.

מען האָט איהם אנגעוויזען, וואו עס ליגט דער בוך פון דעם נביא מארמאן, א היי־ליגער פון שפּעטערדיגע דורות. דער בוך האָט היסטאָרישע, פילאָזאָפיע און רעלי־גיעזע לעהרע.

די מאָרמאָנען האָבען געגלויבט, אז עס איז א מצוה חתונה צו האָבען מיט עטליכע ווייבער. זיי האָבען אויך געהאט ווילדע מנהגים און זיינען דעריבער זעהר פארפאָלגט געוואָרען. עס איז זעהר א ריהרענדע געשיכטע, ווי די מאָרמאָנען זיינען געווען געצוואונגען צו וואנדערען פון איין פּלאַץ צום צווייטען. פון שטאאט ניו־יאָרק ביז דעם ווייטען שטאאט יוטא איבער דעם גאנצען אמעריקאנער קאָנ־טינענט.

די מאָרמאָנען האָבען זיך באזעצט אין יוטא נאָך פילע פארפאָלגונגען און וואנדערונגען. זיי זיינען אָבער ניט נאָר הימעל־מענשען, נאָר אויך טיכטיגע ארביי־טער און סוחרים. אין סאָלט לייק סיטי איז דאָ א טעמפּעל, א גרויסארטיגע הייליגע געביידע, אבער די מאָרמאָנען האָבען פארוואנדעלט דעם וויסטען שטאאט יוטא אין א בליהענדען שטאאט. זיי ווענדען אויף זיך אָן דעם פּסוק פון תנ"ך. זיי האָבען אומגעוואנדעלט מדברות אין בליהענדע גערטנער.

די איינוואָהנער פון יוטא זיינען גוטע ערד־ארבייטער. עקספּערטען אין פיה־צוכט און זיי נעמען ארויס פון באָדען טייערע מינעראַלען. פאר די לעצטע עטליכע יאָהר פּראָדוצירט יוטא מעהר זילבער ווי יעדער אנדער איינצעלנער שטאאט. אז די איינוואָהנער פון יוטא זיינען פאר זילבער געלט איז לייכט צו פארשטעהן. אין מסחר פארגעסען זיי זייער הייליגקייט.

סאָלט לייק סיטי, א שטאָדט פון 150 טויזענט איינוואָהנער איז די הויפּט־שטאָדט פון יוטא. לעבן יוטא געפינט זיך דער גרויסער אמעריקאנער מדבר. אין יוטא זיינען דאָ צוויי פּראכטפולע שעהנע נאַציאָנאַלע פּארקען „ציון" און דער „קעניאָן".

## VERMONT (VT.)

## ווערמאָנט

ווערמאָנט גרעניצט זיך פון צפון מיט קענעדע און פון אנדערע זייטען מיט מאסאטשוסעטס, ניו־העמפּשייר און ניו־יאָרק. ווערמאָנט איז פון די שטאאטען פון ניו־ענגלאנד.

דער שטאאט איז באוואוסט אלס דער שטאאט פון גרינע בערג. פון די בערג קריגט מען ארויס מארמאָר־שטיין און גראַניט. דער שטאאט איז רייך מיט פילע מילכיגע פּראָדוקטען, פּוטער און פארשידענע קעזען. ווערמאָנט פּראָדוצירט אויך מייפּעל צוקער.

אין ווערמאָנט זיינען דאָ שעהנע בערגיגע פּלעצער, וואָס ציהען צו פילע טור־ריסטען. די הויפּט־שטאָדט פון ווערמאָנט איז מאָנפּעליער, א שטעדטעל פון ארום 7 טויזענט איינוואָהנער. קיין גרויסע שטעדט זיינען אין ווערמאָנט ניטאָ. די גרעסטע שטאָדט דארטען איז בוירלינגטאָן מיט א באפעלקערונג פון 25 טויזענט איינוואָה־נער.

## VIRGINIA (VA.)

## ווירדזשיניע

דער שטאאט ווירדזשיניע האָט יתרו'ס נעמען. מען רופט דעם שטאאט „אָלד ווירדזשיניע", „די אלטע דאָמיניען", „די מוטער פון פּרעזידענטען" און „די מוטער פון די שטאאטען".

די אַלע נעמען ציינען אויף די וויכטיגע היסטאָרישע ראָליע, וואָס דער שטאַאַט ווירדזשיניע האָט געשפּילט אין אמעריקע. די ערשטע באַזעצונג אין ווירדזשיניע איז געמאַכט געוואָרען אין דזשיימסטאַון, אין יאָהר 1607.

ווירדזשיניע באַריהמט זיך מיט דעם, וואָס 8 פּרעזידענטען זיינען דאָרטען געבאָרען געוואָרען. אין ווירדזשיניע זיינען דאַ נאַציאָנאַלע דענקמעלער, די הויז פון וואַשינגטאָן, די הויז פון דזשעפערסאָן, די אַרלינגטאָן סעמעטערי. אין 1831 האָט מען געפייערט דעם 150 יעהריגען יובילעאום פון דער צייט וואָס 7 טויזענט ענגלענדער האָבען זיך אונטערגעגעבען אין יאָרקטאַון אין יאָהר 1871. ווירדזשיניע האָט וויכטיגע היסטאָרישע דענקמעלער פון די העלדען פון בירגער־קריג, וואָס האָבען געקעמפּט פאַר די קאָנפעדעראַס.

ווירדזשיניע גרעניצט זיך מיט מערילענד, וועסט ווירדזשיניע, נאָרטה קאַראָליינע, טענעסי, קענטאָקי און מיט דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן. ווירדזשיניע איז געווען פון די 13 אָריגינעלע שטאַאַטען. אין דער צייט פון בירגער־קריג האָט זיך אַבער ווירדזשיניע אַבגעריסען פון דער פאַראייניגונג.

דער שטאַאַט איז אַ דרום-שטאַאַט מיט די אַריסטאָקראַטישע טראַדיציעס פון די רייכע פרומע פּלאַנטאַטאָרס און שקלאַפען־טרייבער. דער שטאַאַט פּראָדוצירט איצט פיל טאַבאַק און קאַטאָן. דער אַריסטאָקראַטישער שטאַאַט גיט זיך אויך פיל מיה אויפצובורענגען בהמות פון ריינעם אַריסטאָקראַטישען בלוט. איצט ענטוויקלען זיך דאָרטען אויך פאַבריקען פון קאַטאָן סחורות, וואו מען עקספּלואַטירט שוואַרצע און אויך ווייסע קליינע קינדער.

די הויפּט־שטאָדט פון ווירדזשיניע איז ריטשמאַנד, אַ שטאָדט מיט 183 טויזענט איינוואָהנער. נאָרפאָלק, אַ פּאָרט־שטאָדט האָט 132 טויזענט איינוואָהנער.

## WASHINGTON (WASH.)

## וואַשינגטאָן

וואַשינגטאָן איז פון די וויטע שטאַאַטען, וועמעס ברעגען עס ווערען געוואַשען פון דעם פּאַסיפישען אָקעאַן. דער שטאַאַט גרעניצט זיך מיט בריטיש־קאָלאָמביע, איידאַהאָ, אָרעגאָן און דעם פּאַסיפישען ים. פון דרום האָט דער שטאַאַט אַלס גרעניץ דעם טייך קאָלאָמביע, וואָס ציהט זיך אויף 3 הונדערט מייל. דער „פּידזשעט סאַונד" שניידט דורך אַ דריטעל פון שטאַאַט. די פּאָרט־שטעדט סיאַטעל, טאַקאָמאַ, אָלימפּיע ליגען ביי די קרומע ברעגען פון סאַונד.

די קאַסקייד בערג שניידען דורך דעם מערב שטח פון שטאַאַט. דער באַרג רעיענער דערגרייכט די הויכקייט פון 14,408 פוס. דער שטאַאַט איז רייך מיט וועלדער פון הויכע בוימער. אין געהילץ איז וואַשינגטאָן דער וויכטיגסטער שטאַאַט.

וואַשינגטאָן איז זעהר רייך מיט דער פּראָדוקציע פון ווייץ. אויף די לאָנקעס פון שטאַאַט פיטערען זיך פילע בהמות. די פיהצוכט איז דאָרטען זעהר גוט ענטוויקעלט. דער שטאַאַט איז עלעקטריפיצירט. דער גרויסער טונעל דורך די קאַסקייד בערג איז אויך באַזאָרגט מיט עלעקטריק. אין וואַשינגטאָן זיינען דאַ פילע האָלץ פאַבריקען און זעג־מיהלען.

מ'זאָגט אַז סיאַטעל, אַ שטאָדט פון 363 טויזענט איינוואָהנער איז די געזונדסטע שטאָדט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען. די שטאָדט איז ווירקליך אויסגעלעגט מיט זעהר אַ שעהנעם פּלאַן און איז פול מיט פּאַרקען. סיאַטעל איז זעהר אַ וויכטיגער פּאָרט, וואָס טוהט גרויסע געעשעפטען מיט אַזיע, מיט אַלאַסקאַ, יאַפּאַן און סיביר; טאַקאָמאַ אַ צווייטער פּאָרט האָט אַרום 106 טויזענט איינוואָהנער.

די הויפּט־שטאָדט פון וואשינגטאָן איז אָלימפּיע, א שטאָדט פון 12 טויזענט איינוואהנער. וואשינגטאָן איז געווארען א שטאאט אין יאָהר 1889.

## WEST VIRGINIA (W. VA.)
## וועסט ווירדזשיניע

אין דער צייט פון בירגער־קריג האָט זיך וועסט ווירדזשיניע אָבגעריסען פון ווירדזשיניע. וועסט ווירדזשיניע איז צו דער דרום־קאָנפעדעראַסי ניט צוגעשטאַנען. וועסט ווירדזשיניע גרעניצט זיך מיט די שטאאטען אָהייא, מערילענד, ווירדזשיניע, קענטאָקי און פּענסילווייניע. וועסט ווירדזשיניע איז געווארען א שטאאט אין דער צייט פון בירגער־קריג אין יאָהר 1863.

דער שטאאט וועסט ווירדזשיניע איז בערגיג. אין קוילען־מיינס איז דער שטאאט דער צווייטער וויכטיגער נאָך פּענסילווייניע. דער שטאאט איז רייך אין רויע מאַטעריאַלען און מינעראַלען. ער איז רייך אין פּעטראָלעאום, און געהילץ. דער שטאאט איז מייסטענס אינדוסטריעל. דער קאַמף צווישען ארבייטער און זייערע בעלי־בתים פיהרט זיך מיט פארביטערטקייט. די אגריקולטור איז אויך ענט־וויקעלט אין וועסט ווירדזשיניע, אבער די אגריקולטור שפּילט ניט קיין גרויסע ראָליע אין עקאָנאָמישען לעבען פון שטאאט.

טשארלסטאן, א שטאָדט פון 60 טויזענט איינוואהנער איז די הויפּט־שטאָדט פון וועסט ווירדזשיניע. ווילינג א שטאָדט פון 62 טויזענט איינוואָהנער און האנ־טינגטאָן, א שטאָדט פון 75 טויזענט איינוואהנער זיינען פון די גרויסע שטעדט פון דעם שטאאט וועסט ווירדזשיניע.

## WISCONSIN (WIS.)
## וויסקאנסין

וויסקאנסין, א צענטראַלער מערב־שטאאט גרעניצט זיך מיט מישיגען, אילינאָי, אָהייא און מינעסאטא. דער שטאאט גרעניצט זיך אויך מיט אזערעס, „לעיק סופּי־ריאָר" און „לעיק מישיגען".

דער שטאאט איז הויפּטזעכליך אגריקולטורעל. אלע תבואות וואָס וואקסען אין א מילדען קלימאט, וואקסען אויך אין וויסקאנסין. די איינוואהנער פון וויסקאנסין פּראָדוצירען ווייץ, קאָרן, פלאַקס, צוקער רעהרען א. א. וו. וויסקאנסין איז באוואוסט מיט די גוטע מילכיגע פּראָדוקטען, ווי קעז, קאנדענסד מילך א. א. וו., וואָס מען שיקט פאנאנדער איבער אמעריקע. אין וויסקאנסין זיינען דא אלערליי סאָרטען יאגעדעס, וואָס ווערען געקענט. דאָרטען זיינען אויך דאָ פאבריקען פון געהילץ און זעג־מיהלען; פאבריקען פון מעבעל, פּאַפּיר, שיך און די זאכען וואָס זיינען נויטיג פאר אָטאָמאָבילס. אין וויסקאנסין האָבען זיך געעפענט צוריק פּילע ברוועריען.

אמאָל איז וויסקאנסין געווען רייך מיט וועלדער, זיי ווערען אבער ביסלעכווייז אויסגעהאקט. עס איז א טראגעדיע צו באטראכטען, ווי נאַטירליכע רייכטימער פאר־שווינדען צוליב פּראָפיטען.

וויסקאנסין, איז באוואוסט אלס זעהר פּראָגרעסיווער שטאאט. דער שטאאט שטעהט זעהר הויך אין בילדונג. דער וויסקאנסין אוניווערזיטעט אין מעדיסאָן איז פון די וויכטיגסטע אינסטיטוציעס אין לאַנד. זעהר הויך זיינען אוועקגעשטעלט גע־וואָרען הומאַניטערע וויסענשאפטען, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, פּאָלי־טישע און ערציהונגס פראגען.

די גרעסטע שטאָדט אין וויסקאנסין איז מילוואָקי. א שטאָדט וואָס האָט 580 טויזענט איינוואהנער. מילוואָקי ווערט פארוואלטעט פון סאָציאליסטען פאר שעהנע עטליכע יאָהר און טראָץ אלע שטערונגען איז די סאָציאליסטישע אדמי־ניסטראציע א ריזיגער ערפאָלג.

מעדיסאן די הויפּט־שטאָדט פון וויסקאנסין האָט ארום 58 טויזענט איינ־וואָהנער. די שטאָדט ראַסין האָט 68 טויזענט איינוואהנער, אסקאש—40 טויזענט איינוואָהנער. שטעדט מיט איבער 20 טויזענט איינוואָהנער זיינען דאָ פיל אין וויסקאנסין.

## WYOMING (WYO.)

## וויאָמינג

וויאָמינג איז פון די מערב־בערג שטאאטען. עס איז איינער פון די גרויסע שטאאטען, לויט'ן שטח דער 8טער, אבער דער 48טער לויט דער באפעלקערונג. בלויז דער שטאאט נעוואדא האָט א קלענערע באפעלקערונג.

דער שטאאט גרעניצט זיך מיט מאָנטאנא, סאוטה דאקאטא, נעבראסקא, קאָלאָראדא, יוטא און איידאהא. דער געגענד איז בערגיג, די פלאַכלאנד ווערט דורכגעקרייצט דורך די שטיינערנע בערג „ראקי מאונטיינס". דער העכסטער בארג איז דער בארג „גאנעט" 13,785 פוס הויך. דער קלימאט איז ווי פון א בערג־לופט, מיט זעהר קאלטע ווינטערס און אנגענעהמע זומערס. דער יעלאָסטאון נעשאָנאל פארק מיט זיינע פּראכטפולע לאנדשאַפטען און גייזערס איז א נאטור־שעהנהייט, וואָס רופט ארויס באוואונדערונג פון אלע באזוכער.

פיהצוכט איז די וויכטיגסטע אינדוסטריע אין שטאאט. וואָהל שעהרען און שאָף האָדעווען באשעפטיגען פילע איינוואהנער פון וואיאָמינג. אין דעם שטאאט זיינען נאָך דאָ די העלדישע פאסטוכער, די „קאו באָיעס". שעיען, א שטאָדט פון 17 טויזענט איינוואהנער איז די הויפט־שטאָדט פון וואיאָמינג. דער יעהרליכער ארויסטריט פון די „קאו באָיעס" אין שעיען איז א סצענע וואָס ציהט צו באזוכער אפילו פון מזרח-שטאאטען. קיין גאָר גרויסע שטעדט זיינען אין וואיאָמינג ניטאָ.

## ALASKA

## אלאַסקאָ

אין דעם יאָהר 1867 האָט דער אמעריקאנער שטאאטסמאן און העלד סיווארד איינגעהאנדעלט פאר אמעריקע א ווילדע מציאה. אלאַסקאָ האָט געהערט צו רוס־לאנד און האָט געהייסען אמעריקאנער סיביר. דער געגענד איז געווען באזעצט מיט רוסישע יעגער, עסקימאָס און אינדיאנער. רוסלאנד האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט'ן לאנד און האָט דאָס פארקויפט צו אמעריקע פאר 7 מיליאָן דאלאר.

ארום 67 יאָהר זיינען אריבער פון יענער קניה. אמעריקע האָט אבגענומען די סומע וואָס איז באצאָלט געווארען מיט א גאנץ היבשען צוגאָב. הונדערטע מיליאָ־נען דאלאר האָט אלאסקא ארייננעטראָגען דער אמעריקאנער רעגירונג אליין.

אלאַסקאָ איז געוואָרען א טעריטאָריע מיט אלע רעכטע וואָס אן אמעריקאנער טעריטאָריע האָט אין יאָהר 1912. אלאַסקאָ איז א טייל פון די פאראייניגטע שטאא־טען און עס איז א טייל פון דעם גאנצען שטח, וואָס די פאראייניגטע שטאאטען פארנעמט אלס מלוכה.

דער שטח פון דער טעריטאָריע איז 586,400 סקווער מיילען. א שטח, וואו

מען קען גאנץ באקוועם פּאַמעסטיען גאנץ פראנקרייך, דייטשלאנד און פוילען צו־זאמענגענומען.

אַלאַסקאַ איז א פּאַרטזעצונג פון דעם צפון־אמעריקאנעם קאָנטינענט. אַלאַסקאַ גרעניצט זיך פון צפון מיט דעם אייז־ים (ים הקרח), פון מערב ווערט אַלאַסקאַ אָבגעטיילט פון קאמטשאטקא, סיביר, דורך דעם בערינג אויסגוס, פון דרום גרעניצט זיך אַלאַסקאַ מיט'ן פּאַסיפישען ים און פון מזרח — מיט קענעדע.

אין אזא גרויסער טעריטאָריע זיינען דא נאטירליך פארשיידענע קלימאַטען. אין די אינערליכע טיילען זיינען אזעלכע ווינטערן, וואָס די לופט איז 60 גראד אונ־טער זירא און אמאָל טאקע 90, אז מען קען אבפריהרען לייכט דעם נאָז איז פּאַר־שטענדליך. לעבן די ברעגען פון ים איז דער קלימאַט מילדער.

די טעריטאָריע האָט גרויסע וועלדער, אין די וועלדער שפּאַצירען נאָך ארום ווילדע חיות גאנץ באקוועם. עס קומען אָבער יעגער, וועלכע הרג'ענען אוים די חיות און פארקויפען זייערע פעלען.

פיש איז דער וויכטיגסטער פּראָדוקט פון אַלאַסקאַ. ארום 30 טויזענט מענשען זיינען באשעפטיגט אין פיש־כאפּעריי. הונדערטע מיליאָנען דאלאר זיינען אינוועס־טעט געווארען אין דער אינדוסטריע און מיליאָנען פונט סעמאן ווערען אבגעשיקט פון אַלאַסקאַ נאָך די שטאאטען.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט מען אנטדעקט גאָלד אין אַלאַסקאַ. פון אַלאַסקאַ ווערען ארויסגעפיהרט מעטאלען, פעל און פיש.

די גאנצע באפעלקערונג פון אַלאַסקאַ איז ווענינער ווי 60 טויזענט. די הויפּט־שטאָדט פון אַלאַסקאַ איז דזשענעאַ, א שטעדטעל פון 4 טויזענט מענשען. עס זיינען דאָ נאָך אייניגע קליינע שטעדטלאך, ווי נאָם מיט 3 טויזענט איינוואוהנער; אנקאָ־ריידזש — 2277 איינוואוהנער; פּייערבענקס, פּעטערבורג און סיטקאַ מיט באפעל־קערונגען ווענינער ווי צוויי טויזענט איינוואוהנער.

## HAWAII

## האַוואַיען אינזלען

אין מיטען פון פּאַסיפישען אָקעאַן, ארום 2 טויזענט מייל פון סאן־פראנציסקא ליגען די האוואיען אינזלען, ארום 20. 9 אינזלען זיינען באוואָהנט. אלע אינזלען געהערען צו די פאראייניגטע שטאאטען און שטעלען צוזאמען א טעריטאָריע.

די אינזלען זיינען געוואָרען ענטדעקט פון שפּאניע, נאָר ביז 1893 זיינען זיי גע־ווען זעלבסטשטענדיג. אין דעם יאָהר 1893 איז פארגעקומען א רעוואָלוציע און די קעניגען מיט דעם עכט־האוואאישען נאָמען לולי קאליאניו איז געוואָרען ארונ־טערגעזעצט, און אין דעם יאָהר 1898 זיינען די אינזלען אריבער צו די פאראייניגטע שטאאטען. די אָריגינעלע איינוואוהנער פון האוואיען, האלב ווילדע, נאָר זעהר גוטע מענשען האָבען אנדערש ניט געוואָלט ווי צו זיין אונטער די פליגלען פון דער גרויסער אמעריקאנער רעפּובליק. די גאנצע זאך קומט עפּעס אוים מאָדנע, נאָר אויף א מעשה פרעגט מען קיין קשיה ניט.

עס זיינען געווען אמאָל צוויי הונדערט טויזענט איינוואוהנער אויף די אינזלען. די אָריגינעלע איינוואוהנער שטארבען אבער אוים. די אינזלען זיינען באזעצט מיט פילע יאפּאנעזער, כינעזער, פיליפּינער, פילע איירלאַפּייער און אביסעל אמעריקאנער. אויף די אינזלען זיינען אויך דאָ 15 טויזענט אמעריקאנער סאָלדאטען.

דער שטח פון אלע אינזלען איז 6407 סקוועער מיילען. די באפעלקערונג בא־שטעהט פון 368,336 נפשות. יאפּאנעזער זיינען דאָרטען דא מעהר ווי אלע. אין

די אינזלען רעגירט אבער אמעריקע. עס צירקולירען אמעריקאנער געלט, אמעריקא־נער סטעמפּס און אמעריקאנער געזעצען. דער פארטרעטער פון די פאראייניגטע שטאאטען איז דער גאָווערנאָר.

האנאלולו, א שטאָדט פון ארום 138 טויזענט איינוואהנער איז די הויפּט־שטאָדט פון די אינזלען. די שטאָדט איז שעהן און פרעכטיג מיט פארקען, מוזעאומס און נאַטירליכע וואונדער. עס געהט א ווערטעל „ווער עס האָט האנאלולו ניט געזעהן האָט ניט געזעהן קיין שעהנע שטאָדט".

אין דעם זומער 1934 האָט פּרעזידענט רוזוועלט געמאכט א רייזע צו באזוכען די האוואיען אינזלען.

## PHILIPPINE ISLANDS
## די פיליפינען

די פיליפינען זיינען אונטערוואָרפען דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאא־טען, אלס א קאָלאָניע ווייט פון אזיען. לויט א רעזאָלוציע פון מארטש דעם 24טען, 1934, וועלען די אינזלען אונטער אויסגעארבייטע באדינגונגען ווערען אין גאנצען זעלבסטשטענדיג אין 10 יאָהר.

די פיליפינען זיינען א גרופּע אינזלען מיט א שטח פון 114,400 קוואדראטנע מיילען. די באפעלקערונג פון די אינזלען איז 12,604,100 נפשות.

די אינזלען האָט אמעריקע אוועקגענומען פון שפאניען אין יאָהר 1898.

די באפעלקערונג פון די אינזלען באשטעהט פון פיליפינער, יאפאנעזער, שפּאַ־ניער און אויך פון אמעריקאנער. דער גרעסטער אינזעל איז ליוציון און די הויפּט־שטאָדט איז מאנילא פון 285 טויזענט איינוואהנער.

## PUERTO RICO
## פּאָרטאָ ריקא

פּאָרטאָ ריקא איז איבערגעגעבען געווארען צו די פאראייניגטע שטאאטען אין 1898, נאָך דעם קריג מיט שפאניען. קאלאמבוס האָט דעם אינזעל ענטדעקט אין יאָהר 1493 און אָנקעל סעם האָט דעם אינזעל איבערגענומען. די באפעלקערונג האָט אבער א גרויסע מאָס פון זעלבסטשטענדיגקייט. עס איז א אינזעל הינטער קיובא פון וועסט אינדיעס גרופּע.

דער שטח פון אינזעל איז 3435 סקווער מיילען און די באפעלקערונג איז דאָרטען 1,543,913. 449 מענשען אויף א סקווער מייל. די הויפּט־שטאָדט איז סענט־דזשאן, א שטאָדט פון 115 טויזענט איינוואהנער.

פּאָרטאָ ריקא פּראָדוצירט צוקער, קאפע און טאבאק, אויך פארשידענע פּירות און תבואות. די הויפּט שפּראך איז שפּאניש.

## CANAL ZONE
## קאַנאַל זאָן

דער שטח פון זאָן מיט וואסער איז 549 מייל. עס איז א שטרעקע לאנד, וואָס אָנקעל סעם האָט אבגעקויפט פאר צעהן מיליאָן דאלאר פאר מיליטערישע צוועקען. פּריוואטע פּערזאָנען זיינען ניט ערלויבט צו קויפען לאנד. די מייסטע איינוואהנער

זיינען ענטוועדער סאָלדאטען אדער אָנגעשטעלטע, וועלכע ארבייטען ביי דעם קא־נאל.

## VIRGIN ISLANDS
## ווירדזשען אינזלען

די אינזלען האָט אמעריקע אבגעקויפט פון דענעמארק פאר 25 מיליאָן דאלאר ערשט אין יאָהר 1917. עס איז א גרופע פון 3 אינזלען. דער געוועזענער פרעזי־דענט הואווער נאָכדעם ווי ער האָט באזוכט די אינזלען האָט זיך אויסגעדריקט, אז אמעריקע האָט אבגעקויפט א הקדש. די מענשען זיינען ארים און קענען קיין לעבען ניט מאכען. דער שטח פון די אינזלען איז 133 סקוועך מיילען און די באפעלקערונג 23 טויזענט.

## GUAM
## ג ו אַ ם

איז א אינזעל וואָס פארנעמט 206 סקוועך מיילען מיט א באפעלקערונג פון 15 טויזענט. דער אינזעל איז ווייט פון אמעריקע, ארום 6 טויזענט מייל. דער אינזעל איז נאָהענט צו די פיליפינען. ער איז אריבער צו אמעריקע נאָך דעם קריג מיט שפאניען.

## SAMOY ISLANDS
## אמעריקאנער סאמאו

סאמאיו איז א גרופע פון קליינע אינזלען 76 סקוועך מייל מיט א באפעלקערונג פון 12 טויזענט איינוואהנער. די אינזלען זיינען ווייט פון אמעריקע, ארום 4 טוי־זענט מייל. זיי האָבען אבער גוטע האפענס און א גרויסע סטראטעגישע באדייטונג.

# דער 73טער קאָנגרעס

דער 73טער קאָנגרעס איז געווען איבערוואָגיג דעמאָקראַטיש. ביי די וואהלען דעם 7טען נאָוועמבער 1932, האָבען די דעמאָקראַטען אָבגעהאַלטען א אויסער־געוועהנליכען זיג. ניט נאָר זיינען דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט ערוועהלט געוואָרען מיט א גרויסער מאַיאָריטעט, נאָר אויך ביידע הייזער פון קאָנגרעס זיינען איבערפילט געוואָרען מיט דעמאָקראַטען.

פון די 96 סענאַטאָרען זיינען אין דעם 73טען קאָנגרעס געווען 60 דעמאָ־קראַטען. איין מיטגליד פון דער אזוי גערופענער פּארמער לייבאָר פּארטיי און 35 רעפּובליקאַנער. דער רעפּרעזענטאַנטען הויז פון 73טען קאָנגרעס האָט געהאַט 435 מיטגלידער; פון זיי זיינען געווען 313 דעמאָקראַטען, 117 רעפּובליקאַנער און 5 מיטגלידער פון דער „פּארמער לייבאָר פּארטיי". אזוי איז געווען דער צוזאמענ־שטעל פון קאָנגרעס נאָך די וואהלען פון 1932.

פון דער צייט פון די וואהלען פון 1932 האָט זיך די לאַגע ניט געביטען. עס זיינען פּאָרגעקומען קליינע ענדערונגען, אבער זיי האָבען געהאַט א קליינע ווירקונג אויף דעם צוזאמענשטעל פון קאָנגרעס. די דעמאָקראַטען זיינען געבליבען די בעלי־בתים פון דעם 73טען קאָנגרעס.

די אמאָליגע מעכטיגע רעפּובליקאַנער פּארטיי האָט זיך ארונטערגעלאָזען צו דער ראָליע פון א פּארטיי פון אָפּאָזיציע. די רעפּובליקאַנער זיינען געווען פּאר־טראָטען אין ביידע הייזער פון קאָנגרעס אין א קליינער צאָל, און אויך די קליינע צאָל איז געווען צוריסען און צושפּאָלטען. די רעפּובליקאַנער אינסורגענטען, די אזוי גערופענע פּראָגרעסיסטען האָבען געהאנדעלט ווי אן אונאָבהענגיגע פּאָליטישע פּארטיי. זיי האָבען מעהר געשטימט מיט דער דעמאָקראַטישער מאַיאָריטעט, ווי מיט דער רעפּובליקאַנער מינאָריטעט. אין געוויסע פּעלע זיינען זיי ארויסגעטראָטען געגען ביידע פּארטייען. קיין איינהייטליכע באשטימטע פּראָגראם האָבען די פּראָ־גרעסיסטען ניט. יעדער רעפּובליקאַנער פּראָגרעסיסט האָט זיין אייגענע פּאָליטישע פּראָגראם.

די מיטגלידער פון דעם 73טען קאָנגרעס זיינען אריין אין אמט דעם 4טען מארטש גלייך מיט'ן פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט. די טערמינען פון די מיט־גלידער פון ביידע הייזער פון קאָנגרעס, ווי פון דעם פּרעזידענט און וויצע־פּרעזי־דענט וועלען אבער פּארקירצט ווערען אַטאָמאַטיש אויף צוויי מאָנאַטען, לויט דעם 20טען אמענדמענט פון דער אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, וואָס איז ראַטיפיצירט גע־וואָרען דעם 3טען פעברואר 1933.

דעם אמענדמענט האָט שוין פּאָרגעשלאָגען דער 72טער קאָנגרעס. דער אמענד־מענט זוכט אָבצושאַפען געוויסע איבלען, וואָס זיינען פריהער פּראַקטיצירט געוואָ־רען. די אמעריקאַנער פלעגען רופען די געזעצגעבער „לעים דאקס", „הינקענדיגע קאטשקעס". אין געוועהנליכע פּעלע, ווען עס זיינען קיין ספּעציעלע זיצונגען ניט געווען, פלעגען די קאָנגרעסלייט זיך פּארזאמלען מיט 13 מאָנאַטען שפּעטער, ווי זיי זיינען ערוועהלט געוואָרען און פלעגען אָנפאנגען צו ארבייטען מיט 11 מאָנאַטען פאר די נייע וואהלען. אויך דער פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט פלעגען אריינ־טרעטען אין אמט פיר מאָנאַטען נאָך זייער ערוועהלונג. לויט דעם 20טען אמענד־מענט וועט זיך אָנפאנגען דער טערמין פון פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט דעם 20טען יאנואר אנשטאָט דעם 4טען מארטש. און די טערמינען פון סענאַטאָרען

און מיטגלידער פון רעפּרעזענטאַנטען הויז דעם 3טען יאַנואַר. די זיצונגען פון קאָנגרעס וועלען זיך אונטער געוועהנליכע אומשטענדען אָנפאַנגען גלייך, ווי די קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען טרעטען אריין אין אַמט. יעדען 3טען יאַנואַר וועט דער קאָנגרעס אָנפאַנגען זיינע סעסיעס.

דער 73טער קאָנגרעס האָט געהאַט צוויי זיצונגען. איין זיצונג איז געווען א ספּעציעלע. גלייך ווי פּרעזידענט רוזוועלט איז אינאַגירירט געוואָרען האָט ער איינ־בארופען א ספּעציעלע זיצונג. די ערשטע סעסיע פון 73טען קאָנגרעס האָט גע־דויערט פון דעם 9טען מאַרטש 1933 ביז דעם 16טען יוני 1933. די צווייטע סעסיע האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם 3טען יאַנואַר 1934, שוין לויט דעם 20טען אַמענדמענט און האָט געדויערט ביז דעם 19טען יוני 1934.

פּאַקטיש האָט דער 73טער קאָנגרעס פארענדיגט זיין ארבייט און זיין קאַ־ריערע דעם 19טען יוני 1934. דעם 3טען יאַנואַר 1935, וועלען זיך שוין אָנפאַנ־גען די זיצונגען פון 74טען קאָנגרעס.

דער 73טער קאָנגרעס איז געווען זעהר פּראָדוקטיוו. דער 73טער קאָנגרעס האָט זיך געמאַכט א רעקאָרד מיט די צאָל געזעצען און רעפאָרמען, וואָס ער האָט דורכגעפיהרט. דער קאָנגרעס האָט ארויסגעוויזען אומגעהויערע אַקטיוויטעט. אונ־זערע געזעצגעבער האָבען אָבער אין זעלטענע פעלע ארויסגעוויזען זעלבסטשטענ־דיגקייט. אין די מייסטע פעלע האָבען זיי זיך געלאָזט פיהרען פון פּרעזידענט. דורכ׳ן 73טען קאָנגרעס האָט דער פּרעזידענט געקראָגען א אונגעהויערע מאַכט, ספּעציעל איז זיין מאַכט גרויס אין אָנגעלעגענהייטען פון געלד און אין פעסטשטע־לען דעם קורס פון אַמעריקאַנער דאָלאַר.

דער געפיהרטער 73טער קאָנגרעס האָט בלויז איין מאָל ארויסגעוויזען מוטה, ווען ער האָט נידערגעשטימט א וועטאָ פון פּרעזידענט. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פענסיעס און סאַלאַרים פון רעגירונגס־אָנגעשטעלטע. דער פּרעזידענט האָט געשניטען די סאַלאַרים אויף 15 פּראָצענט און האָט אויך פארקלענערט די פענסיעס פון „וועטעראַנס". דער 73טער קאָנגרעס האָט זיך מיט די וועטעראַנער ניט גע־וואָלט קאָנטיג פארטשעפען. דער 73טער קאָנגרעס איז בלויז א פּאָר מאָל געווען ווידערשפּעניג. אין די מייסטע פעלע האָט ער געפאָלגט וואָס דער פּרעזידענט האָט געהייסען.

דעם 73טען קאָנגרעס רופט מען „דער היסטאָרישער קאָנגרעס". אין צייטען פון שלום האָט אַמעריקע ניט איבערגעלעבט אזא קריזיס, ווי עס איז געקומען גלייך נאָכדעם ווי פּרעזידענט רוזוועלט איז אינאַגערירט געוואָרען. אין דעם קריזיס האָ־בען אונזערע געזעצגעבער וועניגער גערעדט און מעהר געאַרבייט. דער 73טער קאָנגרעס איז געווען היסטאָריש ניט נאָר מיט די גרויסע צאָל געזעצען וואָס ער האָט דורכגעפיהרט, נאָר אויך מיט דער אונגעהויערער שנעלקייט, מיט וועלכער ער האָט געאַרבייט. דער ערשטער געזעץ, וואָס האָט געגעבען דעם פּרעזידענט דיקטאַטאָרישע מאַכט צו רעגולירען אַמעריקאַנער באַנקען, איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין איין טאָג.

אָט זיינען די וויכטיגע געזעצען, וואָס דער 73טער קאָנגרעס האָט דורכגעפיהרט. די געזעצען זיינען אויסגערעכענט כראָנאָלאָגיש.

## רעגולאַציע פון באַנקען און גאָלד, דורכגעגאַנגען דעם 9טען מערץ 1933

דער קאָנגרעס האָט גוטגעהייסען אַלע שריטע, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט אָנגענומען אין דעם באַנק קריזיס. דער קאָנגרעס האָט באשלאָסען אנצואווענדען

דעם געזעץ וואָס איז דורכגעגאַנגען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, וואָס גיט דעם פּרעזידענט פולע רעכט צו רעגולירען קרעדיט, גאָלד, זילבער און אויס־לענדישע וואַליוטא מיט א רעכט צו באַשטראָפען די פאַרלעצער פון געזעץ מיט צעהן יאָהר פּריזאָן און א געלד־שטראָף פון צעהן טויזענד דאָלאַר.

מיט'ן געזעץ האָט דער קאָנגרעס באַפּאָלמעכטיגט דעם סעקרעטאַר פון טרע־זשורי אבצונעמען גאָלד און גאָלד־סערטיפיקאַטען פון אַלע בירגער פון לאַנד.

דער געזעץ באַפּאָלמעכטיגט דעם קאָנטראָליאָר פון געלד צו באַשטימען אָפּע־קונען, וואָס האָט געקראָגען דעם נאָמען „קאָנסערוואַטאָרס" צו שטיצען דעם איי־גענס פון באַנקען, וואָס זיינען אין פינאַנציעלע שוועריגקייטען און זיי רעאָרגאַני־זירען.

דער געזעץ באַפּאָלמעכטיגט אויך די פעדעראַלע באַנקען ארויסצוגעבען באַנק־נאָטען אויף די זיכערקייט פון רעגירונגס־ווערטפּאַפּירען און גוטע ווערטפּאַפּירען פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען (ביז 60 פּראָצענט פון זייער ווערדע).

דער געזעץ באַפּאָלמעכטיגט אויך די פעדעראַלע באַנקען ארויסצוגעבען צו פּריוואַטע פירמען באַנקנאָטען אויף א משכון פון רעגירונגס ווערטפּאַפּירען.

## עקאָנאָמי אקט, דורכגעגאַנגען דעם 20טען מערץ, 1933

דער געזעץ רופט צוריק די געזעצען וואָס האָבען ביז איצט עקזיסטירט וועגען וועטעראַנען, וואָס האָבען געדינט אין דער שפּאַניש־אמעריקאַנער קריג און אין דער וועלט־מלחמה און גיט דעם פּרעזידענט דאָס רעכט איינצופיהרען א נייע סיסטעם פון פּענסיעס, וואָס זאָל זיך רעכענען מיט דעם פאַקט צו דער וואָס קריגט די פּענסיע איז פעהיג צו ארבייטען אָדער ניט. דער געזעץ האָט פאַרקלענערט די סאַלאַרים פון סענאַטאָרען און קאָנגרעסלייט פון צעהן טויזענד דאָלאַר א יאָהר צו 8,500 דאָלאַר א יאָהר. דער געזעץ גיט אויך דאָס רעכט צום פּרעזידענט צו פאַרקלענערען די שכירות פון רעגירונגס־אָנגעשטעלטע אויף 15 פּראָצענט.

דער געזעץ איז אמענדירט געוואָרען מערץ דעם 28טען 1934. דער קאָנגרעס האָט אין דעם פאַל נידערגעשטימט דעם פּרעזידענט'ס וועטא. דער געזעץ פון מערץ 28טען 1934, שטעלט צוריק אויך דעם שניט אין סאַלאַרים און מאַכט נייע רעגו־לאַציעס אין פּענסיעס.

## וויין און ביר געזעץ, דורכגעגאַנגען דעם 22טען מערץ 1933

ווי באַוואוסט האָט שוין דער 72טער קאָנגרעס דעם 16טען פעברואַר 1933 געפּאַסט א רעזאָלוציע צוריקצורופען דעם 18טען אמענדמענט וועגען פּראָהיבישאָן. די רעזאָלוציע וואָס איז אריין אין דער קאָנסטיטוציע, אלס דער 21טער אמענדמענט האָט געדאַרפט ראַטיפיצירט ווערען פון 36 שטאַאַטען (2 דריטעל פון אלע שטאַא־טען). ערשט דעם 7טען נאָוועמבער 1933 איז דער 21טער אמענדמענט אנגענומען געוואָרען מיט דעם, וואָס 37 שטאַאַטען האָבען איהם גוטגעהייסען. איידער דער אמענדמענט איז ראַטיפיצירט געוואָרען האָט דער קאָנגרעס אויף דער רעקאָמענ־דאַציע פון פּרעזידענט רוזוועלט מאָדיפיצירט דעם וואָלסטעד עקט און האָט אויס־געטייטשט דעם 18טען אמענדמענט אין דעם זין, אז שוואַכע ביר און וויין זיינען ערלויבט, ווען די באַזונדערע שטאַאַטען ערלויבען דאָס.

## דער געזעץ צו פלאַנצען ביימער אין וועלדער און דערמיט געבען ארבייט צו ארבייטסלאָזע יונגע לייט, דורכגעגאַנגען דעם 31טען מערץ, 1933

148 מיליאָן דאָלאַר איז באַשטימט געוואָרען צו פלאַנצען ביימער אין נאַציאָ־נאַלע און סטייט וועלדער. די באַשעפטיגטע קריגען עסען, קליידער און אויך געוויסע צאָהלונגען אין מזומן.

## אגריקולטורעל אדזשאַסטמענט עקט „איי איי איי", צו רעגולירען און צו העלפען פאַרמער און צו ערלויבען אינפלאַציע, דורכגעגאַנגען דעם 12טען מאַי, 1933

דער געזעץ גיט דעם סעקרעטאר אף אגריקולטור דאָס רעכט צו באַשרענקען די בעארבייטונג פון פעלדער דורך אָבדינגען ניט בעארבייטע ערד און צו לייגען אן אַקציז אויף געוויסע פאַרמער צו באַצאָלען פאַר די אויסגאַבען פון דער פּראָגראַם. דער צוועק איז צו העכערען די פּרייזען פון תבואות.

דער געזעץ האָט אינסטרואירט די רעגירונג ארויסצולאָזען רעגירונגס באָנדס אויף צוויי ביליאָן דאָלאַר און מיט די געלד פינאַנסירען פאַרמער וואָס זוכען צו רעדוצירען די פּראָצענטען פון זייערע מאָרטגיידזשעס ביז פיר און א האלב פּראָצענט. די רעגירונג זאָל אויך גאראַנטירען די פּראָצענטען פון מאָרטגיידזשעס, אבער ניט דעם קרן.

אין געזעץ זיינען אויך אריין די באַריהמטע אינפלאַציע אמענדמענטס פון סע־נאַטאָר טהאָמאַס. דורך די אמענדמענטס קריגען די פעדעראַלע באַנקען די ערלויבע־ניש ארויסצולאָזען באַנקנאָטען (פּאַפּיר געלד) אויף דער סומע פון 3 ביליאָן דאָלאַר ניט געזיכערט פון גאָלד. דער פּרעזידענט האָט געקראָגען די מאַכט צו פאַרקלע־נערען דעם וואָג פון דאָלאַר אויף א העלפט (פון 23.22 גראַן ריינער גאָלד אויף 11.61 גראַן). די אמענדמענטס אינסטרואירען די רעגירונג אָנצונעמען פון אויס־לענדישע רעגירונגען אויף זייערע חובות זילבער ביז צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר לויט'ן פּרייז 50 סענט פּער אונץ זילבער (דער מאַרקעט פּרייז איז געווען וועניגער ווי 40 סענט).

## קראַפט־ענטוויקלונג, דורכגעגאַנגען דעם 18טען מאַי, 1933

דער געזעץ באַשאַפט אן אגענטור אין דעם טענעסי טאָהל צו ענטוויקלען די נאַטירליכע רייכטימער, וואָס די רעגירונג פאַרמאָגט לעם „מאַסל שאָולס". צו בויען רעזערוואוארען און וואַסער־דאַמס, צו פאַבריצירען פערטיליייזערס, צו פאַבריצירען עקספּלאָדירענדע מאַטעריאַלען פאַר דעם קריגס־דעפּאַרטמענט און צוצושטעלען בי־ליגע עלעקטרישע קראַפט פאַר די ארומיגע שכנים.

## רעזאָלוציע בטל צו מאַכען אַלע גאָלד־פּונקטען אין רעגירונגס און פּריוואַטע אבליגאַציעס, דורכגעגאַנגען דעם 5טען יוני, 1933

מיט דער רעזאָלוציע זיינען בטל געוואָרען אַלע פּונקטען אין רעגירונגס און פּריוואַטע קאָנטראַקטען צו צאָלען חובות בלויז אין גאָלד פון א געוויסען וואָג און פיינקייט.

## די וואגנער נאציאָנאלע באשעפטיגונגס־סיסטעם, דורכגעגאנגען דעם 6טען יוני, 1933

עס ווערט דורכ'ן געזעץ באשאפען א דירעקטאָר פון א נאציאָנאלער באשעפ־טיגונג סיסטעם. דער פרעזידענט דארף זיך צוזאמענריידען מיט פארטרעטער פון פארשידענע שטאאטען צו שאפען באשעפטיגונגס מעגליכקייטען. אויף אויפהאלטען פון אָפיס ווערט באשטימט 4 מיליאָן דאלאר א יאָהר.

## נעשאָנאל רעקאָווערי אקט „ניראַ", דורכגעגאנגען דעם 13טען יוני, 1933

דער געזעץ ערקלערט א נאציאָנאלען אויסערגעוועהנליכען צושטאנד, „נעשיאָ־נאל עמוירדזשענסי", און האָט אנגענומען מיטלען צו פארניכטען אונעהרליכע קאָנקורענץ צווישען פארשידענע אינדוסטריעלע גרופען און פארגרעסערען די קויפס־קראפט פון די מאסען. דער געזעץ שרייבט אויך פאָר קהלשע ארבייט.
די פונקטען פון „ניראַ" זיינען איבערגעגעבען אין אן אנדער פלאץ.

## אייזענבאהן רעגולאציע געזעץ, דורכגעגאנגען דעם 16טען יוני, 1933

דער געזעץ שאפט א קאָנטראָל איבער אייזענבאהנען דורך א רעגירונג'ס בעאמ־טען, וואָס האָט דעם נאָמען „קאָאָרדינייטאָר". דער קאָאָרדינייטאָר ווערט באשטימט דורכ'ן פרעזידענט מיט דער גוטהייסונג פון סענאט. 3 קאָמיטעס מיט 7 מיטגלידער אין א קאָמיטע ווערען באשטימט איבער דריי סעקציעס פון לאַנד (צפון, דרום און מערב). די קאָמיטעס שטעהן אונטער'ן אויפזיכט פון „קאָאָרדינייטאָר".
דער קאָאָרדינייטאָר מוז זוכען מיטלען צו באשאפען עקאָנאָמיע (ניט אויף דעם רעכענונג פון ארבייטער) און מיט אלע מיטלען פארמיידען וויסט. נעגען „קאָאָרדינייטאָר" קאָן אפעלירט ווערען צו דער „אינטערסטייט קאָמוירס קאָמישאָן".

## באַנק געזעץ, דורכגעגאנגען דעם 16טען יוני, 1933

דער געזעץ נעמט אָן מיטלען צו פארמיידען ספעקולאציע מיט באנק קרעדיטען. —שאפט אן ענגערע פארבינדונג צווישען באנקען—שאפט די פארזיכערונג פון קליי־נע דעפאזיטס ביז 2500$. נאָך דעם ערשטען יולי 1934 וועלען זיין פארזיכערט אויך דעפאזיטס ביז פינף טויזענד דאלאר. שאפט גרויסע באַשרענקונגען פאר ספעקולאציע פון בעאמטע און בראָקערס מיט די געלדער פון באנקען. ביז 1936 וועלען זיין אינשורט אויך דעפאזיטס פון באנקען, וואָס זיינען ניט קיין מיטגלידער פון פעדע־ראלער רעזווירוו סיסטעם. עס פאָדערט זיך פון זיי געוויסע אָבצאהלונגען.
דער געזעץ איז אמענדירט געווארען אין איינינע פרטים ביי דער צווייטער סעסיע פון 73טען קאָנגרעס.

## גאָלד רעזווירוו געזעץ, דורכגעגאנגען דעם 30טען יאנואר, 1934

דער פרעזידענט קריגט דאָס רעכט צו דעוואַליואירען דעם אמעריקאנער דאָ־לאר פון 50 ביז 60 פּראָצענט. (אזא רעכט האָט שוין דער פרעזידענט פריהער געהאט). דער געזעץ ערקלעהרט, אז קיין גאָלדענע מטבעות וועלען שוין מעהר ניט געגאָסען ווערען. דאָס גאָלד ליגט אין אונגעגאָסענע סליטען. דאָס גאנצע גאָלד

געהט איבער צו דער רעגירונג. דער פּראָפיט וואָס וועט קומען פון דער דעוואַ־ליואַציע, אין גאָלד, געהט איבער צו דער רעגירונג. אַלע רעזווירווס ליגען אין די וואָלטס פון טרעזשורי אנשטאט אין די וואָלטס פון די באַנקען. 2 טויזענד מיליאָן דאָלאַר ווערען געשטעלט אין רשות פון דער רעגירונג צו רעגולירען דעם קורס פון דאָלאַר.

## די פיליפּינען אונאָבהענגיגקייטס־געזעץ, טיידינגס—און מאַקדאַפי אַקט, דורכגעגאַנגען דעם 24טען מערץ, 1934

דער געזעץ גיט די פיליפּינען אינזלען פולשטענדיגע זעלבסטשטענדיגקייט. נאָך צעהן יאָהר, ווי עס וועט באַשאַפען ווערען אַ זעלבסטשטענדיגע רעגירונג, דאַרף אמעריקא אין גאַנצען זיך צוריקציהען פון די פיליפּינען. די פיליפּינער רעגירונג דאַרף אויסגעקליבען ווערען פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג. די אמעריקאַנער רעגירונג מוז זאָרגען דערפאַר, אַז די פיליפּינען זאָלען ערקלעהרט ווערען אַן אייביגע נייטראַלע מלוכה. איינינע ים־סטאַנציעס בלייבען אונטער דעם רשות פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, ביז די פיליפּינען וועלען ווערען אין גאַנצען אונ־אָבהענגיג קען זי אריינפיהרען אין אמעריקע געוויסע סחורות אָהן טאַריף אָבצאָה־לונגען.

## נייווי ביל, דורכגעגאַנגען דעם 27טען מערץ, 1934

דער געזעץ שרייבט פאָר צו בויען קריגס־שיפען ניט ווייניגער ווי עס קומט אויס אויפ'ן חלק פון די פאַראייניגטע שטאַאטען לויט פאַרשידענע אָבמאַכען. באַשלאָסען צו בויען נאָך לופט־שיפען לויט די אָבמאַכען מיט אַנדערע רעגירונגען. די קאָנטראַקטאָרס טאָרען ניט פאַרדינען מעהר ווי צעהן פּראָצענט אויף די קאָנט־ראַקטען פון לופט־שיפען. זייערע ביכער און רעקאָרדס מוזען זיין אָפען פאַר רע־גירונגס־בעאַמטע.

## קאַמף געגען פאַרברעכער, דורכגעגאַנגען דעם 18טען מאַי, 1934

אַ געזעץ צו באַשטראָפען שווערע פאַרברעכער געגען געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, באַנק רויבער און קינדנעפּערס. דער געזעץ שרייבט פאָר אויך געוויסע רעגולאַציעס אין איבערגעבען פאַרברעכער פון איין שטאַאט צום צווייטען.

## געזעץ גלייכבערעכטיגען פרויען מיט מענער אין בירגער רעכטע, דורכגעגאַנגען דעם 24טען מאַי, 1934

דער געזעץ באַזייטיגט אַלע דיסקרימינאַציעס פון פרויען אין בירגער רעכטע.

## ענדערונגען אין אינקאַם־טעקס געזעצען, דורכגעגאַנגען דעם 10טען מאַי, 1934

עס זיינען געמאַכט געוואָרען געוויסע ענדערונגען אין אינקאַם־טעקס געזעצען. אַ ראַטע פון 4 פּראָצענט ווערט אַרויפגעלייגט אויף די ערשטע 4 טויזענד דאָלאַר נעט אינקאַם און 8 פּראָצענט טעקס אויף אַ העכערע סומע. אַ סורטעקס פון פיר

פראָצענט ווערט ארויפגעלייגט אויף פארדינסטען פון איבער 4 טויזענד דאלאר. דער צוויי סענטיגער טעקס אויף טשעקס ווערט אבגעשאפט דעם ערשטען יאנואר, 1935.

דער געזעץ שרייבט אויך פאָר געוויסע רעגולאציעס אין דער בארעכענונג פון געווינסען און פארלוסטען אין קאפיטאל. לייכטע געטראנקען ווערען באפרייט פון טעקס. עס ווערט אויך באפרייט פון טעקס ביליגע פוטערווארג, וואָס קאָסט ווייניגער ווי 75 דאלאר.

## טאַריף רעגולאַציע, דורכגעגאנגען דעם 12טען יוני, 1934

דער פרעזידענט קריגט די מאכט צו מאכען געגענזייטיגע האנדעלס אָפּמאכען אָהן דער צושטימונג פון סענאט.

דער פרעזידענט קריגט די מאכט צו פארגרעסערען אדער פארקלענערען טאריף אבצאלונגען אויף 50 פראָצענט.

## געזעץ צו פאַרהיטען הײמען, דורכגעגאנגען דעם 27טען אפריל, 1934

דעם 27טען אפריל איז דורכגעגאנגען א געזעץ ארויסצולאָזען פאר צוויי ביליאָן דאָלאר באָנדס און אויסבייטען זיי אויף הייזער־מארטגיידזשעס. דעם 13טען יוני 1934 איז באשאפען געווארען א „לאָון קארפּאָריישאן" מיט א קאפּיטאל פון 200 הונדערט מיליאָן דאלאר. א קאפיטאל פון הונדערט מיליאָן איז אסיגנירט געווארען צו העלפען בילדינגס און לאָון אסאָסיאיישאנס. עס איז באשטימט געווארען א קאפיטאל צו העלפען איבערבויען אלטע הייזער.

## דער געזעץ צו רעגולירען דעם האנדעל מיט ווערט־פּאַפּירען אויף דער בערזע, „סטאק עקסטשיינדזש", „סעקיוריטי אקט", דורכגעגאנגען דעם 6טען יוני, 1934

דער געזעץ גיט ברייטע רעכטע צו דער פעדעראלער רעגירונג צו קאָנטראָלירען די בערזען, וואָס האנדלען מיט ווערט־פּאפּירען און צו הינדערן היציגע ספּעקולאציע און אויך צו פארמיידען אונעטישע האנדלונגען פון בראָקערס.

דער געזעץ האט געשאפען א קאָמיסיע, וואָס האט צו זאָגען איבער די ווערט־פּאפּירען און בערזען. די קאָמיסיע באשטעהט פון 5 מיטגלידער, וועלכע ווערען באשטימט פון פרעזידענט און גוטגעהייסען פון סענאט.

אלע בערזען, וואָס האנדלען מיט ווערט־פּאפּירען מוזען האָבען א לייסענס פון דער רעגירונג. די ווערט־פּאפּירען, וואָס ווערען פארקויפט אויף די בערזען מוזען ווערען רעדזשיסטרירט ביי דער קאָמיסיע. די רעדזשיסטראציע סטייטמענט מוזען ענטפערען אויף פילע פראגען און געבען גענויע אינפארמאציע וועגען צושטאנד פון די אונטערנעמונגען, וואָס לאָזען ארויס די ווערט־פּאפּירען. די קאָמיסיע האט דאס רעכט די סטייטמענטס צו אונטערזוכען פון אונאבהענגיגע אקאונטענטס.

דער געזעץ שרייבט פאָר געוויסע באשרענקונגען פאר „מארדזשינס" און אויך באשרענקונגען פון קרעדיט און די ווערט־פּאפּירען ווערען אָנגעגעבען אלס משכון „קאלאטעראל". שטרענגע שטראפען ווערען ארויפגעלייגט אויף די וועלכע פאר־לעצען די רעגולאציעס און די וועלכע באנוצען זיך מיט דער פּאָסט אין אונעהרליכע „טראנסעקציעס".

## זילבער געזעץ, דורכגעגאַנגען דעם 19טען יוני, 1934

דער געזעץ שרייבט פאָר, אז די סטאקס פון זילבער אין דער טרעזשורי זאָלען אויף אזוי פיל פארגרעסערט ווערען ביז וואַנען זיי זאָלען אויסמאכען איין פערטעל אין ווערדע פון די קאָסטבארע מעטאלען, וואָס דינען אלס פונדאמענט פון אמעריקאנער געלד סיסטעם. די פראָפּאָרציע אין ווערדע זאָל זיין 75 פראָצענט גאָלד און 25 פראָצענט זילבער.

דער „סעקרעטערי אָף טרעזשורי" ווערט אינסטרואירט אויפצוקויפען זילבער מיט דער גוטהייסונג פון פרעזידענט אין לאנד און אין אויסלאנד ביז וואַנען די פראָפּאָרציע פון גאָלד און זילבער זאָל זיין לויט די פאָדערונגען פון געזעץ. ווען די פראָפּאָרציע פון זילבער וועט ווערען גרעסער קען די רעגירונג פארקויפען זילבער. פאר זילבער וואָס איז דאָ אין די פאראייניגטע שטאאטען פון פריהער (איידער דעם ערשטען מאי 1934) טאָר די רעגירונג ניט צאָלען מעהר ווי 50 סענט אן אונץ. די רעגירונג האָט דאָס רעכט צו פאָדערען, אז די זילבער סטאקס זאָלען צוגעשטעלט ווערען צו דער רעגירונג לויט דעם באשטימטען פרייז.

די רעגירונג ווערט אינסטרואירט ארויסצולאָזען זילבער סערטיפיקאטען. די רעגירונג דארף צאָלען פאר דעם זילבער מיט סערטיפיקאטען נאָכדעם ווי די רעגירונג רעכענט ארונטער א פרייז פאר ארויסלאָזען די געלד „סעינאריידזס".

## נייע קאָמיטע צו רעגולירען קאָמינוקאציעס,
## דורכגעגאַנגען דעם 19טען יוני, 1934

א פעדעראלע קאָמיטע צו רעגולירען אינלענדישע און אויסלענדישע קאָמוני־קאציעס דורך טעלעגראף, טעלעפאָן, קייבעל און ריידיאָ. די קאָמיטע באשטעהט פון זיבען מיטגלידער.

די „פעדעראלע ריידיאָ קאָמישאָן" ווערט מיט דעם געזעץ אבגעשאפט. אלע איהרע פונקציעס און אויך געוויסע פונקציעס פון דער אינטערסטייט קאמוירס קאָ־מישאָן געהען איבער צו דער נייער קאָמיסיע. די קאָמיסיע האָט פולע רעכט. אין צייט פון קריג געהען אלע רעכטע, איבער קאָמוניקאציעס איבער ריידיאָ, קייבעל, טעלעגראף און טעלעפאָן אריבער צו דער רעגירונג.

## אָ ב מ אַ כ ע ן

דער 73טער קאָנגרעס איז אויך באוואוסט מיט זיינע ראטיפיקאציעס פון אָב־מאכען מיט סאוטה־אמעריקאנער לענדער.

אפריל דעם 25טען, 1933, איז ראטיפיצירט געוואָרען א אָבמאך מיט מעקסיקא וועגען באפעסטיגען גרעניץ לענדער געגען פארטרונקען ווערען.

דעם 25טען מאי, 1934, איז אנגענומען געוואָרען דער באריהמטער אָבמאך אין מאנטיוועדיא צווישען אמעריקע און 9 סאוטה־אמעריקאנער לענדער, וואָס פאר־זיכערט די זעלבסטשטענדיגקייט און גלייכע רעכטע פון די לענדער. דעם 21טען מאי, 1934, צווישען אמעריקע און קיובא, וואָס מאכט קיובא מעהר זעלבסטשטענ־דיג. אן אָבמאך, וואָס פארדאמט מלחמות איז אָנגענומען געוואָרען ביי פילע סאוטה אמעריקאנער לענדער, דעם 15טען יוני 1934.

# די „נירא"

## נעשאַנאַל אינדאַסטריעל ריקאַווערי עקט

דעם 13טען דזשון 1933, האָט פּרעזידענט רוזוועלט אונטערגעשריבען דעם געזעץ, וואָס הייסט „נעשאַנאַל אינדאסטריעל ריקאָווערי עקט", וואָס איז באקאנט מיט ראשי תיבות „נירא".

אונטערשרייבענדיג דעם געזעץ, האָט זיך פּרעזידענט רוזוועלט אויסגעדריקט, אז מיט דער „נירא" הויבט זיך אָן א נייע וועלט-עפּאָכע. מען קען האָבען פאַר־שיידענע מיינונגען וועגען דעם געזעץ; עס איז אבער זייער וויכטיג צו באקענען זיך מיט די הויפּט פּונקטען פון דער „נירא", נעשאַנאַל ריקאָווערי עקט, און מיט דער אדמיניסטראציע, וואָס איז באקאנט מיט'ן נאָמען אלס די נ. ר. א., נעשאַנאַל ריקאָ־ווערי אדמיניסטריישאַן. דער נ. ר. א. איז אריין אין לעבען דעם ערשטען אויגוסט, 1933.

דער אינדוסטריעלער געזעץ אויפצולעבען די אמעריקאנער אינדוסטריע (בא־צייכענט מיט נומער 67—73טער קאָנגרעס) האָט דעם פולען נאָמען:

א אקציע צו ערמוטיגען נאַציאָנאַלע אינדוסטריעלע אויפלעבונג, אויפ־ברייננגען עהרליכע קאָנקורענץ און צו שאפען מיטלען צו קאָנסטרואירען געוויסע ניצליכע קהלשע ארבייט און פאַר אנדערע צוועקען.

דער טעקסט איז זייער א לאנגער און טיילט זיך אויף צוויי גלייכע חלקים. דער ערשטער חלק רופט זיך:

### אינדאַסטריעל ריקאַווערי

(אינדוסטריעלע אויפלעבונג)

דער צווייטער חלק רופט זיך:

### פּאַבליק וואָרקס ענד קאָנסטראַקשאָן פּראָדזשעקטס

(קהלשע ארבייט און בוי־פּראָיעקטען)

דער ערשטער חלק טיילט זיך אויף 10 סעקציעס. סעקציעס זיינען צוטיילט אויף פּאַראגראַפען. די סעקציעס רופען זיך:

1) דעקלאַראַציע;
2) פאַרוואַלטונגס־אגענטורען;
3) קאָודס פאַר עהרליכע קאָנקורענץ;
4) און 5) אָבמאַכען און לייסענס;
6) באַגרעניצונגען אנצואווענדען די פּונקטען פון דער „נירא";
7) רעכט פון ארבייטער;
8) אָנווענדונג פון אגריקולטורעלען רעפאָרם געזעץ;
9) רעגולירונג פון אויל;
10) רעגולאַציעס און אבשטימונגען.

די „נירא" איז פון צוויי טיילען. מיר וועלען דאָ געבען דעם תמצית פון ערש־טען טייל.

מיר דענקען, אז אין דער דעקלאַראַציע זיינען אנגעגעבען די הויפּט פּרינציפּען און דעריבער איז די דעקלאַראַציע איבערזעצט ווערטליך.

# דעקלאַראַציע

1טע סעקציע. מיר ערקלערען, אז עס עקזיסטירט א נאַציאָנאלער אויסערגעוועהנליכער צושטאַנד, וואָס ברענגט צו ארבייטסלאָזיגקייט און צו אינדוסטריעלע דעמאָראַליזאציע. ער לעגט ארויף א שווערע משא אויף דעם האנדעל צווישען סטייטס און אין דעם האנדעל מיט אויסלאנד; ער ריהרט דעם וואָהלזיין פון כלל און גראָבט אונטער דעם אמעריקאנער לעבענס־סטאנדארט.

עס ווערט דאָ ערקלערט, אז די פּאָליטיק (פּאָליסי) פון קאָנגרעס איז צו באזייטיגען אלע שטערונגען פון דעם פרייען גאַנג פון אויסערליכען און אינערליכען האנדעל, וואָס האַלט אין איין קלענער ווערען; צו זאָרגען פאר דעם אלגעמיינעם וואָהלזיין און צו שטאַרקען די אָרגאניזאציע פון אינדוסטריע מיט'ן צוועק מעגליך צו מאכען, אז פארשיידענע האנדעלס־גרופּען זאָלען קענען מיטווירקען צוזאמען; צו באוועגען און אָנצוהאלטען א פאראייניגטע אקציע פון ארבייטער מיט בעלי־בתים אונטער דער גוטהייסונג און אויפזיכט פון דער רעגירונג; צו באזייטיגען ניט קיין עהרליכע קאָנקרענץ, מיטצוהעלפען אויסנוצען די גאנצע פּראָדוקציע מעגליכקייטען און אויסצומיידען אוננויטיגע אָבשטעלונג פון פּראָדוקציע (אויסער אין אויסערגעוועהנליכע פאלען); צופאַרמעהרען דעם פארברויך פון אינדוסטריעלע און אגריקולטורעלע פּראָדוקטען; צו פארקלענערען און פארלייכטערען ארבייטסלאָזיגקייט; צו פארבעסערען דעם לעבענס־סטאנדארט פון ארבייטער און אויף אנדערע אופנים צוריקצושטעלען אינדוסטריע און צו פארהיטען נאַטירליכע רייכטהימער.

2טע סעקציע.....פאַרוואלטונגס־אגענטורען. (אויסצוגען).

א) דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט צו באשטימען בעאמטע און אָנגעשטעלטע און באשטימען זייער געהאלט ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם געזעץ וועגען „סיוויל סירוויס" (געזעץ וועגען דער רעגולירונג פון רעגירונגס־דזשאבס). דער פּרעזידענט האָט אויך דאָס רעכט אויסצונוצען פאר דער דורכפירונג פון געזעץ אונבאַצאָלטע עקספּערטען, פעדעראלע אָנגעשטעלטע און סטייט אָנגעשטעלטע מיט דער צושטימונג פון סטייט.

ב) דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט צו באשטימען די פונקציעס און די מאכט פון די אָנגעשטעלטע און איבערגעבען זיי געוויסע רעכטע. ער האָט אויך דאס רעכט צו באשטימען אן אגענטור, וואָס האָט די אויפגאבע צו מאכען אונטערזוכונגען וועגען שאפען אינדוסטריעלע פּלאנמעסיגקייט.

ג) די פּונקטען זאָלען עקזיסטירען פאר צוויי יאָהר, פון דער צייט, וואָס דער געזעץ איז אריין אין קראפט. זיי קענען אויך אויפהערען צו עקזיסטירען דורך א פּראָקלאמאציע פון פּרעזידענט אדער דורך א געמיינזאמע רעזאָלוציע פון ביידע הייזער פון קאָנגרעס, אז דער עמוירדזשענסי צושטאנד עקזיסטירט שוין ניט מעהר.

סעקציע 3. קאָודס פון עהרליכע קאָנקורענץ (אויסצוגען).

**א) א טרייד אסאָסיאציע, אָדער א גרופּע פון אזעלכע אסאָסיאציעס, קען זיך ווענדען צום פּרעזידענט צו באשטעטיגען א קאָוד פון עהרליכער קאָנקורענץ. דער פּרעזידענט קען אזא קאָוד גוטהייסען אויב די פאָלגענדע פּונקטען ווערען אָבגעהיט:**

**1) די אסאָסיאציע אָדער גרופּע פון אסאָסיאציעס מאכען ניט קיין אונבארעכטיגטע באגרעניצונגען פאר מיטגלידערשאפט. די אסאָסיאציע אָדער גרופּע מוז אויך מיט זיך ריכטיג פאָרשטעלען די אינדוסטריע.**

2) די קאָודס זוכען ניט צו שאַפען א מאָנאָפּאָליע און זוכט ניט ארויסצו־דרינגען קליינע אונטערנעמער. א קאָוד טאָר ניט ערלויבען קיינע מאָנאָפּאָליעס. עס טאָר ניט אונדירעקט שאַדען פערזאָנען, וואָס זיינען באשעפטיגט אין אנדערע טריידס. דער פרעזידענט קען שטעלען געוויסע באַדינגונגען אום צו ראַטיפיצירען דעם קאָוד. ער קען פאָדערען רעכענונגען און באַריכטען און פאָדערען, אז עס זאָלען אריינגעשטעלט ווערען פונקטען אַבצוהיטען די אינטערעסען פון קאָנסומערס, אָנגעשטעלטע און קאָנקורענטען.

ב) די פונקטען פון א קאָוד, וואָס ווערט גוטגעהייסען פון פרעזידענט, דאַר־פען זיין דער סטאַנדאַרד פון עהרליכע קאָנקורענץ. יעדע פארלעצונג פון אזא סטאַנ־דאַרד זאָל באטראַכט ווערען אלס אונעהרליכע מעטאָדע, ווי עס ווערט פארשטאַנען אין דעם געזעץ פון דער פעדעראַלער האַנדעלס קאָמיסיע. דער טאָר אבער אויך ניט זיין אין ווידערשפּרוך מיט דעם געזעץ פון דער פעדעראַלער האַנדעלס קאָמיסיע (פעדעראַל טרייד קאָמישאָן).

ג) די פעדעראַלע דיסטריקט קאָורטס קריגען די מאַכט אָנצונעמען מיטלען צו פאַרמיידען פאַרלעצונגען פון די קאָודס פון עהרליכע קאָנקורענץ. עס איז די פליכט פון די דיסטריקט אַטוירנים פון די פאַראייניגטע שטאַאטען אונטער דער אויפזיכט פון אַטוירני דזשענעראַל אָנצונעמען געריכטליכע מיטלען געגען די פאַר־לעצער פון די קאָודס.

ד) דער פרעזידענט האָט דאָס רעכט אליין צו באַשטימען א קאָוד פון עהר־ליכע קאָנקורענץ אין א טרייד אויף זיין אייגענער איניציאַטיווע אדער ווען קלאַגען קומען אריין, אז פירונגען פון אָט דעם טרייד שאַדען אלגעמיינע אינטערעסען, און די קלאַגען ווערען באַשטעטיגט דורך עפענטליכע אונטערזוכונגען. אזא קאָוד האָט די זעלבע ווירקונג, ווי די קאָודס וואָס ווערען געשאַפען לויט פאַראַגראַף „איי" פון דער סעקציע.

ה) אויף זיין אייגענער איניציאַטיווע אָדער ווען קלאַגען קומען אריין פון ארבייטער אין אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערען באַשטעטיגט דורך עפענטליכע אונטערזוכונגען, אז געוויסע אימפּאָרטירטע ארטיקלען שטעלען אין געפאַהר די אויספירונגען פון געוויסע פונקטען פון עהרליכער קאָנקורענץ, האָט דער פרעזידענט דאָס רעכט דורך די טאַריף קאָמישאָן צו באַגרעניצען דעם אימ־פּאָרט פון אזעלכע ארטיקלען.

ווען א קאָוד ווערט גוטגעהייסען אָדער פאַרגעשריבען פון פרעזידענט, ווערט יעדע פאַרלעצונג פון אזא קאָוד, וואָס ריהרט אָן די אינטערעסען פון דעם אינער־ליכען האַנדעל צווישען סטייטס אדער דעם אויסלענדישען האַנדעל — באַטראַכט אלס אונאַנשטענדיגע באַנעהמונג „מיסדעמינאָר". דער פאַרלעצער קען באַשטראָפט ווערען מיט 500 דאָלאַר שטראַף פאַר יעדען טאָג פון דער פאַרלעצונג.

סעקציע 4 און 5. אָבמאַכען און לייסענס. (אויסצוגען)

„איי און בי". ווען דער פרעזידענט געפינט אויס נאָך געגויער אונטערזוכונג, אז געוויסע האַנדלונגען פון א טרייד ברענגען צושטערענדע נידעריגע פרייזען, אָדער צושטערענדע נידעריגע וויידזשעס, איז דער פרעזידענט באַרעכטיגט צו באַשטי־מען, אז מען מוז ארויסנעמען לייסענס צו זיין באַשעפטיגט אין אזא טרייד. ווען

ליסענס איז נויטיג, ווערט יעדע פּערזאָן, וואָס נעמט ניט ארויס קיין ליסענס, און איז באשעפטיגט אין דעם טרייד, א פאַרלעצער פון געזעץ, און קען באשטראָפט ווערען מיט 500 דאלאר שטראָף אדער מיט 6 מאָנאַטען פּריזאָן. דער פּונקט איז גילטיג פאר איין יאָהר.

דורך דעם פּרעזידענטס פּראָקלאמאציע אָדער א געמיינשאפטליכע רעזאָלוציע פוןביידע הייזער פון קאָנגרעס, קען דער פּונקט פון ליסענס צוריקגערופען ווערען פריער ווי דער יאָהר.

סעקציע 5. ווען דער פּונקט פון ליסענס איז גילטיג, ווערט יעדער אויסגע־ארבייטער קאָוד באפרייט פון די אנטי־טראָסט געזעצען פון די פאראייניגטע שטאַ־טען.

קיין זאך אין אַט דעם פּונקט פון ליסענס קען ניט באַרויבען איינעם פון נאָכצוקומען זיין באשעפטיגונג.

סעקציע 6. באנרעגיזונגען פון אָנווענדונג פון פּונקטען פון דער „ניראַ". (אויסצוגען).

א) קיין טרייד, קיין אינדוסטריעלע אסאָסיאציע אדער גרופּע קען זיין באַ־רעכטיגט צו די בענעפיטס פון דער „ניראַ" ביז וואנען עס וועט ניט צוגעשטעלט ווערען צום פּרעזידענט די אינפאָרמאציע וועלכע ער שרייבט פאָר.

ב) דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט פאָרצושרייבען געוויסע פּונקטען און רעגולאציעס, וואָס זיינען באשטימט צו פארזיכערען, דאָס די אָרגאַניזאציע, וואָס ציהט די בענעפיטס פון דעם געזעץ, זאָל מיט זיך פאָרשטעלען די טרייד אדער די אינדוסטריע.

ווען דער פּרעזידענט פארלאנגט דאָס, זאָל די פעדעראלע האנדעלס־קאָמיסיע (פעדעראל טרייד קאָמישאָן) מאכען אונטערזוכונגען, וואָס זאָל מאכען מעגליך פאר'ן פּרעזידענט אָנצונעמען מיטלען צו באשטימען געוויסע פּונקטען און אויך זעהן, אז די פּונקטען זאָלען ניט איבערטרעטען דעם אמענדירטען געזעץ פון דער פעדעראל טרייד־קאָמישאָן גופא.

דטע סעקציע. ארבייטער רעכט. (פולע איבערזעצונג).

„איי". יעדער קאָוד פון עהרליכער קאָנקורענץ, יעדער אָבמאך אָדער ליסענס, וואָס ווערט גוטגעהייסען, פאָרגעשריבען אָדער ארויסגעגעבען אונטער דעם געזעץ (ניראַ), מוזען ענטהאלטען פאָלגענדע באדינגונגען:

1) באשעפטיגטע ארבייטער (עמפּלאָיאיס) האָבען דאָס רעכט זיך צו אָרגאַ־ניזירען און מאכען קאָלעקטיווע אָבמאכען דורך די פאָרשטעהער, וואָס זיי אליין קלייבען אויס. זיי מוזען זיין פריי פון יעדער אריינמישען און פון יעדען צוואנג און באשריינקונגען פון די באלעבאטים, ארבייטסגעבער אדער זייערע אגענטען אין דער אקטיוויטעט פון די ארבייטער צו באשטימען זייערע פאָרשטעהער און אין זייער זעלבסט־אָרגאניזירונג פאר דעם צוועק צו שאפען קאָלעקטיווע אָבמאכען, גע־גענזייטיגע הילף אָדער יעדען אנדער שוץ.

2) פון קיין באשעפטיגטען ארבייטער אדער איינעם וואָס זוכט באשעפטי־גונג, טאָר ניט געפאָדערט ווערען די באדינגונג צו קריגען באשעפטיגונג אריינצו־

טרעטען אין א „קאָמפּאני יוניאָן" אָדער (די באדינגונג) ער זאָל ניט אריינטרעטען אין א ארבייטער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער אליין קלייבט אויס.

3) ארבייטסגעבער מוזען נאָכקומען דעם מאקסימום ארבייטס־שטונדען און מינימום פון געהאלט און אנדערע ארבייטס־באדינגונגען, ווי עס ווערען פאָרגע־שריבען אדער גוטגעהייסען פון פּרעזידענט.

„בי" (אויסצוגען). דער פּרעזידענט זאָל געבען, ווי ווייט עס איז פּראקטיש, די מעגליכקייט צו אלע ארבייטער און ארבייטסגעבער אויסצוארבייטען סטאנדארדס וועגען מאקסימום ארבייטס־שטונדען און מינימום געהאלט און אנדערע ארבייטס־באַדינגונגען. אזעלכע אָבמאכען זאָלען האָבען די קראפט פון קאָודס פון עהרליכע קאָנקורענץ.

„סי" (אויסצוגען). ווען קיין געגענזייטיגע אָבמאכען זיינען ניטאָ, קען דער פּרעזידענט מאכען א אונטערזוכונג וועגען די ארבייטס־באדינגונגען און אליין באַ־שטימען דעם מאקסימום פון ארבייטס־שטונדען. דער פּרעזידענט קען מאכען די רעגולאציעס לויט די געניטקייט פון ארבייטער און די לאָקאלע באדינגונגען.

סעקציע 8. אנווענדונג פון דעם געזעץ פון רעגולירען אגריקולטור. (אויס־צוגען).

„איי". די „ניראַ" זאָל ניט באטראכט ווערען ווי דאָס רופט צוריק אדער מאָדיפיצירט דעם אגריקולטורעלען געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען דעם 13טען מאַי. דער אגריקולטורעלער געזעץ זאָל פאר אלע צוועקען זיך רופען: „אגריקאַלטשעראַל אדזשאַסטמענט עקט", דער געזעץ צו רעגולירען אגריקולטור.

„בי". אום צו פארמיידען מיספארשטענדעניסע און קאָנפליקטען, קען דער פּרעזידענט איבערגעבען די פונקטען, וואָס האָבען א שייכות מיט ערד־ארבייט צו דעם אגריקולטור מיניסטער (סעקרעטערי אָוו אגריקאַלטשאר).

סעקציע 9. רעגולאַציעס וועגען אויל (אויסצוג).

דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט צו רעגולירען דעם האנדעל מיט אויל, קעראָ־סין און פּעטראָליאום און די פּייפּס און צו באשטימען, אז די פּרייזען זאָלען ניט זיין צו גרויס און אויסצומיידען מאָנאָפּאָליע.

סעקציע 10. רעגולאַציעס און באשטימונגען (אויסצוגען).

„איי". ער האָט דאָס רעכט פאָרצושרייבען אזעלכע רעגולאַציעס, וואָס זיי־נען נויטיג דורכצופירען דעם געזעץ, צו באשטימען אָבצאָלונגען פאר לייסענס און פאר פיילען פון קאָודס פון עהרליכער קאָנקורענץ. די פארלעצונג פון די רעגולאַ־ציעס קענען באשטראָפט ווערען מיט 500 דאלאר שטראָף און פּריזאָן.

„בי". דער פּרעזידענט קען פון צייט צו צייט מאָדיפיצירען אדער צוריקרופען יעדען אָרדער, גוטהייסונג אָדער לייסענס און זאָנסטיגע רעגולאַציעס. יעדער אָבגע־שלאָסענער אָבמאך מוז ענטהאלטען א אויסדריקליכען פונקט, וואָס בארעכטיגט אזא אקציע פון פּרעזידענט.

# די רעגירונג פון ניו יאָרק סטייט

דער אלגעמיינער מאָדעל פאר די סטייט רעגירונגען איז די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען. יעדער סטייט האָט אָבער געוויסע פאָרמען פון רעגירונג וואָס פאסען זיך צו דער גרויס פון דער באפעלקערונג און אנדערע באדינגונגען.

אין ניו יאָרק סטייט ווערען די געזעצע געמאכט אין דער סטייט לעדזשיס־לייטשור, וועלכע באשטעהט פון 51 סענאטאָרען און 150 אסעמבלימען. די אסעמב־לימען ווערען ערוועהלט יעדען יאָהר און קריגען א געהאלט פון $2,500. די סע־נאטאָרען קריגען דעם זעלבען געהאלט און ווערען ערוועהלט פאר צוויי יאָהר.

דער ליוטענאנט גאָווערנאָר איז דער פאָרזיצער פון סענאט. די אסעמבלי ערוועהלט א ספיקער.

דער גאָווערנאָר ווערט ערוועהלט יעדע צוויי יאָהר מיט א געהאלט פון $25,000 יעהרליך און דעם גאָווערנאָרס מענשאָן אלס א וואוינונג. דער איצטיגער גאָווערנאר פון ניו יאָרק איז הערבערט ה. לעהמאַן.

מיט דעם גאָווערנאר ווערען אויך ערוועהלט דער ליוטענאנט גאָווערנאר, דער קאָמפּטראָלער און דער אטוירני דזשענעראל.

דער איצטיגער ליוטענאנט גאָווערנאָר איז מ. וויליאם בריי. זיין געהאלט איז $10,000. דער קאָנטראָלער איז מאָריס ס. טרעמיין מיט א געהאלט פון $12,000 און דער אטוירני דזשענעראל איז דזשאהן דזש. בענעט, דזשוניאָר מיט א געהאלט פון $12,000.

די רעגירונג ווערט פארוואלטעט פון פארשיידענע אדמיניסטראטיווע דעפּארט־מענטס.

## די געריכטס־הייזער

די געריכטס הייזער פון ניו יאָרק סטייט (און אויך פון די מעהרסטע אנדערע סטייטס) זיינען קאָפּירט נאָך די פעדעראלע געריכטס הייזער.

די העכסטע קאָרט איז די קאָרט אָף אפּיעלס. די קאָרט באשטעהט פון איין הויפּט ריכטער און זעקס אסאָשיאייטס. די סופּרים קאָרט באשטעהט פון ניין דיסטריקט קאָרטס, וועלכע געפינען זיך אין פארשיידענע טיילען פון סטייט.

## די רעגירונג פון דער שטאָדט ניו יאָרק

די שטאָדט ניו יאָרק ווערט רעגירט דורך א טשארטער וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען ווען די שטאָדט איז געוואָרען גרייטער ניו יאָרק אין 1898.

די געזעצגעבענדע מאכט פון שטאָדט באשטעהט פון די באָארד אָף אָלדער־מען, 65 אין צאָל און די באָארד אָף עסטימייט ענד אפּאָרשאָנמענט וואָס באשטעהט פון די פאָלגענדע: דער מעיאָר, וועלכער האָט דריי שטימען, דער קאָנטראָלער מיט דריי שטימען, דער פּרעזידענט פון די באָארד אָף אָלדערמען מיט דריי שטימען, די באָראָ פּרעזידענטען פון מאנהעטען און ברוקלין יעדער מיט צוויי שטימען און די באָראָ פּרעזידענטס פון קווינס און ריטשמאָנד יעדער מיט איין שטימע.

# וואָרקמענס קאָמפּענסיישאָן — סטייט אינשורענס פאָנד — רעגולירונג פון שטונדען פאַר פרויען ארבייטער אין ניו יאָרק סטייט

יעדער באַלעבאָס וואָס באַשעפטיגט פיר אָדער מעהר ארבייטער, אחוץ פאַרם הענט אדער הויז באַדינער, מוז האָבען קאָמפּענסיישאָן פאַר זיינע באַשעפטיגטע.

ווען א באַשעפטיגטער אין אן אונטערנעמונג וואָס איז אונטערוואָרפען צום קאָמפּענסיישאָן געזעץ האָט א שעדיגונגס צופאַל, מוז ער וועגען דעם מעלדען דעם באַלעבאָס און דעם לייבאָר דעפּאַרטמענט ניט שפּעטער ווי דרייסיג טעג נאָך דעם שעדיגונג צופאַל.

דער באַלעבאָס האָט דאָס רעכט אויסצוקלייבען דעם דאָקטאָר אויף צו באַהאַנדלען דעם באַשעדיגטען ארבייטער. אויב דער באַשעדיגטער פרעגט ניט אָן דעם באַלעבאָס וועגען דעם דאָקטאָר, האָט דער באַלעבאָס דאָס רעכט ניט צו באַצאָלען דעם דאָקטאָר.

די קאָמפּענסיישאן צו א באַשעדיגטען איז צוויי דריטעל פון די וועכענטליכע וויידזשעס וואָס ער באַקומט. ער קען אבער ניט באַקומען מעהר פון $25 א וואָך אויב ער איז געמאַכט גענצלאַך אונפייהיג, און ניט מעהר ווי $20 א וואָך ווען ער איז בלויז טיילווייז פאַראונפייהיגט. ער זאָל אויך ניט קריגען ווייניגער ווי אכט דאָלאַר וועכענטליך סיידען זיינע וויידזשעס זיינען ווייניגער ווי אכט דאָלאר. דאן קריגט ער די זעלבע סומע ווי די וויידזשעס.

אויב דער ארבייטער פאַרלירט זיין לעבען, קריגען די וואָס דאַרפען לעבען פון זיינע פאַרדינסטען א סומע ניט העכער ווי צוויי דריטעל פון זיינע דורכשניטליכע וועכענטליכע פאַרדינסטען פאַר א צייט לויט אויסגעארבייטע סקעדזשולס.

ווען אן ארבייטער פאַרלירט א גליד, באַקומט ער קאָמפּענסיישאָן לויט נאָך דעם וויכטיגקייט פון דעם אבר, 15 וואָכען פאַר דעם פאַרלוסט פון דעם קליינעם פינגער ביז 312 וואָכען פאַר דעם פאַרלוסט פון אַן אָרעם.

אן ארבייטער איז אויך באַרעכטיגט צו קאָמפּענסיישאָן אויב ער איז קראַנק געוואָרען דורך דעם כאַראַקטער פון זיין באַשעפטיגונג.

פאַר די ערשטע זיבען טעג וואָס אן ארבייטער ווערט פאַראונפייהיגט איז ער ניט באַרעכטיגט, סיידען די אונפייהיגקייט דויערט מעהר ווי 49 טעג.

מינדעריעהריגע קינדער וואָס ווערען באַשעפטיגט ניט אין אנקלאַנג מיט דעם קינדער ארבייט געזעץ, זיינען באַרעכטיגט צו דאָפּעלטע קאָמפּענסיישאן אין פאַל פון אן עקסידענט.

סטייט אינשורענס פאָנד; — דער ניו יאָרק סטייט אינשורענס פאָנד איז געשאַפען געוואָרען צו געבען באַלעבאַטים קאָמפּענסיישאָן אינשורענס אָהן פּראָפיט.

דער אָפיס פון דעם סטייט אינשורענס פאָנד געפינט זיך אין 625 מעדיסאָן עוועניו אין ניו יאָרק. ברענטש אָפיסעס געפינען זיך אויך אין אַלבאַני, סיראַקיוז, ראָטשעסטער און באָפאַלאָ.

## שטונדען פאַר פרויען

פרויען אָנגעשטעלטע אין געשעפטען קענען ניט ארבייטען מעהר ווי 48 שטונדען א וואָך צוטיילט אויף זעקס טעג צו אכט שטונדען א טאָג. איין טאָג א וואָך

מעגען פרויען ארבייטען ביז צעהן שטונדען, אבער די איבעריגע צוויי שטונדען מוזען ארונטערגענומען ווערען דורך דער וואָך.

פרויען מעגען ארבייטען צעהן שטונדען אווערטיים אין איין וואָך אויב זיי קריגען די שטונדען צוריק אין א וואָך פריהער אדער שפּעטער. זיי קענען אויך אר־בייטען 49 און א האלב שטונדען אויב די שטונדען זיינען איינגעטעהלט פינף טעג צו ניין שטונדען און דעם זעקסטען פיר און האלב שטונדען.

דער באַלעבאָס מוז אויסקלייבען די ערשטע אדער די צווייטע מעטאָדע פון אראנזשירען די שטונדען.

## פּענסיעס פאר אלטע לייט

אין ענגלאנד איז דאָ אן אַלד אייִדזש פּענשאַן געזעץ פון דעם יאָהר 1908. אין אויסטראַליען און אין פילע אייראָפּייאישע לענדער ווערען אויך פּענסיעס אויס־געצאָלט צו אָרימע ארבייטער איבער 65 יאָהר און אין מאנכע לענדער איבער 70 יאָהר. פּענסיעס ווערען אויך געגעבען צו אלמנות און יתומים וועלכע קענען אליין ניט פאַרדינען.

דער פאָנד ווערט געשאפען פון א טעקס וואָס ווערט ארויפגעלייגט אויף אלע אינדוסטריעס און ווערט בייגעשטייערט פון די ארבייטער און באלעבאטים אויך טיילוויז פון דער רעגירונג דירעקט.

אין די פאראייניגטע שטאאטען איז ביז ניט לאַנג צוריק אין גאנצען ניט געווען קיין צאָלונג פון פּענסיעס. אין די לעצטע עטליכע יאָהר זיינען אין די פאָל־גענדע סטייטס אָנגענומען געווארען פּענשאַן געזעצע: קאליפאָרניא, קאָלאָראַדאָ, דעלעווער, מאנטאנא, נעוואדא, איידאהא, קענטאָקי, מערילענד, מאסאטשוזעטס, מינעסאָטא, ניו העמפּשייר, ניו יאָרק, יוטא, וועסט ווירדזשיניא, וויסקאנסין און ווייאָמינג. אין ניו דזשוירזי איז דער געזעץ דורכגעגאנגען ערשט אין 1932, אין מיזורי, קאָנעקטיקוט, אילינאָאיז, מיין און אָרעגאָן זיינען עהנליכע בילס פארגע־שלאָגען געווארען.

אין ניו יאָרק סטייט איז דער געזעץ דורכגעפירט געווארען אין 1931. פּענסיעס ווערען געגעבען צו יעדען בירגער, מאן אדער פרוי וועלכע זיינען זיבציג יאָהר אלט און האָבען ניט קיין אייגענעם איינקונפט, אדער קינדער, אדער נאָהענטע קרובים וואָס זאָלען זיי סופּאָרטען זיי דארפען אויך האָבען געוואוינט אין דעם סטייט ניט ווייניגער ווי צעהן יאָהר, און ווייניגסטענס איין יאָהר אין דער קאונטי. די סומע ווערט באשלאָסען אין יעדער שטאָדט און אין יעדען פאַל באזונדער. די מאַקסימום סומע וואָס ווערט געוועהנליך געגעבען איז 30$ א מאָנאט. מאנכע סטייטס הויבען אָן צו צאָלען נאָך דעם 65טען יאָהר.

## די ריקאָנסטראָקשאָן פינאַנס קאָרפּאָריישאָן

דער „ריקאָנסטראָקשאָן פינאנס קאָרפּאָריישאָן אקט” איז אָנגענומען געווארען דעם 22טען יאנואר 1932. די רעגירונג האָט אפּראָפּריאירט פאר דעם קאָרפּאָריי־שאָן די סומע פון 3 ביליאָן, 800 מיליאָן דאָלאר. דער פאָנד ווערט גענוצט אום ארויסצוהעלפען פינאנסירען אגריקולטור, אינדוסטרי און האנדעל. א באדייטענדער טייל פון דעם פאָנד ווערט אויך גענוצט פאר רעגירונג אונטערנעמונגען צו שאפען ארבייט פאר ארבייטסלאָזע ווי אויך דירעקטע הילף פאר ארבייטסלאָזע.

300 מיליאָן פון דעם פאָנד איז אפּראָפּריאירט פאר הלואות צו די פארשיי־דענע סטייטס פאר רעליף פאר ארבייטסלאָזע און פאר סטייט אונטערנעמונגען פאר ארבייטסלאָזע. הלואות ווערען געמאכט צו באנקען, אינשורענס קאָמפּאַניס א. ז. וו.

## סטאַטיסטיקע איבער לינטשינג

אין די לעצטע 47 יאָהר זיינען אין אמעריקע פאָרגעקומען 4,321 לינטשערייען. פון די געלינטשטע זיינען געווען 1,051 ווייסע און 3,260 שווארצע.

אין דעם יאָהר 1885 זיינען אויף אַזאַ אופן ערמאָרדעט געווארען 106 ווייסע און 260 שווארצע. פון יענעם יאָהר אָן האָט זיך די צאָל פון ווייסע לינטשינגס אָנ־געהויבען פארקלענערען און די צאָל פון שווארצע פארגרעסערען. אזוי צום ביישפּיל זעהן מיר, אז אין דעם יאָהר 1892 זיינען פאָרגעקומען 100 ווייסע לינטשינגס און 155 שווארצע. ביסלעכוויים ווערט דער בארבארישער מנהג פון לינטשינג אויס־געראָטען, אזוי אז אין 1931 זיינען פאָרגעקומען בלויז 13 לינטשערייען. פון זיי זיינען געווען איין ווייסער און צוועלף שווארצע.

די געלינטשטע זיינען געווען באשולדיגט אין מאָרד, פארגוואלטיגונג און אנ־דערע פארברעכענס. מיט בלויז עטליכע אויסנאַמען זיינען די לינטשינגס פאָרגע־קומען אין די זידליכע שטאַאטען.

## סטאַטיסטיקע פון קינדער אין די פּאָלקס שולען און שילער אין די קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטען

די צאָל שילער אין אלע פּאָלקס שולען, העכערע שולען, קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטען אין דעם יאָהר 1930 אין די פאראייניגטע שטאַאטען איז געווען 25 מיליאָן, 716 טויזענט, 201.

קינדער צווישען זיבען און דרייצעהן יאָהר אין 1930 זיינען געווען זעכצעהן מיליאָן 398 טויזענט, 400.

די צאָל לעהרער אין דעם זעלבען יאָהר איז געווען 854 טויזענט, 263.

די צאָל שילער אין די פּריוואַטע און רעליגיעזע שולען פאר דעם יאָהר 1928 איז געווען 2 מיליאָן 596 טויזענט, 588.

די צאָל פון סטודענטען אין די קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטען אין די פאר־אייניגטע שטאַאטען פאר דעם יאָהר 1930 איז געווען 971 טויזענט, 584.

די דורכשניטליכע צאָל שילער וואס האָבען טעגליך באזוכט די שולען אין ניו יאָרק אין דעם יאָהר 1932 איז געווען 1 מיליאָן, 1 טויזענט, 394.

דער געהאַלט פון די לעהרער פאר דעם זעלבען יאָהר האָט באטראָפען די סומע פון 121 מיליאָן, 905 טויזענט, 648 דאלאר.

## סטאַטיסטיקע פון הייראַטען און גט'ן און די צאָל קינדער פון די גע'גט'ע פּאָרלאַך

איין מיליאָן, 60 טויזענט און 95 פּאָרלאַך האָבען געהייראט אין די פאראיי־ניגטע שטאַאטען אין דעם יאָהר 1931, און 183 טויזענט, 695 פּאָרלאַך האָבען זיך אין דעם זעלבען יאָהר געגט. די געגטע פּאָרלאַך האָבען צווישען זיך איבער 100 טויזענט קינדער.

אין דעם זעלבען יאָהר האָבען אין ניו יאָרק געהייראט 61 טויזענט, 574 פּאָר־לאַך.

דער גרעסטער פּראָצענט פון גטן ביי פרויען קומט פאָר אין דעם עלטער פון 30 ביז 32 יאָהר, ביי מענער אין דעם עלטער פון 45 ביז 49 יאָהר.

# אמעריקאנער בירגערשאַפט

ווער איז א בירגער אין די פאראייניגטע שטאאטען?
1) געבאָרענע אין די פאראייניגטע שטאאטען.
2) קינדער פון בירגער, אפילו די וואָס ווערען געבאָרען אין אויסלאנד.
3) אויסלענדער וועלכע נעהמען ארויס בירגער פאפירען און ווערען נאטור־ראליזירטע בירגער.

אויסלענדער וואָס קענען קיין בירגער ניט ווערען:
1) א יאפאנעזער און כינעזער און אנדערע פון דער געלער ראסע.
2) אנארכיסטען, וואָס גלויבען ניט אין אָרגאניזירטער רעגירונגס מאכט.
3) פּאָליגאמיסטען, מענשען וואָס זיינען פארהייראט צו צוויי אָדער צו מעהר ווייבער.
4) די וואָס ווילען שטירצען אמעריקאנער רעגירונגס פאָרמע ניט מיט קיין קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען.
5) די וואָס קענען זייער נאָמען ניט אונטערשרייבען.
6) אלערליי סאָרטען פארברעכער.
7) די וואָס קענען ניט דורכמאכען דעם בירגער עקזאמען.

## ווי קען מען ווערען א בירגער

יעדער מאן אָדער פרוי איבער אכצעהן יאָהר אלט וואָס פיהרט זיך אויף אָנשטענדיג און פארברעכט ניט געגען די געזעצען פון לאנד קען ווערען א בירגער נאָכדעם ווי ער האָט געוואוינט אָהן אונטערברעכונג פינף יאָהר נאָכאנאנד אין לאנד און וועהניגסטענס זעקס מאָנאטען אין דער קאונטי וואו ער מאכט זיין פעטישאָן פאר בירגערשאפט.

א פארהייראטע פרוי ווערט ניט קיין בירגער דורך איהר מאנ'ס סיטיזענשיפ. זי האָט אָבער דאָס רעכט צו ווערען א בירגער זעלבסטשטענדיג.

די פרוי פון א בירגער אָדער די פרוי פון א מאן וואָס איז געוואָרען א בירגער נאָך סעפטעמבער 22טען, 1922, קען ווערען א בירגער אָהן די ערשטע פעיפּערס נאָכדעם ווי זי האָט געוואוינט אין לאנד א יאָהר צייט.

דורך דעם וואָס א פרוי הייראט איינעם וואָס איז ניט קיין בירגער פארלירט זי ניט איהר סיטיזענשיפ.

א קינד וואָס זיין געזעצליכער פאָטער איז א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען ווערט אויטאָמאטיש א בירגער פון לאנד אפילו אויב ער איז געבאָרען געוואָרען אין אויסלאנד, אויב זיין פאָטער האָט געוואוינט אין אמעריקע איידער דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען. אום צו קריגען די בירגערשאפט פון לאנד, מוז אזא קינד צום אכצעהנטען יאָהר זיך מעלדען צו דעם אמעריקאנער קאונסיל און ערקלעהרען אז ער וויל פארבלייבען א בירגער פון די פאראייניגטע שטאאטען און אז ער וועט מיט דער צייט ווערען אן איינוואוינער פון לאנד.

א קינד אונטער אכצעהן יאָהר ווערט אויטאָמאטיש א בירגער אפילו ווען ער איז געבאָרען אין אויסלאנד, אויב זיין פאָטער איז א בירגער. די סיטיזענשיפ פון דעם קינד פאנגט זיך אָן דאן ווען ער ווערט א באשטענדיגער איינוואוינער פון די פאראייניגטע שטאאטען.

## ווי צו ווערען א בירגער

(פראגען און אנטוואָרטען)

וואָס איז די דעקלערעישאָן אָוו אינדעפּענדענס, און ווען און וואו איז זי פּארעפענטליכט געוואָרען?

דאָס איז א פּראָקלאמאציע אין וועלכער די אמעריקאנער קאָלאָניסטען האָבען ערקלערט זייער אונאָפּהענגיגקייט פון ענגלאנד. זי איז פארעפענטליכט געוואָרען אין פילאדעלפיא דעם 4טען דזשולײַ 1776.

וואָס פאר א פאָרמע פון רעגירונג האָבען מיר?

א רעפּובליק.

וואָס הייסט א רעפּובליק?

א לאַנד וועמעס באאמטע עס ווערען ערוועהלט פון דעם פאָלק און וועמענס געזעצע ווערען געמאכט פון פאָלקס פארטרעטער.

וואָס איז א מאָנארכי?

א לאַנד וואָס ווערט רעגירט פון א קעניג, א צאר אָדער אן אנדער הערשער, וואָס ווערט ניט ערוועהלט פון פאָלק.

ווער רעגירט אין די פאראייניגטע שטאאטען?

דאָס פאָלק.

וואָס איז דאָס העכסטע געזעץ פון לאַנד?

די קאָנסטיטושאָן.

וואָס איז די קאָנסטיטושאָן פון די פאראייניגטע שטאאטען?

די קאָנסטיטושאָן איז דער פונדאמענטאלער געזעץ דורך וועלכען דאָס לאַנד ווערט רעגירט.

ווי אזוי איז די קאָנסטיטושאָן אָנגענומען געוואָרען?

פון די דעלעגאטען פון די ערשטע קאָלאָניעס.

ווען איז די קאָנסטיטושאָן אָנגענומען געוואָרען?

דעם 17טען סעפּטעמבער 1787 אין פילאדעלפיא.

רעכען אויס די נעמען פון די אָריגינעלע 13 סטעיטס.

מערילענד, ניו העמפּשיער, מאססאטשוזעטס, קאָנעקטיקוט, פּענסילוועיניא, ווירדזשיניא, ניו דזשוירזי, ניו יאָרק, דעלעווער, נאָרטה קאראָלאינא, סאוטה קאראָלאינא, דזשאָרדזשיא און ראוד איילאנד.

ווי קען די קאָנסטיטושאָן אמענדירט ווערען?

אמענדמענטס ווערען געמאכט פון צוויי־דריטעל מיטגלידער פון ביידע הייזער פון קאָנגרעס און זיי מוזען קריגען די צושטימונג פון דריי־פערטעל פון אלע סטייטס.

ווי אזוי איז די קאָנסטיטושאָן צוטהיילט?

אין דריי דעפּארטמענטס: 1) דער געזעצגעבענדער; 2) דער אויספיהרענ־דער, און 3) דער געזעץ־אויסטייטשענדער. דער קאָנגרעס מאכט די געזעצע, דער פּרעזידענט פיהרט דורך די געזעצע און קאָורטס טייטשען אויס די געזעצע.

וואו וואוינט דער פּרעזידענט?

אין וואשינגטאָן, דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא.

אויף ווי לאנג ווערט דער פּרעזידענט ערוועהלט?

אויף פיר יאָהר.

וואָס זיינען זיינע פליכטען?

ער האט די אויפזיכט איבער דער דורכפיהרונג פון די געזעצען. ווען ער געפינט פאר נויטהיג, קען ער צוזאמענרופען די צווי הייזער פון קאנגרעס.

וועלכע מאכט האט דער פרעזידענט?

ער קען וועטאאירען די געזעצע וואס דער קאנגרעס מאכט. ער האט דאס רעכט צו געבען באגנאדיגונג פאר פארברעכען געגען די פאראייניגטע שטאאטען; מיט דער צושטימונג פון סענאט קען ער פיהרען פארהאנדלונגען מיט אנדערע פעלקער און אפאינטען די פארשידענע באאמטע. ער איז אויך דער הויפט קאמאנדיר פון דער ארמיי און פלאטע.

ווי אזוי ווערט דער פרעזידענט ערוועהלט?

דורך דעם אינדירעקטען וואוט פון דעם פאלק, וועלכע דערוועהלען אין יעדען סטייט די עלעקטארס, און די עלעקטארס ערוועהלען דעם פרעזידענט.

ווען קיין איינער פון די קאנדידאטען זאל ניט קריגען קיין מאיאריטעט פון די שטימען פון דעם עלעקטארעל קאלעדזש, ווער וואלט דאן ערוועהלט דעם פרעזידענט?

די האוז אוו רעפרעזענטעטיווס.

וואו איז דער פרעזידענט א פארזיצער?

איבער דעם קאבינעט, וואס באשטעהט פון די סעקרעטערע אוו סטעיט, אוו די טרעזשורי, אוו וואר, נעיווי, אינערען, אגריקולטור, דער אטוירני דזשענעראל, דער פאסטמאסטער דזשענעראל און די סעקרעטערע פון האנדעל און ארבייט.

ווי ווערט דער וויים-פרעזידענט ערוועהלט?

אויף דעם זעלבען אופן ווי דער פרעזידענט.

וואו איז דער וויים-פרעזידענט א פארזיצער?

איבער דעם סענאט.

פון וואס באשטעהט דער דזשודישיעל ברענטש פון דער רעגירונג?

פון די יונאיטעד סטעיטס קאורטס.

וואס זיינען זייערע פליכטען?

זיי טייטשען אויס די קאנסטיטושאן, און גיבען ארויס אורטהיילע אין קעיסעס וואס האבען צו טהאן מיט פעדעראלע געזעצע.

ווער באשטימט די יונאיטעד סטעיטס ריכטער?

דער פרעזידענט אפאינטעד די ריכטער מיט דער צושטימונג פון סענאט אויף א לעבענסלאנגען טערמין.

ווער איז געוועזען דער ערשטער פרעזידענט?

דזשארדזש וואשינגטאן.

ווער איז דער איצטיגער פרעזידענט?

פרענקלין ד. רוזוועלט. זיין טערמין ענדיגט זיך דעם 4טען מארטש 1937. ער איז ערוועהלט געווארען נאוועמבער, 1932.

ווער מאכט די געזעצע פון די פאראייניגטע שטאאטען?

דער קאנגרעס.

ווי אפט מוז זיך דער קאנגרעס צוזאמענקומען?

וועהניגסטענס איין מאל א יאהר, דעם ערשטען מאנטאג אין דעצעמבער.

פון וואס באשטעהט דער קאנגרעס?

פון צווי הייזער: דער סענאט און די האוז אוו רעפרעזענטאטיווס.

ווי אזוי ווערען די קאנגרעשאנאל דיסטריקטען פארמירט?

דער קאנגרעס באשטימט פאר יעדען סטעיט די צאהל פארטרעטער וואס דער

סטעיט איז באַרעכטיגט לויט נאָך דער באַפעלקערונג, און די לעדזשיסלעיטשור צוטהיילט דעם סטייט אויף דיסטריקטען.

ווערען די געזעצע געמאַכט בלויז פון קאָנגרעס?

ניין, דער פּרעזידענט מוז זיי אונטערשרייבען.

מוז דער פּרעזידענט אונטערשרייבען יעדען געזעץ?

ניין. אויב דער פּרעזידענט פאַרהאַלט אַ ביל צעהן טעג צייט און שרייבט עס ניט אונטער און וועטאָאירט עס ניט, ווערט עס אַ געזעץ אָהן זיין חתימה.

קען דער פּרעזידענט ניט דערלאָזען דורכפיהרען אַ ביל?

ער קען דעם ביל וועטאָאירען. דאַן קען דער ביל בלויז דאַן ווערען אַ געזעץ ווען עס געהט דורך דעם קאָנגרעס נאָכאַמאָל מיט אַ צוויי־דריטעל מאַיאָריטעט.

ווער ערוועהלט די סענאַטאָרען?

דאָס פאָלק ערוועהלט צו צוויי סענאַטאָרען פון יעדען סטייט.

וויפיל יונאַיטעד סטעיטס סענאַטאָרס זיינען דאָ?

זעקס און ניינציג.

אויף ווי לאַנג ווערען סענאַטאָרען ערוועהלט?

אויף זעקס יאָהר.

ווי ווערען די מעמבערס פון האוז אָוו רעפּרעזענטאַטיווס ערוועהלט?

דורך דער דירעקטער אָפּשטימונג פון די בירגער פון יעדען שטאַאט.

ווי לאַנג איז זייער טערמין?

צוויי יאָהר.

קען יעדער בירגער ווערען פּרעזידענט?

ניין. ער מוז זיין אַ געבאָרענער אין לאַנד, וועהניגסטענס 35 יאָהר אַלט, און וועהניגסטענס 14 יאָהר אין איינוואוינער פון די פאַראייניגטע שטאַאטען.

אין פאַל פון טויט אָדער אונפעהיגקייט פון דעם פּרעזידענט, ווער נעמט איבער זיינע פליכטען?

דער וויס־פּרעזידענט.

קען אַ פרוי ערוועהלט ווערען פּרעזידענט?

די קאָנסטיטושאָן פאַרבאָט עס ניט.

האָט דער פּרעזידענט עפּעס צו טאָן מיט מאַכען די געזעצע?

ניט דירעקט, אָבער ער קען רעקאָמענדירען געוויסע געזעצע און קען זיי וועטאָאירען.

וואָס האָבען די פעדעראַלע ריכטער צו טאָהן מיט דעם געזעץ?

זיי קענען באַשליסען אויב אַ געזעץ איז קאָנסטיטוציאָנעל.

וואָס איז דער העכסטער קאָורט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען?

דער סופּרים קאָורט אין וואַשינגטאָן.

וויפיל דזשאַדזשעס זיינען דאָ אין דעם יונאַיטעד סטעיטס סופּרים קאָורט?

איין טשיף דזשאַסטיס און אַכט אַסאָשיאייט דזשאַדזשעס.

וואָס איז די פליכט פון אַ בירגער?

צו פאָלגען די געזעצע און פאַרטהיידיגען דאָס לאַנד אין צייט פון קריג.

זיינען דאָ געזעצע אין די פאַראייניגטע שטאַאטען וואָס ווערען ניט געמאַכט אין וואַשינגטאָן?

יאָ, יעדער סטעיט מאַכט זיינע אייגענע געזעצע.

ווער מאַכט די געזעצע?

די לעדזשיסלעיטשור, וואָס באַשטעהט פון אַ סענאַט און אַן אַסעמבלי.

ווי ווערט די לעדזשיסלעיטשור ערוועהלט?

דורך די דירעקטע שטימען פון די בירגער.
ווער איז דער הויפט עקזעקוטיוו באאמטער פון דעם סטעיט?
דער גאווערנאר.
וואס איז די הויפט שטאדט פון דעם סטעיט ניו יארק?
אלבאני.
ווי ווערט דער גאווערנאר ערוועהלט?
דורך די דירעקטע שטימען פון די בירגער?
וואס האט דער גאווערנאר צו טהאן מיט מאכען די געזעצע?
ער שרייבט אונטער די בילס. ער קען זיי אויך וועטאאירען. ווען ער וועטאאירט זיי, קען זיי די לעדזשיסלעיטשור דורכפיהרען מיט א צוויי־דריטעל מאיאריטעט.
אויף ווי לאנג ווערט א סטעיט סענאטאר ערוועהלט אין ניו יארק סטעיט?
אויף צוויי יאהר.
אויף ווי לאנג ווערט אן אסעמבלימאן ערוועהלט אין ניו יארק סטייט?
אויף איין יאהר.
וועלכע שטאאטען גרעניצען זיך מיט ניו יארק סטעיט?
ניו דזשוירזי, פענסילוועניא, קאנעקטיקוט, מאססאטשוזעטס, ווערמאנט און קאנאדא.
ווער מאכט די געזעצע פאר דער שטאדט ניו יארק?
די לעדזשיסלעיטשור אין אלבאני.
האט די שטאדט עפעס צו טאן מיט מאכען די געזעצע?
דער מעיאר קען וועטאאירען די געזעצע וואס ווערען געמאכט פאר דער שטאדט, אבער די לעדזשיסלעיטשור קען זיי דאך דורכפיהרען.
ווער איז אן דער שפיצע פון דער שטאדט רעגירונג?
דער מעיאר, וועלכער ווערט ערוועהלט פאר פיר יאהר. דער איצטיגער מעיאר פון דער שטאדט ניו יארק איז לא גווארדיא.
ווער פיהרט דורך די שטאדט רעגעלן (ארדינענסעס) וועגען פראגען וועלכע ווערען ניט פארהאנדעלט אין דער סטעיט לעדזשיסלעיטשור?
די באארד אוו אלדערמען.

## פאספארט רעגעלען

דער סעקרעטערי אוו סטעיט קען ארויסגעבען פאספארטען, און אונטער זיין רשות קענען אויך ארויסגעגעבען פאספארטען די אמעריקאנער קאונסילס אין אנדערע לענדער.

פאספארטען קענען ארויסגעגעבען ווערען צו איינגעבארענע בירגער און צו די וואס זיינען געווארען בירגער. א קאונסיל קען ניט ארויסגעבען קיין פאספארט צו א נאטוראליזירטען בירגער נאכדעם ווי ער האט געוואוינט צוויי יאהר אין דעם לאנד פון וועלכען ער איז לכתחילה געקומען אדער אויב ער האט געוואוינט פינף יאהר אין וועלכען עס איז אנדער לאנד אויסער די פאראייניגטע שטאאטען.

דער קאונסיל קען אויך ניט ארויסגעבען קיין פאספארט צו מענשען וועלכע קלעימען צו זיין בירגער פון לאנד, אבער זייער בירגערשאפט איז ניט באשטעטיגט געווארען.

די סומע פון ניין דאלאר מוז איינגעצאלט ווערען ווען דער אפליקעישאן פאר א פאספארט ווערט געמאכט. דער אפליקאנט מוז אויך צושטעלען צוויי בילדער

פון זיך אויף א פאָרמאַט ניט גרעסער ווי דריי אינטשעס לאַנג און דריי ברייט.
אויב ער איז א געבאָרענער בירגער מוז ער ברייגגען זיין געבורטס סערטיפיקעיט.
אויב ער איז א נאַטוראַליזירטער בירגער, מוז ער ברייגגען זיינע בירגער פאַפירען.
די אַפּליקעישאָן מוז אויך אונטערגעשריבען ווערען פון אן עדות.

א פּאַספּאָרט גילט צוויי יאָהר צייט און קען באַנייט ווערען נאָך אויף צוויי יאָהר ווען מען צאָלט איין פינף דאָלאַר.

ווען א ניט בירגער וויל מאַכען א רייזע קיין אייראָפּא, מוז ער ברייגגען זיין אינקאָם טעקס רעסיט אָדער א סערטיפיקעיט אָוו עקזעמפּשאָן, אַז ער דאַרף ניט צאָהלען קיין איינקונפט טעקס. אום צו קענען קומען צוריק, מוז ער ארויסקריגען א רעטורן פּערמיט פון דעם דעפּאַרטמענט אָוו לעיבאָר איידער ער פאָרט ארויס פון די פאַראייניגטע שטאַאטען.

דער פּאַספּאָרט אָפיס אין ניו יאָרק געפינט זיך אין דער סאָב-טרעזשורי געביידע אויף דעם קאָרנער נעסאָו און וואָל סטריט.

## אימיגרעישאָן געזעצען

לויט נאָך דעם לעצטען אימיגרעישאָן געזעץ, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין דזשולי, 1929, איז די יעהרליכע אימיגראַציאָנס קוואָטא 153,714. דער הויפּט קאונסיל אין יעדען לאַנד איז דער בעאַמטער וואָס האָט צו זאָגען איבער דער קוואָטא פון אימיגראַנטען אין יעדען לאַנד.

### אימיגראַנטען וואָס קומען ניט אונטער דער קוואָטא

די פאָלגענדע אימיגראַנטען קענען אריינקומען אויסערהאַלב די קוואָטא: אַן אונפאַרהייראַטע קינד פון א בירגער אונטער 21 יאָהר; די פרוי פון א בירגער אָדער דער מאַן פון א בירגער וועלכע האָבען געהייראַט פאַר דעם ערשטען יוני 1928.

אַן אימיגראַנט וועלכער האָט געזעצליך געוואוינט אין לאַנד און איז געפאָרען אין אויסלאַנד אויף א צייטווייליגער רייזע.

אַן אימיגראַנט וועלכער האָט ווייניגסטענס צוויי יאָהר פאַר אימיגרירען פּראַקטיצירט די פּראָפעסיע פון א גייסטליכען אָדער אַלס פּראָפעסאָר און ער קומט אין אַמעריקע מיט דער אויסשליסליכער אבזיכט פאָרצוזעצען די זעלבע קאַריערע. ער און זיין פרוי און זיינע אונפאַרהייראַטע קינדער אונטער 18 יאָהר קענען אריינקומען אויסער דער קוואָטא.

א סטודענט איבער 15 יאָהר וועלכער וויל קומען אין אַמעריקע שטודירען אין אַן אַנערקענטער שולע.

די פאָלגענדע זיינען אין גאַנצען אויסגעשלאָסען פון אריינקומען אין די פאַראייניגטע שטאַאטען:

אידיאָטען, שוואַכזיניגע מענשען, משוגעים וואָס האָבען געליטען פון אַן אָנפאַל פון משוגעת, ביגאַמיסטען, כראָנישע אַלקאָהאָליסטען, פּראָפעסיאָנעלע בעטלער, די וואָס ליידען פון דער פאַלענדער קראַנקהייט, פון טובערקולאָזיס אָדער וועלכער עס איז אַנדער אַנשטעקענדער קראַנקהייט, אויך אַלע די וואָס זיינען דורך א פיזישען אָדער גייסטיגען חסרון אונפעהיג צו מאַכען א לעבען, און מענשען וואָס זיינען באַגאַנגען א פאַרברעכען.

עס זיינען אויך אויסגעשלאָסען אַנאַרכיסטען און די וואָס פּראָפּאַגאַנדירען פאַר דעם אומשטורץ פון רעגירונגען דורך גוואַלד.

ארבייטער וואָס זיינען אריינגעקומען דורך אַן אָפּמאַך מיט באַלעבאַטים סיי דורך א קאָנטראַקט און סיי דורך אדוועטאַיזען אָדער צוריידען.

אַן אימיגראַנט וואָס איז אריינגעקומען אין לאַנד און איז ניט באַרעכטיגט צו אימיגראַציע לויט דעם געזעץ פון 1924, קען אונטער יעדער צייט צוריקגעשיקט ווערן.

## דער מאָנראָ דאָקטרין

אין אָנפאַנג פון ניינצענטען יאָרהונדערט האָט זיך אין אייראָפּא געגרינדעט די זאָגענאַנטע „הייליגע אַליאַנץ".

דער „הייליגער דרייבונד" האָט זיך אָנגעפאַנגען גרייטען צו העלפען שפּאַניען אונטערדריקען איהרע קאָלאָניעס אין זיד אמעריקא וועלכע האָבען אָנגעהויבען רעוואָלטירען געגען איהר.

אין דער צייט, אין 1823, האָט דער דאַמאַלסדיגער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאטען, דזשיימס מאָנראָ, געמאַכט זיין באַרימטע ערקלעהרונג, וועלכע איז פאַרבליבען אין דער געשיכטע אַלס די „מאָנראָ דאָקטרין". אין דער ערקלערונג זאָגט מאָנראָ, אַז וועלכער עס איז פּאַרזוך פון די אייראָפּעאישע מעכטע צו אונטערדריקען די לענדער פון זיד אַמעריקא אָדער קאָנטראָלירען זייער עקזיסטענץ וועט באַטראַכט ווערען אַלס אַן אונפריינדליכע טהאַט געגען די פאַראייניגטע שטאַאטען. ער האָט ווייטער ערקלעהרט, אַז די אַמעריקאַנער קאָנטינענטען זיינען פריי און אונאָבהענגיג און אַז זיי וועלען אין דער צוקונפט ניט דערלאָזען אַז די אייראָפּעאישע מעכטע זאָלען שאַפען קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט.

## מייסאָן און דיקסאָן ליניע

מייסאָן און דיקסאָן זיינען געווען צוויי אינזשינירען וועמען מען האָט איבערגעגעבען אַ לאַנד סכסוך צווישען מערילענד און פּענסילווייניאַ. אין 1767 האָבען זיי אויסגעמאָסטען דאָס לאַנד און געשאַפען אַ גרעניץ צווישען די צוויי קאָלאָניעס. דער גרעניץ איז נאָכדעם געוואָרען פּאָפּולער ניט נאָר צווישען די צוויי שטאַאטען, נאָר צווישען די נאָרטה און די סאַוטה אין אַלגעמיין. איצט, ווען מען זאָגט נאָרטה פון די מייסאָן און דיקסאָן ליין, מיינט מען אַלע נאָרדליכע שטאַאטען, און ווען מען רעדט וועגען סאַוטה פון די מייסאָן און דיקסאָן ליין, מיינט מען די זידליכע שטאַאטען.

## קאָלאָניעס אונטער דעם שוץ פון די פאַראייניגטע שטאַאטען

אין דעם יאָהר 1898 האָבען זיך די האַוואיען אינזלען, וועלכע געפינען זיך אין דעם פּאַסיפישען אָקעאַן פרייוויליג אָנגעשלאָסען אָן די פאַראייניגטע שטאַאטען.

אין דעם זעלבען יאָהר האָבען די פאַראייניגטע שטאַאטען באַזיגט שפּאַניען און דורך אַ פאַרהאַנדלונג באַצאָלט צו שפּאַניען די סומע פון צוואַנציג מיליאָן דאָלאַר פאַר אַלע איהרע רעכטע אין פּאָרטאָ ריקאָ, גוואַם און די פיליפּינען אינזלען.

אין 1917 האָבען די פאַראייניגטע שטאַאטען אָפּגעקויפט די אינזלען סט. קראָי, סט. טאָמאַס און סט. דזשאַן, וועלכע געפינען זיך אין די וואַסערען צו דרום פון די פאַראייניגטע שטאַאטען.

## דער וואָלסטעד געזעץ און זיין אָפּשאַפונג

ביז דעם יאָהר 1919 איז די פראַגע פון אַלקאָהאָל געטראַנקען אין גאַנצען איבערגעלאָזען געוואָרען צו די באַזונדערע סטעיטס צו האַנדלען ווי זיי ווילען.

28 סטעיטס האָבען שוין געהאַט דורכגעפיהרט געזעצען וואָס האָבען פאַרבאָטען דעם האַנדעל מיט שנאַפּס.

דער אכצענטער אמענדמענט, וועלכער האָט פאַרבאָטען דעם האַנדעל מיט אַלקאָהאָל געטראַנקען אין לאַנד, איז ראַטיפיצירט געוואָרען פון 46 סטעיטס לעדזשיסלעיטשורס, און אין אָקטאָבער 1919 איז אין קאָנגרעס דורכגעגאַנגען דער וואָלסטעד געזעץ וועלכער האָט פאַרבאָטען אַלע געטראַנקען וואָס האָבען געהאַט אין זיך א האַלבען פּראָצענט אַלקאָהאָל.

דאָס האָט געשאַפען א ריזיגע מחנה „בוטלעגערס", „טריפה שנאַפּס הענדלער", און אויך „האַיידזשעקערס". דאָס זיינען געווען באַנדיטען, וואָס פלעגען באַפאַלען די בוטלעגערס און צונעמען פון זיי די שנאַפּס, ווייסענדיג אַז זיי וועלען זיך ניט ווענדען צו דער רעגירונג נאָך פּראָטעקציע.

אום דורכצופיהרען דעם געזעץ האָט זיך גענויטיגט א גאַנצע אַרמיי מיט רעגירונגס אַגענטען און שפּיאָנען. אין איין יאָהר בלויז איז פאַרכאַפּט געוואָרען צוואַנציג מיליאָן גאַלאָן שנאַפּס, וויין און ביער, 77 טויזענד מענשען זיינען אַרעסטירט געוואָרען, און 38 טויזענד מענשען זיינען פאַר'משפט געוואָרען צו פאַרשידענע שטראַפען.

מיט דער אויסנאַהמע פון א קליינער צאָהל פאַנאַטיקער האָבען אַלע איינגעזעהן אַז דער פּראָהיבישאָן געזעץ איז א פאָלקאָמענער דורכפאַל, און אַז צוליב איהם ווערען געשאַפען טויזענדער פאַרברעכער.

צווישען פעברואַר און אַפּריל 1933 איז דער 21טער אמענדמענט דורכגע־גאַנגען דעם סענאַט און רעפּרעזענטאַנטען הויז און איז איבערגעגעבען געוואָרען צו די סטעיטס פאַר אָפּשטימונג. דעם 7טען נאָוועמבער 1933 האָבען שוין 36 פון די 48 סטעיטס אָפּגעשטימט פאַר דעם 21טען אמענדמענט, וועלכער וואַרפט אום דעם 18טען אמענדמענט.

## די באַשיצונג פון די רעכטע פון פאַרפאַסער און ערפינדער

### פאַרפאַסער

יעדער פאַרפאַסער פון א ווערק קען זיך באַשיצען געגען נאָכדרוק ווען ער רעדזשיסטרירט זיין ווערק אין דעם קאָפּיראַיט אָפיס. אום צו רעדזשיסטרירען א ווערק, דאַרף דער פאַרפאַסער אריינשיקען צוויי קאָפּיעס צו דעם קאָפּיראַיט אָפיס מיט אַן אַפידעיוויט און צוויי דאָלאַר.

ווען א פאַרפאַסער רעדזשיסטרירט זיין ווערק, קריגט ער די פּראָטעקציע פון דער רעגירונג פאַר א טערמין פון 28 יאָהר. א יאָהר איידער עס ענדיגט זיך דער טערמין קען דער פאַרפאַסער אָדער זיינע יורשים באַנייען זיין אויסשליסליכען רעכט צו דעם ווערק אויף נאָך 28 יאָהר.

די פאַראייניגטע שטאַאַטען האָבען קאָפּיראַיט פאַרבינדונגען און פאַרפליכ־טונגען מיט פילע אַנדערע לענדער.

### ערפינדער

אַן ערפינדער קען באַשיצען זיינע רעכטע ווען ער מאַכט אַן אַפּליקעישאָן צו דעם יונאַיטעד סטעיטס פּעטענט אָפיס נאָך א פּעטענט. אין דעם אַפּליקעישאָן מוז ער געבען א פאָלקאָמענע באַשרייבונג פון זיין ערפינדונג. אויב די ערפינדונג איז א מאַשין, מוז דער ערפינדער צושיקען מיט דער אַפּליקעישאָן א פּלאַן פון דער מאַשין.

פּעטענטס ווערען ארויסגעגעבען נאָך פאַר ניצליכע ערפינדונגען.
ווען אן ערפינדער נעמט ארויס א פּעטענט אויף אן ערפינדונג, טאָר קיינער ניט מאנופעקטשורען אָדער פארקויפען דעם ארטיקעל אָן זיין ערלויבעניש, פאַר אזוי פיל יאָהר וויפיל דער פּעטענט איז ארויסגעגעבען געוואָרען.

## דער סמיטסאָניען אינסטיטושאָן

דער סמיטסאָניען אינסטיטושאָן איז דער נאַציאָנאַלער מוזעאום פון אמעריקע. ער געפינט זיך אין וואשינגטאָן און ענטהאַלט א גרויסען אוצר פון ביכער און זעלטענע ארטיקלען. די ביבליאָטעק פון דעם סמיטסאָניען אינסטיטושאָן איז פארבונדען מיט דער ריזיגער קאָנגרעשאָנעל לייבררי און האָט זיבען הונדערט טויזענד וויסענשאַפטליכע ביכער. דער אנשטאַלט גיט ארויס א סך וויסענשאַפטליכע צייטשריפטען וועלכע ווערען פריי צוטהיילט צווישען ביבליאָטעקען און וויסענשאַפטליכע געזעלשאַפטען.

## דער וואשינגטאָן מאָנומענט

איינער פון די אינטערעסאנטסטע מאָנומענטען אין דער וועלט איז דער וואשינגטאָן מאָנומענט אין וואשינגטאָן. דער מאָנומענט איז 555 פוס הויך און איז אין גאנצען פון מארמור. טויזענדער מענשען קומען אָנקוקען דעם מאָנומענט און באקוקען די שטאָדט וואשינגטאָן פון דעם שפּיץ פון מאָנומענט וועלכע ליגט אויסגעלייגט ווי א לאַנד קאַרטע. אן עלעוועיטאָר פיהרט די באזוכער ארויף. עס זיינען אויך דאָ 998 טרעפּ אויף ארויפצוגעהן.

## דער לינקאָלן דענקמאל

אין 1922 איז אויפגעשטעלט געוואָרען א דריי מיליאָן דאָלארדיגער דענקמאל צו אייבראהאם לינקאָלן. דער דענקמאָל איז פון מארמור און גראניט און שטעלט פאָר אין „בארעלי" די באפרייאונג פון די שקלאַפען. פון פאָרענט פון דער געביידע איז דאָ א ריזיגע סטאַטוע פון דעם אונשטערבליכען פּרעזידענט.

## די סאַראַטאָגאַ קוואלען

אין סאַראַטאָגא, ניו יאָרק, געפינען זיך א צאָהל וואסער־קוואלען וואָס ענטהאַלטען אין זיך פארשידענע מינעראלען און וועלכע ווערען געניצט צום טרינקען און צום באָדען זיך אלס א רפואה פאַר געוויסע קראנקהייטען. די רעגירונג פון ניו יאָרק סטעיט האָט אָפּגעקויפט דעם פּלאַץ און האָט אויסגעבויט גרויסע באָד־הייזער וועלכע ווערען געניצט פון טויזענדער מענשען וואָס קומען אהין קורירען זיך.

# געזעצליכע יום טובים אין אמעריקא

יאנואר 1—ניי־יאָהר—א געזעצליכער יום־טוב אין אלע שטאַאטען.
פעברואר 12—לינקאָלנ'ס געבורטסטאָג. געזעצליכער יום טוב אין די פאָלגענדע שטאַאטען: קאַליפאָרניא, קאָלאָראדאָ, קאָנעקטיקוט, דעלעווער, אילינאָיס, אייאָווא, אינדיאנא, קענזעס, מישיגען, מינעסאָטא, מאָנטאנא, נעוואדא, ניו דזשוירזי, ניו יאָרק, נאָרטה דאקאָטא, פּענסילוועיניא, סאוטה דאקאָטא, יוטא, וואשינגטאָן, וועסט ווירדזשיניא און וואיאָמינג.
פעברואר 22—וואשינגטאָנ'ס געבורטסטאָג אין אלע שטאַאטען.
מאי 30—מעמאָריאל דעי (דעקאָרעישאָן דעי). געזעצליך אין אלע שטאַאטען אויסער פלאָרידא, דזשאָרדזשיא, לואיזיאנא, מיסיסיפּי, נאָרטה קאראָלאינא, סאוטה קאראָלאינא, טענעסי און טעקסעס.

יולי 4—אינדעפּענדענס דעי אין אלע שטאַאטען.

ערשטער מאָנטאג אין סעפּטעמבער—לעיבאָר דעי. (אין די פיליפּינען איז לעיבאָר דעי דעם ערשטען מאי, דער טאָג ווען די סאָציאַליסטען און פּאָרטגעשריטענע ארבייטער פון אייראָפּא פייערען דעם ארבייטער יום טוב...)

אָקטאָבער 12—קאָלומבוס טאָג אין די פאָלגענדע סטעיטס: קאליפאָרניא, קאָלאָראדאָ, קאָנעקטיקוט, אילינאָיס, מערילענד, מאסאטשוזעטס, מישיגען, מיזורי, מאָנטאַנא, ניו דזשוירזי, ניו יאָרק, פּענסילווייניא און ראָוד איילאנד.

דינסטאָג נאָך דעם ערשטען מאָנטאג אין נאָוועמבער—עלעקשאָן טאָג אין פילע שטאַאטען.

אין נאָוועמבער דעם לעצטען דאָנערשטאַג—טהענקסגיווינג דעי. געזעצליך אין אלע שטאַאטען.

דעצעמבער 25—קריסטמאס (ווייינאכט) אין אלע שטאַאטען.

---

## די באַפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאַאטען (1930 צענזוס)
### לויט די יאָהרען

| אונטער 5 יאָהר | צווישען 5־9 יאָהר | צווישען 10־14 יאָהר | צווישען 15־19 יאָהר |
|---|---|---|---|
| 11,444,390 | 12,607,609 | 12,004,877 | 11,552,115 |

| צווישען 20־24 יאָהר | צווישען 25־29 יאָהר | צווישען 30־34 יאָהר | צווישען 35־44 יאָהר |
|---|---|---|---|
| 10,870,378 | 9,833,668 | 9,120,421 | 17,198,840 |

| צווישען 45־54 יאָהר | צווישען 55־64 יאָהר | צווישען 65־74 יאָהר | 75 יאָהר און העכער | אומבאוואוסט |
|---|---|---|---|---|
| 13,018,083 | 8,396,898 | 4,720,609 | 1,913,196 | 94,022 |

אין דער צייט ווען די דערוואקסענע באפעלקערונג האָט אין 1930 געציינט א צואוואוקס פון 16.1 פּראָצענט אין פארגלייך מיט 1920, האָט די צאָהל פון קינדער אונטער 5 יאָהר געציינט א פארמינדערונג; אין 1920 איז די צאָהל קינדער אונטער 5 יאָהר געוועזן 11,573,230, און אין 1930 נאָר 11,444,390, ד. ה. מיט 128,840 וועהניגער.

## פאמיליען אין די פאראייניגטע שטאַאטען (1930 צענזוס)

| פאמיליען, וועלכע באשטעהען פון | אלע קלאסען פאמיליען | ווייסע אמעריקאנער | ווייסע, געבאָרען אין אויסלאנד | נעגער פאמיליען |
|---|---|---|---|---|
| 1 פּערזאָן | 2,357,463 | 1,537,193 | 436,214 | 338,114 |
| 2 פּערזאָן | 6,982,835 | 5,056,897 | 1,126,051 | 739,812 |
| 3 פּערזאָן | 6,226,519 | 4,606,372 | 1,061,617 | 500,990 |
| 4 פּערזאָן | 5,234,696 | 3,787,696 | 1,030,380 | 361,880 |
| 5 פּערזאָן | 3,574,362 | 2,479,570 | 780,249 | 265,136 |
| 6 פּערזאָן | 2,273,300 | 1,514,586 | 523,838 | 193,720 |
| 7 פּערזאָן | 1,393,356 | 892,313 | 328,553 | 141,149 |
| 8 פּערזאָן | 842,669 | 518,376 | 202,093 | 99,800 |
| 9 פּערזאָן | 493,174 | 291,999 | 118,872 | 67,607 |
| 10 פּערזאָן | 272,068 | 153,564 | 66,198 | 43,573 |
| 11 פּערזאָן | 138,816 | 74,163 | 34,567 | 25,411 |
| 12 פּערזאָן און מער | 115,405 | 56,074 | 27,859 | 26,564 |

## די באפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, לויט אָפיציעלע צענזוסען

| נאָמען פון שטאַאט | 1790 | 1820 | 1850 | 1880 | 1910 | 1930 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אלאבאמא | ....... | 127,901 | 771,623 | 1,262,505 | 2,138,093 | 2,646,248 |
| אריזאָנא | ....... | ....... | ....... | 40,440 | 204,354 | 435,574 |
| ארקענסא | ....... | 14,273 | 209 897 | 802,525 | 1,574,449 | 1,854,482 |
| קאליפאָרניא | ....... | ....... | 92,597 | 864,694 | 2,377,549 | 5,677,251 |
| קאָלאָראדאָ | ....... | ....... | ....... | 194,327 | 799,024 | 1,035,791 |
| קאָנעקטיקוט | 237,946 | 275,248 | 370,792 | 622,700 | 1,114,756 | 1,606,903 |
| דעלווער | 59,096 | 72,749 | 91,542 | 146,608 | 202,322 | 238,380 |
| דיסט. אָוו קאָלאָמביא | ....... | 33,039 | 51,687 | 177,624 | 331,069 | 486,869 |
| פלאָרידא | ....... | ....... | 87,445 | 269,493 | 752,619 | 1,468,211 |
| דזשאָרדזשיא | 82,548 | 340,989 | 906,185 | 1,542,180 | 2,609,121 | 2,908,506 |
| איידעהאָ | ....... | ....... | ....... | 32,610 | 325,594 | 445,082 |
| אילינאָיס | ....... | 55,211 | 851,470 | 3,077,871 | 5,638,591 | 7,630,654 |
| אינדיאנא | ....... | 147,178 | 988,416 | 1,978,301 | 2,700,876 | 3,238,503 |
| אייאָווא | ....... | ....... | 192,214 | 1,624,615 | 2,224,771 | 2,470,939 |
| קענזעס | ....... | ....... | ....... | 996.096 | 1,690,949 | 1,880,999 |
| קענטאָקי | 73,677 | 564,317 | 982,405 | 1,648,690 | 2,289,905 | 2,614,589 |
| לואיזיאנא | ....... | 153,407 | 517,762 | 939,946 | 1,656,388 | 2,101,593 |
| מעין | 96,540 | 298,335 | 583,169 | 648,936 | 742,371 | 797,423 |
| מערילענד | 319,728 | 407,350 | 583,034 | 934,943 | 1,295,346 | 1,631,526 |
| מאסאטשוזעטס | 378,787 | 523,287 | 994,514 | 1,783,085 | 3,366,416 | 4,249,614 |
| מישיגען | ....... | 8,896 | 397,654 | 1,636,937 | 2,810,173 | 4,842,325 |
| מינעסאָטא | ....... | ....... | 6,077 | 780,773 | 1,751,394 | 2,563,953 |
| מיסיסיפי | ....... | 75,448 | 606,526 | 1,131,597 | 1,797,114 | 2,009,821 |
| מיזורי | ....... | 66,586 | 682,044 | 2,168,380 | 3,293,335 | 3,629,367 |
| מאָנטאנא | ....... | ....... | ....... | 39,159 | 376,053 | 537,606 |

# די באַפעלקערונג פון די פאראייניגטע שטאַאטען, לויט אָפיציעלע צענזוסען

| נאָמען פון שטאאט | 1790 | 1820 | 1850 | 1880 | 1910 | 1930 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| נעבראסקא | ....... | ....... | ....... | 454,402 | 1,192,214 | 1,377,963 |
| נעוואדא | ....... | ....... | ....... | 62,206 | 81,875 | 91,058 |
| ניו העמפשייר | 141,885 | 244,161 | 317,976 | 346,991 | 430,572 | 465,293 |
| ניו דזשוירזי | 184,139 | 277,575 | 489,555 | 1,131,116 | 2,537,167 | 4,041,334 |
| ניו מעקסיקאָ | ....... | ....... | 61,547 | 119,565 | 327,301 | 423,317 |
| ניו יאָרק | 340,120 | 1,372,812 | 3,097,394 | 5,082,871 | 9,113,614 | 12,588,066 |
| נאָרטה קאראָלאינא | 393,751 | 638,829 | 869,039 | 1,395,750 | 2,206,287 | 3,170,276 |
| נאָרטה דאקאָטא | ....... | ....... | ....... | ....... | 577,056 | 680,845 |
| אָהאיאָ | ....... | 581,434 | 1,980,329 | 3,198,062 | 4,767,121 | 6,646,697 |
| אָקלאהאָמא | ....... | ....... | ....... | ....... | 1,657,155 | 2,396,040 |
| אָרעגאָן | ....... | ....... | 13,294 | 174,768 | 672,765 | 953,786 |
| פענסילוועניא | 434,373 | 1,049,458 | 2,311,786 | 4,282,891 | 7,665,111 | 9,631,350 |
| רהאָד איילאנד | 68,825 | 83,059 | 147,545 | 276,531 | 542,610 | 687,497 |
| סאוטה קאראלאינא | 249,073 | 502,741 | 668,507 | 995,577 | 1,515,400 | 1,738,765 |
| סאוטה דאקאָטא | ....... | ....... | ....... | 135,177 | 583,888 | 692,849 |
| טענעסי | 35,691 | 422,823 | 1,002,717 | 1,542,359 | 2,184,789 | 2,616,556 |
| טעקסעס | ....... | ....... | 212,592 | 1,591,749 | 3,896,542 | 5,824,715 |
| יוטאה | ....... | ....... | 11,380 | 143,963 | 373,351 | 507,847 |
| ווערמאָנט | 85,425 | 235,981 | 314,120 | 323,286 | 355,956 | 359,611 |
| ווירדזשיניא | 747,610 | 1,065,366 | 1,421,661 | 1,512,565 | 2,061,612 | 2,421,851 |
| וואשינגטאָן | ....... | ....... | ....... | 75,116 | 1,141,990 | 1,563,396 |
| וועסט ווירדזשיניא | ....... | ....... | ....... | 618,457 | 1,221,119 | 1,729,205 |
| וויסקאָנסין | ....... | ....... | 305,391 | 1,315,497 | 2,333,860 | 2,939,006 |
| וואיאָמינג | ....... | ....... | ....... | 20,789 | 145,965 | 225,565 |
| צוזאמען אין די פאר. שטאַאטען | 3,929,214 | 9,638,453 | 23,191,876 | 50,155,783 | 91,972,266 | 122,775,046 |

# די באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַאטען
## אין שטעדט פון העכער 100,000

| שטאַאט | ווייבער געשלעכט | מענער געשלעכט | שטאַאט | ווייבער געשלעכט | מענער געשלעכט |
|---|---|---|---|---|---|
| עקראָן, אָהיאָ | 125,011 | 130,029 | ניו אָרליענס, לא. | 239,512 | 219,250 |
| אָלבאני, נ. י. | 65,465 | 61,947 | ניו יאָרק, נ. י. | 3,457,490 | 3,472,956 |
| אטלאנטא, דזש. | 143,873 | 126,493 | בראנקס, נ. י. | 634,745 | 630,513 |
| באלטימאָר, מד. | 408,986 | 395,888 | ברוקלין, נ. י. | 1,276,824 | 1,283,577 |
| בירמינגהאם, אלא. | 133,823 | 125,855 | מאנהעטען, נ. י. | 927,960 | 939,352 |
| באָסטאָן, מאס. | 397,734 | 383,454 | קווינס, נ. י. | 541,712 | 537,417 |
| ברידזשפאָרט, קאָנ. | 73,655 | 73,061 | ריטשמאָנד, נ. י | 76,240 | 82,097 |
| באָפאלא, נ. י. | 286,616 | 284,460 | נאָרפאָלק, ווירדזש. | 64,661 | 65,049 |
| קעמברידזש, מאס. | 59,630 | 54,013 | אָוקלענד, קאָל. | 141,629 | 142,434 |
| קעמדען, נ. דזש. | 59,258 | 59,442 | אקלאהאמא סיטי, קענ | 91,638 | 93,751 |
| טשאטאנוגא, טענ. | 61,866 | 57,932 | אמאהא, נעב. | 108,110 | 105,896 |
| שיקאגא, איל. | 1,665,775 | 1,710,663 | פעטערסאָן, נ. דזש. | 69,335 | 69,178 |
| סינסינעטי, אָהיאָ | 232,165 | 218,995 | פיערא, איל. | 52,457 | 52,512 |
| קליוולאנד, אָהיאָ | 443,573 | 456,856 | פילאדעלפיא, פא. | 982,680 | 968,281 |
| דעלעס, טעקסעס | 134,404 | 126,071 | פיטסבורג, פא. | 337,241 | 332,576 |
| דעיטאָן, אָהיאָ | 101,160 | 99,822 | פאָרטלאנד, אר. | 151,321 | 150,494 |
| דענווער, קאָל. | 147,989 | 139,872 | פראָווידענס, ר. אי. | 131,754 | 121,227 |
| דעטראָיט, מיש. | 746,742 | 821,920 | רעדינג, פא. | 56,616 | 54,555 |
| עליזאבעט, נ. דזש. | 56,241 | 58,348 | ריטשמאָנד, ווא. | 97,214 | 85,715 |
| אירי, פא. | 58,455 | 57,512 | ראטשעסטער, נ. י. | 167,871 | 160,261 |
| פאָל ריווער, מאס. | 60,142 | 55,132 | סט. לואיס, מא. | 420,254 | 401,706 |
| פלינט, מיש. | 74,595 | 81,897 | סט. פאול, מינ. | 140,036 | 131,570 |
| פאָרט ווין, טעק. | 58,676 | 56,270 | סאָלט לייק סיטי, יו | 71,234 | 69,033 |
| פאָרט וואָרטה, טעק. | 83,432 | 80,015 | סאן אנטאָניא, טעק. | 117,866 | 113,676 |
| גערי, אינד. | 45,833 | 54,593 | סאן דיעגא, קאל. | 73,705 | 74,290 |
| גרענד רעפידס, מיש. | 86,252 | 83,340 | סאן פראנציסקא, קאל | 296,361 | 338,033 |
| הארטפאָרד, קאָנ. | 84,057 | 80,015 | סקרענטאָן, פא. | 73,372 | 70,061 |
| האוסטאָן, טעק. | 146,390 | 145,962 | סיאטל וואשינגטאָן | 179,500 | 186,083 |
| אינדיאנאפאָלים, אינד | 187,514 | 176,647 | סאמערוויל, מאס. | 53,843 | 50,065 |
| דזשענקסאָנוויל, מיש. | 67,531 | 62,018 | סאוט בענד, אינ. | 51,638 | 52,555 |
| דזשוירזי סיטי, נ. זש | 157,400 | 159,315 | ספאקיין, וואש. | 57,698 | 57,816 |
| קענזעס סיטי | 60,990 | 60,867 | ספרינגפילד, מאס. | 77,212 | 72,688 |
| קענזעס סיטי, מא. | 205,204 | 194,542 | סיראקיוז, נ. י. | 105,646 | 103,680 |
| קנאקסוויל, טענ. | 54,829 | 50,973 | טאקאָמא, וואש. | 52,662 | 54,154 |
| לאָנג ביטש, קאל. | 73,776 | 68,256 | טעמפא, פלא. | 51,414 | 49,747 |
| לאָס אנדזשעלעס, ק. | 627,670 | 610,678 | טאָלידאָ, אָהיאָ | 143,027 | 147,691 |
| לואיסוויל, קענ. | 159,661 | 148,084 | טרענטאָן, נ. דזש. | 61,418 | 61,938 |
| מעמפיס, טענ. | 132,562 | 120,581 | טולסא, אָקל. | 71,114 | 70,114 |
| מיאמי, פלא. | 56,008 | 54,629 | יוטיקא, נ. י. | 52,551 | 49,189 |
| מילוואָקי, ווים. | 287,601 | 290,648 | וואשינגטאָן, ד. ס. | 254,986 | 231,883 |
| מינעאפאָלים, מינ. | 238,809 | 225,547 | וויטשיטא, קענ. | 56,936 | 54,174 |
| נעשוויל, טענ. | 81,921 | 71,945 | ווילמינגטאָן, דעל. | 53,300 | 53,297 |
| נואַרק, נ. דזש. | 218,574 | 223,763 | וואָרטשעסטער, מאס. | 99,823 | 95,488 |
| ניו בעדפאָרד, קאָנ. | 58,460 | 54,173 | יאָנקערס, נ. י. | 67,819 | 66,827 |
| ניו הייווען, קאָנ. | 83,106 | 79,549 | יאָנגסטאון, אָהיאָ | 82,263 | 86,793 |

# די אמעריקאנער פרעזידענטן

| נאָמען | פארטיי | געבאָרן | אינאָגורירט | געשטאָרבן | אין עלטער |
|---|---|---|---|---|---|
| 1. דזשאָרזש וואשינגטאָן | פעדעראל, ווירדזשיניא | פעב. 22, 1732 | 1789 | דעצ. 1799 | 67 |
| 2. דזשאהן אדאמס | פעדעראל, מאסאטשוזעטס | אָקט. 30, 1735 | 1797 | יולי 1862 | 90 |
| 3. טאָמאס דזשעפערסאָן | רעפּ. דעמ., ווירדזשיניא | אפּר. 13, 1743 | 1801 | יולי 1826 | 83 |
| 4. דזשיימס מעדיסאָן | רעפּ. דעמ., ווירדזשיניא | מאר. 16, 1751 | 1809 | יוני 1836 | 85 |
| 5. דזשיימס מאָנראָ | רעפּ. דעמ., ווירדזשיניא | אפּר. 28, 1758 | 1817 | יולי 1831 | 73 |
| 6. דזשאהן קווינסי אדאמס | רעפּ.־דעמ., מאסאטשוזעטס | יולי 11, 1767 | 1825 | פעב. 1848 | 80 |
| 7. ענדריו דזשעקסאָן | דעמאָקראט, נאָר. קאר. | מאר. 15, 1767 | 1829 | יוני 1845 | 78 |
| 8. מארטין וואן ביורען | דעמאָקראט, ניו יאָרק | דעצ. 5, 1782 | 1837 | יולי 1862 | 79 |
| 9. וויליאם הענרי העריסאָן | וויג, ווירדזשיניא | פעב. 9, 1773 | 1841 | אפּר. 1841 | 68 |
| 10. דזשאהן טאילער | דעמאָקראט, ווירדזשיניא | מאר. 29, 1790 | 1841 | יאנ. 1862 | 71 |
| 11. דזשיימס נאקס פּאָלק | דעמאָקראט, נאָר. קאר. | נאָוו. 2, 1795 | 1845 | יוני 1849 | 53 |
| 12. זאקארי טיילאָר | וויג, ווירדזשיניא | נאָוו. 24, 1784 | 1849 | יולי 1850 | 65 |
| 13. מילארד פילמאָר | דעמאָקראט, ניו יאָרק | יאנ. 7, 1800 | 1850 | מאר. 1874 | 74 |
| 14. פרענקלין פּיערס | דעמאָקראט, ניו העמפּשיר | נאָוו. 23, 1804 | 1853 | אָקט. 1869 | 64 |
| 15. דזשיימס ביוקענען | דעמאָקראט, פּענסילוויינִיא | אפּר. 23, 1791 | 1857 | יוני 1868 | 77 |
| 16. אייברעהעם לינקאָלן | רעפּאָבליקען, קענטאָקי | פעב. 12, 1809 | 1861 | אפּר. 1865 | 56 |
| 17. ענדריו דזשאנסאָן | רעפּאָבליקען, נאָר. קאר. | דעצ. 29, 1808 | 1865 | יולי 1875 | 66 |
| 18. יוליסיס ס. גרענט | רעפּאָבליקען, אָהייאָ | אפּר. 27, 1822 | 1869 | יולי 1865 | 63 |
| 19. רוטערפאָרד פּ. העיז | רעפּאָבליקען, אָהייאָ | אָקט. 4, 1822 | 1877 | יאנ. 1893 | 70 |
| 20. דזשיימס א. גארפילד | רעפּאָבליקען, אָהייאָ | נאָוו. 19, 1831 | 1881 | סעפּ. 1881 | 49 |
| 21. טשעסטער א. ארטהור | רעפּאָבליקען, ווערמאָנט | אָקט. 5, 1830 | 1881 | נאָוו. 1886 | 56 |
| 22. גראָווער קליוולאנד | דעמאָקראט, ניו דזש. | מאר. 18, 1837 | 1885 | יוני 1908 | 71 |
| 23. בענדזשאמין העריסאָן | רעפּאָבליקען, אָהייאָ | אויג. 20, 1833 | 1889 | מאר. 1901 | 67 |
| 24. גראָווער קליוולאנד | דעמאָקראט, ניו דזש. | מאר. 18, 1837 | 1893 | יוני 1908 | 71 |
| 25. וויליאם מעקינלי | רעפּאָבליקען, אָהייאָ | יאנ. 29, 1843 | 1897 | סעפּ. 1901 | 58 |
| 26. טהעאָדאָר רוזוועלט | רעפּאָבליקען, ניו יאָרק | אָקט. 27, 1858 | 1901 | יאנ. 1919 | 61 |
| 27. וויליאם ה. טאפט | רעפּאָבליקען, אָהייאָ | סעפּט. 8, 1857 | 1909 | מאר. 1930 | 72 |
| 28. וואודראָ ווילסאָן | דעמאָקראט, ווירדזשיניא | דעצ. 28, 1856 | 1913 | פעב. 1924 | 67 |
| 29. וואָרען דזש. הארדינג | רעפּאָבליקען, אָהייאָ | נאָוו. 2, 1865 | 1921 | אויג. 1923 | 58 |
| 30. קאלווין קולידזש | רעפּאָבליקען, ווערמאָנט | יולי 4, 1872 | 1923 | יאנ. 1933 | 60 |
| 31. הערבערט סי הואווער | רעפּאָבליקען, אייאָווא | אויג. 10, 1874 | 1929 | | |
| 32. פרענקלין ד. רוזוועלט | דעמאָקראט, ניו יאָרק | יאנ. 30, 1882 | 1933 | | |

# אָפּגעגעבענע שטימען פאר פרעזידענט קאנדידאטען אין די פאראייניגטע שטאאטען אין די יאָהרען 1900, 1904, 1908, 1912, 1916, 1920 און 1924

---

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1900 | מעקינלי—רעפּוב.<br>7,219,530 | ברייען—דעמאָקראט<br>6,358,071 | דעבס—סאָציאַליסט<br>94,768 |
| 1904 | רוזוועלט—רעפּוב.<br>7,628,834 | פּארקער—דעמאָק.<br>5,084,491 | דעבס—סאָציאַליסט<br>402,400 |
| 1908 | טאפט—רעפּובל.<br>7,679,006 | ברייען—דעמאָקראט<br>6,409,106 | דעבס—סאָציאַליסט<br>420,820 |
| 1912 | טאפט—רעפּובל.<br>3,483,922 | ווילסאָן—דעמאָק.<br>6,286,214 | דעבס—סאָציאַליסט<br>897,011 |
| | | רוזוועלט—פּראָגרעסיוו 4,126,020 | |
| 1916 | היוז—רעפּוב.<br>8,538,221 | ווילסאָן—דעמאָק.<br>9,129,606 | בענסאָן—סאָצ.<br>585,113 |
| 1920 | הארדינג—רעפּוב.<br>16,152,200 | קאָקס—דעמאָק.<br>9,147,353 | דעבס—סאָציאַליסט<br>919,799 |
| 1924 | קולידזש—רעפּוב.<br>15,725,016 | דייווים—דעמאָק.<br>8,385,586 | לאַפאָלעט—פּר.־סאָצ.<br>4,822,856 |
| | | פאָסטער—קאָמוניסט 33,361 | |

אין גאנצען זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען שטימען:

אין 1900 — 13,964,518; אין 1904 — 13,523,519; אין 1908 — 14,887,133; אין 1912 — 15,130,169; אין 1916 — 18,528,743; אין 1920— 26,705,346 (אין דעם יאָהר האָבען פרויען באקומען שטימרעכט); אין 1924 — 29,022,261; אין 1928 — 36,879,414; אין 1932 — 39,816,522.

# אָפּגעגעבענע שטימען פאַר פּרעזידענט קאנדידאַטען אין איינצעלנע שטאַאטען פאַר די יאָהרען 1928 און 1932

| | 1928 | | | 1932 | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| שטאַאט | הוּאווער רעפּובליק. | סמיטה דעמאָקראַט | טאָמאַס סאָציאַליסט | הוּאווער רעפּובליק. | רוזוועלט דעמאָקראַט | טאָמאַס סאָציאַליסט |
| אלאבאמא | 120,725 | 127,797 | 460 | 34,675 | 207,910 | 2,030 |
| אריזאָנא | 52,533 | 38,537 | —— | 36,104 | 79,264 | 2,618 |
| ארקענסא | 77,751 | 119,196 | 429 | 28,467 | 189,602 | 1,269 |
| קאַליפאָרניא | 1,162,323 | 614,365 | 19,595 | 847,902 | 1,324,157 | 63,299 |
| קאָלאָראדאָ | 253,872 | 133,131 | 3,472 | 189,617 | 250,877 | 13,591 |
| קאָנעקטיקוט | 296,614 | 252,040 | 3,019 | 288,420 | 281,632 | 20,480 |
| דעלעווער | 68,860 | 36,643 | 433 | 57,074 | 54,319 | 1,367 |
| פלאָרידא | 144,168 | 101,764 | 4,036 | 69,170 | 206,307 | 775 |
| דזשאָרדזשיא | 99,369 | 129,602 | 124 | 19,863 | 234,118 | 461 |
| איידעהאָ | 99,848 | 53,074 | 1,308 | 71,312 | 109,479 | 526 |
| אילינאָיז | 1,769,141 | 1,313,817 | 19,138 | 1,432,657 | 1,882,403 | 67,258 |
| אינדיאנא | 848,290 | 562,691 | 3,871 | 677,184 | 862,054 | 21,388 |
| אייאָווא | 623,818 | 378,936 | 2,960 | 414,433 | 598,019 | 20,467 |
| קענזעס | 513,672 | 193,003 | 6,205 | 349,498 | 424,204 | 18,276 |
| קענטאָקי | 558,064 | 381,070 | 837 | 394,716 | 580,574 | 3,853 |
| לואיזיאנא | 51,160 | 164,665 | —— | 18,853 | 249,418 | —— |
| מעין | 179,923 | 81,179 | 1,068 | 166,631 | 128,907 | 1,068 |
| מערילענד | 301,479 | 223,626 | 1,701 | 184,184 | 314,314 | 10,889 |
| מאסאטשוזעטס | 775,566 | 792,758 | 6,262 | 736,959 | 800,148 | 34,305 |
| מישיגען | 965,396 | 396,762 | 3,516 | 739,894 | 871,700 | 39,205 |
| מינעסאָטא | 560,977 | 396,451 | 6,774 | 363,959 | 600,806 | 25,674 |
| מיסיסיפּי | 27,153 | 124,539 | —— | 5,180 | 140,168 | 686 |
| מיזורי | 834,080 | 662,562 | 3,739 | 564,713 | 1,025,406 | 16,374 |

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| מאָנטאַנא | 113,300 | 78,578 | 1,667 | 127,286 | 78,078 | 7,891 |
| נעבראַסקא | 345,745 | 197,959 | 3,434 | 359,082 | 201,177 | 9,876 |
| נעוואדא | 18,327 | 14,090 | —— | 28,756 | 12,674 | —— |
| ניו העמפשיר | 115,404 | 80,715 | 455 | 100,680 | 103,629 | 947 |
| ניו דזשוירזי | 926,050 | 616,517 | 4,807 | 806,630 | 775,684 | 42,998 |
| ניו מעקסיקאָ | 69,645 | 48,211 | —— | 59,089 | 54,217 | 1,776 |
| ניו יאָרק | 2,193,344 | 2,089,863 | 107,332 | 2,534,959 | 1,937,963 | 177,397 |
| נאָרד קאראָלאינא | 348,992 | 287,078 | —— | 497,566 | 208,344 | 5,591 |
| נאָרד דאקאָטא | 131,441 | 106,648 | 842 | 178,350 | 71,772 | 3,521 |
| אָהאיאָ | 1,627,546 | 864,210 | 8,683 | 1,301,695 | 1,227,679 | 64,094 |
| אָקלאהאָמא | 394,046 | 219,174 | 3,924 | 516,468 | 188,165 | —— |
| פענסילווניא | 2,055,382 | 1,067,586 | 18,647 | 1,295,948 | 1,453,540 | 91,119 |
| רהאָד איילאנד | 117,522 | 118,973 | —— | 146,604 | 115,266 | 3,138 |
| סאוטה קאראָלאינא | 5,858 | 62,700 | 44 | 102,347 | 1,978 | 82 |
| סאוטה דאקאָטא | 157,660 | 102,660 | 443 | 183,515 | 99,212 | 1,551 |
| טענעסי | 195,388 | 167,343 | 631 | 259,817 | 126,806 | 1,786 |
| טעקסעס | 367,036 | 341,032 | 722 | 760,348 | 97,959 | 4,450 |
| יוטאה | 94,618 | 80,985 | 954 | 116,750 | 84,795 | 4,087 |
| ווערמאָנט | 90,404 | 44,440 | —— | 56,266 | 78,984 | 1,533 |
| ווירדזשיניא | 164,906 | 140,146 | 250 | 203,979 | 89,637 | 2,382 |
| וואשינגטאָן | 335,844 | 156,772 | 2,615 | 353,260 | 208,645 | 17,080 |
| וועסט ווירדזשיניא | 375,551 | 263,784 | 1,313 | 405,124 | 330,731 | 5,133 |
| וויסקאָנסין | 544,205 | 450,259 | 18,213 | 707,410 | 347,741 | 53,379 |
| וואיאָמינג | 52,748 | 29,299 | 788 | 54,370 | 39,583 | 2,829 |
| צוזאמען | 21,392,190 | 15,016,443 | 267,420 | 22,821,857 | 15,761,841 | 884,781 |

די צאָהל שטימען פאר פאָסטער'ן (קאָמוניסט) איז געווען אין 1928 — 48,770, אין 1932 — 102,991.
אין 1932 איז טאָמאסעס נאָמען ניט ארויף אויפ'ן באלאָט אין לואיזיאנא, נעווארא און אָקלאהאָמא. פילע מענשען האָבען דעם נאָמען טאָמאסעס אריינגעשריבען, אָבער די שטימען זיינען ניט גערעכענט געוואָרען.

# דער צוזאַמענשטעל פון נייעם סענאַט

## נאָך די וואַהלען פון נאָוועמבער 6טען, 1934

**אלאבאמא**

ה. ל. בלעק, ד.

דזש. ה. בענקהעד, ד.

**אריזאָנא**

קארל היידען, ד.

ה. פ. אשהורסט, ד.

**ארקענזעס**

דזש. ט. ראבינסאן, ד.

העטי קאראוועי, ד.

**קאליפאָרניא**

וו. ג. מעקאדו, ד.

ה. וו. דזשאהנסאן, ר.

**קאָלאָראדא**

א. פּ. קאסטיגען, ד.

אלווא ב. אדאמס, ד.

**קאָנעקטיקוט**

א. לאנערגאן, ד.

פּ. ט. מעלאני, ד.

**דעלוועיר**

ד. א. העיסטינגס, ר.

דזש. ג. טאונסעד, דזשוניאר, ר.

**פלאָרידא**

ד. יו. פלעטשער, ד.

פארק טרעמעל, ד.

**דזשארדזשיא**

וו. פ. געארג, ד.

ר. ב. ראסעל, דזשוניאר, ד.

**איידאהא**

וו. א. באראה, ר.

דזש. פּ. פאפ, ד.

**אילינאָיס**

דזש. ה. לואיס, ד.

וו. ה. דיטריך, ד.

**אינדיאנא**

פ. ווען נייס, ד.

ס. מוירפי, ד.

**אייאָווא**

ל. דזש. דיקענסאן, ר.

ל. מוירפי, ד.

**קענזעס**

ארטהור קאפּער, ר.

דזשארדזש מעגיל, ד.

**קענטאָקי**

וו. בארקלי, ד.

מ. לאגאן, ד.

**לואיזיאנא**

היואי פּ. לאנג, ד.

ה. אווערטאן, ד.

**מעין**

וו. ה. וואייט, דזשונ. ר.

פרעדעריק הייל, ר.

**מערילענד**

מ. א. טיידינגס, ד.

ג. וו. ראדקליף, ד.

**מאַסאַטשוזעטס**

מ. א. קולידזש, ד.

ד. י. וואלש, ד.

**מישיגען**

דזשיימס קוזענס, ר.

א. ה. וואנדענבערג, ר.

**מינעסאטא**

ט. ד. שעל, ר.

ה. שיפּסטעד, פ.-ל.

**מיסיסיפי**

פעט העריסאן, ד.

ט. ג. בילבא, ד.

**מיזורי**

ב. ס. קלארק, ד.

ה. ס. טרומאן, ד.

**מאנטאנא**

ב. ק. ווהילער, ד.

דזש. א. מורריי, ד.

**נעבראסקא**

דזש. וו. נאָריס, ר.

א. ר. בוירק, ד.

**נעוואדא**

קעי פיטמאן, ד.

פּ. מעקערען, ד.

### ניו העמפשער
ה. וו. קעיס, ר.
פ. ה. בראון, ד.

### ניו דזשוירזי
וו. וו. בארבור, ר.
א. הערי מור, ד.

### ניו מעקסיקאָ
ס. א. העטש, ד.
א. שאוועז, ד.

### ניו יאָרק
ר. ס. קאָפּלענד, ד.
ר. פ. וואגנער, ד.

### נאָרטה קאראליינא
דזש. וו. בעילי, ד.
ר .ר. רעינאָלדס, ד.

### נאָרטה דאָקאָטא
דזשעראלד פּ. נאַי, ר.
ל. דזש. פרייזיר, ר.

### אָהייאָ
ר. דזש. בוקלי, ד.
וו. דאָנאהי, ד.

### אקלאהאמא
טהאָמאס פּ. גאָר, ד.
עלמער טהאָמאס, ד.

### אָרעגאָן
ס. י. מעקנערי, ר.
פ. סטייווער, ר.

### פענסילווייניא
דזש. דזש. דייוויס, ר.
דזש. פ. גאָפי, ד.

### רהאָוד איילאנד
דזש. ה. מעטקאַף, ר.
פּעטער ג. גערי, ד.

### סאוטה קאראליינא
ע. ד. סמיטה, ד.
דזש. פ. בוירנס, ד.

### סאוטה דאָקאָטא
פּעטער נארבעק, ר.
וו. דזש. בולאָו, ד.

### טענעסי
ק. מעקעלער, ד.
נ. ל. בעטשמאן, ד.

### טעקסעס
מ. שעפּארד, ד.
טאם קאָנאלי, ד.

### יוטאה
ע. ד. טהאָמאס, ד.
וו. ה. קינג, ד.

### ווערמאָנט
ע. וו. גיבסאָן, ר.
וו. ר. אוסטין, ר.

### ווירדזשיניא
קארטער גלעס, ד.
הערי פ. באַירד, ד.

### וואשינגטאָן
האמער ט. באָן, ד.
ל. ב. שוועלענבאַך, ד.

### וועסט ווירדזשיניא
מ. מ. נילי, ד.
רוש ד. האָלט, ד.

### וויסקאָנסין
פ. ריין דאפי, ד.
ר. מ. לאפאלעט, דזשונ., פּראָג.

### וואַיאָמינג
ראָבערט ד. קערי, ר.
דזש. ס. א׳מאהאָני, ד.

---

### סענאַט פון 74 קאָנגרעס

| | |
|---|---|
| איבערגעבליבען ביז 3 יאנואר, 1939 | 32 |
| איבערגעבליבען ביז 3 יאנואר, 1937 | 29 |
| ערוועהלט 6 נאָוו. 1934 (אריינגערעכענט דריי ביז 3 יאנואר, 1937) | 35 |
| טאָטאל | 96 |

### סענאַט פון 73 קאָנגרעס

| | |
|---|---|
| דעמאָקראַטען | 60 |
| רעפּובליקאנער | 34 |
| פארמער־לעיבאָריט | 1 |
| פּראָגרעסיוו | 1 |
| טאָטאל | 96 |

## רעזולטאַט פון שטימען נאָוועמבער 6, 1934, פאר א גאָווערנאָר אין שטאַאט ניו יאָרק

| | לעהמאן דעמאָקראט | מאזעס רעפובליקאנער | סאלאמאן סאָציאליסט | היילאו רעקאָוו. | אמטער קאָמוניסט |
|---|---|---|---|---|---|
| מאנהעטען | 310,704 | 109,697 | 15,283 | 1,608 | 12,912 |
| בראנקס | 233,001 | 55,938 | 19,528 | 1,789 | 9,469 |
| ברוקלין | 432,966 | 138,863 | 32,676 | 2,563 | 16,340 |
| קווינס | 197,046 | 87,859 | 10,219 | 3,749 | 2,249 |
| ריטשמאָנד | 33,903 | 14,801 | 1,507 | 433 | 269 |
| ס"ה אין שט. נ. י. | 1,207,620 | 407,158 | 79,213 | 10,132 | 41,239 |
| אפ סטייט | 970,362 | 956,532 | | | |
| ס"ה אלע שטימען | 2,177,982 | 1,363,690 | | | |

## אויסגאבען פון אונזער קריג- און פלאָטען דעפּאַרטמענט

| יאָר | קריג דעפּט. | פלאָטען דעפּט. |
|---|---|---|
| 1914 | $139,682,186 | $173,270,486 |
| 1915 | 141,835,654 | 172,715,421 |
| 1916 | 153,853,567 | 164,546,867 |
| 1917 | 239,632,757 | 358,158,361 |
| 1918 | 1,278,840,487 | 4,850,687,187 |
| 1919 | 2,002,310,785 | 8,995,880,266 |
| 1920 | 736,021,456 | 1,610,587,381 |
| 1921 | 650,373,836 | 1,101,615,013 |
| 1922 | 476,775,194 | 454,730,718 |
| 1923 | 333,201,362 | 392,733,365 |
| 1924 | 332,249,137 | 348,629,779 |
| 1925 | 346,142,001 | 361,887,889 |
| 1926 | 312,743,410 | 355,072,226 |
| 1927 | 318,909,096 | 360,808,777 |
| 1928 | 331,335,492 | 390,540,803 |
| 1929 | 364,561,544 | 416,901,546 |
| 1930 | 374,165,693 | 453,524,973 |
| 1931 | 354,071,004 | 478,418,974 |
| 1932 | 357,820,860 | 468,226,845 |
| 1933 | 349,732,213 | 438,093,747 |

# אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע לאַגע אין יאָהר 1934 אין ציפערען

מיר לעבען נאָך אַלץ אונטער דעם שווערען צייכען פון וועלט קריזיס און אין דער צייט פון קריזיס, וואו עס האלט אלץ אין איין פליסען, וואו פרייזען און ווערטען ענדערען זיך אזוי ראדיקאל, אז עס איז שווער אונטערצוציהען א סך הכל; עס איז שווער פעסטצושטעלען וואו מיר האַלטען.

לויט די אויסרעכענונגען פון פראָפעסאָר פישער איז דער אמעריקאנער רייכטהום געזונקען אין משך פון 2 יאָהר פון 362 ביליאָן דאָלער ביז 150 ביליאָן. אין יאָהר 1929 האָט מען געשאצט אמעריקאנער רייכטהום אין 362 ביליאָן און אין יאָהר 1931 בלויז אין 150 ביליאָן דאָלער.

וואו זיינען די רייכטהימער אהינגעקומען? די פארמס, מאינס, ריעל עסטעיט, אייזענבאהנען און פעקטאָריס, וואָס מאכען אויס דעם אמת'ן רייכטהום פון לאנד, זיינען געבליבען אין יאָהר 1931 און אין יאָהר 1934, ווי אין יאָהר 1929. אויך די גאָלד סטאָקס אין לאנד זיינען ניט פארקלענערט געוואָרען. מיר קומען צו זעהר א שווערע פראגע. עס איז די פראגע פון שאַצונג, „וואַליועישאָן". רייכטהימער ווערען געשאצט אין טערמינען פון געלד; די פראגע ווערט רעדוצירט צו דער פראגע פון פרייז.

די שאצונגען פון פראָפעסאָר פישער קענען זיין ריכטיג און ניט. עס איז אָבער א פאקט, אז מיר לעבען איצט אין אזא עפּאָכע, וואו מענשען ליידען אין די צייטען פון גרויס שפע. מיר קענען האָבען א באגריף וועגען דעם עקאָנאָמישען צושטאנד אין אמעריקע בלויז דורך פארגלייכונגען און דער עיקר לויט דער צאָהל פון באשעפטיגטע און אומבאשעפטיגטע.

אויב מיר קענען זיך ניט דערגרונטעווען צו דעם צושטאנד פון דעם אמערי־קאנער עקאָנאָמישען לעבען, קענען מיר אָבער האָבען א באגריף דורך פארגליי־כונגען מיט אנדערע יאָהרען. מיר קענען אורטהיילען וועגען דער לאַגע פון דער פּראָדוקציע פון די פונדאמענטאלע סחורות פון לאנד, פון די פרייזען אויף לעבענסמיטעל און די קויפקראפט פון דער באפעלקערונג.

די „ניראַ" און אנדערע געזעצען וואָס באצוועקען צו שאפען א געפּלאנטע עקאָנאָמיע האָט נאָך ביז איצט ווייניג אויפגעטאָהן, ווי עס גיבען שוין צו די גרעסטע חסידים פון דעם אזוי גערופענעם „ניו דיעל". די צאָהל פון ארבייטסלאָזע איז נאָך איצט אויך זעהר גרויס, ווי מען קען זעהן פון פאָלגענדער טאבעלע:

די ביוראָ פון ארבייטער סטאטיסטיקס, מאי 1934, פארעפענטליכט די פאָלגענדע ציפערען וועגען די ענדערונגען אין ארבייטס שטונדען, פארדינסטען און באשעפטיגונג.

פּלאָס + מיינט מעהר און מאינוס — ווענינער. די ציפערען זיינען אין פּראָצענטען.

דאָס זיינען רעזולטאַטען לויט דער מיינונג פון דער „נירא".

| אינדוסטרי | באַשעפטיקונג | פאַרדינסטען | שטונדען פער טאָג |
|---|---|---|---|
| פלייש פּעקינג | + 9.0 | + 29.6 | — 21.7 |
| קאַטאָן סחורות | + 3.7 | + 61.5 | — 27.2 |
| אייזען און שטאָהל | + 12.8 | + 22.8 | — 14.5 |
| אָטאָמאָבילס | + 64.5 | + 14.2 | + 3.7 |
| ווייכע קוילען | + 23.1 | +27.8 | + 6.3 |
| וואָהלענע סחורות | — 14.3 | + 39.5 | — 29 4 |

אין דער ענדע פון דער פּעריאָדע פון 8 מאָנאַטען פון קאָודם איז די דורכשניט צייט אין פעקטאָרים געפאַלען אויף 15 פּראָצענט, די דורכשניט פאַרדינסטען האָבען זיך פאַרגרעסערט אויף 26 פּראָצענט, באַשעפטיגונג האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 13 פּראָצענט, פּעי ראָלס אויף 27 פּראָצענט, און פּראָדוקציע האָט זיך דאָך פאַר־קלענערט אויף 12 פּראָצענט.

אין פּראָצענטען ריידען די ציפערען פיל פאַר די „נירא". די פראַגע איז, ווי זיינען די אבסאָלוטע ציפערען. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסען אז די קויף קראַפט פון דאָלער איז פיל געפאַלען.

## אבסאָליוטע ציפערן פון באשעפטיגונג

### ארבייטסלאָזע אין די פאראייניגטע שטאַאטען לויט דעם רעכענונג פון דער אמעריקאן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר

| יאָר | 1930 | | 1931 | | 1932 | | 1933 | | 1934 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מאָנאט | אלגעמיינע צאָל | % פון יוניאן מיטגלידער | אלגעמיינע צאָל | % פון יוניאן מיטגלידער | אלגעמיינע צאָל | % פון יוניאן מיטגלידער | אלגעמיינע צאָל | % פון יוניאן מיטגלידער | אלגעמיינע צאָל | % פון יוניאן מיטגלידער |
| יאנואר | 3,216,000 | 12.5 | 7,160,000 | 19.8 | 10,197,000 | 23.1 | 13,100,000 | 25,8 | 11,774,000 | 22.6 |
| פעברואר | 3,565,000 | 14.0 | 7,345,000 | 19.0 | 10,486,000 | 23.0 | 13,294,000 | 26.0 | 11,467,000 | 22.0 |
| מארט | 3,543,000 | 13.6 | 7,098,000 | 18.1 | 10,739,000 | 22.5 | 13,689,000 | 26.6 | 10,877,000 | 21.3 |
| אפריל | 3,188,000 | 13.3 | 6,739,000 | 17.6 | 10,990,000 | 22.8 | 13,256,000 | 26.1 | 10,616,000 | 20.7 |
| מאַי | 3,090,000 | 13.3 | 6,750,000 | 17.1 | 11,470,000 | 22.8 | 12,896,000 | 25.8 | פאָרלויפיג | 19.9 |
| יוני | 3,250,000 | 14.3 | 6,841,000 | 18.2 | 11,853,000 | 23.6 | 12,204,000 | 24.5 | | |
| יולי | 3,714,000 | 15.7 | 7,198,000 | 18.8 | 12,300,000 | 25.4 | 11,793,000 | 24.1 | | |
| אויגוסט | 4,101,000 | 16.0 | 7,357,000 | 19.2 | 12,344,000 | 25.1 | 10,960,000 | 23.7 | | |
| סעפטעמבער | 4,150,000 | 14.6 | 7,303,000 | 19.4 | 11,767,000 | 24.8 | 10,108,000 | 22.5 | | |
| אָקטאָבער | 4,639,000 | 14.1 | 7,778,000 | 19.5 | 11,586,000 | 23.9 | 10,122,000 | 21.7 | | |
| נאָוועמבער | 5,364,000 | 15,9 | 8,699,000 | 20.1 | 12,008,000 | 24.2 | 10,651,000 | 22.0 | | |
| דעצעמבער | 5,541,000 | 16.6 | 8,908,000 | 21.8 | 12,124,000 | 24.9 | 10,769,000 | 22.8 | | |

## ווי עס האָט זיך געביטען דער לעבענס־קאָסט אין די פאראייניגטע שטאַאטען פון 1913 ביז 1932

אלע ציפערען זיינען אָנגעגעבען פארן מאָנאַט דעצעמבער פון יעדען יאָר

| דער דורכשניט פאר | שפייז | קליידער | רענט | באהייצונג און באלייכטונג | הויז אויס־שטאַטונג | פארשי־דענעס | אלע ארטיקלען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1913 | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 |
| 1914 | 105.0 | 101.0 | 100.0 | 101.0 | 104.0 | 103.0 | 103.0 |
| 1915 | 105.0 | 104.7 | 101.5 | 101.0 | 110.6 | .07.0 | 105.1 |
| 1916 | 126.0 | 120.0 | 102.3 | 108.4 | 127.8 | 113.3 | 118.3 |
| 1917 | 157.0 | 149.1 | 100.1 | 124.1 | 150.6 | 140.5 | 142.4 |
| 1918 | 187.0 | 205.3 | 109.2 | 147.9 | 213.6 | 165.8 | 174.4 |
| 1919 | 197.0 | 268.7 | .25.3 | 156.8 | 263.5 | 190.2 | 199.3 |
| 1920 | 178.0 | 258.5 | 151.1 | 194.9 | 285.4 | 208.2 | 200.4 |
| 1921 | 149.9 | 184.4 | 161.4 | 181.1 | 218.0 | 206.8 | 174.3 |
| 1922 | 146.6 | 171.5 | 161.9 | 185.4 | 208.2 | 200.5 | 169.5 |
| 1923 | 144.3 | 174.9 | 163.4 | 180.6 | 222.2 | 200.3 | 169.7 |
| 1924 | 151.5 | 171.3 | 168.2 | 180.5 | 216.0 | 201.7 | 172.5 |
| 1925 | 165.5 | 169.4 | 167.1 | 186.9 | 214.3 | 203.5 | 177.9 |
| 1926 | 161.8 | 166.7 | 164.2 | 188.3 | 207.7 | 203.9 | 175.6 |
| 1927 | 155.9 | 162.9 | 160.2 | 183.2 | 204.6 | 205.1 | 172.0 |
| 1928 | 155.8 | 161.9 | 155.9 | 181.3 | 199.7 | 207.1 | 171.3 |
| 1929 | 158.0 | 160.5 | 151.9 | 178.7 | 197.7 | 207.9 | 171.4 |
| 1930 | 137.2 | 153.0 | 146.5 | 175.0 | 188.3 | 208.1 | 160.7 |
| 1931 | 114.3 | 135.5 | 136.2 | 168.0 | 167.1 | 205.4 | 145.8 |
| 1932 | 98.7 | 121.5 | 118.0 | 156.9 | 147.4 | 199.3 | 132.1 |

## די ענדערונגען אין אינדוסטרי פאר צוויי יאָהר לויט ציפערען

| | 1929 | 1931 | פארקלענערט אָדער פארגרעסערט |
|---|---|---|---|
| צאָהל פון פעקטאָרים | 210,959 | 174,136 | — 17.5 |
| דורכשניט צאָהל פון ארבייטער | 8,838,743 | 6,511,647 | — 26.3 |
| אויסגעצאָהלט אין וויידזשעס | $11,620,973,254 | $7,225,587,464 | — 37.8 |
| קאָסט פון מאַטעריאלען | $38,549,759,732 | $21,420,124,017 | — 44.4 |
| ווערט פון פראָדוקטען | $70,434,863,443 | $41,333,108,998 | — 41.3 |
| אָנגעוואקסענער ווערט פון פראָדוקטען דורך דעם פראָצעס פון פאַבריקאציע | $31,885,283,711 | $19,912,984,981 | — 37.5 |

לויט דעם באריכט פון צענזוס ביורא, פארעפענטליכט דעם 30טען דעצעמבער 1932, האט זיך פארקלענערט די צאָהל פון ארבייטער אין פעקטאָרים אליין אויף 2,327,096—26.3 פראָצענט. דא געהן ניט אריין די צאָהל ארבייטער פון טראנספארט און די גרויסע צאָהל בעאמטע און אנגע־שטעלטע, און אין אנדערע צווייגען פון אינדוסטרי. פון די דערוויילינע ציפערן, וואס זיינען פאר־עפענטליכט געווארען פון צענזוס פארן יאָהר 1933, איז די צאָהל פעקטאָרים, וואס זיינען געווען באשעפטיגט, 159,724. דער האלסעיל טרעיד האט באטראָפען 30,488,270. עס איז מיט 39 פראָצענט ווייניגער ווי אין יאָהר 1929. פאר די לעצטע מאָנאַטען פון יאָהר מערקט זיך א גרויסע פארבעסערונג.

| | עקספּאָרט | | אימפּאָרט | |
|---|---|---|---|---|
| | פאר דעם יאָהר וואָס ענדיגט זיך 1931 | פאר דעם יאָהר וואָס ענדיגט זיך 1932 | פאר דעם יאָהר 1931 | פאר דעם יאָהר 1932 |
| האנדעל מיט אייראָפּא | 1,186,884,261 | 784,634,687 | 640,096,419 | 388,988,791 |
| האנדעל מיט צפון טהייל פון צפון אמעריקע | 403,732,033 | 245,816,384 | 277,111,306 | 181,413,844 |
| האנדעל מיט דרום טהייל פון צפון אמעריקע | 187,093,651 | 119,913,130 | 239,931,265 | 157,109,183 |
| האנדעל מיט דרום אמעריקע | 158,691,061 | 97,131,785 | 307,190,741 | 200,902,257 |
| האנדעל מיט אזיע | 386,353,685 | 292,984,954 | 574,300,917 | 362,454,042 |
| האנדעל מיט אויסטראַליע | 41,574,930 | 36,753,454 | .................. | .................. |
| האנדעל מיט אפריקע | 59,958,967 | 35,971,424 | 32,884,435 | 24,186,661 |
| סך הכל | 2,424,288,588 | 1,613,205,818 | 2,071,515,083 | 1,315,054,778 |

| | | | |
|---|---|---|---|
| דער עקספּאָרט פאר יאָהר 1931 | 2,424,288,588 | דער אימפּאָרט פארן יאָהר 1931 | 2,071,515,083 |
| דער עקספּאָרט פאר יאָהר 1932 | 1,613,205,818 | דער אימפּאָרט פארן יאָהר 1932 | 1,315,054,778 |
| דער עקספּאָרט פארקלענערט | 811,082,770 | דער אימפּאָרט פארקלענערט | 756,460,305 |

עקספּאָרט גרעסער ווי אימפּאָרט 1931 352,773,505 דאָלער
עקספּאָרט גרעסער ווי אימפּאָרט 1932 298,151,040 דאָלער

אין דעם יאָהר 1933 איז געווען דער עקספּאָרט פון אמעריקע 1,674,975,000
" " " " " " " אימפּאָרט אין אמעריקע 1,449,208,000

עקספּאָרט גרעסער ווי אימפּאָרט אין 1933 225,667,000
דער עקספּאָרט האָט זיך פארגרעסערט אין 1933 61,769,182

## פערגלייכנים טאַבעלען פֿון פּראָדוקציע פֿון סחורות אין פֿאַרשידענע לענדער לויט יאָהרען

### פּראָדוקציע פֿון שטאָל און אייזען אין די הויפּט לענדער

| יאָהר | פאַר. שטאַאטען שטאָל | פאַר. שטאַאטען אייזען | ענגלאַנד שטאָל | ענגלאַנד אייזען | דייטשלאַנד שטאָל | דייטשלאַנד אייזען | פראַנקרייך שטאָל | פראַנקרייך אייזען | בעלגיע שטאָל | בעלגיע אייזען | רוסלאַנד שטאָל | רוסלאַנד אייזען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | אין טאָנען | | אין טאָנען | | אין טאָנען | | אין טאָנען | | אין טאָנען | | אין טאָנען | |
| 1925 | 45,393 | 36,701 | 7,385 | 6,262 | 12,194 | 10,089 | 7,446 | 8,494 | 2,548 | 2,542 | 1,873 | 1,309 |
| 1926 | 48,294 | 39,373 | 3,596 | 2,458 | 12,342 | 9,643 | 8,430 | 9,432 | 3,339 | 3,368 | 2,910 | 2,218 |
| 1927 | 44,935 | 36,566 | 9,097 | 7,293 | 16,311 | 13,103 | 8,306 | 9,326 | 3,680 | 3,709 | 3,588 | 2,954 |
| 1928 | 51,544 | 38,156 | 8,520 | 6,610 | 14,517 | 11,804 | 9,500 | 9,981 | 3,905 | 3,857 | 4,154 | 3,280 |
| 1929 | 56,433 | 42,614 | 9,636 | 7,589 | 16,246 | 13,401 | 9,699 | 10,364 | 4,109 | 4,041 | 4,720 | 4,019 |
| 1930 | 40,699 | 31,752 | 7,326 | 6,192 | 11,539 | 9,694 | 9,447 | 10,035 | 3,354 | 3,365 | 5,552 | 4,982 |
| 1931 | 25,945 | 18,426 | 5,203 | 3,772 | 8,202 | 6,063 | 7,822 | 8,199 | 3,123 | 3,232 | 5,400 | 5,007 |
| 1932 | 13,681 | 8,781 | 5,257 | 3,573 | 5,751 | 3,932 | 5,640 | 5,537 | 2,809 | 2,183 | 5,800 | 6,370 |

### פּראָדוקציע פֿון קוילען און שטיין־קוילען (קאָוק) אין די פאַר. שטאַאטען

| יאָהר | קוילען (טויזענדער טאָנען) | שטיין־קוילען (טויזענדער טאָנען) |
|---|---|---|
| 1927 | 597,858 | 51,092 |
| 1928 | 576,093 | 52,805 |
| 1929 | 608,816 | 59,883 |
| 1930 | 536,911 | 47,972 |
| 1931 | 441,735 | 33,483 |
| 1932 | 359,565 | 21,788 |

### אינדעקס פֿון פּראָדוקציע אין די פֿאַראייניגטע שטאַאטען לויט די ציפֿערען פֿון פֿעדערל רעזוירוו באַנקען.

| | | |
|---|---|---|
| 1925 | 100 | פּראָצענט |
| 1926 | 108 | „ |
| 1927 | 106 | „ |
| 1928 | 111 | פּראָצענט |
| 1929 | 119 | „ |
| 1930 | 96 | „ |
| 1931 | 81 | פּראָצענט |
| 1932 | 64 | „ |
| 1933 | 76 | „ |

## סטאקס פון טייערע מעטאלען אין דער וועלט

### סטאָקס פון גאָלד

| יאָהר | וועלט סטאקס אין דאָלאר | גאָלד אין די פאר. שטאַאטען | גאָלד אין ענגלאנד | גאָלד אין פראנקרייך | גאָלד אין דייטשלאנד | גאָלד אין די איבעריגע לענדער |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1914 | 5,340,038,000 | 1,206,487,000 | 425,974,000 | 802,583,000 | 498,509,000 | 2,406,485,000 |
| 1920 | 7,238,703,000 | 2,451,182,000 | 754,230,000 | 685,517,000 | 260,028,000 | 3,087,746,000 |
| 1925 | 8,973,865,000 | 3,985,399,000 | 694,761,000 | 710,968,000 | 287,763,000 | 3,294,974,000 |
| 1930 | 10,916,661,000 | 4,225,109,000 | 718,422,000 | 2,100,242,000 | 127,799,000 | 3,745,089,000 |
| 1933 | 11,941,000,000 | 4,012,000,000 | 928,003,000 | 3,200,000,000 | 92,000,000 | 3,708,997,000 |

לויט „אמעריקאנא" זיינען די גאָלד סטאָקס פארטהיילט אין פּראָצענטען אויף דעם פאָלגענדען אופן:

| | 1913 | 1929 | 1931 | 1933 |
|---|---|---|---|---|
| פאראייניגטע שטאַאטען ................ | 26.6 | 37.8 | 36.0 | 32.0 |
| פראנקרייך ................................. | 14.6 | 15.9 | 24.0 | 27.7 |
| ענגלאנד ..................................... | 3.4 | 6.9 | 5.2 | 5.8 |
| שווייצאריע ................................ | 0.7 | 1.1 | 4.0 | 4.4 |
| האָלאנד ...................................... | 1.3 | 1.7 | 3.2 | 3.6 |
| אנדערע לענדער ......................... | 54.0 | 36.0 | 27.6 | 26.5 |

צוליב דער דעוואלואציע פון דאלאר איז דער ווערטה פון די גאלד סטאקס אין דאלארס פארגרעסערט געווארען קינסטליך אויף 39.5 פראצענט.

פראדוקציע פון גאלד אין די פאראייניגטע שטאאטען 1932 רעכענענדיג לויט'ן אלטען קורס (20.67 פער אונץ פון גאלד), איז געווען 2,507,587 אונצעס אויף דעם ווערטה 51,836,400 דאלאר. אין יאהר 1933 איז די פראדוקציע פון גאלד אין די פאראייניגטע שטאאטען געווען 2,320,015 אונצעס אויף דער ווערטה פון 47,958,973 דאלאר.

די פראדוקציע פון זילבער אין די פאראייניגטע שטאאטען אין יאהר 1933 איז געווען 22,636,648 אונצעס. דער קורס פון זילבער ענדע 1932 איז געווען 24.5 סענט פער אונץ, אין סעפטעמבער, 1934, 54 סענט פער אונץ. קאנאדא האט פראדוצירט אין יאהר 1933 15,400 אונצעס זילבער. מעקסיקא — 69,100 אונצעס; דרום אמעריקא — 13,500 אונצעס; די גאנצע וועלט — 43,600,000.

## פּראָדוקציע פון ניט ראפינירטען פּעטראָלעאום

(די ציפערען זיינען אָנגעגעבען אין טויזענדער בארעלס)

| יאָהר | אין דער גאנצער וועלט | אין די פאר. שטאַאטען | אין סאָוועט רוסלאנד |
|---|---|---|---|
| 1922 | 858,898 | 557,531 | 35,692 |
| 1923 | 1,015,736 | 732,407 | 39,147 |
| 1924 | 1,014,318 | 713,940 | 45,355 |
| 1925 | 1,068,933 | 763,743 | 52,448 |
| 1926 | 1,096,823 | 770,874 | 64,311 |
| 1927 | 1,262,582 | 901,129 | 77,018 |
| 1928 | 1,327,829 | 901,474 | 87,800 |
| 1929 | 1,489,360 | 1,007,323 | 103,000 |
| 1930 | 1,421,515 | 898,011 | 135,165 |
| 1931 | 1,372,522 | 851,081 | 162,842 |
| 1932 | 1,305,563 | 781,845 | 155,250 |

דער צושטאנד פון דער בוי־אינדוסטרי גיט אונז א באגריף, ווי עס האלט מיט דער פּראָדוקציע פון „קעפּיטאל סחורות". מען אונטערשיידעט צווישען סחורות פאר באלדיגען געברויך און סחורות וואָס ווערען פארברויכט לאנגזאם.

אין 120 שטעדט, אין די פאראייניגטע שטאַאטען, איז אויסגעגעבען געוואָרען אויף נייע געביידעס (וואוינונגען, פאבריקען, אָפיס בילדינגס א. א. וו.) די פאָל־גענדע סומען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1920 | 1,255,808 | טויזענד | דאָלאר |
| 1921 | 1,493,464 | „ | „ |
| 1922 | 2,311,915 | „ | „ |
| 1923 | 2,832,439 | „ | „ |
| 1924 | 2,907,529 | „ | „ |
| 1925 | 3,386,043 | „ | „ |
| 1926 | 3,230,414 | „ | „ |
| 1927 | 2,870,512 | „ | „ |
| 1928 | 2,795,229 | „ | „ |
| 1929 | 2,489,553 | „ | „ |
| 1930 | 1,407,833 | „ | „ |
| 1931 | 1,005,626 | „ | „ |
| 1932 | 336,318 | „ | „ |

די סטאטיסטיק פון געשלאָסענע באנקען גיט אונז א באגריף וועגען דעם גאנג פון קריזיס.

## געשלאָסענע באַנקען אין די פאראייניגטע שטאַאטען

| אין 8 יאָהר צווישען | צאָהל געשלאָסענע באנקען | אלגעמיינע סומע דאָלארען (סומע פון דעפּאָזיטס אין די געשלאָסענע באנקען) | דורכשניט אויף יעדער באנק (סומע פון דעפּאָזיטס אין די געשלאָסענע באנקען) |
|---|---|---|---|
| 1921-1928 | 5,055 | $1,394,825,000 | $276,000 |
| דורכשניטלאך א יאָהר | 632 | 174,353,000 | 276,000 |
| 1929 | 659 | 230,643,000 | 350,000 |
| 1930 | 1,352 | 853,363,000 | 631,000 |
| 1931 | 2,294 | 1,690,669,000 | 737,000 |
| 1932 | 1,456 | 715,626,000 | 491,000 |

אין אָקטאָבער, 1929, זיינען געווען אין די פאראייניגטע שטאַאטען 24,951 באַנקען, מיט דעפּאָזיטס צוזאמען פון 55 ביליאָן, 180 מיליאָן דאָלארען.

דעם 30טען יוני, 1933, זיינען געווען אפּערירענדע באנקען 14,530, מיט דעפּאָזיטס פון 38 ביליאָן, 11 מיליאָן דאָלארען.

פאר דער זעלבער צייט איז די סומע וואָס באַנקען האָבען אויסגעבאָרגט צו זייערע קליענטען געפאַלען פון 42 ביליאָן אויף 22 ביליאָן דאָלארען.

---

## פרייזען אין געלד צירקולאציע אין די פאראייניגטע שטאַאטען

געלד צירקולאציע אין פרייזען

דער יאָהר 1926 ווערט גענומען אלס 100 פּראָצענט

| יאָהר | מעטאל רעזערווס אין מיליאָנען דאָלאר | צירקולאציע פון געלד אין מיליאָנען | אינדעקס פון פרייזען |
|---|---|---|---|
| 1914 | 1,877 | 3,515 | 68 |
| 1920 | 2,876 | 5,486 | 154 |
| 1925 | 4,379 | 4,884 | 103 |
| 1926 | 4,454 | 4,941 | 100 |
| 1930 | 4,487 | 4,562 | 86.4 |
| 1931 | 4,695 | 4,989 | 73.0 |
| 1932 | 4,247 | 5,614 | 64.8 |
| 1933 | 4,380 | 5,800 | 65.9 |

## דער אינדעקס־נומער פון ריטעיל פרייזען פון שפייז אין די פאר. שטאַאטען

דער יאָהר 1913 איז אָנגעצייכענט אלס 100.

| | |
|---|---|
| 1910 | 93.0 |
| 1911 | 92.0 |
| 1912 | 97.6 |
| 1913 | 100.0 |
| 1914 | 102.4 |
| 1915 | 101.3 |
| 1916 | 113.7 |
| 1917 | 146.4 |
| 1918 | 168.3 |
| 1919 | 185.9 |
| 1920 | 203.4 |
| 1921 | 153.3 |
| 1922 | 141.6 |
| 1923 | 146.2 |
| 1924 | 145.9 |
| 1925 | 157.4 |
| 1926 | 160.6 |
| 1927 | 155.4 |
| 1928 | 154.3 |
| 1929 | 156.7 |
| 1930 | 147.1 |
| 1931 | 121.3 |
| 1932 | 102.1 |

## די חובות פון אונזער רעגירונג

| יאָהר | דאָלארען | פער קעפּיטאַ |
|---|---|---|
| 1914 | $1,188,235,400 | 12.00 |
| 1915 | 1,191,264,068 | 11.83 |
| 1916 | 1,225,145,568 | 11.96 |
| 1917 | 2,975,618,585 | 28.57 |
| 1918 | 12,243,628,719 | 115.65 |
| 1919 | 25,482,034,419 | 246.09 |
| 1920 | 24,297,918,412 | 228.32 |
| 1921 | 23,976,250,608 | 221.09 |
| 1922 | 22,964,079,190 | 208.97 |
| 1923 | 22,349,687,758 | 200.10 |
| 1924 | 21,251,120,427 | 188.86 |
| 1925 | 20,516,272,174 | 177.82 |
| 1926 | 19,643,183,079 | 167.50 |
| 1927 | 18,510,174,266 | 156.04 |
| 1928 | 17,604,290,563 | 146,69 |
| 1929 | 16,931,197,740 | 139.40 |
| 1930 | 16,185,308,299 | 131.38 |
| 1931 | 16,801,485,143 | 135.42 |
| 1932 | 19,487,009,766 | 156.12 |
| 1933 | 22,538,672,164 | 179.32 |

פּראָצענטען אויף די חובות האָט באטראָפען אין יאָהר 1933 689,365,106 דאָלאר.

## צאָהל מענשען, 10 יאָהר און העכער, אין די פאראייניגטע שטאַאטען, באשעפטיקט לויט פארשידענע פראָפעסיעס

| וואו באשעפטיגט | 1920 סך הכל | 1920 מענער | 1920 פרויען | 1920 פראָצענט מענער | 1920 פראָצענט פרויען | 1930 סך הכל | 1930 מענער | 1930 פרויען | 1930 פראָצענט מענער | 1930 פראָצענט פרויען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אגריקולטור | 10,665,812 | 9,582,666 | 1,083,146 | 89.8 | 10.2 | 10,471,998 | 9,562,059 | 909,939 | 31.9 | 8.7 |
| וואלד און פישעריי | 270,214 | 269,541 | 673 | 99.8 | 0.2 | 250,469 | 250,140 | 329 | 99.9 | 0.1 |
| מינעראלס | 1,090,223 | 1,087,359 | 2,864 | 99.7 | 0.3 | 984,323 | 893,564 | 759 | 99.9 | 0.1 |
| מאנופעקטשורינג | 12,831,879 | 10,901,527 | 1,930,352 | 85.0 | 15.0 | 14,110,652 | 12,224,345 | 1,886,307 | 86.6 | 13.4 |
| טראנספאָרט | 3,096,829 | 2,872,559 | 224,270 | 92.8 | 7.2 | 3,843,147 | 3,561,943 | 281,204 | 92.7 | 7.3 |
| האנדעל | 4,257,684 | 3,585,701 | 671,983 | 84.2 | 15.8 | 6,081,467 | 5,118,787 | 962,680 | 84.2 | 15.8 |
| געזעלשאפטליכע (פּאַבליק סערוויס) | 738,525 | 727,939 | 10,586 | 98.6 | 1.4 | 856,205 | 838,622 | 17,583 | 97.9 | 2.1 |
| פּראָפעשאָנעלס | 2,171,251 | 1,154,221 | 1,017,030 | 53.2 | 46.8 | 3,253,884 | 1,727,650 | 1,526,234 | 53.1 | 46.9 |
| הויז ארבייט | 3,379,995 | 1,193,313 | 2,186,682 | 35.3 | 64.7 | 4,952,451 | 1,772,200 | 3,180,251 | 35.8 | 64.2 |
| אָפּיס ארבייט | 3,111,836 | 1,689,911 | 1,421,925 | 54.3 | 45.7 | 4,025,324 | 2,038,494 | 1,986,830 | 50.6 | 49.4 |
| סך הכל | 41,614,248 | 33,064,737 | 8,549,511 | 79.5 | 20.5 | 48,829,920 | 38,077,804 | 10,752,116 | 78.0 | 22.0 |

## פאבריקען אין די פאראייניגטע שטאַאטען, מיט א פּראָדוקציע פון 5 טויזענד דאָלאר און מעהר א יאָהר

| יאָהר | צאָהל פאבריקען | צאָהל ארבייטער | ווייזשעס אויסגעצאָהלט א יאָהר, $ | קאָסט פון רויע מאטעריאלען, $ | דער ווערטה פון פּראָדוקט, $ |
|---|---|---|---|---|---|
| 1914 | 177,110 | 6,896,190 | 4,067,718,740 | 14,278,333,194 | 23,987,860,617 |
| 1919 | 214,383 | 9,000,059 | 10,461,786,869 | 37,232,702,390 | 62,041,795,316 |
| 1921 | 196,267 | 6,946,570 | 8,202,324,339 | 25,331,056,346 | 43,653,282,833 |
| 1923 | 196,309 | 8,778,156 | 11,009,297,726 | 34,705,797,749 | 60,555,998,200 |
| 1925 | 187,390 | 8,384,261 | 10,729,968,927 | 35,935,647,704 | 62,713,713,730 |
| 1927 | 191,866 | 8,349,755 | 10,848,802,532 | 35,133,136,889 | 62,718,347,289 |
| 1929 | 210,959 | 8,838,743 | 11,620,973,254 | 38,549,579,732 | 70,434,863,443 |
| 1931 | 175,325 | 6,523,026 | 7,185,970,263 | 21,483,677,876 | 41,350,464,564 |

## די צאָהל פערזאָנען אין די פאראייניגטע שטאַאטען, וואָס האָבען אָנגעגעבען זייער איינקונפט אום צו צאָהלען טעקסעס, פאר די יאָהרען 1925-1930.

| | 1925 | 1926 | 1927 | 1928 | 1929 | 1930 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| ווייניגער ווי טויזענט דאלער | 98,178 | 119,513 | 126,745 | 111,123 | 126,172 | 150,000 |
| פון 1 טויז. און אונטער 2000 | 1,071,992 | 1,045,519 | 996,098 | 918,447 | 903,082 | 909,155 |
| פון 2 טויז. און אונטער 3000 | 842,528 | 837,792 | 855,762 | 837,781 | 810,347 | 767,684 |
| פון 3 טויז. און וועהניגער פון 5000 | 1,327,683 | 1,240,400 | 1,209,345 | 1,192,613 | 1,172,655 | 1,070,239 |
| פון 5 טויז. און וועהניגער פון 10,000 | 503,652 | 560,549 | 567,700 | 628,766 | 658,039 | 550,977 |
| פון 10 טויז. און וועהניגער פון 25,000 | 236,779 | 246,730 | 252,079 | 270,889 | 271,454 | 198,762 |
| פון 25 טויז. און וועהניגער פון 50,000 | 59,721 | 57,487 | 60,123 | 68,048 | 63,689 | 40,845 |
| פון 50 טויז. און וועהנ. פון 100,000 | 20,958 | 20,520 | 22,573 | 27,207 | 24,073 | 13,645 |
| פון 100 טויז. און וועהנ. פון 150,000 | 4,759 | 4,724 | 5,261 | 7,049 | 6,376 | 3,111 |
| פון 150 טויז. און וועהנ. פון 300,000 | 3,223 | 3,267 | 3,873 | 5,678 | 5,310 | 2,071 |
| פון 300 טויז. און וועהנ. פון 500,000 | 892 | 892 | 1,141 | 1,756 | 1,641 | 552 |
| פון 500 טויז. און וועהנ. פון א מיליאָן | 479 | 468 | 557 | 983 | 976 | 318 |
| העכער ווי א מיליאָן דאלאר | 207 | 231 | 290 | 511 | 513 | 150 |

## איינגאַהמען און אויסגאַבען פון אונזער רעגירונג

| יאָהר | איינאַהמען | אויסגאַבען |
|---|---|---|
| 1914 | $ 734,673,167 | $ 735,081,431 |
| 1915 | 697,910,827 | 760,586,802 |
| 1916 | 782,534,548 | 734,056,202 |
| 1917 | 1,124,324,795 | 1,977,681,751 |
| 1918 | 3,664,582,865 | 12,697,836,706 |
| 1919 | 5,152,257,136 | 18,522,894,705 |
| 1920 | 6,694,565,389 | 6,482,090,191 |
| 1921 | 5,624,932,961 | 5,538,209,189 |
| 1922 | 4,109,104,151 | 3,795,302,500 |
| 1923 | 4,007,135,481 | 3,697,478,020 |
| 1924 | 4,012,044,702 | 3,506,677,715 |
| 1925 | 3,780,148,685 | 3,529,643,446 |
| 1926 | 3,962,755,690 | 3,584,987,874 |
| 1927 | 4,129,394,441 | 3,493,584,519 |
| 1928 | 4,042,348,156 | 3,643,519,875 |
| 1929 | 4,033,250,225 | 3,848,463,190 |
| 1930 | 4,177,941,702 | 3,994,152,487 |
| 1931 | 3,317,233,494 | 4,219,950,339 |
| 1932 | 2,121,228,006 | 5,006,590,305 |
| 1933 | 2,238,356,181 | 4,029,584,886 |

## נאַציאָנאַלער רייכטהום פון די פאַראייניגטע שטאַאטען

(לויט דעם רעכענונג פון דער א. ס. ביוראָ און צענזוס)

| | 1900 | 1912 | 1922 |
|---|---|---|---|
| | אין טויזענדער דאָלאַרען | | |
| ריעל־עסטעיט | $52,537,628 | $109,236,926 | $176,414,444 |
| לעבעדיגע סטאַק (בהמות, פערד, חזירים, שעפסען א. א. וו.) | 3,306,473 | 6,238,389 | 5,807,104 |
| פאַרם מאַשינערי און געצייג | 749,776 | 1,368,225 | 2,605,638 |
| פאַבריקען מאַשינערי און געצייג | 2,541,047 | 6,091,451 | 15,783,260 |
| אייזענבאַנען און זייער אויסריכטונג | 9,035,732 | 16,148,532 | 19,950,800 |
| אויטאָמאָבילס און טראָקס | .......... | .......... | 4,567,407 |
| סטריט באַנען א. א. וו. | 3,495,228 | 10,265,207 | 15,414,447 |
| פאַרשידענעס | 16,851,423 | 36,950,934 | 80,261,762 |
| צוזאַמען | $88,517,307 | $186,299,664 | $320,803,862 |

אונאָפיציעלע אויסרעכענונג פון דעם נאַציאָנאַלען רייכטהום פון די פאַר־אייניגטע שטאַאטען ווערט אָנגעגעבען ווי פאָלגט:

| יאָהר | ביליאָנען דאָלארען | פער קאפיטא דאָלארען |
|---|---|---|
| 1924 | 327.9 | 2.985 |
| 1925 | 362.4 | 3.155 |
| 1926 | 356.5 | 3.060 |
| 1927 | 346.4 | 2.931 |
| 1928 | 360.1 | 3.004 |
| 1929 | 361.8 | 2.977 |
| 1930 | 329.7 | 2.677 |
| 1931 | 280.3 | 2.259 |
| 1932 | 247.3 | 1.981 |

## פארמס לויט זייער גרויס

| גרויס פון פארם | צאָהל 1920 | צאָהל 1930 |
|---|---|---|
| אונטער 3 אקער | 20,350 | 43,007 |
| פון 3 ביז 9 אקער | 268,422 | 315,497 |
| פון 10 ביז 19 אקער | 507,763 | 559,617 |
| פון 20 ביז 49 אקער | 1,503,732 | 1,440,388 |
| פון 50 ביז 99 אקער | 1,474,745 | 1,374,965 |
| פון 100 ביז 174 אקער | 1,449,630 | 1,342,927 |
| פון 175 ביז 259 אקער | 530,800 | 520,593 |
| פון 260 ביז 499 אקער | 475,677 | 451,338 |
| פון 500 ביז 999 אקער | 149,819 | 159,696 |
| איבער 1000 אקער | 67,405 | 80,620 |

די באפעלקערונג אויף פארמס איז געוועז אין 1920 — 31,614,269; 1930 — 30,445,350.

---

די צאָהל פערזאָנען באשעפטיגט אין אגריקולטור אין די פאראייניגטע שטאַאטען, אין 1930 איז געוועז 10,482,323.

---

איינגאַמע פון אראָפגענומענע פראָדוקטען פון פארמס:

1929 — 11 ביליאָן, 917 מיליאָן דאָלאר.<br>
1930 — 9 ביליאָן, 414 מיליאָן דאָלאר.<br>
1931 — 6 ביליאָן, 909 מיליאָן דאָלאר.<br>
1932 — 5 ביליאָן, 142 מיליאָן דאָלאר.

## דער דורכשניטליכער ריטעיל פרייז פון שפייז פראָדוקטען אין די פאראייניגטע שטאַאטען

| יאָהר | צוקער פונט | פּאָטייטאָס פונט | קאָרנמעהל פונט | מעהל פונט | מילך קווארט | פוטער פונט | אייער דאזען | הינער פונט | פעטס פונט | העם פונט | בעיקאָן פונט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1910..... | 6.0 | 1.7 | 2.8 | 3.6 | 8.4 | 35.9 | 33.7 | 19.9 | 16.4 | 24.6 | 25.5 |
| 1911..... | 6.1 | 2.2 | 2.8 | 3.4 | 8.5 | 33.7 | 32.3 | 19.4 | 14.0 | 24.0 | 24.7 |
| 1912..... | 6.3 | 2.2 | 3.0 | 3.5 | 8.7 | 37.4 | 34.1 | 19.9 | 14.8 | 24.4 | 24.4 |
| 1913..... | 5.5 | 1.7 | 3.0 | 3.3 | 8.9 | 38.3 | 34.5 | 21.3 | 15.9 | 26.9 | 27.0 |
| 1914..... | 5.9 | 1.8 | 3.2 | 3.4 | 8.9 | 36.2 | 35.3 | 21.8 | 15.6 | 27.3 | 27.5 |
| 1915..... | 6.6 | 1.5 | 3.3 | 4.2 | 8.8 | 35.8 | 34.1 | 20.8 | 14.8 | 26.1 | 26.9 |
| 1916..... | 8.0 | 2.7 | 3.4 | 4.4 | 9.1 | 39.4 | 37.5 | 23.6 | 17.5 | 29.4 | 28.7 |
| 1917..... | 9.3 | 4.3 | 5.8 | 7.0 | 11.2 | 48.7 | 48.1 | 28.6 | 27.6 | 38.2 | 41.0 |
| 1918..... | 9.7 | 3.2 | 6.8 | 6.7 | 13.9 | 57.7 | 56.9 | 37.7 | 33.3 | 47.9 | 52.9 |
| 1919..... | 11.3 | 3.8 | 6.4 | 7.2 | 15.5 | 67.8 | 62.8 | 41.1 | 36.9 | 53.4 | 55.4 |
| 1920..... | 19.4 | 6.3 | 6.5 | 8.1 | 16.7 | 70.1 | 68.1 | 44.7 | 29.5 | 55.5 | 52.3 |
| 1921..... | 8.0 | 3.1 | 4.5 | 5.8 | 14.6 | 51.7 | 50.9 | 39.7 | 18.0 | 48.8 | 42.7 |
| 1922..... | 7.3 | 2.8 | 3.9 | 5.1 | 13.1 | 47.9 | 44.4 | 36.0 | 17.0 | 48.8 | 39.8 |
| 1923..... | 10.1 | 2.9 | 4.1 | 4.7 | 13.8 | 55.4 | 46.5 | 35.0 | 17.7 | 45.5 | 39.1 |
| 1924..... | 9.2 | 2.7 | 4.7 | 4.9 | 13.8 | 51.7 | 47.8 | 35.3 | 19.0 | 45.3 | 37.7 |
| 1925..... | 7.2 | 3.6 | 5.4 | 6.1 | 14.0 | 54.8 | 52.1 | 36.6 | 23.3 | 52.6 | 46.7 |
| 1926..... | 6.9 | 4.9 | 5.1 | 6.0 | 14.0 | 53.1 | 48.5 | 38.8 | 21.9 | 57.4 | 50.3 |
| 1927..... | 7.3 | 3.8 | 5.2 | 5.5 | 14.1 | 55.6 | 45.2 | 36.9 | 19.3 | 55.0 | 47.2 |
| 1928..... | 7.1 | 2.7 | 5.3 | 5.4 | 14.2 | 56.5 | 46.4 | 37.4 | 18.6 | 52.9 | 44.0 |
| 1929..... | 6.6 | 3.2 | 5.3 | 5.1 | 14.3 | 55.1 | 49.0 | 39.7 | 18.3 | 54.9 | 43.5 |
| 1930..... | 6.2 | 3.6 | 5.3 | 4.7 | 14.0 | 46.1 | 41.0 | 35.5 | 17.0 | 53.4 | 42.3 |
| 1931..... | 5.7 | 2.3 | 4.6 | 3.6 | 12.3 | 35.4 | 31.7 | 31.0 | 13.7 | 45.9 | 36.4 |
| 1932..... | 5.1 | 1.7 | 3.8 | 3.2 | 10.9 | 27.4 | 27.2 | 24.6 | 8.8 | 35.0 | 24.1 |

## דער ווערטה פון פארמס אין די פאראייניגטע שטאַאטען (ציפערען זיינען אָנגעגעבען אין דאָלארען)

| יאָהר | צאָהל פארמס | לעבעדיגע סטאָק (בהמות, פערד א. א. וו.) | געצייג און מאשינען | געביידעס | לאנד | צוזאמען |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1900 | 5,737,372 | $3,075,477,703 | $ 749,775,970 | $3,556,639,496 | $13,058,007,995 | $20,493,901,164 |
| 1910 | 6,361,502 | 4,925,173,610 | 1,265,149,783 | 6,325,461,528 | 28,475,674,169 | 40,991,449,090 |
| 1920 | 6,448,343 | 8,012,876,069 | 3,594,772,928 | 11,486,439,543 | 54,829,563,059 | 77,923,661,599 |
| 1925 | 6,371,640 | 4,858,389,124 | 2,691,703,629 | 11,746,629,065 | 37,721,018,222 | 57,017,740,040 |
| 1930 | 6,288,648 | 5,994,970,000 | 3,301,654,481 | 12,949,993,774 | 34,929,844,584 | 57,245,544,269 |

## ווי ווייט עס איז פון איין גרויסער אמעריקאנער שטאָדט ביז דער צווייטער אין מיילען

| פון | ביז: ניו יאָרק | פילאַדעל־פיא | באַלטימאָר | באָסטאָן | קליוולאַנד | סינסינעטי | שיקאַגאָ | סט. לואיס | לאָס אנדזשעלעס | סאַן פראַנציסקאָ |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נואַרק, נ. דזש. | 9 | 82 | 179 | 226 | 575 | 748 | 903 | 1,056 | 3,149 | 3,177 |
| פילאַדעלפיא, פּאַ. | 91 | .... | 97 | 321 | 493 | 666 | 821 | 974 | 3,058 | 3,095 |
| אָלבאַני, נ. י. | 145 | 236 | 333 | 202 | 480 | 724 | 832 | 1,028 | .... | 3,106 |
| באַלטימאָר, מד. | 188 | 97 | .... | 418 | 474 | 593 | 802 | 934 | 3,018 | 3,076 |
| באָסטאָן, מאַס. | 217 | 321 | 418 | .... | 682 | 926 | 1,034 | 1,230 | 3,273 | 3,308 |
| באַפאַלאָ, נ. י. | 442 | 416 | 398 | 499 | 183 | 427 | 525 | 731 | .... | 2,799 |
| דעטראָיט, מיש. | 693 | 669 | 649 | 750 | 173 | 263 | 272 | 488 | .... | 2,546 |
| פּיטסבורג, פּאַ. | 444 | 353 | 334 | 674 | 135 | 313 | 468 | 62.1 | .... | 2,742 |
| טאָלידאָ, אָהייאָ | 705 | 615 | 595 | 795 | 113 | 203 | 244 | 437 | .... | 2,518 |
| סינסינעטי, אָהייאָ | 757 | 666 | 593 | 926 | 244 | .... | 298 | 341 | 2,425 | 2,572 |
| קליוולאַנד, אָהייאָ | 584 | 493 | 474 | 682 | .... | 244 | 357 | 548 | 2,562 | 2,631 |
| שיקאַגאָ, איל. | 912 | 821 | 802 | 1,034 | 357 | 298 | .... | 284 | 2,265 | 2,274 |
| מילוואָקי, וויס. | 997 | 906 | 887 | 1,119 | 442 | 383 | 85 | 586 | 2,180 | 2,359 |
| מעמפיס, טענ. | 1,157 | 1,066 | 969 | 1,387 | 738 | 494 | 527 | 311 | .... | 2,439 |
| מינעאַפּאָליס, מינ. | 1,332 | 1,241 | 1,222 | 1,454 | 777 | 718 | 420 | 586 | .... | 2,096 |
| ניו אָרליענס, לאַ. | 1,372 | 1,281 | 1,184 | 1,602 | 1,073 | 829 | 912 | 699 | .... | 2,482 |
| סאַנט לואיס, מאָ. | 1,065 | 974 | 934 | 1,230 | 548 | 341 | 284 | .... | 2,084 | 2,194 |
| דענווער, קאָלאָ. | 1,934 | 1,843 | 1,850 | 2,056 | 1,379 | 1,257 | 1,022 | 916 | .... | 1,371 |
| סעאַטעל, וואַש. | 3,151 | 3,060 | 2,941 | 3,272 | 583 | 2,537 | 2,239 | 2,332 | .... | 957 |
| לאָס אנדזשעלעס, קאַל. | 3,149 | 3,058 | 3,018 | 3,273 | 2,564 | 2,425 | 2,265 | 2,184 | .... | 475 |
| סאַן פראַנציסקאָ, קאַל. | 3,186 | 3,095 | 3,076 | 3,076 | 2,596 | 2,537 | 2,274 | 2,194 | 4.75 | |
| וואַשינגטאָן, ד. ס. | 228 | 137 | 40 | 458 | 437 | 553 | 790 | 894 | .... | 3,064 |
| ניו יאָרק, נ. י. | .... | 91 | 188 | 217 | 584 | 757 | 912 | 1,065 | 3,149 | 3,186 |

# אידישע וועלט־אָרגאַניזאציעס

## „א י ק א"

### אידישע קאָלאָניזאציאָנס געזעלשאפט

---

די איקא איז געגרינדעט געווארען אין יאָהר 1891 אין לאָנדאָן פון באראָן מאָרים דע הירש. די איקא האָט זעהר פיעל אויפגעטאָהן אין דער אידישער קאָלאָניזאציע אין פארשידענע לענדער.

מיט דעם נאָמען פון באראָן הירש און זיין פרוי קלארא הירש איז פארבונדען א ריהרענדע געשיכטע פון אידישער פילאנטראָפּי. י. ל. פרץ, זייענדיג אליין א שונא פון אידישע פילאנטראָפּען, האָט פונדעסטוועגען שרייבענדיג וועגען באראָן הירש זיך ניט געקענט צוריקהאלטען און זאָגען „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", וואָס פאר א טשיקאווע פאָלק אידען זיינען! באראָן הירש איז זעהר געריהרט געווען פון די אידישע פארפאָלגונגען אין רוסלאנד און האָט באשלאָסען צו ווידמען זיין פארמעגען זיי צו העלפען.

באראָן הירש האָט מנדב געווען אויף קאָלאָניזאציע און אויף אנדערע פּראָדוק-טיווע אונטערנעמונגען צווישען אידען 300 מיליאָן פראנק, דעם גרעסטען טהייל פון זיין פארמעגען. שוין אין יאָהר 1888 האָט אָט דער אידישער פילאנטראָפּ מנדב געווען 50 מיליאָן פראנק פאר אידישע פאך־שולען און פערמעס צו לערנען ערד ארבייט אין רוסלאנד. ער האָט געדיינקט, אז די רוסישע רעגירונג וועט מיט שמחה אָננעהמען אזא וויכטיגע נדבה. ער האָט אָבער א טעות געהאָט. די רוסישע רעגירונג האָט נאָר געוואָלט האָבען די גאנצע דעה איבער דער נדבה. א מיליאָן פראנק האָט פּאָבעדאָנאָסצעוו צוגענומען און האָט גאָר געגרינדעט א נייע צערקווע. דאָס איז געווען א שרעקליכער פאטש אין פנים צו דעם באראָן הירש.

דערווייל האָט זיך דער באראָן הירש דערוואוסט אז פארוואָגעלטע אידען אין ארגענטינא האָבען געגרינדעט איינינע קאָלאָניעס. דער באראָן איז געוואָרען באגייסטערט פאר אידישער קאָלאָניזאציע אין ארגענטינא. ער האָט געשיקט אן עקספּעדיציע אונטער פּראָפעסאָר לעוועגטאל פון דער שווייץ. דער באריכט איז געווען א גינסטינער און דער באראָן האָט באשלאָסען אָנצופאנגען אידישע קאָלאָ־ניזאציע אויף א גרויסען מאסשטאב.

באראָן הירש האָט געשיקט אן ענגלישען דעפּוטאט פון פּארלאמענט, וואהייט איבערצוריידען מיט דער רוסישער רעגירונג וועגען אידישער עמיגראציע. וואהייט האָט זיך איבערציינגט, אז די רוסישע רעגירונג וויל פּטור ווערען פון אידען, „פון

די פּאַראַזיטען וואָס עסען און טוען גאָר ניט", ווי פּאָבעדאָנאָסצעוו האָט זיך אויסגעדריקט. „זאָלען זיי נאָר פאַרלאָזען דאָס לאַנד וואָס גיכער".

וואהייט האָט באַרייזט דעם גאַנצען אידישען ראַיאָן, דעם אידישען „תחום המושב" (טשערטא אָסעדלאָסטי). ער האָט געזעהן די אידישע נויט און פּיין. „אויב קוראַזש און צרות איז אַ גוטע זיטע, זיינען אידען די בעסטע מענשען אויף דער וועלט", האָט דער קאַלטער ענגלענדער אויסגערופען. וואהייט האָט אויך באַזוכט די אידישע קאָלאָניעס אין דרום רוסלאַנד און האָט זיך איבערציינגט אַז אידען זיינען זעהר פעהיג צו ערד אַרבייט.

ווען דער באַראָן הירש האָט זיך דערוואוסט די רעזולטאַטען פון דער שליחות פון דעם ענגלענדער וואהייט, האָט ער באַשלאָסען צו ווידמען זיין גאַנצען פאַרמעגען פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. און אם ענדע פון יאָהר 1891 איז געגרינדעט געוואָרען די „איקא", די אידישע קאָלאָניזאַציאָנס אסס'ן. די איקא איז געגרינדעט געוואָרען אַלס אַן אַקציאָנערע געזעלשאַפט, מיט אַ קאַפּיטאַל פון 2 מיליאָן ענגלישע פונטען (אונגעפעהר 9 מיליאָן און 700 טויזענד דאָלאַר). אַלע אַקציעס האָט באַראָן הירש אַליין כמעט איינגעקויפט. ער האָט זיך גענומען גלייך פאַרווירקליכען זיין גראַנדיעזען פּלאַן.

די רוסישע רעגירונג האָט מיט שמחה אויפגענומען דעם פּלאַן. דער פּלאַטען מיניסטער טשוכאַטשאָוו האָט זאָגאַר פאַרגעשלאָגען אַז די רעגירונג זאָל אויסצאָהלען יעדען עמיגרירענדען אידען אַ פּאָר קערבלעך. קוריע אַלעקסאַנדער דער דריטער, דער צורר היהודים, האָט ערלויבט אַז די נייע געזעלשאַפט זאָל אָנפאַנגען איהר טהעטיגקייט. ער האָט „אוטוויערדעט" די קאָנסטיטוציע פון דער איקא.

דער גראַנדיעזער טרוים פון באַראָן הירש צו קאָלאָניזירען אַלע אידען אין אַרגענטינע האָט זיך ניט איינגעגעבען. די איקא האָט אָבער פיעל מיטגעהאָלפען אין אידישע קאָלאָניזאַציאָנס אונטערנעהמונגען ניט נאָר אין אַרגענטינע אַליין.

אין אַרגענטינא האָט די איקא געגרינדעט אַרום 15 קאָלאָניעס. אין 1927 איז די צאָהל אידישע פאַרמס אין אַרגענטינא, געגרינדעט פון איקא געווען 2943. די צאָהל פון פאַרמס געגען דעם גראַנדיעזען אָריגינעלען פּלאַן איז ניט אַזוי גרויס, אָבער די ערשטע שווערע טריט פון דער קאָלאָניזאַציע זיינען איבערגעקומען געוואָרען. אויף דעם רעזערוו לאַנד, וואָס די איקא פאַרמאָגט אין אַרגענטינא, קאָן מען באַזעצען נאָך אַ פּאָר טויזענד אידישע קאָלאָניסטען.

די איקא האָט אויך געגרינדעט צוויי קאָלאָניעס אין בראַזיליע. די איקא האָט אין יאָהר 1900 איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון די קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פון באַראָן ראָטשילד. אין יאָהר 1923 איז פון באַראָן ראָטשילד געגרינדעט געוואָרען די „פּיקא", פּאַלעסטינער אידישע קאָלאָני־זאַציאָנס אסס'ן, אָבער די „איקא" פאַרנעמט זיך אויך מיט פּאַלעסטינער אידישער קאָלאָניזאַציע. די איקא פירט אויך אָן אַ קאָלאָניזאַציע טהעטיגקייט אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

נאָכ'ן טויט פון באַראָן הירש (אַפּריל 1896) האָט די איקא פאַרברייטערט איהרע צילען און האָט אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען אויף פּראָדוקטיווע אונטערנעהמונגען צווישען די אידען אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע.

איקא האָט געגרינדעט לייה און שפּאָר קאַסען, לאַנדווירטשאַפטליכע און פּראָ־

פעסיאָנעלע שולען, ביליגע הייזער, קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען, אינפאָרמאַציאָנס ביוראָס און פאַרמס.

די געלדער וואָס די איקא האָט איצט, נאָך די גרויסע פאַרלוסטען, באַטרעפט נאָך אויך ארום 9 מיליאָן ענגלישע פונטען. די נדבה פון באַראָן הירש אליין מיט דער נדבה פון קלאַרא האָט באַטראָפען ארום דריי הונדערט מיליאָן גאָלד פראַנקען. איקא האָט אויך געקראָגען נדבות פון אנדערע אידען.

דער גרונד קאַפּיטאַל פון דער איקא איז באַשטאַנען פון 2 מיליאָן ענגלישע פונטען, צוטיילט אין 20 טויזענד אקציעס צו הונדערט פונט אן אקציע. 19,900 אקציעס האָט באַראָן הירש אליין געקויפט. די אקציעס האָט ער צוטיילט די אידישע געמיינדען אין בערלין, פראַנקפורט אם מאַין, בריוסעל. אויך דער אליאַנץ און די אנגלאָ־דזשואיש אסאָסיאיישאָן האָבען געקראָגען צו 5 טויזענד אקציעס יעדערער.

די איקא זעצט נאָך פאָר איהר וויכטיגע ארבייט אויף דעם געביט פון אידישער קאָלאָניזאַציע און פּראָדוקטיווע אונטערנעמונגען אין פילע לענדער.

דער פּרעזידענט פון איקא איז פראַנץ פיליפּסאָן, בריוסעל, דער דירעקטאָר לואים אונגער.

---

# אליאַנס איזראעליט

## ALLIANCE ISRAELITE UNIVERSELLE

דער אליאַנץ האָט זיך געגרינדעט אין יאָהר 1860 אין פּאַריז, פראַנקרייך. דער אליאַנץ האָט פאַר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ געשפּילט אן אונגעהויערע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע.

די העברעאישע שרייבער האָבען א נאָמען געגעבען דעם אליאַנץ „חברה כל ישראל חברים". עס איז אָבער ניט בלויז צוליב מליצה האָבען זיי די חברה אזוי א נאָמען געגעבען. עס ליגט אין דעם א געוויסער זין. די גרינדער פון דעם אליאַנץ זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט א געפיהל פון אידישער סאָלידאַריטעט.

אין דעם אויפרוף צו גרינדען אזא געזעלשאַפט ווערט געזאָגט: „די געזעלשאַפט שטעלט זיך אלס צוועק צו פּאַרטיידיגען די עהרע פון אידישען נאָמען געגען יעדען אנגריף, די ערמוטיגונג פון מלאכה, דעם קאַמף געגען אונוויסענהייט... מיר זוכען אידישע עמאַנסיפּאַציע און ווידערגעבורט פאַר אידען". דער העברעאישער אויס־שפּרוך „כל ישראל ערבים זה בזה" (אלע אידען זיינען איינער פאַר דעם אנדערען ערב) איז געשטעלט געוואָרען אלס מאָטאָ פון דער נייער געזעלשאַפט. דער אויפרוף איז פאַרפאַסט געוואָרען אין פראַנצויזיש, דייטש, העברעאיש און אראַביש. דער אויפרוף האָט זיך געווענדעט ניט נאָר צו פראַנצויזישע אידען, נאָר אויך צו אידען פון אנדערע לענדער.

ניט אלע אידען האָבען די גרינדונג פון אזא געזעלשאַפט אויפגענומען גוט.

דייטשע אידען זיינען געווען קאַלט צו דער אידעע פון אידישער סאָלידאַריטעט. עסטרייכער אידען האָבען זיך געשראָקען פאַר אַזא געדאַנק, וואָס זיי האָבען באַטראַכט פאַר רעוואָלוציאָנער. עס זיינען געווען אידען, וואָס האָבען אויסגעשפּראָכען די מורא אַז גוים וועלען זאָגען אַז אידען ווילען באַהערשען די וועלט.

די גרינדער זיינען אָבער געגאַנגען זייער גאַנג און האָבען פיעל עררייכט. די שפּעטערדיגע פיהרער פון דעם אַליאַנץ האָבען אָבער פאַרגעסען וועגען די נאַציאָנאַלע אידישע אינטערעסען פון דער געזעלשאַפט. זיי האָבען אויסגענוצט די געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען קולטור, אָבער פראַנצויזישע קולטור, „די פּרינציפּען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע“, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער פּראָגראַם פון דעם אַליאַנץ.

די גרינדער זיינען געווען פּראָמינענטע אידען פון זייער צייט. קאַרל נעטער, דער גרינדער פון דער אגריקולטור שולע אין ארץ ישראל „מקוה ישראל“; פּראָפּעסאָר מנואל איזידאָר קאָהן, דער רעדאַקטאָר פון „ארכיוו איזראַעליט“; נאַרציס לעווען, דער סעקרעטאַר פון אַדאָלף קרעמיע, זיינען געווען צווישען די גרינדער. דער באַריהמטער שטאַטסמאַן אַדאָלף קרעמיע איז באַלד צוגעשטאַנען צום אַליאַנס. ער איז געווען דער פּרעזידענט פון דעם אַליאַנס מיט אַ קליינע אונטערברעכונג פון יאָהר 1863 ביז 1880.

אין די ערשטע 20 יאָהר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער אַליאַנץ געטאָהן אוננעהויערע פּאָליטישע ארבייט. אַדאָלף קרעמיע, דער הייסער פראַנצויזישער קעמפּער פאַר דער רעפּובליק און דער הייסער איד, האָט זיך אָפּגעגעבען מיט לייב און מיט לעבען צו קעמפען פאַר אידישע רעכטע אין אַלע לענדער. אויף דער איניציאַטיווע פון קרעמיע האָבען אידען געקראָגען פראַנצויזישע בירגער רעכטע אין אַלזשיר. דער אַליאַנץ האָט זיך פאַרמאָסטען צו קעמפען געגען פּאַפּסט. דער אַליאַנץ האָט אויסגעפיהרט אַז פראַנקרייך זאָל זיך אָפּזאָגען צו שליסען אַ האַנדעלס אָפּמאַך מיט דער שווייץ כל זמן די שווייץ וועט באַהאַנדלען פראַנצויזישע אידען אַנדערש, ווי אידען פון אַנדערע לענדער. אין יאָהר 1878 האָט דער אַליאַנץ אויסגעפיהרט אַז מען זאָל אַריינברייגנען אַ פּונקט אין בערלינער טראַקטאַט צו געבען די באַלקאַנישע אידען גלייכע רעכטע. אין יאָהר 1882 האָט דער אַליאַנץ אָנגעווענדעט מיטלען צו נישט מאַכען דעם עלילת דם אין טיסאַ־עסלאַר. דער אַליאַנץ האָט געהאָלפען זעהר פיעל די פּאָגראָמירטע אידען אין רוסלאַנד.

דער איינפלוס פון אַליאַנץ איז געווען שטאַרק אין אַלע לענדער. די אַנטיסעמיטען האָבען געקריצט מיט די ציינער. זיי האָבען באַשולדיגט די אידען אַז זיי זוכען וועלט־מאַכט. דער אַליאַנץ האָט געהאַט מיטגלידער אין פילע לענדער אין איירָאפּא און אַמעריקאַ.

צוליב די רעזולטאַטען פון דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה, אָדער צוליב מורא פאַר אידישע שונאים, האָבען די דייטשע אידען געגרינדעט אַ דייטשע אַליאַנץ אין יאָהר 1872, וואָס האָט געוואָלט האָבען פיעל אונאַבהענגיגקייט. דער פּאַריזער אַליאַנץ האָט זיך אין גאַנצען אָפּגעטהיילט פון דעם אַלגעמיינעם אַליאַנץ. די

עסטרייכער אידען האָבען געגרינדעט א באזונדער אליאנס אין יאָהר 1873 און די ענגלישע אידען האָבען געגרינדעט די „אנגלאָ דזשואיש אסס'ן". דער אלגעמיינער אליאנץ איז געוואָרען וואָס מעהר און מעהר אן עכטע פראנצויזישע אינסטיטוציע מיט א פּראָגראם פון פראנצויזישער קולטור.

דער אליאנץ האָט אָנגעפאנגען צו קאָנצענטרירען זיין טהעטיגקייט אין די לענדער פון נאָהענטען מזרח, אין טערקיי, מאַראָקאָ, טוניס, אלזשיר און פּערסיע. ער האָט אין פילע שטעדט געגרינדעט פראנצויזישע שולען פאר אידען. די אידען האָבען פארשפּרייט פראנצויזישע קולטור אין דעם נאָהענטען מזרח.

דער אליאנץ פארנעהמט זיך אבער אויך פיל מיט ריין אידישע אינטע־רעסען. דער פּראָפעסאר יוסף הלוי האָט אויסגעפונען א נייעם שבט פון אי־דען אין אביסיניע, די „פאלאשען". אין דער צייט, וואָס דאָס האָט פּאַסירט, האָט דאָס ארויסגערופען א סענסאציע איבער דער וועלט. דער אליאנץ האַלט איצט אויף פילע אידישע אינסטיטוציעס אין פראנקרייך און אין די לענדער פון נאָהענטען מזרח. די אגריקולטור שולע אין מקוה ישראל' אין ארץ ישראל, איז געגרינדעט געוואָרען פון קארל נעטער, איינער פון די גרינדער פון דער אליאנץ. די שולע האָט פיעל מיטגעהאָלפען דער ענטוויקלונג פון אידישער קאָלאָניזאציע אין פּאלעסטינע.

וועגען דעם וואוקס פון אליאנץ קאָן מען זעהן פון די פאָלגענדע ציפערען: אין יאָהר 1868 זיינען געווען די הכנסות פון אליאנץ ארום 67 טויזענד פראנק. אין יאָהר 1880 זיינען די הכנסות געווען 280 טויזענד פראנק, אין 1900 העכער ווי א מיליאָן, אין 1910 קרוב פון צוויי מיליאָן פראנק. מען מוז אבער זאָגען, אז דער וואוקס פון דער הכנסה איז א פארקעהרטע פּראָפּאָרציע צו דעם איינפלוס, וואָס דער אליאנץ האָט געהאט אויף דעם גורל פון די אידען.

אין יאָהר 1927 איז די הכנסה פון דער אליאנץ געווען קרוב פון א מיליאָן פראנק. מען מוז אָבער ניט פארגעסען אז דער פראנק איז „דעוואלויאירט" געוואָרען. ער האָט פארלאָרען פיר־פינפטעל פון זיין פריהערדיגען ווערטה. דער פארלוסט אין ווערטה־פּאפּירען און קורסען פון געלד האָט זיך אָפּגערופען שווער אויף אלע אידישע וועלט אינסטיטוציעס.

דער אליאנץ ציהט הכנסה פון גרויסע ירושות, וואָס מען האָט אָפּגעשריבען פאר איהם. באראָן הירש אליין האָט אָפּגעשריבען 16 מיליאָן פראנק פארן אליאנץ. אנדערע אידישע קאַפּיטאַליסטען האָבען אין א קלענערער מאָס נאָכ־געטאָהן דעם ביישפּיל פון באראָן הירש.

דער אליאנץ זעצט איצט פאָר זיין ארבייט ווי פריהער. ער שפּילט שוין אבער ניט די ראָלע פון אמאָל.

# אנגלאָ דזשואיש אסאָסיאיישאָן

ארגאַניזירט 1871, לאָנדאָן, ענגלאנד

---

די אנגלאָ דזשואיש אסאָסיאיישאָן האָט די זעלבע צוועקען ווי דער אליאנץ איזראעליט אין פראנקרייך.

אין דער אמתן האָט זיך די געזעלשאַפט געגרינדעט אין יאָהר 1871, ווען דער אליאנץ האָט ניט געקענט פונקציאָנירען צוליב דעם קריג פון פראנקרייך מיט דייטשלאנד. נאָך דער מלחמה האָט די אסאָסיאיישאָן אָנגעפאנגען נאָכצוטאָהן דעם אליאנץ. עס איז מעהר ניט וואָס אנשטאָט דעם, וואָס דער אליאנץ האָט פארשפרייט צווישען מזרח אידען פראנצויזישע קולטור, האָט די אנגלאָ דזשואיש אסאָסיאיישאָן אָנגעפאנגען צו פארשפרייטען די ענגלישע שפּראך און ענגלישע קולטור צווישען אידען.

די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט די פאָלגענדע צוועקען:

1) מיטצואווירקען אין דעם מאָראלען און געזעלשאַפטליכען פּראָגרעס פון אלע אידען אויף דער וועלט.

2) צו באַשיצען אידען, וואָס ליידען צוליב אידישקייט.

אין דער אנגלאָ דזשואיש אסאָסיאיישאָן געהן אריין די פּראָמינענטסטע אידען פון ענגלאנד.

דער פּרעזידענט פון דער אסאָסיאיישאָן איז לעאָנארד מאָנטעפיאָרע. דער וויס־פּרעזידענט איז דיאביגדור גאָלדסמיטה.

צווישען די טהעטיגסטע מיטגלידער געפינען זיך קלאוד מאָנטעפיאָרע, לאָרד ראָטשילד, ליאָניעל דע ראָטשילד און דער רב הכולל רבי הערץ.

די אסאָסיאיישאָן האָט זיך פילע מאָהל איינגעשטעלט פאר די אידען אין רומעניע, אין רוסלאנד, און איצט נעהמט זי א טהעטיגען אנטייל אין העלפען דייטשע אידען.

אויסער פּאָליטישע טהעטיגקייט פארנעהמט זיך די אסאָסיאיישאָן מיט א

בריטער ערציהונגס טהעטיגקייט. זי האלט אויף שולען אין פילע לענדער, אין איראַק, מעסאָפּאָטאמיען, אין ארץ ישראל און אנדערשוואו. מיטלען האָט די אַסאָסיאיישאָן גרויסע. מיט א פּאָר יאָהר צוריק האָט א ספרדישער איד קאדורי פון האָנקאָנג איבערגעלאָזען דער אַסאָסיאיישאָן העכער פון א מיליאָן דאָלאר בלויז פאר ערציהונגס ארבייט.

די אַסאָסיאיישאָן האָט זיך פאראייניגט מיט דער באָארד אָוו דעפּיוטיס פאר ווירקזאמער פּאָליטישער ארבייט.

---

# באָארד אָוו דעפּיוטיס פון בריטישע אידען אין לאָנדאָן, ענגלאַנד

ארגאניזירט 1760

צוועק צו באוואכען די רעכטע פון בריטישע אידען אלס רעליגיעזע געמיינדע און אָננעהמען מיטלען די רעכטע אָנצוהאלטען.

פּרעזידענט נעוויל לאַסקי.

וויס־פּרעזידענט לאָרד ראָטשילד.

סעקרעטאר ציימאַן.

די באָארד אָף דעפּיוטיס שפּילט א וויכטיגע ראָלע ניט נאָר אין דעם רעליגיעזען לעבען פון ענגלישע אידען. די באָארד אָף דעפּיוטיס איבט אויס א גרויסע ווירקונג אויף דעם פּאָליטישען און קולטורעלען לעבען פון ענגלישע אידען און פון אידען פון אנדערע לענדער.

די באָארד אָף דעפּיוטיס איז אן אַלטע קאָנסערוואטיווע אָרגאניזאציע. זי עקזיסטירט שוין איבער 170 יאָהר. אָבער דאָך האָבען אָנגעהויבען צו בלאָזען נייע ווינטען אויך אין דער קאָנסערוואטיווער אָרגאניזאציע.

שוין אין יאָהר 1878 האָט זיך די באָארד אָף דעפּיוטיס פאראייניגט מיט דער „אנגלאָ דזשואיש אסאָסיאיישאָן" און געגרינדעט א פאראייניגטען קאָמיטעט

## דזשוינט פאָריין קאָמיטע, לאָנדאָן, ענגלאַנד

א פאראייניגטער קאָמיטעט פון פאָרשטעהער פון אנגלאָ דזשואיש אסס'ן און באָארד אָף דעפּיוטיס.

די אקטיווע טהוער פון ביידע קערפערשאפטען קומען זיך צוזאמען פון צייט צו צייט צו באטראכטען וויכטיגע פראגען פון ענגלישע אידען און אויך פראגען פון איראק און אנדערע לענדער. די פראגען פון די אידען פון דער וועלט פאר־נעהמען א פראָמינענטען פלאץ אויף די זיצונגען פון „דזשוינט קאָמיטעט".

דער דזשוינט קאָמיטעט האָט צוגעצויגען אידען פון אנדערע אָרגאניזאציעס. נחום סאָקאָלאָוו און אנדערע ציוניסטען באטייליגען זיך אין די בעראטונגען. עס באטהייליגען זיך אויך פאָרשטעהער פון פארשידענע אידישע ריכטונגען.

# דער „אָרט״

## די פאַרגעשיכטע פון „אָרט״

דער „אָרט״ איז געגרינדעט געוואָרען אין רוסלאַנד אין דעם יאָהר 1880. די וויכטיגסטע פּערזאָנען צווישען די גרינדער זיינען געווען באַראָן גינזבורג, שמואל פּאָלאַקאָף, פּראָפעסאָר ניקאָליי באַקסט, דער געלערטער דר. ל. קאַצענעלענסאָן און דער באַוואוסטער שרייבער נ. ראַבינאָוויטש. דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז געווען צו אַנטוויקלען צווישען אידען מלאכה און ערד־אַרבייט. (דער נאָמען „אָרט״ איז דער ראשי תיבות פון די רוסישע ווערטער „אָבטשעסטווא ראַספּראָסטראַנעניא טרודא״ — געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען מלאכה און ערד־אַרבייט צווישען אידען.

דער אָנהויב פון דער געזעלשאַפט איז געווען, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס דער „אָרט״ איז איצט, זייער באַגרענעצט און קליין. די ערשטע זעכצעהן יאָהר איז די געזעלשאַפט ניט געווען לעגאַליזירט און געאַרבייט ווי א צייטווייליגער קאָמיטעט. די גאַנצע אַרבייט איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צו פאַרשפּרייטען פאַך־בילדונג צווישען דער אידישער באַפעלקערונג. מען האָט אָנגעהויבען אָרגאַניזירען פאַך־שולען, זאַמלען מאַטעריאַלען וועגען אידישע פּרנסות, פאָרשען די אידישע לאַנד־ווירטשאַפט. די געזעלשאַפט האָט געטראָגען מעהר דעם פּנים פון א פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע איידער א געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע.

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 ווערט די געזעלשאַפט רעאָרגאַניזירט און ווערט אויך לעגאַליזירט, זי קריגט די מעגליכקייט צו פאַרברייטערען איהר טהעטיג־קייט. אין אַלגעמיינעם און אין אידישען לעבען האָט זיך אָנגעהויבען א געוויסע אויפלעבונג און אינטערעס צו ברייטער זעלבסט־אַרבייט. די געזעלשאַפט הויבט אָן זאַמלען אַרום זיך אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטען וואָס אינטערעסירען זיך מיט פאַך־בילדונג און סאָציאַלע אַרבייט פון דער אידישער מאַסע און וועקט צווישען די ברייטע געזעלשאַפטליכע קרייזען דעם אינטערעס צו דער דאָזיגער אַרבייט. אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר איז „אָרט״ געלונגען צו ווערען א גרויסע און איינ־פלוסרייכע אידישע אָרגאַניזאַציע. די אַרבייט אויפ'ן געביט פון פאַך־בילדונג צו־וואַקסט זיך און ווערט פּלאַנמעסיגער. די געזעלשאַפט עפענט פאַך־שולען און שטיצט אידישע למודים פון אַלגעמיינע טעכנישע שולען, זאָרגט פאַר צוגרייטען גוטע לעהרער פאַר די פאַך־שולען, אָרגאַניזירט קאָנפערענצען פאַר די טוער אויף דעם געביט פון פאַך־בילדונג.

## „אָרט״ אין מלחמה־יאָהרען און נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע

פאַר די אַכט יאָהר פון 1906 ביז 1914 איז „אָרט״ געוואָרען א פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע מיט 20 אָפּטיילונגען אין די וויכטיגסטע פּונקטען פון לאַנד. מיט אַמאָל האָט זיך אָנגערוקט די וועלט־מלחמה און די וועלט־מלחמה האָט געשטעלט פאַר'ן „אָרט״ נייע פּראָבלעמען. צענדליגער טויזענדער אידישע פאַמיליעס האָט מען אָהן רחמנות אַרויסגעוואָרפען פון זייערע היימען און די פאַרצווייפעלטע, היים־לאָזע האָבען זיך געמוזט שלעפּען און וואַנדערן פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. פאַרשידענע געזעלשאַפטען האָבען אָנגעהויבען די הילף פון געוועהנליכע צדקה.

אָבער דער „אָרט" האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויכטיגסטע איז באַהילפיג זיין דעם היימלאָזען אויפצובויען אַ מעהר אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיגע ווירטשאַפטליכע עקזיסטענץ, און „אָרט" האָט גענומען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע: הילף דורך אַרבייט. „אָרט" האָט אָרגאַניזירט אַ געדיכטען נעץ פון אַרבייט פאַרמיטלונגס־ביוראָ פאַר היימלאָזע; עלי־מלאכות און איבער 25 טויזענד האָבען באַקומען אַרבייט מיט דער הילף פון 2׳ ביוראָס פון „אָרט"; „אָרט" האָט אָרגאַניזירט און אויסגעהאַלטען 23 אָפּטיילונגען אויף קויפען געצייג, מאַשינעס און מאַטעריאַלען; אָרגאַניזירט געזעלשאַפטליכע ווארשטאַטען, „אָרט" האָט אָרגאַניזירט 25 אַנשטאַלטען (פּאַטראָנאַטען) פאַר לערן־אינגלאַך, אָרגאַניזירט לערן־וואַרשטאַטען, „אָרט" האָט געגרינדעט אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל, אָרגאַניזירט באַראַטונגען פון געבען עקאָנאָמישע הילף, און דער בודזשעט פון „אָרט" איז אויסגעוואַקסען פון 45 טויזענט רובעל פאַר דער מלחמה ביז אַ פערטעל מיליאָן אין יאָר 1915, און דער בודזשעט האָט דערגרייכט אין 1916 די סומע פון 541 טויזענט רובעל.

די ברייטע און פיל־זייטיגע אַרבייט, וועלכע „אָרט" האָט אַנטוויקעלט אין משך פון 1914 ביז 1917 לטובת די קרבנות פון דער מלחמה, איז איבערגעריסען געוואָרען דורך דער נייער לאַגע וועלכע איז געשאַפען געוואָרען דורך דער רוסישער רעוואָלוציע. לכתחילה האָט מען געקענט מיינען, אַז מיט דער פּאָליטישער גלייך־באַרעכטיגונג וועלכע אידען האָבען באַקומען דורך דער רעוואָלוציע, וועט זיך אָנהויבען אַ פאַרבעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידען. אָבער אין דער אמת׳ן איז זייער לאַגע געוואָרען נאָך ערגער. דער געוואַלדיגער בירגער קריג און די גרויזאַמע פּאָגראָמען, וועלכע האָבען חרוב געמאַכט 450 אידישע ישובים, האָבען געבראַכט איבער 130 טויזענד בלוטיגע קרבנות און רואינירט מעהר ווי 200 טויזענד מענשען, דער אַלגעמיינער חורבן פון אינדוסטרי, האַנדעל און טראַנספּאָרט, דאָס אַלץ האָט געשטעלט פאַר׳ן „אָרט" נייע און שווערע אויפגאַבען, געמאַכט די אַרבייט פאַראַנטוואָרטליכער און קאָמפּליצירטער. עס הויבט זיך אָן אַ סיסטעמאַטישע אַרבייט אויף אויפצובויען דאָס חרוב־געוואָרענע ווירטשאַפטליכע לעבען פון רוסישען אידען, איבערבויען, ווי ווייט מעגליך, אידישע פרנסות.

איבערהויפּט האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט דאָס פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבען פון די אידישע מאַסען. עס זענען אַנטשטאַנען גאַנץ נייע מלוכות. די אַרבייט האָט אָנגענומען אַן אַנדער פאָרנעם. אין 1920 האָט זיך אָנגהויבען די אַרבייט פון „אָרט" אין פּוילען, פריער אין ווילנער געגענד, שפּעטער איז געשאַפען געוואָרען אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע. „אָרט" האָט אָנגעהויבען פירען זיין אַרבייט אין רומעניע, ליטע און לעטלאַנד, מען האָט געדאַרפט אָרגאַניזירען די הילפס־קאָמיטעטען אין פאַרשידענע לענדער וועלכע זאָלען שאַפען מיטלען פאַר דער אַרבייט פון „אָרט". אויף אַזאַ אופן איז מען געקומען צום געדאַנק צו אָרגאַניזירען אַ וועלט־פאַרבאַנד פון „אָרט" אונטער דער הויפּט פירערשאַפט פון דר. ל. בראַמסאָן, דר. א. סינגאַלאָווסקי, און דר. ד. לוואָוויטש. און אין 1921 איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער „אָרט" פאַרבאַנד. ער באַשטייט פון אַרום 100 אָרגאַניזאַציעס צושפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּאַ, אַמעריקאַ, און אויסטראַליען, און צעהלט צווישען זיינע פירער, טוער און סימפּאַטיקער פון די פּראָמינענטסטע מענשען אין דער וועלט, פון אידען און אפילו ניט־אידען אויך. די צענטראַלע פון „אָרט" איז געווען אין בערלין, זינט אָקטאָבער 1933, איז די צענטראַלע אַריבערגעפאָרען קיין פּאַריז.

די פּלענער און מעטאָדען פון „אָרט" ווערען אויסגעאַרבייט פון דעם צענטראַלען ראַט פון 25 מענשען, וועלכע ווערען אויסגעוועהלט אויף „אָרט" קאָנווענשאָנס

וועמענס דעלעגאַטען פאַרטרעטען אַלע לענדער. די אַרבייט פון „אָרט" האָט זיך אָנגעהויבען אַנטוויקלען זייער גוט, אָבער דאָ איז אָנגעקומען דער עקאָנאָמישער קריזיס און האָט געבראַכט גרויסע שטערונגען אין דער אויספיהרונג פון זיינע פּלענער. די טראַגעדיע פון די דייטשע אידען האָט ווידער אַרויפגעלייגט אויף'ן „אָרט" שווערע פּראָבלעמען. דער „אָרט" אַרבייט אָבער אונטער די שווערסטע אומשטענדען און ערפילט אין די איצטיגע שווערע מאָמענטען אַ געוואַלדיגע מיסיע. זיין טהעטיגקייט איז פאַרשפּרייט אין די מייסטע לענדער וואו אידען געפינען זיך.

## „אָרט" אַרבייט אין סאָוועט־רוסלאַנד

די גרויסע מאַסען פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַר דער רעוואָלוציע האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדעל און פאַרמיטלעריי. די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער ראַטען מאַכט האָט אָבער אָט די באַשעפטיגונגען אַרויסגעשטויסען פון ווירטשאַפט־ליכען לעבען, און 750 טויזענד אידען האָבען פאַרלאָרען זייערע פּרנסות, זיי זענען געוואָרען דעקלאַסירט.

פאַר „אָרט" זענען אַנטשטאַנען נייע אויפגאַבען צו פּראָדוקטיוויזירען די דעקלאַסירטע אין סאָוועט רוסלאַנד.

„אָרט" פירט אַ ברייטע און פאַרצווייגטע אַרבייט אין סאָוועט רוסלאַנד, „אָרט" האָט געשלאָסען אַ ספּעציעלען אָפּמאַך מיט דער סאָוועט רעגירונג דעם 9טען אָקטאָבער 1925, וועלכער איז דעם 25טען מערץ 1926 ענדגילטיג באַשטעטיגט געוואָרען פונ'ם פּאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרען.

אָנגעהויבען האָט זיך די טהעטיגקייט פיל פריער און קודם כל אויף'ן געביט פון לאַנדווירטשאַפט. אין אַ שווערער לאַגע האָבען זיך אין יענער צייט געפונען די אַלטע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען געוואַלדיג געליטען פון בירגער־קריג און פון די פּאָגראָמען. די פּאָגראָמען האָבען פאַרטריבען די קאָלאָניסטען פון זייערע אַלטע היימען, זייערע ווירטשאַפטען זענען רואינירט געוואָרען. דער הונגער פון 1921 האָט די לאַגע נאָך מעהר פאַרערגערט. דער "אָרט" איז געוועזען די ערשטע אידישע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געקומען צו הילף די רואינירטע קאָלאָניסטען. דער ערשטער טראַנספּאָרט פון אויסלאַנד, וועלכער איז פאַר דער צייט פון דער בלאָקאַדע פון ראַטען פאַרבאַנד אַריינגעקומען אין אָדעסער פּאָרט, איז געוועזען דער טראַנספּאָרט פון זוימען, וועלכער איז אין חודש מערץ 1921 געשיקט געוואָרען פון „אָרט" פאַרבאַנד פאַר די אידישע קאָלאָניעס.

אין משך פון 1922 איז דורך דער צענטראַל פאַרוואַלטונג פון „אָרט" אַרויס־געשיקט געוואָרען פאַר די קאָלאָניעס 11 וואַגאָנען לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען און געצייג. די אינסטרוקטאָרען און אַגראָנאָמען פון „אָרט" האָבען געגעבען די נויטיגע הילף און געשאַפען אַ באַדייטענדע צאָל קאָלעקטיוון. „אָרט" האָט מיטגע־האָלפען די קאָלאָניסטען מיט קרעדיטען אויף בויען הייזער, איינקויפען פערד און לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען, „אָרט" האָט געהאָלפען מיט קרעדיטען און גע־שטיצט די באַוועגונג פון גערטנעריי, אָרגאַניזירט ספּעציעלע קורסען און קאָאָפּע־ראַטיוון. מעהר פּלאַנמעסיג איז געוואָרען די אַרבייט פון „אָרט" נאָכ'ן שליסען דעם אָפּמאַך מיט סאָוועט רוסלאַנד. אין אוקראַינאַ און ווייס־רוסלאַנד איז דער „אָרט" באַזונדערס טהעטיג געוועזען.

פון דעם יאָהר 1926 האָט „אָרט" באַדינט 1448 ווירטשאַפטען מיט 6372 פאַמיליעס און איבער 25 טויזענד נפשות. עס איז געוועזען אַ שווערע קאָלאָניזאַ־טאָרישע אַרבייט מיט אַלע שוועריגקייטען, וועלכע זענען דערמיט פאַרבונדען: ראַציאָנאַליזירען, בעאַרבייטען דעם באָדען, איינשטעלען דעם געהעריגען זייר־

פארקער, איינפירען ספּעציעלע שטאַנדהאפטיגע קולטורען, באַזאָרגען מיט גוטע וואַסער, בויען הייזער, אנטוויקלען פי־צוכטען, אנטוויקלען וויין גערטנעריי און מילך־ווירטשאַפטען. „אָרט" האָט געגעבען קרעדיטען און ספּעציעל אויסשטאַטונגען פאר די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיווען און קאָלעקטיווע ווירטשאַפטען. די ארבייט איז געפירט געוואָרען דורך דעם אגראָנאָמישען און אינסטרוקטאַרישען אפּאראַט פון „אָרט". פון 1931 ענדערט זיך דער כאראקטער פון דער ארבייט. פארשידענע צווייגען פון דער אידישער לאַנדווירטשאַפט האָבען זיך באַפעסטיגט, די איינאָרדנונג פון די אידישע מאסען אויף דער ערד האָט אָנגענומען מעהר אָרגאַניזירטע פאָרמען. „אָרט" האָט זיך אָנגעהויבען קאָנצענטרירען אויף נייע לאַנדווירטשאַפטליכע צווייגען — אנטוויקלונג פון אינטענסיווע קולטורען. „אָרט" האָט אָרגאניזירט גאָרטען בריגאַדעס אויף גאָר א ברייטען מאסשטאַב. כדי צו פארגרעסערען די הכנסה פון גערטנעריי האָט „אָרט" אָרגאניזירט ספּעציעלע פּראָדוציר־אַנשטאַלטען פון גאָרטען גרינס. און אין משך פון איין יאָהר האָט „אָרט" אָרגאַניזירט אין 66 פּונקטען אזעלכע נייע גערטנעריי.

## אויפ'ן געביט פון מלאכה

דער „אָרט" האָט אויפ'ן געביט פון פּראָדוקטיוויזירען די אידישע מאסען, נאַטירליך, גערעכענט זיך מיט דעם כאראקטער פון יענע ענדערונגען וועלכע קומען פאָר אין דער סטרוקטור פון דער אידישער באַפעלקערונג אונטער דעם איינפלוס פון סאָוועט עקאָנאָמיע. גרויסע מאסען פון געוועזענע קרעמער און פארמיטלער האָבען געזוכט זיך צו פארנעמען מיט מלאכה און א טייל פון זיי זענען אריינגעטראָטען אלס ארבעטער אין פאבריקען און זאוואָדען. דער פּראָצעס פון אריבערגעהען אויף פּראָדוקטיווע ארבייט איז געוועזען א גאנץ שווערער. אין די ערשטע צייטען (1921-1922) האָט זיך „אָרט" פארנומען מיט אויפשטעלען די פאַך־שולען וועלכע זענען רואינירט געוואָרען דורך דעם בירגער קריג. אין יענער צייט האָט „אָרט" געשטיצט 39 שולען מיט 2176 שילער. אָבער ביסלעכווייז האָבען די שולען אָנגעהויבען באקומען וואָס מעהר אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג, די פינאנציעלע לאַגע פון די שולען ווערט פעסטער, די שולען ווערען אויסגעהאַלטען פון דעם מלוכה בודזשעט. „אָרט" פלעגט זיך באַגרעניצען נאָר מיט באַזאָרגען מאַשינען און געצייג פאר די נויטבאדערפטיגסטע שולען. פון 1931 ווערען שוין אלע שולען אויסגעהאלטען כמעט אין גאנצען אויפ'ן חשבון פון דער רעגירונג, און דער „אָרט" הויבט אָן צו קאָנצענטרירען זיך אויף אָרגאַניזירען קורץ־טערמיניגע קורסען, צוגרייטען קאנדידאטען פאר גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

פיל וויכטיגער איז געווען די ארבייט פון „אָרט" אויפ'ן געביט פון קליין־אינדוסטרי. די מאַסען דעקלאַסירטע האָבען זיך גענומען צו פארשידענע מלאכות און זיי האָבען זיך קודם כל גענויטיגט אין מאשינען און געצייג. „אָרט" האָט גענומען אויף זיך צו באַזאָרגען מיט מאשינען, געצייג און רוי־שטאָף די קאָאָפּעראַטיווען ווי אויך די דעקלאַסירטע יחידים. „אָרט" האָט אריינגעפירט פון אויסלאַנד איבער 3 טויזענד פארשידענע מאשינען, באַדייטענדע צאָל געצייג און אנדערע מכשירים. „אָרט" האָט גענומען אויף זיך דעם רעמאָנט פון מאשינען. איבער 55 טויזענד מאשינען וועלכע זענען פון פריער ניט באַנוצט געוואָרען זענען רעמאָנטירט געוואָרען מיט דער הילף פון „אָרט". „אָרט" האָט פארטיילט 160 טאָן רוי־שטאָף, וואָס האָט געגעבען א מעגליכקייט צו 9 טויזענד בעל מלאכות פירען זייער ארבייט. א גרויסע באַדייטונג האָט געהאַט די ארבייט צו באַזאָרגען בעלי מלאכות מיט מאשינען, נאָדלען א. א. וו. אויף דעם אינערליכען מארק האָט מען

די זאכען כמעט ניט געקענט קריגען — און פיעל פארשטאטען וואָלטען זיך געמוזט אָפּשטעלען. „אָרט“ האָט פארטיילט ארום 9 מיליאָן נאָדלען אין 269 שטעט און שטעטלעך. „אָרט“ האָט אָרגאניזירט איבער 60 פּראָדוציר קאָאָפּעראטיוועז פון פארשידענע פאכען, געגעבען טעכנישע הילף 390 ארטעלען, און 196 שטעט און שטעטלאך, באדינט ביז 35 טויזענד אידישע בעל מלאכות.

א נייער געביט פון ארבעט איז געוועזען דאָס אָרגאניזירען פון קליין־אינדוסטרי אין די קאָלאָניעס. ס'האָט זיך אָנגעהויבען באמערקען א געוויסע אויסוואנדערונג פון די קאָלאָניעס צוריק אין די שטעטלאך. כדי צובינדען זיי צו די קאָלאָניעס האָט „אָרט“ אויסגענוצט די לאַגע, וואָס די לאנדווירטשאַפט איז פון נאטור גענומען א סיזאָן כאראקטער. אין די ווינטער מאָנאַטען ווערען באפרייט א גרויסע צאָל ארבייטס הענט און „אָרט“ האָט אָנגעהויבען אָרגאניזירען קליין־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין די קאָלאָניעס. דאָס האָט געגעבען א מעגליכקייט דעם קאָלאָניסט, אויסער דעם גרונד פארדינסט פון לאנדווירטשאַפט צו האָבען נאָך פארדינסטען. „אָרט“ האָט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען פאסיגע אונטערנעמונגען סוף יאָהר 1931 אין קרים און אין אוקראינע. די אונטערנעמונגען באשטייען אין קינסטלערישע אויסנייעריי, האַנד־דרוקעריי, פלעכטעריי און שטריקעריי פון אימפּאָרטירטען ראפי (אזא מין שטרוי). טויזענדער קאָלאָניסטען האָבען באקומען דערביי זייטיגע באשעפטיגונג, די ארבייט האָט זיך זעהר איינגעגעבען, און „אָרט“ האָט אָרגאניזירט ספּעציעלע קורסען פאר דער ארבייט. „אָרט“ נעמט אויף זיך די אויסשטאַטונג פון די ווארשטאַטען. די לעצטע צייט פירט „אָרט“ אויך די ארבעט אין בירא־בידזשאַן.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם וואוקס פון דער גרויס אינדוסטרי, האָט „אָרט“ אָנגעהויבען פירען זיין ארבייט איבערצואווארפען די אידישע יוגענד אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטערן. „אָרט“ האָט אָרגאניזירט א רייהע פּראָדוציר קורסען ביי די פאַך־שולען. די קורסען האָבען ארומגענומען ביז 1000 דעקלאַסירטע אידען, אלע זענען שפּעטער איינגעאָרדענט געוואָרען אין דער אינדוסטרי. א באזונדער פּלאץ אין דער אַרבייט פון „אָרט“ אין סאָוועט רוסלאנד איז די קאָנסטרוקטיווע קרובים הילף. אין די יאָהרען פון נאָך דער מלחמה האָט דער אינדיווידועלער קרובים הילף אויסגעמאַכט ביי 20 מיליאָן דאָלאר א יאָהר. (דער עיקר פון אמעריקא.) די דאָזיגע הילף האָט לויט איהר כאַראַקטער געמוזט באקומען דעם אוסזעהען פון נדבות און האָט פאר די נויטבאדערפטיגע ניט געבראַכט קיין ממשות'דיגע רעזולטאַטען. „אָרט“ האָט געפּרואווט ראַציאָנאַליזירען טיילוויז אָט די הילף אויף אזא אופן אז עס זאָל אָננעמען א קאָנסטרוקטיווען כאַראַקטער און אזוי ארום ראטעווען מעהר אידישע משפחות פון מאַטעריעלער און מאָראלער ירידה. די רעזולטאַטען זענען געווען זעהר גוטע. טויזענדער קרובים האָבען זיך אָנגעהויבען ווענדען צום „אָרט“ מען זאָל זיי אנשטאָט געלד, שיקען מאשינען און געצייג. פאר די לעצטע פיר יאָהר זענען געוועזען 11,000 ווענדונגען, דורך דער קרובים ביוראָ האָט „אָרט“ ארייגעפירט איבער 3000 מאַשינען אויף דער סומע פון א מיליאָן צוויי הונדערט טויזענד גאָלד רובעלס (1,200,000). דאָס האָט געגעבען א מעגליכקייט איינצואָרדנען אויף ארבייט איבער 4000 מענשען, ניט רעכענענדיג וואָס ביז 2000 מענשען ארבייטען אויף די מאשינען אין צווייטען און דריטען שיכט.

## „אָרט“ ארבייט אין דייטשלאנד

שוין אין די פריערדיגע יאָהרען, ווען די אידישע איינוואָהנער אין דייטשלאנד האָבען זיך געפילט דאָרט היימיש, האָט די דייטשע אָפּטיילונג פון „אָרט“ אָרגאַ־

ניזירט קורסען און געהאַלפען עטליכע הונדערט פּערזאָנען זיך אויסבילדען אין א מלאכה פאַך. „אָרט" האָט זיך אויך אקטיוו באטייליגט (הערבסט 1932) אין גרינדען א צענטראַלען אידישען ווירטשאַפט ראַט פאַר אויפבוי ארבייט אין דייטשלאַנד.

די ארבייט איז אָבער געוואָרען זעהר אינטענסיוו באַלד נאָך דער היטלער איבערקערעניש. געוועזענע הענדלער און קרעמער, דאָקטוירים און אדוואָקאַטען, וועלכע זענען ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון זייערע פּראָפעסיעס, זענען געקומען נאָך הילף צום „אָרט", וועלכער איז די לעצטע יאָהרען געוואָרען שטאַרק פּאָפּולער אין לאַנד. איבער 1500 ווענדונגען וועגען א פאַך־אויסבילדונג זענען אָנגעקומען אין „אָרט". אין אָקטאָבער 1933 האָבען שוין אין בערלין פונקציאָנירט 7 פאַך־קורסען פון „אָרט" (שלאָסעריי, מעטאַל־שלייפען, מעטאַל־פארבען, אַטאָמאָביל־מעכאַניקער און אנדערע), און גלייכצייטיג מיט דעם גרינדען פון די קורסען איז „אָרט" צוגעטראָטען צו אָרגאַניזירען א געשלאָסענע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניע פאַר די פּליכטלינגע אין דרום פראַנקרייך.

ענדע זומער 1933 האָט „אָרט" באַשטימט שיקען די אידישע יונגע לייט פון דייטשלאַנד אין די פאַך־שולען און לערען פאַבריקען אין מזרח-אייראָפּא, ליטע, לאַטוויא און פּוילען. די ערשטע גרופּע איז ארויסגעשיקט געוואָרען קיין קאָוונאָ אין אָקטאָבער 1933, אויף א יאָהר און א האַלב אויסבילדען די קורסאַנטען אין שלאָסער, מעכאַנישען פאַך; די צווייטע גרופּע איז געשיקט געוואָרען קיין ליבאַו (לאַטוויא). אָנהויב 1934 איז אויך אין מאַריאַמפּאָל (ליטע) אָרגאַניזירט געוואָרען לאַנדווירטשאַפטליכע שולען פאַר די דייטשע אידישע יונגע לייט. אין משך פון 1934 וועלען אָנגענומען ווערען אין פאַרשידענע ספּעציעלע קורסען אין מזרח אייראָפּא אַן ערך 700 דייטשע אידישע קורסאַנטען. די לאָנדאָנער קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס איז אויסגעהערט געוואָרען א גענויער באַריכט פון דר. א. סינגאַלאָווסקי וועגען דעם איצטיגער ארבייט פון „אָרט" און וועגען דעם ווייטערדיגען פּראָגראַם, האָט אנערקענט אין א פולער מאָס די ארבייט פון „אָרט".

## די ארבייט פון „אָרט" אין פּוילען

אין פּוילען, וואו עס געפינט זיך דער גרעסטער אידישער קבוץ, האָט זיך די נויט פון די אידישע מאַסען די לעצטע יאָהרען כסדר פארשאַרפט. דער ווירטשאַפטליכער קריזיס איז אויסערגעוויינליך, דער שטייער (טעקסעס) דריקט מערסטנטייל די אידען, דער עקאָנאָמישער אנטי־סעמיטיזם ווערט אַלץ גרעסער, די אידען ווערען אַלץ מעהר ארויסגעשטויסען פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. טויזענדער אידען מוזען אָנקומען נאָך שטיצע. די לאַגע זייערע איז א פאַרצווייפעלטע. דער „אָרט" דאַרף איצט דאָרטען ניט פירען קיין פּראָפּאַגאַנדע צווישען אידען פאַר נעמען זיך צו פּראָדוקטיווער ארבייט. דער דראַנג צו לערנען זיך א מלאכה איז זייער גרויס. פון פאַרשידענע זייטען ווערט דער „אָרט" אויפגעפאָדערט צו עפענען נייע פאַך־שולען און פאַך־קורסען, באַזונדערס פאַר דערוואַקסענע. פאַר דעם „אָרט" אין פּוילען שטייען א רייהע גרויסע פאַראַנטוואָרטליכע אויפגאַבעס. די באַגרעניצטע פינאַנציעלע מיטלען גיבען אָבער ניט די מעגליכקייט אויסצופירען די גרויסע פּלענער. די רעגירונג שטיצט כמעט ניט די ארבייט פון „אָרט" און די שטאָטישע אינסטיטוציעס געפינען זיך אַליין אין א שלעכטער פינאַנציעלער לאַגע. דאָך איז די ארבייט פון „אָרט" אין פּוילען א גרויסע און א פאַרצווייגטע.

„אָרט" פירט אין פּוילען פריער פון אַלץ זיין ארבייט אויפ'ן געביט פון פאַך־בילדונג; „אָרט" האַלט אויס דעם ווילנער טעכניקום, א טעכנישע מיטעל שול

מיט אידיש אלס למודים שפּראך — די איינציגע פון דעם סאָרט אין גאַנץ אייראָפּא — מיט איבער 300 סטודענטען. לויט די ידיעות וואָס דער „אָרט" האָט געזאַמעלט, איז די פאַרענדיגטע סטודענטען פון דעם טעכניקום געלונגען זיך איינצואָרדנען אין זייערע פאַכען פון פאַרשידענע אינדוסטריעס אין פּוילען אָדער אין אַנדערע לענדער. חוץ דעם האַלט אויס דער „אָרט" אין פּוילען 47 פאַך שולען און קורסען, וואו מען לערענט עלעקטראָ־טעכניקער, מעכאַניקער, שניידער, סטאָליער, ריידיאָ מעכאַניקער א. א. וו. איבער 20 טויזענד האָבען פאַר די לעצטע יאָהרען געענדיגט די שולען און קורסען פון „אָרט" און די גרעסטע צאָל פון זיי לעבען פון זייער פאַך.

די שולען און די קורסען זענען זייער גוט אוועקגעשטעלט. לויט דעם געזעץ וועלכער הערשט אין פּוילען, מוזען אַלע שילער האַלטען ספּעציעלע עקזאַמינס פאַר רעגירונגס־קאָמישאָנס. דער פאַקט איז אז פון די שילער וועלכע האָבען פאַרענדיגט די „אָרט" קורסען האָבען 96 פּראָצענט אויסגעהאַלטען די אָפיציעלע עקזאַמינס. און אויפ'ן געביט פון לאַנדווירטשאַפט, פירט „אָרט" אין פּוילען א ברייטע אַרבייט. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען 18 לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוועז וועלכע באַדינען איבער 5000 קאָלאָניסטען מיט קרעדיט און אגראָנאָמישער הילף, באַזאָרגט זיי מיט זריעות, פירט אן אינטענסיווע ווירטשאַפט. „אָרט" האָט אויך אָרגאַניזירט א לאַנדווירטשאַפטליכע שול, אָרגאַניזירט קאָנפערענצען און באַראַטונגען פון די קאָלאָניסטען.

עס זענען דאָ פיעל גרעסערע מעגליכקייטען אויפצוטאָן, נאָר עס פעלען די מיטלען דערצו.

## „אָרט" אַרבייט אין רומעניע

די „אָרט" אָרגאַניזאַציע אין רומעניע האָט אין יאָהר 1933 געהאַט א קאָאָפּעראַטיווען וואַרשטאַט אין דער שטעטעל ווישניץ, בוקאָווינא, וואו עס ווערט געלערענט די אַרבייט פון מאַכען טעפּיכער (קאַרפּעטס); א האַנדווערק־שול פאַר מיידלעך, אין טשערנאָוויץ, צו לערנען שניידעריי, וועש־נייעריי און האַנט־אַרבייט; און דריי קורסען פאַר פאַך־אויסבילדונג פון דערוואַקסענע. אויסער דעם האָט אין יאָהר 1933 פונקציאָנירט אויך דעם „אָרט'ס" באַראַטונגס־קאָמיטעט צו געבען עצות צו בעל מלאכות וועגען פאַרשידענע זאַכען וואָס איז נוגע צו אַרבייט.

די „אָרט" שול אין יאַסי (פאַר מיידלאַך) איז אין 1933 אַלט געוואָרען צעהן יאָהר זינט זי איז געגרינדעט געוואָרען. כמעט אַלע תלמידות וואָס האָבען געענדיגט די שול זענען אַרויס פון דאָרטען זעהר גוטע אַרבייטאָרינס, וואָס האָבען באַקומען באַשעפטיגונג אין יאַסי אָדער אַנדערע שטעט.

אין בעסאַראַביען האָט די „אָרט" אָרגאַניזאַציע אין 1933 געהאַט צעהן אַנשטאַלטען פאַר לערנען אידען אַרבייט. אין קעשענעוו — א שול פאַר מיידלעך צו לערנען דאַמען־שניידעריי און קאָרסעטען־מאַכען. אין בעלץ — א פּראָפעסיאָנעלע שול פאַר מיידלעך. אין אַקערמאַן — א פּראָפעסיאָנעלע שול פאַר טישלעריי. אין טיגינא — א שלאָסער־מעכאַנישע שול און קורסען פאַר דערוואַקסענע. אין רעזינע — פּראָפעסיאָנעלע שול פאַר מיידלעך.

## „אָרט" אַרבייט אין ליטע

אין יאָהר 1932 האָט דער „אָרט" געגרינדעט אין ליטע א גרויסע, פיינע האַנדווערק שול פאַר בחורים און מיידלעך, און אויך פאַך־קורסען פאַר דערוואַקסענע; ענדע 1933 האָט דער ליטווישער „אָרט" שוין געהאַט 13 אַנשטאַלטען פאַר

פאַך־בילדונג. צוויי פון די אנשטאַלטען זענען פאר'ן צוועק צו העלפען אידישע בעל מלאכות, צו פארפאָלקאָמען זיך אין זייער ארבייט.

א היבשען פּלאץ אין דעם „אָרט'ס" ארבייט אין ליטע פארנעמט אויך זיין הילף פאר אידישע פּארמערס. די אגריקולטור קורסען פון „אָרט" באזוכען אויך אידישע יונגע לייט וואָס גרייטען זיך צו ווערען פּארמערס.

אין 1933 האָט דער קאָוונער „אָרט" אָרגאַניזירט בא דער האנדווערקער מיטעלשול די ערשטע שלאָסער־מעכאנישע קורסען פאר די דייטשע אידען. די ערשטע גרופּע איז אָנגעקומען פון דייטשלאנד און איז זעהר ווארים אויפגענומען געוואָרען פון דער אידישער באַפעלקערונג. אָנהויב 1934 האָט דער ליטווישער „אָרט" אָרגאַניזירט די ערשטע אידישע לאנדווירטשאַפטליכע לערען־פארם פאר דייטש־אידישע יונגעלייט. עס מעג דאָ דערמאָנט ווערען, אז די ליטווישע רעגי־רונג באציט זיך פריינדליך צום „אָרט" און האָט ארויסגעהאָלפען די אָרגאַניזאציע מיט באדייטענדע סובסידיעס.

## „אָרט" ארבייט אין לאַטוויע

דער „אָרט" האָט אין לאטוויא א פיינע האנדווערק שול פאר מיידלעך אין ריגע, א האנדווערקס שול פאר אינגלעך אין דווינסק און א האנדווערק שול אין ליבאו. ער האָט אויך צוויי קורץ־טערמיניגע קורסען אין ריגע צו לערנען מלאכה די דערוואַקסענע. אין ליבאו אָרגאַניזירט דער „אָרט" אין לאטוויא פאַך־שולען פאר דייטש־אידישע יונגעלייט, פאר דער אויסבילדונג אין שלאָסער־מעכאנישען און עלעקטראָ־טעכנישען פאַך.

## אמעריקאנער אידען און דער „אָרט"

אמעריקא'ס אנטייל אין שטיצען דעם „אָרט" פאנגט זיך אָן אין יאָהר 1921, ווען עס זענען אָנגעקומען אהער די צוויי באוואוסטע „אָרט" פירער, דר. ל. גראָסמאן און דר. א. סינגאלאָווסקי.

אין די פּאָלגענדע 5 יאָהר האָט דער „אָרט" אין אמעריקא, אונטער דער פירערשאפט פון דזשאָדזש פענקין און דר. העגרי מאָסקאָוויטץ, זיך אָפּגעגעבען הויפטזאכליך פּאָפּולער צו מאכען דעם „אָרט" אין אמעריקא און אין א קורצער צייט איז זיי געלונגען צוזוציען א גרעסערע צאָל טוער פאר דער ארבייט. אין 1925 האָט דער „אָרט" באשלאָסען צו גרינדען א רעקאָנסטראַקשאָן פּאָנד מיט דעם צוועק צו העלפען אידען אין מזרח־אייראָפּא פאר קאָנסטרוקטיווער ארבייט.

אין פעברואר 1929 איז אויף דער איניציאטיוו פון ב. וולאדעק, מענעדזשער פון „פאָרווערטס", און נ. כאנין, סעקרעטער פון דעם אידישען סאָציאליסטישען פארבאנד (וועלכער איז צו יענער צייט צוריקגעקומען פון א רייזע איבער סאָוועט רוסלאנד), באשלאָסען געוואָרען צו רופען א קאָנפערענץ וועמענס אויפגאבע איז צו העלפען די דעקלאסירטע אידען פון סאָוועט רוסלאנד. אזא קאָנפערענץ איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין פעברואר 1929 אין בעטהאָווען האל פון ניו יאָרק, וואו עס זענען אנוועזענד געווען 900 דעלעגאטען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג פון ניו יאָרק, פון ארבייטער רינג, טרייד יוניאָנס, סאָציאליסטישער פארבאנד, פועלי ציון, נאַציאָנאלער ארבייטער פארבאנד און אויך א באדייטענדע צאָל לאנדסמאנשאפטען און פאראיינען. ביי דעם קאָנפערענץ האָט זיך געגרינדעט דער פאָלקס געצייג קאמפּיין, פון וועלכען ב. וולאדעק איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזי־דענט, י. באסקין טרעזשורער, נ. פיינערמאן סעקרעטער. אין דער עקזעקוטיוו זענען ערוועהלט געוואָרען נ. כאנין, ב. צוקערמאן, י. וויינבערג, מאיר גיליס, העגרי

גרינפילד, פ. גליבטער, מאיר בראון און אנדערע. די סומע וואָס איז געזאמעלט געוואָרען פאר דעם ערשטען יאָהר האָט דערגרייכט 96 טויזענד דאָלאר. די געלדער זענען איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם „אָרט" פאר דעם איינציגען צוועק, צו גרינדען קאָאָפּעראטיווע פאבריקען פאר די דעקלאסירטע אידען פון סאָוועט רוס־לאנד און העלפען זיי מיט מאשינען און געצייג. אין יאנואר 1930 איז אָפּגע־האלטען געוואָרען די ערשטע קאָנווענשאָן פון פאָלקס געצייג קאמפּיין, וואו ב. וולאדעק איז ווידער ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט מיט א ברייטערען פּראָגראם פון קאָנסטרוקטיווער ארבייט אריינרעכענענדיג שוין אויך די לענדער ליטע, לאטוויא, פּוילען און רומעניען.

נאָך א לענגערער בעראטונג צווישען די טוער פון דעם פאָלקס געצייג קאמפּיין מיט דעם אמעריקאנער „אָרט" איז באשלאָסען געוואָרען זיך צו פאראייניגען אין איין אָרגאניזאציע און אין דעם חודש מאַי 1932 איז אַזאַ פאראייניגונג פאָרגע־קומען מיט ב. וולאדעק אלס פּרעזידענט, י. וויינבערג טרעזשורער און פיליפּ בלאָק אלס סעקרעטער. און פאר דער קורצער צייט האָט דער „אָרט" די ארבייט פיעל פארברייטערט און איז געוואָרען מער באוואוסט צווישען דעם אידישען אמערי־קאנעם עולם. אין יאָהר 1933 איז דורכגעפירט געוואָרען א טור מיט לאָרד מארלי פון ענגלאנד, וועלכער האָט באזוכט א גרויסע צאָל שטעט אין די אינטערעסען פון „אָרט", אויך איז געקומען אין אמעריקא דר. ב. אייסוראָוויטש פון פּוילען, וועלכער איז נאָך איצט דאָ אין אמעריקא אין די אינטערעסען פון „אָרט".

דער „אָרט" דאָ אין אמעריקא פארמאָגט אויך א פרויען אָרגאניזאציע וועלכע האָט זיך געגרינדעט מיט 7 יאָהר צוריק. די אָרגאניזאציע איז זעהר אַקטיוו אויף אלע געביטען, פירט דורך יעהרליכע אונטערנעמונגען. לעצטענס האָט די פרויען אָרגאניזאציע אָרגאניזירט אפּטיילונגען אין א רייהע שטעדט פון אמעריקא, ווי אויך אין קענעדע. די ארבייט פון דער פרויען אָרגאניזאציע ווערט געטאָן אונטער דער פירערשאפט פון מרס. ר. ראלאָוויץ, פּרעזידענט פון דער אָרגאניזאציע.

---

# „האַיאַס"

## איהר טהעטיגקייט אין יאָהר 1933

דער האיאס איז א פאַרייאניגונג פון די „היברו שעלטערינג הויז אסס'ן, געגרינדעט אין 1888 און די „היברו אימיגראנט אייד סאָסייעטי" געגרינדעט אין 1901.

האיאס און איהרע פארבינדעטע אין איירָאפּא, די יק'א און עמיגדירעקט, צוזאמען מיט זייערע אָנגעהעריגע אָרגאניזאציעס און קאָמיטעטען, זיינען טהעטיג אין 25 לענדער, וואו אימיגראנטען האָבען זייערע דורכפאר־פונקטען.

די האיאס־פאראייניגונג גיט זיך אָפּ מיט דער ארבייט פאר די אידישע וואנ־דערער און פליכטלינגע פון דייטשלאנד אין די איירָאפּעאישע לענדער און אין די נייע אימיגראציע לענדער. די ארבייט אין די פאראייניגטע שטאאטען ווערט געטאָן פון האיאס אליין.

### אין די דורכפאָר פונקטען

אין די דורכפאָר פונקטען ווערען די אידישע וואנדערער געדינט פון די האיאס אָפיסעס ביים טרענספערירט ווערען פון די באהן אָדער שיף מיט וועלכע זיי זיינען געקומען צו די אטלאנטישע שיפען; ווערענד זייער אויפהאלט ווארטענדיג אויף א שיף און דאָס גלייכען.

## אין די פאראייניגטע שטאַאטען

פאָלגענדע פאַקטען און ציפערען דערצעהלען אין קורצען וואָס די האיאַס העדקוואַדערס אין ניו יאָרק, די ביוראָ אין עליס איילענד, די ביוראָ אין וואשינגטאָן און די ברענטשעס אין באלטימאָר, באָסטאָן, שיקאגאָ, פילאדעלפיע, סאַן־פראנ־ציסקאָ און סיאטל האָבען אויפגעטאָן אין דעם פארגאנגענעם יאָהר:

פון די 5,402 אידען, וואָס זיינען אריינגעקומען אין די פאראייניגטע שטאַאטען אין 1933, זיינען 2288 דירעקט ערלויבט געוואָרען צו לאנדען אין דעם רשות פון די האיאַס פאָרשטעהער.

עליס איילאנד: 16,616 כשר'ע מאָהלצייטען זיינען סערווירט געוואָרען צו פארהאַלטענע אידען; 6,458 אָנפראגען אין שייכות מיט אימיגראציע פאַלען זיינען געענטפערט געוואָרען.

וואשינגטאָן ביוראָ: 206 אפיעלס פאר אויסגעשלאָסענע אימיגראנטען זיינען ארגומענטירט געוואָרען פון האיאַס פאָרשטעהער בעפאָר דער באָארד אָוו רעוויו. 166 פון זיי זיינען באוויליגט געוואָרען צו פארבלייבען אין די יונייטעד סטייטס, 14 צוריקגעוויזען און 8 צוריקגעצויגען. 606 פעטיציעס פאר קוואָטא פריזהייט און קוואָטא פארצוג זיינען באזארגט געוואָרען.

בירגערשאפט ביוראָ: 4,691 אפליקאנטען זיינען געהאָלפען געוואָרען צו ווערען בירגער. 2,514 רעקאָרדס פון אימיגראנטען זיינען באשטעטיגט געוואָרען דורך די האיאַס פאר בירגערשאפט צוועקען.

הכנסת אורחים: 420,038 מאָהלצייטען זיינען סערווירט געוואָרען צו ארבייטסלאָזע און היימלאָזע מענער, פרויען און קינדער. 57,806 נאכטלעגערס זיינען געגעבען געוואָרען צו היימלאָזע.

עמפלאָימענט ביוראָ: 312 אפליקאנטען האָבען באקומען באשעפטיגונג.

ביוראָ אויסצוזוכען קרובים: 9,621 פארלאנגען אויסצוגעפינען קרובים אין אמעריקא זיינען ערהאַלטען געוואָרען פון אַלע ווינקעלאך פון דער וועלט.

אפידעיווויט אָפטיילונג: 4,553 אפידעיווויטס און פעטיציעס צום אריינ־ברייגגען קרובים זיינען צוגעגרייט געוואָרען.

פילע אָרגאַניזאציעס העלפען דעם האיאַס אין דער פארצווייגטער טהעטיגקייט, באזונדערס צייכענען זיך אויס דער ארבייטער רינג. דער ארבייטער רינג האָט א האיאַס הילפס־קאָמיטעט. טשערמאַן, מ. איוועגסקי; סעק. ה. העססעל.

# דער „בונד" אין פוילען

דער „בונד" אין פוילען צעהלט צוויי הונדערט און דרייסיג אָרגאַניזאציעס מיט קרוב 13,000 מיטגלידער. דער צענטראל קאָמיטעט פון „בונד" שטעהט אין שטענדיגער פארבינדונג מיט אַלע זיינע אָרגאַניזאציעס און מיט (130 פונקטען) קלענערע שטעטלאך, וואו קיין פארטיי־אָרגאַניזאציעס זיינען ניטאָ, נאָר עס זיינען פאראַן איינצעלנע בונדיסטען. אַלע אָפטיילונגען פון „בונד" ווערען באדינט דורך דעם צענטראל קאָמיטעט מיט רעפעראטען, אינסטרוקציעס, (דורך צירקולארען און בריף, ווי אויך דורך באזוכען פון פארטיי אינסטרוקטארען), אויפרופען, וואהל־ליטעראטור אין דער צייט פון אלגעמיינע וואהל־קאמפאניעס, ווי אויך מיט ליטע־ראטור און אָנווייזונגען ביי פארשידענע גרעסערע פאָליטישע און געזעלשאפטליכע אקציעס אין לאנד.

יעדען חודש ווערען דורך א פארטיי אינסטרוקטאָר באזוכט אן ערך 30 אָרגאַ־ניזאציעס. דער פארטיי אינסטרוקטאָר פארנעמט זיך אויף די ערטער מיט אלע צווייגען פון דער פארטיי־ארבייט און העלפט אָרגאַניזירען און אוועקשטעלען אויף א נאָרמאַלען אופן די פאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טהעטיגקייט אין באזונדערע שטעדט. יעדען חודש ווערען דורך דעם צענטראַל קאָמיטעט, מיט'ן אנטייל פון זיינע רעפערענטען דורכגעפירט ביז 80 רעפעראטען. אין דער צייט פון גרעסערע פאָליטישע אקציעס (ווי, למשל: געגען שטאַנד־געריכטען, געגען פאשיזם, געגען מלחמה, פאר סאָציאַלע פארזיכערונג, פאר דער „פאָלקס־צייטונג", געגען ציוניס־טישע אוטאָפּיעס, א. א. וו.) דערגרייכט די צאָל רעפעראטען און מאסען־פארזאמ־לונגען ביז 120 א וואָך.

אין איינעגע טיילען פון לאַנד שטעהען די אָרגאַניזאציעס אין פארבינדונג, אויסער צענטראַל קאָמיטעט, נאָך מיט אָרטיגע רייאָן־אָרגאַניזאציעס (מזרח־גאַלי־ציע, פּאָלעסיע און אנדערע).

דער „בונד" פארמאָגט 95 פראקציעס אין שטאָדט־ראטען מיט קנאפע 200 ראט־מענער. אין 14 שטאָדט־ראטען האָט דער „בונד" ביז די לעצטע וואהלען געהאט איינציגע לאווניקעס. אין 67 קראנקען קאסעס זיינען געוועהלט געווארען בונדישע ראט־מענער, אָבער א דאַנק דער פּאָליטיק פון דער פּילסודסקי רעגירונג זיינען די גרעסטע צאָל געוועהלטע ראטן ניט טהעטיג און די קאסעס ווערען אָנגע־פירט דורך באשטימטע רעגירונגס־קאָמיסאַרען.

דער „בונד" האָט געהאט דורכגעפירט א גרויסע צאָל ראט־מענער אין די קהילות. ביי די לעצטע וואהלען האָט אבער די פּארטיי באשלאָסען צו באָיקאָטירען די געמיינדעס.

## פּאַרטיי פּרעסע

„פאָלקס צייטונג".

די איינציגע טעגליכע אידישע ארבייטער צייטונג אין לאַנד. זי ווערט געלייענט דורך צענדליגער טויזענטער ארבייטער, ארבייטענדיגע אינטעליגענץ און מאסען מענשען. צוליב דער אויסערגעוועהנליך שווערער עקאָנאָמישער לאַגע ווערט יעדע צייטונג כמעט געלייענט דורך פיר, פינף און אמאָל מעהר חברים.

„לאָדזשער וועקער", א וואָכען צייטונג, ארויסגעגעבען דורך דעם לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד".

„גראָדנער שטימע", וואָכען צייטונג, ארויסגעגעבען דורכ'ן קאָמיטעט פון „בונד" אין לובלין.

„ארבייטער שטימע", אָרגאַן פון לעמבערגער קאָמיטעט פון „בונד".

אויסער דעם דערשיינען ניט פּעריאָדיש „ביאַליסטאָקער וועקער" אין ביאַליס־טאָק, „פּיאָטריקאָווער וועקער" אין פּיאָטריקאָוו, „מעזריטשער טריבונע" אין מע־זריטש, „קראָקאָווער וועקער" אין קראָקע.

„אונזער צייט", טעאָרעטישער זשורנאַל, וואָס האָט דעם ציל צו פארטיפען און באַלויכטען די טעאָרעטישע און טאַקטישע פּראָבלעמען פון דער באוועגונג.

„נאָווע פּיסמאָ", פּוילישע וואָכנשריפט, ארויסגעגעבען דורך א גרופּע אָנגע־זעהענע בונדיסטען. דער זשורנאַל שטעהט זייער נאָהענט צו דער פארטיי.

„וואלקא", טעאָרעטישער חודש־זשורנאַל פון דער פארטיי, ארויסגעגעבען אין דער פּוילישער שפּראַך.

## פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

אונטער דער אָנפירונג פון „בונד“ געפינען זיך די גרעסטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון אידישע ארבייטער. דער ראַט (צענטראַלע אָנפירונג פון די אידישע קלאַסען־פאַראײנען) צעהלט העכער 50,000 אָרגאַניזירטע מיטגלידער. צום לאַנד־ראַט געהערען פאָלגענדע צענטראַלע פאַראײנען: נאָדעל־ארבייטער, לעדער־ארבייטער, האנדעלס־אָנגעשטעלטע, מעטאַל, טראַנספּאָרט און דרוקער. אין אלע גרעסערע פּונקטען פון לאַנד, וואו די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון די אידישע און פּוילישע ארבייטער איז א געמיינזאַמע און עס עקזיסטירט א גרעסערע צאָל פאַראײנען, ווערט די אידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג צענטראַליזירט אין אַזוי־גערופענע קולטור אַמטען. אלע קולטור אַמטען געפינען זיך אונטער דער השפעה פון „בונד“.

## קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג פון „בונד“ נעמט ארום:

1) קרעדיט צענטראַלע. דאָס איז א קרעדיט אנשטאַלט, געבויט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, וועלכער באַדינט אלע אינסטיטוציעס.

2) אַלגעמיינער אידישער ארבייטער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער פאַרמאָגט העכער 30 געוועלבער, דריי רעסטאָראַנען און צוויי בעקערייען.

3) קאָאָפּעראַטיווע פאַרלאַגען. „די וועלט“ און „קולטור ליגע“. די דאָזיגע פאַרלאַגען גיבען ארויס סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, ווערק פון דער אידישער בעלעטריסטישער ליטעראַטור, וויסענשאַפטליכע ווערק (אידישע געשיכטע, געשיכטע פון אידישען טעאַטער, געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג, א. א. וו.)

4) פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיווען — מעטאַלאָוויעץ. א מעטאַל פאַבריק אין וועלכער עס זיינען באַשעפטיגט ביז הונדערט אידישע ארבייטער. אינטראַליגאַטאָר, — קאָפּעראַטיווע איינבינדעריי, אין וועלכער עס ארבייטען ביז 25 אידישע ארבייטער.

## ארבייטער קלובען

דער „בונד“ האָט אין פּוילען אַן ערך 150 ארבייטער קלובען. אין די דאָזיגע קלובען פאַרברייננגען יעדען טאָג טויזענטער ארבייטער. א פּאָר צעהנדליג קלובען האָבען אויך ארבייטער קיכען, וואו עס ווערען ארויסגעגעבען יעדען טאָג עטליכע טויזענט (ביז 10 טויזנט) מיטאָגען פאַר מינימאַלע פּרייזען פון 25 ביז 50 גראָשען. אין די אלע קלובען געפינען זיך אויך לייען־זאַלען, מיט צייטונגען פון פּוילען, אייראָפּע און אמעריקע. די גרעסטע טייל קלובען אָרגאַניזירען איינמאָל אָדער צוויי מאָל א וואָך קאָלעקטיווע פאָרלעזונגען אדער דיסקוסיעס.

## די יוגענד באַוועגונג (יוגענד „בונד“ צוקונפט)

די בונדישע יוגענד־באַוועגונג (צוקונפט) פאַרמאָגט אין לאַנד 200 אָרגאַניזאַציעס מיט 14,000 מיטגלידער. די צוקונפט פירט ביי 450 קרייזען, וואו אונטער דער אָנפירונג פון געניטע און ספּעציעל אויסגעשולטע רעפערענטען ווערט רעאַליזירט א סיסטעמאַטישע ערציאונגס־ארבייט אין גייסט פון סאָציאַליזם און בונ־

דיזם. א וויכטיגע צווייג פון דער ארבייט פון צוקונפט זיינען די צוזאמענפליען. יעדען יאָהר ווערען דורכגעפירט ביי צעהן רייאָן צוזאמענפליען, וואו עס טרעפען זיך פיל הונדערטער יוגענדליכע פון געגעבענעם רייאָן. די צוזאמענפליען זיינען אימפּאָזאנטע דעמאָנסטראציעס פאר דער יוגענד באוועגונג, און האָבען פאר דער יוגענד זייער א וויכטיגע ערציערישע באדייטונג. א קאָלאָסאַלען רושם האָט געמאכט דער לאַנד־צוזאמענפלי אין ווארשע מיט א יאָהר צוריק, מיט'ן אָנטייל פון קנאפּע 10,000 יוגענדליכע. די צוקונפט פירט סיסטעמאטיש אָן רעפערענטען קורסען, וואו עס ווערען אויסגעשולט רעפערענטען פאר דער באוועגונג. זייער פארצווייגט איז די קולטור און בילדונגס־טעטיגקייט פון צוקונפט. די צוקונפט פארמאָגט אין לאַנד העכער 50 דראמאטישע קרייזען און סטודיאָס, 10 אָרקעסטערן, 30 כאָרען און 15 אָווענט קורסען. דער צענטראַלער קאָמיטעט פון צוקונפט גיט ארויס א צוויי־וואָכען ציַיטונג „דער יוגענט וועקער“. די יוגענד פירט אויך א ברייטע פארלאַג טעטיגקייט. ביז איצט איז שוין ארויסגעגעבען געווארען 125 נומערן פון דער סאָציאַליסטישער יוגענד־ביבליאָטעק. אין דער אַלגעמיינער צאָל פון אן ערך 75,000 עקזעמפּלארען. די יוגענד בונד צוקונפט פירט אָן מיט דער ארבייט פון די יוגענד סעקציעס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען. צו די צוקונפט געהערט יוגענד אין עלטער פון 17 ביז 21 יאָהר.

## סקיף (סאָציאַליסטישער קינדער פאַרבאַנד)

סקיף שטעלט מיט זיך פאָר די בונדישע קינדער־באוועגונג. סקיף פארנעמט זיך מיט ערציען זיי אין סאָציאַליסטישען גייסט. עס ווערען אָנגענומען קינדער פון 11 ביז 16 יאָהר. די אָרגאַניזאציע נעמט ארום קינדער פון וועלטליכע שולען, פּוילישע רעגירונג־שולען, חדרים, תלמוד תורות, ווי אויך קינדער, וועלכע זיינען שוין געצוואונגען אין פריהסטען עלטער אָנהויבען ארבייטען. דער סקיף געפינט זיך אונטער דער דירעקטער אויפזיכט פון דער פארטיי און ארבייט אין ענגען קאָנטאקט מיט די סאָציאַליסטישע קינדער אָרגאַניזאציעס אין אויסלאַנד (רויטע פאַלקאָן, און אנדערע) ווי אויך מיט'ן סאָציאַליסטישען ערציאונגס-אינטערנאַציאָנאַל. דער סקיף פארמאָגט אין לאַנד 120 אָרגאַניזאציעס מיט 5,000 מיטגלידער. יעדען יאָהר געהען איבער הונדערט מיטגלידער פון סקיף אין צוקונפט. די צענטראַלע פון סקיף גיט ארויס ניט פּעריאָדיש א ציַיטונג אונטער'ן נאָמען „חברשאפט“. אויסער דעם ווערט די סקיף באוועגונג באדינט אין א גרויסער מאָס דורך א וועכענטליכע ביילאַגע צו דער „פאָלקס ציַיטונג“ — „קליינע פאָלקס ציַיטונג“. א גרויסען פּלאַץ אין דער ארבייט פון סקיף פארנעמען קינדער לאַגערען, קינדער רעפּובליקען, אויספלוגען, וואַנדערונגען, געזאַנג, ספּאָרט און גימנאַסטיק. אויף ווינטער אָרגאַניזירט דער סקיף אין אַלע גרעסערע שטעדט פון פּוילען גליטשסעקציעס און אנדערע פאָרמען פון ווינטער ספּאָרט.

## יאַף (אידישע ארבייטער פרוי)

ביי דער פארטיי עקזיסטירט אן אָפּטיילונג פאר ארבייט צווישען פרויען, אונטער'ן נאָמען יאַף. אָפּטיילונגען פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאציע געפינען זיך כמעט אין אַלע גרעסערע שטעדט אין לאַנד. דער יאַף צעהלט אן ערך 3,500 מיטגלידער. דער יאַף פירט א פארצווייגטע ארבייט פון אגיטאציע צווישען ארבייטער פרויען, פון בויען פאָר־שול אנשטאַלטען פאר קינדער, היימען פאר זויג־קינדער, א. א. וו.

## קולטור באוועגונג

אן ערך 50 פּראָצענט פון די שולען, וועלכע זיינען אָנגעשלאָסען אין דער צענטראַלער אידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילען, געפינען זיך דירעקט אונטער דער השפּעה פון „בונד". אויך אין די איבעריגע אנשטאַלטען האָט דער „בונד" באַדייטענדיגע איינפלוס. צו אַלע שול־אָרגאַניזאַציעס געהערען בערך 200 אַנשטאַלטען מיט 20,000 קינדער.

## קולטור ליגע

די קולטור ליגע איז אַ בונדישע געזעלשאַפט אויף צו פאַרשפּרייטען בילדונג און קולטור צווישען די אידישע אַרבייטער מאַסען אין פּוילען. די קולטור ליגע פאַרמאָגט 95 אָפּטיילונגען איבער'ן גאַנצען לאַנד. די אָפּטיילונגען פון קולטור ליגע פירען אָוונט־קורסען, פאָלקס־אוניווערסיטעטען, אַרדנען איין סיסטעמאַטישע פאָרלעזונגען. זייער פאַרצווייגט איז די טהעטיגקייט פון וואַרשעווער פאָלקס־אוניווערסיטעט ביי דער קולטור ליגע. דער וואַרשעווער פאָלקס־אוניווערסיטעט פירט ברייטע עפענטליכע פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע און סאָציאַליסטישע טעמעס, סעמינאַרען פאַר געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע, אידישע סטודיא, אָרדענט איין זומער קאָלאָניעס פאַר אַרבייטער, אויספלוגען אין לאַנד און אויסלאַנד. די רעפעראַטען, סעמינאַרען אין וואַרשעווער פאָלקס־אוניווערסיטעט זיינען דעם לעצטען יאָהר באַזוכט געוואָרען פון העכער 25,000 צוהערער.

פּאַרטיי־שול אויפ'ן נאָמען פון ב. מיכאַלעוויטש. פאַרלויפיג איז די פּאַרטיי־שול טהעטיג נאָר אין וואַרשע, צוליב מאַנגעל אין מיטלען איז שווער צו ברענגען צוהערער פון דער פּראָווינץ. ביז איצט האָט די פּאַרטיי־שול געהאַט 3 סיומס מיט איבער 80 צוהערער.

מעדעם סאַניטאַריום און זומער קאָלאָניעס:

די פרעכטיגע מעדעם סאַנאַטאָריע געהערט צו דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע, אָבער זי איז אויסגעבויט געוואָרען כמעט אויסשליסליך אַ דאַנק דער ענערגיע און אָנשטרענגונג פון בונדישע טוער. די פאַרוואַלטונג באַשטעהט אין איהר מערהייט פון בונדיסטען. אַ גרויסע ערציערישע אַרבייט טוען די בונדישע שול קוראַטאָריומס מיט אָרגאַניזירען זומער קאָלאָניעס פאַר די שול קינדער.

יעדעס יאָהר ווערען אַרויסגעשיקט העכער 1000 קינדער אויף איינעם ביז צוויי חדשים אין שעהנע זומער פּלעצער.

## מ אָ ר ג ע נ ש ט ע ר ן

די געזעלשאַפט „מאָרגענשטערן" איז די אידישע סעקציע פון ספּאָרט אינטערנאַציאָנאַל. אַ אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע פאַר ספּאָרט און פיזישע קולטור. פאַרמאָגט ביי 100 אָפּטיילונגען אין לאַנד און העכער 3000 מיטגלידער. האָט סעקציעס פון גימנאַסטיק, ריטמיק, שווימען, גליטשען, ציקליסטען, לייכט־אַטלעטיק און פוטבאָל. דער אָרגאַן פון מאָרגענשטערן איז „דער אידישער אַרבייטער ספּאָרטלער" דערשיינט אומפּעריאָדיש.

### סאָציאַליסטישער האַנדווערקער פאַראיין

אָרגאַניזאַציע פון קליינע בעל־מלאכות. פאַרמאָגט 70 אָפּטיילונגען איבער'ן לאַנד.

### ביוראָ פאַר רעכט אויף ארבייט

די דאָזיגע אינסטיטוציע האָט פאַר אן אויפגאַבע צו קעמפען געגען דעם באָיקאָט אויף אידישע ארבייטער, וועלכער ווערט פּראַקטיצירט מצד דער רעגירונג און מוניציפּאַליטעטן.

פאָלקס־הייזער: איינינגע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" איז געלונגען אויפצו־בויען אייגענע פאָלקס־הייזער. אזעלכע אינסטיטוציעס זיינען דאָ אין ווארשע, קוטנע, קרושנעוויטש, וויסאָקע־ליטעווסק.

פּארטיי־ארכיוו: איינע פון די רייכסטע און אינטערעסאַנטסטע זאמלונגען פון מאַטעריאַלען צו דער געשיכטע פון „בונד" און דער ארבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד בכלל. אויך אין ווארשע ווערט געשאַפען אן אָפּטיילונג פון ארכיוו. דער צענטראַלער ארכיוו געפינט זיך אין איצטיגען מאָמענט אין פאַריז.

---

# די הסתדרות

(ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל)

### די אידישע ארבייטער פעדעראַציע אין ארץ ישראל.

אין דער פאָרמע אין וועלכער די הסתדרות עקזיסטירט איצט, האָט זי זיך געגרינדעט אין יאָהר 1920. אין דער צייט פון איהר גרינדונג האָט די הסתדרות געהאַט וועניגער ווי 5 טויזענד מיטגלידער. אין יאָהר 1933 האָט די הסתדרות געהאַט לויט איהר אָפיציעלען באריכט, 35,389 מיטגלידער.

פון די 35,389 מיטגלידער, האָבען זיך 21,080 געפונען אין די שטעדט; 10,502—אין די קאָלאָניעס און 3807 האָבען זיך געפונען אין אונטערנעהמונגען, וואָס ווערען געפיהרט פון דער הסתדרות אליין, ווי „קבוצות" (ארטעלען) „מושבי עובדים" (קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס) און געשעפטליכע קאָאָפּעראַטיוון.

די הסתדרות לויט איהר צוזאַמענשטעל איז א גאַנץ קאָמפּליצירטע אָרגא־ניזאַציע. עס איז אן אָרגאַניזאַציע וואָס נעמט אריין פארשידענע ארבייטער אָרגא־ניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

אין דער הסתדרות געהען אריין די אידישע אלגעמיינע טרעיד־יוניאָנס, „אגודות מקצועיות", לאָקאַלע ראַטען פון טרעיד־יוניאָנס, דעלעגאַטען פון קבוצות, דעלעגאַטען פון „מושבי עובדים", דעלעגאַטען פון קראַנקען קאַסע „קופת חולים" און דעלעגאַטען פון א גאַנצער רייהע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס.

די מייסטע טרעיד־יוניאָנס זיינען לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. דער ראַט פון לאָ־קאַלע אָרגאַניזאַציעס ווערט ערוועהלט פון אָרטיגע ארבייטער. עס זיינען אויך דאָ 3 לאַנדעס אָרגאַניזאַציעס, דאָס זיינען: 1) די אגריקולטורעלע לאַנדעס־אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין יאָהר 1910. די לאַנדעס־ארבייטער האָבען אויך א חברה „ניר", א אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דעם צוועק צו קאָלאָניזירען אידישע ארבייטער. די „ניר" האָט אונזער זיך „יכין", א צוגרייטונגס געזעלשאַפט און „תנובה", א קאָאָפּעראַ־טיווע פארקויפס אָרגאַניזאַציע. 2) די לאַנדס־אָרגאַניזאַציע פון אייזענבאַהן און פּאָסט ארבייטער. אָט די אָרגאַניזאַציע איז א אינטערנאַציאָנאַלע. עס געהען דארט אריין 543 אידען און 505 אראַבער. 3) אן אָרגאַניזאַציע פון אָנגעשטעלטע, וואָס צעהלט 1900 מיטגלידער.

אין דער הסתדרות געהען אויך אריין א קראַנקען קאַסע „קופת חולים", „הסנה",

אינשורענס געזעלשאפט און א קולטור קאָמיטע. די הסתדרות האָט א טעגליכע צייטונג „דבר", א מאָנאטליכען אגריקולטורעלען זשורנאל „השדה" און „במעלה", א צייטונג פאר דער יוגענד די יוגענד אָרגאניזאציע „הנוער" איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1924 און צעהלט 1300 מיטגלידער. די הסתדרות האָט אויך ספּאָרט פאראיינען.

די העכסטע קערפּערשאפט פון דער הסתדרות איז די קאָנווענשאָן. די קאָנווענשאָן קלייבט אויס א ראטה פון 51 מיטגלידער. צווישען די קאָנווענשאָנס פיהרט דער ראטה אָן מיט דער ארבייט. די הסתדרות איז א טייל פון דעם אמסטערדאמער טרעיד יוניאָן אינטערנאציאָנאל.

---

# די ציוניסטישע וועלט אָרגאַניזאציע

דער הויפּט אָפיס פון דער ציוניסטישער וועלט אָרגאניזאציע געפינט זיך אין לאָנדאָן, 77 גרעיט ראַסעל סטריט. א וויכטיגען אָפיס האָט אויך די אָרגאניזאציע אין ירושלים.

געגרינדעט האָט זיך די ציוניסטישע וועלט אָרגאניזאציע אויף דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באזעל, וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין יאָהר 1897, דעם 29־31טען אויגוסט, אונטער דעם פאָרזיץ פון דאָקטאָר הערצעל. אויף יענעם קאָנגרעס איז געבאָרען געוואָרען די ציוניסטישע אָרגאניזאציע דורכצופיהרען דעם ציוניזם אין לעבען.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט אויך פאָרמולירט די שטרעבונגען און די פּראָגראם פון דער ציוניסטישער באוועגונג. אָט די פּראָגראם איז באקאנט אלס די „באזעלער פּראָגראם".

די הויפּט פּונקטען פון דער פּראָגראם זיינען:

1) צו שאַפען פאר אידען א היים אין ארץ ישראל, וואָס זאָל זיין געזיכערט פון די וועלט מלוכות. די זיכערונג דארף זיין „עפענטליך—רעכטליך".

2) אַן אָרגאניזאציע דארף געשאַפען ווערען, וואָס זאָל זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט פערשידענע מלוכות צו קריגען זייער צושטימונג.

3) איידער די צושטימונג וועט קומען דארף זיך די אָרגאניזאציע פארנעהמען מיט קאָלאָניזאציע אין ארץ ישראל, שאַפען לאָקאלע ציוניסטישע אָרגאניזאציעס לויט די געזעצע פון יעדען לאַנד. די אָרגאניזאציע דארף זיך אויך פארנעהמען מיט אגיטאציע צו שטאַרקען דעם ציוניסטישען סענטימענט צווישען די אידישע מאַסען.

פילע גלגולים פאר דער צייט איז די ציוניסטישע אָרגאניזאציע דורכגעגאנגען און אויך די באזעלער פּראָגראם איז געוואָרען שטאַרק מאָדיפיצירט.

פון יאָהר 1897 ביז 1904 איז הערצעל געווען דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און דער הויפּט אָפיס פון דער אָרגאניזאציע איז געווען אין וויען. נאָך הערצעל'ס טוידט איז דוד וואָלפסאָן געוואָרען פּרעזידענט און דער הויפּט אָפיס איז אריבער אין קעלן, דייטשלאַנד. אין יאָהר 1912, אויף דעם 11טען קאָנגרעס, איז אויסגעקליבען געוואָרען א קאָלעגיום פון 6 מענשען אונטער'ן פאָרזיץ פון פּראָפעסאָר אָטאָ ווארבורג און דער אָפיס איז אריבער אין בערלין. פאר דער צייט פון דער וועלט מלחמה האָט די ציוניסטישע אָרגאניזאציע פאקטיש נים פונקציאָנירט.

דעם 2טען נאָוועמבער 1917 האָט די בריטישע רעגירונג ארויסגעגעבען די

„באַלפור דעקלאַראַציע". דר. ווייצמאַן האָט פיעל מיטגעהאָלפען אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל די דעקלאַראַציע אַרויסגעבען. אין אַפּריל 1920 אין סענט רעמאָ איז איבערגעגעבען געוואָרען דער ארץ ישראל מאַנדאַט צו ענגלאַנד. אויף דעם 12טען קאָנגרעס אין יאָהר 1921 איז אויסגעקליבען געוואָרען דאָקטאָר חיים ווייצמאַן אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעהאַלטען דעם אַמט ביז דעם 17טען קאָנגרעס אין יאָהר 1931, וואָס איז אויך אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין באַזעל.

אונטער דער פיהרונג פון ווייצמאַן האָט זיך דער ציוניזם אָפּגערוקט פון דער אָריגינעלער באַזעלער פּראָגראַם. עס איז ענטשטאַנען אַן אָפּאָזיציע פון די אַזוי גערופענע רעוויזיאָניסטען, וועמעס הויפּט שטרעבונג עס איז אומצוקעהרען זיך צו הערצעל'ס ציוניזם און צו דער אידעע פון אידען שטאַאַט. די טרויעריגע געשעהעניסע אין ארץ ישראל אין יאָהר 1929 האָט די אָפּאָזיציע פאַרשטאַרקט און דאָקטאָר ווייצמאַן איז געווען געצוואונגען צו רעזיגנירען. אויף זיין פּלאַץ איז אויסגעקליבען געוואָרען דעם באַוואוסטער העברעאישער שרייבער נחום סאָקאָלאָוו. סאָקאָלאָוו אָבער געהט אין די דרכים פון דאָקטאָר ווייצמאַן. די רעוויזיאָניסטען זיינען אויך מיט איהם אונצופרידען.

מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיינען אַלע די וואָס נעהמען אָן די ציוניסטישע פּראָגראַם און צאָהלען וועהניגסטענס אַ שקל אַ יאָהר. די אָרגאַ- ניזאַציע האָט פערשידענע פערבאַנדען מיט פערשידענע פּאָליטישע שטרעמונגען. אין דער אָרגאַניזאַציע געהען אריין מזרחים, אַלגעמיינע ציוניסטען און די ארבייטער פּראַקציע. אין יעדען פאַרבאַנד זיינען דאָ פערשידענע פראַקציעס. אַלע פראַקציעס מוזען אָבער אָננעהמען די דירעקטיווען פון דער אָרגאַניזאַציע. אַן אויסנאַהם זיינען די רעוויזיאָניסטען, וואָס ווילען זיך די דירעקטיווען ניט אונטערוואַרפען. לעצטענס האָבען אויך די מזרחים אָנגעפאַנגען צו שפּילען אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק אינערהאַלב פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די אָרגאַנען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זיינען : (1) דער קאָנגרעס, (2) דער אַקציאָנס קאָמיטעט און (3) די עקזעקוטיוו. דער קאָנגרעס איז די העכסטע קערפּערשאַפט. אויף דעם קאָנגרעס ווערען אויסגעקליבען מיטגלידער צום אַקציאָנס קאָמיטעט און צו דער עקזעקוטיוו, אויך דער פּרעזידענט. דער אַקציאָנס קאָמיטעט קומט זיך צוזאַמען פון צייט צו צייט און די עקזעקוטיוו דאַרף פאַר דעם קאָמיטעט אָפּגעבען דין וחשבון וועגען איהר טהעטיגקייט.

דער לעצטער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פראַג אין יאָהר 1933 פון דעם 22טען אויגוסט ביז דעם 3טען סעפּטעמבער, איז געווען זעהר שטורעמדיג. דער קאָנגרעס האָט אויסגעקליבען אַן עקזעקוטיוו אין וועלכער עס געהען ניט אריין ניט קיין רעוויזיאָניסטען און ניט קיין מזרחים. דער פּרעזידענט איז ווידער אויס- געקליבען געוואָרען נחום סאָקאָלאָוו. אין דער עקזעקוטיוו געהען אריין פּראָפעסאָר בראָדעצקי, דאָקטאָר יאַקובסאָן, בעריל לאָקער, יצחק גרינבוים, בן גוריון, א. רופּין, א. קאַפּלאַן, מ. טשערטאָק און לואיס ליפּסקי.

אונטער דער אָרגאַניזאַציע געפינען זיך פאָלגענדע אינסטיטוציעס : (1) דער אידישער קאָלאָניאַל באַנק, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען פון איבער הונדערט טויזענד שערהאָלדערס. יעדע שעהר האָט אַ נאָמינאַלען ווערטה פון איין פונט סטערלינג (5 דאָלאַר). (2) דער אידישער נאַציאָנאַל פאָנד, וואָס האָט די אויפגאַבע אויסצוקויפען לאַנד אין ארץ ישראל אַלס נאַציאָנאַלען אייגענטהום, און (3) דער קרן היסוד, דער פאָנד אויפצובויען ארץ ישראל.

דער קאָלאָניאַל באַנק איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1899. דער באַנק

האָט זיך אָבער ליקווידירט אין יאָהר 1934 און האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצען מיט דער אנגלאָ-פּאַלעסטאין באַנק. דער נאַציאָנאַל פאָנד איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1901. די הכנסה פון נאַציאָנאַל פאָנד איז ארום איין מיליאָן און א פערטעל (1,5) א יאָהר. דער קרן היסוד איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1920. ביז איצט האָט דער קרן היסוד געזאַמעלט איבער 20 מיליאָן דאָלאַר. די פאַרוואַלטונג פון קרן היסוד געפינט זיך אין די הענד פון דער אידישער אגענטור, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין צוריך אין יאָהר 1929.

---

# דער אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט

## (פארקירצט „ייווא")

דער אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין חודש אויגוסט, 1925, אויף א קאָנפערענץ פון אידישע וויסענשאַפטלער, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין בערלין פון 7טען ביזן 12טען אויגוסט. די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבען אן אָרגאַניזיר קאָמיטעט פון 4 מיטגלידער: דר. מ. ווײַנרייך, א. טשעריקאָווער, זלמן רייזין און נ. שטיף.

דער ערשטער אויפרוף וואָס דער אָרגאַניזיר קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזען צו דער אידישער עפענטליכקייט, איז דאַטירט סעפּטעמבער 1925 און לייענט זיך אין טהייל ווי פאָלגט:

„ס'איז געקומען די צייט צו אָרגאַניזירען די אידישע וויסענשאַפט, וואָס וויל דינען די אידישע פאָלקסמאַסען צו שאַפען א היים פאר דעם אידישען וויסען. דאָס איז דער צוועק פון דעם געפּלאַנטען אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט. דער אינסטיטוט איז ניט קיין אבסטראַקטער אידעאַל און ניט קיין אמביציע-זאַך; ער איז א מוז, א רעאַלע לעבענסנויט, וואָס שטאַמט ארויס פון אונזער גאַרער קולטור-ענטוויקלונג.

„דער געדאַנק פון דעם אינסטיטוט שטיצט זיך אויף רעאַלע קולטור-פאַקטען, אויף דעם ברייט-פאַרצווייגטען אידישען שול-וועזען אין אלע אידישע ישובים און אויף דעם אָנהויב פון א וויסענשאַפטליכער ארבייט אויף אידיש, וואָס מיר פאַרמעגען שוין איצט. אין דער גרעסטער אָרימקייט און אין עלענד ווערען געטאָן ביידע מינים ארבייט, מיט מסירת נפש פון לערער, פון וויסענשאַפטלער, פון דער אידישער מאַסע — און דאָך האַלטען זיי אין וואַקסען. דאָס אידישע שול-וועזען האָט שוין איצט דערלאַנגט א פעדאַגאָגישע מדרגה וואָס ווערט געשאַצט אין דער פעדאַגאָגישער וועלט, און אזוינע וויסענשאַפטליכע אויפטהוען ווי: „די אידישע פילאָלאָגיע" און „בלעטער פאר דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק" זיינען בכלל דאָס איינציגע פון דעם מין אין די דאָזיגע צווייגען פון וויסען."

„פאַראייניגען די דאָזיגע העכערע קולטור-ארבייט, געפינען די געהעריגע מעטאָדעס, וואָס זאָלען אמבעסטען זיין צוגעפּאַסט צו דעם צוועק: צו דינען דער אידישער מאַסען-קולטור און איהרע אידעאַלען, דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג פון אונזערע פאָלקסמאַסען, שאַפען א מעגליכקייט פאר אונזערע וויסענשאַפטלער זיך אָפּצוגעבען מיט זייער ארבייט, שאַפען פאר דער וויסענשאַפטליכער

פאָרשונג א פעסטען פונדאמענט און א העכערע קאָנטראָל — דאָס זאָל זיין די עובדא פון דעם אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט."

דער אויפרוף האָט געפונען א ווארימען אָפּקלאַנג אין דער אידישער פּרעסע פון דער וועלט, ווי אויך צווישען יחידים פון דער אידישער אינטעליגענץ. באַזונדערס ווארים איז אויפגענומען געוואָרען דער ערשטער באַנד שריפטען וואָס דער אָרגאַניזיר קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזען אין יאָהר 1926 — דאָס איז דער ערשטער באַנד פילאָלאָגישע שריפטען (לאַנדוי־בוך). ניט נאָר אידישע וויסענשאַפטלער האָבען באַגריסט די ערשיינונג פון דעם באַנד שריפטען, נאָר אויך ניט אידישע געלערענטע האָבען איהם ווארים באַגריסט.

די ציעלען און וועגען פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט, די אזוי גערופענע פּרינציפּען ערקלעהרונג, ווערען פאָרמולירט אויף אזא אופן:

1) דער גייסטיגער אויפשטייג פון די אידישע פאָלקסמאַסען אין אלע לענדער פון קאָמפּאַקטען אידישען ישוב האָט באַשאַפען נייע קולטורעלע באַדערפעניסען, וואָס אויף צו באַפרידיגען זיי זיינען נויטיג נייע מעטהאָדען און נייע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. דער אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט קומט צו דינען די אידישע מאַסען אין דעם קאַמף פאַר זייער קולטורעלער עמאַנסיפּאַציע. ער קוקט ארויס אויף דער טהעטיגער אונטערשטיצונג פון אלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס ווילען מיטהעלפען דער ענטוויקלונג פון דער אידישער קולטור.

2) דער אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט איז: (א) דער צענטער פון דער וויסענשאַפטליכער ארבייט אין אידיש, און אין דער ערשטער רייהע — די צענטראַלע אינסטאַנץ פאַר דער פאָרשונג און ענטוויקלונג פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור; (ב) דאָס אָרט, וואו עס בילדען זיך אויס נייע ארבייטער אויפן פעלד פון אידישער וויסענשאַפט און קולטור; (ג) דער צענטראַלער רעגיסטריר־פּונקט פאַר דעם אידישען קולטור־לעבען אין אלע עקען וועלט.

3) דער אינסטיטוט באַשטעהט פון 4 סעקציעס: פילאָלאָגישע, היסטאָרישע, עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע, פּעדאַגאָגישע. חוץ דעם פאַרמאָגט ער א ביבליאָגראַפישע צענטראַלע, אַן ארכיוו, א ביבליאָטעק און א מוזעי.

4) דער אינסטיטוט (א) גיט ארויס זאַמעלביכער („שריפטען„) און איינצעלנע ווערק פון וויסענשאַפטליכען כאַראַקטער; (ב) קלייבט און סיסטעמאַטיזירט וויסענשאַפטליכע מאַטעריאַלען; (ג) שאַפט א צוגרייט־אַנשטאַלט פאַר יונגע וויסענשאַפטלער אין די ארבייטסצווייגען פון אינסטיטוט, פאַר קומענדיגע לעהרער פון די אידישע מיטעלשולען און סעמינאַרען א. א. וו.; (ד) פאַרבינדט צווישען זיך די פאָרשער, וואָס ארבייטען אין אידיש וועגען אלע צווייגען פון וויסענשאַפט אָדער אין אַנדערע שפּראַכען וועגען אידיש, אינפאָרמירט זיי וועגען וויסענשאַפטליכע ארבייטען וואָס זיינען אין גאַנג, אָרגאַניזירט א געגענזייטיגע אויסהילף; (ה) זאַמעלט און פאַרשפּרייט אינפאָרמאַציעס וועגען דעם צושטאַנד און די אויפטוען פון דער אידישער קולטור־באַוועגונג אין אלע לענדער.

די ערשטע אלוועלטליכע קאָנפערענץ פון אינסטיטוט איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ווילנע אין אָקטאָבער, 1929.

אויף דער קאָנפערענץ זיינען געוועז פאַרטראָטען 81 דעלעגאַטען פון פאַרשידענע שטעדט אין פּוילען ווי אויך פאַרטרעטער פון דייטשלאַנד, ליטא, לאַטוויע, רומעניע, פראַנקרייך און די פאַראייניגטע שטאַאַטען פון אמעריקע. אויף יענער קאָנפערענץ זיינען אָפּגעגעבען געוואָרען באַריכטען פון דער ארבייט און דער־גרייכונגען פון די פאַרגאַנגענע 4 יאָהר; עס זיינען געלייענט געוואָרען א רייהע וויסענשאַפטליכע רעפעראַטען וועגען אידישער דיאַלעקטאָלאָגיע און אידישע

עקאָנאָמיקס. די קאָנפערענץ האָט אויך אויסגעוועהלט מיטגלידער פאַר די פאַרשידענע סעקציעס: פילאָלאָגישע, היסטאָרישע, עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע און פעדאגאָגיש־פסיכאָלאָגישע, ווי אויך א צענטראל פאַרוואלטונג.

די קאָנפערענץ, וואָס האָט אָנגעהאַלטען 3 טעג, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר פּראָדוקטיוויטעט ווי אויך מיט איהר פייערליכקייט. דער העכסטער פּונקט פון פייערליכקייט איז דערגרייכט געוואָרען פרייטאָג, דעם 26טען אָקטאָבער, 2 אזייגער בייטאָג, ווען עס איז געלייגט געוואָרען דער ווינקעלשטיין פאַרן אייגענעם בנין פון ייוואָ. די צערעמאָניע איז געפּראוועט געוואָרען אין דער אנוועזענהייט פון אלע דעלעגאטען און געסט און טויזענדער באזוכער פון ווילנע און די ארומיגע שטעדט. די נאָהענטסטע מיטארבייטער פון ייווא ווי אויך א טהייל פון די דעלע־גאטען האָבען געוויינט פון גרויס נחת וואָס ענדליך וועט אויסגעבויט ווערען אן אייגענער בנין פאר דער יונגער אידישער וויסענשאַפט.

דער ווינקעלשטיין פון בנין איז געלייגט געוואָרען אין יאָהר 1929, אָבער צוליב דער שווערער פינאנציעלער לאגע פון אינסטיטוט איז דער בנין ערשט פאַרענדיגט געוואָרען אין 1932. פון 1טען יאנואר 1933 געפינט זיך שוין דער אינסטיטוט אין זיין אייגענעם בנין.

דאָס הויז פון אינסטיטוט פאַרנעמט 18 צימערען חוץ א פייער געזיכערטען מאגאזין אויף צו האַלטען די ארכיוען און די ביבליאָטעק און א ספּעציעלען סעיף וואו עס געפינען זיך די גאָר גרויסע יקר־המציאותן.

## די ביבליאָטעק און ארכיוו פון ייווא

אין דער ביבליאָטעק פון ייווא געפינען זיך איצט אריבער 50 טויזענד ביכער, ארום 8 טויזענד יאָהרגאנג פון אידישע ציימונגען, הונדערטער כתב־ידן, צווישען זיי א סך יקר־המציאותן און טויזענדער בראָשורען און פלוג בלעטער.

די ביכער און מאטעריאלען־זאמלונגען זיינען ניט נאָר אין דער אידישער שפּראך נאָר אויך אין איטאליעניש, אראמעאיש, אונגאריש, אראמיש, אוקראַיניש, גריכיש, דייטש, העברעאיש, האָלענדיש, לאטיין, לעטיש, ליטוויש, ענגליש, עסטיש, עספּערנטאָ, פראנצויזיש, פּויליש, פּאָרטוגעזיש, פיניש, רומעניש, שוועדיש און שפּאַניאָליש.

יעדע זאך און אין יעדער שפּראך, וואָס קען נאָר געבען א פאָרשטעלונג פון דעם אידישען קולטורעלען, עקאָנאָמישען, פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען אין אלע ווינקלען פון דער ערד, ווערען פון אינסטיטוט אויפגענומען און אָפּגעהיט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט.

צו די געזאמעלטע מאטעריאַלען און דאָקומענטען האָבען צוטריט אלע, וועלכע ווילען זיי פאָרשען, אָהן אונטערשיעד פון ציעל און ריכטונג.

## אידישער טעאַטער מוזעי

דער אידישער טעאטער מוזעי ביים ייווא איז די איינציגע אינסטיטוציע פון דעם מין אין דער גאנצער וועלט.

געגרינדעט אין יאָהר 1927, איז דער מוזעי געוואָרען דער צענטער וואו שוי־שפּילער, מוזיקער, דראמאטורגען און טעאטער־דירעקטאָרען גיבען אוועק זייערע זאמלונגען.

דער טעאטער־מוזעי פאַרמאָגט איצט: ארום 10 טויזענד נומערען, צווישען

זיי אפישען און פראגראמען, פאטאגראפיעס, פיעסען. אחוץ פארשידענע אנטיקען, וואס שוישפילער און קינסטלער האבען באקומען פון פארעהרער און זיי אוועקגעשאנקען דעם אינסטיטוט. אין מוזעי געפינען זיך דאקומענטען וואס שטאמען פון 17טען יאהרהונדערט, און די עלטסטע געדרוקטע פיעסע פון יאהר 1690.

## פאלקלאר זאמלונג און מוזעי

אין דער דאזיגער אפטהיילונג ווערען געזאמעלט: ווערטלעך, גלייכווערטלעך, לידער, זאבאבאנעס, אנעקדאטען, מעשיות, לידער מיט נאטען, רעטענישען, קינדערשפילען, פאראדיעס, רפואות, געבעקסען, א. ד. ג.

ארום 80 טויזענד נומערען זיינען שוין ביז איצט אויפגעזאמעלט געווארען. לויט דער צאהל און פארשידענארטיגקייט פון די זאמלונגען איז עס איינע פון די רייכסטע קאלעקציעס פון דעם מין.

דער אינסטיטוט איז פארבונדען מיט א גאנצער רייהע וויסענשאפטליכע אינסטיטוציעס:

אין אמעריקע: דראפסי קאלעדזש, היברו יוניאן קאלעדזש, דזשאנס האפקינס אוניווערזיטעט, פאבליק לייברערי, ניו יארק.

אין איטאליע: צענטראלער סטאטיסטישער אינסטיטוט — רוים.

אין דייטשלאנד: געזעלשאפט צור פערדערונג דער וויסענשאפט דעם יודענטומס, האכשולע פיר די וויסענשאפט דעם יודענטומס, אידישע אקאדעמיע, פרייסישע מלוכה־ביבליאטעק, דייטשע אקאדעמיע, אידישער טעאלאגישער סעמינאר.

אין האלאנד: ראזענטאליאנא, געזעלשאפט פאר אידישער וויסענשאפט.

אין לעטלאנד: אוניווערזיטעט ביבליאטעק.

אין ענגלאנד: באדלעאנא אקספארד, בריטישער מוזעי.

אין עסטלאנד: אוניווערזיטעט ביבליאטעק.

אין עסטרייך: אוניווערזיטעט ביבליאטעק — וויען.

אין פאלעסטינע: אוניווערזיטעט ביבליאטעק — ירושלים.

אין פוילען: אוניווערזיטעט פאר יודאאיסטישע וויסענשאפטען, פוילישער אינסטיטוט צו שטיצען וויסענשאפט, אוניווערזיטעט ביבליאטעק — קראקע; אוקראינישע שעווטשענקא געזעלשאפט — לעמבערג.

אין פינלאנד: וויסענשאפטס אקאדעמיע.

אין ראטען־פארבאנד: ווייס־רוסישע אקאדעמיע, אינסטיטוט פאר אידישער פראלעטארישער קולטור, מלוכה ביבליאטעק, מזרח־סיבירער געאגראפישע געזעלשאפט.

אין שוועדען: אוניווערזיטעט ביבליאטעק.

אין שווייץ: שווייצארישע געזעלשאפט פאר פאלקס קונדע.

דער אינסטיטוט ווערט געשטיצט פון א גאנצער רייהע בארימטע וויסענשאפטלער, אידישע ווי ניט אידישע. צווישען זיי:

סיירום אדלער — — — — — — — — — — — — — — — אמעריקע
פראפ. אלבערט איינשטיין
פראפ. ב. ברוצקוס
פראפ. מ. גאסטער — — — — — — — — — — — — — — ענגלאנד
פראפ. שמעון דובנאוו — — — — — — — — — — — — — פוילען
פראפ. ל. הערש — — — — — — — — — — — — — — — שווייץ
דר. חיים זשיטלאווסקי — — — — — — — — — — — — אמעריקע

פראָפ. ס. טהאָמאס — — — — — — — — — — — — — — — — אמעריקע
פראָפ. לומאנאָווסקי — — — — — — — — — — — — — — — — פוילען
פראָפ. עדוואַרד סאפיר — — — — — — — — — — — — — — — אמעריקע
פראָפ. פעליקס פראַנקפורטער — — — — — — — — — — — — — אמעריקע
פראָפ. קונאָ פראַנקע — — — — — — — — — — — — — — — — אמעריקע
פראָפ. זיגמונד פרויד — — — — — — — — — — — — — — — עסטרייך
פראָפ. י. צאלער — — — — — — — — — — — — — — — — — — איטאליע
פראָפ. לודוויג קאהלער — — — — — — — — — — — — — — — שווייץ

דער צענטער פון אינסטיטוט געפינט זיך אין ווילנע, אָבער ער איז ניט קיין ווילנער, אפילו ניט קיין פויליש־אידישער אנשטאַלט. גלייך פון אָנהויב אָן איז ער געוואָרען א צענטראלע אידיש־וויסענשאַפטליכע אינסטיטוציע. דער אינסטיטוט האָט אָפּטהיילונגען אין די פאָלגענדע לענדער: אין די פאראייניגטע שטאַאטען, קאנאדע, ארגענטינע, בראזיל, פוילען, דייטשלאנד, פראנקרייך, שווייץ, ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד, רומעניע, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואקיע, בעלגיע, ענגלאנד, דרום אפריקא, און אויך אין א"י.

אין יעדען פון די אויסגערעכענטע לענדער זיינען דאָ געזעלשאַפטען „פריינד פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט". זיי העלפען זאמלען פארשידענע מאטעריאלען, פארשפרייטען די אויסגאַבעס פון אינסטיטוט און זאמלען פאָנדען אויסצוהאלטען דעם צענטער.

## די ביז־איצטיגע אויסגאַבעס פון אינסטיטוט

דער אינסטיטוט האָט ביז איצט ארויסגעגעבען אַן ערך פון 20 ביכער פון א וויסענשאַפטליכען כאראקטער. צווישען זיי 3 בענד פילאָלאָגישע שריפטען, קנאַפּע 16 הונדערט זייטען, צוויי בענד עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע פון קנאַפּע טויזענד זייטען, איין באַנד היסטאָרישע שריפטען פון אריבער 800 זייטען, 1 באַנד „ארכיוו פאר דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער און דראַמע" פון אריבער 500 זייטען, ביבליאָגראַפישען יאָהרבוך 466 זייטען, א באַנד שריפטען פאר פעדאגאָגיק און פסיכאָלאָגיע פון קנאַפּע 600 זייטען, פראָפעסאָר ש. דובנאָוו'ס צוויי בענד „חסידיזם", די ערשטע אידישע שפּראַך קאָנפערענץ, דער איינהייטליכער אידישער אויסלייג און א גאנצע רייהע קלענערע ארבייטען, בראָשורעס וועגען אידישער עטנאָגראַפיע, און ד. ג.

חוץ די דערמאָנטע אויסגאַבעס גיט דער אינסטיטוט ארויס א חודש שריפט „ייווא בלעטער", דערשיינט זינט יאנואר 1931, 96 זייטען א חודש, און „ידיעות" פון אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט. ביז איצט זיינען דערשינען 46 נומערען.

## דער אמעריקאנער אָפּטייל פון ייווא (אמאַפּטייל)

די אמעריקאנער סעקציע פון אינסטיטוט האָט זיך אָרגאניזירט דעם 17טען אָקטאָבער, 1925, מיט י. ל. כהן, ש. ניגער און דר. י. שאצקי (סעקרעטאר).

די סעקציע איז גלייך צוגעטראָטען צו פּראָפּאגאנדירען די אידעע פון וויסענ־שאַפטליכען אינסטיטוט, א זאך וואָס איז גאָר ניט געווען אזוי גרינג ביי די אמע־ריקאנער פארהעלטענישען.

דער אויפרוף פון אָרגאניזיר־קאָמיטעט איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אין די

אמעריקאנער צייטונגען ווי אויך אין א באזונדער אויסגאבע. עס זיינען אָפּגע־האַלטען געוואָרען קאָנפערענצען מיטן בילדונגס קאָמיטעט פון ארבייטער רינג, מיט די לעהרער פון די אידישע וועלטליכע שולען, מיטן אידישען לעהרער סעמינאר און אַנדערע אידישע קולטור אָרגאַניזאציעס, און פּלענער זיינען אויסגעארבייט געוואָרען ווי אזוי פון איין זייט צו העלפען דעם צענטער מיט פארשידענע זאמ־לונגען פון ביכער און מאטעריאלען ווי אויך איהם העלפען מאטעריעל, און פון צווייטען זייט צו טהאָן אליין וויסענשאַפטליכע ארבייט. סוף זומער 1926 איז אָנגענומען געוואָרען א באשלוס וועגען ארויסגעבען אן אייגענעם פערטעל־יאָהריגען זשורנאַל פאר ליטעראטור־פאָרשונג, שפּראַך־וויסענשאַפט, פאָלקלאָר און ביבליאָ־גראַפיע. אין יאָהר 1927 האָט דער זשורנאַל אָנגעהויבען צו ערשיינען א"נ „פנקס". דער רעדאקציע קאָלעגיום איז באשטאַנען פון י. א. יפה, י. ל. כהן, ש. ניגער, דר. י. שאצקי און דר. מ. וויינרייך. די ייווא בלעטער, וואָס האָבען אָנגעהויבען ערשיינען אין 1931, האָבען פארביטען דעם „פנקס".

אין משך פון דער צייט וואָס דער אמעריקאנער אָפּטהייל עקזיסטירט, האָט ער אריבער געשיקט קיין ווילנע ארום 50 קאסטענס מיט ביכער און אנדערע ווערטהפולע מאטעריאלען, אחוץ א גרעסערע צאָהל קלענערע פּעקלעך. דער אמאפּטייל האָט אויך יעדען יאָהר סובסידירט דעם צענטער מיט גאַנץ באדייטענדע סומען. אין יאָהר 1929 האָט דער אמאפּטייל אונטערגענומען א גרעסערע אקציע אין אמעריקע כדי צו שאַפען א פאָנד פאר אן אייגענעם בנין פאר'ן צענטער. פאר דעם צוועק איז פון ווילנע דעלעגירט געוואָרען דר. מ. וויינרייך קיין אמעריקע. דר. וויינרייך האָט פארבראַכט אין אמעריקע ארום 4 חדשים. די אָקציע האָט אריינגעבראַכט ארום 14 טויזענד דאָלער און מיט דעם געשאַפענעם פאָנד איז מען צוגעטראָטען צו בויען דעם צענטער פאר'ן אידישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט. אין 1930 איז א צווייטע אקציע אָנגעפיהרט געוואָרען אין אמעריקע מיט דער הילף פון דעם אייראָפּעאישען פּארטרעטער פון אינסטיטוט, זלמן רייזין, און אין 1934 מיט דער הילף פון דעם סעקרעטאר פון אויספיהר ביוראָ פון אינסטיטוט, מ. שור.

די לעצטע צוויי אקציעס זיינען ניט געווען אזוי ערפאָלגרייך ווי די ערשטע, ד. ה. זיי האָבען ניט אריינגעבראַכט אזעלכע פאָנדען, אָבער אונטער די נייע געשאַ־פענע אומשטענדען אין אמעריקע זיינען זיי געווען גאַנץ ערפאָלגרייכע.

דער אמעריקאנער אָפּטהייל פון אינסטיטוט האָט איצט אריבער 800 מיט־גלידער אין ארום 30 שטעדט פון די פאראייניגטע שטאַאטען און אין קאנאדע.

מיטגלידער צאָהלען פון 5 דאָלער א יאָהר און העכער. די מיטגלידער וואָס צאָהלען 5 דאָלער א יאָהר באקומען פריי די „ייווא בלעטער" און די "ידיעות". אלע אנדערע אויסגאַבען לויט רעדוצירטע פּרייזען. מיטגלידער וואָס צאָהלען העכער פון 5 דאָלער א יאָהר באקומען אלע אויסגאַבען וואָס ערשיינען אין משך פון יאָהר, פריי.

דער אמאפּטייל האָט איצט זיין שטענדיגע ביוראָ אין 1133 בראָדוועי, ניו יאָרק, מיט א שטענדיגען סעקרעטאר.

# דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים

דער העברעאישער אוניווערזיטעט, אָדער ווי ער ווערט גערופען אין העברעאיש „המכללה העברית", איז ערעפענט געוואָרען אין יאָהר 1925 אין אפּריל.

מיט גרויס פּאָמפּ און איינדרוקספולע צערעמאָניעס איז די ערעפענונג פאָר־געקומען. אין דעם „חנוכת הבית" יום־טוב פון דעם אוניווערזיטעט האָבען זיך באטהייליגט אידישע און ניט־אידישע געלערענטע. עס זיינען געקומען צום יום־טוב פילע שטאַאטסלייט, צווישען וועלכע עס איז געווען לאָרד ארטור באלפור, מיט וועמעס נאָמען עס איז פארבונדען די באלפור דקלאראציע. באלפור איז געווען פון די הויפּט מחותנים אויף דעם יום־טוב.

דער באשלוס צו בויען אן אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל איז נאָך אָנגע־נומען געוואָרען אין יאָהר 1913 אויף דעם 11טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין וויען. דעם פאָרשלאַג זיך צו נעמען פאר בויען א העברעאישען אוניווערזיטעט האָט געמאַכט דער באוואוסטער ציוניסט מנחם מענדעל אוסישקין. דער אמת'ער פאָטער פון דעם פּלאַן פון א העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים איז אָבער געווען פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּיראָ פון היידעלבערגער אוניווערזיטעט. פּראָפעסאָר שאַפּיראָ, א געוועזענער ליטווישער מלמד, וואָס איז געוואָרען איינער פון די בארימטע מאטעמאטיקער, איז געווען דער איניציאטאָר אי פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד אי פון דעם העברעאישען אוניווערזיטעט.

אין דער צייט, וואָס דער באשלוס איז אָנגענומען געוואָרען איז די פּאָליטישע לאַגע פון ציוניזם געווען אין זעהר א טרויעריגען צושטאַנד. פּראָפעסאָר אָטאָ ווארבורג, דער דאמאלסטיגער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע, האָט ערקלעהרט אָפען, אז די פּאָליטישע לאַגע פון ציוניזם איז אזא, וואָס מען קען ניט ערווארטען אין דער נאָהענטער צוקונפט דעם „עפענטליך רעכטליכען" טשארטער צו וועלכען די ציוניסטען האָבען געשטרעבט און מ'מוז קאָנצענטרירען אלע כחות אויף דעם סיסטעמאטישען ישוב ארץ־ישראל. די שאַפונג פון אן אוניווערזיטעט אין ירושלים, האָבען די ציוניסטען גערעכנט, וואָלט אריינגעטראָגען האָפנונג אין די רייהען פון ציוניסטען, צווישען וועלכע עס האָט געהערשט א שטאַרקער פעסימיזם.

עס זיינען אויך געווען פארזוכען פון אַנדערע אידישע אָרגאַניזאציעס צו שאַפען א אידישען אוניווערזיטעט אין א פרייער אייראָפּעאישער מדינה אום צו געבען א מעגליכקייט די אידישע סטודענטען געגען וועלכע עס האָבען געהערשט שטאַרקע באשרענקונגען אין רוסלאַנד, אויפצונעמען זייערע שטודיומס פריי. די ציוניסטען האָבען געזעהן אין אָט די פּראָיעקטען א שטאַרקע קאָנקורענץ געגען זייערע פּלענער און האָבען אָנגעפאנגען א שטאַרקע אגיטאַציע פאר אן אוניווער־זיטעט אין ארץ ישראל.

די וועלט מלחמה מיט די שרעקליכע איבערלעבענישען פון אידען איבער דער גאַנצער וועלט האָט געשטעלט אין סכנה ניט נאָר נייע ציוניסטישע פּלענער, נאָר אויך די שוין עקזיסטירענדע אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. וועגען גרינדען אן אוניווערזיטעט אין ארץ ישראל האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין רייד. ערשט נאָך דער באלפור דעקלאראציע, האָבען די ציוניסטען אָנגעפאַנגען צו פארווירק־ליכען דעם באשלוס פון דעם עלפטען ציוניסטישען קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין וויען אין יאָהר 1913. די ציוניסטען האָבען אָנגעפאנגען צו זאמלען

פאַנדען פאַר דעם צוועק און אין יאָהר 1925 איז ערעפענט געוואָרען דער אנשטאַלט, וואָס די ציוניסטען האָבען א נאָמען געגעבען „דער העברעאישער אוניווערזיטעט".

ווען דער אוניווערזיטעט האָט זיך געעפענט איז קיין איין פאַקולטעט ניט געווען. עס זיינען געווען אינסטיטוטען, לאַבאָראַטאָריעס פאַר פאָרשער, אָבער ניט קיין פאַקולטעטען. אפילו די געביידעס זיינען נאָך ניט געווען פאַרטיג. דער אוניווערזיטעט האָט אָבער פאַר די עטלאַכע יאָהר פון זיין עקזיסטענץ געמאַכט פאָרטשריטע.

די אינסטיטוטען, וואָס דער אוניווערזיטעט האָט געהאַט, זיינען געווען פאַר־שידענע. עס זיינען געווען אינסטיטוטען פאַר כעמיע, זאָאָלאָגיע, סעמיטישע שפּראַכען, פילאָזאָפישע ליטעראַטור און נאָך. אין יאָהר 1929 האָט זיך געגרינדעט א פאַקולטעט פון הומאַניטאַרע וויסענשאַפטען. דער שטודיום אין דעם פאַקולטעט געדויערט 4 יאָהר. די וואָס ענדיגען קריגען דעם טיטול „מאַגיסטער ארטיאום", אָדער, ווי דער טיטול הייסט אין העברעאיש, „מוסמך למדעי הרוח". אין יאָהר 1932 האָבען 13 סטודענטען געקראָגען דעם טיטול.

דער פאַקולטעט פאַר הומאַניטאַרע וויסענשאַפטען נעהמט ארייין דעם פריהער־דיגען אינסטיטוט פון „יודאאיקע", סעמיטישען און אָריענטאַלישען אינסטיטוט און דעם אינסטיטוט פון אַלגעמיינע הומאַניטאַרע וויסענשאַפטען.

דער קוריקולום פון די פארשידענע אינסטיטוטען פון דעם פאַקולטעט נעהמט ארייין דעם שטודיום פון תלמוד, פון תנך, העברעאישע ליטעראַטור, אידישע פילאָ־זאָפיע, אידישע געשיכטע, קבלה, אידישע יוריספּרודענץ, סאָציאָלאָגיע, אַלגעמיינע פילאָזאָפיע, גריכישע און רוימישע לטעראַטור, אראבישע ליטעראַטור און די געשיכטע פון דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע, אָריענטאַלישע ארכעאָלאָגיע, סעמיטישע שפּראַכען, אָריענטאַלישע קונסט און נאָך געגענשטענדע.

אין דעם יאָהר 1932 האָט זיך אויך געעפענט דער אינסטיטוט פאַר נאַטור־וויסענשאַפטען, וואו די סטודענטען קריגען אונטערריכט אין באָטאַניקע, זאָאָלאָגיע, כעמיע, ביאָלאָגיע און באַקטעריאָלאָגיע. אין דעם ערשטען יאָהר לערענט מען פיזיק, מאַטעמאַטיק, כעמיע, געאָלאָגיע און נאָך פאַרשידענע וויסענשאַפטען. דער אינסטיטוט טהיילט אוים טיטולען פאַר די וואָס צייכענען זיך אוים מיט זעלבסט־שטענדיגע ארבייט.

אום אריינצוגעהן אין אוניווערזיטעט פאָדערט זיך א מאַטורא אטעסטאַט, „אטעסטאַט זרעלאָסטי", אָדער ווי עס הייסט אין העברעאיש „תעודת בגרות". די צאָהל פון סטודענטען אין דעם אוניווערזיטעט אין דעם ווינטער סעמעסטער פון יאָהר 1933 איז געווען 170. דער אוניווערזיטעט קאָן ארויסקריגען א וויזע פאַר אויסלענדישע סטודענטען, וואָס ווילען דאָרטען קומען לערנען.

מיט'ן אוניווערזיטעט זיינען פאַרבונדען פאַרשידענע אינסטיטוציעס. א וויכ־טיגע אינסטיטוציע, וואָס האָט א וועלט רעפּוטאַציע, איז די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק. די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק האָט איצט איבער 250,000 עקזעמפּלארען פון ביכער. איבער 40 טויזענד ביכער זיינען אין העברעאיש. דעם הויפּט פּלאַץ פאַרנעמען ביכער איבער יודאאיקא אין פאַרשידענע שפּראַכען. די ביבליאָטעק איז זעהר רייך אין סעמיטישע און אָריענטאַלישע ביכער. דער באַוואוסטער אָריענטאַליסט פּראָפעסאָר איגנאַץ גאָלדשיהער האָט אוועקגעשענקט צו דער אינסטיטוציע זיין רייכע ביבליאָטעק. עס איז דאָרטען דאָ אָבער אויך א רייכע קאָלעקציע פון ביכער איבער מעדיצין, פילאָזאָפיע, נאַטור־וויסענשאַפט, מוזיק און נאָך געגענ־שטענדע. איבער צוויי טויזענד צייטונגען קומען אָן אין ביבליאָטעק.

מיט דער ביבליאָטעק איז פאַרבונדען דער נאָמען פון ביאַליסטאָקער דאָקטאָר

קאזאנאָוויטש, א זאַנדערבארער טיפּ וואָס האָט געווידמעט זיין גאַנצען לעבען צו זאַמלען אידישע ביכער אין אלע שפּראַכען פאַר א נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים. אין יאָהר 1892 האָט דער ארץ ישראל לאָדזש פון די בני ברית געגרינ־דעט א ביבליאָטעק אין ירושלים, וואָס האָט געהייסען די אברבנאל ביבליאָטעק. אין 1896 האָט דאָקטאָר קאזאנאָוויטש איבערגעגעבען דאָרטען זיין גאַנצע קאָלעק־ציע ביכער. אין יאָהר 1920 האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איבערגענומען די ביבליאָטעק און האָט זי א נאָמען געגעבען די „נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק". איצט איז די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק איבערגעגאַנגען צום העברעאישען אוניווערזיטעט. דער פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק איז איצט דאָקטאָר הוגאָ בערגמאַן.

מיט דעם אוניווערזיטעט זיינען אויך פאַרבונדען פאַרשידענע מוזעאומס, ווי אַן ארכעאָלאָגישער מוזעאום, א באָטאַנישער מוזעאום, א זאָאָלאָגישער מוזעאום, א נאַציאָנאַלער מוזעאום פון בילדער און פאָטאָגראַפיען און פאַרשידענע אַנדערע מוזעאומס, וואָס האָבען א גרויסע וויסענשאַפטליכע באַדייטונג.

דער אוניווערזיטעט געפינט זיך אין ירושלים אויף דעם היסטאָרישען באַרג „הר הצופים". עס האָט פינף הויפּט געביידעס: 1) דער אמפיטעאַטער, 2) דער כעמישער אינסטיטוט, 3) דער אינסטיטוט פאַר מאַטעמאַטיקס, 4) דער אינסטיטוט פאַר פיזיקס, 5) די ביבליאָטעק געביידע. אויסער די הויפּט געביידעס זיינען דאָרטען דאָ געביידעס פאַר אפיסעס, לאַבאָראַטאָריעס און פאַרשידענע אַנדערע צוועקען. מען האָט ניט לאַנג אָנגעפאַנגען צו פלאַנצען דאָרטען א באָטאַנישען גאָרטען.

די פאַרוואַלטונג פון דעם אוניווערזיטעט געפינט זיך אונטער א קוראַטאָריום פון 36 מיטגלידער פון פאַרשידענע לענדער. דער פּרעזידענט פון קוראַטאָריום איז דאָקטאָר חיים ווייצמאַן. דער פאָרשטעהער פון קוראַטאָריום אין דעם אוני־ווערזיטעט איז דאָקטאָר י. ל. מאַגנעס. דר. מאַגנעס איז אויך דער טשאַנסלאָר פון אוניווערזיטעט. אלע פּראָפעסאָרען שטעלען צוזאַמען דעם ראטה פון אוני־ווערזיטעט „מועצת האוניברסיטה".

דער געוועהנליכער בודזשעט פון דעם אוניווערזיטעט איז 30 טויזענד פונט שטערלינג (אַן ערך פון 150 טויזענד דאָלער). דער בודזשעט פון דעם אוניווער־זיטעט ווערט בלויז טהיילווייז געדעקט פון שטענדיגע פאָנדען. דער עיקר ווערט דער בודזשעט געדעקט פון נדבות, וואָס קומען הויפּטזעכליך פון אמעריקע. אין יאָהר 1934 האָט דער טשאַנסלאָר פון אוניווערזיטעט דר. מאַגנעס באַזוכט אמעריקע און גע'שאַפט געלד אום צו קענען אריינגעהמען אין דעם העברעאישען אוניווער־זיטעט די ארויסגעטריבענע געלערנטע פון דייטשלאַנד. לויט צופאַרלעסליכע ידיעות האָט דאָקטאָר מאַגנעס געהאַט א גרויסען ערפאָלג אין זיין אונטער־נעהמונג.

אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פון דעם קוראַטאָריום שטעהט איצט די פראַגע פון גרינדען א מעדיצינישען פאַקולטעט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט. צו פאַרווירקליכען די אונטערנעמונג העלפט פיעל א פאַריין פון אידישע דאָקטוירים אין אמעריקע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פאַר דעם צוועק.

דעם 17טען אויגוסט, 1934, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין צוריך א זיצונג פון דער באָארד אָוו גאָווערנאָרס, און אוניווערזיטעט ראטה איז געגרינדעט געוואָרען אין וועלכען עס געהן אריין פּראָפעסאָר שאול אדלער, רבי יוסף מ. פעקעל און ס. קליין, ב. קאצענעלסאָן, אושיסקין, פּראָפעסאָר שלעזינגער און דר. שמריה לעווין.

דער בודזשעט פאַר'ן יאָהר 1934-35 איז באַשטימט געוואָרען 48 טויזענד פונט שטערלינג.

מיט דער הילף פון דאָקטוירים פאראיין אין אמעריקע, אן דער שפיצע פון וועלכען עס שטעהט דאָקטאָר ראטנאַף, וועט מען אין גיכען אָנפאנגען צו בויען א געביידע פאר א מעדיקאל קאלעדזש. אן אינסטיטוט צו פאָרשען קאנסער ווערט אין גיכען ערעפענט. א גרויסער געווינס פאר׳ן העבראַישען אוניווערזיטעט זיינען די דייטשע געלערענטע בכלל און בפרט דר. בערנארד זאָנדאק, דער בארימטער גענאקאָלאָגיסט. דר. זאנדאק איז אָנגעשטעלט געוואָרען פון דער הדסה.

---

# צי״שא

## (צענטראלע אידישע שול אָרגאַניזאציע אין פוילען)

די צענטראלע אידישע שול אָרגאַניזאציע, אדער פארקירצט דורך די ראשי תיבות די „צי״שא״, פיהרט אָן מיט דעם גאנצען אידישען וועלטליכען שול וועזען אין פוילען. אין אלע שולען און אנשטאַלטען, וואָס געהן אריין אין דער אָרגאַ־ניזאציע, ווערען אלע לימודים געפיהרט אין אונזער מאמע לשון, אין אידיש.

אין דער אָרגאַניזאציע געהן אריין פאָלקס שולען, גימנאַזיעס, קינדער היימען, אבענד שולען און לעהרער קורסען. די אנשטאַלטען פון דער צי״שא ווערען באזוכט פון די קינדער פון אידישע ארבייטער פאָלקס מאַסען. די צי״שא ווערט אויפ־געהאלטען טהיילוויז פון שכר לימוד און אין געוויסע ערטער פון דער הילף פון שטאָדט ראטען. געוויסע הכנסות פון דער צי״שא קומען אויך פון הילפס אקציעס, וואָס ווערען אָנגעפיהרט אין פוילען גופא און אין אויסלאנד, דער עיקר אין אמעריקע.

זייענדיג אן אָרגאַניזאציע פון אידישע אָרימע פאָלקס מאַסען, איז די צי״שא שוין ממילא אויך א סאָציאַליסטישע אָרגאַנזאציע. די אידישע שול אין פוילען איז הויפטזעכליך אָנגעוויזען אויף דער אידישער ארבייטערשאַפט און די שול איז אין א גאַנץ גרויסען זין די טרעגערין פון די שטרעבונגען און די צילען פון דער אידישער ארבייטערשאַפט. די שולען, וואָס שטעהען מיט דער צי״שא, זיינען סאָציאַליסטיש.

ארום דעם סאָציאַליסטישען גייסט פון דער צי״שא זיינען פאָרגעקומען הייסע ויכוחים. פאר דער אידישער שול אין פוילען זיינען אויך דאָ געוויסע עלעמענטען פון בירגערליכע דעמאָקראַטען. די בירגערליכע דעמאָקראַטען אָדער „פאָלקיסטען״ פארמאָגען אָבער ניט די כוחות אָנצופיהרען מיט דער שווערער ארבייט פון בויען די אידישע שול. די גאַנצע לאַסט ליגט אויף די פּלייצעס פון אידישע ארבייטער און עס פארשטעהט זיך, אז ברייננגענדיג שווערע קרבנות ווילען די ארבייטער אז די שולען פון זייערע קינדער זאָלען ערציהען זייערע קינדער מיט דעם גייסט פון זייערע שטרעבונגען, פון זייערע אידעאַלען. די אידישע ארבייטער ווילען האָבען אייגענע שולען.

אין יוני 1921 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע דער ערשטער שול צוזאַמענפאָהר. דער צוזאַמענפאָהר האָט געגרינדעט די צענטראלע אָרגאַניזאציע די „צי״שא״. דער צוזאַמענפאָהר האָט אויך פאָרמולירט די פּראָגראַם פון דער צי״שא.

איבער 95 פּראָצענט פון די דעלעגאַטען פון יענעם צוזאַמענפאָהר זיינען געווען מיטגלידער פון סאָציאַליסטישע פּארטייען, פון „בונד״, „פּועלי ציון״ און „פאַראייניגטע״. די דעלעגאַטען זיינען געווען פון שולען, וואָס האָבען זיך געפונען

אין רשות פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זיי זיינען פון זיי אויסגעהאַלטען און אָנגעפיהרט געוואָרען. די אַזוי גערופענע בירגערליכע דעמאָקראַטען האָבען אויסגעמאַכט א נישטיגען טהייל. די פּראָגראַם, ווי זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אויף יענעם צוזאַמענפאָהר, איז געווען אויף די יסודות פון אידיש און וועלטליכ־קייט, אָבער אין א סאָציאַליסטישען גייסט.

די צילען און פּרינציפּען פון דער צי״שא, ווי זיי זיינען פאָרמולירט געוואָרען אויף יענעם צוזאַמענפאָהר, זיינען ווי פאָלגט:

1) אידיש און וועלטליכקייט.

2) די ארבייט אין שול־בילדונג דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלען פון ארבייטער קלאַס. עס דאַרף קולטיווירט ווערען אין די קינדער דער רעספּעקט פאַר אַרבייט. אַרבייט דאַרף זיין אַלס גרונט פּרינציפּ און אַרבייט דאַרף פאַרנעמען א גרויסען פּלאַץ אין די לימודים פון דער שול.

3) דער נצחון פון די פּרינציפּען פון דער אידישער שול איז פאַרבונדען מיט דעם באַפרייאונגס קאַמף פון אידישען אַרבייטער און מיט דער באַפרייאונג פון גאַנצען אַרבייטער קלאַס פון לאַנד.

4) די שול קעמפט געגען דער אַסימילאַטאָרישער פּאָלאָניזאַציע און ציוניס־טישער העברעאיזאַציע.

5) די צי״שא שטרעבט צו א פרייער אידישער וועלטליכער ארבייטס שול, וואָס זאָל זיין אין דעם רשות פון דער אידישער מאַסע גופא, אויף דעם חשבון פון דער פּוילישער מלוכה.

6) די צי״שא איז ניט סתם א געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען בילדונג, נאָר א קאַמפס אָרגאַניזאַציע, וואָס קעמפט צוזאַמען מיט'ן אַרבייטער קלאַס און מיט די מאַסען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען פאַר נאַציאָנאַלע רעכט און פרייהייט.

אַרבייט ווערט ניט נאָר רעספּעקטירט אין די שולען פון צי״שא, נאָר מען לערענט די קינדער צו קענען און צו וועלען אַרבייטען. מען לערענט מיט זיי טעכנישע לימודים. דורך לייכטער אַרבייט מיט פּאַפּיר און טעקסטור, האָלץ און מעטאַל גיט מען די קינדער די נויטיגע פּאָרקענטניסע וואָס גרייט זיי צו צו א פּראָדוקטיווען לעבען פון אַרבייט.

די אַרבייט פון צי״שא איז אנערקענט געוואָרען אויף פילע אינטערנאַציאָנאַלע פּעדאַגאָגישע קאָנגרעסען. די אַרבייט פון קינדער שולען האָט אַרויסגערופען גרויס באַגייסטערונג אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען צוזאַמענפאָהר אין לאָקאַרנאָ אין יאָהר 1927. די פּראָפעסאָרען פעטערסאָן, מעסער, סמאָלא און טאָמסאָן האָבען וועגען דעם געשריבען אין געדענק בוך פון דער אויסשטעלונג.

די אויפטוהונגען פון דער צי״שא שולען אונטער די שווערע באַדינגונגען ווערען ניט אויסגעשעפּט מיט לימודים. די שולען זיינען ענג פאַרבונדען אויך מיט היימען פון די עלטערן. א דאַנק די בויער פון די צי״שא שולען איז אויך אויפגעבויט געוואָרען דער באַריהמטער מעדעם סאַנאַטאָריום אין מיעדזשין לעבען וואַרשא. דעם סאַנאַטאָריום האָט די צי״שא אָנגעהויבען בויען מיט דריי טויזענד דאָלער, וואָס דער פאַרשטאָרבענער וולאַדימיר מעדעם האָט פאַר דעם צוועק צוגע־שיקט פון אַמעריקע. דער סאַנאַטאָריום טראָגט אויך מעדעמ'ס נאָמען — דעם נאָמען פון דעם, וואָס איז געבליבען א לעגענדע אין דער אידישער אַרבייטער באַוועגונג.

דער העכסטער אָרגאַן פון דער צי״שא איז דער צוזאַמענפאָהר. אויף דעם צוזאַמענפאָהר ווערט אויסגעקליבען די פאַרוואַלטונג, וואָס טהיילט פון זיך אויס אן עקזעקוטיוו פון 12 פּערזאָן. דער פּאָרזיצער פון דער צי״שא איז י. כמורנער

(לעסטשינסקי). דער וויצע־פּאָרזיצער איז זרבבל. ש. מענדעלסאָן איז דער סעק־רעטאר פון צי"שא. ה. ש. קאזדאן איז דער פּאָרזיצער פון אויספיהר ביוראָ.

ענדע פון זומער 1934 האָבען זיך אין צי"שא שולען געלערענט 17 טויזענד קינדער. די צי"שא פארמאָגט 101 פאָלקס שולען, 36 קינדער היימען, 2 גימ־נאזיעס. דעם לעהרער סעמינאר אין ווילנע האָט די פּוילישע רעגירונג פארמאכט. בכלל טהוט אָן די פּוילישע רעגירונג פיל נגישות דער צי"שא.

---

# דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

צווישען די פיל אידישע קולטור אָרגאַניזאציעס אין אמעריקע, פארנעמט דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט, מיט זיינע פארשיידענע צווייגען א באזונדער אָנגעזעהען אָרט.

די שלום עליכם שול באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1913. צו יענער צייט האָבען שוין עקזיסטירט די „נאַציאָנאַל ראדיקאַלע שולען", אָנגעפירט פון די פּועלי ציון. א טייל קולטור טוער און שריפטשטעלער זיינען אבער ניט געווען צופרידען מיט דעם פּארטייאישען כאראקטער פון יענע שולען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די באוועגונג צו גרינדען אומפּארטייאישע שולען. און אין 1916, נאָך דעם טויט פון אונזער אומפארגעסליכען שלום עליכם האָט די באוועגונג זיך אָנגעהויבען רופען „שלום עליכם פאָלק שולען". דעם פאָרשלאָג האָט געמאכט דער פארשטאָרבענער שרייבער לעאָן עלבע, איינער פון די אקטיווסטע טוער און לערער אין די שולען.

די שלום עליכם שול באוועגונג האָט באלד צוגעקראָגען א סך טוער און העלפער, אויך די שולען האָבען זיך פארשפּרייט און באלד איז געגרינדעט געוואָרען דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט, ווי די צענטראלע אָרגאַניזאציע פון דער שלום עליכם שול באוועגונג.

די עקזעקוטיווע פון אינסטיטוט איז באשטאנען פון פאָרשטעהער פון יעדער שול, וואָס פלעגען האָבען רעגולערע זיצונגען, און פארהאנדלען פארשידענע אָרגאַ־ניזאציאָנעלע פראגען, און זוכען פארשידענע פונקטען צו עפענען נייע שולען. מע האָט אויך אָנגעהויבען אראנזשירען געמיינשאפטליכע אונטערנעמונגען, לטובת דעם אינסטיטוט און די איינצעלנע שולען. עס איז אויך באלד ארגאניזירט געוואָ־רען א לערער ראַט. אזוי האָט זיך אָנגעהויבען די פארצווייגטע טעטיגקייט פון שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט.

אָפּזאָגענדיג זיך פון וועלכער ס'איז פּארטייאישער אָנגעהעריגקייט, האָבען די שלום עליכם שולען אריינגעבראכט דעם פּראָגרעסיווען גייסט פון וועלטליכקייט אין זייערע שולען, און „שטעהענדיג אויפ'ן שטאנדפּונקט פון וויסענשאפטליכען דענקען אין אלע פראגען און אויך אין דער דערציאונג פראגע, שטרעבען מיר דערצו, אז אונזערע שולען זאָלען, ווי ווייט מעגליך, זיך רעכענען מיט די פּרינ־ציפּען און באנוצען די מעטאָדען פון דער מאָדערנער פּעדאגאָגיק און קינדער פסיכאָלאָגיע".

די שלום עליכם פאָלק שולען זיינען געשאפען געוואָרען פאר די קינדער פון די ברייטע אידישע פאָלק מאסען, וואָס אידיש איז זייער שפּראך און די אידישע

קולטור איז זייער אַלעמענס קולטור. די בולטסטע סימנים פון דער אָנגעהעריגקייט צו איין פאָלק.

די שלום עליכם פאָלק שולען האַלטענדיג אז די שול איז קודם כל א דער־ציאונג אינסטיטוציע, האָבען באַלד אָנגעהויבען ארבייטען אין דער ריכטונג, אנ־שטאט שבת און זונטאג שולען, ווי די פריהער דערמאָנטע נאַציאָנאַל ראדיקאַלע שולען זיינען געווען, האָבען זיי איינגעפירט טעגליכע נאָכמיטאג שולען, האָבען אריינגעפירט געזאַנג, טענץ, מאַלעריי, סקולפּטור, און אנדערע טעטיגקייטען. דער ערשטער אימפּאָזאַנטער קינדער כאָר אין ניו יאָרק פון אידישע שול־קינדער, איז געווען דער קינדער־כאָר פון די שלום עליכם פאָלק שולען,אונטער דער פירערשאַפט פון דעם פאַרשטאָרבענעם י. פּיראָזשניקאָוו, אויף די אמאָליגע באַריהמטע שלום עליכם יאָהרצייטען אין מאַנהעטען אָפּערא הויז, וואָס די אמאָליגע „שנאָרער" פלעגען אראנזשירען.

אין 1920 איז די אידעע פון זומער קעמפּס פאַר קינדער קוים געווען באַקאַנט אויף דער אידישער גאַס. די שלום עליכמניקעס האָבען אָבער די אידעע זייער שנעל אויפגעכאַפּט, און פּיווּוע האַלמשטאָק, איינער פון די הויפּט טוער און לע־רער, האָט אָרגאַניזירט דעם קעמפּ בויבעריק אויף א גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב. פון 1922 אָן געפינט זיך קעמפּ בויבעריק אונטער דער זייער קאָמפּעטענטער פירער־שאַפט פון דעם באַקאַנטען שריפטשטעלער און לעקטאָר לייבוש לעהרער. בויבעריק געפינט זיך אין די בויקשייער בערג, 16 מייל נאָך פּאָקיפּסי, אויף א שטח פון 84 אַקער, מיט אַן אייגענעם גרויסען טייך, און האָט פּלאַץ פאַר 220 קינדער. בויבעריק איז איצטער איינגעאָרדנט אויפן מאָדערנסטען שטייגער, ווערט פון אַלעמען אנער־קענט פאַר איינער פון די שעהנסטע אינסטיטוציעס וואָס די אידישע מאָדערנע שול באַוועגונג האָט געשאַפען.

די שלום עליכמניקעס האָבען אָבער געזוכט נייע טעטיגקייטען. אין 1920 האָבען זיי געגרינדעט דעם „קינדער זשורנאַל", וואָס פייערט שוין באַלד דאָס זעכצעהנטע יאָהר פון זיין עקזיסטענץ. געטריי צו זייער לאָזונג: „צוציען און איינשפּאַנען", האָבען זיי צוגעצויגען ש. ניגער'ן, וואָס איז דאַן געהאַט געקומען קיין אַמעריקע, אלס רעדאַקטאָר, און ער פאַרנעמט דעם אמט ביז היינטיגען טאָג.

די קינדער פון אַלע שולען האָבען ניט געהאַט וואָס צו לייענען. די שלום עליכמניקעס האָבען אין 1924 געגרינדעט א פאַרלאַג פאַר קינדער ליטעראַטור. י. קאַמינסקי האָט איהם א נאָמען געגעבען „מתנות", און אזוי איז עס פאַרבליבען ביז היינט. פאַרלאַג „מתנות" איז איצטער, כמעט, באַריהמט פאַר זיינע שעהנע אויסגאַבעס. אין די צעהן יאָהר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער פאַרלאַג ארויסגע־געבען 22 אילוסטרירטע ביכער פאַר קינדער און צוויי ביכער פאַר דערוואַקסענע, און נייע ביכער זיינען אָנגעצייכענט ארויסצוגעהן אין די נאָהענטע חדשים. איצ־טער שטעהט דער קינדער זשורנאַל און דער פאַרלאַג „מתנות" אונטער דער פיהרער־שאַפט פון ליפע לעהרער.

די שלום עליכם מיטלשול איז א פיינע אקאַדעמישע אינסטיטוציע. די לימודים קומען פאַר שבת און זונטאג. 150 יונגע לייט און מיידלאַך קומען רעגולער צו די לעקציעס. צעהנדליגער סטודענטען און סטודענטקעס וואָס האָבען פאַרענדיגט די שלום עליכם מיטלשול פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטליכע שטעלעס. די שלום עליכם מיטלשול באַשעפטיגט א סטעף פון 8 לערער אונטער דער פיהרונג פון לייבוש לעהרער און דר. עזריאל נאַקס.

דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט האָט עטליכע מאָל געמאַכט פּראָבעס צו פאַרשפּרייטען זיך איבער'ן לאַנד, דערפון זיינען ארויסגעקומען, דער שלום עליכם

אינסטיטוט אין דעטראָיט, מישיגען און אין שיקאגא. די דאָזיגע אינסטיטוציעס זיינען אין גייסט פון שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט פון ניו יאָרק, כאָטש אָרגאַני־זאציאָנעל זיינען זיי ניט שטארק פארבונדען.

דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט האט אויך געגרינדעט די ערשטע אידישע „באָרדינג סקול", די היימשול, אין א קליין שטעדטעל אין ניו דזשוירזי, אָבער צוליב די שווערע דעפיציטען איז די אינסטיטוציע, וואָס האט אויסגעזעהן צו פארנעמען א וויכטיגען פּלאץ, אונטערגעגאנגען. אזוי איז אויך אונטערגעגאנגען דער קינדער גאָרטען און די נאָרמאלע אידישע שול.

דער שלום עליכם אינסטיטוט איז אפשר די אייגענאַרטיגסטע אָרגאַניזאציע ביי אונז דערמיט, וואָס ער איז ניט געבונדען צו קיין שום אנדערע צילען, אחוץ צו דער דערציאונג פון אונזערע קינדער. צום שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט געהערן מענשען פון פארשידענע פּאָליטישע און געזעלשאפטליכע ריכטונגען, אבער אלעמען פאראייניגט די גרויסע אידעע פון אן אייגען אידיש קולטורעל פּראָגרעסיוו לעבען. דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט ווערט אויך ניט געשטיצט פון רייכע אָרגאַניזאציעס, נאָר האלט זיך אליין אוים אויףביישטייערונגען פון יחידים, וועמען די אידייען פון אינסטיטוט זיינען נאָהענט, און פון אונטערנעמונגען. דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט, כאָטש זיין טעטיגקייט איז קאָנצענטרירט הויפּטזעכליך אין ניו יאָרק און ברוקלין, איז דאָך זיין נאָמען באקאנט וויט און ברייט איבער דער גאנצער אידישער וועלט, וואו אידיש און אידיש לעבן זיינען דער אויסדרוק פון א לעבעדיגען פּולסירענדיגען אָרגאַניזם. און אומעטום וואו עס עקזיסטירט א באוואוסטזיניג אידיש קולטורעל לעבען פיהלט זיך דער איינפלוס און די וויר־קונג פון דעם שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט.

---

# דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אמעריקע

(זיין געשיכטע און זיין איצטיגע טעטיגקייט)

אין מאָנאט מאַי אין יאָהר 1908 האָבען זיך צוזאמענגענומען עטליכע פאָר־שטעהער פון די לאַמאָלסט עקזיסטירנדע לאנדסמאנשאפטען־אָרגאַניזאציעס און האָבען פארטראכט דעם געדאנק, אז מען זאָל אלע סאָסייעטיס וואָס האָבען דעם צוועק צו געבען קראנקען בענעפיט צו זייערע „ברידער" און קרקע (סעמעטערי) און וואָס קומען פון רוסיש־פּוילען, פאראייניגען אין איין גרויסען פארבאנד כדי צו קאָאָרדינירען די ארבייט. מען האט הויפּטזעכליך אין זינען געהאט די פּויליש־אידישע לאַנדסמאנשאפטען אין ניו יאָרק. הויפּטזעכליך האט זיך דער דאמאָלס־דיגער פארבאנד געגרינדעט צוליב געבען די מיטגלידער פון די לאַנדסמאנשאפטען מעדיצינישע הילף פאר א ביליגען פּרייז, ארויסהעלפען א קראנקען און אויף א געמיינזאמען אויפן העלפען אלע נויטליידענדע מיטגלידער.

דער פארבאנד פון פּוילישע אידען אין אמעריקא וואָס האט דאן געהייסען „דער פּויליש־רוסישער פארבאנד" האט עקזיסטירט מיט אזא פּראָגראם היבשע עטליכע יאָהר. באלד נאָך דעם אויסברוך פון דער וועלט־קריג, האט ער זיך אָנגע־הויבען פארנעמען מיט רעליעף ארבייט פאר פּוילען און זאָגאר געשיקט א שליח קיין ווארשא מיט נאָהענט צו דרייסיג טויזענד דאָלער און האט געענדערט דעם נאָמען אלס „פעדערײשאָן אָף פּאָליש היברום אָף אמעריקא" און עס האט טאקע

דאַן געהערשט אין דעם פאַרבאַנד א „היברו" גייסט אין דעם זין, אז די פיהרער דאַן האָבען ניט פארשטאַנען גענוג די נויטען פון די לאַנדסמאַנשאַפטען.

מיט דעם יאָהר 1923 ווען עס טרעטען אריין אין דער פארוואַלטונג מר. בענדזשאַמין ווינטער אלס פּרעזידענט און ז. טיגעל אלס עקזעקוטיוו סעקרעטאַר הויבט דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אָן אנעמען א נייעם כאַראַקטער. עס ווערט פאָרמולירט אויף דער ערשטער זיצונג, אז דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אמעריקא דאַרף זיך פאַרנעמען פון היינט אָן און ווייטער מיט פאָלגענדע פּראָבלעמען: 1) מיט העלפען די אידען אין פּוילען, מאָראַליש, פּאָליטיש און עקאָנאָמיש און 2) מיט העלפען אוועקשטעלען די אייגענע ברענטשעס פון פאַרבאַנד אויף א פעסטען פונדאַמענט.

כדי דאָס דורכצופירען הויבט דער פאַרבאַנד אָן ארויסצוגעבען א מאָנאַט־זשורנאַל מיט דעם נאָמען „דער פאַרבאַנד" וואָס אין משך פון זעקס יאָהר צייט וואָס ער האָט עקזיסטירט, האָט ער ניט בלויז אָבגעשפּיגעלט דעם לעבען פון די פּוילישע אידען און אנגעוויזען בעסערע און שעהנערע וועגען פאַר זייער עקזיס־טענץ און אויסבילדונג, נאָר ער איז אויך געווען א וועגווייזער פאַר פּוילישע לאַנדס־מאַנשאַפטען אויסער די גרענעצען פון אמעריקע. ער האָט נענטער געבראַכט דאָס שטעטעל אין פּוילען צו די לאַנדסמאַנשאַפטען דאָ וועלכע האָבען געטראָגען די נעמען פון די זעלבע היים־שטעט. דער זשורנאַל האָט די מיטגלידער פון פּוילישען פאַרבאַנד צוגעוואוינט צו קולטור ארבייט און צו א בעסערע באַציהונג צו אלגע־מיינע געזעלשאַפטליכע פראַגען. אין דער קריזיס צייט האָט זיך דער זשורנאַל אָבגעשטעלט און ערשיינט איצט ווידער נאָר אין א קלענערען פאָרמאַט. מערסטענס פאַר אייגענע ידיעות.

היינט צו טאָג פאַרמאָגט דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אמעריקא 139 ברענטשעס וואָס זיינען צושפּרייט איבער גאַנץ אמעריקע. אויסער ניו יאָרק האָט דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען ברענטשעס אין פילאַדעלפיע, באָסטאָן, פּיטסבורג, דעטראָיט, שיקאגא, מיניאַפּאָליס, לאָס אנדזשעלעס און אנדערע קלענערע שטעט. א חוץ דעם האָט דער פאַרבאַנד 4 דיסטריקטען וועלכע נעמען אריין איינ־צעלנע מיטגלידער און אָרגאַניזאַציעס אויף דעם אופן ווי עס פירט זיך דער הויפט אָפיס אין ניו יאָרק לגבי די ניו יאָרקער ברענטשעס. די דיסטריקטען געפינען זיך אין באָסטאָן, דעטראָיט, שיקאגא, לאָס אנדזשעלעס. ביז מיט א צייט צוריק איז אויך געווען א פינפטער דיסטריקט, אין קענעדע, אָבער זינט צוויי יאָהר זיינען זיי שוין אויסגעוואַקסען זעלבסשטענדיג און האָבען אָן אייגענעם פאַרבאַנד וואָס נעמט ארום דעם דיסטריק אָף קוויבעק. זיי שטעהן אבער אין א שטענדיגען קאָנ־טאַקט מיט דעם אָפיס אין ניו יאָרק.

די מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד פון פּוילישע אידען באַשטעהט פון 32 טויזענד וואָס יעדער איינער פון זיי מוז עטוואָס צאָהלען דירעקט צו דער פעדעריי־שאָן דורך זייער פאַראיין.

נאָך די ענדערונג אין 1923, ווען די פעדערייזשאַן האָט אראָבגעוואָרפען דאָס וואָרט „היברו" און האָט זיך א נאָמען געגעבען „דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אמעריקאַ", האָט זי אָנגעהויבען פאָרמולירען איהר טעטיגקייט אין גייסט פון אידען אין פּוילען. די ערשטע פראגע איז זעלבסטפארשטענדליך געווען; רעליעף פאַר די אידען אין פּוילען היינט צו טאָג. נאָך לענגערע באַשפּרעכונגען איז אוועקגעשטעלט געוואָרען דער קלאָרער פּרינציפּ, אז פון רעליעף געלדער וואָס דאַרף געהן קיין פּוילען און ווערען געזאַמעלט דירעקט פאַר די אידען אין פּוילען מוז יעדע איינציגע פעני געהן דירעקט צו די געליטענע. דער פאַרבאַנד פון פּוילישע אידען,

דארף בלויז זיין דער וועקער און רופער צו די אמעריקאנער אידען וואָס שטאַמען פון פּוילען אז זיי זאָלען ניט פאַרלאָזען זייערע קרובים און פריינד און די הילף אויף א געמיינזאמען אופן דאַרף געגעבען ווערען דורך די לאַנדסמאַנשאַפטען וואָס טראָגען דאָ די נעמען פון די היים־שטעט, פאַר זייערע היים־שטעט.

דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אמעריקא האָט מיט זעקס יאָהר צוריק אָנגעהויבען אן אלגעמיינעם קאַמפּיין אז יעדע לאַנדסמאַנשאַפט מוז און זאָל האָבען אן אייגענע רעליעף קאָמיטע פאַר זייער היים־שטעטעל. זי האָט יאָ געשאַפען דאַן אן אייגענעם פאָנד פון עטליכע טויזענד דאָלאַר, אבער מיט דעם אויסדריק־ליכען אונטערשטרייכען, אז דאָס געלד געהט בלויז דאָ פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע צוועקען. דאָס געלד איז באַנוצט געוואָרען אויסצופאָרשען די לאַגע פון די אידען אין פּוילען, פאַר אגיטאַציאָנס־מאַטעריאַל אין דרוק־זאַכען און פאַר איבערשיקען דאָס געלד פון די לאַנדסמאַנשאַפטען אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבען דאָס געלד גע־קליבען פאַר זייערע היים־שטעט. אזעלכע לאַנדסמאַנשאַפטען רעליעף קאָמיטעס האָט דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אין אמעריקא געשאַפען איבער 400.

די דאָזיגע הילפס־ארבייט האָט אריינגעבראַכט אן אומגעהויערן צוטרוי מצד די לאַנדסמאַנשאַפטען צו דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען. מען האָט דער־פיהלט אז פון גרונד אויס איז די פעדריישאַן א ריין הומאַניטאַרע אָרגאַניזאַציע וועלכע מיינט בלויז צו העלפען דאָס היימישע אמאָליגע שטעטעלע.

אין דעם קריזיס צייט וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1929 האָט די אָרבייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטען רעליעף קאָמיטעס שטאַרק אָנגעהויבען אָבצו־פאַלען. דאָ און דאָרט האָט נאָך א לאַנדסמאַנשאַפט געשיקט אביסעל געלד יעהר־ליך, אָבער די ארבייט איז געוואָרען אלץ שוואַכער און שוואַכער, און ווען לעצ־טענס אין דער ענדע פון 1934 האָבען ווידער אָנגעהויבען אָנקומען פון פּוילען זעהר טרויעריגע ידיעות און דער געשריי נאָך הילף איז געוואָרען אלץ צודרינגליכער האָט דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען ווידער באַשלאָסען צו באַנייען די רעליף ארבייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטען פאַר זייערע היים־שטעט אין פּוילען אויף דעם זעלבינגען אופן ווי זי האָט עס געטאָן מיט יאָהרען צוריק.

די רעליעף ארבייט ביים פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען האָט זיך אבער ניט באַנוגענט בלויז מיט אגיטירען צווישען די לאַנדסמאַנשאַפטען נאָך הילף פאַר זייערע היים־שטעט, זי האָט אויך אָנגעהויבען ענטוויקלען אויף א ברייטען אופן דאָס צוזאַמענברענגען קרובים פון פּוילען מיט קרובים פון אמעריקא. אין משך פון די לעצטע יאָהרען איז די אבטיילונג ביים פּוילישען פאַרבאַנד אויסגעוואַקסען צו א גרויסען וויכטיגען אַפּאַראַט. היינט צו טאָג באַקומט דער פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען אַן ערך 15 טויזענד בריעף א יאָהר פון אלע עקען און ברעגען פון פּוילען און אחוץ דעם אויך פון אנדערע טיילען וועלט.

יעדער בריעף וואָס קומט אן פון פּוילען ווערט איבערגעשיקט צו דער באַ־טרעפענדער פּערזאָן. ווען דער בריעף קומט צוריק צוליב א שלעכטען אדרעס, ווערט ער געמאָלדען אין דער פּרעסע איבערן גאַנצען לאַנד און מען דאַרף דאָ אונטערשטרייכען אז די אידישע פּרעסע האָט אין דער הינזיכט געגעבען דעם פאַר־באַנד פון די פּוילישע אידען די בעסטע און שעהנסטע הילף, און כאַראַקטעריסטיש אלס א פאַקט, אז אין 90 פּאַלען פון הונדערט, האָבען זיך די קרובים אבגערופען, אויב ניט די קרובים דירעקט האָבען עס זייערע פריינד געטאָן.

א דריטע פאַזע פון דער רעליעף ארבייט ביים פאַרבאַנד פון די פּוילישע אידען איז דאָס איבערשיקען אלטע קליידער קיין פּוילען. ביז מיט א דריי יאָהר צוריק

האָט מען פון דאנען געקאָנט שיקען אלטע קליידער אַהן וועלכען עס איז אָבצאָהל און אַהן וועלכע עס איז שווערינקייטען. עס איז אבער דאן געווארען א פאַראָר־דענונג אין פוילען, אז אום צו באקומען א פעקעל אלטע קליידער פון אמעריקע מוז מען האָבען אַן אָרעמקייטס־צייגניש און דאָס איבערשיקען אלטע קליידער האָט כמעט אויפגעהערט. אפילו דער ארעמסטער האָט זיך געשעהמט אוועקצוגעהן אין זיין מוניציפאַליטעט כדי צו באקומען דעם צייגניש אז ער איז אַן אָרעמאַן. דער פארבאנד פון די פוילישע אידען האָט דעריבער אויסגעווירקט ביי דער פוילישער רעגירונג אז מען זאָל פון אמעריקא מעגען אריינפירען צעהן טויזענד פעקלאך אלטע קליידער יעהרליך אָהן צייגנישען און צוליב דעם האָבען שוין אויך באקומען א קוואטא אויף אריינפירען אלטע קליידער די לענדער: ענגלאנד און קענעדע, די לעצטע צוויי האָבען זיך געווענדעט צום אמעריקאנער פארבאנד נאָך דער נויטי־גער אינפאָרמאציע ווי אזוי דאָס דורכצופירען און האָבען עס באקומען.

אחוץ די פראקטישע רעליעף ארבייט פאר די אידען אין פוילען האָט זיך דער פארבאַנד פון די פוילישע אידען אין אמעריקא געשטעלט פאָזיטיווע צוועקען. ער האָט אָנגעהויבען זיך שטעלען אין ענגען קאָנטאקט מיט די פיהרער פון די אידען אין פוילען, כדי גענויער צו באקענען זיך מיט זייער פאָליטישער לאגע און יעדעס מאָל ווען עס איז נאָר נויטיג געווען האָט די פעדערייישאָן פון פוילישע אידען אויס־גענוצט איהר איינפלוס צו אבצושטעלען אומרעכטען וואָס זיינען באגאנגען געווא־רען געגען די אידען אין פוילען. איהרע ווענדונגען צו דער פוילישער רעגירונג זיינען געווען שטענדיג אין איינקלאנג מיט די פארלאנגען פון די אידישע פאָר־שטעהער אין פוילען, וועלכע האָבען שטרענג געפאָדערט אז די פוילישע רעגירונג זאָל דורכפירען איהר אָבמאך וואָס זי האָט אונטערגעשריבען אין ווערסייל, וואו די אידען איז פארזיכערט געוואָרען פאָלשטענדיגע מינאָריטעטען רעכט. זי האָט קיין מאָל ניט געפיהרט קיין שתדלנות־פּאָליטיק אויף דעם פעלד.

דער פארבאנד פון די פוילישע אידען האָט אַן אָבמאך מיט די היגע פוילישע פאָרשטעהערשאפט, אויסצופאָרשען זעלבסטשטענדיג די לאגע פון די פוילישע טוריסטען און רעקאָמענדירען אז דער אָבצאָהל פאר פארלענגערען די פאספאָר־טען זאָל פארקלענערט ווערען. פאראַן אויך א גרויסע צאָהל מענשען וואָס האָבען פארבינדונגען מיט פוילען, וועגען ירושות, וועגען געבורטס־שיינען, וועגען פאר־לענגענע חובות. אין פארבאנד פון פוילישע אידען שרייבט מען און מען רעדט פויליש און הונדערטער ענינים ווערען ערליידיגט דורך דעם פארבאנדס אָפיס וועל־כער האָט פאר די ארבייטען א באזונדערע אבטיילונג. דער פארבאנד האָט אויך פארבינדונגען מיט א גרופּע פאראנטוואָרטליכע לאָיערס אין פוילען. דער פארבאנד פון די פוילישע אידען רופט די אבטיילונג קאָנסולאט ארבייט, כאָטש זי האָט ניט קיין רעגירונג הינטער זיך, אָבער אויך אין דעם רעגירונגס פוילישען קאָנסולאט און אין דער פוילישער אמבאסאדע ווערט די ארבייט שטארק אבגעשאצט.

דער פארבאנד פון די פוילישע אידען נעמט אויך אויף פראגען וועגען די פוילישע אידען וואָס וואוינען אויסער פוילען, באזונדערס וועגען די אידען אין צענטראל אמעריקא, וועלכע ווענדען זיך אָפט צו דעם פארבאנד פון פוילישע אידען נאָך הילף. אין יענע לענדער ווי אויך אין מעקסיקא, אדער ווי לעצטענס דער פאל אין דייטשלאנד זיינען די פוילישע אידען אין רוב ניט קיין אָרטיגע בירגער און דארפען גענומען ווערען אונטערן שוץ פון דער פוילישער רעגירונג. דעם פאר־באנדס אינטערווענץ אין די פעלע האָט שטענדיג א ווירקונג און די אמעריקאנער פוילישע פארטרעטער פארהאנדלען גערן די פראגען מיט די פאָרשטעהער פון

פארבאנד פון די פוילישע אידען אין אמעריקא. אין גאָר וויכטיגע פאלען, באראט זיך דער פארבאנד פון די פוילישע אידען מיט די פאָרשטעהער פון אמעריקאנער אידענטהום און געמיינזאם ווערען די פראגען אויפגענומען און איבערגעשיקט צו דער פוילישער רעגירונג.

די וויכטיגע טעטיגקייט פון פארבאנד אין אמעריקא פאר די לעצטע 12 יאָהר האָט געווירקט אז אויך אין אנדערע לענדער זאָלען אויסוואקסען גרויסע פאר־באנדען פון פוילישע אידען און פון דאנען אויס איז זיי געגעבען געווארען די נויטיגע אנווייזונגען. אזוי איז לעצטענס אויסגעוואקסען א שטארקער פארבאנד פון פוילישע אידען אין ארגענטינע, אין ארץ ישראל, אין בראזיל און איינצעלנע פאראייניגטע גרופען פון פוילישע אידען אין פראנקרייך, בעלגיען א. א. וו. מיט וועמען דער אמעריקאנער פארבאנד שטעהט אין אן ענגער פארבינדונג און העלפט זיי פון דער ווייטען מיט ראט און טהאט.

דער פארבאנד פון די פוילישע אידען האָט אויך אן אייגענעם מעדיקאל סענטער און מעדיקאל דיסטריקט פאר איהרע מיטגלידער אין ניו יארק לויט דעם מוסטער פון ארבייטער רינג און העלפט בכלל די אנגעשלאָסענע לאנדסמאנשאפטען אז זיי זאָלען איינפיהרען לעקטשורס אויף זייערע מיטינגען. זי פיהרט אויך אָן א קאמפיין, אז אנשטאט די ביליגע סואווענירזשורנאלען זאָלען די לאנדסמאנ־שאפטען ארויסגעבען די געשיכטעס פון זייערע היים־שטעט, און פון זייערע פאראיינען דא, צו בארייכערען די אידישע געשיכטע.

דער פארבאנד פון די פוילישע אידען האָט אויך דעם פארדינסט וואָס מיט ארום צעהן יאָהר צוריק האָט ער אויפגעהויבען די פראגע וועגען שטעלען א מאָ־נומענט פאר דעם פינאנסיר פון דער אמעריקאנער רעוואָלוציע חיים סאלאמאן, און כאָטש דער פראָיעקט איז נאָך ניט צושטאנד געקומען, איז אבער געשאפען געווא־רען זיינט דאן א גאנצע ליטעראטור ארום חיים סאלאמאן. צו דעם האָט פיעל מיטגעהאָלפען דער עקזעקוטיוו דירעקטאר פון פארבאנד מר. ז. טיגעל, וועלכער האָט באקומען די מיטהילף אין דעם זין פון אזעלכע פערזענליכקייטען ווי טשארלס עדווארד ראסעל, פראָפעסאָר אלפרעד בושנעל הארט און אנדערע באדייטענדע ניט־אידען היסטאָריקער.

---

# אידישע סטאטיסטיק

טראָץ אלע פארפאָלגונגען און רדיפות, מעהרט זיך דאָס אידישע פאָלק. לויט ווי דער אידישער סטאטיסטיקער יעקב לעשטשינסקי וויל האָבען, זיינען, אין יאָהר 1800, געווען פון 2 ביז 3 מיליאָן אידען אויף דער וועלט. פון פארשידענע סטאטיסטישע קוועלען, וויסען מיר, אז עס זיינען דאָ איצט אויף דער וועלט איבער 15 מיליאָן אידען. די סטאטיסטישע ציפערען באציהען זיך אויף רעכענונגען, וואָס זיינען געמאכט געווארען פון צענזוסעס אין די יאָהרען 1927-30. די ציפערען, אויב ניט גענוי, גיבען דאָך א בילד פון דער אידישער באפעלקערונג איבער דער גאנצער וועלט. מיר האָבען פארשידענע טאבעלען פון דער צאָהל אידען לויט

פארשידענע לענדער. דערוויילו גיבען מיר די אלגעמיינע צאָהל אידען לויט פאר־שידענע וועלט־טהיילען.

## צאָהל פון אידען אין די פינף וועלט־טהיילען

| וועלט־טהייל | צאָהל פון אידען | פּראָצענטען לויט וועלט־טהיילען |
|---|---|---|
| איירָאפּא | 9,338,619 | 61.66 |
| אפריקע | 538,609 | 3.56 |
| אזיע | 588,154 | 3.88 |
| אויסטראליע | 24,783 | 0.16 |
| אמעריקע, צפון און דרום | 4,654,209 | 30.74 |
| סך הכל | 15,144,374 | 100.00 |
| צוואוקס פון אידען נאָך די צענזוסעס (שאצונגען) | 758,626 | |
| | 15,903,000 | |

## אויף וועלכע שפּראכען ריידען אידען (לויט רופּין)

יאָהר 1930 אין רונדע ציפערען

| שפּראך | צאָהל ריידענדע | פּראָצענט |
|---|---|---|
| אידיש | 6,800,000 | 42.7 |
| דייטש | 900,000 | 5.7 |
| ענגליש | 3,700,000 | 23.3 |
| אונגאריש | 500,000 | 3.1 |
| רוסיש | 800,000 | 5.0 |
| פּויליש | 1,000,000 | 6.3 |
| אנדערע סלאווישע שפּראכען — טשעכיש, בולג. א. א. וו. | 250,000 | 1.6 |
| לאדינאָ (שפּאנאָליש) | 300,000 | 1.9 |
| שפּאניש | 50,000 | 0.3 |
| אראביש און טערקיש | 600,000 | 3.8 |
| פראנצויזיש | 300,000 | 1.9 |
| העברעאיש | 165,000 | 1.0 |
| האָלענדיש | 125,000 | 0.8 |
| רומעניש | 300,000 | 0.9 |
| אנדערע שפּראכען | 113,000 | 0.7 |
| | 15,903,000 | 100.0 |

די פאנאנדערטיילונג פון שפּראכען דארף גענומען ווערען מיט א געוויסען צווייפעל. די ציפערען זיינען גענומען געוואָרען אויף'ן גרונט פון אָנגעגעבענער

מוטערשפּראך. ווען א צענזוס ווערט גענומען, ווערט אָבער די שפּראך אָנגעגעבען פון פּאָליטישע מאָטיווען, ווי מען קען דאָס זעהן פון א פארגלייכונגס טאבעלע וואָס דאָקטאָר רופּין מאכט.

## די שפּראכען מיט וועלכע אידען האָבען זיך באנוצט

| שפּראך | יאָהר 1900 צאָהל ריידענדע | יאָהר 1900 פון הונדערט אידען ריידען | יאָהר 1930 צאָהל ריידענדע | יאָהר 1930 פון הונדערט אידען ריידען |
|---|---|---|---|---|
| אידיש | 7,000,000 | 60.6 | 6,800,000 | 42.7 |
| דייטש | 1,250,000 | 10.8 | 900,000 | 5.7 |
| ענגליש | 1,100,000 | 9.5 | 3,700,000 | 23.3 |
| אונגאריש | 600,000 | 5.2 | 500,000 | 3.1 |
| רוסיש | 100,000 | 0.9 | 800,000 | 5.0 |
| פּויליש | 200,000 | 1.8 | 1,000,000 | 6.3 |
| אנדערע סלאווישע שפּראכען, ווי טשעכיש, בולגאריש א. א. וו. | 100,000 | 0.9 | 250,000 | 1.6 |
| לאדינא (שפּאניאָלישע אידיש) | 350,000 | 3.0 | 300,000 | 1.9 |
| שפּאניש (ארגענטינע) | ...... | .. | 50,000 | 0.3 |
| טערקיש און אראביש | 250,000 | 2.2 | 600,000 | 3.8 |
| פראנצויזיש | 150,000 | 1.3 | 300,000 | 1.9 |
| העברעאיש | 20,000 | 0.1 | 165,000 | 1.0 |
| האָלענדיש | 110,000 | 0.9 | 125,000 | 0.8 |
| רומעניש | ...... | — | 300,000 | 1.9 |
| איטאליעניש | 40,000 | 0.3 | 50,000 | 0.3 |
| אנדערע שפּראכען | 280,000 | 2.5 | 63,000 | 0.4 |
| סך הכל | 11,550,000 | 100.00 | 15,903,000 | 100.00 |

עס איז כמעט ווי זיכער, אז די אָנגעגעבענע מוטערשפּראך שטימט ניט מיט דער ווירקליכקייט. פארדעכטיגט זיינען די אָנגעגעבענע צאָהל ריידענדע פון 3 הונדערט טויזענד רומעניש ריידענדע אין יאָהר 1930 אין דער צייט וואָס אין יאָהר 1900 האָט קיין איד ניט אָנגעגעבען רומעניש אלס זיין מוטער־שפּראך. די צאָהל העברעאיש ריידענדע און פּויליש ריידענדע איז אויך פארדעכטיג. אזוי איז פארדעכטיג אפילו די צאָהל פון ענגליש ריידענדע און טערקיש־אראביש ריידענדע. פאר די 30 יאָהר, צווישען די 2 טאבעלען, זיינען אָבער פאָרגעקומען אזעלכע פּאָליטישע ענדערונגען, אז עס איז פארשטענדליך די נייע אָריענטירונג פון שפּראכען צווישען אידען. לויט דער פארגלייכונגס טאבעלע פון דאָקטאָר רופּין קומט אויס, אז אידיש איז געפאלען פון 60.6 פּער הונדערט אויף 42.7 פּער הונדערט. אז אידיש ווערט ניט גערעדט צווישען דעם יונגוואַרג, קען מען אָננעהמען, אָבער פילע יונגע אמעריקאנער אידען פארשטעהען אידיש טראָץ דעם וואָס זיי ריידען ענגליש. אזוי איז מיט אנדערע שפּראכען. אידיש איז נאָך אפילו לויט די אָנגעגעבענע ציפערען די שפּראך, וואָס עס ווערט גערעדט פון כמעט א העלפט אידען פון דער וועלט ביי היינטיגען טאָג. די צאָהל אידען, וואָס פארשטעהען אידיש, איז פיל גרעסער.

## אידען אין אמעריקע

וואָס פאר א ראָליע אידען שפילען איצט אין אמעריקע קען מען זעהן פון דעם פאַקט, וואָס אין דעם יאָהר 1930 האָט מען גערעכענט אידען אין צפון און דרום אמעריקע 4,654,209 פערזאָן, וואָס האָבען אויסגעמאַכט 30.74 פראָצענט פון אלע אידען אין דער וועלט. פון יעדע 10 טויזענד אידען זיינען געווען 3074 אין אמעריקע. זייט פון יאָהר 1930 איז די צאָהל פון אידען אין אלע לענדער פון צפון און דרום אמעריקע געוואקסען. די אידען זיינען אין אמעריקע אָנגעקומען פאר די לעצטע הונדערט און דרייסיג יאָהר. מיט 130 יאָהר צוריק איז די צאָהל פון אידען אין אמעריקאנער לענדער געווען זעהר קליין, ווי מען קען זעהען פון פאָלגענדער טאַבעלע:

### דער אידישער וואוקס אין אמעריקאנער לענדער

| | יאהר | פאר. שטאאטען פון צפון אמעריקע | קאנאדא | ארגענטינע | אנדערע אמעריקאנער לענדער | סך הכל |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | 1800 | 2,000 | 100 | ...... | 500 | 2,600 |
| | 1850 | 50,000 | 500 | ...... | 1,000 | 51,500 |
| | 1880 | 230,000 | 2,400 | ...... | 2,000 | 234,400 |
| | 1890 | 500,000 | 6,400 | 1,000 | 3,000 | 510,400 |
| | 1900 | 1,000,000 | 16,500 | 30,000 | 10,000 | 1,056,500 |
| | 1910 | 2,200,000 | 70,000 | 90,000 | 15,000 | 2,375,000 |
| | 1920 | 3,200,000 | 120,000 | 130,000 | 70,000 | 3,520,000 |
| | 1930 | 4,228,029 | 155,000 | 200,000 | 71,180 | 4,654,209 |
| שאַצונג | 1934-1933 | 4,500,000 | 170,000 | 240,000 | 90,000 | 5,000,000 |

### צוטיילונג פון די אידען אויף די אמעריקאנער קאָנטינענטען (צפון און דרום אמעריקע)

#### צפון אמעריקע

| לאנד | יאהר פון צענזוס | צאהל פון אידען | אלגעמיינע באפעלקערונג | פראצענט פון אידען |
|---|---|---|---|---|
| פאראייניגטע שטאאטען | 1930 | 4,228,029 | 122,745,046 | 3.5 |
| אלאסקא | 1930 | 500 | | |
| קאנאדא | 1931 | 155,606 | 10,374,196 | 1.5 |
| מעקסיקאָ | 1930 | 16,000 | 16,404,030 | 0.1 |
| קיובא | 1930 | 10,000 | | |
| האיאיטי | 1927 | 55 | | |
| דזשאמאיקא | 1929 | 150 | | |
| פּאָרטאָ ריקאָ | 1930 | 1,250 | | |
| ווירדזשיניא אינזלען | 1930 | 200 | | |
| פאנאמא | 1930 | 25 | | |
| אנדערע לענדער | 1930 | 636 | | |

| | |
|---|---|
| סך הכל צפון אמעריקע | 4,412,451 |
| דרום אמעריקע | 241,758 |
| אידען אין גאנץ אמעריקע | 4,654,209 |

## דרום אמעריקע

| לאנד | יאהר פון צענזוס | צאהל פון אידען | אלגעמיינע באפעלקערונג | פראצענט פון אידען |
|---|---|---|---|---|
| ארגענטינע | 1928 | 200,000 | 11,658,000 | 2.1 |
| בראזיליע | 1928 | 30,000 | 40,273,000 | 0.1 |
| טשילי | 1930 | 2,000 | 4,287,445 | 0.2 |
| גואיאנא | 1931 | 1,786 | | |
| פאנאמא | 1930 | 750 | | |
| פאראגוואי | 1928 | 400 | | |
| פערו | 1927 | 300 | | |
| אורוגוואי | 1929 | 5,000 | 1,903,083 | 0.3 |
| ווענעזועלא | 1926 | 882 | | |
| אנדערע לענדער | | 640 | | |
| סך הכל דרום אמעריקע | | 241,758 | | |
| צפון אמעריקע | | 4,412,451 | | |
| אידען אין גאנץ אמעריקע | | 4,654,209 | | |

## צוטיילונג פון אידען אין אזיע

| לאנד | יאהר פון צענזוס | צאהל אידען | אלגעמיינע באפעלקערונג | פראצענט פון אידען | געשאצטע צאהל אידען אין יאהר 1934 |
|---|---|---|---|---|---|
| פאלעסטינע | 1931 | 175,006 | 1,035,154 | 16.9 | 275,000 |
| איראק | 1932 | 100,100 | 3,300,000 | 3.0 | 100,000 |
| פערסיע | 1929 | 40,000 | 9,000,000 | 0.4 | 40,000 |
| סיריען | 1929 | 25,000 | 2,687,280 | 0.9 | 25,000 |
| יעמען (תימן) | 1930 | 30,000 | 1,000,000 | 3.0 | 30,000 |
| אזיאטישע טערקיי | 1927 | 28,739 | 12,607,601 | 0.2 | 30,000 |
| אינדיע | 1931 | 30,000 | 352,837,778 | 0.0 | 30,000 |
| אזיאטישע רוסלאנד | 1926 | 109,851 | 30,980,865 | 0.4 | 125,000 |
| אפגאניסטאן | 1924 | 20,000 | 12,000,000 | 0.2 | 20,000 |
| אנדערע לענדער | 1930 | 29,458 | | | 35,000 |
| סך הכל אידען אין אזיע | | 588,154 | | | 710,000 |

## צוטיילונג פון אידען אין אייראָפּא

| לאנד | יאהר פון צענזוס | צאהל פון אידען | אלגעמיינע באפעלקערונג | פראצענט פון אידען | צאהל פון ידען געשאצט 1934 |
|---|---|---|---|---|---|
| אוקראינע | 1926 | 1,574,428 | 29,018,187 | 5.4 | 1,675,000 |
| ווייס רוסלאנד | 1926 | 407,059 | 4,983,240 | 8.2 | 400,000 |
| צענטראלע רוסלאנד | 1926 | 588,843 | 82,045,623 | 0.7 | 700,000 |
| פוילען | 1921 | 2,829,456 | 32,132,936 | 10.4 | 3,050,000 |
| רומעניע | 1919 | 834,344 | 18,057,074 | 4.8 | 900,000 |
| דייטשלאנד | 1925 | 564,379 | 62,410,619 | 0.9 | 550,000 |
| אונגארען | 1920 | 473,310 | 8,683,740 | 5.9 | 500,000 |
| טשעכאָ-סלאָוואקיא | 1930 | 356,830 | 14,726,158 | 2.4 | 375,000 |
| עסטרייך | 1923 | 230,000 | 6,534,481 | 3.5 | 230,000 |
| פראנקרייך | 1931 | 200,000 | 41,834,923 | 0.5 | 215,000 |
| ליטא | 1923 | 155,126 | 2,028,971 | 7.6 | 162,000 |
| האָלאנד | 1920 | 115,233 | 7,920,388 | 1.7 | 122,000 |
| גריכענלאנד | 1928 | 80,000 | 6,204,684 | 1.3 | 82,000 |
| יוגאָסלאוויע | 1921 | 64,221 | 13,930,918 | 0.5 | 70,000 |
| ענגלאנד | 1931 | 320,000 | 46,189,445 | 0.7 | 330,000 |
| בעלגיע | 1930 | 60,000 | 8,092,004 | 0.7 | 60,000 |
| איטאליע | 1931 | 54,121 | 41,230,047 | 0.1 | 55,000 |
| טערקיי | 1927 | 53,133 | 1,040,669 | 5.1 | 55,000 |
| בולגאריע | 1926 | 46,431 | 5,478,741 | 0.8 | 50,000 |
| לאטוויע | 1930 | 93,741 | 1,900,045 | 4.9 | 95,000 |
| אנדערע לענדער | .... | 237,964 | ........ | .. | 275,000 |
| אידען אין אייראָפּא | | 9,338,619 | | | |

## צוטיילונג פון אידען אין אפריקא

| לאנד | יאהר פון צענזוס | צאהל פון אידען | אלגעמיינע באפעלקערונג | פראצענט פון אידען | צאהל פון אידען געשאצט 1934 |
|---|---|---|---|---|---|
| מאראָקאָ (פראנצויזיש) | 1931 | 120,000 | 5,057,000 | 1.4 | 120,000 |
| מאראָקאָ (שפאניש) | 1931 | 26,000 | 1,100,000 | 1.8 | 20,000 |
| אלזשיר | 1931 | 90,000 | 6,553,451 | 1.4 | 90,000 |
| דרום אפריקע | 1926 | 71,816 | 8,013,000 | 0.9 | 80,000 |
| עגיפּטען (מצרים) | 1927 | 63,550 | 14,177,864 | 0.4 | 66,000 |
| טוניס | 1931 | 66,000 | 2,417,000 | 2.7 | 66,000 |
| טריפּאָלי | 1931 | 43,000 | 705,187 | 6.1 | 44,000 |
| אנדערע לענדער | | | | | |
| סך הכל אפריקע | | 436,619 | | | |

אין אויסטראַליע און ניו־זעלאַנד רעכענט מען די צאָהל אידען 24,783. זיי מאַכען אויס 0.6 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

נאָך פאַרשידענע פּראָבעס מיט בעזעצען אידען אויף ערד, זיינען ערציעלט פאָלגענדע רעזולטאַטען (פאַקטערס און אַנאָראָדניקעס אריינגערעכענט):

| לאַנד | באַפעלקערונג פאַמיליעס | נפשות |
|---|---|---|
| רוסלאַנד*) | 45,000 | 250,000 |
| פּוילען | 20,000 | 100,000 |
| ליטע | 3,000 | 15,000 |
| בעסאַראַביע | 5,000 | 30,000 |
| טשעכאָסלאָוואַקיע און קאַרפּאַט רוסלאַנד | 5,000 | 30,000 |
| אַרגענטינע | 3,500 | 20,000 |
| בראַזיליע | 200 | 1,000 |
| פאַראייניגטע שטאַאַטען | 15,000 | 80,000 |
| קאַנאַדאַ | 800 | 5,000 |
| לאַטוויע | 200 | 1,000 |
| פּאַלעסטינע | 5,000 | 28,000 |
| טאָטאַל | 102,700 | 560,000 |

באמערקונגען

*) שוין די אַלטע קאָלאָניעס אריינגערעכענט.

## אונטערזוכונג פון אידישע באשעפטיגונגען לויט פאַרשידענע לענדער

| | 1907 דייטשלאַנד | 1921 פּוילען | 1926 רוסלאַנד | 1923 ליטע | 1931 פּאַלעסטינע |
|---|---|---|---|---|---|
| ערד ארבייט | 1.3 | 9.6 | 9.8 | 6.0 | 18.5 |
| אינדוסטרי | 21.5 | 31.7 | 35.1 | 22.0 | 29.4 |
| האַנדעל | 49.7 | 34.6 | 27.3 | 33.0 | 18.2 |
| פרייע פּראָפעסיעס | 6.5 | 6.9 | 10.8 | 5.0 | 12.4 |
| דינער | 2.1 | 4.9 | | 5.0 | 5.1 |
| אָהן באַשטימטע באשעפטיגונג | 18.9 | 10.8 | 17.0 | 29.0 | 15.6 |
| ארמיי | | 1.5 | | | 0.8 |
| | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 |

## אונטערזוכונג פון פילע לענדער פון מענשען וואָס מאַכען זעלבסטשטענדיג א לעבען פון אידען און ניט אידען

פון הונדערט פערזאָן זיינען באשעפטיגט

| | יאהר פון צענזוס | מענער | | פרויען | | ביידע געשלעכטער | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | אידען | ניט אידען | אידען | ניט אידען | אידען | ניט אידען |
| פוילען | 1921 | 52.2 | 63.6 | 17.6 | 50.2 | 33.9 | 56.6 |
| פרייסען | 1925 | 78.4 | 72.9 | 34.5 | 39.6 | 55.8 | 55.8 |
| ליטע | 1923 | 30.6 | 42.5 | 30.9 | 48.3 | 30.8 | 45.5 |
| אונגארען | 1920 | ...... | ...... | ...... | ...... | 43.2 | 47.2 |
| אוקראינע | 1926 | 58.8 | 66.5 | 21.4 | 57.3 | 43.7 | ...... |
| ווייס רוסלאנד | 1926 | 54.8 | 66.7 | 21.3 | 59.6 | 37.1 | ...... |
| מאָסקווע | 1926 | 72.1 | 80.6 | 36.1 | 37.5 | 53.7 | ...... |

א גרויסע ראָליע שפּילט אין אידישען לעבען עמיגראציע. „ויחנו ויסעו" איז א לאַנגע אידישע סדרה.

פאר 50 יאָהר פון 1881 ביז 1930 איז די עמיגראציע געווען ווי פאָלגט:

| עמיגרירט פון לאנד | צאָהל | אימיגרירט אין לאנד | צאָהל |
|---|---|---|---|
| רוסלאנד | 2,285,000 | פאראייניגטע שטאאטען | 2,885,000 |
| פוילען און גאליציע | 952,000 | קענעדע | 125,000 |
| רומעניע | 235,000 | ארגענטינע | 180,000 |
| ענגלאנד | 114,000 | בראזיליע | 30,000 |
| אנדערע לענדער | 389,000 | צענטראל אמעריקע | 30,000 |
| | | אין אייראָפּעאישע לענדער | 490,000 |
| | | אין אפריקע | 95,000 |
| | | פאלעסטינע | 120,000 |
| | | אויסטראליע | 20,000 |
| צאָהל עמיגראנטען | 3,975,000 | | 3,975,000 |

---

## צאָהל פון אימיגראנטען אין די פאראייניגטע שטאאטען פון דעם יאָהר 1900 ביז 1929 לויט עלטער און געשלעכט

| יאָהרען | טאָטאל | מענער | פרויען | קינדער אונטער 14 | פון 14 ביז 44 | איבער 46 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1900-1914 | 1,448,226 | 808,408 | 637,618 | 323,087 | 1,011,021 | 85,119 |
| 1915-1920 | 79,966 | 41,804 | 38,162 | 22,394 | 50,814 | 6,758 |
| 1921-1929 | 328,428 | 151,068 | 179,560 | 94,352 | 187,689 | 45,386 |
| סך הכל | 1,856,620 | 1,001,280 | 855,340 | 449,833 | 1,249,524 | 137,263 |

## אימיגראנטען־אידען פון 1900 ביז 1929 אין קאטעגאָריעס פון באשעפטיגונג לויט פעריאָדען

פראָצענטען פון באשעפטיגונג

| | 1900־1914 | 1915־1919 | 1920־1925 | 1925־1929 |
|---|---|---|---|---|
| אינדוסטרי | 60.1 | 38.1 | 14.9 | 21.9 |
| מסחר | 10.1 | 23.3 | 4.1 | 11.2 |
| ערד ארבייט | 2.4 | 4.6 | 26.6 | 17.4 |
| פרייע פראָפעסיעס | 2.0 | 9.3 | 2.3 | 5.8 |
| פראָסטע ארבייט | 10.4 | 7.8 | 32.7 | 21.9 |
| הויז ארבייט | 12.4 | 12.6 | 15.4 | 16.6 |
| אונבאשטימט | 2.6 | 4.3 | 4.0 | 5.2 |
| טאָטאל פראָצענט | 100.0 | 100.0 | 100.0 | 100.0 |

---

## די אידישע באפעלקערונג אין דער שטאָט ניו־יאָרק

די אידישע באפעלקערונג אין דער שטאָדט ניו יאָרק איז 1,765,000, צוטהיילט צווישען די פינף בּאָראָס אויף פאָלגענדען אופן:

| | | |
|---|---|---|
| בראָנקס | 420,000 | איבער 45% פון דער גאנצער באפעלקערונג |
| ברוקלין | 797,000 | „ 35% |
| מאנהעטען | 465,000 | „ 25% |
| קווינס | 75,800 | „ 9 % |
| ריטשמאָנד | 7,200 | ארום 5 % |

## אימיגראציע אין אמעריקע פון 1900 ביז 1930

| יאָהרען | פרייע פּראָפעסיעס אלגעמיין | פרייע פּראָפעסיעס אידען | געלערנטע באַלמעלאָכעס סקילד לעיבאר אלגעמיין | געלערנטע באַלמעלאָכעס סקילד לעיבאר אידען | פארשידענע מלאכות אלגעמיין | פארשידענע מלאכות אידען | אָהן באשטימטע באשעפטיגונג אלגעמיין | אָהן באשטימטע באשעפטיגונג אידען | סך הכל אלגעמיין | סך הכל אידען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1900-1905 | 41,901 | 3,331 | 662,700 | 189,555 | 2,493,850 | 91,866 | 1,083,197 | 204,147 | 4,281,648 | 488,899 |
| 1906-1911 | 67,899 | 4,663 | 865,699 | 233,084 | 3,347,136 | 103,040 | 1,560,163 | 298,564 | 5,840,897 | 639,351 |
| 1912-1917 | 70,232 | 4,218 | 610,279 | 158,404 | 2,320,365 | 67,796 | 1,174,597 | 148,505 | 4,175,475 | 378,933 |
| 1918-1923 | 65,362 | 4,717 | 408,580 | 44,604 | 945,326 | 59,477 | 900,186 | 134,500 | 2,319,454 | 243,298 |
| 1924-1929 | 78,731 | 4,352 | 430,801 | 21,528 | 836,367 | 19,606 | 881,907 | 60,663 | 2,227,806 | 106,149 |
| סך הכל | 324,125 | 21,281 | 2,978,059 | 647,175 | 9,943,044 | 341,785 | 5,600,050 | 846,379 | 18,845,278 | 1,856,620 |

עס איז אינטערעסאנט פאָלגענדע אונטערזוכונג, מיט וועמעס הילף די אימיגראנטען זיינען געקומען אין די פאראייניגטע שטאאטען:

| | אידען | ניט אידען |
|---|---|---|
| זעלבסטשטענדיג ........................................ | 38.15 | 64.62 |
| מיט דער הילף פון קרובים .................................. | 61.30 | 33.42 |
| מיט דער הילף פון באקאנטע .................................. | 55 | 1.96 |
| | 100.00 | 100.00 |

## אימיגראציע נאָך די פאראייניגטע שטאַאטען

| יאָהרען | אָנגעקומען אלגעמיין | אָנגעקומען אידען | פּראָצענט אידען | צוריק געפאָהרען אלגעמיין | צוריק געפאָהרען אידען | צוריק געפאָהרען אלג. פראצ. | פּראָצענט אידען | פארמעהרט אלגעמיין | פארמעהרט אידען |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פון 1908 ביז 1932 | 12,551,961 | 1,084,719 | 8.64 | 4,180,558 | 54,662 | 33.31 | 5.04 | 8,371,403 | 1,030,057 |
| 1881-1898 | 8,173,890 | ......... | ... | ......... | | .... | ... | ......... | 533,578 |
| 1899-1907 | 6,974,447 | 829,244 | 11.89 | ......... | 59,208 | 33.55 | 7.14 | ......... | 770,036 |
| 1908-1924 | 10,656,636 | 1,008,586 | 9.46 | 3,574,974 | 52,294 | 25.82 | 5.18 | 7,081,662 | 956,292 |
| 1925-1932 | 1,895,325 | 76,133 | 4.2 | 605,584 | 2,368 | 31.95 | 9.11 | 1,289,741 | 73,765 |
| | | | | | ..... | | | | 2,333.571 |

## אימיגראנטען אין די פאראייניגטע שטאאטען לויט בילדונג צענזוס

| | אידען | | | ניט אידען | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| יאהרען | אלגעמיינע צאהל | צאהל פון די וואס קענען ניט שרייבען | פראצענט | אלגעמיינע צאהל | צאהל פון די וואס קענען ניט שרייבען | פראצענט |
| 1905-1914 | 1,095,140 | 273,628 | 25. | 10,631,468 | 2,794,824 | 26.3 |
| 1915-1919 | 45,980 | 5,155 | 11.2 | 931,458 | 111,594 | 12. |
| 1920-1925 | 209,244 | 14,422 | 6.9 | 2,292,655 | 62,739 | 2.7 |
| 1926-1929 | 34,388 | 1,857 | 5.4 | 995,557 | 16,769 | 1.7 |
| | 1,384,752 | 295,062 | | 14,451,138 | 2,975,926 | |

די שפעטערדיגע אימיגראנטען פון ניט אידען קומען פון נארטה אייראפא, ווי דייטשען, ענגלענדער און סקאנדינאווען.

## אידישע בעלי־מלאכות אריין אין אמעריקע פאר די יאהרען 1929־1900

| | |
|---|---|
| שניידערס און שניידערינס | 309,477 |
| שוסטער | 35,469 |
| פאריער | 13,958 |
| קצבים | 18,543 |
| בעקער | 16,687 |
| שלאסער | 12,917 |
| שמידען | 11,838 |
| בלעכער | 9,317 |
| מעטאל ארבייטער | 11,004 |
| סטאליארעס | 53,998 |
| גלעזער | 23,211 |
| בארבער | 7,948 |
| זייגער מייסטער | 9,767 |
| זעצער | 4,690 |
| ערד ארבייטער | 25,614 |
| לעהרער | 8,890 |
| מוזיקער | 3,410 |

## אידישע אימיגראציע אין די פאראייניגטע שטאאטען פאר'ן יאהר 1931—1932.

צווישען דזשון 30טען 1931 און דזשון 30טען 1932 זיינען אין די פאר־אייניגטע שטאאטען אריינגעקומען 2755 אידישע אימיגראנטען. צוריק זיינען ארויסגעפארען 452. סך הכל הייסט עס זיינען דורך אימיגראציע צוגעקומען 2,303 אידען.

## צוריקגעשיקט און ניט אריינגעלאזען

אין דעם זעלבען יאהר זיינען 147 אידען ארויסגעשיקט געווארען פון לאנד און 314 האבען געבעטען ערלויבענים אריין אין לאנד און זיינען ענטזאגט געווארען.

## די לענדער פון וואַנען זיי זיינען געקומען

פון די 2755 אידען, וואָס זיינען אריינגעקומען דעם יאָהר צווישען דזשון 30טען 1931 און דזשון 30טען 1932, קומען דריי פינפטעל פון די לענדער פון צענטראל איירָאפא, וואו עס געפינט זיך האלב פון דער אידישער באפעלקערונג פון דער וועלט. פון די איבעריגע 1,176 זיינען 472 געקומען פון קאנאדא, 131 פון פאלעסטינא, 129 פון מעקסיקא און 80 פון קיובא.

## וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען

אין דעם משך פון דעם אָנגעגעבענעם יאָהר זיינען די אידישע אימיגראנטען אריינגעקומען אין 38 סטעיטס און אין דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא. די גרעסטע צאָהל איז אריינגעקומען אין ניו יאָרק, איליגאָיס, קאליפאָרניא, מישיגען, ניו דזשוירזי און פענסילוויינא.

## געשלעכט, עלטער, א. א. וו.

קנאפע 43 פראָצענט פון די אימיגראנטען דעם יאָהר זיינען געווען מענער און קנאפע 58 פראָצענט פרויען. ארום 18 פראָצענט זיינען געווען קינדער אונטער 16 יאָהר, קנאפע 60 פראָצענט צווישען 16 און 44, און 22 פראָצענט 45 יאָהר און העכער.

ארום 40 פראָצענט פון די אידישע אימיגראנטען זיינען אונפארהייראט.

## אימיגראַציע ציפערען פון דזשולאַי ביז'ן 31טען דעצעמבער, 1932

פאר די זעקס מאָנאטען פון דזשון 30טען ביז דעצעמבער 31טען 1932 זיינען אריינגעקומען 1,285 אידישע אימיגראנטען (קנאפע צעהן פראָצענט פון דער אלגעמיינער אימיגראציע).

ארויסגעפאָהרען אין די זעקס מאָנאטען זיינען 240.

## סך הכל פון אידישע אימיגראנטען אין די פאראייניגטע שטאַאטען פון 1907 ביז 1932

| יאָהרען | אלגעמיינע אימיגראציע | אידישע אימיגראציע |
|---|---|---|
| 1899 - 1907 | 6,974,447 | 829,244 |
| 1908 - 1924 | 10,656,636 | 1,008,586 |
| 1925 - 1932 | 1,895,325 | 76,133 |

אין די זעלבע 34 יאָהר זיינען ארום 113 טויזענד אידען ארויסגעפאָהרען פון לאנד.

## אידישע אימיגראציע אין אנדערע אמעריקאנער לענדער

פון מארטש 1931 ביז מארטש 1932 זיינען אין קאנאדא אריינגעקומען 649 אידען. (פון דער צאָהל זיינען 447 געקומען פון די פאראייניגטע שטאַאטען.)

פון 1901 ביז 1932 זיינען אין קאנאדא אריינגעקומען 124,513 אידען.

אין קיובא זיינען אריינגעקומען 476 אידען אין 1929. אין 1930 זיינען 1374 אריינגעקומען און 120 זיינען ארויסגעפאָהרען. אין 1931 זיינען אריינגעקומען 208.

1940 אידישע אימיגראנטען זיינען אריינגעקומען אין בראזיל אין 1931. ארום 1250 זיינען דעם זעלבען יאָהר אריינגעקומען אין ארגענטינע און פון 1913 ביז 1931 זיינען אין דעם זעלבען לאנד אריינגעקומען 95,043 אידען.

## סאוטה אפריקע

אין סאוטה אפריקע זיינען אין 1929 אריינגעקומען 2664 און אין 1930 — 1200.

## פאלעסטינא

אין דעם יאָהר 1932 זיינען אין פאלעסטינא אריינגעקומען 9553 אידען. אין דער צאָהל געהן אריין 5823 וואָס זיינען אריין אלס געזעצליכע אימיגראנטען און 3730 זיינען אריינגעקומען אלס טוריסטען און זיינען פארבליבען אלס שטענדיגע איינוואוינער. די צאָהל מענער איז געווען 3885, פרויען 3678, און 2090 קינדער.

## אימיגראציע נאָך די פאראייניגטע שטאַאטען

| אריינגעקומענע אימיגראנטען | | | | צוריקגעפאָרענע אימיגראנטען | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| יאהר | אידישע אימיגראציע | אלגעמיינע אימיגראציע | פראצענט פון אידען | יאהר | אידען | אלע אימיגראנטען | פראצענט פון געקומענע אידען |
| 1900 | 60,764 | 448,572 | 13.5 | | | | |
| 1901 | 58,098 | 487,918 | 11.9 | | | | |
| 1902 | 57,688 | 648,743 | 8.9 | | | | |
| 1903 | 76,203 | 857,046 | 8.9 | | | | |
| 1904 | 106,236 | 812,870 | 13.1 | | | | |
| 1905 | 129,910 | 1,026,499 | 12.7 | | | | |
| 1906 | 153,748 | 1,100,735 | 14.0 | | | | |
| 1907 | 149,182 | 1,285,349 | 11.6 | | | | |
| 1908 | 103,387 | 782,870 | 13.2 | 1908 | 7,702 | 395,073 | 7.44 |
| 1909 | 57,551 | 751,786 | 7.7 | 1909 | 6,105 | 225,802 | 10.00 |
| 1910 | 84,260 | 1,041,570 | 8.1 | 1910 | 5,689 | 202,436 | 6.8 |
| 1911 | 91,223 | 878,587 | 10.4 | 1911 | 6,401 | 295,666 | 7.01 |
| 1912 | 80,595 | 838,172 | 9.6 | 1912 | 7,418 | 333,262 | 9.20 |
| 1913 | 101,330 | 1,197,892 | 8.5 | 1913 | 6,697 | 308,190 | 6.60 |
| 1914 | 138,051 | 1,128,480 | 11.3 | 1914 | 6,829 | 303,338 | 4.94 |
| 1915 | 26,497 | 326,700 | 8.1 | 1915 | 1,524 | 204,074 | 5.75 |
| 1916 | 15,108 | 298,826 | 5.1 | 1916 | 199 | 129,765 | 1.31 |
| 1917 | 17,342 | 295,403 | 5.9 | 1917 | 329 | 66,277 | 1.89 |
| 1918 | 3,672 | 110,618 | 3.3 | 1918 | 687 | 94,585 | 18.9 |
| 1919 | 3,055 | 141,132 | 2.2 | 1919 | 373 | 123,522 | 12.2 |
| 1920 | 14,295 | 430,001 | 3.3 | 1920 | 358 | 288,315 | 2.5 |
| 1921 | 119,036 | 805,228 | 14.8 | 1921 | 483 | 247,718 | 4.1 |
| 1922 | 53,524 | 309,556 | 17.3 | 1922 | 830 | 198,712 | 1.5 |
| 1923 | 49,719 | 522,919 | 9.5 | 1923 | 413 | 81,450 | .83 |
| 1924 | 49,989 | 706.896 | 7.1 | 1924 | 260 | 76,789 | .52 |
| 1925 | 10,292 | 294,314 | 3.5 | 1925 | 291 | 92,728 | 3.0 |
| 1926 | 10,267 | 304,488 | 3.4 | 1926 | 341 | 76,992 | 3.3 |
| 1927 | 11,483 | 335,175 | 3.4 | 1927 | 224 | 73,366 | 1.9 |
| 1928 | 11,639 | 307,255 | 3.8 | 1928 | 253 | 77,457 | 2.17 |
| 1929 | 12,479 | 279,678 | 4.4 | 1929 | 189 | 69,203 | 1.51 |
| 1930 | 11,526 | 241,700 | 4.8 | 1930 | 299 | 50,666 | 2.59 |
| 1931 | 5,692 | 97,139 | 5.9 | 1931 | 310 | 61,882 | 5.60 |
| 1932 | 2,755 | 35,576 | 7.74 | 1932 | 452 | 103,295 | 16,41 |
| 1933 | 5,402 | 23.068 | .. | 1933 | ... | ...... | .... |

## די אידישע באפעלקערונג אין וויכטיגע שטעדט פון דער וועלט

| נאָמען פון שטאָדט | יאָהר | אידישע באפעלקערונג | פראָצענט אידען אין באפעלקערונג |
|---|---|---|---|
| אלעקסאנדריא | 1920 | 29,207 | 6.5 |
| אלדזשיר | 1921 | 15,943 | 7.7 |
| אמסטערדאם | 1920 | 67,249 | 10.4 |
| אנטווערפען | 1921 | 22,000 | 6.5 |
| באגדאד | 1920 | 50,000 | 20.00 |
| בערלין | 1925 | 172,672 | 4.29 |
| ברוסעל | 1921 | 20,000 | 2.9 |
| בודאפעסט | 1920 | 217,545 | 23.5 |
| קאירא | 1920 | 24,885 | 3.1 |
| קייפטאון | 1926 | 11,079 | 9.3 |
| קאָפענהאגען | 1921 | 5,875 | 1.04 |
| קראקע | 1921 | 45,192 | 24.6 |
| טשערנאָוויץ | 1919 | 43,555 | 47.4 |
| חיפה | 1931 | 15,995 | 32. |
| איסטאנבול | 1927 | 46,698 | 6.75 |
| ירושלים | 1931 | 51,416 | 60.00 |
| יאָהאנעסבערג | 1926 | 25,826 | 15.13 |
| כארקאָוו | 1926 | 81,139 | 19.44 |
| קיעוו | 1926 | 140,256 | 27.31 |
| קאָוונא | 1926 | 25,044 | 40.00 |
| לוואָוו | 1921 | 76,854 | 35. |
| לענינגראד | 1926 | 84,503 | 5.24 |
| לאָדז | 1921 | 155,860 | 34.5 |
| מינסק | 1926 | 53,686 | 40.82 |
| מאָנטרעאָל | 1921 | 42,817 | 6.9 |
| מאָסקווע | 1926 | 131,747 | 6.14 |
| אָדעס | 1930 | 153,243 | 36.41 |
| פראג | 1921 | 35,463 | 3.6 |
| ראבאט | 1925 | 3,004 | 9.7 |
| רוים | 1925 | 11,000 | 1.33 |
| ריגא | 1922 | 39,400 | 11.68 |
| סאָפיא | 1926 | 20,895 | 11.89 |
| טאלין (רעוועל) | 1922 | 1,929 | .... |
| תל אביב | 1931 | 45,607 | 99.00 |
| טאָראָנטאָ | 1921 | 34,619 | 5.1 |
| טריפאָלי | 1918 | 12,951 | 20. |
| טוניס | 1931 | 25,399 | 12.55 |
| וויען | 1923 | 201,513 | 10.8 |
| ווארשע | 1921 | 309,651 | 33. |
| וויניפעג | 1921 | 14,449 | .... |

# סטאטיסטיק פון אידען
## אין אמעריקע

די אידישע באפעלקערונג אין די פארשידענע שטאאטען לויט דער לעצטער פאָלקס־צעהלונג:

| סטעיט | צאָהל אידען | סטעיט | צאָהל אידען |
|---|---|---|---|
| אלאבאמא | 12,891 | נעבראסקאָ | 14,209 |
| אריזאָנא | 1,455 | נעוואדא | 264 |
| ארקענסא (ארקענזעס) | 8,850 | ניו העמפשיר | 2,779 |
| קאליפאָרניא | 123,284 | ניו דזשוירזי | 225,306 |
| קאָלאָראדאָ | 20,321 | ניו מעקסיקאָ | 1,052 |
| קאָנעקטיקוט | 91,538 | ניו יאָרק | 1,903,890 |
| דעלאווער | 5,310 | נאָרטה קאראָלאינא | 8,252 |
| דיסטריקט אָף קאָלאָמביא | 16.000 | נאָרטה דאקאָטא | 2,749 |
| פלאָרידא | 13,402 | אָהאיאָ | 173,976 |
| דזשאָרדזשיא | 23,179 | אָקלאהאָמא | 7,823 |
| איידעהאָ | 1,141 | אָרעגאָן | 13,075 |
| אילינאָי (אילינאָיס) | 345,980 | פענסילווייניא | 404,979 |
| אינדיאנא | 27,244 | רהאָוד איילאנד | 25,003 |
| אייאָווא | 16,404 | סאוטה קאראָלאינא | 6,851 |
| קענזעס | 7,792 | סאוטה דאקאָטא | 1,584 |
| קענטאקי | 19,533 | טענעסי | 22,532 |
| לואיזיאנא | 16,432 | טעקסעס | 46,648 |
| מעין | 8,480 | יוטא | 2,857 |
| מערילענד | 70,871 | ווערמאָנט | 2,036 |
| מאסאטשוזעטס | 225,634 | ווירדזשיניא | 25,656 |
| מישיגען | 89,462 | וואשינגטאָן | 14,698 |
| מינעסאָטא | 43,197 | וועסט ווירדזשיניא | 7,471 |
| מיסיסיפי | 6,420 | וויסקאָנסין | 35,935 |
| מיזורי | 80,687 | וואיאָמינג | 1,319 |
| מאָנטאנא | 1,578 | | |

סך הכל אין די פאר. שט. 4,228,029
4 מיליאָן, 228 טויזענד און 29

### די אידישע באפעלקערונג אין די פאר. שטאאטען 1877־1927

| יאָהר | אלגעמיינע באפעלקערונג | אידישע באפעלקערונג |
|---|---|---|
| 1877 | 43,661,968 | 229,087 |
| 1897 | 72,106,120 | 937,800 |
| 1907 | 88,787,058 | 1,776,885 |
| 1917 | 103,690,473 | 3,388,951 |
| 1927 | 118,146,645 | 4,228,029 |

# שטעדט אין די פאַראייניגטע שטאַאטען מיט א אידישער באַפעלקערונג פון טויזענט און מעהר איינוואוינער

## 1930

| נאָמען פון שטאָדט | אלגעמיינע באפעלקערונג | אידישע באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| עקראָן, אָהייאָ | 255,040 | 6,500 |
| אָלבאַני, ניו יאָרק | 127,412 | 8,500 |
| עלענטאון, פּא. | 92,052 | 1,960 |
| אלטונא, פּא. | 81,503 | 1,600 |
| עזבורי פּארק, ניו דזשוירזי | 14,981 | 1,500 |
| אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא | 353,722 | 12,000 |
| אַטלאַנטיק סיטי, ניו דזשוירזי | 65,748 | 12,160 |
| באַלטימאָר, מערילענד | 804,874 | 68,000 |
| בענגאָר, מיין | 28,701 | 1,500 |
| בעיאָן, ניו דזשוירזי | 85,822 | 12,150 |
| ביומאָנט, טעקסעס | 57,483 | 1,150 |
| בעטלעהעם, פּא. | 58,257 | 1,500 |
| בעווערלי, מאס. | 24,985 | 1,000 |
| בינגהעמטאָן, ניו יאָרק | 76,601 | 2,000 |
| בוירמינגהעם, אַלאַבאַמאַ | 257,657 | 4,200 |
| בלומפילד, ניו דזשוירזי | 37,245 | 1,400 |
| באָסטאָן, מאס. | 781,188 | 90,000 |
| ברעדאָק, פּא. | 19,301 | 2,000 |
| ברידזשפּאָרט, קאָנ. | 147,206 | 12,000 |
| בראָקטאָן, מאס. | 63,695 | 4,000 |
| ברוקליין, מאס. | 47,437 | 10,000 |
| באָפאלאָ, ניו יאָרק | 572,217 | 20,000 |
| קעמברידזש, מאס. | 113,650 | 5,200 |
| קעמדען, ניו דזשוירזי | 117,172 | 7,235 |
| קענטאָן, אָהייאָ | 105,524 | 3,200 |
| טשארלסטאָן, סאוט קאראליינא | 26,123 | 2,500 |
| טשארלסטאָן, וועסט ווירדזשיניא | 60,411 | 1,250 |
| שאטאנוגא, טענעסי | 119,539 | 2,500 |
| טשעלסי, מאס. | 44,827 | 20,000 |
| טשעסטער, פּא. | 58,350 | 1,800 |
| שיקאגא, איל. | 3,376,438 | 302,164 |
| סינסינעטי, אָהייאָ | 449,331 | 23,500 |
| קליוולאנד, אָהייאָ | 901,482 | 85,000 |
| קליוולאנד הייטס, אָהייאָ | 50,123 | 8,000 |

| נאָמען פון שטאָדט | אלגעמיינע באפעלקערונג | אידישע באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| קאָלאָמבוס, אָהייאָ | 289,056 | 8,500 |
| דאלאס, טעקסעס | 260,397 | 8,000 |
| דייטאָן, אָהייאָ | 200,225 | 5,000 |
| דענווער, קאָלאָראדא | 287,644 | 17,000 |
| דעמאָינס, אייאָווא | 142,469 | 4,500 |
| דעטראָיט, מישיגען | 1,568,662 | 71,268 |
| דולוט, מינעסאטא | 101,231 | 3,000 |
| איסט אראנדזש, ניו דזשוירזי | 67,344 | 2,000 |
| איסטאָן, פא. | 34,382 | 1,500 |
| איסט סט. לואיס, איל. | 74,024 | 2,750 |
| עליזאבעט, ניו דזשוירזי | 114,551 | 9,500 |
| עלמירא, ניו יאָרק | 47,381 | 1,600 |
| על פאזא, טעקסעס | 101,975 | 1,400 |
| אירי, פא. | 115,875 | 1,600 |
| עוואנסוויל, אינדיאנא | 103,151 | 1,500 |
| עווערעט, מאס. | 40,120 | 2,350 |
| פאָל ריווער, מאס. | 114,348 | 5,500 |
| פאָלסבורג טאון, ניו יאָרק | 4,716 | 1,060 |
| פלינט, מישיגען | 156,422 | 1,000 |
| פאָרט וויין, אינדיאנא | 115,121 | 1,800 |
| פאָרט וואָירט, טעקסעס | 160,892 | 2,100 |
| גאלוועסטאָן, טעקסעס | 51,939 | 1,100 |
| גלאָווערסוויל, ניו יאָרק | 22,842 | 1,250 |
| גערי, אינדיאנא | 100,426 | 2,500 |
| גרענד רעפידס, מישיגען | 168,234 | 1,780 |
| העמאָנד, אינדיאנא | 64,560 | 1,250 |
| העריסבורג, פא. | 80,284 | 4,000 |
| הארטפאָרד, קאָנ. | 161,224 | 27,000 |
| הייווערהיל, מאס. | 48,687 | 3,385 |
| הייזעלטאָן, פא. | 39,078 | 1.000 |
| היילענד פארק, מיש. | 52,817 | 1,765 |
| האָבאָקען, ניו דזשוירזי | 56,253 | 2,780 |
| האָליאָק, מאס. | 56,555 | 1,325 |
| האָמסטעד, פא. | 20,141 | 760 |
| היוסטאָן, טעקסעס | 289,438 | 15,000 |
| האָנטינגטאָן, וו. ווירדזשיניא | 75,575 | 1,200 |
| אינדיאנאפאָלים, אינדיאנא | 362,257 | 10,000 |
| אווירווינגטאָן, ניו דזשוירזי | 56,110 | 2,000 |
| דזשעקסאָנוויל, פלאָרידא | 129,682 | 3,700 |
| דזשוירזי סיטי, ניו דזשוירזי | 316,914 | 20,000 |
| דזשאנסטאון, פא. | 66,886 | 1,000 |
| קענזעס סיטי, קענזעס | 122,327 | 2,500 |
| קענזעס סיטי, מיזורי | 399,746 | 22,000 |
| קינגסטאָן, ניו יאָרק | 28,186 | 1,750 |

| נאָמען פון שטאָדט | אלגעמיינע באפעלקערונג | אידישע באפעלקערונג |
|---|---|---|
| לאַנקעסטער, פא. | 60,596 | 1,750 |
| לאָרענס, מאס. | 84,949 | 3,775 |
| לינקאָלן, נעבראסקא | 75,919 | 1,050 |
| לינדען, ניו דזשוירזי | 21,111 | 1,800 |
| ליטל ראק, ארקענזעס | 81,624 | 1,200 |
| לאָנג ביטש, קאליפאָרניא | 141,390 | 1,750 |
| לאָנג ברענטש, ניו דזשוירזי | 18,399 | 3,000 |
| לאָס אנדזשעלעס, קאל. | 1,238,048 | 65,000 |
| לואיסוויל, קענטאָקי | 307,808 | 10,000 |
| לאָוועל, מאס. | 100,050 | 2,700 |
| לינברוק, ניו יאָרק | 11,971 | 1,000 |
| לין, מאס. | 102,327 | 9,000 |
| מעקיזפאָרט, פא. | 54,443 | 5,000 |
| מעדיסאָן, וויסקאנסין | 57,815 | 1,000 |
| מאָלדען, מאס. | 58,483 | 12,000 |
| מעמפיס, טענעסי | 252,049 | 8,100 |
| מערידען, קאָנ. | 38,452 | 1,750 |
| מיאמי, פלאָרידא | 110,025 | 2,000 |
| מילוואָקי, וויסקאנסין | 578,249 | 25,000 |
| מינעאפאָליס, מינעסאָטאָ | 462,611 | 22,000 |
| מאָנטגאָמערי, אלאבאמא | 65,801 | 1,250 |
| מאָנטיסעלאָ, ניו יאָרק | 3,447 | 1,200 |
| מאונט ווערנאָן, ניו יאָרק | 60,869 | 10,000 |
| נעשוויל, טענעסי | 153,866 | 3,000 |
| ניו בעדפאָרד, מאס. | 112,804 | 3,970 |
| ניו בריטיין, קאָנ. | 67,843 | 2,100 |
| ניו בראנזוויק, ניו דזשוירזי | 34,273 | 6,500 |
| ניו הייווען, קאָנ. | 162,650 | 25,000 |
| ניו לאָנדאָן, קאָנ. | 27,827 | 2,000 |
| ניו אָרליענס, לואיזיאנא | 455,792 | 9,000 |
| ניו ראָשעל, ניו יאָרק | 54,055 | 5,500 |
| ניו יאָרק, ניו יאָרק | 6,930,446 | 1,765,000 |
| נוארק, ניו דזשוירזי | 439,506 | 65,000 |
| ניובורג, ניו יאָרק | 31,240 | 2,500 |
| ניופאָרט ניוס, ווירדזשיניא | 34,285 | 1,750 |
| ניטאָן, מאס. | 46,054 | 1,300 |
| ניאגרא פאָלס, ניו יאָרק | 75,306 | 1,000 |
| נאָרפאָלק, ווירדזשיניא | 127,808 | 6,500 |
| נאָרוואָלק, קאָנ. | 35,961 | 2,000 |
| נאָרוויטש, קאָנ. | 23,021 | 1,100 |
| אָאק פארק ווילעדזש, איל. | 63,819 | 1,600 |
| אָאקלאנד, קאליפאָרניא | 284,213 | 6,000 |
| אָקלאהאָמא סיטי, אָקלא. | 182,845 | 1,500 |
| אָמאהאָ, נעבראסקא | 214,175 | 11,000 |

| נאָמען פון שטאָדט | אלגעמיינע באפעלקערונג | אידישע באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| אָראנדזש, ניו דזשוירזי | 34,958 | 1,000 |
| פּאסאדינא, קאליפאָרניא | 75,875 | 1,400 |
| פּאסייק, ניו דזשוירזי | 63,108 | 9,000 |
| פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי | 138,267 | 22,300 |
| פּיבאָדי, מאס. | 21,244 | 1,400 |
| פּיקסקיל, ניו יאָרק | 17,125 | 1,000 |
| פּעאָריא, איל. | 104,788 | 1,400 |
| פּוירט עמבאָי, ניו דזשוירזי | 43,953 | 5,500 |
| פילאדעלפיא, פּא. | 1,950,961 | 247,000 |
| פּיטסבורג, פּא. | 669,817 | 45,000 |
| פּיטספילד, מאס. | 49,578 | 2,100 |
| פּליינפילד, ניו דזשוירזי | 34,405 | 2,100 |
| פּאָרטלאנד, מיין | 70,452 | 3,500 |
| פּאָרטלאנד, אָרעגאָן | 301,816 | 7,000 |
| פּאָרטסמוטה, ווירדזשיניא | 45,353 | 2,180 |
| פּאָקיפּסי, ניו יאָרק | 40,123 | 1,850 |
| פּראָווידענס, ראָוד איילענד | 251,029 | 21,000 |
| קווינסי, מאס. | 71,965 | 1,650 |
| רעדינג, פּא. | 110,289 | 2,500 |
| רעוויר, מאס. | 35,680 | 8,000 |
| ריטשמאָנד, ווירדזשיניא | 182,883 | 6,500 |
| ראָטשעסטער, ניו יאָרק | 325,019 | 33,000 |
| ראָק איילאנד, איל. | 39,245 | 1,100 |
| סאקראמענטא, קאליפאָרניא | 93,685 | 1,100 |
| סט. דזשאָזעף, מיזורי | 79,226 | 2,500 |
| סט. לואיס, מיזורי | 821,960 | 50,000 |
| סט. פּאָול, מינעסאטא | 270,388 | 14,000 |
| סיילעם, מאס. | 43,287 | 2,400 |
| סאָלט לייק סיטי, יוטא | 140,058 | 2,000 |
| סאן אנטאָניא, טעקסעס | 231,452 | 6,000 |
| סאן דיעגא, קאליפאָרניא | 147,897 | 2,500 |
| סאן פראנציסקא, קאליפאָרניא | 634,349 | 38,000 |
| סאוואנא, דזשאָרדזשיא | 87,714 | 3,800 |
| סקענעקטעדי, ניו יאָרק | 95,692 | 3,800 |
| סקרענטאָן, פּא. | 143,248 | 9,000 |
| סיאטל וואשינגטאָן | 363,134 | 12,000 |
| שריוופּאָרט, לואיזיאנא | 76,659 | 2,200 |
| סיו סיטי, אייאָווא | 79,031 | 3,150 |
| סאָמערוויל, מאס. | 103,604 | 2,500 |
| סאוט בענד, אינדיאנא | 103,694 | 2,500 |
| סאוט ארענדזש, ניו דזשוירזי | 13,729 | 1,000 |
| ספּאָקיין, וואש. | 115,514 | 1,500 |
| ספּרינגפילד, מאס. | 149,861 | 12,100 |
| סטעמפּאָרד, קאָנ. | 46,346 | 5,600 |

| נאָמען פון שטאָדט | אלגעמיינע באַפעלקערונג | אידישע באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| סטאקטאָן, קאַליפאָרניא ............... | 47,690 | 1,150 |
| סופּיריאָר, וויס. ............... | 36,087 | 1,050 |
| סיראקיוז, ניו יאָרק ............... | 207,007 | 12,000 |
| טאַקאָמא, וואש. ............... | 106,837 | 1,000 |
| טערע האָוט, אינדיאַנא ............... | 62,543 | 1,000 |
| טאָלידאָ, אָהייאָ ............... | 290,787 | 12,000 |
| טרענטאָן, ניו דזשוירזי ............... | 122,610 | 11,000 |
| טראָי, ניו יאָרק ............... | 27,330 | 2,000 |
| טולסא, אָקלאהאָמא ............... | 141,281 | 1,500 |
| יוניאָן, ניו דזשוירזי ............... | 58,659 | 4,000 |
| יוניאָנטאון, פּא. ............... | 19,368 | 1,100 |
| יוטיקא, ניו יאָרק ............... | 102,633 | 5,600 |
| וואקאָ, טעקסאס ............... | 52,825 | 1,500 |
| וואשינגטאָן, ד. ק. ............... | 485,716 | 16,000 |
| וואָטערבורי, קאָנ. ............... | 99,902 | 5,300 |
| וואסקיגען, איל. ............... | 33,434 | 1,000 |
| וועסט ניו יאָרק, ניו דזשוירזי......... | 36,941 | 2,410 |
| ווהייט פּליינס, ניו יאָרק............. | 35,604 | 1,700 |
| ווילקעסבאר, פּא. ............... | 86,507 | 5,500 |
| ווילמינגטאָן, דעל. ............... | 104,941 | 3,936 |
| ווינטראָפּ, מאס. ............... | 16,968 | 2,450 |
| וואודביין, ניו דזשוירזי............. | 2,164 | 1,100 |
| וואוסטער, מאס. ............... | 196,395 | 13,000 |
| יאָנקערס, ניו יאָרק............... | 135,123 | 8,000 |
| יאָנגסטאון, אָהייאָ ............... | 170,004 | 8,500 |
| פּאָרטלאנד, אָרעגאָן ............... | 301,815 | 7,000 |

# אידען אין הויכע עמטער אין די פאראייניגטע שטאַאטען

**איזיק באַגראַך**, אטלאַנטיק סיטי, נ. דזש. ווידערערוועהלט צום קאָנגרעס נאוו. 6, 1934.

**בערנאַרד מ. באַרוך**, ניו יאָרק, אונאָפיציעלער ראַטגעבער אין דעם פּרעזידענטס אדמיניס־טראַציע יוני, 19, 1933.

**סאל בלום**, ניו יאָרק, ווידערערוועהלט צום קאָנגרעס נאוו. 6, 1934.

**עמנועל סעלער**, ניו יאָרק, ווידערערוועהלט צום קאָנגרעס נאוו. 6, 1934.

**סעמועל דיקשטיין**, ניו יאָרק, ווידערערוועהלט צום קאָנגרעס נאוו. 6, 1934.

**הענרי עלענבויגען**, פּיטסבורג, ערוועהלט צום קאָנגרעס נאוו. 6, 1934.

**מאיר סי. עלענשטיין**, נואַרק, נ. דזש., ערוועהלט מעיאָר מאַי 17, 1933.

**באָרים פינגערהוד**, ברוקלין, ניו יאָרק, ערוועהלט אלס פּרעזידענט פון דעם האָספּיטאַל אסאָסיאיישאן פון ניו יאָרק סטייט 1932.

**פעליקס פראנקפורטער**, קעמברידזש, מאס. אפּאָינטעד „עקסטשענדזש" פּראָפעסאָר אין אקספאָרד אוניווערזיטעט, אין ענגלאַנד, נאוו. 16, 1932.

**סידני הילמאַן**, ניו יאָרק, אפּאָינטעד פון סעקרעטערי אף לייבאָר אלס בעראַטונגס־מיטגליד פון דעם נעשאָנאַל ריקאָווערי אדמיניסטריישאן יוני 19, 1933.

**מרס. פלאָרענס קאהן**, סאן פראנציסקא, ווידערערוועהלט צום קאָנגרעס נאוו. 6, 1934.

**לואיס א. קירשטיין**, באָסטאָן, מאס. אפּאָיאָנטעד אלס בעראַטונגס־מיטגליד פון דעם נעשאָ־נעל ריקאָווערי אדמיניסטריישאן, יוני 19, 1932.

**הערבערט ה. לעהמאַן**, ניו יאָרק, ווידערערוועהלט גאָווערנאָר פון ניו יאָרק, נאוו. 6, 1934.

**טהעאָדאָר א. פּייזער**, ניו יאָרק, ערוועהלט צום קאָנגרעס, נאוו. 6, 1934.

**אדאָלף דזש. סאבאטה**, ווידערערוועהלט צום קאָנגרעס, נאוו. 6, 1934.

**בערנאַרד זאַקס**, ניו יאָרק, ערוועהלט פּרעזידענט פון דער ניו יאָרק אקאדעמי אף מעדיצין, יאנואר 4, 1933.

**ראָוז שניידערמאַן**, ניו יאָרק, אפּאָינטעד בעראַטונגס־מיטגליד פון דעם נעשאָנעל ריקאָווערי אדמיניסטריישאן, יוני 19, 1933.

**ארטהור זעליגמאַן**, סאנטא פע, נ. מ. ווידערערוועהלט גאָווערנאָר פון ניו מעקסיקא.

**וויליאם דזש. סיראָוויטש**, ניו יאָרק, ווידערערוועהלט צום קאָנגרעס, נאוו. 6, 1934.

**לאָרענס א. סטיינהאַרט**, ניו יאָרק, אפּאָינטעד פון פּרעזידענט אלס געזאנדטער אין שוועדען.

**לעא וואָלמאַן**, ניו יאָרק, אפּאָינטעד פון סעקרעטער אף לייבאָר אלס טשערמאַן פון בערא־טונגס־באָארד פון דער נעשאָנעל ריקאָווערי אדמיניסטריישאן, יוני 19, 1933.

**דזש. שטראוס**, אפּאָינטעד פון פּרעזידענט רוזוועלט אלס אמעריקאנער אמבאסאדאָר אין פראנקרייך.

**מאָרגענטוי דזשוניאָר**, אפּוינטעד געוואָרען פון פּרעזידענט רוזוועלט צו זיין „דער סעק־רעטערי אף טרעזשורי", נאָכדעם ווי דער פריהערדיגער סעקרעטערי אף טרעזשורי האָט רעזיגנירט. איצט איז וואודין געשטאָרבען, נאר מאָרגענטוי איז געוואָרען סקרעטער אוו טרעזשורי ווען וואודין האָט נאָך געלעבט.

**בערנאַרד דויטש**, ערוועהלט געוואָרען טשערמאַן פון באָארד אף אַלדערמען פון ניו־יאָרק, אין נאָוועמבער, 1933.

**ב. טשארני וולאַדעק**, אפּוינטעד פון מעיאָר לאַגוואַרדיע אלס הויז־קאָמישיאָנער אין דעם פּלאַן צו פאַרבעסערען טענעמענט הייזער פון דער שטאָדט ניו־יאָרק.

## אנדערע אויסצייכענונגען פון אמעריקאנער אידען

**ליליען קאָפּלאַנד**, לאָס אנדזשעלעס, האָט געוואונען די פּרייזען וועלט־טשעמפּיאָנשיפּ פון דיסקוס ווארפען אין די אָלימפּיק גיימס, אויגוסט 4, 1932.

**לואיס גרינבערג**, ניו יאָרק, באקומט דעם דייוויד בריגהעם מעמאָריעל מעדאל פאר דער אפּערא „עמפּעראָר דזשאָנוס", יאנואר 15, 1933.

**דייוויד ראָסס**, ניו יאָרק, באקומט גאָלד מעדאל פון אמעריקאן אקאדעמי אף ארטס ענד לעטערס פאר אויסגעצייכענטע דיקציע איבער דעם ראדיא אין 1923.

## אויסצייכענונגען פון אידען אין אנדערע לענדער

**סאול אדלער**, ירושלים, באקומט דעם טשאלמער גאָלד מעדאל פאר נאָכפאָרשען קראנקהייטען אין טראָפּישע געגענדען, יאנואר 15, 1933.

**שלום אַש**, ווארשע, ערוועהלט אלס בעאמטער אין דעם אָרדער „פּאָלאָניא רעסטיטוטא" פון דער פּוילישער רעגירונג.

**לעאָן בלום**, פּאריז, ווידערערוועהלט פיהרער פון דער סאָציאליסטישער פּארטיי אין פראנק־רייך, יוני, 1933.

אלבערט איינשטיין, בערלין, אפּאָינטעד לעבענס־לאַנג מיטגליד אויף דעם סטעף פון דעם אינסטיטוט פאר העכערן שטודיום אין די פאראייניגטע שטאַאטען, אין פּרינסטאָן, אויגוסט 25, 1932; אפּאָינטעד פון דער שפּאַנישער רעגירונג ריסוירטש פּראָפעסאר פון וויסענשאפט אין מאדריד, אפּריל 10, 1933; אפּאָינטעד לעקטשורער פון פיזיק און מאַטעמאַטיק אין דעם קאַלעדזש דע פראנס, פאריז, אפּריל 1933; עהרען פּראָפעסאר, עקסטראָארדינער אין דעם ברוסעלס אוניווערזיטעט, בעל־יען יוני 21, 1933; עהרן דעגרי פון דאקטאר דער יוריספרודענץ אין דעם גלאַסגאוו אוניווערזיטעט, סקאַטלאַנד, יולי, 1932.

גווידא דזשאַנג, רוים, אפּאָינטעד פינאַנץ מיניסטער אין איטאַליען, 1932.

לאַסקער—שילער, עלסע, דייטשלאַנד, באַקומט דעם קליסט פּרייז פאר ליטעראַטור. די העכסטע ליטעראַרישע אויסצייכענונג אין דייטשלאַנד, אין 1932. איצט וואָהנט זי אין גלות. זי איז פון דייטשלאַנד פאַרטריבען.

סער דעניעל ליווי, סידני, אפּאָינטעד פּאָרזיצער פון פּאַרלאַמענט אין אויסטראַליע אין יולי, 1932.

י. מ. מייסקי, אפּוינטעד אַמבאַסאַדאָר צו ענגלאַנד פון סאָוועט־רוסלאַנד, אָקטאָבער, 1932.

עדווין סעמועל, ירושלים, אפּוינטעד דיסטריקט קאָמישיאָנער פאר נצרת (נאַזערעט). פעברואר, 1933.

קאַמילא שילער, וויען, אפּאָינטעד פאַרטרעטער פון עסטרייך אין דער ליגע אָף ניישאַנס.

## קאָמיטעט צו פייערן דעם 800 יאָהריגען געבורטסטאָג פון רמב"ם

### געגרינדעט אין קאירא, עגיפּטען, אין יאָהר 1934

דער רמב"ם, רבנו משה בן מימון, איינער פון די גרעסטע אידישע פילאָזאָפען, געלעהרטע און אידישע פיהרער, איז געבאָרען געוואָרען דעם 19טען ניסן, ד' תתצ"ה לפ"ג, אין יאָהר 1135. היינטיגען 17טען אפּריל 1935 י"ד ניסן תרצ"ה ווערט 8 הונדערט יאָהר זינט ער איז געבאָרען געוואָרען. געשטאָרבען איז ער אין קאירא אין יאָהר 1204.

א קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט כדי אויף א געהעריגען אופן צו פייערן דעם 8 הונדערט יעהריגען געבורטסטאָג. אין קאָמיטעט געהן אריין יוסף קאטוי פּאשא, פּאָרזיצער פון דער אידישער געמיינדע אין קאירא. דאָקטאָר י. וואָלפסאָן, עקספּערט איבער אידישער געשיכטע אין יענער תקופה; דאָקטאָר מעיראָף, עקספּערט וועגען מעדיצין אין תקופה פון רמבם, און נאָך פילע געלערענטע און כלל טהוער פון עגיפּטען.

דער קאָמיטעט האָט בדעה:

1) אָפּצוהאַלטען גרויסע פאָלקס פאַרזאַמלונגען צו באַקענען דעם ברייטען עולם מיט דער טהעטיגקייט פון רמב"ם.

2) אָפּצוהאַלטען א רעליגיעזע פאַרזאַמלונג אין קאירא מיט דער באטהייליגונג פון געסט פון פילע לענדער.

3) ארויסגעבען א רמבם בוך אין אראַביש.

4) אָפּדרוקען דעם רמב"ם'ס מעדיצינישען בוך, וואָס איז געבליבען אין אראַבישען מאַנוסקריפּט.

5) ארויסגעבען א זאַמעל־בוך וועגען רמבם.

דער אדרעס פון דעם קאָמיטעט:

Society for Historical Studies
Zaki St. 12, Cairo, Egypt

# אידען אין ארץ ישראל

## די אידישע קאָלאָניזאציע אין פאלעסטינע

### אלגעמיינע היסטאָרישע און געאָגראפישע ידיעות וועגען לאנד, שטח און גרעניצען — היסטאָריש און געגענווערטיג

פאלעסטינע איז א לאנד אין מערב אזיען, וואָס געפינט זיך אונטערן ברי־טישען מאנדאט. דער שטח, וואָס דאָס לאנד פארנעמט לויט אָפיציעלע ציפערען, איז פיעל קלענער, ווי דער היסטאָרישער שטח, וואָס דאָס לאנד האָט פארנומען, ווען דאָס לאנד איז געווען אויך פאקטיש דאָס אידישע לאנד, „ארץ ישראל".

עס מוז דאָ דערמאָנט ווערען דער פאקט, אז די אמת'ע גרעניצען פון ארץ ישראל זיינען קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען אויך אין די אלטע צייטען.

אין די אלטע צייטען זיינען די גרעניצען פון ארץ ישראל באשטימט געוואָרען צוויי מאָהל. איין מאָהל, ווען די אידען זיינען אריין אין ארץ ישראל אונטער דער פיהרערשאפט פון יהושע, וואָס עס ווערט גערופען „גבול משה". און א צווייטען מאָהל זיינען די גרעניצען באשטימט געוואָרען, ווען די אידען האָבען זיך צוריקגעקערט פון גלות בבל. די צוריקגעקערטע אידען האָבען קיינמאָל ניט דערגרייכט די אמאָליגע גרעניצען. פונדעסטוועגען איז אויך דאָס ניט פארנומענע לאנד געווען באטראכט אלס „הייליגעס לאנד". עס דארף אויך דאָ באמערקט ווערען אז אידען האָבען גערופען זייער לאנד „ארץ הקדושה" און די אלטע העברעאישע שפראך „לשון קודש".

עס זיינען דאָ פילע דעבאטען אין תלמוד וועגען די לענדער וועלכע זיינען ניט פארנומען געוואָרען צוריק פון די וואָס האָבען זיך אומגעקערט פון בבל. עס וואָלט אונז ווייט אוועקגעפיהרט צו באטראכטען די אינטערעסאנטע דעבאטען וועגען „תרומות", „מעשריות" און דער עיקר די אינסטיטוציע פון שביעית (ניט צו זייען און ניט צו אקערען די פעלדער אין זיבעטען יאָהר, שביעית). אלע דעבאטען האָבען א פאָליטישען הינטערגרונד. עס זיינען געווען צווישען די תלמודיסטען פילע וואָס מיר קענען רופען מיטן מאָדערנעם נאָמען „אירידענטיס־טען", „יודעיא אירידענטיא", די ניט־אויסגעלייזטע יהודה איז געווען פאררעכענט פאר ארץ ישראל. „כל שקידשה יהושע לשעתו קידשה לעתיד לבוא". דאָס וואָס יהושע האָט ערקלעהרט פאר הייליג פאר זיין צייט, האָט ער אויך הייליג געמאכט פאר דער צוקונפט, איז א שטאַרקער סענטימענט אין תלמוד.

פיעלע ציוניסטען חלומען פון א גרויסער ארץ ישראל, אָבער די ענגלישע רעגירונג האָט וועגען דעם אנדערע געדאנקען. אמת, די ענגלענדער וועלכע שטו־דירען פלייסיג דעם תנ"ך, האָבען אויך באשטימט די גרעניצען פון ארץ ישראל, שטיצענדיג זיך אויך אויף א פסוק „מדן ועד באר שבע", אָבער זיי האָבען ניט אריינ־גענומען דעם עבר־הירדן אין די גרעניצען פון פאלעסטינע. לויט דעם מאנדאט, ווי ענגלענדער האָבען איהם אויסגעטייטשט, און וואָס ענגלאנד האָט באוויליגט פאר א אידישער נאציאָנאלער היים, שפרייט זיך אויס פאלעסטינע פון מערב־זייט אויף די ברעגעס פון דעם מיטעל־לענדישען ים, דער ים „הגדול", ווי אידען האָבען

אמאָל געראָפּען דעם ים. דער צפון־גרעניץ גייט דורך די שטעדט עכו און צור, צו די אנטי־לבנון בערג, אין א קרומער ליניע ביז דעם ירדן. דער גרעניץ פון דרום איז א מדבר וואָס אידען רופען „דער נגב". דער נגב ציהט זיך פון וואדי על עריש ביז דעם רויטען ים אדער סועץ קאנאל וואָס איז אן אומבאזעצט, ניט־קולטיווירט לאנד וואָס געהערט צו ענגלאנד. אין מזרח זייט איז דער ירדן דער גרעניץ.

דער שטח וואָס די איצטיגע פּאלעסטינע פּארנעמט איז אונגעפעהר 10,000 קוואדראטנע מייל. אום צו האָבען א באגריף וועגען דעם שטח איז גוט צו גע־דיינקען, אז פּאלעסטינע איז אונגעפער די זעלבע גרויס ווי ווערמאָנט סטייט, אָבער אין פּאלעסטינע זיינען דאָ צוויי מאָהל אזוי פיעל איינוואוינער ווי אין ווערמאָנט. מיט דעם שטח פון גרעסערע סטייטס קען מען פּאלעסטינע איבערהויפּט ניט פארגלייכען.

אין דער לענג ציט ציט זיך פּאלעסטינע אויף 150 מייל, און אין דער ברייט, ערטער־ווייז אין דרום 110, און ערטערווייז אין צפון בלויז א 35 מייל. דער דורכשניט ברייט איז אונגעפער 70 מייל.

היסטאָריש טהיילט זיך פּאלעסטינע אין 5 פּראָווינצען: יהודה, גליל, שומרון, גלעד און בשן. די לעצטע צוויי פּראָווינצען געפינען זיך אויפן צווייטען ברעג פון ירדן און זיינען ניט צוגענגליך פאר אידישער קאָלאָניזאציע.

יהודה ליגט אין דרום זייט, דער גליל אין צפון זייט; אין מיטעל פון גליל און יהודה ליגט שומרון. די שטעדט פון יהודה זיינען: ירושלים, תל־אביב, יפו, חברון, עזה, באר שבע, און לוד. חיפה איז די שעהנסטע שטאָדט פון שומרון. די שטעדט פון גליל זיינען צפת, טבריה, און די נייע שטאָדט וואָס האלט זיך אין בויען, מיט'ן נאָמען עפולה.

יהודה איז דער געגענד פון בערג און טיפע טהאָלען, און פון שטרעקעס זאמד, מדבריות און בארימטע בערג. אין מזרח זייט יהודה געפינט זיך דער ים המלח, אָדער דער טויטער ים, לויט דער לעגענדע דער פּלאַץ וואו עס זיינען איינגעזונקען געוואָרען די שטעדט סדום און עמורה. איצט איז יהודה א לאנד פון פארשידענע אינדוסטריעס און פון פּלאנטאציעס.

אין יהודה געפינען זיך וויינגערטנער „כרמים", ארענדזש גאָרטענס, „פּרדסים", פּלאנטאציעס פון אָליוועןן, מאנדלען און טאבאק. אין דער ענטוויקלונג פון פּלאַנ־טאציעס און אינדוסטריעס, האָבען אידען דאָ דעם גרעסטען חלק. מיט עטליכע צעהנדליק יאָהר צוריק איז דאָס לאנד פון יהודה געווען פארלאָזען און חרוב; איצט איז דאָ אין יהודה לעבען. אויך פון דעם טויטען ים, „ים המלח", זוכען אידען ארויסצונעמען פארשידענע ווערטהפולע מינעראלען.

דער שרון איז דער טהאָל צווישען יפו און דעם כרמל. דאָרטען געפינען זיך פילע רייכע אידישע קאָלאָניעס, און נייע קאָלאָניעס האלטען זיך אין בויען.

שומרון (סאמאריא), דאָס אמאָליגע לאנד פון די עשרת השבטים, איז א בארגיק לאנד. דאָרטען געפינען זיך די בערג פון אפרים און די בערג פון מנשה. דער בארג גריזים און דער בארג עבל. די היסטאָרישע שטאָדט פון שומרון איז שכם, די שטאָדט אין וועלכער עס איז פּאָרגעקומען א מיספארשטענדניש מיט אונזער מומע דינה, די טאָכטער פון יעקב. די שטאָדט הייסט איצט נאבלוס. אין דער שטאָדט שכם (נאבלוס) געפינען זיך די רעשטלעך פון די שומרונים, א אידישע סעקטע וואָס לעבט שוין דאָרטען פאר טויזענדער יאָהר.

גליל איז די אקערבוי פּראָווינץ פון לאנד. דאָ געפינט זיך דער בארימטער עמק יזרעאל, וואָס אידישע ארבייטער האָבען אויפגעבויט. אין גליל געפינט זיך

די שטאָדט נצרת וואו קריסטוס איז געבאָרען געוואָרען. די אָזעראָ כנרת, וואָס אידען רופען דער „ים כנרת", איז רייך אין פיש. כנרת ציהט זיך ווי א האַרפּע, כנור. דער גליל טהיילט זיך אין צוויי טהיילען, דער אויבערשטער גליל, און דער אונטערשטער גליל.

לויט דעם שלום אָפּמאַך מיט ענגלאנד און טערקיי האָט ענגלאנד באקומען דעם מאַנדאט איבער פּאַלעסטינע און דעם עבר הירדן. די אויפזיכט איבער דעם מאַנדאט האָט דער פעלקער־בונד. ענגלאנד האָט זיך פארפּליכטעט אין פּאַלעסטינע איינצופיהרען אזא אדמיניסטראציע וואָס זאָל פון איין זייט מיטהעלפען דעם אויפבוי פון דער אידישער היים אין ארץ ישראל און פון דער צווייטער זייט אָפּהיטען די אינטערעסען פון די אראַבער און אַנדערע איינוואוינער. א שווערע אויפגאבע האָט אָבער ענגלאנד צופרידענצושטעלען אלע צדדים. אין עבר הירדן לאָזט ענגלאנד איבערהויפּט ניט צו קיין אידישע קאָלאָניזאציע.

## ארץ ישראל אין דער אידישער און אלגעמיינער געשיכטע

דאָס לאַנד, וואָס ווערט איצט אָנגערופען פּאַלעסטינע, האָט געהאַט פארשידענע נעמען. שוין די אלטע עגיפּטער האָבען דאָס לאַנד גערופען מיט פיר נעמען. הויפּט־זאכליך אבער איז דאָס לאַנד געווען באוואוסט מיט'ן נאָמען „מאַס אמוריריע", דאָס לאַנד פון אמורי, ווי דאָס לאַנד איז אויך געווען באוואוסט אין חומש. שפּעטער האָט מען דאָס לאַנד גערופען דאָס לאַנד פון כנען, ארץ כנען, אָבער אויך מיטן נאָמען „ארץ העבריים", דאָס לאַנד פון די עבריייער. העבריייער זיינען אבער גע־וועזען ניט נאָר אידען, נאָר אויך די עמונים, מואבים און אדומים.

מיטן נאָמען ארץ ישראל הויבען אָן די אידען צו רופען דאָס לאַנד נאָך די זיגרייכע מלחמות פון אידען מיט די אַרומיגע פעלקער. אין גריכיש און לאטייניש איז דאָס לאַנד באוואוסט מיט'ן נאָמען יודייא, „יהודה". פאַר לאַנגע יאָהרען האָבען סיי די גריכען און סיי די רוימער זיך באנוצט מייסטענס אין זייערע שריפטען מיטן נאָמען יודייא. נאָך דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא, וואָס איז גרוויזאם אונטער־דריקט געוואָרען אין דעם יאָהר 135, קריסטליכע צייטרעכענונג, האָבען די רוימער אומגעביטען דעם נאָמען יודייא אויפ'ן נאָמען פּאַלעסטינא.

נאָך דעם ווי דער קריסטענטום האָט זיך פארשפּרייט איז ארץ ישראל, דאָס וויגעלע פון קריסטענטום געוואָרען דאָס הייליגע לאַנד אויך פון קריסטען. אויך פאַר די מאכמעדאַנער איז פּאַלעסטינע געוואָרען הייליג. אין „איסלאַם", אין דער מאכמעדאַנישער רעליגיע, זיינען דאָ פילע עלעמענטען אי פון אידענטום, אי פון קריסטענטום. פאַר אלע די אַזוי־גערופענע מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, איז פּאַלעס־טינע א הייליג לאַנד. דאָך מיט אונגעהויערער עקשנות האָבען אידען פאַר טויזענדע יאָהרען ניט אויפגעהערט צו רופען פּאַלעסטינע אידען־לאַנד, „ארץ ישראל".

ארץ ישראל איז געווען פאַר לאַנגע יאָהרען א מלחמה־פּלאַץ פאַר מעכטיגע פעלקער. מעגליך אַז צוליב דער געאָגראַפישער לאַגע פון ארץ ישראל—ארץ ישראל איז דער בריק צווישען דריי קאָנטינענטען, צווישען אפריקע, איירָאָפּע און אזיע—האָט ארץ ישראל געשפּילט אזא וויכטיגע היסטאָרישע ראָלע. פאַר די קינדער פון מדבר, די דורשטיגע און הונגעריגע איינוואוינער פון וויסטעניישען, איז ארץ ישראל געווען א „לאַנד פון מילך און האָניג". ארץ ישראל איז אויך געווען א קאַמפּס־פּלאַץ פון פארשידענע ציוויליזאציעס. ווי די מעשה זאָל ניט זיין, עס איז אָבער א פאַקט אַז ארץ ישראל פאַרנעמט א וויכטיגען פּלאַץ אין דער מענשליכער געשיכטע.

אין די אויסגראָבונגען וואָס מ'מאַכט אין ארץ ישראל געפינט מען סקעלעטען פון פרימיטיווע מענשען, ביינער פון „ניאַנדער־מענש". איידער אידען האָבען אריינגעדרונגען אין ארץ ישראל איז דאָס לאַנד געווען באַוואוינט פון שטאַרקע פעלקער וועלכע אידען האָבען געדופען ריזען. ארץ ישראל איז געווען באַזיגט פון מצרים, פון בבל, פערסיען, אשור.

קריסטען און מאַכמעדאַנער האָבען זיך פאַר ארץ ישראל געשלאָגען. אלעק־סאַנדער דער גרויסער, אלעקסאַנדער מוקדון, האָט שוין אין דעם גרויען אלטערטהום געוואָלט מאַכען ארץ ישראל פאַר א העלענישע (גריכישע) פראָווינץ. רוים האָט געפיהרט א שווערען קאַמף פאַר דעם לאַנד. די טערקען האָבען איבער ארץ ישראל געוועלטיגט. נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע האָט געוואָלט ארץ ישראל באַזיגען. דער קייזער ווילהעלם פון דייטשלאַנד האָט געוואָלט ארץ ישראל אלס סטאַנציע אין זיין „דראַנג נאָך אָסטען". ענדליך איז אָבער ארץ ישראל באַזיגט געוואָרען פון ענגלאַנד. ענגלאַנד האָט ארץ ישראל צוגענומען מיט דעם אויסרייד צו מאַכען דאָס לאַנד פאַר א אידישער היים.

אידען האָבען זיך אָנגעהויבען איינצוואָרצלען אין ארץ ישראל ארום 1250 יאָהר פאַר דער קריסטליכער צייטרעכענונג. וועגען די מלחמות, שפּאַלטונגען און נצחונות פון אידישען פאָלק, דערצעהלט אונז פיעל דער תנ"ך. 722 יאָהר פאַר קריסטוסען איז שומרון חרוב געוואָרען. 586 פאַר קריסטוסען איז חרוב געוואָרען ירושלים און דער ערשטער בית המקדש, בבל האָט באַזיגט די אידען. אין דעם יאָהר 538 פ. ק. האָט אבער כורש, דער קעניג פון פערסיען באַזיגט בבל און אידען הויבען אָן ביסלעכווייז צו קומען צוריק קיין ארץ ישראל.

אין דעם יאָהר 520, פאַר קריסטוס, בויען אידען דעם צווייטען בית המקדש, דעם בית שני. פאַר דער צייט פון בית שני, זיינען אָבער אידען ניט געווען אין גאַנצען זעלבסטשטענדיג. דאָ זיינען זיי געווען אונטער פערסיען און דאָ אונטער גריכען. זיי האָבען אָבער געהאַט אויטאָנאָמיע.

נאָך דעם ווי אלעקסאַנדער דער גרויסער, אלעקסאַנדער מוקדון, איז געשטאָר־בען, איז די גריכישע מלוכה פאַנאַנדערגעפאַלען און די קליינע פאַלעסטינע איז אונטערגעפאַלען אונטער דעם יאָך פון אנטיוכעס עפּיפאַנוס. ער האָט געוואָלט אין גאַנצען די אידישע אויטאָנאָמיע מבטל זיין און אויך צושטערען דעם בית המקדש. עס ברעכט אויס די זיגרייכע רעוואָלוציע פון די מאַקאַבייער אין דעם יאָהר 167 און אידען ווערען פאַר א קורצער צייט זעלבסטשטענדיג.

לאַנג אָבער האָט די אידישע זעלבסטשטענדיגקייט ניט אָנגעהאַלטען. עס דרינגען אריין אין פאַלעסטינע די רוימער. ניט אונטער די רוימער אליין האָבען די אידען געליטען, די אידען האָבען געליטען אויך פון זייער אייגענעם קעניג הורדוס, וועלכער האָט געשטאַמט פון די אדומים. אין דער צייט פון די אידישע צרות האָט זיך ביי אידען ענטוויקעלט א האָפנונג, אז זייער ערלייזער, א משיח, דאַרף קומען. אין יאָהר 26־30 לויט דער נייער צייטרעכענונג, האָט זיך באַוויזען איינער יהושע פון נצרת, און האָט געזאָגט אז ער איז דער אידישער משיח. אידען האָבען איהם ניט אנערקענט, אָבער פאַר פילע פעלקער ווערט דער אונאנערקענטער משיח א וועלטליכער משיח, א קריסטוס. עס ענטוויקעלט זיך א נייע רעליגיע וואָס שטאַמט פון אידענטום אָבער וואָס האָט אָנגעטאָן אידען אונגעהויערע צרות. אין יאָהר 70 לויט דער נייער צייטרעכענונג ווערט דער צווייטער בית המקדש ווידער חרוב און די הויפּטשטאָדט פון די אידען, ירושלים, פאַרניכטעט.

מיט דעם חורבן פון בית המקדש אין דעם יאָהר 70, לויט קריסטליכער צייט־רעכענונג, איז נאָך פאַלעסטינע פאַר לאַנגע יאָהרען געבליבען באַוואוינט פון אידען. דער תנא, רב יוחנן בן זכאי, האָט אויסגעווירקט ביים רוימישען קייסער וואַספּאַסיאַן

די תלמודישע אקאדעמיע יבנה. אפילו נאָך דעם אויפשטאנד פון בר כוכבא בלייבט פּאַלעסטינע נאָך פאר א לאַנגע צייט דער צענטער פון אידען אויף דער גאנצער וועלט. דער אידישער צענטער האָט געהאט צו באשטימען די ימים טובים און האט פּראָקלאמירט די עיבור־יאָהרען (זעה ארטיקעל וועגען אידישע צייט־רעכענונגען). ארץ ישראל איז געבליבען דער אידישער צענטער פאר א לאַנגער צייט. די הויפּט טיילען פון דער תלמודישער ליטעראטור, די משנה, „תוספתא", „ספרא", „ספרי", „מכילתא" און „מדרשים", זיינען פארפאסט געוואָרען אין ארץ ישראל. אמת, אידען זיינען אין ארץ ישראל פאראָרימט געוואָרען און די העגע־מאָניע איז אריבער פון ארץ ישראל אין בבל, אָבער אפילו אין דער צייט פון דער באבילאָנישער העגעמאָניע איז נאָך די ישיבה אין ארץ ישראל געווען זעהר וויכטיג. דער תלמוד בבלי איז פארשפּרייט געוואָרען איבער אלע געגענדען וואו אידען געפינען זיך, אָבער אין אָרימקייט האָבען אידען אויך אין ארץ ישראל געשאפען דעם תלמוד „ירושלמי".

פילע אידישע אויפשטענדע אין ארץ ישראל זיינען פאָרגעקומען אויך נאָך בר כוכבא. די אויפשטענדע זיינען ברוטאל אונטערדריקט געוואָרען, צוערשט פון די רוימער און דערנאָך פון די אַנדערע, אָבער אידען זיינען דאָך געבליבען אין ארץ ישראל. ביסלעכווייז הויבען אָן די אראבער אריינצודרינגען אין ארץ ישראל. ביז וואנען די קרייץ־צוגען אָבער האָבען ניט אויסגעבראָכען האָבען די אידען זיך איינגעלעבט מיט די אראבער ווי־עס־איז און זיי האָבען פיעל געטאָן פאר דער אידישער קולטור. אונטער שווערע באדינגונגען האָבען אידען געשאַפען די מסורה, דעם טראָפּ און פּיוטים.

אין דעם יאָהר 1099 איז ירושלים באזיגט געוואָרען פון די קרייץ־ציגער. עס וואָלט פארנומען צו פיעל פּלאַץ צו ריידען וועגען די אורזאכען וואָס האָבען ארויסגערופען די קרייץ־ציגער. די אורזאכען זיינען געווען גראדע עקאָנאָמישע, אָבער די קרייץ־ציגער האָבען ארויסגעשטעלט די „הייליגע" פאָדערונג, אז זיי געהען באפרייען דעם קבר פון קריסטוס פון אונגלויביגע. אויפן וועג האָבען זיי געשאָכטען און רויבירט אידען. נאָך דעם ווי זיי האָבען באזיגט ירושלים האָבען די קרייץ־ציגער חרוב געמאכט די גרויסע אידישע געמיינדע דאָרט. די זיגער, די גלחים, מאָנאכען, און ריטער זיינען געווען פויל אליין צו באאַרבייטען די ערד; די ערד האָבען באַארבייט אראבער און אידען. זיי האָבען זיך סיי איבער די אראבער און סיי איבער די אידען אזוי איזדעקעוועט, אז פילע זיינען געווען געצוואונגען אָנצונעהמען קריסטענטום.

פאר דער צייט פון די קרייץ־ציגער האָבען אפילו אידען געטאָן געשעפטען אין ארץ ישראל. זיי זיינען אָבער מערדערליך באהאנדעלט געוואָרען. די מייסטע זיינען זיך צולאָפען. זיי האָבען ביסלעכווייז אנגעפאנגען קומען צוריק, ווען פּא־לעסטינע איז אריבער צוריק צו די מאכמעדאנער אין דעם יאָהר 1187.

גאנץ וועהניג אידען זיינען אבער געבליבען אין ארץ ישראל, ווען דער רמב"ן, רבי משה בר' נחמן פון געראנדי, האָט צוריק אָנגעפאנגען א באוועגונג אין דעם יאָהר 1267 צו באזעצען דאָרטען אידען. די נייע איינגעוואנדערטע אידען וואָס זיינען דאָך אריינגעקומען האָבען אָבער געהאט אויסצושטעהן די גרעסטע צרות פון שווערע שטייערען און אונטערדריקונג.

נאָך דעם גירוש שפאניע אינ'ם יאָהר 1492, האָבען פילע שפאנישע אידען איינ־געוואנדערט אין ארץ ישראל. נאָך דעם ווי אין דעם יאָהר 1516 איז ארץ ישראל אריבער צו די אָטאָמאנישע טערקען, האָט זיך דער ישוב פארשטאַרקט. דער סולטאָן סעלים דער ערשטער און זיינע נאָכפאָלגער זיינען געווען גוט צו די אידען. דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל איז אזוי געוואַקסען, אז א געוויסער רב, רבי

יעקב בירב, האָט אין דעם יאָהר 1538 געוואָלט צוריק איינפיהרען א סנהדרין, און דער אידישער שטאטסמאן דון יוסף נשיא האָט געוואָלט קאָלאָניזירען אידען אלס ערד־ארבייטער. פון די פלענער האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזען, ווייל די רבנים אין ירושלים זיינען געווען געגען די פלענער.

ארץ ישראל האָט אָבער דאָך אָנגעהויבען צו שפּילען א ראָלע אין אידישען לעבען. אין ארץ ישראל האָט זיך פאנאנדערגעבליהט די מיסטישע לעהרע, די קבלה, דורך רבי יצחק לוריא, האר"י און זיינע תלמידים. ארץ ישראל איז געוואָרען א לאנד פון מיסטיקער און פּאָעטען. דער ארץ ישראל איד רבי שלמה אלקבץ האָט פארפאסט די באריהמטע פּאָעמע „לכה דודי", וואָס האָט אזוי פיעל באגייסטערט אויך דעם פּאָעט היינע. רבי ישראל נייגארא האָט פארפאסט שירים, וועלכע אידען זינגען אלס זמירות.

קיין ריכטיגע קוואלען פון פרנסה האָבען אָבער די פאלעסטינער אידען ניט געהאט. זיי האָבען געשיקט משולחים אין אלעקסאנדריע, וואו אידען זיינען געווען, צו בעטען שטיצע פארן ישוב. עס האָט זיך ענטוויקעלט די סיסטעם פון חלוקה.

די סיסטעם פון חלוקה איז באשטאנען אין דעם, וואָס עס זיינען פארטהיילט געוואָרען די געזאמעלטע געלדער צווישען אידען וואָס האָבען גאָר ניט געטהאָן, נאָר געזעסען און געלעהרענט און געדאווענט. די אידען וואָס האָבען געקראָגען פּערזענליכע שטיצע „מעות יחיד" זיינען נאָך ווי עס איז דורכגעקומען. די איבע־ריגע אידען וואָס זיינען געווען אָפּהענגיג פון קהל'שע געלדער זיינען מיט קליינע אויסנאהמען געווען שרעקליך אָרים. די חלוקה האָט ארויסגערופען שרעקליכע מחלוקות און זי האָט ענטוויקעלט שנאָרעריי צווישען אידען. די חלוקה סיסטעם עקזיסטירט נאָך ביז היינט. די חלוקה האָט אָבער אויסגעהאלטען דעם „ישוב" פאר לאנגע יאָהרען.

אונטער די טערקען האָט זיך אידען געלעבט נאָך ווי־עס־איז, נאָר אין דער ענדע פון 16טען יאָהרהונדערט איז די צענטראלע מאכט פון די טערקען אָפּגע־שוואכט געוואָרען און די „פּאשאס" פון מצרים זיינען געוואָרען די הערשער. אידען זיינען זייער פאראָרימט געוואָרען. עס איז קיין חידוש ניט וואָס דער פאלשער משיח שבתי־צבי אין יאָהר 1665 האָט געפונען אין ארץ ישראל פילע אָנהענגער. אויסער דעם האָבען גרויסע רבנים אָנגעפאנגען צו גלויבען אז אָט־אָט קומט משיח, נאָך די גרויסע צרות וואָס אידען זיינען אויסגעשטאנען אין אוקראינא און פוילען פון כמעלניצקי'ס פּאָגראָמען. אין יאָהר 1700 איז געקומען דער באוואוסטער רב פון שערליץ, רבי יהודה החסיד, און מיט איהם הונדערטער אָרימע אידען. פילע צרות זיינען אידען אויסגעשטאנען אויפ'ן וועג. אין לאנד גופא זיינען פילע אויסגע־שטאָרבען פון הונגער.

אין דעם יאָהר 1799 האָט נאפּאָלעאָן באָנאפּארטע געפיהרט קריג אין מצרים און ארץ ישראל. אין ירושלים איז ער אפילו ניט אריין. איהם האָט זיך אָבער פארוואָלט צו מאכען א גרויסען זשעסט. ער האָט פארשפּראָכען צו געבען אידען ארץ ישראל. אידען זיינען פון פארשפּרעכען וועהניג נתפּעל געוואָרען, אָבער די אראבער האָבען אָנגעפאנגען צו קוקען אויף אידען מיט חשד.

עטליכע יאָהר נאָכדעם ווי די פראנצויזען האָבען פארלאָזען ארץ ישראל, איז דאָס לאנד אריבער אין גאנצען צו די הערשער פון מצרים. אייברהם פּאשא, כאָטש א שטארקער הערשער, האָט אפילו געוואָלט געבען אידען פארשיידענע קאָנצעסיעס, אָבער עס האָט אויסגעבראָכען א בונט פון אראבער, און אידען, ווי דער שטייגער, זיינען געווען די כפרה הינדלעך. עס האָבען אויסגעבראָכען פּאָגראָמען אויף אידען אין פארשידענע שטעדט אין יאָהר 1833. דערצו נאָך איז געווען אין יאָהר

1837 א גרויסע ערד־ציטערניש אין צפת. אידען האָבען זיך גענוג אָנגעליטען. אבער זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו קומען קיין ארץ ישראל. די עמיגראציע נאָך ארץ ישראל האָט אויך געגעבען א שטויס די באוועגונג פון חסידות.

נאָך פאלעסטינע האָבען אבער אָנגעפאנגען צו קומען פארשידענע אידען, חסידים איבערהויפט. מאָנטעפיאָרע האָט אָנגעפאנגען צו שטיצען פאלעסטינער אידען מיט גרויסע סומען געלד. אין דעם יאָהר 1862 האָט א רב, רבי צבי הערש קאלישער, אָנגעפאנגען צו פריידיגען דעם געדאנק פון אידישער קאָלאָניזאציע אין ארץ ישראל. אין 1862 איז אויך ארויס משה העס, א פריינד פון מארקסען און ענגעלס און א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער ליגע, מיט זיין בוך „רוים און ירושלים". אין דעם בוך ווערט געפריידיגט דער געדאנק פון ווידער־אויפלעבונג פון אידען אויף זייער לאנד. דער סאָציאליסט העס איז ארויסגעקומען מיטן ציוניזם פריהער פאר הערצלען.

אין די אכציגער יאָהרען פון 19טען י. ה. הויבט זיך אָן א באוועגונג פון חובבי ציון צו קאָלאָניזירען ארץ ישראל. די חובבי ציון באוועגונג האָט זיך פארוואנדעלט אין ציוניזם. ציוניזם האָט געהאט א גרויסע שטערונג אין די אימפעריאליסטישע פלענער פון גרויסע מלוכות. אויך ווילהעלם האָט גע'חלומ'ט וועגען ארץ ישראל אלס סטאנציע אין דעם וועג בערלין־באגדאד.

אין די יאָהרען פון דער מלחמה זיינען אידען אין ארץ ישראל אויסגעשטאנען די גרעסטע צרות. מען האָט זיי חושד געווען אין סימפאטהיע צו ענגלאנד. ווען די בריטישע ארמיי אונטער גענעראל אלענבי איז אריין אין 1918 ערב חנוכה אין ארץ ישראל מיט דעם אידישען לעגיאָן, איז די ארמיי שטארק באגריסט געוואָרען פון די אידען. מיט א יאָהר פריהער האָט ענגלאנד ארויסגעגעבען די באלפור דעקלא־ראציע. אידען האָבען באגעגענט די ענגלענדער ווי זייערע ערלייזער... זיי האָבען נאיוו געגלויבט אז ענגלאנד מיינט זייער טובה.

איידער די מאָדערנע אידישע קאָלאָניזאציאָנס באוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אין יאָהר 1890, זיינען אין ארץ ישראל געווען ארום 30,000 אידען. אין דעם יאָהר 1933 זיינען שוין אָבער געווען אין פאלעסטינע א פערטעל מיליאָן.

## עטנאָגראפיע — באפעלקערונג פון פאלעסטינע

סיי די אידישע באפעלקערונג און סיי די אראבישע איז זעהר פארבענרייך. צווישען די אידען זיינען דאָ געלערנטע פון דייטשלאנד און פארגרעבטע באבי־לאָנישע אידען. עס געפינען זיך אין ארץ ישראל רעשטלעך פון די אמאָליגע אידען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט אויסגעוואנדערט פון ארץ ישראל, ווי די אידען פון דעם דאָרף פקיעין אָדער די גרופע שומרונים אין שכם. און עס געפינען זיך נייע־איינגע־וואנדערטע אידען מיט א הויכער קולטור. אויך צווישען די איבעריגע איינוואוינער, די מאכמעדאנער און קריסטען, געפינט מען גרויסע קאָנטראסטען.

לויט דעם צענזוס וואָס איז געמאכט געוואָרען אין יאָהר 1931, געפינען זיך אין ארץ ישראל 1,035,821 איינוואוינער. זיי ווערען איינגעטהיילט ווי פאָלגט:

| | | |
|---|---|---|
| מאכמעדאנער | 759,712 | 73.35% |
| אידען | 174,610 | 16.86 |
| קריסטען | 91,398 | 8.82 |
| דרוזען | 9,148 | .89 |
| פארשידענע | 953 | .08 |
| סך הכל | 1,035,821 | 100.00% |

די צאָהל פון די אידען פון דער צייט פון צענזוס איז באדייטענד געוואקסען. לויט די אָפיציעלע ציפערען פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, געפינען זיך אין ארץ ישראל העכער פון א פערטעל מיליאָן אידען. עס איז אבער פארגרעסערט געוואָרען אויך די צאָהל פון אַנדערע פעלקער. עס זיינען דאָ אידען וואָס זיינען צום צענזוס ניט געגאַנגען.

דער גרעסטער טהייל פון דער אראבישער באפעלקערונג האָט אריינגעדרונגען אין ארץ ישראל אין די יאָהרען 632-640. די אראַבער האָבען אסימילירט אויך די אַלטע אידישע איינוואוינער. עס איז א סברה אז אין די אָדערען פון די ארץ ישראל אראַבער רינט פיעל אידישע בלוט, באזונדערס אין די אָדערען פון די אראַבישע פעלאכען. אויך דער דיאלעקט פון די ארץ ישראל אראבער איז באאיינפלוסט געוואָרען פון אידישע דיאלעקטען.

די מערסטע אראַבער זיינען פעלאכען, וועלכע וואוינען אין דערפער אָדער קליינע שטעדטלעך. דער געפיהל פון אן אָנגעהעריגקייט צו א שבט אָדער פאמיליע, איז שטארק ענטוויקעלט ביי די אראבער, ווי ביי די מערסטע סעמיטישע פעלקער.

א טהייל פון די אראַבער זיינען בעדואינער. דאָס זיינען נאָמאדען, וואנדערער, וואָס וואנדערען מיט זייערע סטאַדעס פון איין פלאַץ צום צווייטען. פילע בעדואינער פארלאָזען אין גאנצען ארץ ישראל פאר איניגע מאָנאטען. א טהייל גייט ביסלעכווייז אריבער צו ערד־ארבייט. די צאָהל פון בעדואינער אין ארץ ישראל איז 66,000.

אין ארץ ישראל זיינען אויך דאָ סיריער. עס איז א מישמאש פון פארשידענע פעלקער. די סיריער זיינען מערסטענס קריסטען. זיי וואוינען גרעסטענטיילס אין שטעדט. בלויז 20% פון זיי וואוינען אין דערפער.

די צאָהל פון קריסטליכע סעקטעס אין ארץ ישראל איז זייער גרויס. די פראוואָסלאווע סעקטע צעהלט 33,000 מיטגלידער. אן דער שפיצע פון דער סעקטע שטעהט דער פאטריארך אין ירושלים. די שפראך פון די תפילות איז אראביש, אָבער עס ווערט אויך באנוצט גריכיש. קאטאָליקען זיינען דאָ אין ארץ ישראל ארום 15,000. זיי זיינען נאָך פון די צייטען פון די קרייצציגער. עס זיינען דאָ נאָך פראָטעסטאַנטען פון פארשידענע סעקטען. די דייטשע טעמפלער האָבען געגרינדעט איניגע קאָלאָניעס.

די רעליגיע פון דרוזען איז מאכמעדאניש, אָבער זי איז אויסגעמישט מיט פילע אידישע און קריסטליכע דאָגמעס און צערעמאָניעס, אפילו אלטע פערסיאנער אידעען פון זאראטוסטרא האָבען אריינגעדרונגען אין דער רעליגיע פון די דרוזען.

די אידישע באפעלקערונג איז זעהר א געמישטע. געמישט, ווי די צאָהל לענדער אין וועלכע די אידען געפינען זיך. די ציוניסטען ווייזען אָן, אז ארץ ישראל איז א קבוץ גליות אין מיניאטור. אין ניו יאָרק זיינען אָבער אויך פאַרשטעהער פון פארשידענע אידישע לענדער. א מין קיבוץ גליות. מער ניט אין ניו יאָרק וואוינען די פארשידענע אידען צוזאַמען. אין ארץ ישראל זיינען זיי אָבער קאָנצענטרירט. איבעריגנס האָט ניט ניו יאָרק אזוי פיעל פארשידענארטיגע טיפען אידען ווי ארץ ישראל.

די פארשידענע אידישע געמיינדעס האָבען פארשידענע מנהגים און פארשידענע געוואוינהייטען. צווישען איניגע אָריענטאַלישע געמיינדעס הערשט נאָך ביגאמי אָדער פאָליגאמי. איין מאַן מעג חתונה האָבען מיט עטליכע ווייבער. איראָפּעאישע אידען טאָרען מיט צוויי ווייבער ניט חתונה האָבען, צוליב דעם חירם פון רבינו גרשון. אין געוויסע אָריענטאַלישע לענדער האָט אָבער דער חירם ניט קיין יורישדיקציע. זיי האָבען דעם חירם ניט אָנגענומען.

ווי עס איז שוין אַנגעדייטעט געוואָרען, געפינט זיך נאָך אין דאָרף פּקיעין א קליינע צאָהל, ארום 70 אידען, וואָס האָבען קיינמאָל ניט אויסגעוואַנדערט פון ארץ ישראל. קליין איז זייער צאָהל און זיי שפּילען אויך א קנאַפּע ראָלע אין לעבען פון ארץ ישראל. זייער געשיכטע, כאָטש ניט קיין געשריבענע, איז אָבער אינטערעסאַנט. וואָס פאַר עקשנות עס האָט געמוזט שטעקען אין דער קליינער געמיינדע איבערצולעבען אזוי פיעל צרות און בלייבען אידען!

נאָך מעהר אינטערעסאַנט איז די קליינע געמיינדע פון שומרונים, וואָס איז פאַרבליבען אין שכם. די שומרונים אונטערשיידען זיך פון אידען מיט זייערע אמונות. ניט נאָר גלויבען זיי ניט אין תלמוד, זיי גלויבען אויך ניט אין די נביאים. זיי גלויבען בלויז אין חומש, אָבער זייער חומש איז אביסעל אַנדערש ווי דער חומש וואָס מיר האָבען. דער עיקר איז, וואָס זיי גלויבען ניט אין דער הייליגקייט פון ירושלים. ביי זיי איז פאַרהייליגט דער באַרג גריזים „הר גריזים”.

אויפן באַרג גריזים זיינען זיי עולה רגל דריי מאָל א יאָהר. אויף דעם באַרג זיינען זיי מקריב דעם זבח פסח, אזוי ווי אמאָליגע צייטען. זיי האָבען א כהן גדול, וואָס פּראַוועט זייערע צערעמאָניעס. די צערעמאָניעס זיינען זעהר א גרויסע אטראַקציע פאַר טוריסטען, ווען זיי זיינען אין ארץ ישראל יום טוב צייט, הויפּט־זעכליך פסח, ווען דער „זבח־פסח” ווערט געפּראַוועט.

די צאָהל פון די שומרונים איז איצט ארום 150. די מעהרסטע נפשות זיינען פון מענליכען געשלעכט. עס בלייבען ביי זיי פילע בחורים, ווייל זיי פעלען אויס כלות. קליין זיינען זיי אין צאָהל, אָבער שטאַרק פאַנאַטיש. אידען באַטראַכטען זיי פאַר פאַרבלאָנדזשעטע ברידער. זיי וואַרטען אז משה רבינו אליין זאָל קומען און זאָל אויסלייזען די ביסלעך שומרונים און ערשט דאמאלסט וועלען אידען דערזעהען דעם וועג פון אמת.

א קליינע אידישע סעקטע איז אויך דאָ אין ארץ ישראל, וואָס איז באַקאַנט אלס די סעקטע פון „קאַראַאימעס”, „קראים”. די קאַראַאימעס זיינען די וואָס גלויבען בלויז אין תנ"ך, אבער ניט אין תלמוד. זיי זיינען צוואָרפען אין עטליכע שטעדט אין פּוילען, גאַליציע און קרים. זייער צאָהל באַשטעהט פון א פּאָר צעהנדליג טויזענד. אין ארץ ישראל זיינען זיי שוין פון לאַנגע יאָהרען, אבער קיין מנין אין ירושלים קענען זיי ניט אויפקלייבען. די פרומע אידען גלויבען אז דאָס איז צוליב א קללה, וואָס א גרויסער רב האָט זיי פאַרשאָלטען.

די אינטערעסאַנטסטע געמיינדע אין ארץ ישראל איז די געמיינדע פון די תימנים. די תימנים האָבען זעהר א ראָמאַנטישע געשיכטע. זיי זיינען אויסגע־שטאַנען אלערליי צרות און רדיפות אין זייער אלטען פאַטערלאַנד אין יעמען, „תימן”; טראָץ אלע רדיפות זיינען זיי אָבער געבליבען טריי און איבערגעבען זייער אמונה.

מיט די תימנער אידען איז אויך פאַרבונדען א ראָמאַנטישער עפּיזאָד אין דער אידישער געשיכטע. דער עפּיזאָד פון דוד הראובני אין שלמה מולכו, וואָס האָבען געוואָלט אריינברייננען משיחן מיט דער הילף פון קעניג און דעם פּאַפּסט. די תימנער אידען זיינען אמאָל געווען זעהר שטאַרק. זיי זיינען אבער אָפּגעשוואכט געוואָרען פון די רדיפות און אָרימקייט.

אינטערעסאַנט איז, אז דעם ערשטען שטויס צו די תימנים אויסצוואַנדערען האָט געגעבען דער ארבייטער פיהרער יבנאלי. זיי האָבען איהם שיער ניט באַטראַכט אלס א משיח. זיי זיינען איצט דאָ אין ארץ ישראל ארום 15,000 מענשען, זעהר באַשיידענע און האָרעפּאשנע; זייערע רבנים זיינען אויך ארבייטער. עס פּאַסירט אז א שוסטער, נאָך דעם ווי ער לייגט אוועק די אָהל מיט דער דראַטווע, אָדער

דער לאַסט־טרעגער — זיינע פּעק, געהט ער פּסק'ענען שאלות אָדער לערענט גאָר א שטיקעל זוהר. די תימנים זיינען לומדים און מיסטיקער. זיי האָבען מאנכעסמאָל חתונה מיט עטליכע ווייבער.

צווישען די אידישע געמיינדעס פארנעמען א גרויסען פּלאַץ די ספרדים, די שפּאניער אידען. זיי זיינען די אַלטע איינוואוינער פון לאַנד און די אריסטאָ־קראַטען. זיי זיינען גוטע סוחרים, ערד־ארבייטער און פּראָפעסיאָנאַלען. זייער ווירקונג איז זעהר גרויס. זייער אויספּראַכע אין העברעאיש איז געוואָרען דער סטאַנדארד פאר דעם מאָדערנעם העברעאיש אין ארץ ישראל. העברעאיש ווערט גערעדט אין ארץ ישראל מיט דער הברה „הספרדית". צווישען זיך ריידען די ספרדים „לאדינא", א שפּאַנישער דיאַלעקט מיט אראבישע, טערקישע און העברע־אישע עלעמענטען.

מיט יאָהרען צוריק זיינען די ספרדים געווען די מאיאָריטעט אידען אין ארץ ישראל. איצט מיט דער נייער אימיגראציע מאַכען אויס די מאיאָריטעט די „אשכנזים". צוויי דריטעל זיינען אשכנזים און איין דריטעל די ספרדים מיט אַלע אָריענטאַלישע געמיינדעס.

די אשכנזים זיינען אונזערע אידען: רוסישע, פּוילישע, רומענישע, און גאַלי־ציאנער. אשכנזים הייסען אייגענטליך דייטשען, אָבער אמתע דייטשע אידען האָבען עמיגרירט קיין ארץ ישראל ביז ניט לאַנג גאַנץ וועהניג. ערשט אין לעצטען יאָהר האָבען איבער צעהן טויזענד דייטשע אידען איינגעוואַנדערט אין ארץ ישראל. אַלע אשכנזים ריידען אידיש־דייטש. אפילו אמתע דייטשען געוואוינען זיך בים־לעכווייז אָפּ פון זייערע פּתח'ן. העברעאיש רעדט דער עיקר בלויז דער יונגער דור.

אויסער די הויפּט געמיינדעס פון ספרדים און אשכנזים זיינען דאָ א גרויסע צאָהל געמיינדעס, וואָס ריידען אראביש, צווישען וועלכע עס זיינען דאָ ארום 6 טויזענד אידען פון מאראָקאָ, ארום 4 טויזענד אידען פון בבל, און עטליכע טויזענד אידען פון מעסאָפּאָטאמיען, און 15 טויזענד תימנים פון וועלכע מיר האָבען שוין גערעדט. די מערסטע אראביש־שפּרעכענדע אידען זיינען אָרים אָבער האָרע־פּאשנע. זייער לאַגע איז ניט זעהר יום טוב'דיג.

צווישען די אָריענטאַלישע אידען געפינען זיך קורדיסטאַנער אידען. די הויפּט כאראקטעריסטיק פון אָט די אידען איז וואָס עס איז ביי זיי פארבליבען דער דיאַלעקט וואָס מיר רופען תרגום לשון. אָט דער דיאַלעקט אויף וועלכען עס איז געשריבען דער קדיש און יקום פּורקן, ווי אויך זעהר גרויסע טהיילען פון תלמוד. די מעהרסטע קורדיסטאַנער אידען זיינען בעלי מלאכות און איבערהויפּט שווערע ארבייטער. אין קורדיסטאַן זיינען נאָך דאָ ארום 12 טויזענד אראמיש־שפּרעכענדע אידען. אין ארץ ישראל זיינען דאָ ארום 4 טויזענד.

ארום 9 טויזענד אידען ריידען פּערסיש. מעהר ווי א העלפט פון זיי וואוינען אין ירושלים, די איבעריגע אין אנדערע שטעדט און די קאָלאָניעס. זיי זיינען קליינע סוחרימלאַך, בעלי מלאכות און טרעגער. א היבשע צאָהל פון זיי זיינען אָבער שנאָרער. אויסער די פּערסישע אידען געפינען זיך אין ארץ ישראל פּערסיש שפּרעכענדע בוכארער. פאר דער מלחמה זיינען די בוכארער אידען געווען פאר־רעכענט אלס רייכע אידען. די רוסישע רעוואָלוציע האָט אָבער פילע בוכארער אידען פאראָרימט. די נייע אימיגראנטען זיינען אָרימע לייט.

עס זיינען דאָ נאָך פילע פארבענרייכע אידישע געמיינדעס אין ארץ ישראל. עס וואוינען דאָרטען שווארצע אידען פון אביסיניען פאלאשען, אינדישע אידען פון „בני־ישראל", און רוסישע קאצאפּעס גרים, וואָס באטראַכטען זיך אלס אמתע אידען. אן אינטערעסאַנטער טהייל פון ארץ ישראל אידען מאַכען אויס קאווקאזער

אידען, טשערקעסען, דוגעסטאנער, און גרוזינער. ארץ ישראל האָט אידען פון אלע לענדער און פארוואָרפענע געגענדען. ארץ ישראל אידען גיבען פיעל מאטעריאל פאר אידישער געשיכטע, פאָלקלאָר און עטנאָגראפיע.

אידישע געמיינדעס האָבען געפיהרט זייער פארשידענע אייגענארטיגע לעבענס שטייגערס. זיי זיינען נאָך איצט פארשידענארטיג; אָבער אידען מישען זיך אויס ביסלעכווייז צווישען זיך. די ספרדישע געמיינדע האָט איינגעשלונגען פילע אראַביש־שפּרעכענדע און זאָגאר אידען וואָס האָבען פון ארץ ישראל ניט עמיגרירט. בלויז א קליינע געמיינדע, אידישע פויערים־פאלאשען, זיינען געבליבען פון אמאָל. די איבעריגע האָבען זיך צומישט, פילע מיט אראבער און פילע מיט אידען וואָס זיינען געקומען פון חוץ לארץ, פון אויסער פאלעסטינע. אפשר וועט די שולע פאראייניגען אלע פארשידענארטיגע אידען אין איין אָרגאניזם. דערווייל טהיילען זיך אויך ארץ ישראל אידען אין פארשידענע געמיינדעס.

„אידען־ריין" איז ארץ ישראל ניט געווען פון זינט אידען האלטען ארץ ישראל אלס זייער לאנד. עס זיינען געווען צייטען וואָס זיי זיינען געווען זעהר קליין אין צאָהל און צייטען וואָס זיי ווערען מעהר. פאר די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר מאכען אויס אידען א היבשען פּראָצענט פון דער באפעלקערונג.

אין יאָהר 1856 האָט דער דייטשער שרייבער פרענקעל געשריבען אז עס זיינען געווען אין ארץ ישראל איבער 10 טויזענד אידען. אין דעם יאָהר 1880 ארום 15 טויזענד אידען. פאר דער מלחמה זיינען שוין געווען אין ארץ ישראל ארום 100,000 אידען. אין דער צייט פון דער מלחמה איז זייער צאָהל פארקלענערט געוואָרען ביז 80,000. אין דעם יאָהר 1931 זיינען זיי שוין געווען ארום 175,000, אָפיציעל, און נאָך עטליכע טויזענד זיינען געווען אונאָפיציעל. אין דעם יאָהר 1934 זיינען שוין געווען אין ארץ ישראל אריבער 250,000. לויט ציוניםטישע קוועלען מאכען זיי איצט אויס איבער 20% פון דער באפעלקערונג.

## דער קלימאַט, „פלארא און פאונא" (געוויקסען, פלאַנצונגען, חיות און בהמות)

ניט נאָר זיינען דאָ אונטערשידען אין דער באפעלקערונג פון ארץ ישראל, נאָר עס זיינען דאָ אונטערשידען אין קלימאט, תבואות און געוויקסען אין פארשידענע געגענדען פון דער קליינער ארץ ישראל.

עס איז דאָ אן אונטערשיד אין קלימאט פון דרום ארץ ישראל און דעם צפון צווישען דעם ברעג פון ים אין מערב און דער גרעניץ אין מזרח. דער בוי פון לאנד איז די אורזאכע פון פארשידענארטיגקייט אין קלימאט. בערג און טהאָלען, נאָענטקייט פון קאַלטען סעזאָן פון טבת (תקופה טבת) ווען אין ירושלים כאפט מען א ציטער פון קעלט, קענען זיך די איינוואוינער פון יריחו נאָענט פון ירושלים באָדען אין ים אָדער אין ים המלח (טויטען ים), די זון שיינט דאָרטען און עס איז ווארים.

אין תלמוד רופט מען זומערצייט „ימות החמה", די טעג פון ווארימער זון, און ווינטער „ימות הגשמים", רעגענדיגע טעג, און דאָס איז כאראקטעריסטיש פאר'ן ארץ ישראל קלימאט אויך איצט. די וויכטיגסטע ערשיינונג פון דאָרטיגען קלימאט איז וואָס אין זומער איז דאָ וועהניג רעגען. רעגענדיגער סעזאָן איז בלויז ווינטער. איבערהויפּט ליידעט ארץ ישראל פון וועהניג רעגען און מאנגעל אין וואסער. די טוריסטען קענען דאָרט דערצעהלען פיעל פון לויטערע הימלען, אָבער די זינדיגע ערד איז אין ארץ ישראל ניט זעהר פרוכטבאר. דערפאר איז די לופט אין ארץ ישראל זעהר א געזונטע. די קראנקהייטען טראכאמא און מאלאריע, וועלכע האָבען

געבוּשעוועט אין ארץ ישראל, קומען גיכער פֿון פֿאַרלאָזענקייט און אָרימקייט ווי פֿון קלימאַט.

ארץ ישראל האָט פֿאַרשידענע קלימאַטען און אויך פֿאַרשידענע געוויקסען (צמחים). 2,200 פֿאַרשידענע צמחים וואַקסען אין ארץ ישראל. „ארץ אשר לא תחסר כל בה" (דברים ח. ט.) זיינען דאָרטען דאָ פֿון אַלע מינים; נאָר די צרה איז וואָס פֿון די מינים זיינען דאַ זעהר ווייניג. פֿילע פֿלאַנצונגען קענען דאָרטען וואַקסען נאָר צוליב דעם וואָס מען באַוואַסערט זיי קינסטליך. די קינסטליכע באַוואַסערונג איז אויך געווען אין אַמאָליגע צייטען. דער תּלמוד רופֿט עס „שדה השלחים" (געקינסטעלטע באַוואַסערונג); „שדה הבעל" (רעגען־פֿעלדער) זיינען אין ארץ ישראל ניט אַזוי פֿיעל.

דאָך טראָץ אונגינסטיגע באַדינגונגען האָבען אידען מיט געוויסע פֿלאַנצונגען געהאַט גרויסען ערפֿאָלג. דער ערפֿאָלג האָט אפשר אָפּגעקאָסט פֿיעל געלד, אָבער די אידען האָבען געבראַכט נייע קולטורען פֿון פֿלאַנצונגען אין ארץ ישראל.

וואָס עס לאָזט זיך פֿיהלען אין ארץ ישראל אַם שטאַרקסטען איז אַ מאַנגעל אין וועלדער. בוימער זיינען אונ'ברחמנות'דיג אויסגעהאַקט געוואָרען. בוימער, וועלכע די אַראַבער רופֿען אָן „אידישע בוימער", זיינען אַקליפּטוס בוימער. די אַקליפּטוס בוימער, וועלכע אידען האָבען פֿאַרפֿלאַנצט אין זייערע קאָלאָניעס, האָבען פֿיעל מיטגעהאָלפֿען אויסצוטריקענען די זומפּען און צו פֿאַרטרייבען טראַכאָמע. אויך מינעראַלען זיינען דאָ וועהניג אין ארץ ישראל. ווי פֿילע ווילען האָבען, ענטהאַלט אָבער דער ים המלח אונגעהויערע אוצרות פֿון מינעראַלען, וואָס מען קען אויסנוצען פֿאַר פֿעלדער פֿאַר אינדוסטריעלע צוועקען און פֿאַר רפֿואות.

מיט חיות און בהמות איז אויך ארץ ישראל רייך און פֿאַרשידענאַרטיג, אָבער ניט אין צאָהלען. אייזלען, קעמלען זיינען דאָ ארץ־ישראל'דיגע. בהמות־עופֿות אימפּאָרטירט מען פֿילע. עס זיינען דאָ פֿילע שאָף, אַרום אַ מיליאָן קעפּ.

ווילדע חיות ווי זיי זיינען אַמאָל געווען זיינען דאָ וועהניג אין ארץ ישראל. זיי זיינען פֿאַרשוואונדען. עס זיינען דאָ ווילדע קעץ און קליינע פֿוקסען וואָס זיינען דער סימבאָל פֿון חורבן. זייערע געשרייען וואַרפֿען אָן אַ מרה שחורה.

אויך אין פֿאַונע (בעלי חיים) איז ארץ ישראל זעהר פֿאַרשידענאַרטיג. מיט קיין רייכקייט קען זיך אָבער ארץ ישראל ניט באַרימען. פֿיש איז גראַדע יאָ דאָ אין די טייכען און אין אָזירעס.

## אַנטוויקלונג פֿון אידישער קאָלאָניזאַציע

פֿאַרשידענע פּראָבעס זיינען געמאַכט געוואָרען אין די לאַנגע יאָהרען פֿון אידישען גלות, צו קאָלאָניזירען אידען אין ארץ ישראל און צו מאַכען זיי פֿאַר ערד־אַרבייטער. ווי מיר האָבען שוין פֿריהער אָנגעוויזען, האָט זיך מיט אַזאַ פּלאַן אַרומגעטראָגען אַמאָל, אין יאָהר 1564, דער אידישער דוכס דאָן יוסף. ער האָט זיין פּלאַן אָנגעפֿאַנגען צו פֿאַרווירקליכען. דער פּלאַן האָט אַרויסגעצייגט צו זיין פֿריי־צייטיג.

פּראָבעס צו קאָלאָניזירען די אידען זיינען געמאַכט געוואָרען ניט נאָר פֿון אידען אַליין, נאָר אויך פֿון קריסטען און מאַכמעדאַנער. מיט אומגעפֿער הונדערט יאָהר צוריק, ווען ארץ ישראל האָט זיך פֿאַקטיש געפֿונען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון אברהם פּאַשאַ, האָט דער מעכטיגער פּאַשאַ געוואָלט אויסנוצען אידען פֿאַר קאָלאָניזאַציאָנס צוועקען. ער האָט געגעבען אַ קאָנצעסיע צו אַ אידישען גביר לוריע צו גרינדען וועבערייען און צו איינעם אַ באַוואוסטען דרוקער ב"ק פֿון צפֿת צו באַזעצען אידען אויף ערד.

ב"ק האָט געגרינדעט דעם דאָרף דזערמאַק לעבען צפת וואו עס האָבען גע־וואוינט ארום 30 פאַמיליעס. דער דאָרף איז איבערגעפאַלען געוואָרען פון דרוזען און פאַרניכטעט געוואָרען.

א פּראָבע צו קאָלאָניזירען אידען האָבען געמאַכט איינינע קריסטליכע סעקטעס פון אמעריקע, וועלכע האָבען געדענקט אז משיח קען ניט קומען איידער אידען וועלען זיך באזעצען אין ארץ ישראל. ווייטער פון פרומע וואונשען און אייניגע קליינע זידלונגען זיינען די פּראָבעס ניט געגאַנגען. מיט פּראָיעקטען צו קאָלאָני־זירען ארץ ישראל האָט זיך ארומגעטראָגען אויך מאָנטעפיאָרע. מאָנטעפיאָרע האָט פיעל געהאָלפען אידען צו שטעלען זיך אויף די פיס, אָבער קיין קאָלאָניעס האָט ער ניט געשאַפען.

דעם ערשטען ערנסטען פארזוך צו באזעצען אידען אויף ערד אין ארץ ישראל האָט געמאַכט קארל נעטער מיט דער הילף פון „אליאַנס" פון פראַנקרייך (כל ישראל חברים). נעטער האָט געוואָלט אומוואנדלען די אידען אין ארץ ישראל, וואָס האָבען געלעבט אויף חלוקה, אין פּראָדוקטיווע ערד־ארבייטער, און פאר אָט דעם צוועק האָט ער געגרינדעט אן אגראָנאָמישע שול, וואָס ער האָט איהר א נאָמען געגעבען „מקוה ישראל". מקוה ישראל איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1869. די טערקישע רעגירונג האָט פאר דעם צוועק אָפּגעגעבען 2600 דונאַם לאַנד.

מקוה ישראל עקזיסטירט נאָך ביז היינט. פריהער איז דאָס געווען א שולע מיט אסימילאַטאָרישע טענדענצען. איצט איז די שולע געוואָרען ציוניסטיש. ארום דער שולע זיינען דאָ פעלדער פאר ערד־ארבייט און פלאַנצונגען. עס שטייען דאָרטען אויך שעהנע געביידעס. די שולע האָט געהאָלפען אויסצובילדען אידישע ערד־ארבייטער.

אין יאָהר 1878, מיט 56 יאָהר צוריק, איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע אידישע קאָלאָניע פתח תקוה. די קאָלאָניע איז איצט די גרעסטע אין ארץ ישראל. די ערשטע קאָלאָניסטען האָבען אָבער געהאַט פיעל אויסצושטעהן פון קראַנק־הייטען און אראַבישע איבערפאַלען.

נאָך די פּאָגראָמען אין זיד־רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבען א באוועגונג צווישען אידישע אינטעליגענטען צו קאָלאָניזירען אידען, צו מאַכען זיי פאר ערד־ארבייטער. עס איז געווען די צייט ווען אידישע משכילים האָבען אָנגעפאַנגען צו זינגען „אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה". די באוועגונג פאר ערד־ארבעט האָט אָנגע־נומען פארשידענע טענדענצען. אייניגע האָבען געוואָלט קאָלאָניזירען אידען אין אמעריקע און אנדערע לענדער. א שטאַרקע באוועגונג האָט זיך ענטוויקעלט צווישען דער אידישער שטודירענדער יוגענד צו קאָלאָניזירען ארץ ישראל. עס איז ענטשטאַנען די באוועגונג פון חובבי ציון. דר. פינסקער, דער מחבר פון „אויטאָ עמאַנסיפּאַציאָן" (פינסקער איז גיכער געווען א טעריטאָריאַליסט). דוד גאָרדאָן, לילענבלום, לעוואנדא, שמואל יוסף פין און נאָך אנדערע האָבען אָנגעפאַנ־גען צו פּריידיגען אומצוקעהרען זיך אין דעם „לאַנד פון די אבות". זייערע ווערטער האָבען געפונען אן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די יונגע סטודענטען וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין א געזעלשאַפט וואָס איז באַקאַנט אלס געזעלשאַפט פון „בילו־צעס". „בילו" באשטעהט פון די ראשי תיבות „בית יעקב לכו ונלכה". דער צוועק פון די „בילוצעס" איז געווען צו עראָבערען פאַלעסטינע דורך פּלאַנמעסיגע קאָלאָ־ניזאַציעס.

די „בילוצעס" מיט דער הילף פון אנדערע חובבי ציון האָבען אָנגעפאַנגען צו גרינדען פארשידענע קאָלאָניעס, ווי ראשון לציון, גדרה און ראש פינה. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אויף ערנסט די קאָלאָניזאַציע פון אידען אין ארץ ישראל. די

איניציאטאָרס פון דער אידישער קאָלאָניזאציע זיינען געווען יונגע לייט, רייך אין ענטוזיאזם, אָבער אָרים אין געלד־מיטלען און ערפארונג. די קאָלאָניעס האָבען זיך געפונען אין א שרעקליכען צושטאנד. די חובבי ציון אין רוסלאנד האָבען אָנגעפאנגען צו קלייבען פאָנדען די קאָלאָניעס צו שטיצען. זאמלונגען זיינען אָבער ניט געווען גענוג אויסצוהאלטען די קאָלאָניעס. די קאָלאָניעס האָבען זיך געפונען אין א טרויעריגען צושטאנד, און ווער וויים, וואָס עס וואָלט פון זיי געוואָרען, ווען עס וואָלט ניט געקומען זיי צו הילף באראָן עדמונד ראָטשילד פון פאריז, דער „נדיב הידוע", ווי די חובבי ציון פלעגען איהם רופען.

דער פאריזער ראָטשילד איז געוואונען געוואָרען פאר ארץ ישראל. א גרויסע ווירקונג אויפן באראָן האָט געהאט רבי שמואל מאָליווער, דער ביאליסטאָקער רב, וועלכער איז צוגעקומען צום באראָן מיט דער הילף פון רבי צדוק הכהן, דעם רב הכולל פון פאריז. רבי שמואל מאָליווער, א פאטריארכאלער איד, האָט מיט זיינע טרעהרען זעהר גערירט דעם מעכטיגען באראָן ראָטשילד. וואָס פאר מאָטיווען דער באראָן ראָטשילד האָט געהאט קען מען ניט וויסען. דער פאקט איז אָבער אז ראָטשילד האָט געראטעוועט די אידישע קאָלאָניזאציע פון אונטערגאנג.

באראָן ראָטשילד האָט געשטיצט די קאָלאָניסטען מיט פיעל געלד. ער האָט פארפלאנצט וויין־גערטנער און געבויט גראנדיעזע וויין־קעלערען אין ראשון לציון און זכרון יעקב. ער האָט געשיקט דאָרטען אדמיניסטראטאָרס, וועלכע האָבען אָבער געקוקט אויף די קאָלאָניסטען פון אויבען ארונטער.

די קאָלאָניסטען האָט מען גערופען דעם באראָנ'ס קעסט־קינדער. זיי זיינען אָבער ניט געווען זעלבסטשטענדיג, ווי טאקע קעסט־קינדער זיינען. אין יאָהר 1900 איז די אידישע קאָלאָניזאציע אריבער צו דער „איקא" (אידישע קאָלאָניזא־ציאָנס אסאָציאציע). אין דעם יאָהר 1923 האָט באראָן ראָטשילד געגרינדעט די „פיקא" (פאלעסטינער אידישע קאָלאָניזאציאָנס אסאָסיאציע).

די אידישע קאָלאָניסטען זיינען פון באראָן ראָטשילד אויפגעריכטעט געוואָרען. פילע זיינען געוואָרען רייך. מיט זייערע ארבייטער, אָט די נייע אידעאליסטען, וועלכע זיינען געקומען אין ארץ ישראל צו זיין פיאָנערען, באגייען זיי זיך אָבער ניט שעהן. זיי האָבען פארגעסען זייערע אייגענע ליידען און די ברייטע שטיצע, וואָס זיי האָבען געקראָגען.

אויסער די קאָלאָניעס געשטיצט פון באראָן, האָבען זיך אין ארץ ישראל געגרינדעט קאָלאָניעס פון פריוואטע חברות און פערזאָנען. אויך די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט אָנגעפאנגען צו באשעפטיגען זיך מיט פאקטישער ארבייט, און אָרגאניזירען לאנד־ווירטשאפטליכע אונטערנעמונגען. עס האָבען זיך אָנגע־פאנגען פארשידענע פראָבעס, נאָר דאָ איז אונטערגעקומען די גרויסע וועלט־מלחמה און האָט איבערגעהאקט די ענטוויקלונג פון דער אידישער קאָלאָניזאציע. די מלחמה האָט געשטערט דער ענטוויקלונג אָבער ניט צושטערט אין גאנצען, וואָס עס איז געבויט געוואָרען. די קאָלאָניעס זיינען געבליבען. צום ענדע פון דער וועלט־מלחמה זיינען געווען אין ארץ ישראל 43 לאנד־ווירטשאפטליכע ישובים, וואָס האָבען געהאט ארום 400,000 דונאם ערד, און אין וועלכע עס האָבען געוואוינט ארום 7500 נפשות.

נאָך דער מלחמה, ווען ס'איז פארעפענטליכט געוואָרען באלפור'ס דעקלא־ראציע, האָט זיך די קאָלאָניזאציע אָנגעפאנגען מיט אימפעט. די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איז געוואָרען א גרויסער פאקטאָר אין ארץ ישראל קאָלאָניזציע. עס איז געגרינדעט געוואָרען דער „קרן היסוד", א פאָנד פאר קאָלאָניזא־ציאָנס און קולטורעלע צוועקען, און עס איז פארשטארקט געוואָרען די אקציע פאר דעם „קרן קימת", דער נאציאָנאל פאָנד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1901

מיט'ן צוועק אויסצוקויפען ארץ ישראל באָדען און האַלטען דעם באָדען אַלס אייביגען אייגענטהום פון פאָלק פאַר אידישע נאַציאָנאַלע צוועקען.

דער קרן היסוד, וועמעס הויפּט אויפגאַבע עס איז צו קאָלאָניזירען פּאַלעס־טינע, האָט געשאַפען ביז ענדע פון יאָהר 1932 אַרום 5 מיליאָן פונט שטערלינג (אַרום 25 מיליאָן דאָלאַר), גענויע 4,793.335 פונט שטערלינג. די מייסטע געלדער זיינען אויסגעגעבען געוואָרען פאַר ערציהונג, קהל'שע אַרבייט, היגיענישע צוועקען און בלויז אַרום א מיליאָן און א האַלב פאַר דירעקטע קאָלאָניזאַציאָנס צוועקען.

אָט איז דער גענויער רעכענונג ביז ענדע 1932 פון קרן היסוד אויסגאַבען:

| | | |
|---|---|---|
| דירעקטע קאָלאָניזאַציע | 1,559,454 | פונט |
| ערציהונג | 955,434 | „ |
| קהל'שע אַרבייט | 522,075 | „ |
| אימיגראַציע | 433,166 | „ |
| היגיענע | 294,948 | „ |
| אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען | 206,703 | „ |
| שטאָדטישע קאָלאָניזאַציע | 181,309 | „ |
| נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס | 202,868 | „ |
| רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס | 89,871 | „ |
| צום קרן קימת | 32,761 | „ |
| אַדמיניסטראַציע | 264,073 | „ |
| פאַרשידענעס | 50,673 | „ |
| סך הכל | 4,793,335 | פונט |

דער קרן היסוד האָט זיך פאַרנומען מיט בריטע מלוכה אויפגאַבען. פון די הוצאות זיינען אויף דירעקטע קאָלאָניזאַציע אויסגעגעבען געוואָרען 1,559,454 פונט שטערלינג. נאָכ'ן קורס פון 5 דאָלאַר פּער פונט וועט דאָס אויסמאַכען 7,797,270 דאָלאַר. אָבער דאָס מאַכט אויס איין דריטעל פון די גוזאַמעלטע געלדער.

לויט אָפּיציעלע רעכענונגען זיינען אינוועסטירט געוואָרען אין רונדע ציפערען אויף די אידישע אונטערנעמונגען אין פּאַלעסטינע פון פּריוואַטע און קהל'שע געלדער 18 מיליאָן פונט שטערלינג — 90 מיליאָן דאָלאַר. דער באַראָן ראָטשילד אַליין האָט אויסגעגעבען 3 מיליאָן פונט שטערלינג (15 מיליאָן דאָלאַר). פון די געלדער זיינען אויסגעגעבען געוואָרען:

פאַר בויען הייזער אין קאָלאָניעס און שטעדט 5 מיליאָן פונט (25 מיליאָן דאָלאַר); אינדוסטריעלע צוועקען 4 מיליאָן פונט (20 מיליאָן דאָלאַר); פאַר לאַנד 4 מיליאָן פונט (20 מיליאָן דאָלאַר); פאַר קאָלאָניזאַציע 5 מיליאָן פונט (25 מיליאָן דאָלאַר).

אויף אמתע קאָלאָניזאַציע קויפען לאַנד אַריינגערעכענט זיינען אויסגעגעבען געוואָרען 9 מיליאָן פונט (45 מיליאָן דאָלאַר). די געלד איז געקומען פון פאָל־גענדע קוועלען:

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס — 3 מיליאָן פונט (15 מיליאָן דאָלאַר).

פּיקא — 2 מיליאָן פונט (10 מיליאָן דאָלאַר).

פּריוואַטע מענשען — 4 מיליאָן פונט (20 מיליאָן דאָלאַר).

דאָס געלט איז אינוועסטירט געוואָרען פון דער צייט פון נאָך דער מלחמה און עס ווערט ניט אַריינגערעכענט אין די געלדער, וואָס האָבען פריהער אויסגע־געבען ראָטשילד און די חובבי ציון.

ענדע פון יאָהר 1932 זיינען געווען אין ארץ ישראל ארום 135 אידישע לאַנד-ווירטשאפטליכע ישובים. אין די ישובים האָבען זיך געפונען ארום 47 טויזענד נפשות. בלויז צוויי דריטעל פון די דאָרפישע איינוואוינער, שוין אריינגערעכענט ניין טויזענד געדונגענע ארבייטער, זיינען באַשעפטיגט דירעקט מיט לאַנדווירט-שאַפט. די איבעריגע לעבען אויך אין די קאָלאָניעס פון אַנדערע פרנסות.

## די ביז איצטיגע רעזולטאַטען פון פאלעסטינער קאָלאָניזאציע

די ארץ ישראל קאָלאָניזאציע האָט אָפגעקאָסט פילע מיליאָנען און נאָך מעהר ווי אין געלד האָט די קאָלאָניזאציע אָפגעקאָסט אין מענשליכע לעבענס. הונדערטע יונגע לייט זיינען אומגעקומען פון קראנקהייטען, וואָס זיינען געקומען פון שווערע באדינגונגען פון קאָלאָניזאציע; הונדערטע זיינען געפאַלען פון אראבישע איבער-פאַלען און פאַגראָמען. די ארץ ישראל קאָלאָניזאציע האָט צו פארצייכענען פילע קרבנות. דער „יזכור" איז א גאַנץ לאַנגער.

אז ארץ ישראל האָט דורך אידען אויפגעלעבט איז זיכער. ארץ ישראל'דיגע מדבריות זיינען פון א וויסטעניש פארוואנדעלט געוואָרען אין ציוויליזירטע בליהענדע ישובים. אין לאַנד איז דאָ פיעל געלד. די ארץ ישראל רעגירונג דעקט ניט נאָר אלע איהרע הוצאות, נאָר עס בלייבט איבער א גרויסער ריוח פון די גרויסע הכנסות, וואָס די רעגירונג ציהט פון דעם קליינעם לאַנד. אין ארץ ישראל זיינען פילע רייך געוואָרען. עס זיינען רייך געוואָרען אראבישע עפענדים (פאָמעשציקעס), וואָס האָבען פארקויפט זייערע וויסטע לענדער צו אידען פאַר נעשוואָלענע פרייזען. עס זיינען רייך געוואָרען אויך געוויסע אידען.

מען רעדט וועגען ארץ ישראל'דיגער פראָספעריטי. אזעלכע רייך קענען אָבער גיכער שאַדען די ארץ ישראל קאָלאָניזאציע, ווי ברייינגען נוצען.

די פראָספעריטי פון א לאַנד קען נאָר געמאָסטען ווערען דורך די פראָדוקטען, וואָס דאָס לאַנד אליין פראָדוצירט. ווענדען מיר אָן דעם מאַסשטאַב, מוזען מיר קומען צום שלוס, אז ארץ ישראל איז וועיט-וועיט הינטערשטעליג אין פראָספעריטי. ארץ ישראל עקספאָרטירט פיעל-פיעל וועהניגער, ווי זי אימפאָרטירט. זי פיהרט ארויס וועהניג סחורות און פיהרט אריין זעהר פיעל.

אָט איז דער צושטאַנד פון ארץ ישראל'דיגען עקספאָרט און אימפאָרט לויט אָפיציעלע ציפערען. די ציפערען זיינען אין פונטען. לויט דעם איצטיגען קורס האָט א פונט מעהר ווי פינף דאָלאַר.

| יאָהר | אימפאָרטירטע אריינגעפירטע סחורות | עקספאָרטירטע ארויסגעפירטע סחורות | דער אימפאָרט איז גרעסער מיט |
|---|---|---|---|
| 1922 | 5,471,667 | 1,070,171 | 4,401,496 |
| 1925 | 7,338,491 | 1,297,559 | 6,040,932 |
| 1930 | 6,985,258 | 1,896,095 | 5,089,163 |
| 1931 | 5,940,000 | 1,572,061 | 4,367,939 |
| 1932 | 7,768,920 | 2,381,491 | 5,387,429 |
| 1933 | 11,122,469 | 2,591,617 | 8,530,852 |

די ציפערען זיינען גענומען געוואָרען בלויז פאַר עטליכע יאָהר. אין אנדערע יאָהרען באקומט זיך אן עהנליכע בילד. ארץ ישראל קריגט אריין פיעל מעהר, ווי זי גיט ארויס.

אין ארץ ישראל איז איצט א בום פון בויען. די בוי אינדוסטרי פיהרט אָבער צו פאלשע חשבונות. אין דער צייט וואָס דער פּראָצעס פון בויען געהט אָן, דאַרף מען ארבייטער, דאַרף מען מאַטעריאַלען. די פראגע איז וואָס וועט זיין נאָכדעם, ווען דער בוי בום וועט אָפּגעשוואכט ווערען, אָדער אין גאנצען אָפּגעשטעלט ווערען.

אין דעם יאָהר 1933 האָבען עמיגרירט אין ארץ ישראל העכער ווי 30 טויזענד אידען. ווע‏לען מיר נעמען די אָפיציעלע ציפערען און אנגעבן אויך אָנווייזען די אימיגראַציע אין דעם יאָהר 1925 און דעם נאָרמאַלען יאָהר 1932.

אידישע אימיגראַציע

| פון וועלכען געגענד אימיגרירט | % | 1933 | % | 1932 | % | 1925 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| מיטעל אייראָפּא | 20.2 | 6,108 | 6.0 | 573 | 4.6 | 1,533 |
| מזרח אייראָפּא | 54.8 | 16,514 | 44.2 | 4,216 | 82.7 | 28,074 |
| זיד אייראָפּא | | | | | | |
| אין באַלקאַן | 5.6 | 1,725 | 5.0 | 484 | 3.4 | 1,127 |
| מערב אייראָפּא | 0.4 | 143 | 1.2 | 116 | 0.4 | 115 |
| אזיע און אפריקא | 7.9 | 2,410 | 32.1 | 3,060 | 4.3 | 1,441 |
| אנגלאָזאַקסישע לענדער | 4.7 | 1,448 | 10.2 | 973 | 2.2 | 707 |
| דרום אמעריקא און אנדערע לענדער | 6.4 | 1,979 | 1.3 | 131 | 2.4 | 804 |
| סך הכל | 100.0 | 30,327 | 100.0 | 9,553 | 100.0 | 33,801 |

אין מיטעל אייראָפּא געהן אריין די פאָלגענדע לענדער: טשעכאָסלאָוואַקיא, דייטשלאַנד, פריי שטאַאט דאַנציג און עסטרייך. אין מזרח אייראָפּא געהן אריין די פאָלגענדע לענדער: פינלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד, ליטא, רוסלאַנד, פוילען און רומעניען. אין דרום אייראָפּא געהן אריין די פאָלגענדע לענדער: בולגאַריען, גריכענלאַנד, אונגארען, איטאַליען, יוגאָסלאַוויען, שפאַניען און פּאָרטוגאַל. אין וועסט אייראָפּא געהן אריין די פאָלגענדע לענדער: בעלגיען, פראַנקרייך, האָלאַנד, שווייץ און די סקאַנדינאַווישע לענדער. אזיע און נאָרד אפריקא נעמען אריין פאָלגענדע לענדער: טערקיי, אדען, יעמען, מצרים, טונים, אלזשיר, מאַראָקאָ, סיריען, איראַק, פערזיען, אפגאַניסטאַן און אינדיען. די ענגליש שפּרעכענדע לענדער נעמען אריין ענגלאַנד, קאַנאַדא, די פאַראייניגטע שטאַאטען און דרום אפריקא. דרום אמעריקא נעמען אריין ארגענטיניען, מעקסיקאָ, בראַזיליען און אנדערע לענדער.

אין אלע לענדער פון דער וועלט זיינען אידען צוזייט און צושפּריים. צוביסלאַך אידען קומען פון יעדען לאַנד. די הויפּט אימיגראַנטען זיינען געווען אין יאָהר 1933 פון פאָלגענדע לענדער:

| לויטען לאַנד | % | צאָהל | לויטען געשלעכט און עלטער | % | צאָהל |
|---|---|---|---|---|---|
| פוילען | 43.6 | 13,125 | מענער | 42.0 | 12,762 |
| דייטשלאַנד | 17.8 | 5,392 | פרויען | 37.4 | 11,306 |
| גריכענלאַנד | 4.0 | 1,256 | אינגלעך | 10.5 | 3,196 |
| יעמען, תימן | 4.1 | 1,287 | מיידלעך | 10.1 | 3,063 |
| פאַר. שטאַאטען | 3.8 | 1,169 | | | |
| אנדערע לענדער | 26.7 | 8,098 | | | |
| סך הכל | 100.0 | 30,327 | | 100.0 | 30,327 |

דייטשע אידען האָבען אימיגרירט אין דעם יאָהר 1933 אַפּיציעל 5,392 פון פאָלגענדע קאַטעגאָריעס:

| | | | |
|---|---|---|---|
| דאָקטוירים | 516 | האַנדעלס אַנגעשטעלטע | 1,071 |
| לאָיערס | 768 | ערד ארבייטער | 1,586 |
| ארכיטעקטען | 280 | ניט באַשטימט | 1,171 |
| | | סך הכל | 5,392 |

די אימיגראַציע פון די דייטשע אידען האָט זיך פארשטאַרקט דורך די אונמענשליכע אכזריות פון היטלער'ן מיט זיינע מלאכי חבלים. ביז דעם יאָהר 1933 זיינען אריינגעקומען אין ארץ ישראל דייטשע אידען פאר 12 יאָהר 3,306, וואָס מאַכען אויס 2.8% פון די גאַנצע צאָהל 118,398, וואָס זיינען אריינגעקומען פאר דער צייט. אין יאָהר 1933 מאַכען די דייטשע אידען אויס 17.8%.

די טאַבעלע פון אריינגעקומענע אידען פון יאָהר 1920 ביז יאָהר 1934 אין ארץ ישראל איז ווי פאָלגט:

| יאָהר | אריין אין לאַנד | פארלאָזען דאָס לאַנד | | אריין אין לאַנד | פארלאָזען דאָס לאַנד |
|---|---|---|---|---|---|
| 1920 | 8,223 | 1,300 | 1928 | 2,071 | 2,168 |
| 1921 | 8,294 | 1,200 | 1929 | 5,109 | 1,746 |
| 1922 | 8,685 | 1,503 | 1930 | 4,829 | 1,679 |
| 1923 | 8,175 | 3,466 | 1931 | 4,829 | 666 |
| 1924 | 13,892 | 2,037 | 1932 | 9,553 | 300 |
| 1925 | 33,810 | 2,151 | 1933 | 30,327 | 300 |
| 1926 | 13,855 | 7,365 | | | |
| 1927 | 3,034 | 5,070 | | | |

די צאָהל פון אריינגעקומענע קאַטעגאָריעס, וואָס זיינען ערלויבט צו אימיגרירען לויט ענגלישע אימיגראַציאָנס געזעצע, זיינען לויט פאָלגענדער קלאַסיפיקאַציע:

1. קאַפּיטאַליסטען, וואָס האָבען איבער טויזענד פונטען.
1א. אָנגעהעריגע פון קאַטעגאָריע 1.
2. בעלי מלאכות מיט 250 פונטען אָדער פּראָפעסיאָנעלען מיט 500 פונטען.
2א. אָנגעהעריגע פון קאַטעגאָריע 2.
3. ארבייטער דורך סערטיפיקאַטען.
3א. אָנגעהעריגע פון קאַטעגאָריע 3.
4. סטודענטען און רבנים.
5. אָבהענגיגע פון פּאַלעסטינא. 6. פארשידענע.

| | 1933 | | 1932 | | 1925 | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | 10.7 | 3,250 | 7.5 | 727 | 27.8 | 9,399 |
| 1א | 11.1 | 3,350 | 7.2 | 786 | —— | —— |
| 2 | 0.5 | 151 | 0.2 | 21 | 2.2 | 743 |
| 2א | 0.6 | 206 | 0.3 | 38 | —— | —— |
| 3 | 37.1 | 11,165 | 23.8 | 2,271 | 40.5 | 13,689 |
| 3א | 26.0 | 7,790 | 15.2 | 1,437 | —— | —— |
| 4 | 1.1 | 413 | 2.2 | 215 | 0.4 | 135 |
| 5 | 9.2 | 2,846 | 12.8 | 1,227 | 15.3 | 5,171 |
| 6 | 3.7 | 1,156 | 30.8 | 2,930 | 13.8 | 4,664 |
| סך הכל | 100.0 | 30,327 | 100.0 | 9,553 | 100.0 | 33,801 |

פאַר די יאָהרען וואָס אידען אימיגרירען אין ארץ ישראל האָט זיך די אידישע באפעלקערונג פארגרעסערט, אָבער עס האָט זיך אויך פארגרעסערט די צאָהל פון ניט אידען. דער געווינס פון יאָהר 1926 איז אין יאָהר 1931 פארלאָרען געגאַנגען.

| | 1922 | | 1296 | | 1931 | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | % | צאָהל | % | צאָהל | % | צאָהל |
| אלגעמיינע באפעלקערונג: | 88.68 | 672,400 | 82.19 | 729,000 | 83.14 | 861,211 |
| אידישע באפעלקערונג: | 11.32 | 85,800 | 17.81 | 158,000 | 16.86 | 174,610 |
| סך הכל | 100.00 | 758,200 | 100.00 | 887,000 | 100.00 | 1,035,820 |

די אימיגראַציע אין דעם יאָהר 1934 האָט צווישען אידען, ספּעציעל צווישען דייטשע אידען, זיך פארגרעסערט. אָבער אויך די צאָהל פון ניט אידישע אימי־גראַציע האָט זיך פארגרעסערט. עס איז א פאקט אז אין דער צייט, וואָס די ענגלישע רעגירונג מאַכט אזוי פיעל שוועריגקייטען געגען אידישער אימיגראַציע און מאַכט אָבלאַוועס אויף די אידישע טוריסטען, וואָס פארבלייבען לענגער אין לאַנד, ווי זיי האָבען געדענקט, זיינען אין ארץ ישראל אַנגעלאָפען אראַבער פון די שכנישע לענדער און א האָן האָט אפילו ניט א קרעה געטהאָן.

א טהייל פון די געלדער, וואָס אידען האָבען אריינגעבראַכט אין לאַנד, איג־וועסטירען זיי ערשטענס אין פּלאַנטאַציעס, דער עיקר אין ציטראָסען (אראַנדזשעס, אתרוגים, לעמאָנס און גרייפּ פרוטס), „הדרים", ווי זיי ווערען גערופען אין העברעאיש. צווייטענס, גייען די אינוועסטמענטס אויף אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגען; דריטענס, אויף געביידעס.

א גרויסען ערפאָלג האָבען אידען געהאַט מיט ציטראָס פלאַנצונגען. די ציטראָסען קען מען זייען מיט קינסטליכער באוואַסערונג. זיי קענען אויך באַארבייט ווערען אינטענסיוו.

פאַר דער מלחמה זיינען אין ארץ ישראל געווען פארפלאַנצט 30 טויזענד דונאַם ערד מיט פּרדסים (ציטראָסען). פון זיי האָבען אידען געהאַט בלויז 10 טויזענד. אין דעם יאָהר 1933 האָבען זיי שוין געהאַט פון דעם אלגעמיינעם שטח 200 טויזענד דונאַם 100 טויזענד. לויט דער צאָהל פון קאַסטען ציטראָסען, וואָס עס זיינען עקספּאָרטירט געוואָרען, באַקומען מיר פאָלגענדע ציפערען:

| | |
|---|---|
| אין 1914 זיינען עקספּאָרטירט געוואָרען | 1,500,000 קאַסטענס |
| 1925-1924 | 2,100,000 |
| 1932-1931 | 3,500,000 |
| 1933-1932 | 4,500,000 |

די ארץ ישראל אָראַנדזשעס זיינען גוט אויפגענומען געוואָרען אויף דעם אלגעמיינעם מאַרקעט, ספּעציעל אין ענגלאַנד. די בעלי בתים פון די פּרדסים, אידען און אראַבער, זיינען זאָגאַר רייך געוואָרען פון פּרדסים. דער פּרייז פון ציטראָס לאַנד איז אָבער זעהר געשטיגען, און דאָס שטעלט אין געפאַהר די „רענטאַ־בּיליטעט" פון אינוועסטמענטס. אגב זיינען ציטראָסען אזא ארטיקעל, וואָס איז זעהר פיעל אָפּהענגיג פון וועלט מאַרקעט און וועלט באַדינגונגען.

מיט אלע ערפאָלגען האָט זיך אָבער אזא איבערגעגעבענער ציוניסט ווי אוסישקין שטאַרק באַקלאָגט, וואָס אידען פארלאָזען דעם עיקר פון ערד ארבייט און אַנדערע נויטיגע קולטורען און נעמען זיך פאַר פּלאַנצונגען — א צושטאַנד וואָס קען ווערען זעהר געפעהרליך אין א צייט פון אומרוהען.

דער הויפט געדאנק פון די ערשטע חובבי ציון איז געווען צו מאכען אידען פאר ערד ארבייטער. „אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה", און דאָס האָט זיך זיי וועהניג איינגעגעבען. די „פלחה" קאָלאָניעס, די קאָלאָניעס וואָס זיינען געבויט אויף אקערבוי, האָבען זיך וויט־וויט ניט סטאבילעזירט. ארץ ישראל ליידעט שטארק פון וואסער מאנגעל. דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע שטערונגען אויף וואָס די פאלעסטינער קאָלאָניזאציע שטויסט זיך אָן.

אפילו אין אזא איינגעפונדעוועטער קאָלאָניע, ווי „נהלל" אין עמק, האָט אויסגעבראָכען א קריזיס צוליב וואסער מאנגעל. אין פילע קאָלאָניעס פארלאָזען די קאָלאָניסטען זייערע קאָלאָניעס און זוכען פארדינסטען אין שטאָדט, וואו די אינדוסטריע האלט איצט לויט דער „קאָניוקטור" אין ענטוויקלען זיך.

די ארץ ישראל אינדוסטריע ענטוויקעלט זיך מיט דער ערווארטונג אז נייע אימיגראנטען זאָלען אָנקומען. ווי נאָר אימיגראציע שטעלט זיך אָפּ, הויבען אָן די אינדוסטריאליסטען מורא האָבען פאר זייערע אינוועסטמענטס.

פון די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען צו פארצייכענען די פאָלגענדע:

| נאָמען פון פירמא | פראָדוקטס | צאָהל ארבייטער |
|---|---|---|
| נשר | מאלם | 400 |
| שמן | פארבען, זייפען און פערפומען | 200 |
| לודזיה | זאָקען | 200 |
| ליבר | טשאָקאָלאד | 100 |
| גורלסקי | מעבעל | 100 |
| פּאָטאש קאָמפּאני | פּאָטאש | 400 |
| רוטענבערג'ס ווערק | עלעקטריציטעט | 200 |
| גרויסע מיהלען | מעהל, א. א. א. | 80 |
| וויין קעלערען | ווײַנען | 70 |

עס זיינען נאָך דאָ פאבריקען מיט 80 און וועהניגער ארבייטער.

דער עיקר פון דער ארץ ישראל פּראָדוקציע זיינען אָבער ציטראָסען.

א געפאהר וואקסט אין ארץ ישראל מיט דער ענטוויקלונג פון „לאטעפונדיעס", גרויסע פארמערס וואָס וואוינען אין שטאָדט. „אבסענטי לענדלאָרדס", ווי מיר רופען אזא צושטאנד אין ענגליש.

אין דער גרויסער קאָלאָניע חדרה מיט איבער 44 טויזענד דונאם ערד, געהערט איבער 22 טויזענד דונאם צו 13 אידישע פאמיליעס. צו וואָס פאר א רעזולטאטען אזא צושטאנד קען ברייננגען, קען מען זיך פאָרשטעלען.

---

# פאלעסטינער אימיגראציע

לויט אָפיציעלע ציפערן

| | פון יאנואר ביז אוגוסט 1933 | פון יאנואר ביז אוגוסט 1934 |
|---|---|---|
| קאפּיטאליסטען ........................ | 913 | 2164 |
| אנגעהעריגע פון קאפּיטאליסטען .. | 1118 | 2183 |
| אבהענגיגע פון א"י איינוואהנער | 1356 | 2167 |

| | | |
|---|---|---|
| סטודענטען | 119 | 585 |
| רעליגיעזע אידען | 69 | 121 |
| סערטיפיקאטען | 6294 | 6149 |
| אָנגעהעריגע פון סערטיפיקאטען | 3669 | 5433 |
| פארשידענע | 24 | 82 |
| בעלי מלאכות און פראָפעסיאָנאלען. | 177 | 233 |
| סך הכל | 13,739 | 19,117 |

# צאָהל פון אידען אין פאלעסטינע

לויט אָפיציעלע ציפערן — רונדע ציפערן

| | 1922 צענדזום | 1931 צענדזום | צענדזום סעפּט. 1934 |
|---|---|---|---|
| ירושלים | 34,000 | 53,100 | 64,000 |
| תל אביב | 15,100 | 45,600 | 102,000 |
| יפו און בית גן | 5,100 | 7,210 | 14,000 |
| חיפה | 6,200 | 16,060 | 33,500 |
| טבריה | 4,400 | 5,380 | 6,000 |
| צפת | 3,000 | 2,550 | 2,500 |
| דערפער און קליינע שטעטלאך | 14,990 | 44,710 | 61,000 |
| סך הכל | 82,790 | 174,610 | 283,000 |
| פראָצענט פון שטעדט | 82. | .74 | 78.8 |
| 〃 〃 דערפער | 18. | 26. | 21.2 |
| סך הכל | 100. | 100. | 100.0 |

# בירא בידזשאַן

דעם 7טען מאַי 1934 האָט דער צענטראַל אויספיהר קאָמיטעט פון דעם סאָוועטען פארבאנד פּראָקלאַמירט בירא בידזשאַן אלס אידישע אויטאָנאָמע אָבלאַסט. אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאציע פון בירא בידזשאַן זיינען דאָ דריי עטאַפּען:

1) דעם 28טען מערץ 1928 האָט די סאָוועטען רעגירונג געפאסט א באַשלוס צו באזעצען בירא בידזשאַן מיט ארבייטענדע אידען.

2) דעם 11טען דעצעמבער 1933 האָט די רעגירונג געמאכט ספּעציעלע פּריווילעגיעס פאר קאָלאָניסטען מיט דעם, וואָס זי האָט זיי באפרייט פאר 10 יאָהר פון שטייערען און האָט אויך געהעכערט דעם געהאַלט פון ארבייטער און אנגעשטעלטע, וואָס זיינען באשעפטיגט מיט קאָלאָניזאציע;

3) דער באַשלוס פון 7טען מאַי 1934 צו פּראָקלאַמירען בירא בידזשאַן אלס אן אויטאָנאָמע אָבלאַסט.

בירא בידזשאַן געפינט זיך אין ווייט־מזרח'דיגען טהייל פון סאָוועטען פאר־באנד. דער נאָמען נעמט זיך פון צוויי טייכען — בירא און בידזשאַן, וועלכע שניידען דורך דעם געגענד און פאלען אריין אין דעם גרויסען טייך אמור.

די הויפּט שטאָדט איז בירא בידזשאַן (פריהער געהייסען טיכאָנקאיא). דער שטח איז צוערשט באשטאַנען פון ארום 18 טויזענד קוואדראטנע מייל, לעצטענס פארגרעסערט געוואָרען און איצט באַשטעהט דער שטח פון ארום 30 טויזענד קוואדראטנע מייל.

דעם 28טען מערץ 1928 האָט די סאָוועטישע מאכט באשטימט בירא בידזשאַן פאר דער באזעצונג פון אידען. פון דאמאָלט אָן הויבט זיך אָן די אידישע קאָלאָניזאציע פון די גרויסע שטחים לאנד.

אין 1928 איז די באפעלקערונג פון בירא בידזשאַן באשטאַנען פון ארום 28 טויזענד נפשות, א העלפט רוסען און א העלפט פון אנדערע נאציעס ווי טינגוסען, כינעזער, קאָרעער און אַנדערע. היינט צו טאָג צעהלט די באפעלקערונג העכער 50 טויזענד אריינגערעכענט העכער 12 טויזענד אידען.

דער קלימאַט איז אין אלגעמיין זעהר ענליך צו דעם קלימאַט פון די זידליכע שטאַאטען פון קאנאדע — היים און א סך רעגען אין זומער און א פראָסטיגער זוניגער ווינטער.

דער געגענד איז רייך מיט וואַלד (אונגעפער א העלפט פון דעם גאנצען שטח), טייכען, מעטאל ארץ און מינעראַלען, ווי אייזען, גראפיט, קאַלכשטיין, קוילען, אזבעסט און אפילו גאָלד. אויך געפינט זיך ניט ווייט פון באן סטאַנציע בירא־קאן נאַטירליכע הייסע קוואַלען וואו עס איז שוין איצט דאָ א קוראָרט „קולדור" פאר רומאטיזם און הויט קראנקהייטען.

די עקאָנאָמישע באזע ווערט געשטעלט אויף אגריקולטור, פי־ און בינען־צוכט און פאסיגע פאר דעם געגענד אינדוסטריען.

דאָס לאנד איז זעהר צוגעפאסט פאר סאָיע־באָב, רייז, קאָנאָפּליע. עס וואַקסט אויך גוט: ווייץ, האָבער, גערשטען, גריקע, קוקורוזע און אלערליי גאָרטענוואַרג.

עס פֿאַרמאָגט אַ סך היי און פֿאַרשידענע עהנליכע פּלאַנצען און איז זעהר צוגעפּאַסט פֿאַר פֿיצוכט און בינענצוכט.

אינדוסטריעל ווערט דערוויל הויפּטזעכליך ענטוויקעלט: פֿיש, געהילץ, וואַפּנע און סמאָלע־אַרבייטען. אויך איז אָן אָנפֿאַנג געמאַכט געוואָרען צו ענט־וויקלען די קוילען און אייזען אינדוסטריע.

אַגריקולטורעל ווערען אידען באַזעצט אויף אַ קאָלעקטיווען שטייגער; אינ־דוסטריעל אין קאָאָפּעראַטיווע אַרטעלען.

די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דעם פּלאַן פֿון אידישער קאָלאָניזאַציע געגעבען דאָס, וואָס מען רופֿט אין רוסישען אַ בערען־טובה. מען האָט אָנגע־פֿאַנגען צו פּויקען וועגען ישועות און אין ביראָ בידזשאַן האָבען זיך אוועקגעלאָזען עלעמענטען וואָס זיינען ניט צוגעפּאַסט צו שווערע פּיאָנערען אַרבייט. טויזענדער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפֿען פֿון פֿאַרשידענע קולטור לענדער. זיי האָבען געזוכט אין ביראָ בידזשאַן אַ גרינגען און באַקוועמען לעבען. זיי זיינען שנעל ענטוישט געוואָרען. פֿילע זיינען אַנטלאָפֿען מיט קללות אויף ביראָ בידזשאַן און בכלל אויף אַלע קאָלאָניזאַציאָנס פּלענער פֿון דער סאָוועטען רעגירונג.

דער אמת איז, אַז צו קאָלאָניזירען אַזאַ לאַנד ווי ביראָ בידזשאַן פֿאָדערט זיך צו האָבען פּיאָנערען, וואָס קענען די ערשטע יאָהרען אויסשטעהען אַלערליי פֿאַרמען אומבאַקוועמליכקייטען און מאַנגעל. בלויז דורך שווערע אַרבייט און מיט האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט קען ביראָ בידזשאַן ווערען אַ רעטונגס האַפֿען פֿאַר הונדערטע טויזענדע פֿאַרפֿאָלגטע און רואינירטע אידען פֿון דער וועלט. די פֿראַגע איז בלויז, צי די פֿאַר׳חושכ׳טע און פֿאַרצאָרענטע אידען זיינען צוגעפּאַסט צו פּיאָנערען אַרבייט.

ביראָ בידזשאַן איז פֿון די פּראָווינצען פֿון דעם וויטען מזרח פֿון די ברייטע שטרעקעס פֿון סיבירער אמור געגענדען. סיביר איז אַ לאַנד פֿון וויטע שטרעקעס.

דערוויל לעבען שוין אין ביראָ בידזשאַן אַרום 12 טויזענד אידען. זיי פֿאַרנעמען זיך אויסער אַגריקולטור אויך מיט פֿאַבריקאַציע. פֿאָלגענדע פֿאַבריקען פֿונקציאָנירען שוין אין ביראָ בידזשאַן: דער לאַנדאַקער קאַלך זאַוואָד מיט אַ פֿאַרנעם פֿון 10 טויזענד טאָן קאַלך יעהרליך; ניקאָלאַיעווסקער געהילץ זאַוואָד מיט אַ פֿאַרנעם פֿון 18 טויזענד קובישע מעטער געהילץ מאַטעריאַל; פֿאַבריק „דעטאַל" מיט אַ פּראָדוקציע פֿון 20 טויזענד קובישע מעטער געהילץ מאַטעריאַל; אַ ציגעל זאַוואָד מיט אַ פּראָדוקציע פֿון 2 מיליאָן ציגעל יעהרליך. עס געפֿינען זיך שוין דאָרטען מעבעל פֿאַבריקען און מעטאַל זאַוואָדען. דערוויל איז דאָס אָבער אַ פּיאָנערען אַרבייט, וואָס פֿאָדערט שווערע אַרבייט און אויסדויער.

אַ פּלאַן צו באַזעצען דייטשע אידען אין סאָוועט רוסלאַנד בכלל און אין ביראָ בידזשאַן בפֿרט ווערט געמאַכט פֿון אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין פֿעברואַר, 1934. דער טשערמאַן פֿון דעם קאָמיטעט איז אַ רייכער בראָקער וויליאַם קאָהען. אין דעם קאָמיטעט זיינען פֿאַרטראָטען אויך פֿעליקס וואַרבורג און אַנדערע פּראָמינענטע אידען. אין דער אָרגאַניזירונג פֿון דעם קאָמיטעט האָט גענומען אַ גרויסען אַנטהייל דודליי מאָרליי, וועלכער איז אויך באַקאַנט אַלס טוהער פֿון „אָרט".

דער קאָמיטעט האָט באַשטימט אַ סאָב־קאָמיטעט פֿון 5 צו מאַכען אַ זעלבסט־שטענדיגע און אונפּאַרטייאישע אונטערזוכונג וועגען די מעגליכקייטען פֿון באַזעצען דייטשע אידען אין רוסלאַנד בכלל און אין ביראָ בידזשאַן בפֿרט. דער דיען פֿון דער סקול אָוו קאָמערס פֿון ניו יאָרק אוניווערזיטעט, דזשאָהן ס. מעדען, שטעהט אין דער שפּיצע פֿון דעם אונטערזוכונגס קאָמיטעט.

## מ. א. קאַלינין, פּרעזידענט פון דעם צענטראַלען אויספיהר קאָמיטעט פון פּ. ס. ס. ר. (סאָוועטען פאַרבאַנד), וועגען די גרויסע וויכטיגע ערוואַרטונגען פון בירא־בידזשאַן אלס אַן אויטאָנאָמער אידישער געגענד

דעם 28טען מאַי, 1934, האָט קאַלינין אויפגענומען א דעלעגאַציע צו באַגריסען די רעגירונג פאַר דעם באשלוס פון דעם צענטראַלען אויספיהר קאָמיטעט פון פּ. ס. ס. ר. צו גרינדען א אידישען אויטאָנאָמען געגענד אין בירא־בידזשאַן, וואָס געפינט זיך אין ווייטען מזרח. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון פאַרשטעהער פון די אַרבייטער פון מאָסקווער פאבריק פון עלעקטרישע פּראָדוקטען, פון צוויי פאבריקען פון מאָסקווער באַקליידונגס טראָסט, פון אידישע שרייבער, פון דער פּרעסע און אַנדערע.

אלס ענטפער צו פילע פראַגען האָט קאַלינין געזאָגט:

„אין דעם סאָוועטען פאַרבאַנד געפינען זיך ארום 3 מיליאָן אידען, אָבער פאָרלויפיג איז נאָך קיין אידישער רעגירונגס־געגענד ניטאָ. די אַנטוויקלונג פון אזא אידישען געגענד וועט שאַפען א געזונטען פונדאַמענט פאַר דער אידישער נאַציאָנאַליטעט.

„איך באַטראַכט בירא־בידזשאַן פון שטאַנדפּונקט פון גרויסע פּראָספּעקטען. מיט דעם פאַקט פון דער גרינדונג פון א אידישען אויטאָנאָמען געגענד, וועט דאס אידישע פאָלק קאָנסאָלידירט און באַקומט אַלע אייגענשאַפטען פון א נאַציאָן. די באַשאַפונג פון א אידישען עקאָנאָמען געגענד עפענט א מעגליכקייט פאַר ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון אידישער קולטור, נאַציאָנאַל אין פאָרם און סאָציאַליסטיש אין אינהאַלט. פּערזענליך גלויב איך, אז אין צעהן יאָהר ארום וועט בירא־בידזשאַן ווערען דער הויפּט קולטור־צענטער פון די אידישע מאַסען.

„די איזאָלירונג פון די אידען, וואָס איז געוועזן דיקטירט פון דער צארישער רעגירונגס־פּאָליטיק, האָט פאַראורזאַכט דאָס די אידישע פעהיגקייטען זאָלען בלייבען פאַרשלאָסען אין דער גהעטאָ. נאָר די ענטוויקלונג פון סאָציאַליסטישער בויאונג, ווען די ברידערליכע אייניגקייט פון אַרבייטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען ווערט פאַרווירקליכט, האָט געעפענט גרויסע אויסזיכטען פאַר די אידישע אַרבייטער מאַסען און ספּעציעל פאַר דער אידישער יוגענד.

„די אידישע מאַסען לעבען און אַרבייטען אין דעם לאַנד פון די סאָוועטען גלייך מיט די אַרבייטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. אין מאָסקווע האָבען מיר 40 טויזענד אידישע אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען אין די גרעסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. עס זיינען דאָ אין ווייס־רוסלאַנד אונטערנעמונגען, וואו די צאָהל פון אידישע אַרבייטער דערגרייכט 90 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָהל. די אידישע שטאָדטישע מאַסען, וועלכע געהען אַרבייטען אין אונזערע פאבריקען און ווערקשטאַטען און אין די סאָציאַליסטישע לאַנד־קאָלעקטיוון, רייסען דערמיט ארויס מיטן וואָרצעל אַלע רעשטלעך פון גהעטאָ לעבען; זייער צוגעבונדענקייט צו דעם נייעם סאָציאַליסטישען אַרבייטס־לעבען ווישט אָפּ אַלע סימנים פון נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט...

„איך באַטראַכט די גרינדונג פון א אידישער אויטאָנאָמער געגענד אלס א רעזולטאַט פון דער פעסטער פּאָליטיק פון דער סאָוועטען רעגירונג וואָס שטרעבט צו פאַרזיכערען די עקאָנאָמישע און קולטורעלע ענטוויקלונג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען פון סאָוועטען פאַרבאַנד.

„בירָא בידזשאַן וועט אָן ספק אויסוואקסען א בליהענדע לאנד, און די דאָרטיגע אידישע באפעלקערונג וועט ניט האָבען קיינע פון די שטריכען, וואָס זיינען, אין דער צייט פון צאריזם, געווען אזוי כאראקטעריסטיש פאר די פאר־שטויסענע, אונטערדריקטע אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען געווען איינגע־שלאָסען אין קליינע שטעדטלעך פון אוקראינע, פוילען און ווייס־רוסלאנד. די שוועריגקייטען, וואָס זיינען פארבונדען מיט דעם סאָציאליסטישען נצחון פון אָט דער רויער, כאָטש אויסערגעוועהנליך רייכער געגענד, וועט אויסהאַמערען א נייעם טיפּ פון א אידען. די איצטיגע פּיאָנערען, באהערשענדיג דעם נייעם געגענד, וועלען באַשאַפען א געזונטען שטאַרקען דור. דער כח פון ווידערשטאַנד, וואָס עס פאָדערט זיך אין דעם קאמף פון דער באהערשונג פון די נאטירליכע אוצרות פון דעם געגענד, וועט האָבען א ריזיגע באדייטונג. דער צווייטער דור פון דעם בירָא בידזשאנער איד וועט זיין—אויב איך קאָן זיך אזוי אויסדריקען—געגליכען צו די „קאובאָיס״ אין באצוג צו זייער שטעלונג צו דער נאַטור; געוויס אין דעם סאָציאליסטישען זין פון וואָרט.

„איך ווייס אז שוין יעצט ווערט אָט דער טיפּ פון מאן־ארבייטער ענטוויקעלט אין בירָא בידזשאַן. די אַרבייטער און פּויערים פון בירָא בידזשאן האָבען שוין איצט אָנגעפאנגען באהערשען דעם געגענד. זיי וואוינען אין פארהעלטניסמעסיג גוט געבויטע הייזער מיט געוויסע באקוועמליכקייטען... די באפעלקערונג איז דורכגעדרונגען מיט א געזונטען, מונטערען גייסט...

„בירָא בידזשאן איז אויסערגעוועהנליך רייך מיט נאַטירליכע אוצרות. אין דעם געגענד זיינען דאָ גרויסע שטרעקעס פון וואַלד, א סך חיות מיט טייערע פעלען, פיש, טייערע מינעראלען אוצרות מיט רויען מעטאַל, אפילו גאָלד...

„דער צווייטער פינף־יאָהריגער פּלאן האָט איינגעשלאָסען אין זיין פּראָגראם אלס איינעם פון זיינע וויכטיגע בוי־פּראָיעקטען די אויפבויאונג אין די כינגאנישע בערג פון מעטאַלורגישע אונטערנעמונגען, דאָס מיינט אין דער טעריטאָריע פון בירָא בידזשאַן, און די ענטוויקלונג פון קוילען מינען אין דעם בוריאנער געגענד, וואָס געפינט זיך ביים סאַמע גרעניץ פון בירָא בידזשאן... דאָס גיט בירָא בידזשאַן קאָלאָסאלע מעגליכקייטען פאר סאָציאליסטישער בויאונג...

„אן אויטאָנאָמישער געגענד איז א גרויסע זאך ביי אונז אין סאָוועטען פארבאַנד. דער אידישער אויטאָנאָמישער געגענד וועט האָבען זיינע פאָרשטעהער אין דעם ראט פון נאציאָנאליטעטען, אין דעם צענטראלען אויספיהר קאָמיטעט און אין דעם ראט פון פאָלקס קאָמיסארען, אן אייגענעם בודזשעט און אן אייגענעם פינף־יאָהריגען פּלאן...

די וויכטיגסטע זאך פאר בירָא־בידזשאַן אין דעם איצטיגען מאָמענט איז די ריכטיגע אָרגאַניזירונג פון איינוואנדערונג. פון וואַנען וועלען די איינוואנ־דערער קומען? עס איז קלאָר, אז דער נויטיגער מענשליכער מאַטעריאל וועט קומען פון די שטעדט און שטעדטלעך מיט א געדיכטער אידישער באפעלקערונג. אויסער דעם, ווי די ערפאהרונג פון דער באזעצונג פון בירָא בידזשאַן האָט געצייגט, אז מיט דער וויטערדיגער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג פון דעם געגענד וועט אויך זיין אן ארייננפלוס פון ארבייטער פון אויסלאנד. עס הערשט א שטאַרקער מאַנגעל פון ערפארענע ארבייטער.״

# אידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס

## אין די פאראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקע

### אידישער וועלפעיר באָארד

אָרגאַניזירט 1917.
אָפיס, 71 וועסט 47טע סטריט.
פאראייניגט מיט דעם ראטה פון יאָנג מענ'ס היברו אסאָסיאיישאָן.
צוועק: צו שאפען „יאָנג מענ'ס און יאָנג ווימען היברו אסאסיאיי־שאנס" און צו העלפען גרינדען אידישע געמיינדע סענטערס צו ענטוויק־לען דעם גייסט פון גוטע אמעריקאנער בירגער און גוטע אידען.
אוירווינג לעהמאַן, טשערמאַן — הערי גלוקסמאַן, דירעקטאָר

### אידישער פארלאג, דזשואיש פּאָבליקיישאָן סאָסייעטי

אָרגאַנאַזירט 1888.
אָפיס, בראָד און ספרינג גארדען, פילאדעלפיע.
צוועק: צו שטיצען אַלע בילדונגס אונטערנעהמונגען און ארויסגעבען ניצליכע ביכער.
5132 מיטגלידער.
די געזעלשאפט גיט ארויס יעהרליך „דעם אידישען יאָהר־בוך" פון די יאָהרען 1899 ביז היינט.
פילע ביכער האָט די געזעלשאפט ארויסגעגעבען, וואָס האָבען א פערמא־נענטען ווערט איבער פארציייטיגע אידישע ליטעראטור, אידישע געשיכטע, ביאָגראפיע, פובליציסטיק, בעלעטריסטיק און וויסענשאפטליכע געגענ־שטענדע.
יעקב סאָליס־קאָהען, פרעזידענט — אדאָלף אקס, וויים־פרעזידענט
האָווארד וואָלף, עדיטאָר — יוליוס גראדינסקי, סעק.

### אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד

געגרינדעט אין יאָהר 1921.
אָפיס, 175 איסט בראדוויי.
צוועק: צו פּראָפּאגאנדירען צווישען אידישע מאסען די פּרינציפּען פון סאָציאַליזם און פארשפּרייטען סאָציאַליסטישע אויפקלעהרונג צווישען די אידישע ארבייטער.
דער פארבאנד האָט א פארלאג, וואָס גיט ארויס פון צייט צו צייט ביכער און בראָשורען פון סאָציאַליסטישער אויפקלעהרונג.
דער פארבאנד גיט ארויס די צייטונג „דער וועקער".
סאול ריווקין, טשערמאן פון פארבאנד — נחום כאנין, סעקרעטער

### אידישער נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד

אָרגאַניזירט 1912.
אָפיס, 404 פערטע עוועניו, ניו־יאָרק.

צוועק: געגענזייטיגע הילף און אויפקלערונג אין ציוניסטישען און סאָציאַליסטישען גייסט.

דוד פינסקי, פרעזידענט — לואיס סיגעל, סעקרעטער

## אידישע קולטור געזעלשאַפט

אָרגאַניזירט 1928.

אָפיס, 147 סעקאַנד עוועניו, ניו־יאָרק.

צוועק: צו פאַרשפּרייטען אידישע קולטור און צו אַנטוויקלען געשמאַק אין אידישע ליטעראַטור.

דוד פינסקי, פּאָרזיצער — ס. לוצקער, סעקרעטער

## אידישער וויסענשאַפטליכער אינסטיטוט

אַמעריקאַנער אַבטיילונג

אָפיס, 1133 בראָדוויי, ניו־יאָרק.

צוועק: צו העלפען אויפהאַלטען דעם וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט אין ווילנע.

דר. מוקדוני, פּאָרזיצער; דר. י. שאַצקי, דירעקטאָר; נ. פיינערמאַן, סעק.

## אגודת ישראל

אָרגאַניזירט 1922.

אָפיס, 152 וועסט 42טע סט., ניו־יאָרק.

צוועק: צו פאַרשפּרייטען אידישקייט אין שטרענגען אָרטאָדאָקסישען גייסט און לערנען תורה לויט די אַלטע אידישע טראַדיציעס.

יצחק סטראַל, פרעזידענט

## אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדען

אָרגאַניזירט 1930.

אָפיס, 80—5טע עוועניו.

צאָהל אידישע מיטגלידער 20,000.

צאָהל פון אַלע מיטגלידער 51,000.

וומ. וויינער, טשערמאַן; ר. זאַלצמאַן, סעקרעטאַר

## „אָרט"

אָרגאַניזירט 1921.

צוועק: העלפען פּראָדוקטיוויזירען דעקלאַסירטע אידען אין אייראָפּא און זיי לערנען א מלאכה.

ב. וולאַדעק, טשערמאַן; י. וויינבערג, טרעזשורער; פיליפּ בלאַק, סעק.

## אידישער חזנים פאַראיין פון אַמעריקע

אָרגאַניזירט 1890.

אָפיס, 945 פאָקס סט., ניו־יאָרק.

400 מיטגלידער.

צוועק: צו דערהויבען די פּראָפעסיע און שטיצען נויטבאַדערפטיגע חזנים און זייערע פאַמיליעס.

יעקב ראַפּאָפּאָרט, פרעזידענט

## אידישער פאראיין פון ענטוויקלונג געזונטען גייסט

אָרגאַניזירט 1925.
אָפיס, 9 איסט 40טע סט., ניו־יאָרק.
צוועק: אויפצוהאַלטען הייסטינגס הילסייד האָספּיטאַל צו היילען נער־ווועזע קראנקהייטען און לייכטע גייסטיגע קראנקע צו פארהיטען פון משוגעת.

איזראַעל סטראוס, פּרעזידענט

## אמעריקאַנער הילף־קאָמיטעט פאר תימנער אידען

אָרגאַניזירט 1928.
אָפיס, 4311—14טע עוועניו, ברוקלין, נ. י.
צוועק: צו העלפען די ארימע תימנער אידען און זייערע אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל.

א. גאבלי, סעקרעטער

## אמעריקאַן נעשאָנאַל קאָמיטע פאָר פּרעזערווינג העלטה עמאָנג דזשוס

אמעריקאנער קאָמיטעט צו פארהיטען דעם געזונד פון אידען
אָרגאַניזירט מאי 10, 1929.
אָפיס, 1919 מעדיסאָן עוועניו, ניו־יאָרק.
צוועק: אָבצוהיטען דעם געזונד, לערנען סאַניטאַרע פאָדערונגען און היגיענע.

מילטאן ראזענוי, טשערמאן

## אמעריקאַן פּרא־פאלאשא קאָמיטע

אמעריקאַנער קאָמיטעט פאר די פאלאשען (אבעסיניער אידען)
אָרגאַניזירט 1922.
אָפיס, 305 בראדוויי, ניו־יאָרק.
צוועק: צו פארשפּרייטען בילדונג און די פּרינציפּען פון דער אידישער רעליגיע צווישען פאלאשען (אבעסינער אידען).
סיירוס אדלער, האָנ. טשערמאַן    וום ראזענבלום, טשערמאַן

## אידישע ליעג פאָר ארבייטער פון ארץ ישראל

געגרינדעט מאי, 1934.
מיטגלידער 3000.
אָפיס, 1225 בראָדוויי, ניו יאָרק.
צוועק: צו העלפען פינאַנציעל און מאָראליש אידישע ארבייטער אין פאַלעסטינע און פּראָפּאָגאַנדירען די לעהרעס פון די ארץ ישראל'דיגע ארבייטער־חלוצים.

דר. וואהל, פּרעזידענט

## אידישער לעהרער סעמינאַר

אָרגאַנאַזירט 1917.
אָפיס, 425 לאַפאַיעט סטריט, ניו־יאָרק.
ווערט אויפגעהאַלטען פון אידישע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס.
צוועק: געבען א גוטע פאַרברייטונג אין אידישע און אַלגעמיינע לימודים צו יונגע לייט און יונגע מיידלאַך, וועלכע ווילען זיך ווידמען דער פּראָ־פעסיע פון לעהרער, געזעלשאַפטליכע טוער אין אידישע שולען.

פּ. נינגאָלד, סעקרעטאַר

## אידישער ארבייטער קאָמיטעט

אָרגאַניזירט 1934.
אָפיס, 175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק.
צוועק: צו פארטרעטען אידישע ארבייטער אין אמעריקע אין אלע פראַגען פון אידישע אנגעלעגענהייטען.
ב. וולאַדעק, פּרעזידענט; י. באַסקין, סעק.; ד. דובינסקי, טרעזשורער
ב. געבינער, עקז. סעק.

## אמעריקאַן דזשואיש דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע

אמעריקאַנער אידישער דזשאָינט פארטיילונג קאָמיטעט
אָרגאַניזירט 1914.
אָפיס, 7 האַנאָווער סט., ניו־יאָרק.
צוועק: פּאַרטיילונג פון פאָנדס פאר רעליף און צו פארלייכטערן אויף אלע אופנים דעם לעבען פון נויטבאַדערפטיגע אידען אויף יענער זייט ים.
פעליקס מ. וואַרבורג, עהרן־טשערמאַן; פּאול בערנוואַלד, טשערמאַן; הערבערט ה. לעהמאַן, וויס־טשערמאַן; בערנאַרד קאָהן, דירעקטאָר אין מזרח און צענטראַל אייראָפּע; דזשאָזעף א. ראָזען, אין רוסלאַנד.

## אמעריקאַנער דזשואיש קאָמיטי

אמעריקאַנער אידישער קאָמיטעט
אָרגאַניזירט 1906.
אָפיס, 171 מעדיסאָן עוועניו, ניו־יאָרק.
252 מיטגלידער־פארטרעטער.
צוועק: צו פארטיידיגען די בירגערליכע און רעליגיעזע רעכטע פון אידען אויף דער וועלט. העלפען מיט אלע מיטלען צו דערווערבען גלייכהייט פאר אידען מיט אנדערע פעלקער אויף דעם עקאָנאָמישען, געזעלשאַפט־ליכען און ערציאונגס געביט. צו פארלייכטערען דעם לעבען פון פאר־פאָלגטע אידען אין אלע לענדער.
סיירוס אדלער, פּרעז.; אירווינג לעהמאַן, פּרעז.; מ. דיוואַלדמאַן, עקז. סעק.

## אמעריקאַנער קאָמיטעט צו באַזעצען דייטשע אידען אין סאָוועט־רוסלאַנד

געגרינדעט 1934.
אָפיס, 285 מעדיסאָן עוועניו, ניו־יאָרק.
צוועק: אנצופיהרען פּראָפּאַגאַנדע און שאַפען מיטלען צו באַזעצען אי־דישע פּראָפעסיאָנעלע געבילדעטע לייט, אויסגעוויזענע פון דייטשלאַנד אין סאָוועט־רוסלאַנד, הויפּטזעכליך אין בירא־בידזשאַן.
אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען באַטייליגט: לואיס ווייליע, ביזנעס מענעד־זשער פון ניו יאָרק „טיימס", ראובן בריינין, ארטהור גאַרפילד הייס, עדוו. א. ארענאַג פון שערידאַן, טאַקאַלסקי און פּעקאַרא; איניציאַטאָרס: מאַקס לעווין און בודיש.
געגרינדעט מיט דער באַטייליגונג פון לאָרד מארלי אין ריטץ קארלטאָן האָטעל.
לאָרד דאַדלי מארלי, האָנ. טשערמאַן     וום וו. קאַהען, טשערמאַן
דער קאָמיטעט שיקט אַן עקספּעדיציע אונטער דעם פּאָרזיץ פון דזשאָהן מעדען, דיען אָף סקול אָף קאַמורס צו אונטערזוכען די מעגליכקייטען פון בירא־בידזשאַן.

**אמעריקאַנער אבטיילונג פון דער אידישער אגענטור פאר פּאַלעסטינע**

אָרגאַניזירט 1932.
אָפּיס, 111 — 5טע עוועניו, ניו־יאָרק.
115 מיטגלידער.
צוועק: צו באַטייליגען זיך אין דער אַלגעמיינער ארבייט פון דער דזשואיש אײדזשענסי פאר פּאַלעסטינע.
פעליקס מ. ווארבורג, האָנ. טשערמאַן — וו. מעק, טשערמאַן
מאָריס ראָטענבערג, טשערמאַן אדמ. קאָמ.

**אמעריקאַן אַקאַדעמי פאָר דזשואיש ריסוירטש**

אמעריקאַנער אקאדעמיע פון אידישע פאָרשונגען

אָרגאַניזירט 1920.
אָפּיס, בראָדוויי קאָר. 122טע סט., ניו־יאָרק.
יעהרליכער מיטינג—דעצעמבער.
285 מיטגלידער.
צוועק: צו פאַרפאָלקאָמען אידישע לעהרע דורך פאַרזאַמלונגען און דיס־קוסיעס; ארויסגעבען שריפטען, שאַפען נאָהענטע באַציאונגען צווישען געלערענטע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקא און אנדערע לענדער א. ז. וו.
אלעקסאַנדער מארקס, פּרעז. — לעאָ דזשאַנג, סעקרעטער

**„איקאר"**

געגרינדעט 1924.
אָפּיס, 799 בראָדוויי, ניו־יאָרק.
צוועק: צו באַזאָרגען אידישע קאָלאָניסטען אין סאָוועט־רוסלאַנד און הויפּטזעכליך די קאָלאָניסטען אין בירא־בידזשאַן מיט מאַשינען און טעכ־נישע מיטלען.
פּראָפ. טשארלס קונץ, טשערמאַן — מאַקס לעווין, וויס־טשערמאַן

**אמעריקאַן פרענדס אָף די היברו יוניווערסיטי דזשערוסאַלעם**

אמעריקאַנער פריינד פון העברעאישען אוניווערסיטעט אין ירושלים

אָרגאַניזירט 1925.
אָפּיס, 71 וועסט 47טע סט., ניו־יאָרק.
צוועק: צו פאַרשפּרייטען אינפאָרמאַציע וועגען דעם העברייאישען אוני־ווערסיטעט און שאַפען פאַר איהם שטיצע.
א. ס. וו. ראָזענבאַך, פּרעז.; פעליקס מ. ווארבורג, טשערמאַן פון קאָונסיל; דר. הערבערט אסקוויט, אַמ. דזש. פיזישענס קאָמיטע

**אמעריקאַן דזשואיש היסטאָריקאַל סאָסייעטי**

אָרגאַניזירט 1892.
אָפּיס, 3080 בראָדוויי, ניו־יאָרק.
400 מעמבערס.
צוועק: ערוועקען אינטערעס אין אידישער געשיכטע. האָט ארויסגע־געבען 32 ווערק, האַלט אויף א זאַמלונג פון ביכער, מאַנוסקריפּטען און היסטאָרישע ארטיקלען; האַלט אויף א לייבּרערי אין דער געביידע פון דעם

דזשואיש טהעאָלאָדזשיקאַל סעמינאַר און אויך די שיף מעמאָריעל ליי-
ברערי, בראָדוויי קאָר. 112טע סט., ניו־יאָרק.
א. ס. וו. ראָזענבאַך, פּרעזידענט — אייבּרעהעם ניומאַן, סעקרעטער

## אַמעריקאַן עקאָנאָמיק קאָמיטי פאָר פּאַלעסטיין

אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע קאָמיטע פאַר פּאַלעסטינע
אָרגאַניזירט 1932.
אָפיס, 522—5טע עוועניו, ניו־יאָרק.
פּאַלעסטינער ביוראָ, 18 ראָטשילד בולווארד, תל־אביב.
103 מיטגלידער.
צוועק: צו פאַרבעסערען די געלעגענהייטען און צוגרייטען פּאַסיגע מענ־
שען און גוטען מענשען־מאַטעריאַל אין פּאַלעסטינע און אין די גלות
לענדער פאַר דער אויפבויאונג פון א אידישע נאַציאָנאַלע היים אין פּאַ־
לעסטינע.
דזשוליען וו. מעק, פּרעז.; איזראַעל ב. בראָדי, פּרעזידענט;
לעווין עפּשטיין, דירעקטאָר תל אביב ביוראָ.

## אַמעריקאַן דזשואיש דזשוינט אַגריקאָלטשוראַל קאָרפּאָרײשאַן

אַמעריקאַנער קאָרפּאָראַציע צו רעגולירען אַגריקולטור צווישען אידען
אין רוסלאַנד.
אָרגאַניזירט 1924.
אָפיס, 7 האַנאָווער סט., ניו־יאָרק.
צוועק: צו העלפען אידען צו באַזעצען זיך אויף לאַנד און צו שאַפען
אַנדערע קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר די אידען אין רוסלאַנד.
דזשאָזעף א. ראָזען, פּרעזידענט באָארד אָף דירעקטאָרס

## אַמעראַקאַן דזשואיש פיזישענס קאָמיטי

אַמעריקאַנער אידישער דאָקטוירים קאָמיטעט
אָרגאַניזירט 1921.
אָפיס, 106 איסט 85טע סט., ניו־יאָרק.
700 מיטגלידער.
צוועק: צו בויען א מעדיצינישען קאַלעדזש און האָספּיטאַל אין דעם
העבּרעאישען אוניווערסיטעט אין ירושלים.
דר. נייטען ראַטנאָף, פּרעזידענט; עמאַנועל ליבמאַן, טשערמאַן עקז. קאָמ.

## אַרבּייטער רינג

אָרגאַניזירט סעפּטעמבער 4, 1900
אָפיס, 175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק.
אין 1932 האָט זיך אין אַלגעמיינעם אַרבּייטער רינג אָנגעשלאָסען דער
אינדעפּענדענט אַרבּייטער רינג.
מיטגלידער — 68 טויזענט.
פאַרמעגען פינף מיליאָן און 5 הונדערט טויזענט דאָלאַר.
צוועק: געגענזייטיגע הילף און בילדונג.
דעפּאַרטמענטס פון אַרבּייטער רינג:
אַלגעמיינער אָפיס — בילדונגס דעפּאַרטמענט — **מעדיקאַל דעפּאַרטמענט**
— סעמעטערי דעפּאַרטמענט — סאָשעל סורוויס דעפּאַרטמענט — **קעמפּ
אָפיס.**

י. וויינבערג, פּרעזידענט; י. באסקין, דזשענ. סעק.; א. זעלדין, טרעזשורער
מיסס ר. אַש, מענעדזשער פון סעמעטערי דעפּאַרטמענט
פּ. געליבטער, עדיוקיישאָנאַל דירעקטאָר; ל. ראָטמאַן, עקז. סעק.

**אָרדער נייטס אָף דזשאָזעף**

אָרגאַניזירט 1896.
אָפיס, 1122 סטאַנדאַרט טראָסט בילדינג, קליוולאַנד, אָהייא.
68 לאָדזשעס — 10,587 מיטגלידער.
ה. א. ראָקער, סופרים קאָמאַנדיר .... .... ד. דזש. זינער, סעקרעטער

**אָרדער סאָנס אָף זייאָן**

אָרגאַניזירט 1908.
אָפיס, 1123 בראָדוויי, ניו־יאָרק.
56 קעמפּס — 3,226 מיטגלידער.
צוועק: פראַטוירנאַל און ציוניסטיש.
יוסף קרעמער, נשיא דזשייקאָב י. קאַפּלאַן, מזכיר

**אָרדער יונייטעד היברו בראָדערס**

אָרגאַניזירט 1915.
אָפיס, 5 קאָלאַמבוס סוירקל, ניו־יאָרק.
5,800 מיטגלידער.
מאיר, גרינבערג, גרענד מאַסטער מאָריס אַראָנסאָן, גרענד סעק.

**„א. צ. א." אָף די בני ברית (אלעף צדיק אלף)**

אָרגאַניזירט 1924.
אָפיס, 659 אָמאַהאַ בענק בילדינג, אָמאַהאַ, נעב.
150 טשאַפּטערס — 5000 מעמבערס.
צוועק: גייסטיגע און פיזישע ענטוויקלונג פון דער אידישער יוגענד און די פאַרשפּרייטונג פון אידישע אידעאַלען.
היימאַן גודבינדער, גרענד אלף (גדול) אלפרעד קליין, מזכיר

**אבוקה — סטודענט זייאָניסט פעדערייזשאָן**

ציוניסטישע סטודענטען פעדעראַציע
אָרגאַניזירט 1925.
אָפיס, 1133 בראָדוויי, ניו־יאָרק.
39 טשאַפּטערס — 1500 מיטגלידער.
צוועק: אָנגעהן מיט ציוניסטישע בילדונגס טהעטיגקייט צווישען די אַמעריקאַנער אַקאַדעמישע גרופּען.
סיימאָן גרינבערג, פּרעזידענט עני הערים, היברו סעקרעטער

**אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם**

אָרגאַניזירט 1887.
אָפיס, 37 זיבעטע סטריט, ניו יאָרק.
497 לאָדזשעס — 93,971 מיטגלידער.
מאַקס זילבערשטיין, גרענד מייסטער מאַקס האָלענדער, גרענד סעק.

**בני ברית — עלטסטער אידישער אָרדער**

אָרגאַניזירט 1843.
אָפיס, 9 וועסט 4טע סט., סינסינעטי, אָייהאָ.

75,000 מיטגלידער, 401 לאָדזשעס אין נאָרטה אמעריקא, 215 אין איי־ראָפּע, אזיע און אפריקע.
צווישען די פילע טהעטיגקייטען פון דעם אָרדער זיינען דא: יתומים הייזער אין קליוולאנד און אטלאנטא, א היים פאר אלמנות און יתומים אין ניו ארליענס, א מושב זקנים אין יאָנקערס, א יתומים־הויז אין לאָס־אנדזשעלעס, דער נאַציאָנאלער אידישער האָספּיטאל פאר קאָנסאמפּטיווס אין דענוער, די הלל פאונדיישאָן אין פארשיידענע אוניווערסיטעטען און פילע אנדערע אנשטאלטען.
אלפרעד מ. קאָהען, פּרעזידענט — י. מ. רובינאָוו, סעקרעטער

## פון דער פּראָגראַמע פון בני ברית

„דער צוועק פון אונזער אָרגאַניזאציע איז צו פאראייניגען אידען צו ענט־וויקלען זייערע העכסטע אינטערעסען און זיי זאָלען זיין אין איינקלאנג מיט די אינטערעסען פון דער גאנצער מענשהייט... צו פארשפּרייטען די פּרינציפּען פון יודענטהום אין פילאָזאָפישען גייסט... צו פארגרינגערען די לאגע פון אָרימע און נויטליידענדע״.
די בני ברית האָט לאָדזשען אין פילע לענדער און אין א גרויסען זין איז די בני ברית אן אלוועלטליכע אידישע אָרגאַניזאציע. די 81טע קאָנווענשאָן פון דיסטריקט גרענד לאָדזש נומער 1, וואָס נעמט ארום די לאָדזשען פון קענעדע, ניו־יאָרק און ניו־ענגלאנד איז אבגעהאלטען געווארען אין מאָנטרעאל דעם 26, 27 און 28טען מאי, 1934.

### בני ברית הלל פאונדיישאָן

אָרגאנאזירט 1923.
אָפיס, עלעקטריק בילדינג, סינסינעטי, אָהייאָ.
צוועק: אויפצוהאלטען אינסטיטוציעס צווישען אידישע סטודענטען, וואָס זאָלען ערהויבען זייער מאָראלע און רעליגיעזע געפיהלען.
א. ל. זאכאר, דירעקטאר

### ברית שלום

אָרגאַניזירט 1905.
אָפיס, 506 פּיין סט., פילאדעלפיע.
139 לאָדזשעס — 18,479 מיטגלידער.
וויליאם מ. לואיס, גרענד מאסטער .... מארטין אָ. ליווי, גרענד סעקרעטער

### באראָן דע הירש פאָנד

אָרגאַניזירט 1891.
אָפיס, 220 פינפטע עווענוי, ניו־יאָרק.
געגרינדעט דורך אן ענדאָומענט פון באראָן און באראָנעסע דע הירש מיט א סומע פון דריי מיליאָן אכט הונדערט טויזענט דאלאר, צו לערנען אידישע קינדער טריידס און לאנד־ארבייט און צו אמעריקאניזירען אי־דישע אימיגראנטען, ווי אויך צו ענטוויקלען ערד־ארבייט צווישען אידען.
דזשארדזש וו. נאַמבערג, פּרעז. — מאקס דזש. קאהלער, עהרען סעק.
די געזעלשאפט שטיצט אגריקולטורעלע אונטערנעמונגען, האלט אויף די באראָן דע הירש טרעיד סקול און האָט געגרינדעט דאָס אידישע פאַרם שטעדטעל וואודבײַן, ניו דזשוירזי.

## ביוראָ אַף דזשואיש סאָשיעל ריסוירטש

ביוראָ פון אידישע סאָציאַלע פאָרשונגען

אָרגאַניזירט 1919.

אָפיס, 71 וועסט 47טע סט., ניו־יאָרק.

אויפגעהאַלטען פון די אידישע פעדעריישאַנס.

צוועק: צו העלפען אין פילאַנטראָפּישע ארבייט און געבען וויכטיגע אינפאָרמאַציע אין באַצוג צו פילאַנטראָפּישע ארבייט.

די ביוראָ דרוקט צייטשריפטען און סטאַטיסטישע באַריכטען.

אדאָלף לואיסאָן, עהרען־פּרעזידענט ה. ל. לוריע, עקז. דירעקטאר

## געווערקשאַפטען קאַמפּיין פאַר אידישע ארבייטער אין פּאַלעסטינע

געגרינדעט 1920.

אָפיס, 1225 בראָדוויי, ניו־יאָרק.

צוועק: צו העלפען אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אין פּאַלעסטינע.

געוועזענע טשערלייטע זיינען די באַוואוסטע פאָרשטאָרבענע טוער פון דער אידישער ארבייטער באַוועגונג מאַקס פּיין און אברהם שיפּליאַקאָף.

געזאַמעלט איבער א מיליאָן דאָלאר פאַר די אידישע ארבעטער אָרגאַניזאַציעס אין פּאַלעסטינע.

י. שלאָסבערג, טשערמאַן מאָריס פיינסטאָן א. העמלין, סעק.

דוד דובינסקי, קאָ־טשערמאַן.

## דזשואיש קאָנגרעס — דער אידישער קאָנגרעס

אָרגאַניזירט 1920.

אָפיס, 122 איסט 42טע סט., ניו־יאָרק.

צוועק: צו דערווערבען פולע רעכטע פאַר אידען, צו האַנדלען אין אַלע אַנגעלעגענהייטען וואָס האָבען א שייכות צו אידישע אינטערעסען.

ראַבי סטיפען וויז, עהרען־פּרעזידענט ס. דייטש, פּרעזידענט

נייטען ד. פּערלמאַן, טשערמאַן פון דער אדמ. קאָמיטע,

יוסף טאַנענבוים, טשערמאַן עקז. קאָמ., אייבערהעם ה. קאָהען, דירעקטאָר

## דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו ענד עקס פּיישענטס רעליף אַף קאַליפאָרניא

אידישער רעליף פאַר געוועזענע קראַנקע פון קאָנסעמפּשאַן אין קאַליפאָרניע

אָרגאַניזירט 1912.

אָפיס, 742 סאַוטה היל, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניא.

סאַניטאַריום אין דיוארטע, קאַל., עקס פּיישענטס האָום אין בעלוועדיר, קאַל. 40 אָקזילערים, 50 טויזענט מעמבערס.

צוועק: אויסצוהאַלטען א סאַניטאַריום און עקס־פּיישענס האָום מיט 60 בעטען.

לעסטער וויליאַם ראָטה, פּרעזידענט אייבערהעם שאָהען, עקז. דירעקטאָר

## דזשואיש קאָנסאָמפּטיוו רעליף סאָסייעטי אַף דענווער

הילף פעראיין צו העלפען קאָנסאָמפּטיווס אין דענווער, קאָלאָראַדאָ.

אָרגאַניזירט 1904.

100,000 ביישטייערער — 300 בעטען — 11 אָקזילערי סאָסייעטיס.

גיט ארויס דעם דזש. סי. ר. ס. בולעטין.

פיליפּ הילקאָוויץ, פּרעזידענט

**דעבאָרא דזשואיש קאָנסאַמפּטיוו סאַניטאַריום (דבורה סאַניטאַריאום)**

אָרגאַניזירט 1923.
סאַניטאַריום און אָפיס אין בראַונס מילס, ניו דזשוירזי.
10,000 מיטגלידער — 400 אָרגאַניזאַציעס העלפען.
צוועק: אויפצוהאַלטען א פרייען נאַציאָנאַלען סאַניטאַריום פאַר טובער־קולאָזע. איצט ווערען אויפגעהאַלטען 46 פּאַציענטען. א נייע געביידע ווערט געבויט, וועלכע וועט פאַרגרעסערן די צאָל פּאַציענטען.
איזראעל קעטץ, טשערמאַן    דזשעסי סאַמענשטיין, טרעזשורער

**דראָפּסי קאַלעדזש**

אָרגאַניזירט 1907.
פאַר שטודיום פון אידענטהום.
אָפיס, בראָד און יאָרק, פילאַדעלפיא.
אינוועסטירטע פאָנדס ארום 9 הונדערט טויזענט דאָלאַר.
די ביבליאָטעק באַשטעהט פון איבער פערציג טויזענט ביכער און פּאַמ־פלעטען.
סיירוס אדלער, פּרעזידענט
פאַקולטעט: סיירוס אדלער, פּרעז.; סאָלאָמאָן צייטלין, איבער רבנישע ליטעראַטור; אברהם ניומאַן, איבער היסטאָריע; ג. רייך, איבער עגיפּ־טאָלאָגיע; יוסף ריידער, איבער תנ״ך און ל. סקאָס, איבער אראַבישע ליטעראַטור.

**דזשואיש טהעאָלאָדזשיקאַל סעמינארי אָף אמעריקא (טהעאָלאָגישע סעמינאַריע)**

אָרגאַניזירט 1886.
נייע געביידעס, בראָדוויי צווישען 122טע און 123טע סט., ניו יאָרק.
אינוועסטירטע פאָנדס $4,380,536.
105 טויזענט ביכער, 7000 מאַנוסקריפּטען.
סאָל מ. סטורק, טשערמאַן

**דזשואיש קאָרט אָף ארביטריישאָן (בוררים קאָורט)**

אָרגאַניזירט 1920.
אָפיס, 305 בראָדוויי, ניו־יאָרק.
פיר ברענטשעס.
צוועק: צו שליכטען סכסוכים צווישען אידען, סאָסייעטיס, לאָדזשען, שולען, און זיי פאַרשפּאָרען צו געהן אין געריכט־הייזער.
סעמועל ביוכלער, גרינדער און עהרן־פּרעז. פרידא אדאַמסבאַום, קאָר. סעק.

**דזשואיש אינסטיטוט אָף רעלידזשיאָן (אינסטיטוט צו שטודירען אידישע רעליגיע)**

אָרגאַניזירט 1922.
אָפיס, 40 וועסט 68טע סט., ניו־יאָרק.
צוועק: סקול פאַר אידישע גייסטליכע און פאַר געזעלשאַפטליכע ארבייט.
אינוועסטירטע פאָנדס $500,000. ביבליאָטעק באַשטעהט פון 35,000 ביכער, 6,500 פּאַמפלעטען.
48 סטודענטען.
סטיפען וויז, פּרעזידענט    גערטרוד עדעלשטיין, סעקרעטער

**דזשואיש אגריקאַלטשאָראל סאָסייעטי (אידישע אגריקולטור געזעלשאפט)**

אָרגאַניזירט 1900.

אָפיס, 301 איסט 14טע סט. ,ניו־יאָרק.

ברענטש אָפיסעס — שיקאגא, פילאדעלפיא און עלענוויל, נ. י.

צוועק: צו ערמוטיגען פארם ארבייט צווישען אידען אין אמעריקע.

לואיס י. סטראוס, פרעזידענט גבריאל דייווידסאָן, דזשענ. מענ.

**דזשואיש אקאדעמי אָף אַרטס ענד סייענסעס (אקאדעמיע פון קונסט און וויסענשאפט)**

אָרגאַניזירט 1926.

אָפיס, 498 וועסט ענד עווע., ניו־יאָרק.

100 מעמבערס.

צוועק: צו ערמוטיגען אידישען און אלגעמיינעם לערנען דורך פארזאמ־לונגען און אויסטויש פון מיינונגען, ארויסגעבען וויכטיגע וויסענשאפט־ליכע ווערק און פרעזענטירען דעם יעהרליכען אקאדעמי מעדאל פאר אויס־צייכענונג אין קונסט אדער וויסענשאפט, וואָס האָט אויפגעהויבען דעם אידישען פרעסטיזש.

הענרי קעלער, עהרען־פרעזידענט שעלי ר. סאפיר, עקזעק. סעק.

**דזשואיש טעאטריקאל גילד אָף אמעריקא (אידישע טעאטער גילד)**

אָרגאַניזירט 1924.

אָפיס, 1560 בראָדוויי, ניו־יאָרק.

2000 מיטגלידער.

צוועק: פארשטארקען דעם יודענטהום אויף דער ביהנע, צו שטיצען די קראנקע און צו בויען א מעמאָריאל האָל.

וויליאם מאָרים, גרינדער עדי קאנטער, פרעז. לאָני העסקעל, סעק.

**דזשואיש וואָר וועטעראנס אָף די יונייטעד סטייטס (אידישע מלחמה וועטעראנען)**

אָרגאַניזירט 1894.

אָפיס, 591 סאָמיט עווע., דזשוירזי סיטי, נ. דזש.

72 פּאָסטען — 40,000 מיטגלידער.

צוועק: אָנצוהאלטען איבערגעבענהייט צו די פאראייניגטע שטאאטען, צו ענטוויקלען חברשאפט צווישען די מיטגלידער, צו שטיצען נויטבא־דערפטיגע קאמעראדען און זייערע פאמיליעס און צו עהרען דעם אנדענ־קען פון טויטע העלדען.

דזשאָרדזש פרידמאן, הויפט קאָמאנדיר

**החלוץ**

אָרגאַניזירט 1932.

אָפיס: 1225 בראָדוויי, ניו־יאָרק.

צוועק: צוגרייטען אמעריקאנער אידישע יוגענט צו א לעבען פון ארבייט אין ארץ ישראל.

400 מיטגלידער.

19 ברענטשעס אין 3 צוגרייטונגס פאָרמס.

דער אמעריקאנער החלוץ איז א טייל פון דער וועלט החלוץ באוועגונג וועלכע צעהלט איבער הונדערט טויזענט מיטגלידער.

שמואל צאהלער, סעקרעטאר

**היברו שעלטערינג ענד אימיגראַנט אייד סאָסייעטי (הכנסת אורחים)**

אָפיס, 425 לאַפאַיעט עווע., ניו־יאָרק.
אָרגאַניזירט אלס הכנסת אורחים אין 1888, פאראייניגט מיט די היב. אימ. אייד סאָסייעטי אין 1901.
צוועק: צו העלפען אין דעם געזעצליכען אריינקומען פון אימיגראַנטען אין די פאראייניגטע שטאאטען, צו פארזאָרגען זיי מיט צייטווייליגע הילף, צו ענטמוטיגען זיי פון באזעצען זיך אין שטעדט מיט גרויסע באפעל־קערונגען, אויפצוהאלטען אָפיסעס אין אנדערע לענדער אום צו ראטען אידישע אימיגראַנטען וועגען דער לאגע אין די לענדער אין וועלכע זיי אימיגרירען, צו באגעגנען די אימיגראַנטען ביי זייער אָנקומען און געבען זיי די מעגליכקייט צו ווערען זעלבסטשטענדיג.
אייבערהעם הערמאַן, פרעז. אייזיק ל. אסאָפסקי, דזש. מענעדזשער

**„השומר הצעיר" (ערציערישע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגענד אָרגאַ־ניזאַציע)**

אָרגאַניזירט 1923.
אָפיס, 305 בראָדוויי, ניו־יאָרק.
צוועק: ערציען די מיטגלידער אלס פיאָנערן פאר ארץ ישראל און פאר א קאָלעקטיווען צוזאמענלעבען אין ארץ ישראל לויט באשטימטע פרינצי־פען פון ערציאונג.

**„הדסה", די פרויען ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע**

אָרגאַניזירט 1912.
אָפיס, 111 פינפטע עווענין, ניו־יאָרק.
255 טשאַפּטערס, 910 סאָינג סוירקלס, 170 דזשוניאר גרופּען.
הענריעטא סזאָלד, עהרען־פרעז., ירושלים מרס. סעמועל האַלפערן, פרעז.

**הסתדרות עברית**

אָרגאַניזירט 1922.
אָפיס, 111 פינפטע עווענין, ניו־יאָרק.
103 סאָסייעטיס — 3,130 מיטגלידער.
צוועק: די ענטוויקלונג פון דער העבראישע קולטור און דער העברע־אישער שפראך.

סאלאמאן גאָלדמאַן, פרעזידענט

**היברו טהעאָלאָדזשיקאל קאָלעדזש**

אָרגאַניזירט 1921.
אָפיס, 3448 דאגלעס בולווארד, שיקאגא, איל.
צוועק: צוגרייטען פעהיגע און געלערענטע ראַביים און לעהרער פאר דעם אמעריקאנער יודענטהום.

**היברו יוניאָן קאָלעדזש**

ראבינער קאָלעדזש פון רעפאָרמירטע אידען
אָרגאַניזירט 1875 אין סינסינעטי.
באזיצט א ביבליאָטעק פון 86 טויזענט ביכער, האלט אויף א סקול פאר לעהרער אין ניו־יאָרק.
געטשאַרטערט אונטער די געזעצען פון אהייאָ סטייט.

ווערט געשטיצט פון דעם פאראיין פון אידישע רעפאָרמירטע געמיינדעס.
גראַדואירטע 361.
אלפרעד קאהען, טשערמאַן באָארד אף גאָווערנאָרס
פאַקולטעט: פרעזידענט פראָפ. יוליאַן מאָרגענשטערן, איבער תנך און סעמיטישע שפּראַכען; פּראָפ. משה בוטערוויזער, איבער תנך; פּראָפ. לויטערבאַך, איבער תלמוד; פּראָפ. ענגלענדער, איבער מיטעלאַלטערליכע פילאָזאָפיע; פּראָפ. בעטאַן, איבער מדרש; לואיס לוני, איבער רעפאָרם יודענטהום.

## די יצחק אלחנן טהעאָלאָדזשיקאַל סעמינארי און ישיבה קאַלעדזש

אָרגאַניזירט 1896.
טשאַרטער אַמענדירט אין 1928, צו געבען קורסען וואָס זיינען אנערקענט פון דער באָארד אף רידזשענטס. די ישיבה איז אויטאָראַזירט צו געבען די דיגרים ב. א. און ב. ס. (בעטשלאָר אף אַרט און בעטשלאָר אף סייענס).
די ביבליאָטעק באַשטעהט פון 30,000 ביכער.
די ישיבה געפינט זיך אויף 186טע סטריט און אַמסטערדאַם עווע., נ. י.
צוועק: צו פאַרשפּרייטען אידישע וויסענשאַפט און צוגרייטען רבנים און לעהרער.
מ. ס. מאַרגאָליס, עהרען־פּרעז. סעמועל ליווי, טשערמאַן

## יונייטעד אָרדער טרו סיסטערס (אָרדער פון אידישע פרויען)

אָרגאַניזירט 1846.
אָפיס, 150 וועסט 85טע סט., ניו־יאָרק.
35 לאָדזשעס — 11,729 מיטגלידער.
גיט ארויס א מאָנאַטליכע צייטשריפט, רעדאַקטאָר מרס. אסתר דייוויס.

## יונייטעד רומעניען דזשוס אף אַמעריקא (פאַראייניגטע רומענישע אידען)

אָפיס, 799 בראָדוויי, ניו יאָרק.
צוועק: צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון די אידען אין רומעניען, צו אַרבייטען פאַר זייער פּאָליטישע פרייהייט און פאַר זייער עקאָנאָמישען קיום. אויך צו פאַרטרעטען די אינטערעסען פון די רומענישע אידען אין אַמעריקע.
לעאָ וואָלפסאָן, פּרעזידענט הערמאַן ספּייער, סעקרעטער

## יוניאָן אָף אַמעריקאַן היברו קאָנגרעגיישאָנס (פאַראייניגטע קאָנגרעגיי־שאַנס)

אָרגאַניזירט 1873.
אָפיס, מוירטשענטס בילדינג, סינסינעטי, אָהייאָ.
284 קאָנגרעגיישאָנס.
צוועק: צו העלפען אָרגאַניזירען קאָנגרעגיישאַנס און סינאַגאָגען, צו פאַרשפּרייטען דעם שטודיום פון אידישע געשיכטע און ליטעראַטור, אויפ־צוהאַלטען דעם היברו יוניאָן קאַלעדזש אין סינסינעטי און אָנצופירען מיט אַנדערע טהעטיגקייטען פאַר דעם יודענטהום.

## יוניאָן אף אָרטאָדאָקס דזשואיש קאָנגרעגיישאַנס אף אַמעריקא (פאַראיי־ניגטע אָרטאָדאָקסישע געמיינדעס)

אָרגאַניזירט 1898.

אָפּיס, רב יצחק אלחנן טעאָלאָדזשיקעל סעמינארי, 186טע סטריט און אמסטערדאם עוועניו, ניו־יאָרק.
ה. ריירא, מענדעס, עהרען־פּרעזידענט .... י. ל. בריל, עקז. סעק.

## יוניאָן אָף אָרטאָדקאָס ראבים אָף יונייטעד סטייטס און קאנאדא (פאראייניגטע אָרטאָדאָקסישע רבנים)

אָרגאַניזירט 1902.
אָפּיס, 214 איסט בראדוויי, ניו־יאָרק.
375 מיטגלידער.
הרב י. ראָזענבערג, עהרען־פּרעזידענט ל. סעלצער, גענ. סעק.

## יאָנג זייאָניסט אָרגאַניזיישאָן אָף אמעריקא (יונגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אמעריקע

אָרגאַניזירט 1932.
אָפּיס, 111 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.
20 גרופּען מיט 400 מיטגלידער.
צוועק: צו ארייִנבריינגען די אידישע יוגענד אין די ציוניסטישע רייהען צו ארבייטען צוזאמען מיט די עקזיסטירענדע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פאר דעם אויפבוי פון דעם אידישען נאַציאָנאַלען קאמענוועלטה אין פּאַלעסטינע, ווי אויך פארשפּרייטען ציוניסטישע אויפקלערונג צווישען דער אידישער יוגענד.

## יאָנג דזשודיא (יונג יהודה)

אָרגאַניזירט 1908.
אָפּיס, 111 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.
600 סוירקעלס.
צוועק: צו פארשפּרייטען דעם ציוניזם און צו פארבעסערען דעם גייסטיגען, פיזישען און מאָראַלען צושטאנד פון דער אידישער יוגענד.
הערבערט לעהמאן, עהרען־פּרעזידענט דייוויד לעווין, פּרעזידענט

## לעהרער פאַרבאַנד פון ארבייטער רינג שולען

אָרגאַניזירט 1924.
אָפּיס, 175 איסט בראדוויי.
צוועק: הייבען דעם פּעדאגאָגישען ניווא פון די לעהרער, פארטיידיגען די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסען פון די לעהרער און געגענזייטיגע הילף.
ס. הורוויץ, סעקרעטער

## עקס פּיישענטס טובירקולאר האָום, דענווער קאָל. (היים פאר טובערקולאָזע אין דענווער)

אָרגאַניזירט 1908.
אָפּיס, 8000 איסט מאנטוויו בולווארד, דענווער, קאָל.
50 טויזענט מעמבערס פאר אָקזילערי.
צוועק: צו פארזאָרגען מיט א היים די פּאציענטען וואָס זיינען ארויס פון א קאנסאמפּטיוו סאניטאריום און צו העלפען די וואָס ווערען געזונט צו ווערען זעלבסטשטענדיג.
הערי סטוירן, עקטינג פּרעזידענט

**מזרחי אָרגאַניזיישאַן אָף אַמעריקא (מזרחי אָרגאַניזאַציע)**

אָרגאַניזירט 1912.

אָפיס, סענטראַל ביוראָ 1123 בראָדוויי, ניו יאָרק.

20,000 מיטגלידער — 298 אָרגאַניזאַציעס.

צוועק: די ווידער־אויפבויאונג פון ארץ ישראל אין דעם גייסט פון דער אידישער תורה און טראַדיציעס.

מאיר בערלין, עהרען־פּרעזידענט — וואָלף גאָלד, פּרעזידענט

**מזרחי יוגענד (מזרחי הצעיר)**

אָרגאַניזירט 1920.

אָפיס, 1014 פּאַרק מארוי בילדינג, ניו־יאָרק.

3,500 מיטגלידער.

צוועק: דער ווידער־אויפבוי פון ארץ ישראל אין טראַדיציאָנעלען אידישען גייסט פון תורה און עבודה. (לערנען און ארבייט) און אין אַלגעמיין צו באַקאָנען די אידישע יוגענד מיט די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון דעם אידישען פאָלק.

מאיר בערלין, עהרען־פּרעזידענט — איזידאָר עפּשטיין, פּרעזידענט

**מזרחי פרויען אָרגאַניזאַציע**

אָרגאַניזירט 1925.

400 מיטגלידער — 35 ברענטשעס.

צוועק: ווידער־אויפבויען פון ארץ ישראל אין דעם טראַדיציאָנעלען אידישען גייסט און צו געבען א גייסטיגע און קולטורעלע ערציאונג צו אָרטאָדאָקסישע אידישע מיידלאך אין ארץ ישראל, אויך צו לערנען זיי פאַרשידענע טריידס.

**נאַציאָנאַלע פאַרם סקול**

אינקאָרפּאָרירט 1896.

סקול און פאַרמס, באַקס קאונטי, פּא.

אָפיס, 1701 וואַלנאַט סט., פילאַדעלפיא.

צוועק: צו ערציהען די אידישע יוגענט מיט דער טעכנישער זייט פון ערד־ארבייט און באַקענען זיי מיט דער וויסענשאַפט פון אגריקולטור.

אַדאָלף אייכהאָלץ, טשערמאַן — ס. ל. גודלינג, דיען

**די מענאָרא אַסאָסיאַיישאַן**

אָרגאַניזירט 1929.

אָפיס, 63 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.

צוועק: צו לערנען און פאַרבעסערען די אידישע קולטור און אידעאַלען.

די אינטערקאָלידזשיאַיט מענאָרא אַסאָסיאַיישאַן, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט ארבייט אין די קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטען, איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1913 און באַשטעהט פון 51 סאָסייעטיס.

די מענאָרא עדיוקיישאָנאַל קאָנפערענץ איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1918 און באַשטעהט פון קאָלעדזש פּראָפעסאָרען.

**נאַציאָנאַלע היים פאַר אידישע קינדער אין דענווער**

אָרגאַניזירט 1907.

אָפיס, וו. 9טע עווע. און דזשוליען סט., דענווער קאָלאָראַדאָ.

15 אָקזילערי סאָסייעטיס — 59,000 מעמבערס.
צוועק: צו געבען א היים צו קינדער פון טובערקולאָזע עלטערען, וועלכע געפינען זיך אין דענווער צוליב זייער געזונט.
מרס. דזש. נ. לארבער, פּרעז. דזשייקאב גערשטיין, סעק.

## נעשאָנאל קאנסיל אָף דזשואיש וואָמען (נאַצ. ראטה פון אידישע פרויען)

אָרגאַניזירט 1893.
אָפיס, 625 מעדיסאָן עווע., ניו־יאָרק.
200 סעקציעס — 120 דזשוניאר אקזילעריס.
צוועק: רעליגיעזע און אידישע ערציהונג. העלפען דערוואקסענע מענשען זיך לערנען און אויף פארשיידענע וועגען צו העלפען אימיגראנטען.
מרס. ארטור ברין, פּרעז. מערי דזש. שאנבערג, עקז. סעק.

## נאַציאָנאַלער אידישער האָספּיטאַל, דענווער

אָרגאַניזירט 1899.
אָפיס, 3800 איסט קאלפאקס עווע., דענווער, קאָלאָראדא.
צוועק: אויפצוהאלטען א פרייען נאַציאָנאַלען סאניטאריום פאר שווינדזוכטיגע.
125 טויזענט ביישטייערער, 75 פעדערייששאנס, 200 סאָסייעטיס, 253 בעטען און 16 געביידעס.
לואיס ד. ביומאנט, עהרען־פּרעז. ס. שייפער, נעשאָנאל סופּערווייזער

## נעשאָנאל פעדערייששאן אָף דזשואיש מענס קלאָבּ

אָרגאַניזירט 1929.
אָפיס, בראדוויי און 122טע סט., ניו־יאָרק.
80 סעקשאָנס — 8000 מיטגלידער.
צוועק: צו פארשפּרייטען טראדיציאָנעלען יודענטהום און אויסנוצען די כוחות פון די קלובס פאר אלגעמיינע אידישע צוועקען.
עדווארד וויינריב, פּרעזידענט טעאָדאָר טשאראנס, סעק.

## נעשאָנאל פעדערייששאן אָף טעמפּל בראָדערהודס

אָרגאַניזירט 1923.
אָפיס, מוירטשענטס בילדינג, סינסינעטי, אָהייאָ.
120 סאָסייעטיס.
צוועק: צו שאפען אינטערעס אין אידישען גאָטעסדינסט און אידישע שטודיען.
סעמועל ב. פינקעל, פּרעזידענט ארטור ל. ריינהארט, עקז. סעק.

## נעאָשנאל פעדערייששאן אָף טעמפּל סיסטערהודס

346 סאָסייעטיס.
צוועק: צו שאפען א רעליגיעזען באוואוסטזיין צווישען אידען דורך ערציאונגס טהעטיגקייט, ספּעציעל צווישען אידישע פרויען.
מרס. אייבּרעהעם סיימאָן, עהרען־פּרעז. העלען ל. סטראוס, עקז. סעק.

## נעשאָנאל פעדערייששאן אָף אָרטאָדאָקס קאָנגרעגיישאנס

אָרגאַניזירט 1932.
אָפיס, 1440 בראדוויי, ניו־יאָרק.

835 מעמבערס.
צוועק: אויפצוהאַלטען די ר' יצחק אלחנן ישיבה און צו שטיצען די קלענערע ישיבות אין אמעריקע.
מ. ס. מאַרגאָליס, עהרען־פּרעזידענט ב. ל. ראָזענבלום, עקז. סעק.

## נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון אידישער באַשעפטיגונג

אָרגאַניזירט 1930.
אָפיס, עלעקטריק בילדינג, סינסינעטי, אָהייאָ.
די צווייטע קאָנווענשאָן איז אָבגעהאַלטען געוואָרען דעם 5טען יאַנואַר, 1931. געווען פאַרטראָטען דעלעגאַטען פון אידישען קאָמיטעט, דעם אידישען קאָנגרעס, בני ברית, אינדעפּענדענט אָרדער ברית אברהם און די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען.
צוועק: צו פאָרשען די לאַגע פון אידען אַלס אַרבייטסגעבער און אַרבייטער און די דיסקרימינאַציעס געגען אידען און אַרבייט.
אַלפרעד קאָהען, טשערמאַן דר. רובינאָוו, סעקרעטער

## נאַציאָנאַלע אַסס'ן פון סענטער עקזעקוטיוועס

אָרגאַניזירט 1918.
אָפיס, 71 וועסט 47טע סטריט, ניו־יאָרק.
צוועק: צו שאַפען אַ אינטערעס אין סענטער אַרבייט און איינשטעלען פריינדליכע באַציהונגען צווישען פאַרשידענע סענטערס.
טשייסמאַן, פּרעזידענט

## ספרדישע ברודערשאַפט אין אַמעריקע

אָרגאַניזירט 1921.
אָפיס, 20 וועסט 114טע סטריט, ניו־יאָרק.
900 מיטגלידער.
צוועק: געגענזייטיגע הילף צווישען ספרדישע אידען.
שמעון ניסים, פּרעזידענט אַלבערט מאַטאַראַסאָ, סעק.

## סענטראַל קאָנפערענץ אָף אַמעריקאַן ראַביס (צענטראַלע פאַראיין פון אַמעריקאַנער רבנים)

אָרגאַניזירט 1899.
אָפיס, 204 ביופאָרד סט., מייקאָן, דזשאָרדזשיאַ.
האָט אַרויסגעגעבען 42 יאָהר־ביכער און פאַרשידענע תפילה ביכער.

## די פּיפּעלס אָרט פעדערריישאָן (פאָלקס פעדעראַציע פון אָרט)

אָרגאַניזירט (אַלס דער אַמעריקאַנער אָרט) 1922.
אָפיס, 220 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.
מיטגלידער 400
צוועק: צו ענטוויקלען פאַך און ערד־אַרבייט צווישען די אידען אין מזרח און צענטראַל אייראָפּע.
ב. טשארני וולאַדעק, נאַצ. טשערמאַן; דר. הענרי מאָסקאָוויץ, טשערמאַן באָארד אָף דירעקטאָרס; לואיס בודין, נאָריס בערמאַן, מאיר בראַון, נ. כאַנין, מאָריי לעווין, אַלעקסאַנדער קאַהן, וויס־טשערליט; דזש. וויינבערג, טרעזשורער; יחזקאל ראַבינאָוויץ, עקז. סעק.; פּיליפּ בלאָס, עקז. דירעקטאָר.

**פאראיין פון ספרדישע געמיינדעס**

אָרגאַניזירט 1929.
אָפיס, 99 סענטראל פארק וועסט, ניו־יאָרק.
צוועק: פעסטע פאראייניגונג צווישען געמיינדעס פון ספרדישע (שפאַ־ נישע) אידען.
דוד דע סאלא פול, פרעזידענט שמעון ניסים, סעקרעטער

**פעדעראציע פון אידישע יונגעלייט**

אָרגאַניזירט 1932.
אָפיס, בראדוויי און 122טע סטריט, ניו־יאָרק.
צוועק: צו שטארקען דעם אָרטאָדאָקסישען יודענטהום.
ס. וויינריב, פרעזידענט

**פיאָניער פרויען אָרגאַניזאַציע**

אָרגאַניזירט 1922.
אָפיס, 1225 בראדוויי, ניו־יאָרק.
מיטגלידער 3500.
צוועק: צו העלפען אידישע חלוצות אין ארץ ישראל.
סאָפי יודין, סעק.

**פעדעראציע פון ארץ ישראל אידען**

אָרגאַניזירט 1929.
אָפיס, 38 פארק ראָו, ניו־יאָרק.
מיטגלידער 1350.
לאנדסמאנשאפט פון ארץ ישראל אידען פאר געגענזייטיגע הילף און העלפען דעם אויפבוי פון ארץ ישראל.
ג. שולזינגער, סעק.

**פאראייניגטע פארטיי פועלי ציון - צעירי ציון**

פאראייניגונגס אָבמאך פארגעקומען אָקטאָבער, 1931.
אָפיס, 1225 בראָדוויי, ניו יאָרק.
צוועק: צו קעמפען פאר דער באפרייאונג פון אידישען פאָלק אין ארץ־ ישראל און פאר'ן סאָציאליזם.
מיטגלידער 3000.
גיט ארויס א צייטונג „אידישער קעמפער".
דוד ווערטהיים, סעק.

**פרי סאָנס אָף איזראעל (פרייע זיהן פון ישראל)**

אָרגאַניזירט 1849.
אָפיס, 257 וועסט 93טע סטריט, ניו־יאָרק.
65 לאָדזשעס — 8605 מיטגלידער.
סיימאן גאָלדסמיט, גרענדמאסטער

**פראָגרעסיוו אָרדער אָף די וועסט (פּראָגרעסיווער ארדער פון דער וועסט)**

אָרגאַניזירט 1896.
אָפיס, 9טע און אליוו סט., סט. לואיס, מיזורי.
8800 מעמבערס.
א. ד. ביערמאן, גרענדמאסטער מארים שאפּירא, גרענד סעק.

**פעדעריישאן אף פּאָליש דזשוס אף אמעריקא (פעד. פון פוילישע אידען)**

אָרגאַניזירט 1908.

אָפיס, 225 וועסט 34טע סטריט, ניו־יאָרק.

50,000 מיטגלידער.

צוועק: צו שאפען פריינדליכע באציאונגען צווישען די לאנדסמאנשאפטען אין אמעריקע, צו העלפען די אידען אין פוילען, צו ערמוטיגען קולטורעלע טהעטיגקייטען אין די אנגעשלאָסענע סאָסייעטים און צו געבען מעדיצינישע הילף צו מיטגלידער.

גיט ארויס א צוויי־מאָנאַטליכע שריפט „דער פארבאנד" אין אידיש און ענגליש.

בענדזשאמין ווינטער, פּרעזידענט ז. טיגעל, עקזעקוטיוו דירעקטאר

**פעדעריישאן אף אמעריקען דזשוס אף ליטואייניען דיסענט (פאראייניגטע ליטווישע אידען)**

אָרגאַניזירט 1928.

אָפיס, 63 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.

צוועק: צו לייסטען הילפע פאר די אידען אין דער ליטע.

וויליאם מ. לואיס, עהרען־פרעזידענט מרדכי קעטץ, סעקרעטער

**פעדעריישאן אף האנגעריען דזשוס אין אמעריקאַ (פאראייניגטע אונגארישע אידען)**

אָרגאַניזירט 1809.

אָפיס, 305 בראָדוויי, ניו־יאָרק.

107 סעקשאָנס, 36,000 מעמבערס.

צוועק: צו ארבייטען אין די אינטערעסען פון דעם גייסטיגען, פּאָליטישען, געזעלשאפטליכען און רעליגיעזען לעבען פון די אונגארישע אידען אין אמעריקע און אונגארן.

סעמועל ביכלער, פּרעזידענט פרידא אדאמסבאום, עקטינג סעק.

**זייאָניסט אָרגאַניזיישאָן אף אמעריקא (אמעריקאנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע)**

אָרגאַניזירט 1897, רעאָרגאַניזירט 1918.

אָפיס, 111 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.

ארום 60 טויזענט מיטגלידער.

צוועק: צו שאפען מיטלען פאר דעם אויפבוי פון א נאַציאָנאַלער היים אין פּאַלעסטינע און אין דעם אלגעמיינעם ווידערגעבורט פון דעם אידישען פאָלק.

אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאציעס הדסה און דער ארדער בני ציון.

פארבונדען מיט דער אָרגאַניזאציע זיינען אויך די פאָלגענדע אָרגאַניזאציעס: יאָנג דזשודיא, אבוקה, דזשוניאר הדסה און יוגענד ציוניסטישע אָרגאַניזאציע.

**קאונסיל אף יאָנג איזראעל ענד יאָנג איזראעל סינאגאָג אָרגאַניזיישאָן (ראטה פון יונגע אָרטאָדאָקסישע אידען)**

געגרינדעט 1912.

אָפיס, 120 וואָל סטריט, ניו־יאָרק.

8000 מיטגלידער.
צוועק: צו פאַרשפּרייטען די טראַדיציעס פון אידישקייט און צו ענט־וויקלען קולטור און רעליגיע צווישען דער אידישער יוגענד.
הערי פראַמבערג, פּרעזידענט

## קאָונסיל אָף דזשואיש אָרגאַניזיישאָנס פאַר פּאַלעסטיין (ראַטה פון אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר ארץ ישראל)

אָרגאַניזירט 1926
אָפיס, 111 פינפטע עוועניו, ניו־יאָרק.
200 אנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס.
צוועק: צו העלפען דער דזשואיש אײדזשענסי שאַפען פאָנדס פאַר דעם קרן היסוד פאַר ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע.
דזשאָרדזש ז. מעדאַליע, עהרען־פּרעז. יעקב פישמאַן, פּרעז.
מ. אייזענמאַן, סעקרעטער

## קולטור־ליגע פון רומענישע אידען

געגרינדעט 1933.
אָפיס, 223 איסט 12טע סטריט, ניו־יאָרק.
צוועק: צו ערהויבען דעם קולטור צושטאַנד פון רומענישע אידען און באַקענען אמעריקאַנער אידען מיט דעם צושטאַנד פון רומענישע אידען.
יצחק הורוויץ, פּרעזידענט יצחק הירש, סעקרעטער

## ראַטה פאַר אידישע ערציהונג

אָרגאַניזירט 1924.
אָפיס, 71 וועסט 47טע סטריט, ניו־יאָרק.
צוועק: אויפצוהויבען דעם סטאַנדאַרד פון לעהרער פון אידישע גע־גענשטענדע.
א. פרידלענד, פּרעזידענט סעמועל דינין, סעקרעטער

## שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

געגרינדעט 1916.
אָפיס, 133 סעקאַנד עוועניו, ניו יאָרק.
דער שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט האָט אין ניו־יאָרק 20 פאָלק שולען און א מיטעל שול. א קעמפּ „בויבעריק". גיט ארויס דעם „קינדער זשור־נאַל" אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, און א פאַרלאַג „מתנות.
י. ד. בוירג, פּרעזידענט יצחק מילבויער, וויצע פּרעזידענט
מ. גארעליק, סעק. אדמ. קאָמיטע

## שול פאַר אידישע „סאָשעל וואָירקערס (געזעלשאַפטליכע טוער)

אָרגאַניזירט 1925.
אָפיס, 71 וועסט 47טע סטריט, ניו־יאָרק.
צוועק: צו ערציען אידישע געזעלשאַפטליכע טוער און ענטוויקלען א ליטעראַטור וועגען אידישען סאָציאַלען לעבען.
גראַדואירטע איבער 100.
טשאַרטערט פון דער יוניווערסיטי פון שטאַאט ניו־יאָרק. האָט דאָס רעכט אויסצוטעהלען דיגרים.
לואיס קירשטיין, טשערמאַן אָף די באָארד מ. קארפּ, פּרעז. פון פאַקולטעט

# די אינט. ארבייטער סעקרעטאַריאַטען
# און
# די אינט. פעדעראַציע פון טרייד־יוניאָנס

די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען פון די ארבייטער, די געווערקשאַפטען אָדער טרייד יוניאָנס, ווי זיי זיינען באקאנט אין די ענגליש שפּרעכענדע לענדער, זוכען צו פארבעסערען זייער עקאָנאָמישע לאגע באלד. זיי ווערען א מעכטיגער וואפען אין די הענד פון די ארבייטער אין זייער קאמף פאר פולשטענדיגער באפרייאונג.

די באציאונג פון די סאָציאַליסטען צו דער טרייד יוניאָן באוועגונג איז אימער געווען א פריינדליכע. דער בארימטער ערשטער אינטערנאציאָנאל איז געווען צוזמענגעשטעלט אי פון סאָציאליסטישע גרופּען, אי פון טרייד יוניאָנס. אין אלע לענדער האבען סאָציאַליסטען געהאָלפען בויען יוניאָנס און אויך מיטגע־האָלפען אין זייער טאָג טעגליכער ארבייט.

אין דער זעלבער צייט, ווען ס'האָט זיך געבויט דער צווייטער אינטערנא־ציאָנאל, זיינען אויך געמאַכט געוואָרען פּראָבען צו בויען אן אינטערנאציאָנאל פון טרייד יוניאָנס. מען האָט געזוכט צו פאראייניגען באזונדערע יוניאָנס פון פארשיידענע לענדער, צו פאראייניגען צענטראלע קערפּערשאַפטען אין איין אינטער־נאציאָנאלער קערפּערשאַפט.

די ערשטע זיינען געווען די פּרינטערס. אין יולי 1889 האָבען 17 דעלעגאַטען פון 10 לענדער פון איירָאפּא, אויך פון די פאראייניגטע שטאַטען, אָפּגעהאַלטען א קאָנפערענץ אין פּאריז מיט'ן צוועק צו פאראייניגען זיך. נאָך זיי זיינען געקומען די מיינערס, וועלכע האָבען אויף א קאָנפערענץ אין פּאריז אין 1890 באשלאָסען גרינדען אן אינטערנאציאָנאלע מיינערס פעדעראציע. נאָך די פּראָבעס האָבען אָנגעהויבען פאָרקומען אָפט קאָנפערענצען פון פארשידענע יוניאָנס. אלס רעזול־טאַט פון אָט די קאָנפערענצען זיינען אויפגעקומען די אינטערנאציאָנאלע ארבייטער סעקרעטאַריאַטען. יעדע יוניאָן האָט אין א באשטימטען פּלאַץ אויפגעשטעלט א ביוראָ מיט א סעקרעטאַר, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו אינפאָרמירען די פארשיידענע נאַציאָנאלע יוניאָנס וועגען די באדינגונגען פון טרייד אין פארשיידענע לענדער, וועגען סטרייקס אין דעם טרייד, זאמלען שטיצע אין פאל פון א פארליי־רטען סטרייק אָדער לאָק־אוט, ווי אויך העלפען אָרגאַניזירען יוניאָנס אין פּלעצער וואו יוניאָנס זענען נאָך ניט געווען.

דער צווייטער אינטערנאציאָנאל האָט פיעל מיטגעהאָלפען די סעקרעטאַריאַטען אין דער אלגעמיינער פארבינדונג פון פארשידענע נאַציאָנאלע יוניאָנס. ער האָט אין פיעלע פעלע זאָגאר באזאָרגט מיט מיטינג פּלעצער פאר פאָרשטעהער פון טרייד יוניאָנס פון פרעמדע לענדער.

די סעקרעטאַריאַטען האָבען זיך אָנגעהויבען שטארק אנטוויקלען און ארום 1910 זיינען אין דייטשלאַנד געווען 24 סעקרעטאַריאַטען, די סעקרעטאַריאַטען פון די מיינערס און טעקסטיל ארבייטער האָבען זיך געפונען אין ענגלאַנד, פון די

האַנדעלס אָנגעשטעלטע אין האָלאַנד און פון די שטיין ארבייטער אין דער שווייץ. אין אלגעמיין איז די אַרבייט פון די סעקרעטאַריאַטען געווען אַ באַשרענקטע; זי האָט זיך באַצויגען אויסשליסליך אויף׳ן געגעבענעם טרייד און האָט זיך באַגרעניצט בלויז מיט דער באַלדיגער מאַטעריעלער הילף פאַר די טרייד יוניאָנס.

אויסער די ארבייטער סעקרעטאַריאַטען, וועלכע זיינען געווען אַ פאַראייני־גונג פון פאַרשידענע לענדער בלויז פון איין יוניאָן, איז אויך אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג צו פאַראייניגען גאַנצע צענטערס פון טרייד יוניאָנס, דאָס הייסט יוניאָן פעדעראַציעס פון פאַרשידענע לענדער. אויסער דעם סאָציאַליסטישען אינטער־נאַציאָנאַל, האָבען יוניאָן פירער געהאַלטען, אַז עס דאַרף אויך זיין אַ טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. די ענגלישע און פראַנצויזישע טרייד יוניאָניסטען זיינען אין אַלגעמיין געווען געגען דער דאָמינירענדער ראָלע, וואָס די סאָציאַליסטען האָבען געשפּילט אין דעם צווייטען אינטערנאַציאָנאַל. אפילו די טרייד יוניאָן פירער פון דייטשלאַנד און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע זיינען אליין געווען גוטע לאָיאַלע סאָציאַליסטען, האָבען אויך געפילט, אַז דער צווייטער אינטערנאַ־ציאָנאַל קען ניט אָפּגעבען גענוג אויפמערקזאַמקייט צו די ספּעציעלע טרייד יוניאָן פּראָבלעמען.

דעם ערשטען פאַרזוך אין דער הינזיכט האָבען געמאַכט די פראַנצויזישע טרייד יוניאָניסטען. זיי האָבען פאַררופען אַ קאָנפערענץ אין פּאַריז אין דעצעמבער 1900, צו וועלכער עס זיינען אָנגעקומען דעלעגאַטען פון ענגלאַנד און איטאַליע און וואו עס איז דיסקוטירט געוואָרען די פראַגע פון גרינדען אַ טרייד יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער די קאָנפערענץ האָט צו קיינע רעזולטאַטען ניט געבראַכט.

אַ צווייטע קאָנפערענץ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין פּאַריז, אין אויגוסט 1901, מיט פאָרשטעהער פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, בעלגיע, דענמאַרק, נאָרוועגיע און שוועדען. קאַרל לעגיען, דער פירער פון די דייטשע טרייד יוניאָנס, ווי אויך מייסטע פון די אַנוועזענדע, זיינען אָבער געווען מיט דער מיינונג, אַז פאַר די אַלגעמיינע און גרעסערע פּראָבלעמען פון אַרבעטער קלאַס איז דער פּלאַץ דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל און דארום איז ניט נויטיג קיין ספּעציעלע קאָנגרעסען פון טרייד יוניאָנס. זיי זיינען אָבער געווען צו גונסטען פּעריאָדישע קאָנגרעסען פון סעקרעטערע פון נאַציאָנאַלע טרייד יוניאָנס. צום זעלבען שלוס איז אויך געקומען די קאָנפערענץ אין שטוטגאַרט אין 1902. דאָרטען איז אויך באַשלאָסען געוואָרען, אַז דייטשלאַנד זאָל דינען אַלס צייטווייליגער אינטערנאַציאָ־נאַלער צענטער פאַר טרייד יוניאָנס.

אַ פאָרמאַלע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען ביי אַ קאָנפערענץ אין דובלין, אין 1903. דאָרטען איז געגרינדעט געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט פון „נאַציאָנאַלע טרייד יוניאָן צענטערס״. פאַר אויפהאַלטען דעם סעקרעטאַריאַט איז באַשטימט געוואָרען רעגולע אָפּצאָלונגען פון 25 פעניג (אַרום 12 און אַ האַלב סענט) פון יעדע טויזענד מיטגלידער. קאַרל לעגיען איז באַשטימט געוואָרען סעקרעטאַר.

---

דער שטאַרקער וואוקס פון טרייד יוניאָנס אין אַלע לענדער האָט געפירט צו דער ענטוויקלונג פון פאַרשיידענע ריכטונגען אָדער פאַרשיידענע טיפּען פון טרייד יוניאָנס. אין מייסטע לענדער פון אייראָפּאַ, הויפּטזאַכליך אונטער דער פירערשאַפט

פון דייטשלאנד, האָט זיך ענטוויקעלט א טרייד יוניאָן באַוועגונג, וועלכע מיר וואָלטען געקענט אָנרופען סאָציאַליסטיש־רעפאָרמיסטישע. דאָס זיינען געווען דיס־ציפּלינירטע, הויך צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציעס, שטאַרק פינאַנציעל און מיט פילע בענעפיטס. זיי האָבען פאָרגעשלאָגען פרידליכע מיטלען פון פארהאנדלונגען מיט די ארבייטס־געבער און אין דער זעלבער צייט זיינען זיי געווען אין די פריינדליכסטע באַציאונגען צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

א צווייטער טיפּ פון טרייד יוניאָניזם האָט זיך ענטוויקעלט אין די אנגלאָ־זאַקסישע לענדער, ווי ענגלאַנד און אמעריקא. דאָ זיינען די יוניאָנס געווען בלויז פאָרמאַל פאַראייניגט. זיי זיינען אָרגאַניזירט מייסטענס ניט פון גאַנצע אינ־דוסטריען, נאָר פון באַזונדערע טיילען פון יעדער אינדוסטריע (קרעפטס).

די אַמאָליגע „סאָשעליסט לייבאָר פּארטי" (ס. ל. פּ.) אונטער דער פירער־שאַפט פון דעניעל דע־ליאָן האָט אין 1895 געגרינדעט א צענטראַלע קערפּער־שאַפט אונטערן נאָמען „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר עלייענס", אַלס אַן אָפּאָ־זיציע צו דער אמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר. דאָס האָט ערוועקט דעם צאָרן פון דער פעדערײשאַן און איר פּרעזידענט, סעמועל גאָמפּערס, אויף די סאָציאַ־ליסטען. ווען די ס. ל. פּ. האָט זיך געשפּאָלטען און עס איז געשאַפען געוואָרען די ס. פּ., וועלכע איז אָפיציעל געווען פריינדליך צו דער פעדערײשאַן, זיינען די באַציאונגען געוואָרען ניט בעסער, ספּעציעל נאָכדעם, ווען דעבס האָט ניט נאָר סימפּאַטיזירט, נאָר אויך געהאָלפען די אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָרלד (א. וו. וו.)

גאָר אַן אנדער טיפּ טרייד יוניאָנס האָט זיך ענטוויקעלט אין פראַנקרייך. א דאַנק די רייסערייען צווישען די פיער סאָציאַליסטישע גרופּען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין פראַנקרייך („פּאָסיביליסטען", „בלאַנקיסטען", „געדיסטען" און „אונאָפּהייניגע סאָציאַליסטען") האָט דער סאָציאַליזם אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג ניט געהאַט קיין ווירקונג. די סינדיקאַטען (אַזוי רופען זיך די טרייד יוניאָנס אין פראַנקרייך) זיינען געוואָרען באַהערשט פון אַנאַרכיסטען און אונטער זייער ווירקונג האָט זיך דאָרט ענטוויקעלט די טענדענץ, וואָס איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם". די טאַקטיק פון רעוואָלו־ציאָנערען סינדיקאַליזם איז געגען פּאַרלאַמענטאַרישער טהעטיגקייט, ווייל דאָס פאַרטונקעלט דעם „קלאַסען קאַמף". זי איז געגען דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון פאַרכאַפּען די רעגירונגס מאַכט, ווייל לויט דעם אַנאַרכיזם דאַרפען די ארבייטער ניט נאָר פאַרניכטען פּריוואַט אייגענטום, נאָר אויך דעם שטאַאַט, אום דורכצו־פירען א סאָציאַלע רעוואָלוציע. די סינדיקאַליסטען זיינען געגען הויכע דיוס אין די סינדיקאַטען, געגען בענעפיטס, געגען פרידליכע פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים און געגען קאָלעקטיווע אַגרימענטס. זיי פּריידיגען דירעקטע אַקציאָן און סאַבאָטאַזש צו געווינען באַלדיגע רעפאָרמס און שטעלען אַרויס דעם אַלגעמיינעם סטרייק אַלס מיטעל צו פאַרניכטען דעם קאַפּיטאַליזם.

אויף די ערשטע קאָנפערענצען פון די נאַציאָנאַלע טרייד יוניאָן צענטערס האָבען די פראַנצויזישע סינדיקאַליסטען קיין אַנטייל ניט גענומען, ווייל די יוניאָנס האָבען ענטזאָגט אַרויפצושטעלען אויפ'ן טאָגעס אָרדנונג די פראַגען פון אַלגע־מיינעם סטרייק און אַנטי-מיליטאַריזם. אויך איז די אמעריקאַן פעדערײשאַן אָוו לייבאָר ניט אַנוועזענד געווען אויף די קאָנפערענצען. די אורזאַכען וואָס גאָמפּערס האָט אָנגעגעבען זיינען געווען, ווייל די קאָנפערענצען באַשטייען פון „אָפישעלס" פון יוניאָנס און ניט פון ערוועהלטע דעלעגאַטען. אויסער דעם האָט ער אָנגעוויזען, אַז די אויסגאַבען פון שיקען דעלעגאַטען זיינען צו גרויס.

אָבער אין 1909 האָבען אי די פראנצויזען, אי די אמעריקאנער געביטען זייער מיינונג. אויף דער זעקסטער קאָנפערענץ פון טרייד יוניאָנס אין פאריז אין 1907 זיינען געווען פארטרעטער פון אמעריקא און פון פראנקרייך. די קאָנפערענץ איז געווען פארטראָטען פון א גרויסער צאָל דעלעגאטען, אָבער אויסגלייכען די אונטערשיידען צווישען די אלע פארשיידענע ריכטונגען אין דער טרייד יוניאָן באוועגונג האָט זיך דער קאָנפערענץ ניט איינגעגעבען.

די פראנצויזישע דעלעגאטען האָבען געפאָדערט, אז ס'זאָלען אָפּגעהאלטען ווערען אלגעמיינע טרייד יוניאָן קאָנגרעסען, וואו סאָציאלע, פּאָליטישע און טרייד יוניאָן פראגען זאָלען באטראַכט ווערען. די אמעריקאנער דעלעגאטען ווידער האָבען קריטיקירט דעם נאָמען „סעקרעטאַריאט”, וועלכער מיינט גאָר ניט צום אמעריקאנער ארבייטער. זיי האָבען פאָרגעשלאָגען רעאָרגאניזירען דעם סעקרעטאריאט אין א אינטערנאציאָנאלע פעדעראציע פון טרייד יוניאָנס. אָט די פראגען האָבען אָפּגענומען זעהר פיעל צייט אויף די קומענדיגע קאָנפערענצען. דער פאָרשלאג פון די פראנצויזען פלעגט אימער דורכפאלען, אָבער דער אמעריקאנער פאָרשלאג איז ענדליך, אויף א קאָנפערענץ אין ציוריך, אין 1913, אָנגענומען געוואָרען. די ארבייט פון דער נייער אָרגאניזאציע, וועלכע האָט בלויז באקומען א נייעם נאָמען — די אינטערנאציאָנאלע פעדעראציע פון טרייד יוניאָנס — איז אָבער געבליבען די זעלבע וואָס פריהער.

אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד איז די אַרבייט פון דער פעדעראציע געווען ערפאָלג־רייך. אויסער די פינאנציעלע שטיצע אין צייט פון סטרייקס אָדער לאָק־אוטס, האָט די פעדעראציע אויך פּרובירט ווירקען אויף די רעגירונגען דורכצופירען געזעצען צום גונסטען די אַרבייטער, וואָס זאָלען גילטען פאר אלע לענדער.

אָבער די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון דער אינטערנאציאָנאלער פעדעראציע פון טרייד יוניאָנס, אזוי ווי די ארבייט פון דעם צווייטען סאָציאליסטישען אינטער־נאציאָנאל, איז אָפּגעשטעלט געוואָרען אין אויגוסט 1914, ווען דער פלאם פון מלחמה האָט ארומגעכאפּט די גאנצע וועלט און די אַרבייטער, וועלכע זיינען נאָך נעכטען געווען פאראייניגט, האָבען אָנגעהויבען אויסשלאכטען איינע די צווייטע.

---

# דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל

## „די אינטערנאציאָנאלע אסאָסיאציע פון ארבייטער"

**1872—1864**

דער ערשטער אינטערנאציאָנאל האָט איבערגעלאָזען טיפע שפּורען אין דער רעוואָלוציאָנערער ארבייטער באַוועגונג פון דער וועלט. זיין נאָמען און אנדענקען איז געבליבען הייליג און טייער פאר יעדען סאָציאַליסט.

קורץ איז געווען דער לעבען פון „דעם ערשטען אינטערנאציאָנאל". זיין טהעטיגקייט האָט געדויערט ניט לענגער פון 8 יאָהר, אָבער אין צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט דער ערשטער אינטערנאציאָנאל, וואָס האָט זיך גערופען מיט'ן נאָמען „אינטערנאציאָנאלע אססאָסיאציע פון ארבייטער", אַנגעמאַכט א געוואַלדיגען רושם. ער האָט אָנגעפילט מיט שרעק די הערצער פון די אונטערדריקער און עקספּלואַטאַטאָרס און געשטאַרקט דעם מוטה פון די קעמפער פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט. פאר אונטערדריקטע פון אלע לענדער איז ער געווען א קוואל פון באַגייסטערונג און האָפענונג פאר א בעסערער צוקונפט.

טראָץ דעם וואָס דער אינטערנאציאָנאל האָט געטראָגען דעם נאָמען „אינטער־נאציאָנאלע אססאָסיאציע פון ארבייטער", איז אָבער דער אינטערנאציאָנאל ניט געווען קיין ריינע ארבייטער אָרגאַניזאציע. אין דעם אינטערנאַציאָנאל האָבען זיך באַטייליגט, אויסער טרייד יוניאָנס, אויך פארשידענע ראדיקאלע פּאָליטישע אָרגאַ־ניזאציעס. אפילו די ארבייטער דעלעגאַטען זיינען ניט געווען דורכגעדרונגען אין גאַנצען מיט'ן סאָציאַליסטישען אידעאַל, ווי מיר פארשטייען דאָס איצט. עס זיינען געווען פאַרטראָטען אויף די קאָנגרעסען פארשיידענע ריכטונגען. אין דעם קאַמף פון די ריכטונגען איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאל אונטערגעגאַנגען. מארקס געדאַנקען זיינען אָבער קריסטאַליזירט געוואָרען און פארשפּרייט געוואָרען. דער מארקסיזם האָט אָנגעהויבען צו ווערען דער אידעאל פון די רעוואָלוציאָנערע ארבייטער מאַסען.

דער אינטערנאציאָנאל האָט זיך געגרינדעט אין דער צייט פון רעוואָלוציאָ־נערען אויפשוואונג. דער קאפּיטאַליזם, וואָס איז אליין א פּראָדוקט פון פּאָלי־טישע און עקאָנאָמישע איבערקערענישען, האָט אָבער ארויסגערופען גרויסע ווידער־שפּרוכען. צוזאמען מיט'ן אונגעהייערען טעכנישען פּראָגרעס האָט זיך פארגרע־סערט אָרימקייט און ניט זיכערקייט פון ארבייטער. קריזיסען זיינען געוואָרען אן אָפטע ערשיינונג. דער ארבייטער איז ניט געווען זיכער מיט'ן מאָרגעדיגען טאָג. צווישען ארבייטער האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בראָדזשען רעוואָלוציאָנערע געדאַנ־קען. קיין באשטימטע אויסגעארבייטע פּראָגראם האָבען אָבער ארבייטער ניט געהאַט.

די רעוואָלוציעס פון 1848, וועלכע האָבען שטאַטגעפונדען אין פארשיידענע לענדער פון וועסט אייראָפּא, האָבען פאַנאַנדער געבונדען די הענד פון קאפּיטאַליזם. דער פעאָדאַליזם האָט אָנגעהויבען קראַכען, די בורזשואזיע האָט געקראָגען א מעגליכקייט פאנאנדערוויקלען אירע קרעפטען.

דער זעלבער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט רייך געמאַכט די בורזשואַזיע, האָט — ספּעציעל אין אָנפאַנג פון זיין ענטוויקלונג — אַריינגעטראָגן נויט און אָרימקייט צווישן די ברייטע מאַסן. קליינע פאַרמערס האָבן פאַרלאָרן זייער ערד, קליינע הענדלער — זייער אייגנטהום; ס'איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון „פּראָלעטאַריזאַציע" און ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אַרמיי פון אַרבייטסלאָזע, פון וועלכער די בורזשואַזיע האָט געקענט רעקרוטירן „הענד" פאַר אירע ווערקשטאַטן און פאַבריקן.

אין ענגלאַנד איז דער קאַפּיטאַליזם שוין דאַן געווען שטאַרק ענטוויקעלט. ענגלאַנד איז געווען דאָס איינציגע לאַנד אין איראָפּע, וואָס האָט שוין דאַן געהאַט אַ גאַנץ שטאַרקע יוניאָן באַוועגונג. נאָכ'ן געווינס אין 1848 פון אַ 10־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג איז די טרייד יוניאָן באַוועגונג נאָך שטאַרקער געוואָרן.

און אין ענגלאַנד איז טאַקע באַשאַפן געוואָרן דער געדאַנק פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע.

אינטערנאַציאָנאַלע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס, זאָגאַר סאָציאַליסטישע, האָבן עקזיסטירט נאָך פריהער. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די „ליגע פון קאָמוניסטען", אין וועמענס נאָמען מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעשריבען דעם באַרימטען קאָמוניסטישען מאַניפעסט. אָבער יענע אָרגאַניזאַציעס האָבן ניט געהאַט און ניט געקענט האָבן קיין ערפאָלג. די אַרבייטער זיינען נאָך ניט געווען גענוג באַוואוסט־זיניג, ניט גענוג ענטוויקעלט צו האָבן אייגענע אָרגאַניזאַציעס. אין איראָפּאַ האָבן נאָך אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס כמעט ווי ניט עקזיסטירט. דערצו, האָט נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטליכע רעאַקציע און ראַדיקאַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען שרעקליך פאַרפאָלגט געוואָרן.

דער געדאַנק וועגען גרינדען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע איז געקומען דאַן אין ענגלישע טרייד יוניאָן קרייזען צוליב ריין עקאָנאָמישע אורזאַכען. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ענגלישע אַרבייטער איז געווען פיעל בעסער ווי אין די לענדער פון קאָנטינענט. פילע אַרבייטער פון די לענדער פון קאָנטינענט האָבן עמיגרירט קיין ענגלאַנד, וואו זיי האָבן קאָנקורירט מיט די ענגלישע אַרבייטער. די אַרבייטסגעבער האָבן זיך דערמיט באַנוצט און אין צייט פון סטרייקס אימפּאָרטירט אַרבייטער פון אַנדערע לענדער. דאַן זיינען די טרייד יוניאָן לידערס, ווי: אָפּפּעלגאַרט, קרעמער, אָדזשער און אַנדערע, געקומען צום געדאַנק וועגען דער וויכטיגקייט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, אום די אַרבייטער פון פאַרשידענע לענדער זאָלען ווערען דורכגעדרונגען פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט און קענען באַשיצען זייערע אַלגעמיינע אינטערעסען.

ווען אַ דעלעגאַציע פון פראַנצויזישע אַרבייטער איז געקומען קיין לאָנדאָן צו אַן אינטערנאַציאָנאַלען מיטינג, וועלכער איז צוזאַמענגערופען געוואָרען צו העלפען די פּוילישע אינסורגענטען, נאָכ'ן פּוילישען אויפשטאַנד פון 1863, האָבן די ענגלישע טרייד יוניאָן לידערס אויסגענוצט די געלעגענהייט און האָבן אויך דיסקוטירט מיט זיי די פראַגע וועגען גרינדען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע.

אין אַ קורצער צייט נאָך דער פּאַסירונג האָבן די ענגלישע אַרבייטער זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די אַרבייטער פון פראַנקרייך, געשריבען פון

דזשאָרדזש אָדזשער. „מיר געפינען", שטעהט אין אויפרוף, „אַז ווען מיר מאַכען א פאַרזוך צו פאַרבעסערען אונזער לאַגע מיט פאַרקלענערען די ארבייטס שטונדען אָדער פאַרגרעסערען די ווייזשעס, סטראַשען אונז די ארבייטס געבער מיט אריבער ברייענגען ארבייטער פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און בעלגיע, וועלכע וועלען טאָן אונזער ארבייט פאַר ביליגערע פּרייזען. און עס טוט אונז לייד צו זאָגען, אַז דאָס איז טאַקע געטאָן געוואָרען. ניט מיט'ן פאַרלאַנג אונז שלעכטס צו טאָן, נאָר דערפאַר ווייל ס'איז ניטאָ קיין רעגולערע פאַרבינדונג צווישען די אינדוסטריעלע קלאַסען פון פאַרשידענע לענדער."

מיט אַן ענטפער אויף דעם אויפרוף איז קיין לאָנדאָן געקומען א דעלעגאַציע פון פראַנצויזישע אַרבייטער: טאָלען, פּערראַשאַן און לימוזען. אויפצונעמען די דעלעגאַציע איז פאַררופען געוואָרען א מיטינג אויפ'ן 28טען סעפּטעמבער 1864, אין סיינט־מאַרטינס האָל אין לאָנדאָן. דער מיטינג איז באַזוכט געוואָרען פון די פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע גרופּען פון פילע לענדער, וועלכע האָבען זיך דאַן געפונען אין לאָנדאָן. קאַרל מאַרקס איז געווען פאַרטראָטען אַלס מיטגליד פון דער געוועזענער „ליג פון קאָמוניסטען".

ביי אָט דעם מיטינג איז באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַן אינטערנאַציאָ־נאַלע ארבייטער געזעלשאַפט מיט א צענטראַל קאָמיטעט אין לאָנדאָן און מיט אָפּטיילונגען אין אַלע הויפּט שטעדט פון אייראָפּא. ס'איז ערוועהלט געוואָרען א קאָמיטעט, וועלכער איז — צוזאַמען מיט די שפּעטער צוגעצויגענע — באַשטאַנען פון 50 מיטגלידער, פאַרשטעהער פון פאַרשידענע לענדער. דער קאָמיטעט האָט דאָס מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם צייטווייליגען גענעראַל ראַט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

די פּראָגראַם פון דער נייער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען פון גענעראַל ראַט און איז שפּעטער גוטגעהייסען געוואָרען פון דעם ערשטען קאָנגרעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, איז געשריבען געוואָרען פון מאַרקס'ן, אין דער פאָרמע פון אַן אויפרוף צו די ארבייטער פון אַלע לענדער.

אין דעם אויפרוף שטעלט זיך מאַרקס אָפּ געגוי צו באַווייזען מיט סטאַטיס־טישען מאַטעריאַל, אַז, ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען וואוקס פון רייכטהום פאַר די יאָהרען פון 1848־1864, איז די לאַגע פון די ארבייטער ניט פאַרבעסערט געוואָרען; אַז צוזאַמען מיט'ן וואוקס פון קאַפּיטאַליזם, ווען די בורזשואַזיע האָט אריינגעקראָגען די פּאָליטישע מאַכט, האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די פּאָליטישע רעאַקציע. יעדער פאַרזוך פון א זעלבסטשטענדיגער אָרגאַניזאַציע ווערט אונטער־דריקט און אַז אום די ארבייטער זאָלען זיך ווירקליך קענען באַפרייען פון עקספּלואַ־טאַציע דאַרפען זיי פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט. דערצו איז נויטיג, אַז די ארבייטער פון אַלע לענדער זאָלען זיך פאַראייניגען צו איין צוועק אונטער א געמיינטער פירערשאַפט. און אָט פאַר דעם צוועק האָט זיך געגרינדעט דער אינטער־נאַציאָנאַל. דער פּראָגראַם ענדיגט זיך מיט'ן אויפרוף: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך."

מאַרקס האָט אויך אָנגעשריבען די קאָנסטיטוציע פון אינטערנאַציאָנאַל און די פּרינציפּען ערקלערונג. דאָרטען ווערט דער צוועק פון אינטערנאַציאָנאַל באַ־גרינדעט ווי פאָלגט:

„נעמענדיג אין אנבאַטראַכט:

„אַז די באַפרייאונג פון די ארבייטער דאַרף זיין די זאַך פון די

ארבייטער אליין; אז קעמפענדיג פאר זייער אייגענער באפרייאונג, קעמפען זיי נים פאר נייע פריווילעגיעס, נאָר איינצושטעלען פאר אלעמען גלייכע רעכטע און פליכטע און צו פארניכטען יעדע קלאסען הערשאפט;

„אז די עקאָנאָמישע אונטערוואָרפענקייט פון ארבייטער צום אייגענ־טימער פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, ד. ה. פון די קוועלען פון לעבען, איז די הויפט אורזאכע פון פארשקלאפונג אין אלע איהרע פאָרמען, פון אָרימקייט, פון גייסטליכער ערנידערונג און פון פּאָליטישער אָפּהענגיגקייט; אז דארום איז די עקאָנאָמישע באפרייאונג פון ארבייטער קלאַס דער הויפט צוועק, צו וועלכען אלס מיטלען דארפען זיין אונטערוואָרפען אלע פּאָליטישע באווע־גונגען. א. ז. וו."

דער אָרגאניזאציאָנעלער באזיס פון אינטערנאציאָנאל איז געווען די לאָקאלע אָרגאָניזאציע, וועלכע איז געווען באוואוסט אלס „סעקציע". יעדע סעקציע האָט ערוועהלט א דעלעגאט צום יעהרליכען קאָנגרעס, וועלכער איז געווען די העכסטע אינסטאַנץ. דער קאָנגרעס האָט ערוועהלט דעם גענעראל ראט, וועלכער איז געווען די אָנפירענדע קערפּערשאַפט צווישען איין קאָנגרעס און דעם צווייטען און וועלכער איז געווען אונטערוואָרפען יורידיש בלויז דעם קאָנגרעס.

פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ איז דער ערשטער אינטערנאציאָנאל געווען נים נאָר א מיטעל צו פאראייניגען די מאסען פון פארשידענע לענדער, נאָר אויך א פּלאַץ וואו עס האָבען זיך קריסטאליזירט די טאַקטישע פראגען פון רעוואָלוציאָ־נערען קאמף. צוליב מחלוקות אָבער איז דער ערשטער אינטערנאציאָנאל אויך צוזאמענגעבראָכען. פינף קאָנגרעסען זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ, אויך צוויי קאָנפערענצען:

א קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, 25-29טען סעפּטעמבער, 1865.
1טער קאָנגרעס אין זשענעווא, 3-8טען סעפּטעמבער, 1866.
2טער קאָנגרעס אין לוזאן, 2-8טען סעפּטעמבער, 1867.
3טער קאָנגרעס אין ברוסעל, 6-15טען סעפּטעמבער, 1868.
4טער קאָנגרעס אין באזעל, 6-12טען סעפּטעמבער, 1869.
קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, 17-23טען סעפּטעמבער, 1871.
5טער און לעצטער קאָנגרעס אין האאג, 2-7טען סעפּטעמבער, 1872.

דער לעצטער קאָנגרעס איז געווען דער איינציגער, וואו מארקס איז געווען אנוועזענד. די ראָלע וואָס מארקס האָט געשפּילט אין אינטערנאציאָנאל איז געווען אין גענעראל ראט, וועלכער האָט געהאט א גרויסע מאכט איבער אלע סעקציעס, און וואו מארקס איז געווען א מיטגליד, און אינדירעקט אויף די קאָנגרעסען דורך זיינע אנהייננגער.

---

באלד נאָכ'ן ערשטען קאָנגרעס האָט דער אינטערנאציאָנאל אָנגעהויבען ענט־וויקלען זיין טהעטיגקייט. זיין הויפּט טהעטיגקייט איז פון אָנפאנג געווען אויף דעם עקאָנאָמישען געביט. אין דער צווייטער העלפט פון 60קער יאָהרען, א דאנק דער עקאָנאָמישער אויפבליאונג, האָט זיך צוגאָסען א כוואליע פון סטרייקס אין

אַלע לענדער פון אייראָפּא. אויסער דעם וואָס דער גענעראַל ראַט האָט געקליבען געלד פאַר די סטרייקערס, האָט ער געשטערט, אַז סטרייקברעכער זאָלען אימפּאָר־טירט ווערען אין פּלעצער וואו סטרייקס גהען אָן. אַ דאַנק דער טהעטיגקייט איז ער געוואָרען זייער פּאָפּולער און זיין מיטגלידערשאַפט איז שטאַרק געוואַקסען. פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, הויפּטזאַכליך טרייד יוניאָנס, פון כמעט אַלע לענדער פון אייראָפּא ווי אויך פון די פאַראייניגטע שטאַטען, האָבען זיך אָנגעהויבען אָנשליסען אין אינטערנאַציאָנאַל. די סעקציעס פון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, איטאַליע און פון דער שווייץ, וועלכע האָבען באַלאַנגט צום אַנאַרכיסטישען „אַליאַנס", געגרינדעט פון דעם באַוואוסטען אַנאַרכיסט מיכאיל באַקונין. אַזוי אַרום איז זיין איינפלוס געשטיגען אַלץ מער און מער. דער אַריינטריט פון אַנאַרכיסטישע גרופּען האָט אָבער ענדליך געפירט צו פיעלע אינערליכע רייסעריין, וועלכע זיינען געווען די הויפּט אורזאַכע פון דעם אונטערגאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש צו באַמערקען, אַז אפילו אין דער צייט פון גרויסען וואוקס זיינען די פינאַנסען פון גענעראַל ראַט געווען אין זעהר אַ טרויעריגען צושטאַנד; ס'איז קיינמאָל ניט געווען אויף רענט פאַר'ן אָרימען אָפיס און דעם סעקרעטאַר'ס ווייזשעס פון 4 דאָלאַר אַ וואָך זיינען אימער געווען הינטערשטעליג.

דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָבער אויסער עקאָנאָמישער טהעטיגקייט אויך ענטוויקעלט אַ ברייטע פּאָליטישע טהעטיגקייט. ער האָט אַנטייל גענומען אין אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען פאַר פּאָליטישע פרייהייטען, פאַר פרייהייט פון פאַראיינען, פאַר גלייכע שטימרעכט און דאָס גלייכען. און אַ דאַנק דער פאַרשפּרייטונג פון די אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען פאַר פרייהייט אין פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּא איז די פּאָליטישע טהעטיגקייט געוואָרען זיין הויפּט אויפגאַבע. זייענדיג אונטער'ן איינפלוס פון מאַרקס, האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געהאַלטען, אַז זיין אויפגאַבע איז צו העלפען ענטוויקלען שטאַרקע פּאָליטישע פּאַרטייען אין יעדען לאַנד מיט'ן צוועק ביי אַ גינסטיגען מאָמענט פאַרכאַפּען די פּאָליטישע מאַכט איינצופיהרען סאָציאַליזם. עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערען, אַז לויט מאַרקס מיינונג איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע געווען אַ נאָענטע זאַך. די ערשטע רעוואָלוציע האָט געזאָלט פאָרקומען אין ענגלאַנד, וואו דער קאַפּיטאַליזם איז געווען אַמשטאַרקסטען ענטוויקעלט, און דערנאָך אין אייראָפּא.

עס וועט זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבען אייניגע שטעלען פון אַ רעדע, וועלכע מאַרקס האָט געהאַלטען אין האאַג, באַלד נאָכ'ן קאָנגרעס, אויף אַ עפענט־ליכען מיטינג. די רעדע האָט אַ וויכטיגע היסטאָרישע באַדייטונג:

„...צווישען אונז האָט זיך געבילדעט אַ גרופּע מענשען, וועלכע האָבען געפאָדערט, אַז דער אַרבייטער זאָל אָפּשטעהן פון פּאָליטישער טהעטיגקייט. מיר האָבען געהאַלטען פאַר אונזער פליכט צו ערקלערען, אויף וויפיעל אַזעלכע פּרינ־ציפּען זיינען געפערליך פאַר אונזער זאַך.

„דער אַרבייטער דאַרף אין אַ שעהנעם טאָג פאַרכאַפּען די פּאָליטישע הער־שאַפט און איינשטעלען אַ נייע אָרגאַניזאַציע פון אַרבייט. ער דאַרף אומוואַרפען די אַלטע פּאָליטיק, וועלכע היט אָפּ די אַלטע אינסטיטוציעס, אויב ניט וועט ער האָבען דעם זעלבען מזל, ווי די ערשטע קריסטען, וועלכע האָבען אָט די אויפגאַבע פאַרנאַכלעסיגט, און האָבען קיינמאָל דערפאַר זיך ניט דערשלאָגען צו זייער קעניג־רייך אויף דער ערד.

„נאָר מיר האָבען קיינמאָל ניט באהויפּטעט, אז צו דיזען צוועק דאַרפען אַנגע־וועגדעט ווערען אונפאַרמיידליך אומעטום די זעלבע מיטלען. מיר ווייסען אז ס'קומט אויס אויך זיך רעכענען מיט אינסטיטוציעס, מנהגים און טראַדיציעס פון באַזונדערע לענדער. און מיר לייקענען ניט אז עס זיינען פאַראַן לענדער, ווי אמעריקא, ענגלאַנד און וואַרשיינליך האָלאַנד, וואו די אַרבייטער קענען זיך דערשלאָגען זייער צוועק מיט פרידליכע מיטלען. אויב אזוי דאַרפען מיר אנער־קענען, אז אין די מייגסטע לענדער פון קאָנטינענט דאַרף דער הויפּט באַזיס פאַר אונזער רעוואָלוציע זיין מאַכט: אום ענדליך איינשטעלען די הערשאַפט פון אַרבייט וועט אויסקומען אין א באַוואוסטען מאָמענט אָנקומען צו מאַכט...

„.... בירגער! לאָמיר געדיינקען וועגען גרונד־פּרינציפּ פון אונזער אינטער־נאַציאָנאַל: סאָלידאַריטעט. מיר וועלען זיך דערשלאָגען צום גרויסען צוועק, צו וועלכען מיר שטרעבען, אויב מיר וועלען פאַרפעסטיגען צווישען די אַרבייטער פון אַלע לענדער אָט דעם וויכטיגען פּרינציפּ.”

---

ווי גרויס ס'איז ניט געווען די ווירקונג פון אינטערנאַציאָנאַל, האָט די בורזשואזע וועלט איהם נאָך פאַרגעשטעלט אין א פיעל פאַרגרעסערטען אופן. די מורא פאַר'ן אינטערנאַציאָנאַל, איבערהויפּט נאָך דער קאָמונע אין פראַנקרייך אין 1871, איז געוואָרען אזוי גרויס, אז די רעגירונגען פון אייראָפּא האָבען אָנגעפאַנגען שרעקליכע פאַרפאָלגונגען. אין פראַנקרייך איז אָנגענומען געוואָרען א געזעץ, לויט וועלכען ס'איז געוואָרען א קרימינעלער פאַרברעכען צו באַלאַנגען צום אינטער־נאַציאָנאַל. אין דער זעלבער צייט האָט די אונגאַרישע רעגירונג באַשטימט 3 מיליאָן גולדען „אָפּצוהאַלטען די געפערליכע פאַרשפּרייטונג פון דעם אינטערנאַציאָ־נאַל אין אייראָפּא.” אין סעפּטעמבער 1871 האָט ביסמאַרק און נאָך איינינע מאַכטהאָבער אָפּגעהאַלטען געהיימע זיצונגען, וואו ס'זיינען דיסקוטירט געוואָרען מיטלען געגען אינטערנאַציאָנאַל. די רעגירונג פון שפּאַניען האָט אין 1872 אַרויס־געשיקט זאָגאַר אַן אַפּיעל צו אַלע רעגירונגען פון אייראָפּא אונטערצודריקען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

די פאַרפאָלגונגען האָבען מיטגעהאָלפען די אָפּשוואַכונג פון אינטערנאַציאָנאַל. פיעלע מיטגלידער און גאַנצע אָרגאַניזאַציעס האָבען אָנגעהויבען אָפּפאַלען. נאָך מעהר, א דאַנק דער פאַרשטאַרקונג פון פּאָליטישער טהעטיגקייט, האָבען אָנגעהויבען אָפּפאַלען טרייד יוניאָנס, איבערהויפּט אין ענגלאַנד, וואו די טרייד יוניאָן באַוועגונג האָט זיך ענטוויקעלט אין א „פּיור און סימפּל” טרייד יוניאָניזם, ד. ה. אז די אַרבייטער דאַרפען ניט בילדען אייגענע פּאָליטישע פּאַרטייען, נאָר אונטערשטיצען זייערע „פריינד” פון די בירגערליכע פּאַרטייען, וואָס דאָס האָט געמיינט זיך נאָכשלעפּען נאָך דער ליבעראַלער פּאַרטיי. נאָך דעם ווי דער גענעראַל ראַט האָט אַרויסגעלאָזען דעם באַוואוסטען פּאַמפלעט פון קאַרל מאַרקס וועגען דער פּאַריזער קאָמונע: „דער קלאַסען קאַמף אין פראַנקרייך” אַלס אַן אָפיציעלען דאָקומענט, וואו מאַרקס האָט ערקלערט די קאָמונע אַלס די ערשטע אַרבייטער רעוואָלוציע, האָט אָדזשער, איינער פון די ערשטע גרינדער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, און זיינע פריינד פון דער ענגלישער טרייד יוניאָן באַוועגונג פאַרלאָזען דעם גענעראַל ראַט אַלס פּראָטעסט געגען די „שרעקליכקייטען” וועלכע זיינען באַגאַנגען געוואָרען פון דער קאָמונע.

נאָר די הויפּט אורזאכע, וועלכע האָט אָפּגעשוואכט דעם אינטערנאַציאָנאַל און ענדליך געבראַכט, אויפ'ן האאגער קאָנגרעס, צו א שפּאלטונג, איז געווען די אינערליכע רייסערייען צווישען די מארקסיסטען און באקוניסטען. באקונין איז געווען אין גאנצען געגען שטאַטליכער פּאָליטישער טהעטיגקייט פאר'ן ארבייטער, געגען אָרגאַניזירען א פּראָלעטארישע מלוכה אום איינצופירען סאָציאַליזם. לויט זיין מיינונג איז דער הויפּט צוועק צו אָרגאַניזירען געהיימע פארשווערונגס גרופּען מיט'ן צוועק צו „מאכען" רעוואָלוציעס, פארניכטען יעדע פּאָליטישע מאכט אום צו קענען פארוואנדלען די געזעלשאַפט אין פרייע, אונאפּהייננגיגע קאָאָפּעראַטיווען.

אָט די אלע פארשידענע, און אין פיעלע הינזיכטען, געגענזעצליכע ריכטונגען, וואָס זיינען געווען צוטיילט אין דעם „פיור און סימפּל" טרייד יוניאָניזם, דער „בונטארסקער באקוניסטישער אנארכיזם" און דער „מארקסיסטישער סאָציאַליזם" האָבען זיך ניט געקענט צוזאמענלעבען אין איין אָרגאַניזאציע, און זי האָט זיך דאריבער געמוזט צופאַלען.

מיט'ן אריבערפירען דעם גענעראַל ראט אין ניו יאָרק האָט דער אינטערנאציאָנאַל פאקטיש אויפגעהערט עקזיסטירען. ער איז געוואָרען אָפּגעריסען פון דעם הויפּט קוואַל פון דער ארבייטער באוועגונג, וועלכע איז געווען אין איירָאָפּא. ענדליך אויף א זיצונג פון גענעראַל ראט אין פילאדעלפיא, אין 1876, איז דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל אָפיציעל אויפגעלייזט געוואָרען.

---

# דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל

**1914—1889**

מיט דער אויפלייזונג פון דעם 1טען אינטערנאציאָנאל איז זיין ארבייט ניט פארענדיגט; ס'איז בלויז איבערגעריסען געוואָרען. דער באָדען פאר אן אינטער־נאציאָנאלער ארבייטער באוועגונג אונטער איין פירערשאפט איז נאָך ניט רייף געווען, מחמת דעם, ווייל ס'האָט נאָך געפעלט דער מאטעריאל דערצו: ס'זיינען נאָך ניט געווען אָרגאניזירט קיינע לאָקאלע פּארטייען וועמען מען וואָלט געקענט פאראייניגען. ערשט נאָך זיין אויפלייזונג האָבען זיך אין באזונדערע לענדער אָנגעהויבען פאָרמירען נאציאָנאלע סאָציאליסטישע פּארטייען.

אין 1875 איז פאָרגעקומען די פאראייניגונג צווישען די אייזענאכצער און לאסאליאנער אין דייטשלאנד, וואו, ניט קוקענדיג אויף דעם אויסנאם געזעץ געגען די סאָציאליסטען (אין 1878), האָט די פאראייניגטע סאָציאל־דעמאָקראטישע פּארטיי מעכטיג אויסגעוואקסען. אין 1880 האָט זשול געד אָרגאניזירט די סאָציאליסטישע פּארטיי פון פראנקרייך. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען היינדמאן, וויליאם מאָריס, דזשאָן בוירנס און טאָם מאן אָרגאניזירט די סאָציאל־דעמאָקראטישע פעדעריישאָן אין ענגלאנד; אויסער דעם האָבען אין 1883, סידני וועב, דזש. ב. שאָו און ה. ב. וועלס אָרגאניזירט די פאביאן סאָסייעטי, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון סאָציאליסטישען געדאנק אין ענגלאנד.

אויסער דעם זיינען, אין די 80קער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט, אויפגע־שפּרונגען סאָציאליסטישע פּארטייען און גרופּען כמעט אין אלע לענדער פון אייראָפּא, איינשליסענדיג אויך רוסלאנד און פּוילען. אויך האָבען זיך אין יענע יאָהרען אויסגעבילדעט סאָציאליסטישע פּארטייען אין די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא (די ס. ל. פּ. איז געגרינדעט געוואָרען אין 1877), אין בראזיליע, אויס־טראליע און יאפּאן. אָט די אלע פּארטייען זיינען אויסגעוואקסען אונטער דער דירעק־טער אָדער אונדירעקטער ווירקונג פון די טעאָריען און אידעען פון דעם ערשטען אינטערנאציאָנאל. פיעלע פון די גרינדער זיינען פריהער געווען מיטגלידער פון דעם אינטערנאציאָנאל. א באזונדער וויכטיגען אנטייל אין דער ארבייט האָבען גענומען מארקס און ענגעלס, וועלכע האָבען זיך געפונען אין ענגלאנד, אָבער דורך א צאָלרייכער קאָרעספּאָנדענץ האָבען אויסגעאיבט א שטארקע ווירקונג אויף די אָרטיגע פיהרער, איבערהויפּט אין דייטשלאנד.

ערשט צום ענדע פון די 80קער יאָהרען, ווען ארבייטער פּארטייען אין באזונ־דערע לענדער האָבען זיך שוין פארפעסטיגט, איז די פראגע פון אינטערנאציאָנאל ווידער ארויפגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן טאגעס אָרדנונג. די איניציאטיווע איז געקומען פון די דייטשע סאָציאליסטען וועלכע האָבען אין 1888 ארויסגעשיקט אן איינלאדונג צו אלע סאָציאליסטישע און ארבייטער אָרגאניזאציאָנען צוזאמענ־קומען אין פּאריז אין 1889. און דעם 14טען דזשוליי, 1889, דעם טאָג ווען די באסטיליע איז איינגענומען געוואָרען מיט הונדערט יאָהר צוריק, איז דער ערשטער קאָנגרעס פון דעם צווייטען אינטערנאציאָנאל ערעפענט געוואָרען.

עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען 391 דעלעגאטען פון צוואנציג לענדער, איינ־געשלאָסען אמעריקא. פיעלע פון זיי האָבען שפּעטער געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער אינטערנאציאָנאלער ארבייטער באַוועגונג, ווי: ליבקנעכט, פאָלמאר, בערנ־שטיין, און קלארא צעטקין פון דייטשלאנד; דזשול געד און פאול לאפארג פון פראנקרייך; ווילהעלם מאָריס און קעיר הארדי פון ענגלאנד; וויקטאָר אדלער פון עסטרייך; פּלעכאנאָוו פון רוסלאנד; און אנדערע.

רייִדענדיג אויפ'ן קאָנגרעס וועגען היסטאָרישען צוזאמענהאנג צווישען דער „אינטערנאציאָנאלער ארבייטער אסאָסיאציע" און דער ניי־באשאפענער אינטערנא־ציאָנאלער אָרגאַניזאציע, האָט ליבקנעכט צווישען אנדערעס געזאָגט: „דער אינטער־נאציאָנאל איז ניט געשטאָרבען; ער איז איבערגעבאָרען געוואָרען אין די מעכטיגע ארבייטער באַוועגונגען, אין די באַזונדערע לענדער און בלייבט ווייטער דאָרטען לעבען. ער לעבט אין אונז; דער יעצטיגער קאָנגרעס איז א פאָרטזעצונג פון דער „אינטערנאציאָנאלער ארבייטער אסאָסיאציע".

די אַרבייט פון דיזען קאָנגרעס איז באשטאַנען הויפּטזעכליך אין אויסהערען באריכטען פון פארשיידענע לענדער. ביים שלוס איז אָנגענומען געוואָרען א באשלוס אז דעם ערשטען מאי 1890 זאָל אָפּגעהאלטען ווערען אַן אינטערנאציאָ־נאלע דעמאָנסטראציע פאר אַן 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. נעקסטען יאָהר זיינען דעמאָנסטראציעס אָפּגעהאלטען געוואָרען כמעט איבער דער גאַנצער וועלט. פון דעמאָלט אָן איז דער ערשטער מאי געוואָרען דער יום טוב און דער פּראָטעסט טאָג פון אלע אַרבייטער, ניט קוקענדיג אויף אלע אונטערשיידען.

נאָך דיזען קאָנגרעס זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען קאָנגרעסען אלע 3־4 יאָהר. ביז 1914 זיינען אָפּגעהאלטען געוואָרען אין גאנצען 9: 1889—פּאריז; 1891—ברוסעל; 1893—צוריך; 1896—לאָנדאָן; 1900—פאריז; 1904—אמסטערדאם; 1907—שטוטגארט; 1910—קאָפּענהאגען; 1912—באזעל. דער קאָנגרעס, וועלכער האָט געזאָלט אָפּגעהאלטען ווערען אין 1914 אין וויען, האָט שוין איבער דער מלחמה ניט געקענט פאָרקומען.

אויף די ערשטע קאָנגרעסען איז די מיטגלידערשאַפט געווען א געמישטע; אנארכיסטען און אנטי־פּארלאמענטאריער זיינען געזעסען צוזאמען מיט סאָציאל־דעמאָקראטען. ערשט אין 1900 זיינען פאָרמולירט געוואָרען באַדינגונגען פון אָנשליסען זיך אין אינטערנאציאָנאל. אנטי־פּארלאמענטאריער און אנארכיסטען זיינען מעהר ניט צוגעלאָזט געוואָרען.

אויפ'ן קאָנגרעס אין פאריז, אין 1900, איז געגרינדעט געוואָרען א ביוראָ מיט פאָרשטעהער פון פארשיידענע נאציאָנאלע פּארטייען. די ביוראָ איז געווען די אָנפירענדע קערפּערשאַפט פון אינטערנאציאָנאל אין דער צייט צווישען קאָנ־גרעסען. דער אָרט פון דער ביוראָ איז געווען באַשטימט ברוסעל; וואנדערוועלדע איז ערוועהלט געוואָרען פּאָרזיצער, און הויסמאנס סעקרעטאָר פון דער ביוראָ.

די קאָנגרעסען פון אינטערנאציאָנאל זיינען געוואָרען די אָנפירענדע אינסטי־טוציע פון די נאציאָנאלע פּארטייען אין אלע פראגען פון סאָציאליסטישער פּראָגראם און טאַקטיק. אויפ'ן קאָנגרעס אין פּאריז, אין 1900, איז פארהאנדעלט געוואָרען די פראגע וועגען דעם, צי א סאָציאליסט מעג זיך באטהייליגען אין א בורזשואזער רעגירונג. אויפגעקומען איז די פראגע איבער דעם, וואָס מילעראן, א מיטגליעד פון די „אונאָפּהייִנגיגע סאָציאליסטען" פון פראנקרייך, האָט אָנגענומען א מיניסטער שטעלע אין דעם קאַבינעט פון וואַלדעק רוסאָ. די אונאָפּהייִנגיגע סאָציאליסטען

מיט זשאָרעס'ן האָבען איהם געשטיצט, אָבער די געדיסטען האָבען איהם פאַרדאַמט (אין פראַנקרייך איז דאַן ניט געווען איין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, נור 4 באַזונ־דערע פּאַרטייען, אָדער, בעסער געזאָגט, גרופּען: די „פּאַסיביליסטען", די „בלאַנ־קיסטען", די „געדיסטען" און די „אונאָפּהיינגיגע סאָציאַליסטען"). די דיסקוסיע איבער דער פראַגע אויפ'ן קאָנגרעס איז געווען זעהר א הייסע און לאַנגע. ס'איז ענדליך אָנגענומען געוואָרען א פאָרשלאַג פון קאַוטסקי, וועלכער האָט אין פּרינציפּ פאַרדאַמט די באַטהייליגונג פון א סאָציאַליסט אין א בורזשואַזען מיניסטעריום, אָבער אין אויסנאַם פעלע האָט ער דאָס ערלויבט.

אין דייטשלאַנד איז דאַן אָנגעגאַנגען א שטרייט צווישען די מאַרקסיסטען און רעוויזיאָניסטען. דער פאָרשטעהער פון די ערשטע איז געווען קאַוטסקי און פון די צווייטע בערנשטיין. אויפ'ן דרעזדענער קאָנגרעס פון דער דייטשער ס. ד. פּאַרטיי האָבען די מאַרקסיסטען געזיגט. די אָנגענומענע אויף יענעם קאָנגרעס רעזאָלוציע איז איבערגעגעבען געוואָרען צום אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם, אין 1904. די רעוויזיאָניסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק ענטוויקלען ניט נור אין דייטשלאַנד, נור אויך אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, איז אויף דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס געשלאָגען געוואָרען. זשאָרעס, וועלכער איז געווען דער הויפּט פאַרטיידיגער פון רעוויזיאָניזם, האָט ניט נור ניט פאַרלאָזען דעם אינטערנאַציאָנאַל, נור פאַרקערט, נאָכ'ן קאָנגרעס האָט ער געהאָלפען פאַר־איינינגען אַלע סאָציאַליסטישע גרופּען פון פראַנקרייך, און ביז זיין טראַגישען טוידט איז ער פאַרבליבען דער פירער פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטען.

אין אָנהויב פון 20טען יאָהרהונדערט האָט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון די אייראָפּייאישע רעגירונגען זיך מורא'דיג פאַרשטאַרקט און האָט פאַראור־זאַכט א מלחמה געפאַהר, וועלכע איז געוואָרען גרעסער פון יאָהר צו יאָהר. די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען האָבען אָנגעהויבען פאַרהאַנדלען די פראַגען פון אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין אַלגעמיין און ספּעציעל וועגען דער שטעלונג פון סאָציאַליסטען אין דער צייט פון מלחמה. אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס, אין 1907, האָט די גרויסע מאַיאָריטעט, מיט די דייטשע דעלעגאַטען אַן דער שפּיצע, געמאַכט א שאַרפען אונטערשיעד צווישען צוויי סאָרטען מלחמות: אָנגרייפענדע און פאַרטיידיגענדע. צו שאַרפער מאַכען דעם אונטערשיעד צווישען די ביידע סאָרטען מלחמות האָט בעבעל דאַן אויסגעשריען, אַז אין דעם טאָג ווען דייטשלאַנד וועט אַטאַקירט ווערען, וועט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויפשטעהן ווי איינער זי צו פאַרטיידיגען. (בעבעל איז געשטאָרבען אין 1913, ד. ה. נאָך פאַר דער מלחמה, אָבער די דייטשע ס. ד. פּאַרטיי, שטימענדיג אין רייכסטאָג אין אויגוסט 1914 פאַר מלחמה קרעדיטען, האָט דורך איהר פּאָרזיצער, הוגאָ האאַזע, ערקלערט, אַז „צו פאַרהיטען אונזער פאַטערלאַנד פון געפאַהר פון רוסישען דעספּאָטיזם, ערפילען מיר דאָס, וואָס מיר האָבען אימער צוגעזאָגט: אין דער שטונדע פון גע־פאַהר קלייבען מיר זיך צוזאַמען צו דער פאַרטיידיגונג פון דייטשלאַנד".

די גאַנצע אַטאַקע פון שטוטגאַרטער קאָנגרעס איז געווען געווענדעט געגען די אָנגרייפענדע מלחמות. און אין דעם זין איז אויסגעטייטשט געוואָרען די אָנגענומענע רעזאָלוציע.

די שטוטגאַרטער רעזאָלוציע געגען מלחמה פאָדערט אויף אַלע אַרבייטער פון אַלע לענדער און זייערע פאַרטרעטער אין די פּאַרלאַמענטען, מיט אַלע מעגליכ־קייטען שטערען מלחמה, ווען און וואו ס'איז נאָר דאָ א געפאַהר אַז זי זאָל אויס־ברעכען; אַרבייטען פאַר א שנעלען שלום, ווען א קריעג וועט אויסברעכען און אויסנוצען אויף אַלע אופנים דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קריזיס, וואָס ווערט

ארויסגערופען דורכ'ן קריעג, פאר אן אגיטאציע צווישען די ברייטסטע פאָלקסמאסען כדי צו פארשנעלערען דעם צוזאמענברוך פון דער קאפּיטאַליסטישער הערשאפט.

אין נאָוועמבער 1912, ווען ס'איז געווען א געפאהר, אז דער באלקאנער קריעג זאָל פארוואנדעלט ווערען אין א וועלט קריעג, האָט די אינטערנאציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ צוזאמענגערופען א ספּעציעלען קאָנגרעס אין באזעל, וועלכער איז געווען באזוכט פון 555 דעלעגאטען פון בוכשטעבליך אלע לענדער פון אייראָפּא. ס'איז אָנגענומען געוואָרען א שטאַרקע רעזאָלוציע, אויפפאָדערענדיג אלע ארבייטער צו באקעמפען די אימפעריאַליסטישע פאָליטיק פון זייערע רעגירונגען מיט אלע מיטלען, וועלכע זיי באזיצען. ס'איז געווען אן איינדרוקספולע דעמאָנסטראציע און זי האָט ווארשיינליך געווירקט, וואָס דער באלקאנישער קריעג האָט זיך ניט פאנאנדער געשפּרייט ווייטער.

ווענען דעם קאָנגרעס, וועלכער האָט געזאָלט פּאַרקומען אין וויען אין 1914, נור וועלכער האָט שוין ניט געקענט פאַרקומען איבער דער וועלט מלחמה, שרייבט וואנדערוועלדע פאָלגענדעס:

„אלץ איז געווען צוגעגרייט צו פייערען אויף א געהעריגען אופן דעם 50טען געבורטסטאָג פון אינטערנאציאָנאַל. די עסטרייכישע גענאָסען האָבען אָפּגעדרוקט אן אלבום, מיט א סך אילוסטראציעס און מיט ארטיקלען פון קאוטסקי, אדלער און אנדערע וועגען דער סאָציאַליסטישער באוועגונג פאר די 50 יאָהר.

„דער דאָקומענט איז צווישען אונז פארטיילט געוואָרען מיט 10 יאָהר שפּעטער, ווען די עקזעקוטיווע פון דעם אינטערנאציאָנאַל האָט זיך דאָ ניט לאנג פאר־זאמעלט אין וויען. דער סאוועניר ליגט איצט פאר מיינע אויגען. ער ענטהאלט די פאָטאָגראפיעס פון די מיטגלידער פון דער אינטערנאציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין יוני, 1914. זיי זיינען 66 אין צאָל. א סך פון זיי זיינען טויט, — דערמאָרדעט אָדער געשטאָרבען פון עגמת נפש צוליעב דער מלחמה. זשאָרעס, האזע, ראָזא לוקסעמבורג, און אויך קעיר הארדי, וויקטאָר אדלער, עדוואַרד וואיאן, זשול געד, מארסעל סעמבא.

„אנדערע פון זיי זיינען איצט אָדער זיינען געווען פּרעמיערען אָדער הויפּטען פון רעגירונגען, — רעמסיי מעקדאָנאַלד, סטאונינג, בראנטינג און עבערט.

„דאָס איז געווען א פארזאמלונג, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די אלע נאציאָ־נאלע קרעפטען פון סאָציאַליזם, און וואָס האָבען זיך צום לעצטען מאָל פארזאמעלט אין „מעזאָן דיו פּעפּל" אין ברוסעל, אין דזשולי 1914. אפילו דעמאָלט נאָך, ווען דער שאָטען פון מלחמה איז שוין איבער אונז געהאנגען, האָט נאָך אלץ געהערשט צווישען אונז אָפּטימיזם.

„אדלער האָט געהאלטען, אז א מלחמה צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך איז מאָראַליש אונמעגליך. האזע האָט זיך פארלאָזען, ניט אויף דעם קייזער'ס מענשליכקייט, נור אויף זיין פייגהייט אין דעם לעצטען מאָמענט.

„זשאָרעס האָט צום לעצטען מאָל גערעדט דעם אָווענט פון 30טען דזשולי. ער האָט ווידער ערקלערט, אז ער גלויבט אין א פרידליכען אויסוועג. „אָבער אויב די רעגירער פון דער וועלט וועלען דאָך לויז לאָזען די האנט פון מלחמה — האָט ער געזאָגט מיט א פּראָפעטישען טאָן, — וועט צום סוף פון דער מלחמה יעדע נאציע אויפשטעהן אנטקעגען דעם שולדיגען אין אירע צרות און וועט זאָגען צו איהם: „געה און בעט מחילה ביי גאָט און ביי מענשען."

„די נבואה איז מקוים געוואָרען. די מלחמה האָט געבאָרען רעוואָלוציעס. דער רוהם פון קייסאָרים איז פארשוואונדען. זשאָרעס איז אין פּאנטעאָן. די זעלבסטהערשאפטען זיינען טויטע. דער אינטערנאציאָנאַל לעבט!"

# פאַקטען און ציפערען פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג

די באוועגונג פון די ארבייטער אין אמעריקע צו פארבעסערן זייער לאגע דורך טרייד יוניאָנס איז שוין אלט. מיר געפינען שוין יוניאָנס, ד. ה. פאריינען פון ארבייטער וואָס זייער צוועק איז געווען צו פארבעסערן זייער מאטעריעלע לאגע, שוין צום ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט. אין דער ערשטער העלפט פון 19טען יאָהרהונדערט האָבען זיך, אויסער פילע לאָקאלע פאריינען, אויך געגרינדעט אייניגע צענטראלע לאָקאלע אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבען אריינגענומען אלע יוניאָנס פון דעם זעלבען טרייד פון פארשידענע שטעדט. פילע העפטיגע קאמפען זיינען פון די יוניאָנס אָנגעפיהרט געוואָרען, פילע סטרייקס זיינען פון זיי געוואונען געוואָרען, און אויך פילע זיינען פארשפילט געוואָרען. אָבער מייסטע פון די אלע יוניאָנס האָבען לאנג ניט עקזיסטירט. זיי האָבען זיך געגרינדעט, פאר א צייט זיינען זיי טהעטיג געווען און דערנאָך פארשוואונדען. צום בירגער קריג אין 1861 איז שוין קיין איין נאציאָנאלע יוניאָן ניט געבליבען.

ערשט נאָכן בירגער קריג, ווען דער קאפיטאליזם האָט זיך שטאַרק אָנגע־הויבען ענטוויקלען, און די צאָהל פון ארבייטער האָט זיך אָנגעפאנגען פיעל צו פארגרעסערן, און ווען אין אמעריקע האָבען אָנגעהויבען אָנקומען מאסען אימי־גראַנטען, וועלכע האָבען שוין אין דער אלטער היים אנטהייל גענומען אין ארבייטער אָרגאניזאציעס — ערשט דאַן האָט זיך דאָ אָנגעהויבען ענטוויקלען א סיסטע־מאטישע באוועגונג, איבערהויפט צווישען קוואליפיצירטע ארבייטער.

ווי די יוניאָנס זיינען געוואקסען, קענען מיר זעהן פון די פאָלגענדע פאקטען: אין דעצעמבער 1863 זיינען אין די פאראייניגטע שטאאטען געווען 79 לאָקאלע יוניאָנס, וועלכע האָבען ארומגענומען 20 פארשידענע אינדוסטריעס; א יאָהר שפּעטער זיינען שוין דאָ געווען 270 יוניאָנס אין 53 אינדוסטריעס. אין נאָוועמבער 1865 — 300 יוניאָנס אין 61 פארשידענע אינדוסטריעס.

די לאָקאלע יוניאָנס האָבען זיך אָנגעהויבען אָרגאניזירען אין נאציאָנאלע. פון די וויכטיגסטע נאציאָנאלע יוניאָנס פון יענער צייט איז ווערט צו דערמאָנען: די לאָקאָמאָטיוו אינזשינירס, אָרגאניזירט אין 1863; די פּלאַסטערער, שיפּ קאר־פענטער און די סיגאר מאכער, וועלכע האָבען זיך אָרגאניזירט אין 1864; די קאָוטש מאכער, די פּיינטערס, די טיילאָרס, די קארפּענטערס און די בריקלייער, וועלכע האָבען זיך אָרגאניזירט אין 1865; די מיינערס יוניאָן און די לאָקאָמאָטיוו פייערמען אין 1873. צום ענדע פון 1873 האָבען שוין עקזיסטירט 22 נאציאָנאלע יוניאָנס.

צו כאראקטעריזירען די טאַקטיק און צוועקען פון די יוניאָנס פון יענער צייט וועט מען קענען זעהן פון א פּאָר ביישפּילען. די פּאָליסי פון דער בראָדערהוד אָוו לאָקאָמאָטיוו אינזשינירס איז געווען „צו געווינען די גוטע גנאָדע פון די בעלי בתים מיט דעם צוועק צו ענטוויקלען דעם כאראקטער פון די מיטגלידער און אויפהויבען זייער פעהיגקייט אלס ארבייטער. דער ארבייטסגעבער דארף זיין אויף

אזוי פיעל צופרידען מיט זייער אַרבייט, אז ער דאַרף מיט זיין גוטען ווילען אויסדריקען זיין אנערקענונג און העכערען זייער לוין."

די שומאַכערס יוניאָן, וועלכע האָט זיך אָרגאַניזירט אין 1867 אַלס א געהיימע סאָסייעטי אונטערן נאָמען „נייטס אָוו סעינט קריספּיען", האָט זיך געשטעלט אַלס איר אויפגאַבע צו קעמפען געגען דער באַשעפטיגונג פון ניט קוואַליפיצירטע אַרבייטער אין טרייד. זיי האָבען געהאַט אַן ערפאָלג ביי די אַרבייטער. אַרום 1870 איז זייער מיטגלידערשאַפט אויסגעוואַקסען ביז אַרום 50 טויזענד.

## די נעשאָנאַל לעיבאָר יוניאָן

איבערהויפּט זיינען געווען צו מערקען פאַרשידענע ריכטונגען אין די אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. אין די זעכציגסטע יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט ווערען שוין אויך געמאַכט פאַרזוכען צו אָרגאַניזירען אַלע עקזיסטירענדע יוניאָנס אין איין נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט. דעם 20טען אויגוסט 1866 האָבען 77 דעלע־גאַטען פון 50 יוניאָנס, פון 13 באַזונדערע טריידס, זיך צוזאַמענגענומען אין באַלטימאָר און אָרגאַניזירט די „נעשאָנאַל לעיבאָר יוניאָן".

וויכטיגע פראַגען זיינען פאַרהאַנדעלט געוואָרען אויף דער ערשטער קאָנווענ־שאָן פון דער נעשאָנאַל לעיבאָר יוניאָן. א לאַנגע דיסקוסיע האָט ארויסגערופען די פראַגע וועגען אונאָפּהענגיגער פּאָליטישער אַקציאָן פאַרן אַרבייטער. שוין דאַן איז אָנגעגאַנגען א ויכוח אין די אַרבייטער רייהען וועגען אָט דער וויכטיגער פראַגע. אין דער רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען פון דער מערהייט פון דער קאָנווענשאָן, ווערט צווישען אנדערעס געזאָגט: „די געשיכטע און די געזעצגעבונג פון דער פאַרגאַנגענהייט האָט איבערצייגט, אז וואָס אנבאַלאַנגט די אינטערעסען פון די אַרבייטער קלאַסען, קען מען זיך ניט פאַרלאָזען אויף די צוזאָגונגען פון די עקזיסטירענדע פּאָליטישע פּאַרטייען. די צייט איז געקומען, ווען די אַרבייטער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען זאָלען זיך אָפּשאָקלען פון די עקזיסטירענדע פּאַרטייען און זאָלען זיך אליין אָרגאַניזירען אין א נאַציאָנאַלער אַרבייטער פּאַרטיי". די פּאָליטישע ריכטונג האָט אָבער געהאַט פילע געגנער.

די געגנער פון זעלבסטשטענדיגער אַרבייטער פּאָליטיק האָבען באַלד רעוואָל־טירט. זיי האָבען געסטראַשעט צו פאַרלאָזען די קאָנווענשאָן. דאַן איז אָנגענומען געוואָרען א קאָמפּראָמיס רעזאָלוציע, וועלכע דריקט מער ניט אויס א וואונש, אז די אַרבייטער זאָלען אָנפאַנגען אַן אייגענע פּאָליטישע אַקציע, אָבער די רעזאָלוציע רעדט מעהר ניט וועגען אָרגאַניזירען אַן אונאָפּהענגיגע אַרבייטער פּאַרטיי. קאָנ־קרעטע שריט אין דער פּאָליטישער ריכטונג זיינען פון דער נעשאָנאַל לעיבאָר יוניאָן איבערהויפּט ניט גענומען געוואָרען און די רעזאָלוציע איז געבליבען אויפ'ן פּאַפּיר.

ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרען א רעזאָלוציע צו העלפען די פרויען אַרבייטער פאַרבעסערען זייער לאַגע, אויך א רעזאָלוציע וועגען אַן 8־שטונדיגען אַרבייטס טאָג, וועלכער איז נויטיג „פאַר דער קולטורעלער און פּאָליטישער ענטוויקלונג פון אַרבייטער". די קאָנווענשאָן האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו אַלע ניט קוואַליפיצירטע אַרבייטער זיך אָרגאַניזירען אין יוניאָנס און אָנשליסען זיך אין דער נעשאָנאַל לעיבאָר יוניאָן.

די גרעסטע שטופּע פון ענטוויקלונג האָט די נעשאָנאַל לעיבאָר יוניאָן דער־גרייכט אין 1868. אויף דער ניו יאָרקער קאָנווענשאָן אין דעם יאָהר זיינען געווען

פאָרשטעהער פון 600 טויזענד אָרגאניזירטע ארבייטער. אָבער פון דאן אָן האָט די אָרגאַניזאציע אָנגעהויבען געהן בארג אראָפּ. אין 1872 האָט זי נאָך פּרובירט אָרגאניזירען א לעיבאָר פּארטיי, נאָר דער געדאנק האָט שוין קיין אָפּקלאנג ניט געפונען. אין דעם זעלבען יאָהר איז זי אונטערגעגאנגען.

די נעשאָנאל לעיבאָר יוניאָן האָט ניט געהאָט קיין פּערמאנענטע אָרגאניזאציע צו שטעהן שטענדיג אויף דער וואך פון ארבייטער קאמף. זי האָט זיך באנוגענט מיט די קאָנווענשאָנס וועלכע זיינען צוזאמענגערופען געוואָרען איין מאָהל אין יאָהר. קיין אָרגאניזאציע, וועלכע זאָל דורכפיהרען די רעזאָלוציעס אין לעבען, איז ניט געווען. דאָס איז געווען די הויפּט אורזאכע וואָס די נעשאָנאל לעיבאָר יוניאָן איז ניט געוואקסען. די לעיבאָר יוניאָן האָט זיך איבערהויפּט ניט געקענט דערהויבען צו איהר אויפגאבע. זי איז געווען געגען סטרייקס. איין קאָנווענשאָן איז אזוי וויט געגאנגען אין דער פראגע פון סטרייקס — אין אָט דער וויכטיגסטער וואפע אין די הענד פון די אָרבייטער — אז זי האָט עפענטליך קריטיקירט סטרייקס אלס א זאך וואָס בריינגט שאדען דעם ארבייטער. די פיהרער האָבען נאָך אלץ געגלויבט אין דער גוטהערציגקייט פון די אָרבייטס געבער, וועלכע דארפען האָבען יושר און מיט׳ן גוטען ווילען פארבעסערען די לאגע פון זייערע ארבייטער. מיט אזא פּאָליסי קען נאטירליך קיין ארבייטער פאריין ניט עקזיסטירען און די נעשאָנאל לעיבאָר יוניאָן האָט דאריבער געמוזט אונטערגעהן.

סטרייקס זיינען אין יענער פּעריאָדע פאָרגעקומען פילע און גרויסע אין אלע אינדוסטריעלע צענטערס פון לאנד. אייניגע סטרייקס האָבען אָנגעהאלטען זעהר לאנג, ווי צום ביישפּיל דער סטרייק פון די סיגאר מאכערס אין 1869, וועלכער האָט געדויערט 18 וואָכען און איז ענדליך פארלאָרען געגאנגען. דער גרעסטער סטרייק פון יענער צייט איז געווען דער סטרייק פון די אָרבייטער פון ניו יאָרק פאר אן 8־שטונדיגען ארבייטס טאָג. אין דעם סטרייק האָבען אנטהיילגענומען ארום 100 טויזענד אָרבייטער, הויפּטזאכליך פון די בילדינג טריידס. נאָך א קאמף פון 3 מאָנאטען איז די פאָדערונג אין גרעסטען טהייל געוואונען געוואָרען, נאָר די סטרייקס זיינען געווען אָהן פיהרער. זיי זיינען געווען סטיכיש.

באלד נאָכ׳ן אונטערגאנג פון דער נעשאָנאל לעיבאָר יוניאָן איז נאָך אמאָל געמאכט געוואָרען א פארזוך צו גרינדען א נאציאָנאלע ארבייטער קערפּערשאָפט. דעם 15טען יולי 1873 האָבען 70 דעלעגאטען פון 6 נאציאָנאלע יוניאָנס זיך צוזאמענגענומען אין קליוולאנד און האָבען באשלאָסען צו גרינדען אזא קערפּער־שאָפט. אויף דער צווייטער קאָנווענשאָן אין 1874 איז באשלאָסען געוואָרען א נאָמען געבען זיך „אינדאָסטריעל בראָדערהוד", אָבער אויף דער 3טער קאָנווענ־שאָן אין 1875 זיינען שוין מעהר ווי 20 דעלעגאטען ניט געקומען. אלע דעלעגאטען זיינען געווען פון דער טיפּאָגראפיקאל יוניאָן און דער פארזוך איז אין גאנצען דורכגעפאלען.

---

די יאָהרען 1878־1873 זיינען געווען קריזיס יאָהרען. מאסען ארבייטער האָבען פארלאָרען זייער באשעפטיגונג און זיינען געבליבען ארבייטסלאָז. אין 1877 האָט די צאָהל ארבייטסלאָזע דערגרייכט 3 מיליאָן, וואָס איז א ריזיגע צאָהל אין א לאנד, וועלכע האָט דאן אין גאנצען געצעהלט 33 מיליאָן מענשען. יוניאָנס האָבען פארלאָרען דעם גרעסטען טהייל פון זייערע מיטגלידער און פילע זיינען אין גאנצען אונטערגעגאנגען. פילע סטרייקס זיינען דאן פאָרגעקומען איבער׳ן

לאנד, אָבער דאָס זיינען ניט געווען סטרייקס צו פארבעסערען די לאגע, נאָר פארטהיידיגונגס סטרייקס געגען די ארבייטס געבער, וועלכע האָבען געהאלטען אין איין שניידען די ווייזשעס.

א ביטערען סטרייק האָבען אָנגעפיהרט די קוילען גרעבער ענדע 1874. דער סטרייק האט געדויערט גאנצע 7 מאָנאַטען, ביז וואנען די ארבייטער האָבען שוין ניט געקענט מעהר אויסהאלטען די נויט און הונגער און האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען. אין די געגענדען וואו די קוילען גרובען האָבען זיך געפונען האָט געהערשט אן אמתער טעראָר. ארבייטער אָרגאניזאציעס זיינען אין גאנצען פארוועסט געוואָרען. נאָכ'ן פארלאָרענעם סטרייק האָבען די ארבייטער געגרינדעט א געהיימע אָרגאניזאציע מיט'ן נאָמען „מאלי מעגווייערס", וועלכע איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער צווישען די קוילען גרעבער. די צאָהל לאָקאלען, וועלכע האָבען באלאנגט צום געהיימען אָרדען, האָט אין צייט דערגרייכט 6000. די ארבייטס געבער האָבען דערשמעקט א געפאהר און האָבען באשלאָסען צו פארניכטען די מאלי מעגווייערס. ווי געוועהנליך אין אזעלכע פעלע, האָבען די בעלי בתים אריינגעשיקט אין אָרדען שפּיאָנען און פּראָוואָקאטאָרען. זיי האָבען פאר דיזען צוועק געדונגען די טרויעריג באריהמטע פינקערטאָן דעטעקטיוו אײדזשענסי, וועמענס אגענטען, פארשטעלענדיג זיך פאר אייגענע מענשען, איבערגעבענע ארבייטער, האָבען אליין אויפגערייצט אנדערע צו פארשידענע פארברעכערישע אַקטען, אום דערמיט צו דיסקרעדיטירען די גאנצע אָרגאניזאציע.

אין 1875 האָבען אין געגענדען פון די קוילען גרובען זיך זעהר פיעל פאר־מעהרט פארברעכענס, און די רעגירונג האָט פארדעכטיגט די ארבייטער און באשלאָסען צו מאכען אן אלגעמיינע אטאקע. פילע באאמטע און מיטגלידער פון דעם אָרדער זיינען ארעסטירט געוואָרען. די שפּיאָנען און פּראָוואָקאטאָרען האָבען פלייסיג געארבייט. אויפ'ן טריעל זיינען זיי געווען די איינציגע עדות די באשולדיגטע האָבען זיך ערקלעהרט ניט שולדיג; קיין אנדערע באווייזע אויסער דאָס עדות זאָגען פון די פּראָוואָקאטאָרען זיינען ניט געווען, אָבער פאר די קאפּי־טאליסטישע קאורטס איז דאָס געווען גענוג. 14 מענשען זיינען פאר'משפּט געוואָרען צו טורמע פון 2 ביז 7 יאָהר און 10 מענשען צום טויט.

ביטערע סטרייקס זיינען אין יענע יאָהרען פאָרגעקומען אין אמעריקא. פון איין זייט איז געווען הונגער און נויט ביי די ארבייטער און פון דער צווייטער זייט — א שרעקליכער טעראָר, וואָס ס'איז אָנגעווענדעט געוואָרען פון די בעלי בתים געגען זייערע ארבייטער. גענוג ארבייטער בלוט איז דאן פארגאָסען געוואָ־רען, גענוג קרבנות זיינען געפאלען.

א זאָנדערבארע לאגע האָט זיך ענטוויקעלט אין יענער צייט אין דעם שטאאט קאליפאָרניא. אין דער צייט ווען מאסען ארבייטער האָבען פארלאָרען באשעפ־טיגונג, זיינען אין קאליפאָרניע אין די יאָהרען 1874-1877 אריינגעקומען 150 טויזענד אימיגראנטען פון אזיע, הויפּטזעכליך פון כינע. די אימיגראנטען זיינען געווען וויליג צו ארבייטען פאר קליינע פרייזען. די קאָנקורענץ פון די אזיאטישע אימיגראנטען האָט נאָך מעהר פארגרעסערט די צאָהל ארבייטסלאָזע פון די אָרטיגע ארבייטער. די לאגע האָט אויסגענוצט איינער, מיטן נאָמען דעניס קיערני. ער האָט געגרינדעט די „ארבייטער פּארטיי פון קאליפאָרניא", וועמענס פּלאטפאָרמע איז געווען הויפּטזעכליך צו באקעמפען די אימיגראציע פון כינעזער. די גאנצע שולד פון קריזיס און ארבייטסלאָזיגקייט האָט די פּארטיי ארויפגעוואָרפען אויף די אָרימע אזיאטען. די אונבאוואוסטזיניגע ארבייטער האָבען אין דעם געגלויבט

און די אגיטאַציע האָט געהאַט אזא ערפאָלג צווישען די ברייטע מאַסען, אז זיי האָבען אויסגעאיבט א דרוק אויף דער רעגירונג און זי איז געווען געצוואונגען אנצונעהמען א געזעץ צו פארווערען די אימיגראַציע פון כינעזער אין דעם שטאַאט קאַליפאָרניא.

## די נייטס אָוו לעיבאָר

איינע פון די ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט געשפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון אונזער ארבייטער באַוועגונג, איז געווען די אָרגאַניזאַציע פון די „נייטס אָוו לעיבאָר". זי איז געגרינדעט געוואָרען אין פילאַדעלפיא אין 1869 פון די גאַרמענט קאַטערס אלס א געהיימער אָרדען. אין די ערשטע יאָהרען האָבען די „נייטס אָוו לעיבאָר" גראָדע קיין ראָלע ניט געשפּילט, נעבליבען געהיים און האָבען ניט גענומען קיין אנטהייל אין די גרויסע ארבייטער קאַמפען פון 1877. אין זייער פּראָגראַם, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אין 1878, זיינען געווען פאָדערונגען מעהר פון פּאָליטישען כאַראַקטער, ווי צום ביישפּיל: די פארווערונג פון נאַציאָנאַלע באַנקען, פרעמדע זאָלען ניט טאָרען באַזיצען קיין לאַנד, א. ז. וו. זיי זיינען אויך געווען געגען עקאָנאָמישען קאַמף פון די ארבייטער. לויט דער מיינונג פון די לידערס, זיינען סטרייקס איבערהויפּט שעדליך פאַר די ארבייטער. די „נייטס אָוו לעיבאָר" איז ניט געווען קיין ריין ארבייטער אָרגאַניזאַציע. לויט איהר קאָנסטיטוציע האָט יעדע פּערזאָן, עלטער פון 18 יאָהר, וועלכע האָט ווען עס איז געאַרבייט פאַר א געהאַלט, געקענט ווערען א מיטגליד. א מיטגליד האָט אָבער ניט געקענט ווערען אזא פּערזאָן וועלכער מאַכט א לעבען פון האַנדלען מיט שטאַרקע געטראַנקען, אָדער אפילו א פּראָפעסיאָנעלער מענש ווי א דאָקטאָר, א לאָיער אָדער א באַנקיר. אין גיכען האָט זיך אָנגעפאַנגען אָבער צו פיהלען די ווירקונג פון די „נייטס אָוו לעיבאָר", נאָר אין גאַנץ ענגע ראַהמען.

די אָרגאַניזאַציע פון די „נייטס אָוו לעיבאָר" איז געווען שטאַרק צענטראַליזירט. אין דער צייט צווישען קאָנווענשאָנס, וועלכע האָבען באַדאַרפט פאָרקומען יעהרליך, איז די גאַנצע מאַכט געלעגען אין די הענד פון נאַציאָנאַלען אָפיס, וואָס ס'האָט געמיינט איינינע באַאמטע, וועלכע האָבען געהאַט די פולע רעכט אויסצושליסען איינצעלנע מיטגלידער אָדער גאַנצע לאָקאַלען, אָרדערען ארבייטער צו סטרייקען אָדער אָרדערען זיי געהן צו דער ארבייט אין א צייט פון סטרייק. און דער נאַציאָנאַלער אָפיס האָט זיך מיט דער מאַכט טאַקע אָפט באַנוצט ניט פאַר די אינטערעסען פון די ארבייטער.

נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די באַאמטע זיינען געווען געגען סטרייקס און האָבען געפּריידיגט סאָלידאַריטעט צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, האָט די נייטס אָוו לעיבאָר דאָך אָנגעפיהרט פילע סטרייקס. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס די מיטגלידערשאַפט האָט אָנגעהויבען שטאַרק וואַקסען, און די „רענק און פאַיל" האָט ארויסגערופען סטרייקס געגען דעם ווילען פון די פיהרער. אין 1879 האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד אָנגעהויבען שטאַרק צו פאַרבעסערען, ארבייטער האָבען צוריק באַקומען באַשעפטיגונג, אָבער די באַלעבאַטים האָבען זיך ניט געאיילט צו פאַרגרעסערען זייער געהאַלט, וועלכער איז פילע מאָהל נעשניטען געוואָרען אין די יאָהרען פון קריזיס. ארבייטער האָבען געמוזט קעמפען אום צוריק צו געווינען די פריערדיגע שכירות. די ארבייטער יוניאָנס זיינען דאַן געווען אָרים אין מיטלען און מענשען און ס'האָט זיך זיי פּשוט נעלוינט אנצושליסען אָן

די „נייטס אָוו לעיבאָר", די איינציגע אָרגאַניזאַציע, שטאַרק אין פינאַנציעלע מיטלען מיט אָרגאַנייזערס אין יעדען דיסטריקט, וועלכע האָבען געקענט אויסגענוצט ווערען פאַר ארבייטער צוועקען. צוליב אָט דער אורזאַכע האָט די מיטגלידערשאַפט פון די „נייטס אָוו לעיבאָר" נאָך 1879 אָנגעהויבען שטאַרק צו וואַקסען. אין 1879 האָט זי פאַרמאָגט 20,151 מיטגלידער; אין 1880, 28,136; אין 1883, 51,914; אין 1885, 104,066, און אין 1886, 702,924.

דער שטאַרקער וואוקס פון די „נייטס אָוו לעיבאָר" האָט אָנגעהויבען ארויס־רופען אטאַקעס פון דער בורזשואזער פרעסע און פון דער קירכע. אזוי ווי די אָרגאַניזאַציע איז געווען א געהיימע, זיינען וועגען איהר פאַרשפּרייט געוואָרען שרעקליכע לעגענדעס. דאָס האָט געצוואונגען דעם געהיימען אָרדען ארויסצו־קומען אין דער עפענטליכקייט. צו דעם שריט האָט אויך, פאַרשטייט זיך, איהר געצוואונגען דער שטאַרקער וואוקס פון מיטגלידער: א גרויסע צאָהל מיטגלידער קען מען ניט איינהאַלטען אין א געהיימער אָרגאַניזאַציע.

די נייטס אָוו לייבאָר איז ניט געווען קיין טרייד יוניאָן אין אָנגענומענעם זין; זי איז גיכער געווען א פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע ווי אן עקאָנאָמישע, אָבער אויך אלס פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע איז זי געווען א מישמאַש פון פאַרשידענע ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע טענדענצען. די וייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער טרייד יוניאָן באוועגונג אין די 80קער יאָהרען האָט געפיהרט צו דער נויטווענדיגקייט פון א ריינער טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציע. אזא אָרגאַניזאַציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די אמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, וועלכע האָט אָנגעפאַנגען איהר טהעטיגקייט נאָך אין 1881. אָפיציעל האָט זיך די פעדערעישאָן געגרינדעט אין 1886. ביים ענדע פון די 80קער יאָהרען האָבען די יוניאָנס אָנגעהויבען פאַר־לאָזען די נייטס אָוו לעיבאָר און זיך אָנשליסען אָן דער אמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. די פעדערעישאָן האָט אָנגעהויבען וואַקסען און די נייטס אָוו לעיבאָר איז ביסלעכווייז ארונטער פון סצענע.

די מיטגלידערשאַפט פון די נייטס אָוו לעיבאָר פאַר די יאָהרען 1886־1893:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1886 | 702,924 | 1889 | 220,000 |
| 1887 | 500,000 | 1890 | 100,000 |
| 1888 | 259,758 | 1893 | 74,635 |

## די אמעריקאַן פעדערריישאָן אָוו לעיבאָר

די אמעריקאַן פעדערריישאָן אָוו לעיבאָר איז געגרינדעט געוואָרען אין פּיטס־בורג, פּאַ., דעם 15טען נאָוועמבער 1881. די 107 דעלעגאַטען, וואָס האָבען אנטהייל גענומען אין דער גרינדונגס קאָנווענשאָן, האָבען רעפּרעזענטירט נאַציאָ־נאַלע יוניאָנס, אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס און לאָקאַלע יוניאָנס.

דער צוועק פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעדריקט געוואָרען אין די פאָלי־גענדע ווערטער:

„צו דערהויבען דעם טרייד יוניאָניזם און ערווערבען פאַר די לוין ארבייטער רעספּעקט פאַר זייערע רעכטע און די באַלוינונג פאַר זייער ארבייט צו וועלכער זיי זיינען בארעכטיגט."

די אָרגאַניזאַציע האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו ארבייטען פאַר דעם אַכט־שטונדיגען ארבייטס טאָג, ניט צו אונטערשיידען צווישען ראַסען,

נאציאָנאַליטעט אָדער קאָליר, און אריינצונעהמען סיי מעכאַניקער און סיי פּראָסטע באַלמעלאָכעס.

פּאָליטיש האָט די א. פ. ל. באַשלאָסען צו בלייבען אונפּארטייאיש, אָבער די פעדערעישאָן האָט אויסגעאיבט איהר איינפלוס אויף דעם קאָנגרעס און אויף די סטייט לעדזשיסלייטשורס צו שאַפען גינסטיגע ארבייטער געזעצע.

פון די פאָלגענדע פאַקטען קען מען זיך באקענען מיט דער געשיכטע פון דער אמעריקאן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר:

דעם 2טען אויגוסט 1881 האָבען איניגע באַאַמטע פון נאציאָנאַלע טרייד יוניאָנס ארויסגעלאָזען אן אויפרוף צו די אָרגאַניזירטע ארבייטער צו א קאָנווענשאָן אין פּיטסבורג אויפן 15טען נאָוועמבער דעם זעלבען יאָהר. דער צוועק פון דער קאָנווענשאָן — איז געשטאַנען אין דעם אויפרוף — איז צוזאמענצוברייננגען אלע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס און טרייד יוניאָנס אין איין פעדעראַציע, וועמענס אויפגאַבע ס'וועט זיין מיט פאראייניגטע קרעפטען צו פארבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער. אויף יענער קאָנווענשאָן זיינען אנוועזענד געווען 104 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען רעפּרעזענטירט 8 נאציאָנאַלע יוניאָנס, 11 שטאָדטישע צענטראַלע קערפּערשאַפטען, 42 לאָקאַלע יוניאָנס און 46 לאָקאַלס פון די נייטס אָוו לעיבאָר. ס'איז א סברה, אז די דעלעגאַטען פון די נייטס אָוו לעיבאָר זיינען געקומען ניט צו דערלאָזען, אז די נייע אָרגאַניזאַציע זאָל קאָנקורירען מיט זייער אייגענער. און ס'איז קיין ספק ניט, אז די איניציאַטאָרען פון דער קאָנווענשאָן האָבען דאָס טאַקע געמיינט.

נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז באַשלאָסען געוואָרען א נאָמען צו געבען די נייע אָרגאַניזאַציע: „די פעדעראַציע פון אָרגאַניזירטע טרייד און ארבייטער יוניאָנס פון די פאראייניגטע שטאַאטען און קאַנאַדע”. ס'איז אויך באַשלאָסען געוואָרען, אז צו שיקען דעלעגאַטען צו די קאָנווענשאָנס פון דער פעדעראַציע זיינען בארעכטיגט שטאָדטישע צענטראַלע קערפּערשאַפטען צו איין דעלעגאַט און נאציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס צו איין דעלעגאַט אויף יעדע 1000 מיטגלידער. לאָקאַלע יוניאָנס זיינען ניט בארעכטיגט צו פארטרעטערשאַפט.

אויף דער צווייטער קאָנווענשאָן אין 1882, האָבען די נייטס אָוו לעיבאָר מעהר קיין דעלעגאַטען ניט געשיקט. אויף דער דריטער קאָנווענשאָן אין 1883 זיינען איבערהויפּט אנוועזענד געווען בלויז 27 דעלעגאַטען; אויף דער פערטער קאָנווענשאָן אין 1884 נאָר 25 דעלעגאַטען; און אויף דער פינפטער קאָנווענשאָן אין 1885 בלויז 18 דעלעגאַטען. מען האָט געזעהען בעשיינפּערליך אז די פעדעראַציע האַלט ביים אונטערגעהן. פאַר דער זעלבער צייט איז אָנגעגאַנגען אן אָפענער קאַמף צווישען דער פעדעראַציע און די נייטס אָוו לעיבאָר, איבער דער באַציהונג פון די נייטס אָוו לעיבאָר צו סטרייקס און אין אלגעמיין צו עקאָנאָמישע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס. איבערהויפּט האָט די פעדעראַציע באַקעמפט די נעגאַטיווע שטעלונג פון די נייטס אָוו לעיבאָר צו דער אַגיטאַציע פאַר אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאָג, וועלכע איז דאַן געווען די הויפּט אויפגאַבע פון דער פעדעראַציע.

דעם 18טען דעצעמבער 1886 איז אין קאָלומבוס, אָהייאָ, צוזאמענגערופען געוואָרען א קאָנווענשאָן פון איניגע נאציאָנאַלע טרייד יוניאָנס, וועלכע האָבען ניט באַלאַנגט צו דער פעדעראַציע און אויך ניט צו די נייטס אָוו לעיבאָר. די פיהרער פון דער פעדעראַציע האָבען באַלד זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגענהייט און אויך גערופען א קאָנווענשאָן אין דער זעלבער שטאָדט אויף דער זעלבער צייט.

נאָך קורצע פארהאנדלונגען, האָבען זיךביידע קערפערשאַפטען פאראייניגט. די אַלטע פעדעראציע איז פאנאנדערגעלאָזען געוואָרען און אויף איהר פּלאַץ איז באשאַפען געוואָרען די יעצטיגע אמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. אלס פרעזידענט איז ערוועהלט געוואָרען סעמיועל גאָמפּערס, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען דעם אמט — מיט דער אויסנאהמע פון איין יאָהר — ביז זיין טויט אין 1924.

וועהרענד די נייטס אָוו לעיבאָר איז אָרגאַניזאַציאָנעל געווען צוטהיילט אין דיסטריקטען, וועלכע האָבען ארומגענומען אַלע אַרבייטער פון דעם דיסטריקט, איז די א. פ. אָוו ל. געווען א פארבאַנד בלויז פון קוואַליפיצירטע אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען צוטהיילט אין באזונדערע טהיילען לויט זייער טרייד (קרעפט). שטראססער, דער פּרעזידענט פון דער סיגארמאכער יוניאָן; און גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון ניו יאָרקער לאָקאַל פון דער זעלבער יוניאָן, זיינען געווען די פּיאָנערען פון דעם נייעם „קרעפט יוניאָניזם". זיי האָבען אין דער ניי־געגרינ־דעטער א. פ. אָוו ל. ניט נאָר אויסגעארבייט א באזונדער פאָרם פון אָרגאַני־זאציע (די צוטהיילונג פון די אַרבייטער לויט זייער קרעפט), זיי האָבען אויך אריינגעטראָגען אין איהר א נייע אויפפאסונג פון טרייד יוניאָניזם. דער עיקר איז ביי זיי געווען דער עקאָנאָמישער קאמף אין די ענגע ראהמען פון טרייד און האָבען דאריבער צוריקגעוויזען יעדע פארבינדונג מיט אָרגאַניזאציעס און פּאַר־טייען וועלכע שטעלען זיך פאר זייער אויפגאבע צו פארבייטען די יעצטיגע סיסטעם מיט אן אנדערער.

דער הויפּט צוועק פון דעם נייעם יוניאָניזם איז געווען צו מאַכען די אַרבייטער פון א באוואוסטען טרייד שטאַרק גענוג, אום אז ביים פארהאנדלען מיט די ארבייטס געבער זאָלען זיי קענען ארויסשטעלען פאָדערונגען. דער ארבייטס געבער דאַרף קריגען א „יושר'דיגען" פּראָפיט אויף זיין אינוועסטירטען קאפּיטאַל, אָבער דער אַרבייטער דאַרף אויך באקומען גענוג וועדזשעס אום ער זאָל קענען מאַכען אן אָנשטענדיגען לעבען. די פּאָליסי איז באקאנט אונטער'ן נאָמען „גלייכגעוויכט פון מאַכט".

ס'איז אינטערעסאַנט איבערצוגעבען די מיינונג, וועלכע דער אויבענדער־מאָנטער שטראססער האָט ארויסגעזאָגט פאר א סענאט קאָמיטע אין 1883. ווען דער פאָרזיצער פון דער קאָמיטע האָט געפרעגט שטראססער'ן, וואָס זיינע ענד צילען זיינען, האָט שטראססער געענטפערט:

„מיר האָבען ניט קיינע ענד־צילען. מיר קעמפען נאָר פאר באלדיגע צוועקען, צוועקען וועלכע מען קען דערגרייכען אין עטליכע יאָהר. מיר זאָגען אין אונזער קאָנסטיטוציע( פון דער סיגארמאכער יוניאָן) אז מיר זיינען געגנער פון טעאָרע־טיקער; מיר זיינען פּראַקטישע מענשען."

אָנצוהאַלטען די גלייכגעוויכט ביים פארהאנדלען מיט די באָסעס האָט געזאָלט ווערען דער לאָזונג, אז צווישען ארבייטסגעבער און ארבייטער דאַרף זיין שלום ושלוה. קרעפט יוניאָניזם מיינט, אז דעם ארבייטער איז נעהענטער צום הארצען זיין טרייד, זיין שאַפּ; איהם דאַרף ניט אינטערעסירען אנדערע ארבייטער, מיט וועלכע ער קען און דאַרף סימפּאטיזירען בלויז פון „ווייטען".

די אָרגאַניזאציאָנס פאָרמע פון דער פעדערײשאָן איז זעהר צוגעפּאסט צו איהרע אויפגאבען. אום א נאציאָנאַלע קרעפט יוניאָן זאָל האָבען גענוג מאַכט אָנצוהאַלטען דעם גלייכגעוויכט פון מאַכט דאַרף זי ערשטענס זיין צענטראַליזירט. די גאַנצע מאַכט ליגט אין די הענט ניט פון לאָקאַל, נאָר אין דער עקזעקוטיווע

פון אלע לאָקאלס. צווייטענס דארף זי האָבען א שטארקע קאסע, דערפאר דארפען די אָפּצאָהלונגען (דיוס) זיין וואָס גרעסערע. שטארק צענטראליזירטע יוניאָנס פון יעדען באזונדער טרייד, און בלויז א לויזע פאראייניגונג פון אלע טרייד יוניאָנס — דאָס איז די אָרגאניזאציע פון דער א. פ. אוו ל. די נייע אָרגאניזאציע האָט אָבער געזוכט אויף איהר שטייגער צו פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער.

צווישען אנדערעס האָט די פעדערײשאָן געהאָלפען אויסווירקען די פאָלגענדע פארבעסערונגען: א צוואנג געזעץ פאר קינדער צו באזוכען שולען, קינדער שוץ געזעצע, אן אמענדמענט וואָס גיט דעם קאנגרעס דאָס רעכט צו רעגולירען קינדער ארבייט און פארבאָטען ארבייט צווישען קינדער אונטער 18 יאָהר, געזעצגעבונג צו פארגיטיגען דעם שאָדען וואָס ארבייטער ליידען אין אינדוסטריע, די אָפּשאפונג פון קאָנקורענץ פון פריזאָן ארבייטער. הויפּטזעכליך דורך דעם איינפלוס פון דער א. פ. אָוו ל. איז געשאפען געוואָרען א פעדעראלער ארבייט דעפּארטמענט. דער סעקרעטערי אָוו לעיבאָר איז א מיטגליד פון דעם פּרעזידענט'ס קאבינעט.

צו אימיגראַציע האָט די פעדערײשאָן אָנגענומען א פיינדליכע שטעלונג און האָט אויסגעווירקט געזעצע וואָס האָבען פארמאכט די טויערען פון אמעריקא פאר אימיגראנטען.

מיט דער ענטוויקלונג פון מאשינערי האָבען די ארבייטער געפונען פאר נויטיג צו פארקירצען די שטונדען פון ארבייט, און אין די לעצטע פאָר יאָהר האָט זיך די א. פ. אָוו ל. ארויסגעזאָגט פאר דער פינף־טאָגיגער וואָך.

אויף דער קאָנווענשאָן פון דעצעמבער 1932 האָט די א. פ. אָוו ל. באריכטעט א מיטגלידערשאפט פון 2,532,261, וועלכע זיינען אָנגעשלאָסען אָן 26,362 לאָקאל יוניאָנס, פיער דעפּארטמענטס, 49 סטייט ברענטשעס און 619 שטאָדטישע צענטראל יוניאָנס.

דער איינקונפט פאר דעם יאָהר 1932 איז געווען $466,350.00, און די אויס־גאבען זיינען געווען $386,444.00.

די א. פ. אוו ל. האָט איהר אייגענע געביידע אין וואשינגטאָן און גיט ארויס א וועכענטליכען ניוס־בלאָט, א מאָנאטליכען זשורנאל „די פעדערײשאָניסט". די וועכענטליכע ציימונג שיקט פאָנאנדער די נייעס צו 300 וועכענטליכע ארבייטער זשורנאלען.

פון דער אָרגאניזירונג פון דער א. פ. ל. אין 1881 ביז 1924 איז דער פּרעזידענט פון דער א. פ. ל. געווען, ווי פריהער אָנגעדייטעט, סעמועל גאָמפּערס. בלויז אין 1894 איז עס געלונגען דער סאָציאליסטישער גרופּע צו באזיגען גאָמפּערס'ן אויף איין יאָהר.

אין 1924 איז גאָמפּערס געשטאָרבען. זיין אָרט האָט פארנומען וויליאם גרין, פון דער מיינערס יוניאָן, וועלכער איז אויך איצט פּרעזידענט.

א דענקמאָל פון סעמיועל גאָמפּערס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין אן אָנגעזעהענעם אָרט אין וואשינגטאָן.

## סטרייקס און לאַקאַוטס אין די פאראייניגטע שטאַאטען

| יאָהר | צאָהל פון סטרייקס | צאָהל פון ארבייטער |
|---|---|---|
| 1917 | 4,443 | 1,227,254 |
| 1918 | 3,347 | 1,239,989 |
| 1919 | 3,571 | 4,160,348 |
| 1920 | 3,291 | 1,463,054 |
| 1921 | 2,381 | 1,099,247 |
| 1922 | 1,088 | 1,612,562 |
| 1923 | 1,553 | 756,584 |
| 1924 | 1,240 | 654,641 |
| 1925 | 1,300 | 428,416 |
| 1926 | 1,032 | 329,592 |
| 1927 | 734 | 349,434 |
| 1928 | 629 | 357,145 |
| 1929 | 903 | 230,463 |
| 1930 | 653 | 158,114 |
| 1931 | 894 | 279,299 |
| 1932 | 808 | 242,826 |

## צאָהלען — נומערס

| אראבישע | לאטיינישע | אידישע | אראבישע | לאטיינישע | אידישע |
|---|---|---|---|---|---|
| 1 | I | א | 20 | XX | כ |
| 2 | II | ב | 30 | XXX | ל |
| 3 | III | ג | 40 | XL | מ |
| 4 | IV | ד | 50 | L | נ |
| 5 | V | ה | 60 | LX | ס |
| 6 | VI | ו | 70 | LXX | ע |
| 7 | VII | ז | 80 | LXXX | פ |
| 8 | VIII | ח | 90 | XC | צ |
| 9 | IX | ט | 100 | C | ק |
| 10 | X | י | 200 | CC | ר |
| 11 | XI | יא | 300 | CCC | ש |
| 12 | XII | יב | 400 | CD | ת |
| 13 | XIII | יג | 500 | D | תק |
| 14 | XIV | יד | 600 | DC | תר |
| 15 | XV | טו | 700 | DCC | תש |
| 16 | XVI | טז | 800 | DCCC | תת |
| 17 | XVII | יז | 900 | CM | תתק |
| 18 | BVIII | יח | 1000 | CL M | א |
| 19 | XIX | יט | 1500 | MD | אתק |

## מיטגלידערשאפט אין דער אמעריקאן פעדערעישאַן אָוו לעיבאָר

### לויט אינדוסטריעלע גרופירונגען און דער פּראָצענט פון יעדער גרופּע צו דער אלגעמיינער צאָהל

| אינדוסטריע | 1914 צאָל מיטגל | 1914 פּראָצ. | 1920 צאָל מיטגל. | 1920 פּראָצ. | 1932 צאָל מיטגל. | 1932 פּראָצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אגריקולטור | 375,400 | 18.6 | 836,900 | 20.5 | 870,500 | 34.4 |
| מאַינינג און שטיינברעכען | 13,500 | 0.7 | 105,000 | 2.6 | 27,500 | 1.1 |
| וואלד און האָלץ ארבייט | 206,500 | 10.2 | 438,600 | 10.8 | 313,400 | 12.4 |
| מעטאַל מאשינערי און שיפּבוי | 473,100 | 23.4 | 25,800 | 0.6 | 8,600 | 0.3 |
| בילדינג | 21,500 | 1.1 | 795,900 | 19.5 | 198,300 | 7.8 |
| טעקסטיל | 40,800 | 2.0 | 58,400 | 1.4 | 18,000 | 0.7 |
| לעדער | 156,600 | 7.7 | 186,900 | 4.6 | 105,600 | 4.2 |
| קליידער | 117,600 | 5.8 | 180,900 | 4.4 | 63,300 | 2.5 |
| עסענווארג, ליקער און טאַבעקאָ | 51,700 | 2.6 | 52,700 | 1.3 | 30,000 | 1.2 |
| כעמישע, קלעי, שטיין און גלאָז | 110,300 | 5.4 | 163,600 | 4.0 | 161,800 | 6.4 |
| פּאפּיר, דרוקעריי, און אויפלאגען | 197,500 | 9.8 | 623,500 | 15.3 | 351,600 | 13.9 |
| טראנספּאָרטאציע און קאָמוניקאציע | 4,300 | 0.2 | 133,300 | 3.3 | 137,800 | 5.4 |
| רעגירונג און פּאָסט אָפּיס אָנגעשטעלטע און לערער | 111,100 | 5.5 | 132,100 | 3.2 | 82,400 | 3.3 |
| בארבערס, האָטעל און רעסטאָראַן ארבייטער און לאָנדרי ארבייטער | 86,000 | 4.3 | 96,500 | 2.4 | 128,500 | 5.1 |
| אמיוזמענטס (פּערוויילונג, ווי טעאטער, קינאָ א. א. וו.) | 26,600 | 1.3 | 53,600 | 1.3 | 11,200 | 0.4 |
| פארשידענע | | | | | | |
| מיטגלידער פון לאָקאַלען, וועלכע זיינען דירעקט פארבונדען מיט דער פעדערעישאָן | 28,171 | 1.4 | 195,040 | 4.8 | 23,761 | 0.9 |
| סך הכל | 2,020,671 | 100.00 | 4,078,740 | 100.00 | 2,562,261 | 100.00 |

# אמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר

## צאָהל מיטגלידער פון יאָהר צו יאָהר

| יאָהר | מיטגלידער | דער צוּוואוּקס אָדער פאַרמינדערוּנג איבער דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר | |
|---|---|---|---|
| | | מיטגלידער | מיט וויפיל פּראָצ. מעהר אָדער וועהניגער |
| 1897 | 264,825 | | |
| 1898 | 278,016 | + 13,191 | + 5.0 |
| 1899 | 349,422 | + 71,406 | + 25.7 |
| 1900 | 548,321 | + 198,899 | + 56.9 |
| 1901 | 787,537 | + 239,216 | + 43.6 |
| 1902 | 1,024,399 | + 236,862 | + 30.1 |
| 1903 | 1,465,800 | + 441,401 | + 43.1 |
| 1904 | 1,676,200 | + 210,400 | + 14.4 |
| 1905 | 1,494,300 | — 181,900 | — 10.9 |
| 1906 | 1,454,200 | — 40,100 | — 2.7 |
| 1907 | 1,538,970 | + 84,770 | + 5.8 |
| 1908 | 1,586,885 | + 47,905 | + 3.1 |
| 1909 | 1,482,874 | — 104,013 | — 6.6 |
| 1910 | 1,562,112 | + 79,240 | + 5.3 |
| 1911 | 1,761,835 | + 199,723 | + 12.8 |
| 1912 | 1,770,145 | + 8,310 | + 0.5 |
| 1913 | 1,996,004 | + 225,859 | + 12.8 |
| 1914 | 2,020,675 | + 24,667 | + 1.2 |
| 1915 | 1,946,347 | — 74,324 | — 3.7 |
| 1916 | 2,072,702 | + 126,355 | + 6.5 |
| 1917 | 2,371,434 | + 298,732 | + 14.4 |
| 1918 | 2,726,478 | + 355,044 | + 15.0 |
| 1919 | 3,260,068 | + 533,590 | + 19.6 |
| 1920 | 4,078,740 | + 818,672 | + 25.1 |
| 1921 | 3,906,528 | — 172,212 | — 4.2 |
| 1922 | 3,195,635 | — 710,893 | — 18.2 |
| 1923 | 2,926,468 | — 269,167 | — 8.4 |
| 1924 | 2,865,799 | — 60,669 | — 2.1 |
| 1925 | 2,877,297 | + 11,498 | + 0.4 |
| 1926 | 2,803,966 | — 73,331 | — 2.5 |
| 1927 | 2,812,526 | + 8,560 | + 0.3 |
| 1928 | 2,896,063 | + 83,537 | + 3.0 |
| 1929 | 2,933,545 | + 37,482 | + 1.3 |
| 1930 | 2,961,096 | + 27,551 | + 0.9 |
| 1931 | 2,889,550 | — 71,546 | — 2.4 |
| 1932 | 2,532,261 | — 357,289 | — 12.4 |
| 1933 | 2,126,796 | — 405,465 | — 15.2 |

## יוניאָנס אין אמעריקאן פעדערעישאַן אָוו לעיבאַר קלאַסיפיצירט לויט דער צאָהל מיטגלידער אין יעדער יוניאָן באַזונדער, און דער פּראָצענט פון יעדער גרופּע צו דער אלגעמיינער צאָהל מיטגלידער.

| מיטגלידער | 1904 צאָל יוניאָנס | 1904 צוזאמען מיטגלידער | 1904 פּראָצענט | 1914 צאָל יוניאָנס | 1914 צוזאמען מיטגלידער | 1914 פּראָצענט | 1932 צאָל יוניאָנס | 1932 צוזאמען מיטגלידער | 1932 פּראָצענט |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1,000 און װעהניגער | 30 | 14,900 | 0.9 | 22 | 11,400 | 0.6 | 21 | 10,500 | 0.8 |
| 1,001—2,500 ....... | 27 | 46,400 | 2.8 | 14 | 20,900 | 1.0 | 11 | 21,000 | 0.3 |
| 2,501—5,000 ....... | 11 | 42,100 | 2.5 | 20 | 72,700 | 3.6 | 13 | 51,700 | 2.1 |
| 5,001—10,000 ...... | 16 | 119,000 | 7.1 | 16 | 125,200 | 6.2 | 18 | 132,300 | 5.2 |
| 10,001—25,000 ..... | 20 | 317,500 | 18.9 | 16 | 259,500 | 12.8 | 15 | 249,100 | 9.8 |
| 25,001—50,000 ..... | 12 | 467,500 | 27.9 | 10 | 339,100 | 16.8 | 13 | 473,100 | 18.7 |
| 50,001—100,000 .... | 3 | 200,400 | 12.0 | 10 | 616,400 | 30.5 | 11 | 832,600 | 32.9 |
| 100,000 און מעהר | 2 | 413,100 | 24.6 | 2 | 547,300 | 27.1 | 3 | 738,200 | 29.2 |
| | .. | 55,300 | 3.3 | .. | 28,171 | 1.4 | .. | 23,761 | 0.9 |
| סך הכל . | 121 | 1,676,200 | | 110 | 2,020,671 | | 106 | 2,532,261 | |

# די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג

אין איירָאפּא האָבען די סאָציאַליסטען לאַנג פאַרשטאַנען די וויכטיגקייט פון קאָאָפּעראַציע. זי איז איינע פון די צווייגען פון דער ארבייטער באַוועגונג. די נויט האָט עס אליין ארויסגערופען. נאָך אין יאָהר 1844 האָבען 28 וועבער געגרינדעט דעם ערשטען ריכטיגען קאָנסום־פאַראיין אין ראַטשדייל, ענגלאַנד. עס האָט זיי גענומען א יאָהר צייט אָבצושפּאָרען די 5 דאָלאַר יעדערער פאַר א „שער" אין פאַראיין. זיי האָבען מיט דעם קאַפּיטאַל געקויפט גראָסעריס. מען האָט פון זיי געלאַכט, נאָר זיי זיינען אָנגעגאַנגען מיט דער ארבייט. זייער דערפאָלג האָט באַשאַפען נאָך אזוינע פאַראיינען און אין 1863, האָבען זיי זיך פאַראייניגט און באַשאַפען איין האָלסייל איינקויף, וואָס איז איצט דער גרעסטער אין דער גאַנצער בריטישער אימפּעריע.

און ווייל דער האָלסייל האָט געקויפט פיעל סחורות פון פעקטאָריס, האָבען זיי פאַמעלאַך גענומען אליין פּראָדוצירען אזוי אז איצט זיינען די בריטישע און סקאָטישע קאָאָפּעראַטיווע פאַראיינען די גרעסטע פאַבריקאַנטען אין ענגלאַנד. אין זייערע 150 פאַבריקען ארבייטען זיי אויס כמעט אלעס, וואָס די 7 מיליאָן מיטגלידער פון די קאָנסום־פאַראיינען באַדאַרפען. זייער מעהל־מיל אין מאַנטשעסטער איז דער גרעסטער אין גאַנץ איירָאפּא. אין זייערע פאַבריקען פון קליידער, מעבעל, זייף, א. ז. וו. האָבען זיי אין יאָהר 1933 פאַבריצירט סחורות אין דעם ווערט פון 25 מיליאָן פונט. און זייער גאַנצע ביזנעס האָט באַטראָפען 84 מיליאָן פונט. און די ריטייל ביזנעס האָט באַטראָפען אין דעם זעלבען יאָהר אריבער 300 מיליאָן פונט. דאָסזעלבע זעהט מען אויך אין די אנדערע קולטורעלע לענדער. דענעמאַרק איז א גלענצענדער ביישפּיל. דאָרטען האָבען די קאָאָפּעראַטיווען באַוויזען איבערבויען דעם לעבען פון לאַנד.

אויך אין אנדערע לענדער איז די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג שטאַרק.

אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, אין שוועדען האָבען זיי אייגענע פעקטאָריס און זיי האָבען געבראָכען די טראָסטס פון מעהל, מאַרגאַרין א. א. ווען די פאַראיינען געפינען אויס, אז זיי דאַרפען האָבען אייגענע קוואַלען פון רויע מאַטעריאַלען, שאַפען זיי זיך דאָס גרינג איין.

די ענגלישע קאָאָפּעראַטיוון פאַרמאָגען 30.000 אַקער גוטע פאַרם־לאַנד. זייערע קויהלען מיינס זיינען פון די בעסטע אין לאַנד. זיי פאַרמאָגען אליוו וועלדער אין אפריקע. וויינגערטנער אין שפּאַניע. די שוועדישע קאָאָפּעראַטיוון האָבען אייגענע פעלדער און גערטנער. די פינישע האָבען אייגענע וועלדער פאַר לאָמבער און האָלץ פאַר מעטשעס. אנדערע פאַראיינען האָבען אייגענע פישעריִיען, מילכעריִיען, זייערע פּרוכט, גרינס, אייער א. ז. וו. זיי האָבען א ווירקונג צו פאַרקלענערען די פּרייזען. אזוי צ. ב. ש. האָט די עלעקטרישע לעמפּלאַך פאַבריק אין שוועדען ארונטערגעדריקט דעם פּרייז פון 37 סענט אויף 22 סענט א שטיק. זייערע פּירער זיינען די בעסטע.

אין 40 לענדער עקזיסטירען נאַציאָנאַלע פעדעראַציעס פון קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען פאַראייניגט אין איין אינטערנאַציאָנאַלען קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד. דער הויפּט אָפיס איז אין לאָנדאָן. אין סעפּטעמבער 4־7, 1934 וועלען זיי אָבהאַלטען א קאָנגרעס אין לאָנדאָן. אין דעם פאַרבאַנד זיינען פאַרייניגט 250,000 סאָסייעטיס מיט אריבער 100 מיליאָן מיטגלידער. דאָס איז די איינציגע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ניט איבערגעריסען איהר טהעטיגקייט אין דער וועלט־מלחמה. איהר בולעטין געהט ארויס אין 3 שפּראַכען. דער פאַרבאַנד

האַלט אין ענטוויקלען איין אינטערנאַציאָנאַלען האַלסייל פאַרבאַנד. איין אינטער־נאַציאָנאַלע באַנק און אינטערנאַציאָנאַלע אינשורענס. שוין איצט זיינען 17 לענ־דער ארומגענומען אין אינטערנאַציאָנאַלען האַלסייל. די באַוועגונג געהט פּאַמעלאַך, דאָך איז עס מעהר מיט 200 פּראָצענט ווי אין יאָהר 1929.

## די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין אַמעריקע

אין אַמעריקע האָט זיך די קאָאָפּעראַטיווע אידייע ניט אַזוי גוט צוגענומען. כאָטש דער ערשטער פאַראיין איז געגרינדעט געווארען אין 1845, נאָר איין יאָהר שפּעטער ווי אין ראָטזדייל, דאָך האָט ער זיך ניט ענטוויקעלט. דאָס פרייע לאַנד, וואָס יעדער האָט געקענט קריגען און די גוטע עקאָנאָמישע מעגליכקייטען האָבען די אידייע ניט געלאָזט וואַקסען. נאָר פון אנפאַנג פון דעם 20טען יאָהרהונדערט האָט זיך די לאַגע געביטען. אין 1915 האָט זיך געגרינדעט די קאָאָפּעראַטיווע ליג אין 16 וועסט 12טע סטריט, ניו יאָרק. זי גיט סטאַנדאַריזירטע אינפאָרמאַציע, פירט איין אוניפאָרם בוך־קיפּינג, פירט איין א בילדונג־קאַמפּיין. ארום איהר זיינען גרופּירט 1500 קאָנסום־פאַראיינען מיט 500,000 מיטגלידער. זייער ביזנעס אין 1933 האָט באַטראָפען 100 מיליאָן דאָלאַר. אבער אין גאַנצען לאַנד זיינען דאָ ארום 6500 קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטען מיט א יעהרליכען אומזאַץ פון איבער 365 מיליאָן דאָלאַר. ספּעציעל איז די באַוועגונג פאַרשפּרייט צווישען די פאַרמערס פון דער וועסט. זיי האָבען ביי 1600 קאָאָפּעראַטיווען אויף איינקויף און פאַר־קויף. זיי האָבען ארום 500,00 מיטגלידער און זיי טוען ארום 200 מיליאָן דאָ־לאַר א יאָהר ביזנעס. די נייסטע פאָרם פון קאָאָפּעראַציע אין דער וועסט איז „אָיל אַסאָסיאיישאַנס". אין 1928 איז געגרינדעט געווארען דער ערשטער פאַראיין מיט א קאַפּיטאַל פון איין דאָלאַר און אין 1933 האָבען שוין עקזיסטירט 1500 אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווען מיט א קאַפּיטאַל אינוועסטמענט פון 1500 מיליאָן דאָלאַר. זיי האָבען געטאָן לעצטען יאָהר ביזנעס אויף 35 מיליאָן דאָלאַר און אויסגעצאָלט אין דיווידענט 15 מיליאָן דאָלאַר, אדער 15 פּראָצענט פון אומזאַץ.

אויך זיינען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די פאַרמער די דאָרפישע קרעדיט־יוניאָנס. א פאַקט איז, אַז זיי האָבען אויסגעהאַלטען דעם קריזיס בעסער ווי די דאָרטיגע בענק. 38 סטייטס און דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא האָבען קרעדיט־יוניאָן געזעצען. זיי זיינען אונטערוואָרפען אונטער די ביינקינג־געזעצען פון די סטייטס און ווערען עקזאַמינירט ביי זיי. זיי פאַרשפּרייטען זיך זעהר שנעל, ווייל זיי באַפריי־דיגען א נויט, וואָס איז זעהר שטאַרק. די עלטסטע דאָרפישע קרעדיט־יוניאָן איז דוקא א אידישע. אין 1924 איז געגרינדעט געווארען פון אידישע פאַרמערס אין עלענוויל, נ. י. זי האָט איצט 330 מיטגלידער. 76,000 דאָלאַר קאַפּיטאַל און אין דער גאַנצער צייט האָט זי קיין פאַרלוסט געהאַט ביי א ביזנעס פון $1,500,000 פאַר דער גאַנצער צייט פון איהר עקזיסטענץ.

די באַוועגונג פון קרעדיט־יוניאָנס פאַרשפּרייט זיך אויך שטאַרק צווישען דער שטאָטישער באַפעלקערונג. איצט זיינען דאָ 1800 קרעדיט־יוניאָנס מיט 300,000 מיטגלידער און א קאַפּיטאַל פון 48 מיליאָן דאָלאַר. די ארבייטער פון פּאָסט־אָפּיס, באַנען, שיפען און פאַבריקען גרינדען זייערע אייגענע קרעדיט־יוניאָנס. אויך פילע לאַנדסמאַנשאַפטען קריגען איצט טשאַרטערס פאַר גרינדען קרעדיט־יוניאָנס.

די ליג פון די קרעדיט־יוניאָנס געפינט זיך אין 55 וועסט 42טע סטריט, נ. י. זי גיט אַלע אינפאָרמאַציע פריי און העלפט אויך קריגען דעם טשאַרטער.

צום באַדויערען זיינען די אידען אָבגעשטאַנען אויף דעם געביט אין דעם

לאַנד. מען קען ניט זאָגען, אז אידען זיינען ניט צוגעפאסט פאר דעם. האָט דאָך די באוועגונג געהאט א גרויסען ערפאָלג אין איראפא. מיר ווייסען ווי טיף און ברייט די שפּאָר- און לייַ-באנקען זיינען געווען און זיינען נאָך אויך איצט פאר-שפּרייט אין פוילען, ליטא און אנדערע לענדער. גיכער דאַרף מען עס צושרייבען צו פארשידענע סבות. דאָס וואָס עס איז געווען כמעט אונמעגליך צו קריגען א טשארטער, האָבען זיך ענטוויקעלט א גאנצע רייע פון „אקציעס", וועלכע ניט האָבענדיג קיין קאָנטראָל איבער זיך האָבען זיי זיך אריינגעלאָזען אין אונגעזעצליכע ביזנעס און דער עולם האָט פארלאָרען דעם צוטרוי צו זיי.

די לאגע האָט זיך אבער געענדערט. איצט איז אין ניו יאָרק סטייט גרינגער געווארען צו קריגען א טשארטער פאר קרעדיט יוניאָנס, אויך די וואשינגטאָנער רעגירונג איז בכלל פריינדליך צו דער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג. זי פּלאנעוועט גרינדען א צענטראלע באנק פאר די קרעדיט-יוניאָנס.

די קרעדיט-יוניאָנס זיינען א שולע פאר ווייטערע און טיפערע אנטוויקלונג פון קאָאָפּעראציע דאָ אין אמעריקע.

---

## ווען עס איז שבת 12 אזייגער מיטאָג צייט אין ניו יאָרק

## איז דאמאלט די צייט אנדערש

| אין לאנד | שטאָדט | שעה | מינוטען | צייט | טאָג |
|---|---|---|---|---|---|
| אייערלאנד | דובלין | 4 | 34 | נאָכמיטאג | דעמזעלבען |
| שפּאניען | מאדריד | 4 | 45 | " | 5 |
| ענגלאנד | לאָנדאָן | 5 | — | " | " |
| פראנקרייך | פאריז | 5 | 9 | " | " |
| בעלגיען | בריסעל | 5 | 17 | " | " |
| האָלאנד | אמסטערדאם | 5 | 20 | " | " |
| שווייץ | בערן | 5 | 29 | " | " |
| איטאַליען | רוים | 5 | 49 | " | " |
| דייטשלאנד | בערלין | 5 | 53 | " | " |
| עסטרייך | וויען | 6 | 29 | | |
| רוסלאנד | לענינגראד | 7 | 1 | " | " |
| קאָלאָראדאָ | דענווער | 10 | — | פאָרמיטאג | " |
| אילינאָי | שיקאַגאָ | 11 | — | " | " |
| קאליפאָרניע | סאן פראנציסקאָ | 9 | — | " | " |
| האוואי | האָנאָלולו | 6 | 29 | | " |
| פיליפּינען | מאנילא | 1 | 3 | " | מאָרגען |
| יאפּאן | טאָקיאָ | 2 | 18 | " | " |
| אויסטראליע | מעלבאָרן | 2 | 39 | " | " |

# די געשיכטע פון „פאָרווערטס״

די געשיכטע פון „פאָרווערטס״ קען איינגעטיילט ווערען אין די פאָלגענדע דריי פעריאָדען :

די ערשטע פעריאָדע האָט זיך געצויגען פון דער גרינדונג, אין 1897, ביז ארום דעם יאָהר 1902. דאָס זיינען געווען יאָהרען פון גייסטיגער און מאַטעריעלער אונ־זיכערקייט, פון זוכעניש נאָך א באַשטימטען פּראָגראַם און א פעסטען פונדאַמענט.

די צווייטע פעריאָדע האָט זיך געצויגען פון ארום 1902 ביז דעם אויסברוך פון וועלט־קריג אין 1914. דאָס זיינען געווען יאָהרען פון אויפבליהונג און וואוקס.

די דריטע פעריאָדע האָט זיך אנגעפאַנגען מיט די מלחמה יאָהרען און דאָס איז געווען א צייט פון געפעהרליכע איבערלעבונגען אין קאַמף געגען דער רעאַקציע און געגען די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען אריינגעטראָגען צושפּליטערונג אין די יוניאָנס און אין אנדערע צווייגען פון דער ארבייטער באַוועגונג.

## די ערשטע שלעכטע יאָהרען

די געשיכטע פון „פאָרווערטס״ אין די ערשטע יאָהרען פון זיין עקזיסטענץ איז א געשיכטע פון אָפּפערווילליגקייט, פון אידעאַליזם פון צעהנדליגע הונדערטער אידישע ארבייטער, וועלכע האָבען דעם „פאָרווערטס״ געגרינדעט מיט זייערע אָרעמע סענטען. אין יענע יאָהרען האָט די „פאָרווערטס״ רעדאַקציע זיך געפונען אין פינסטערע קעלערען און פאַרפעסטעטע יאַרד־הייזער.

די הויפּט שטיצע האָט דער „פאָרווערטס״ געקראָגען פון בייטראַגען פון יוניאָנס און פון סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. דער „פאָרווערטס״ האָט אין יענע יאָהרען זיך ניט געקענט פאַרנעמען מיט דער פּראָבלעם פון צאָהלען רענט, פון צאָהלען פאַר פּאַפּיר און ווייזשעס. דער „פאָרווערטס״ האָט זיך ניט געקענט פאַרנעמען מיט די פינאַנציעלע פּראָבלעמען, ווייל פון דער ערשטער און גרעסטער וויכטיגקייט איז דאַן געווען די אידישע מאַסען ארויסצוראַטעווען פון די בלאָטעס אין וועלכע דער „אבענד־בלאַט״ און די דעליאָניסטען האָבען זיי פאַרפיהרט.

דער „פאָרווערטס״ האָט זיך געגרינדעט אלס א רעזולטאַט פון דער פאַלשער טאַקטיק פון דער דאַמאָלסדיגער סאָציאַליסטישער „ארבייטער פּאַרטיי״, א טאַקטיק וואָס האָט געשפּאָלטען די יוניאָנס און איינגעפיהרט א דיקטאַטור איבער דער באַ־וועגונג. דער „פאָרווערטס״ האָט געקעמפט צו באַפרייען די אידישע ארבייטער מאַסען פון דעליאָן׳ס דעספּאָטיזם און זיי פאַראייניגען אין איין באַוועגונג מיט די אַלגעמיינע ארבייטער מאַסען פון לאַנד. און דער „פאָרווערטס״ האָט טאַקע ענדליך געבראַכט דערצו, אז די אידישע ארבייטער מאַסען זאָלען פאַרלאָזען דעליאָן׳ס ס. ל. פּ. און זיך אָנשליסען אָן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז געגרינ־דעט געוואָרען פון יודזשין וו. דעבס און אנדערע אמעריקאַנער אידעאַליסטען.

דער „פאָרווערטס" האָט מיט זיין אויפקלערונגס־ארבייט באפרייט די אידישע ארבייטער פון דעליאָן'ס איינפלוס. דער „פאָרווערטס" האָט געשטיצט דעבס'עס פאליסי וואָס איז געווען געגען גרינדען באזונדערע יוניאָנס פאר סאָציאליסטען.

ביסלעכווייז האָבען זיך די יוניאָנס געשטעלט אויף די פיס. דער „פאָרווערטס" האָט אין א קורצער צייט אויסגעטראָטען א נייעם וועג פאר דער אידישער ארביי־טערשאפט. ער האָט די אידישע ארבייטער אויפגעקלערט וואָס עס מיינט אן אמע־ריקאנער סאָציאליסטישע באוועגונג און וואָס עס מיינט א פראקטישע קלאסען־באוואוסטע יוניאָן באוועגונג.

## אב. קאהאן גיט דעם „פאָרווערטס" א נייעם פנים

די צווייטע פעריאָדע אין דער געשיכטע פון „פאָרווערטס" פאנגט זיך אָן מיט דעם אָנקומען פון געגאסע אב. קאהאן אלס רעדאקטאר. אב. קאהאן איז געווען רעדאקטאר גלייך פון אָנפאנג ווי דער „פאָרווערטס" האָט זיך געגרינדעט. מיט איינינע מאָנאטען שפעטער איז ער אבער אוועק. אין 1902 האָט קאהאן ווידער איבערגענומען די רעדאקציע און ער האָט דעם „פאָרווערטס" געגעבען א נייעם פנים.

קאהאן האָט געגלויבט, אז דער „פאָרווערטס" מוז ווערען א צייטונג פאר די ברייטע אידישע ארבייטער מאסען. זיין גרונט טעאָריע איז געווען די פאָלגענדע:

„אויב דער „פאָרווערטס" וויל צוציהען די מאסען צום סאָציאליזם, אויב ער זוכט אויסצואיבען אן איינפלוס איבער די מאסען, א סאָציאליסטישען איינפלוס, מוז ער פריהער פאר אלעם זיי מאכען פאר זיינע לעזער. אום דאָס צו טאָן מוז ער דרוקען ארטיקלען וואָס אינטערעסירען דעם ברייטען עולם, ארטיקלען פון אן אלגע־מיין מענשליכען אינטערעס."

פריהער האָט מען געגלויבט, אז אזוי ווי דער „פאָרווערטס" ווערט ארויסגע־געבען אום צו פּראָפּאגאנדירען סאָציאליזם און טרייד־יוניאָניזם טאָר ער זיך ניט פארנעמען מיט קיין אנדערע זאכען ווי נאר סאָציאליזם. קאהאן האָט די ארטיקלען פון סאָציאליסטישער אויפקלערונג און טרייד־יוניאָן אגיטאציע געדרוקט ווי פריהער. ער האָט אָבער אויך געמאכט פלאץ פאר די נייע סאָרט ארטיקלען, די פּאָפּולערע, די אלגעמיין מענשליכע.

אב. קאהאן'ס נייע פאליסי האָט ארויסגערופען אָפּאָזיציע. פילע גענאסען האָבען ערקלערט דאס וועהרענד זיי האָבען דעם העכסטען רעספעקט און פולסטען צוטרויען צו זיין סאָציאליסטישער איבערגעבענהייט, האלטען זיי אבער, אז דער נייער סאָרט ארטיקלען טאָרען אין א סאָציאליסטישער צייטונג ניט ערשיינען.

קאהאן האָט דיזע טעאָריע שטארק באקעמפט. ער האָט געהאלטען, אז דער „פאָרווערטס" מוז ווערען א סאָציאליסטישע צייטונג וואָס זאָל ארומנעמען דעם גאנצען לעבען און אזוי ארום ווערען א צייטונג פון פאָלק און ערשט דאן וועט ער קענען פארשפרייטען זיין סאָציאליסטישע לעהרע.

אונטער קאהאן'ס רעדאקציע האָט די סוירקולײשאן פון „פאָרווערטס" גענומען וואקסען. די רעזולטאטען פון זיין נייער פאליסי האָבען די מעהרסטע געגנער זיינע ענדליך איבערצייגט, אז ער, קאהאן, איז גערעכט. אבער אפילו קאהאן'ס פאר־ביסענסטע געגנער האָבען שטארק געגלויבט זיין רעפאָרם אין באצוג צו דער שפּראך. אין יענע יאָהרען פלעגען די שרייבער געברויכען דייטשע און העברעאישע ווער־

טער און אויסדרוקען. קאהאן האָט אזוינע ווערטער און אויסדרוקען, וועלכע דער דורכשניטליכער ארבייטער קען ניט פארשטעהן, ניט אריינגעלאָזען אין „פאר־ווערטס".

די נייע רעפאָרמען וואָס קאהאן האָט אריינגעבראכט אין „פארווערטס" האָבען געהאָלפען צוציהען א סך לעזער צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען מאסען היימישע בעל־מלאכות און אויך א גרויסע צאָהל פרויען. דער טאָן פון טאָלעראַנץ און די פריינדליכע אויפקלערונג צוזאמען מיט דער פּאָפּולערער איינפאכער שפּראַך האָבען די לעזער צוגעצויגען.

## די וויכטיגסטע טוער פאר'ן „פאָרווערטס"

אין יענע יאָהרען האָבען זעהר פיל ארבייט פאר'ן „פאָרווערטס" אוועקגעלעגט א. ליעסין, ל. מילער, מ. יאפע, מ. זאמעטקין און מ. ווינטשעווסקי. א. ליעסין איז געשטאַנען מיט'ן „פאָרווערטס" פון ערשטען טאָג זינט ער איז אין אמעריקע געקור־מען. מ. יאפע פלעגט אין יענע יאָהרען העלפען דעם „פאָרווערטס" מיט ארטיקלען און הויפּטזעכליך מיט זיין ביזנעס פעהיגקייט פריהער אלס מעמבער פון פארוואל־טונגס־ראַט און שפּעטער אלס דער ביזנעס מענעדזשער.

צווישען די אנדערע, וועלכע האָבען פיל ארבייט אין יענע יאָהרען געטאָן זיי־נען געוועזען מאקס פיין און דר. ש. פעסקין.

## דער „פאָרווערטס און די אידישע יוניאָנס

די געשיכטע און וואוקס פון „פאָרווערטס" געהט האנט אין האנט מיט דער געשיכטע און וואוקס פון די יוניאָנס.

אזעלכע יוניאָנס ווי די בעקער יוניאָן, די סעלצער יוניאָן, די זעצער יוניאָן א. ז. וו. זיינען פון אָנפאנג אָן, און ביז א געוויסען גראד נאָך היינט, אנגעוויזען אויף דער שטיצע פון דער עפענטליכער מיינונג. ביים אלגעמיינעם עולם האָט גע־מוזט געשאפען ווערען א פארלאנג נאָך יוניאָן לייבעלס אויף ברויט, סעלצער, פּרינטינג און אזא פארלאַנג האָט געקאָנט געשאפען ווערען בלויז דורך א וועיט־פארשפּרייטער ציטונג מיט א גרויסען מאָראלען איינפלוס. יאָהרען לאנג האָט דער „פאָרווערטס" די אגיטאציע אָנגעפיהרט, הונדערטער און הונדערטער ארטיקלען און עדיטאָריעלס זיינען וועגען דעם געשריבען געוואָרען. דער רעזולטאט איז געוועזען דאָס פרויען אין די אידישע קווארטאלען זיינען געוואָרען די אמת'ע קעמפּער אין יעדען סטרייק וואָס די אויסגערעכענטע יוניאָנס האָבען אָנגעפיהרט.

דער היסטאָרישער בעקער סטרייק אין 1909 האָט איבערצייגט די בעקער באָלעבאטים, אז זיי האָבען צו טאָן ניט בלויז מיט עטליכע הונדערט ארבייטער, נאָר מיט א גרויסער ארמעע פון קלאסען־באוואוסטע און אויפגעקלערטע פרויען. דער דאמאָלסדיגער אויפרוף פון „פאָרווערטס" צו די פרויען, אז זיי זאָלען אויפ־נעמען דעם בעקער קאמף, האָט פארניכטעט דעם באָדען אונטער די פיס פון די באָלעבאטים און האָט געוואונען דעם סטרייק פאר די ארבייטער.

דער פאָל איז בלויז איינער פון צעהנדליגע און צעהנדליגע פון זעלבען סאָרט. די קליינע יוניאָנס פון די לאָקאלע פאכען זיינען יאָהרען לאנג געווען אנגעוויזען אויף דער מאָראלער קראפט פון „פאָרווערטס". מיט דער צייט זיינען זיי, פאר־שטעהט זיך, געוואָרען שטארקער ביז וואנען זיי האָבען ענטוויקעלט אייגענע כחות זייער עקזיסטענץ אויפצוהאלטען, אבער אפילו ביז'ן היינטיגען טאָג איז דער הויפּט

פונדאמענט זייערער די מאָראלע הילף, וועלכע זיי קענען יעדען מאָמענט ארויס־רופען צווישען די אידישע ארבייטער מאסען, וועלכע דער „פאָרווערטס" האָט ערצויגען און געלערנט צו האלטען הויך דעם פרינציפ פון ארבייטער אָרגאניזאציע.

## די ראָלע וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געשפּילט אין דער נאָדעל אינדוסטריע

דער „פאָרווערטס" האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער אויפבויאונג פון די אידישע יוניאָנס אין דער נאָדעל אינדוסטרי.

די קלאָוקמאכער יוניאָן פאנגט אָן איהר קאפּיטעל מיט דעם גרויסען קאמף אין 1910. דער „פאָרווערטס" האָט געשאפען די מאָראלע און פינאנציעלע הילף פאר די קעמפענדע סטרייקער. דער „פאָרווערטס" האָט ערמוטיגט און באגייסטערט די ארבייטער און האָט דורך אפילו געזאמעלט געלט כדי די ארבייטער זאָלען קענען בייקומען די שטארקסטע וואפע וואָס די באלעבאטים האָבען דאמאָלסט באנוצט — די וואפע פון הונגער און נויט.

ווען דער סעטעלמענט איז ענדליך געמאכט געווארען זיינען די ארבייטער טויזענדערווייז געקומען ארום דער „פאָרווערטס" געביידע און אויסגעדריקט זייער דאנק און זייער באגייסטערונג. זיי האָבען אויפ'ן „פאָרווערטס" געקוקט ווי אויף דעם פיהרער פון סטרייק און דער וועלכער דארף באשטימען וועלכע פונקטען עס זיינען גוט פאר די ארבייטער און וועלכע נים.

## די גרינדונג פון דער אַמאַלגאַמייטעד

אין 1911 איז אונטערגענומען געוואָרען די ארבייט צו אָרגאניזירען די שניי־דער פון מענער קליידער. די גאנצע ארבייט איז געפאלען אויף א פּאָר פיהרער און דעם „פאָרווערטס". דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעפיהרט א סיסטעמאטישע פּראָפּאגאנדע אויפצוקלערען די שניידער, אז זיי מוזען האָבען א שטענדיגע שטארקע אָרגאניזאציע. די שניידער זיינען אָרגאניזירט געוואָרען און דאן איז געקומען דער גרויסער סטרייק, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט ערפאָלג פאר די ארבייטער.

קורץ נאָכ'ן סטרייק איז קלאָהר געוואָרען, אז די שניידער מוזען זיך באפרייען פון דער אינטערנעשאָנאל אָרגאניזאציע, פון די „יונייטעד גארמענט וואָרקערס" מיט וועלכע זיי זיינען יאָהרען־לאנג געווען פאראייניגט. עס איז קלאָהר געוואָרען פאר די פיהרער פון דער יוניאָן און פאר דעם „פאָרווערטס" אז די „יונייטעד גאר־מענט וואָרקערס" זיינען פרעמד צום גייסט פון די שניידער און אז טראָץ דעם, וואָס עס איז געפערליך פארנאנדערצושפּאלטען ארבייטער פון איין אָרגאניזאציע און עס איז געגען די פּרינציפּען פון ארבייטער־קאמף, מוז אָבער אין דיזען פאל געמאכט ווערען אן אויסנאהם. דער „פאָרווערטס" איז געווען איבערצייגט, אז עס וועט זיין געזינטער אי פאר די שניידער, אי פאר די „יונייטעד גארמענט וואָרקערס", אז זיי זאָלען זיך פארנאנדערטיילען.

א סך אגיטאציע האָט זיך געפאָדערט אום ארויסצונעמען די שניידער פון דער אַלטער אָרגאניזאציע און אויפבויען מיט זיי א נייע. יאָהרען און יאָהרען האָט דער „פאָרווערטס" געטראָגען די אמאלגאמייטעד אויף זיינע הענט און געהאָדעוועט ווי א מוטער א קינד.

גלייך ביי דער גרינדרונג פון דער אמאלגאמייטעד האָבען זיך אנגעפאנגען א רייהע מיט סטרייקס און לאָק־אוטס. דער קאמף האָט געמוזט געפיהרט ווערען אויף צוויי פראָנטען: געגען די רייכע באלעבאטים און געגען די „יונייטעד גארמענט וואָרקערס". דעם צוטרויען וואָס די שניידער האָבען געהאט צום „פאָרווערטס" האָט מעגליך געמאכט פאר זיי צו שלאָגען די באלעבאטים פון איין זייט און די „יונייטעד" פון דער אנדער זייט.

מיר האָבען דאָ געבראכט בלויז א פאָר שלאגענדע ביישפּילען. דאָס וואָס האָט פּאסירט מיט די קלאָוקמאכער, מיט די שניידער, האָט אויך אין עהנליכען אדער אנדער אופן פּאסירט מיט אנדערע יוניאָנס. יעדער יוניאָן איז געבאָרען געוואָרען דורך א ריזיגען קאמף און אין יעדען פון די קאמפען האָט דער „פאָרווערטס" געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע.

אין די שטילע רוהיגע צייטען איז דער „פאָרווערטס" געווען דער אויפקלערער, דער אגיטאַטאָר און אין די קריזיס צייטען איז דער „פאָרווערטס" געווען דער קעמפער, וועלכער האָט די ארבייטער געגעבען די נויטיגע הילף אין דעם ריכטיגען מאָמענט.

## דער „פאָרווערטס" און די סאָציאליסטישע באוועגונג

אין די זעלבע יאָהרען ווען עס זיינען אויפגעבויט געוואָרען די גרויסע אידישע יוניאָנס האָט זיך אויך צוואוקסען די סאָציאליסטישע באוועגונג. אין די יאָהרען פון 1908 ביז 1916 איז די סאָציאליסטישע פּארטיי אין אמעריקע שטארק געוואקסען. די מיטגלידערשאפט פון דער פּארטיי האָט געציילט איבער הונדערט טויזענד און געגנאָסע דעבס האָט אלס פּרעזידענט קאנדידאט געצויגען אן ערך פון א מיליאָן שטימען.

צווישען די אידישע מאסען איז די סאָציאליסטישע באוועגונג געווען זעהר ערפאָלגרייך. ניו יאָרק האָט דאן געהאט א סאָציאליסטישען פאָרשטעהער אין וואשינגטאָן, א סאָציאליסטישען פארטרעטער אין סטייט לעדזשיסלייטשור און סאָציאליסטישע פארשטעהער אין דער שטאָדט פארוואלטונג. דער סאָציאליסטישער קאָנגרעסמאן, דער פארשטאָרבענער גענאָסע מאיר לאָנדאָן איז געקומען פון דעם עלטסטען קווארטאל פון ניו יאָרק, פון דער איסט־סאיד. די אסעמבלי־לייט זיינען געקומען פון אנדערע אידישע קווארטאלען פון הארלעם, בראנקס, וויליאמסבורג און בראנזוויל. און דאָס זעלבע איז אויך געווען איבערן גאנצען לאנד.

דער „פאָרווערטס" האָט פּארזעעט דעם סאָציאליסטישען געדאנק אין די הערצער און מוחות פון די אידישע ארבייטער און דער „פאָרווערטס" האָט אנגעפיהרט די גרויסע קאמפּיינס פאר די סאָציאליסטישע קאנדידאטען.

## די סאָציאליסטישע פּארטיי, די יוניאָנס און דער ארבייטער רינג

די סאָציאליסטישע פּארטיי, די יוניאָנס און דער ארבייטער רינג זיינען אין אלע ארבייטער אונטערנעמונגען, אין אלע ארבייטער קאמפען געגאנגען האנט אין האנט, שולטער צו שולטער. יעדען מאָל ווען א יוניאָן האָט אויפגענומען א סטרייק האָט זי געוואוסט, אז הינטער איהר שטעהען צוויי שטארקע זיילען: דער ארבייטער רינג און די סאָציאליסטישע פּארטיי און יעדעס מאָל ווען די פּארטיי האָט אונטער־

נומען א קאמפּיין איז זי געווען זיכער, אז זי וועט קריגען די פולע שטיצע פון אר־בייטער רינג און פון די יוניאָנס.

אָט דאָס צונויפפלעכטען פון די דריי צווייגען פון דער ארבייטער באוועגונג אין איין גרויסער מעכטיגער קערפּערשאפט איז געווען די לאנג־יאָהריגע ארבייט פון „פאָרווערטס". זיי זיינען אלע דורכגעדרונגען מיט די זעלבע אידעאלען און מיט די זעלבע פּרינציפּען, וואָס דער „פאָרווערטס" האָט זיי געלערענט און דערפאר איז גאנץ נאַטירליך געווען, אז זיי זאָלען זיך פיהלען ווי ברידער, ווי קינדער פון איין גייסטיגען פאָטער און אז זיי זאָלען טראָגען א טיפע פאראנטוואָרטליכקייט איינע צו די אנדערע.

## די פאַרפאָלגונגען אויף דעם „פאָרווערטס" אין די מלחמה יאָהרען

די דריטע פּעריאָדע אין דעם לעבען פון „פאָרווערטס" פאנגט זיך אָן אין די מלחמה־יאָהרען. דאָס איז געווען א צייט ווען דער „פאָרווערטס" און די סאָציא־ליסטישע באוועגונג האָבען דורכגעליטען די שרעקליכסטע פארפאָלגונגען. דער „פאָרווערטס" איז אין יענער פינסטערער צייט געשטאנען אין געפאהר פארניכטעט צו ווערען צוליב דער שטעלונג וואָס ער האָט גענומען צו מלחמה און צוליב זיין סאָציאליסטישער טעטיגקייט.

דער „פאָרווערטס" האָט שטארק אגיטירט געגען מלחמה. ער האָט דאָס געטאָן באלד ביים אויסברוך פון וועלט־קריג און ער האָט עס פאָרטגעזעצט שפּעטער, ווען די אמעריקאנער קאפּיטאליסטען האָבען אגיטירט, אז אמעריקע זאָל אריין אין קריג.

וואָס א טאָג איז געוואָרען געפערליכער ארויסצורייִדען א וואָרט געגען דיזער אגיטאציע. דער „פאָרווערטס" האָט אבער ניט אויפגעהערט צו קריטיקירען די מלחמה העצערישע פּראפּאגאנדע. ער האָט אנגעוויזען, אז די אמעריקאנער רעפּוב־ליק וועט פאראטען איהרע אייגענע פּרינציפּען אויב זי וועט זיך פארבינדען מיט אזא דעספּאָטישע לאנד ווי רוסלאנד און דערמיט העלפען דעם צאריזם זיך באפעס־טיגען.

דער „פאָרווערטס" האָט געדרוקט ארטיקלען און עדיטאָריעלס אין וועלכע ער האָט אָנגעוויזען, אז די מלחמה ווערט אין אלע לענדער אנגעפיהרט אין די אינטע־רעסען פון די קאפּיטאליסטישע קלאסען.

עס איז געקומען 1917. די פאראייניגטע שטאאטען האָבען ערקלערט קריג געגען דייטשלאנד און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די „עליים".

די סאָציאליסטישע פּארטיי פון אמעריקע האָט אָפּגעהאלטען א ספּעציעלע קאָנווענשאָן צו פארהאנדלען די מלחמה פראגע און זי האָט דאן אָנגענומען די באַ־ריהמטע סט. לואיס רעזאָלוציע, וועלכע האָט שארף פארדאמט דעם שריט פון דער אמעריקאנער רעגירונג און האָט אויפגעפאָדערט די אמעריקאנער מאסען זיי זאָלען באַקעמפען די מלחמה משוגעת און די אומזיסטע בלוט־פארגיסונג.

דער „פאָרווערטס" האָט געהאלטען דעם שטאנדפּונקט פון דער סאָציאליסטי־שער פּארטיי ג ע ג ע ן מלחמה.

די רעגירונג האָט גענומען שארף פארפאָלגען אלץ וואָס איז געווען סאָציא־ליסטיש. דער „פאָרווערטס" זייענדיג די וויכטיגסטע סאָציאליסטישע צייטונג האָט דעריבער אויף זיך געצויגען די ביטערסטע אטאקעס פון די בלוט־פאטריאָטען.

איינע פון די גרעסטע אמעריקאנער צייטונגען אין ניו יאָרק האָט פון דער רעגירונג געפאָדערט, אז זי זאָל דעם „פאָרווערטס" אונטערדריקען.

ענדליך איז געקומען אן אויפפאָדערונג פון וואשינגטאָן. דער אסיסטענט פאָסטמעסטער דזשענעראל האָט געפאָדערט אז דער „פאָרווערטס" זאָל צו איהם שיקען א פארטרעטער.

פאָרשטעהער פון „פאָרווערטס" זיינען אוועקגעפאָהרען אין וואשינגטאָן. די רעגירונגס בעאמטע האָבען פאר זיי פאָרגעלעזען גאנצע פעק מיט ארטיקלען, וועלכע די רעגירונג האָט ערקלערט אלס אומטריי און פיינדליך צום לאנד.

אב. קאהאן, דער רעדאקטאר פון „פארווערטס", האָט אויף אלע באשולדי־גונגען געגעבען דעם פאָלגענדען ענטפער:

„מיר ענדערען ניט אונזערע איבערצייגונגען געגען מלחמה. מיר בלייבען ביי אונזערע מיינונגען און פאר מיינונגען קען דאס געזעץ, גאָט צו דאנקען, ניט באַ־שטראפען. דאָ האנדעלט זיך אבער ניט וועגען אונזערע מ י י נ ו נ ג ע ן, נאר וועגען אונזערע ט א ט ע ן. דאָס געזעץ פארווערט אונז מיר זאָלען אונזערע מיי־נונגען אויסדריקען אין דער עפענטליכקייט. מיר פאָלגען דעם געזעץ".

דער פאָסטמאסטער דזשענעראל אין וואשינגטאָן האָט זיך גערעכענט מיט דעם גרויסען איינפלוס וואָס דער „פאָרווערטס" האָט געהאט צווישען די אידישען מאסען אין אמעריקע און ער האָט קיין חשק ניט געהאט צו מאכען צופיל טומעל מיט אזא גרויסער צייטונג.

דער רעזולטאט איז אלזא געווען, אז אָפיציעל האָט מען דעם „פאָרווערטס" ניט צוגעמאכט. דער „פאָרווערטס" איז אבער געווען די איינציגע אידישע טעגליכע צייטונג וואָס האָט יעדען טאָג געמוזט אריינשיקען אין פאָסט אָפיס א ווערטערליכע איבערזעצונג אין ענגליש פון יעדען ארטיקעל וואָס איז ערשינען, פון יעדען שטיקעל נייעס און זאָגאר פון די אדווערטייזמענטס און נאָטיצען. דאָס האָט מען געמוזט צושטעלען צום פאָסט אָפיס איידער מען האָט געקענט קריגען אן ערלויבעניש די צייטונג צו שיקען אין דער קאָנטרי. די צייטונג האָט זיך צוליב דעם כמעט יעדען טאָג פארשפעטיגט און גאנץ אָפט איז אן אויסגאבע אין גאנצען פארהאלטען גע־ווארען.

אלע אנדערע אידישע צייטונגען זיינען געווען פריי פון די איבערזע־צונגען. דער עולם האָט מיט'ן „פאָרווערטס" סימפאטיזירט. עס איז פאר די מאסן געווען קלאָהר, אז דער „פאָרווערטס" ליידט פון די פארפאָלגונגען בלויז דערפאר וואָס ער איז א סאָציאליסטישע צייטונג, וועלכע האָט זיך ענטזאגט צו פאראטען זיינע פרינציפען.

## דער „פאָרווערטס" נאָך דער מלחמה

אויך נאָך דער מלחמה זיינען די פארפאָלגונגען אויף'ן „פאָרווערטס" און אויף דער סאָציאליסטישער פארטיי פאָרטגעזעצט געוואָרען. און די שפעטערדיגע פאר־פאָלגונגען זיינען, אין געוויסע הינזיכטען, געווען ערגערע. נאָך דער מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען א קאפיטאליסטישע פארשווערונג אוועקצונעמען פון די ארבייטער די בעסערע באדינגונגען, וואָס מען האָט זיי געמוזט געבען אין די מלחמה יאָהרען. די קאפיטאליסטען האָבען געזוכט אנצוואווארפען א שרעק אויף די ארבייטער, טע־ראָריזירען די פיהרער, די יוניאָנס און די ארבייטער צייטונגען. אין יענער צייט

זיינען די סאָציאַליסטישע אַסעמבלי לייט אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער לע־דזשיסלייטשור אין אַלבאַני, אין יענע יאָהרען זיינען דאָס פּאַרגעקומען די גרויזאַמע ברוטאַלע דעפּאָרטאַציעס, ווען מען האָט טויזענדער ראַדיקאַלען אַהן אַ פּאַר־וואָס אַרויסגעשיקט פון לאַנד.

און עס איז איצט אויף די פּלייצעס פון דעם „פֿאָרווערטס" געפאַלען די גרויסע אויפגאַבע פון צוריק אויפצובויען דאָס וואָס די מלחמה האָט צוטרייסעלט און פאַרניכטעט. די וויכטיגסטע אַרבייט איז געווען אַנצוהאַלטען די באַדינגונגען וואָס די אַרבייטער האָבען אין די מלחמה יאָהרען געוואונען. שווערע סטרייקס זיינען פּאָרגעקומען איבערן גאַנצען לאַנד און דער „פֿאָרווערטס" האָט געפיהרט די אַגי־טאַציע פאַר די יוניאָנס און פאַר די סטרייקערס.

די אויסזיכטען פאַר אַ ווידער־אויפלעבונג פון די אַרבייטער זיינען געווען גלענצענדע. דער ווערסאַילער פרידענס אָפּמאַך און די פאַרשווערונג פון די באַלע־באַטים געגען די יוניאָנס, האָבען אויפגעעפענט די אויגען ביי מיליאָנען אַרבייטער, וואָס זיינען אין די מלחמה יאָהרען געווען פאַר׳שכור׳ט פון דער פּאַטריאָטישער בלוט־פּראָפּאַגאַנדע.

## די נייע שטערונג

דאָ האָט זיך באַוויזען אַ נייע שטערונג. פון יענער זייט ים האָט זיך אַריבער־געטראָגען אַהער די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע, די קאָמוניסטישע תורה.

די ראַדיקאַלע אַרבייטער באַוועגונג, סיי ביי אידען, סיי ביי ניט־אידען איז צושפּאָלטען געוואָרען.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אינערליכער קאַמף, וועלכער האָט זיין העכסטען פּונקט דערגרייכט אין די אידישע יוניאָנס. דער „פֿאָרווערטס" איז געבליבען ביי זיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּען און ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די ערשטע צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז דער „פֿאָרווערטס" געווען פריינדליך צו רוסלאַנד. זיין שטעלונג איז געווען, אַז מען דאַרף זיין טאָלע־ראַנט, מען דאַרף זעהן פיליכט וועט פון דער רעוואָלוציע עפּעס רעכטס אַרויס־קומען.

שפּעטער אָבער, ווען דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגענומען די טאַקטיק פון פאַרשפּרייטען גיפט אין די אַרבייטער רייהען, פון אָנפיהרען אַ קאַמפּיין פון פאַרלוימדונג געגען אויסגעפּרובירטע פיהרער פון דער אַרבייטער באַוועגונג, וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט אָנצונעמען די קאָמוניסטישע תורה, דאַן האָט דער „פֿאָרווערטס" דערקענט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג די אַלטע געפאַהר פון דרייסיג יאָהר צוריק, די געפאַהר פון דעם דעליאָניזם, די געפאַהר וועלכע ער האָט באַקעמפּפט אין די ערשטע יאָהרען פון זיין עקזיסטענץ.

דער „פֿאָרווערטס" האָט באַשלאָסען יענעם קאַמף צו באַנייען. ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אַרונטערצורייסען די מאַסקע פון די קאָמוניסטען און אַרויס־שטעלען זיי אין זייער ריכטיגען געשטאַלט פון ברעכער און צושטערער פון דער אַרבייטער באַוועגונג. אָט דעם קאַמף פיהרט דער „פֿאָרווערטס" איצט אָן.

# „די צוקונפט"

די פֿאָרווערטס אַסאָסיאיישאַן גיט אויך ארויס דעם ליטעראריש־וויסענשאַפט־ליכען זשורנאַל „די צוקונפט".

„די צוקונפט" האָט הינטער זיך א היסטאָריע פון 43 יאָהר. דער זשורנאַל איז געגרינדעט געווארען אין יאָהר 1892. די ערשטע העפט פון דער צוקונפט איז ארויסגעגאנגען אין יאנואר 1892 אונטער א רעדאקציאָנס קאָלעגיום. פיליפּ קראַנץ האָט אויסגעדריקט די פּראָגראַם פון דער צוקונפט אין דעם פּראָגראַם ארטיקעל „אונזער צוקונפט".

„אונזער פּראָגראַם קענען מיר אויסדריקען אין דריי ווערטער: מיר זיינען סאָציאַל־דעמאָקראַטען" הייבט אָן פיליפּ קראַנץ זיין פּראָגראַם ארטיקעל „אונזער צוקונפט".

עס איז געווען אין די ראָמאַנטישע יאָהרען, ווען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס די גרופּע „די באַפרייאונג פון ארבייט", און פּלעכאַנאָוו האָט מיט זיין גלענצענדער פעדער פּאָפּולער געמאַכט דעם מארק־סיזם צווישען רוסישע אינטעליגענטען. די ערשטע אידישע סאָציאַליסטען, וואָס זיינען אריבערגעקומען אין אַמעריקע, זיינען געווען שטארק אונטערן איינפלוס פון דער נייער ווענדונג אין רוסישען סאָציאַליזם. זיי זיינען געווארען פארברענטע מארקסיסטען, סאָציאַל־דעמאָקראַטען. אָט אין דעם גייסט איז פארמולירט געווארען אויך די פּראָגראַם פון דער „צוקונפט".

זייענדיג א שטרענג מארקסיסטישע צייטונג, פארענדיגט אבער דער שרייבער פון דעם פּראָגראַם ארטיקעל מיט פאָלגענדע ווערטער:

„צום שלוס ערקלעהרען מיר דאָס אזוי ווי אונזער צוועק איז נאר ארויסצו־געבען א בילדונגס זשורנאַל פאר אידישע ארבייטער און אזוי ווי די ריינע־וויסען־שאַפט איז ניט קיין פּארטיי זאך, לאַדעט איין די „צוקונפט" הערצליך די מיט־ווירקונג פון יעדען איינעם, וואָס קען עפּעס אָנשרייבען און די לעזער זאָלען עטוואָס לערנען אדער האָבען אַן עסטעטישען גענוס".

מיט אנדערע ווערטער הייסט דאָס, אז די „צוקונפט" האָט גלייך ביי דער גרינדונג געגעבען פּלאַץ פאר ליטעראַרישע שאַפונגען און וויסענשאַפּטליכע אונ־פּארטייאישע ארטיקלען.

דער כאַראַקטער פון דער „צוקונפט" ביי דער גרינדונג קען מען זעהן פון די ערשטע ארטיקלען וואָס זיינען דאָרטען ערשינען.

„קאַרל מארקס", פון מ. הילקאָוויטש.

„גאָט רעליגיאָן און מאָראַל", פון פיליפּ קראַנץ.

„דער וואוקס פון פּראָלעטאריאַט אין אמעריקע", פון פּראָפעסאָר דע ליאָן.

„האָט מען אויפגעטאָן אין דייטשלאַנד מיט די רייכסטאַג וואַהלען פאר דעם סאָציאַליזם"?, פון הערמאַן שליטער.

„דאַרוועניזם", פון אב. קאַהאַן.

„מאַטעריאַליזם און קאַפּיטאַליזם", פון פ. קראַנץ.

„די שווימענדע טרונע".

פילע וואַסערן זיינען שוין אריבער פון דער צייט, ווען די „צוקונפט" איז געגרינדעט געווארען. גרויסע ענדערונגען זיינען פּאָרגעקומען אין דער וועלט און אין אידישען לעבען. אויך די „צוקונפט" האָט איבערגעלעבט פארשידענע צייטען.

אין דער געשיכטע פון דער „צוקונפט" קען מען פיעל לערנען וועגען דער אידעאָלאָגיע פון אידישע אינטעליגענטען אין פארשידענע צייטען.

אין דער „צוקונפט" האָבען זיך געביטען רעדאַקטאָרען און אין א געוויסער מאָס אויך ריכטונגען. „די צוקונפט" איז אבער אלע מאָהל געבליבען א סאָציאַליסטישע צייטונג.

א נייע ווענדונג אין דער געשיכטע פון „צוקונפט" הייבט זיך אָן מיט דער צייט, וואָס א. ליעסין איז געוואָרען דער רעדאקטאר פון דעם זשורנאל. „די צוקונפט" איז אויך אונטער ליעסינ'ס רעדאקציע געבליבען שטרענג מאַרקסיסטיש און סאָציאַליסטיש, „די צוקונפט" האָט אבער אנגענומען א ברייטע אַלמענשליכע און אידישע ריכטונג.

ליעסין האָט איבערגענומען די רעדאקציע אין יאָהר 1912. די יאָהרען וואָס ליעסין רעדאקטירט „די צוקונפט" זיינען געווען שטורמישע יאָהרען אין דער וועלט־געשיכטע און פאַטאַלע יאָהרען אין דער אידישער געשיכטע. „די צוקונפט" שפּיגעלט אָב די היסטאָרישע עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבען.

ליעסין אליין מיט זיינע וואונדערבארע עדיטאָריעלס, מיט א סטעף שרייבער פון דער גאנצער אידישער וועלט, באלייכטען אלע קאָמפּליצירטע פראגען פון דער שטורמישער צייט אין א אידישען סאָציאַליסטישען גייסט. די פראגען ווערען באהאנדעלט מיט טיפקייט און מיט אָריגינאַליטעט. אלס א אייגענארטיגער דענקער האָט ליעסין ארויסגעלייגט זיין שטעמפּעל אויף „די צוקונפט" אין די יאָהרען, וואָס ער איז רעדאקטאר.

אין ליטעראַרישען זין האָט „די צוקונפט" צוגעצויגען די בעסטע ליטעראַרישע כחות, די גאנגען „צוקונפט" פאר די לעצטע יאָהרען זיינען אוצרות פון ליטעראַרישע שאפונגען.

„די צוקונפט" איז איצט דער טרעגער פון אמת'ער אידישער קולטור ניט נאר דאָ אין אמעריקע, נאָר אין דער גאנצער אידישער וועלט.

„די צוקונפט" איז פריהער ארויסגעגעבען געוואָרען פון „צוקונפט אסס'ן", פון דער „צוקונפט פרעס פעדערייישאן". איצט גיט ארויס דעם זשורנאל די זעלבע אסאָסיאייישאן, וואָס גיט ארויס דעם „פאָרווערטס".

---

**פאָטאָגראפישע ערפינדונג:** קעפּטען א. וו. סטיוועגס פון דער אמעריקאנער ארמיי האָט ערפונדען א פאָטאָגראפישען אַפּאַראַט מיט וועלכען מ'קען פאָטאָגראפירען ריזיגע שטרעקעס. אין א בילד וואָס ער האָט גענומען אין פילאדעלפיע איז איהם געלונגען צו פאָטאָגראפירען די גאנצע שטרעקע פון דעם דעלווער טייך ביז סטעטען איילאנד.

**אַן ערפינדונג פאר בלינדע:** א פראנצויזישער בלינדער סאָלדאט האָט ערפונדען אַן אַפּאַראַט מיט וועלכען מען טראנספּערירט געוועהנליכע דרוק מאַטעריאל אויף ברייל, די דרוק וואָס בלינדע באנוצען.

**מאָגען אָלסערס:** די דאָקטוירים פון דער פאקולטעט פון די נאָרד־וועסטערן יוניווערסיטי האָבען דערקלערט, אז דער עקסטראקט פון דעם מיוקום פון א שווייניגען מאָגען איז א רפואה פאר ליידענדע אויף אַן אָלסער אין מאָגען.

**די פינף טאָגיגע וואָך אין אלע צייטען**

א וויסענשאפטליכע עקספּעדיציע פון די יוניווערסיטי אָף שיקאגא האָט געפונען זעכציג אַלטע טאָפלען אין עלישאר, אויף איינעם פון די טאָפלען האָבען זיי פאנאנדערגעקליבען היראָגליפען וועלכע זאָלען זאָגען, אז די חיטים האָבען זיך באנוצט מיט דער פינף־טאָגיגער וואָך מיט 4000 יאָהר צוריק.

**אַ פיש מיט פיער אויגען:** די טעמפּלטאָן קראָקער עקספּעדיציע האָט ניט לאנג צוריק געכאַפּט א פיש אין א טייך אין האנדוראס וועלכער האָט פיער אויגען. זי שווימט אויבען אויף און זוכט אינסעקטען מיט די אויבערשטע אויגען, צו דערזעלבער צייט נוצט זי די אונטערשטע אויגען צו זוכען שפּייז אונטען אין וואַסער.

# דער ארבייטער רינג

דער ארבייטער רינג איז דער גרעסטער אידישער ארבייטער אָרדען פון דער וועלט. ניט נאָר אָבער צווישען אידישע ארבייטער אָרדענס איז ער דער גרעסטער. ער שטייגט אריבער אלע ניט־אידישע ארבייטער אָרדענס פון דער גאַנצער וועלט.

צווישען אידישע ארבייטער איז דער ארבייטער רינג געווען דער פּיאָנער אויף די געביטען פון גענענזייטיגער הילף און קאָאָפּעראטיווע אינשורענס. דער ארביי־טער רינג האָט זיך געשטעלט אויך די אויפגאַבע פון סאָציאַליסטישער אויפקלערונג און קולטור.

אין יאָהר 1900 האָט זיך דער ארבייטער רינג געגרינדעט. אין דער צייט פון זיין גרינדונג, זיינען שוין געווען גרויסע אידישע באַלעבאַטישע אָרדענס. דער אר־בייטער רינג האָט זיך אבער געשטעלט ריין ארבייטער אויפגאבען מיט גאר א ברייטען פּראָגראַם. אָט ווי עס איז פאָרמולירט די פּרינציפּען ערקלעהרונג פון ארבייטער רינג.

„אלס מיטגלידער פון ארבייטער רינג, שטרעבען מיר צו דער פולשטענדיגער באפרייאונג פון ארבייטער קלאַס... יעדער מיטגליד פון ארבייטער רינג מוז באַ־לאַנגען צו דער יוניאָן פון זיין פאַך... ער מוז שטיצען די פּארטייען, וואָס שטעלען זיך די אויפגאבע די איינפיהרונג פון פּאָליטישער פרייהייט און עקאָנאָמישער גלייכהייט... די ארבייטער נויטיגען זיך אויך אין מאָראלער הילף, פריינדשאפט פון זייערע מיטמענשען".

מאַטעריעלע געגענזייטיגע שטיצע, פריינדשאפט און קלאַסענבאוואוסטזיין זיי־נען געווען די פּרינציפּען אויף וועלכע דער ארבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט. אָט די פּרינציפּען זוכט דער ארבייטער רינג אָבצוהיטען די גאנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ.

ווען דער ארבייטער רינג האָט זיך געגרינדעט האָט געהערשט צווישען אידישע סאָציאַליסטען די איבערצייגונג, אז אָט אָט ווערען פארשוואונדען אלע אונטערשידען צווישען נאַציאָנען. קיין ריין אידישע אויפגאבען האָט זיך דער ארבייטער רינג ניט געשטעלט. צייטען בייטען זיך אבער און מיט זיי ווערען געביטען מענשליכע אי־דעען. איצט האָט דער ארבייטער רינג פאר זיך ברייטע אידישע אויפגאבען. אידישע קולטור פארנעהמט אין ארבייטער רינג א בכבודיגען פּלאַץ. דער ארבייטער רינג האָט א גרויסע נעץ פון אידישע סאָציאַליסטישע שוהלען. דער ארבייטער רינג נעהמט אויך אן אנטייל אין אלע ענינים פון די אידישע מאַסען פון אלע לענדער. דער ארבייטער רינג איז אבער געווען און געבליבען א סאָציאַליסטישער אָרדען מיט זיינע אויסגעשפּראָכענע ארבייטער קלאַסען אינטערעסען.

היינטיגס יאָהר האלט אָב דער ארבייטער רינג, אין אָנפאַנג מאי, זיין 35־יעהריגע יובילעאום קאָנווענשאָן. די קאָנווענשאָן וועט האָבען פאר זיך שווערע ארבייטער רינג פּראָבלעמען. יונגע מענשען זיינען דאָס געווען די וועלכע עס האָ־בען דעם ארבייטער רינג געגרינדעט. די מיטגלידער זיינען אבער פאר דער צייט עלטער געווארען. צוליב דעם, וואָס די אידישע אימיגראציע האָט זיך אבגעשטעלט

אין אמעריקע, קומען קיין יונגע מענשען פון יענער זייט ניט אריין. דער דורכשניט עלטער פון ארבייטער רינג מיטגלידער שטייגט דאריבער. ביז איצט האט דער ארבייטער רינג געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַן אָרגאַניזאַציע פון אימיגראַנטען. איצט האָט דער ארבייטער רינג פאַר זיך די אויפגאַבע צו צוציהען דעם יונגען אמעריקאנער דור און אויך שטיצען זיינע עלטערע מיטגלידער.

אויף דער 35טער קאָנווענשאָן וועט דער ארבייטער רינג האָבען פאַר זיך שווערע אינערליכע פּראָבלעמען. די 35טע קאָנווענשאָן וועט זיך אבער אויך באַשעפטיגען מיט ברייטע געזעלשאַפטליכע פראַגען.

יעדע קאָנווענשאָן איז א לאַנדמאַרק אין דער געשיכטע פון ארבייטער רינג. ביז איצט זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען פאָלגענדע קאָנווענשאָנס:

## קאָנווענשאָנס פון ארבייטער רינג:

1טע קאָנווענשאָן — פון 29טען ביז 31טען מערץ, 1901, אין 414 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
2טע קאָנווענשאָן — פון 8טען ביז 10טען מאַי, 1902, אין 444 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
3טע קאָנווענשאָן — פון 8טען ביז 10טען מאַי, 1093, אין פאָלקס לייסעאום, 218—2טע סט., נ. י.
4טע קאָנווענשאָן — ערשטע וואָך אין מאַי, 1904, אין לידערקראַנץ האָל, ברוקלין, נ. י.
5טע קאָנווענשאָן — פון 12טען ביז 14טען מאַי, 1905, אין בעטהאָווען האָל, ניו יאָרק.
6טע קאָנווענשאָן — פון 4טען ביז 7טען מאַי, 1906, אין בעטהאָווען האָל, ניו יאָרק.
7טע קאָנווענשאָן — פון 3טען ביז 5טען מאַי, 1907, אין סענטשורי האָל, נוארק, נ. דזש.
8טע קאָנווענשאָן — פון 7טען ביז 10טען מאַי, 1908, אין ניו אָדיטאָריום, פילאַדעלפיע, פּאַ.
9טע קאָנווענשאָן — ערשטע וואָך אין מאַי, 1909, אין פרינסעס טעאַטער, באַלטימאָר.
10טע קאָנווענשאָן — פון 4טען ביז 7טען מאַי, 1910, אין סטאַר קאַסינאָ, ניו יאָרק.
11טע קאָנווענשאָן — פון 10טען ביז 13טען מאַי, 1911, גערמאַניא האָל, ראָטשעסטער, נ. י.
12טע קאָנווענשאָן — פון 1טען ביז 5טען מאַי, 1912, אין וועבסטער האָל, ניו יאָרק.
13טע קאָנווענשאָן — פון 7טען ביז 11טען מאַי, 1913, אין לייבאָר לייסעאום, פילאַדעלפיע.
14טע קאָנווענשאָן — פון 5טען ביז 9טען מאַי, 1914, אין מיוזיק האָל, ניו הייווען.
15טע קאָנווענשאָן — פון 2טען ביז 6טען מאַי, 1915, אין וועסט סייד אָדיטאָריום, שיקאַגאָ.
16טע קאָנווענשאָן — פון 1טען ביז 7טען מאַי, 1916, אין בראַנזוויל לייבאָר לייסעאום, ברוקלין, נ. י.
17טע קאָנווענשאָן — פון 1טען ביז 6טען מאַי, 1917, אין האַנטס פּאָינט פּאַלאַס, בראָנקס, נ. י.
18טע קאָנווענשאָן — פון 5טען ביז 10טען מאַי, 1918, אין לייבאָר לייסעאום, פּיטסבורג.
19טע קאָנווענשאָן — פון 4טען ביז 10טען מאַי, 1919, אין ארב. רינג לייסעאום, דעטראָיט.
20טע קאָנווענשאָן — פון 2טען ביז 8טען מאַי, 1920, אין אמסטערדאם האָל, נוארק, נ. דזש.
21טע קאָנווענשאָן — פון 1טען ביז 7טען מאַי, 1921, אין טרימאָנט טעמפּעל, באָסטאָן.
22טע קאָנווענשאָן — פון 1טען ביז 7טען מאַי, 1922, אין קינג עדווארד האָטעל, טאָראָנטאָ.
23טע קאָנווענשאָן (פארטרעטער פון סטייטס) — 17טען מאַי, 1923, ניו יאָרק.
24טע קאָנווענשאָן (פארטרעטער פון סטייטס) — 8טען מאַי, 1924, ניו יאָרק.
25טע קאָנווענשאָן — פון 5טען ביז 10טען מאַי, 1925, אין ניו סטאַר קאַסינאָ, ניו יאָרק.
26טע קאָנווענשאָן (פארטרעטער פון סטייטס) — 6טען מאַי, 1926, ניו יאָרק.
27טע קאָנווענשאָן — פון 1טען ביז 7טען מאַי, 1927, אין סטאַטלער האָטעל, קליוולאַנד.
28טע קאָנווענשאָן (פארטרעטער פון סטייטס) — 10טען מאַי, 1928, אין ניו יאָרק.
29טע קאָנווענשאָן — פון 5טען ביז 11טען מאַי, 1929, אין דאגלאַס פּארק לייסעאום, שיקאַגאָ.
30טע קאָנווענשאָן (פארטרעטער פון סטייטס) — 10טען מאַי, 1930, אין ניו יאָרק.
31טע קאָנווענשאָן — פון 3טען ביז 9טען מאַי, 1931, נייִשאָנאַל פּרעס קלוב, וואשינגטאָן, ד. ק.
32טע קאָנווענשאָן — פון 5טען ביז 12טען מאַי, אין בעדפאָרד האָטעל, באָסטאָן, מאַסס.
33טע קאָנווענשאָן — פון פארטרעטער פון סטייטס אין ניו יאָרק.
34טע קאָנווענשאָן — פון פארטרעטער פון סטייטס אין ניו יאָרק.

אין פילע באַציהונגען האָט זיך דער ארבייטער רינג געביטען. אַלס פּראָגרעסיווער אָרדען געהט דער ארבייטער רינג מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. זיין סאָציאַליסטישען כאַראַקטער האָט אבער דער ארבייטער רינג ניט געביטען.

ענדע סעפּטעמבער 1934, האָט דער ארבייטער רינג געהאַט 65,943 מיטגלידער צוטיילט אין פאָלגענדע קלאַסען:

| | | |
|---|---|---|
| קלאס איי ................................ | 322 | מיטגלידער |
| " איינס (1) ........................ | 20,889 | " |
| " צוויי (2) ........................ | 17,162 | " |
| " דריי (3) ........................ | 8,622 | " |
| " פיר (4) ........................ | 9,088 | " |
| " פינף (5) ........................ | 6,143 | " |
| " זעקס (6) ........................ | 901 | " |
| פארשידענע אנדערע קלאסען ...... | 2,816 | " |

סך הכל מיטגלידער סעפט, 1934—65,943

עס זיינען נאָך אָבער דאָ א צאָהל מיטגלידער, וואָס דארפען רעאינסטייטעט ווערען.

די צאָהל פון די ברענטשעס איז געווען ווי פאָלגט: 712 ברענטשעס פון ערוואקסענע, 41 ברענטשעס פון דער יאָנג סוירקעל ליעג און 77 קלובען.

צו פארשטעהן די טהעטיגקייט פון ארבייטער רינג, קען מען פון דעם יעהרליכען סטייטמענט פאר'ן יאָהר 1933.

לויט אָפיציעלע ציפערען, „פריינד", יולי - אוגוסט 1934, איז דער פארמעגען פון ארבייטער רינג געווען ווי פאָלגט:

ענדע יאָהר 1933, האָט דער ארבייטער רינג פארמאָגט:

| | |
|---|---|
| אין טויטען בענעפיט פאָנד „מוירטשערי פאָנד" .................. | $849,551.42 |
| אין רעזערוו פאָנד ........................................ | 3,901,982.95 |
| אין קראנקען בענעפיט פאָנד ........................ | 205,100.00 |
| אין סאנאטאָריום פאָנד ............... .................. | 420,564.26 |
| אין צדקה פאָנדען (פריווילִיגע) ........................ | 50,153.71 |
| אין פאָנדען פאר הוצאות ........................................ | 79,309.11 |
| אין פאָנד פאר אלטע לייט „אָלד איידזש" ........................ | 197,037.93 |
| אין סוספענס (ניט באשטימטע פאָנדען) ........................ | 714.76 |
| סך הכל פון פארמעגען אין אלע פאָנדען ענדע 1932 ........... | $5,704,414.14 |
| הכנסה אין יאָהר 1933 פאר אלע פאָנדען ........................ | $1,164,657.12 |
| | $6,869,071.26 |

## הוצאות פאר דעם יאָהר 1933

| | | |
|---|---|---|
| טויטען בענעפיט און רעזערוו פאָנד ............. | $313,811.84 | |
| קראנקען בענעפיט ........................ | 349,545.36 | |
| סאנאטאָריום ........................................ | 112,864.48 | |
| צדקה פאָנדס פרייווילִיגע ........................ | 55,209.75 | |
| פארשידענע הוצאות ........................ | 271,800.83 | |
| סך הכל הוצאות פאר'ן יאָהר 1933 ................ | | $1,103,232.26 |
| בלייבט דער פארמעגען פון ארבייטער רינג אָנפאנג 1934 ........................ | | $5,765,839.00 |

אין פאָלגענדע עססעטס איז דער פארמעגען פארטיילט:

| | |
|---|---|
| הייזער, בוך־ווערט ............................................ | $348,327.27 |
| הלוואות פארזיכערט פון מארטגיידזשעס ........................ | 2,607,225.00 |
| באנדס לויט בוך ווערט ............................................ | 2,365,169.71 |
| מזומן אין פארשידענע באנקען ................................ | 191,007.55 |
| פארשידענע אנדערע זאכען ................................ | 254,109.47 |
| סך הכל ................ | $5,765,839.00 |

די רעכענונגען פאר דעם יאָהר 1934 וועלען ווערען פארטיג ערשט צום קאָנ־ווענשאָן.

פאָלגענדע אינסטיטוציעס זיינען א טייל פון ארבייטער רינג. אויסער דעם סאנאטאָריום אבער זיינען די אלע אינסטיטוציעס זעלבסטשטענדיג.

1) דער ארבייטער רינג סאנאטאָריום. פאר די 25 יאָהר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער סאנאטאָריום געהאט איבער פיר (4) טויזענד פאציענטען. די מייסטע פאציענטען זיינען געהיילט געווארען. דער ארבייטער רינג סאנאטאָריום איז פון די בעסטע אין אמעריקע. אלע מאָדערנע הייל אַפּאַראַטען זיינען דאָ אין ארבייטער רינג סאנאטאָריום, אויפגעהאלטען פון ארבייטער.

2) מעדיקאל דעפּארטמענט אין ניו־יאָרק מיט א סטעף פון 43 דיסטריקט דאָקטוירים, 20 ספּעציאַליסטען. א מאָדערנער געזונדהייטס סענטער איז אונטער'ן אויפזיכט פון מעדיקאל דעפּארטמענט. אנדערע גרויסע שטעדט טוען נאָך דעם ביישפּיל פון ניו־יאָרק.

3) די מיטגלידער פון ארבייטער רינג האָבען 7 זומער קעמפּס אין די פאר־איייניגטע שטאאטען און קענעדע. דער קעמפּ פון באָולינג, ניו־יאָרק, האָט געביידעס און מכשירים אין ווערט פון א פערטעל מיליאָן. דעם ניו־יאָרקער קעמפּ האָט אי־בערגענומען די עקזעקוטיווו פון ארבייטער רינג אין נאָוועמבער 1934.

4) סעמעטערי און פיונעראל דעפּארטמענט. די ווערט פון די סעמעטערים באַטרעפט זייער גרויסע סומען.

5) דער איינגסטער דעפּארטמענט פון ארבייטער רינג איז דער סאָשעל סוירוויס דעפּארטמענט. טויזענדע מיטגלידער פון ארבייטער רינג ווערען דורך דעם דעפּארטמענט געהאָלפען.

6) א נעץ פון קינדער שולען אין פילע שטעדט.

7) יאָנג סוירקעל ליגע.

גרויסע סומען גיט דער ארבייטער רינג אוים אויף שטיצע צו געזעלשאפטליכע אָרגאַניזאציעס און צו אייגענע מיטגלידער. אין די שווערע קריזיס יאָהרען האָבען ארבייטער רינג מיטגלידער געקראָגען דירעקטע שטיצע איבער צוויי הונדערט טוי־זענד דאלאר.

דער דזשענעראל סעקרעטאר פון ארבייטער רינג איז יוסף באסקין. ער פאר־נעהמט שוין דעם אַמט איבער 20 יאָהר. דער פּרעזידענט פון ארבייטער רינג איז י. וויינבערג, דער טרעזשורער, דר. זעלדין, פּ. געליבטער איז דער עדיוקיישאָנאל דירעקטאָר. ל. ראָטמאַן, רעקאָרדינג סעקרעטער. מיסס ראָוז אַש־סימסאָן, פאַרוואַל־טעט דעם סעמעטערי דעפּארטמענט און נעהמט אן אקטיווען אנטייל אין דער ארבייט פון „סאָשעל סוירוויס ביוראָ".

דער אָפיציעלער אָרגאַן פון ארבייטער רינג איז דער „פריינד".

# פארגלייכונגס טאַבעלע פון די וויכטיגסטע אידישע אָרדענס פון די פאראייניגטע שטאַאטען פון אמעריקע

| | יאהר געגרינדעט | פארמעגען אנפאנג 1934 אין דאלער | הכנסה פאר'ן יאהר 1933 אין דאלער | הוצאה פאר'ן יאהר 1933 אין דאלער | צאהל פון מיטגלידער אנפאנג 1933 | מיטגלידער געשטארבען פאר'ן יאהר | צאהל מיט־גלידער אנפאנג 1934 | סומע פון אינשורענס אין דאלער |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ארבייטער רינג ........................ | 1900 | 5,704,414 | 1,164,657 | 1,103,332 | 70,327 | 594 | 66,240 | 17,404,000 |
| אינדעפענדענט ארדער ברית אברהם .. | 1887 | 2,590,240 | 1,098,554 | 1,360,861 | 81,724 | 2,499 | 75,389 | 37,605,250 |
| אינד. ארדען ברית שלום ................ | 1905 | 1,224,407 | 939,127 | 892,019 | 17,797 | 132 | 16,675 | 6,902,770 |
| אידישער נאַציאָנאַלער ארבייטער פאר | 1913 | 438,890 | 139,414 | 117,875 | 7,308 | 43 | 6,713 | 3,218,398 |
| אָרדער בני ציון ............................ | 1910 | 310,901 | 50,588 | 38,807 | 2,950 | 56 | 2,794 | 1,008,738 |
| פרי סאָנס אָף בענדזשאמין ............ | 1871 | 1,923,403 | 196,400 | 297,571 | 4,645 | 152 | 4,467 | 3,510,714 |
| פראָגרעסיוו אָרדער פון איסט ......... | 1896 | 660,539 | 125,286 | 125,771 | 8,300 | 196 | 7,917 | 3,346,677 |
| אָרדער נייטס אָף דזשאָזעף ............. | 1896 | 117,725 | 38,228 | 39,731 | 1,941 | 71 | 1,853 | 868,050 |
| אינטערנאַציאָנאַלער ארדען ............ | 1930 | 168,525 | 660,741 | 313,618 | 20,746 | 114 | 33,903 | 13,892,600 |

אַנמערקונג: — די מייסטע מיטגלידער אין אינטערנאַציאָנאַלען אָרדען זיינען ניט אידען.

# די ארבייטער רינג שולען

אין ארבייטער רינג איז שטענדיג געווען א טיף־איינגעוואָרצעלטער געפיהל, אז עס איז נויטיג צו ערציהען די קינדער פון די מיטגלידער און זייערע פריינד אין אזא גייסט, אז זיי זאָלען אין די שפּעטערדיגע יאָהרען פארשטעהן די סאָציאלע כחות, אָן וועלכע זיי וועלען זיך אָנשטויסען. דער ארבייטער רינג אלס גאנצער באטראכט זיך ווי א טהייל פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג. דער ארבייטער רינג זאָגט אין זיין קאָנסטיטוציע, אז ער איז איבערצייגט, אז „אָרימקייט, קראנקהייט און נויט צווישען די ארבייטער זיינען דער רעזולטאט פון די איבלען פון אונזער עקאָנאָמישען סיסטעם". צוליב אָט דעם באגריף האָט דער ארבייטער רינג מיט יאָהרען צוריק געהאָלפען גרינדען און אויפהאלטען „זונטאג־שולען" (סאָנדעי־סקולס). אין די דאָזיגע „זונטאג־שולען" האָט מען געזוכט צו באקענען די קינדער מיט סאָציאליסטישע אידעען און מיט דער ארבייטער באוועגונג. אָבער דאָס האָט פאקטיש געהייסען, אז אין משך פון צוויי שעה א וואָך זאָל מען לערנען מיט די קינדער דעם סאָציאליזם על רגל אחת. מיט אידישע פראגען, מיט אידישער געשיכטע, מיט פּראָבלעמען פון אידישען לעבען, מיט דער אידישער שפּראך האָבען זיך די „זונטאג־שולען" ניט פארנומען.

ווען די „זונטאג־שולען" זיינען אונטערגעגאנגען, איז ביי א סך מיטגלידער פון ארבייטער רינג נאָך אלץ געבליבען דער טיפער גלויבען אין דער נויטווענדיגקייט פון געבען די קינדער א סאָציאלע ערציהונג. עס האָבען זיך שוין אָבער אויך אָנגעפאנגען קריסטאליזירען די נאציאָנאלע שטרעבונגען און דער נאציאָנאלער באוואוסטזיין צווישען די אידישע מאסען. די פראגע וועגען קינדער־ערציהונג איז ווידער אויפגעהויבען געוואָרען אין די רייהען פון ארבייטער רינג. אָבער דאָס מאָהל איז שוין געפיהרט געוואָרען א קאמף, אז עס זאָלען געגרינדעט ווערען אידישע שולען, וואָס זאָלען האָבען א סאָציאלען אינהאלט. די נאציאָנאל־סאָציאליסטישע עלעמענטען, מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי בראש, זיינען געווען די זיגער אין דעם קאמף. דער ארבייטער רינג האָט באשטימט צו עפענען אידיש־סאָציאליסטישע שולען.

די ערשטע קינדער־שולען זיינען געעפענט געוואָרען אין ניו יאָרק. די אידעע פון דער ארבייטער רינג שול, די אידעע וועגען שיקען קינדער אין א שול, וואו זיי זאָלען ערצויגען ווערען אלס אידען און אלס סאָציאליסטען, האָט געקראָגען אלץ מעהר און מעהר אנהיינגער. פון די ערשטע עטליכע שולען, וואָס זיינען געעפענט געוואָרען אין 1919, איז אין משך פון די לעצטע פופצעהן יאָהר אויסגעוואקסען א ברייטע ארבייטער רינג שול באוועגונג, וואָס נעמט ארום א סך שטעדט און שטעדלעך איבער די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע.

די צאָהל שולען און די צאָהל שילער זיינען אין פארלויף פון די פופצעהן יאָהר געוואקסען ווי פאָלגט:

| יאָהר | צאָל שולען | צאָל שילער |
|---|---|---|
| 1919 | 10 | 400 |
| 1920 | 30 | 1,200 |
| 1921 | 47 | 1,800 |
| 1922 | 58 | 2,300 |
| 1923 | 61 | 3,000 |

| | | |
|---|---|---|
| 1924 | 73 | 4,700 |
| 1925 | 82 | 5,800 |
| 1926 | 83 | 5,350 |
| 1927 | 103 | 6,000 |
| 1928 | 105 | 6,500 |
| 1929 | 109 | 5,247 |
| 1930 | 110 | 5,900 |
| 1931 | 103 | 5,800 |
| 1932 | 95 | 5,300 |
| 1933 | 102 | 5,900 |

צווישען די שולען זיינען אויך פאראן פינף מיטעל־שולען. אחוץ דעם, ווערען אין עלף שטערט אָנגעפיהרט מיטעל־שול קלאסען מיט קלענערע גרופען. די דאָזיגע מיטעל־שולען ווערען אין דעם חשבון פון די שולען ניט אריינגערעכענט.

די פראָגראם זאָגט, אז אויף דריי זיילען שטעהט די קינדער־שול פון ארבייטער רינג: זי איז א אידישע, א סאָציאליסטישע און א פריי־דענקערישע.

די ארבייטער רינג שולען זיינען געוואָרען ניט נאָר וויכטיגע ערציהונגס־אינסטיטוציעס פאר די קינדער, נאָר אויך קולטור צענטערס פאר די עלטערען פון די קינדער און פאר טויזענדער מיטגלידער פון ארבייטער רינג און זייערע פריינד. אין די ארבייטער רינג שולען ווערען אין משך פון יעדען ווינטער אָפּגעהאלטען הונדערטער און הונדערטער לעקציעס און דיסקוסיעס, וואָס ווערען באזוכט פון טויזענדער און טויזענדער מענשען.

די ארבייטער רינג שולען האָבען געשאפען א גינסטיגען צוזאמענבונד צווישען די עלטערען און די קינדער און האָבען אויך געבראכט נעהענטער די אידישע פאָלקס־אינטעליגענץ מיט די אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאסען.

---

# דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אין 1933–1934

### פארבאנד קאָנווענשאָן

די שיקאגאָ קאָנווענשאָן פון אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד איז אָפּגע־האַלטען געוואָרען אין סעפּטעמבער, 1933. ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד, אַז די קאָנווענשאָן זאָל זיין אין איינע פון די וויטסטע שטעדט פון דער וועסט, איז דאָך די קאָנווענשאָן אין איהר פארטרעטערשאפט געווען זעהר גוט באזוכט. מיט דער אויסנאַהם פון לאָס אנדזשעלעס זיינען ביי דער קאָנ־ווענשאָן געווען פארטראָטען אלע בראַנטשעס פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד. די קאָנווענשאָן איז פאָרגעקומען אין א צייט ווען די סאָציאַליסטישע באוועגונג אין אייראָפּא האָט געהאַט פילע נידערלאַגעס. דער אויפקום פון פאשיזם און איבערהויפּט די הערשאַפט פון היטלער'ן איבער דייטשלאַנד האָט ארויסגע־רופען גרויסע מיינונגס פארשידענהייטען אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג פון דער גאנצער וועלט וועגען דער טאַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג, און עס האָט זיך אויך געמוזט אָפּשפּיגלען אויף די שטימונגען פון די דעלעגאַטען ביי אונזער קאָנווענשאָן אין שיקאגאָ.

די קאָנווענשאָן איז געווען צוטהיילט אין אָפּשאַצונגען פון פארשידענע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען פארהאַנדעלט געוואָרען. די מיליטאַנטישע ריכטונג, וועלכע האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו ענטוויקלען זיך אין דער סאָציאַליסטישער פארטיי אין אמעריקא, האָט אויך געווירקט אויף מאַנכע דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן. אָבוואָל די צאָהל מיליטאַנטישע דעלעגאַטען איז געווען זעהר קליין, דאָך האָט די שיקאגאָ קאָנווענשאָן דירעקט און אונדירעקט מיט די נייע ריכטונגען זיך געדאַרפט באשעפטיגען.

### די פּרינציפּען ערקלעהרונג

נאָך דער שיקאגאָ קאָנווענשאָן האָט זיך גלייך גענומען פאָרמירען א מילי־טאַנטישע ריכטונג אין די רייהען פונם אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד. ביז היינט צו טאָג האָט די מיליטאַנטישע גרופּע פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד קיין באדייטענדען פּאָטשריט ניט געמאַכט. דיזע שורות ווערען געשריבען ווען עס געהט אָן די אָפּשטימונג פון די בראַנטשעס פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי און אויך ביי די בראַנטשעס פון אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד וועגען דער פּרינציפּען ערקלעהרונג, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען ביי דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן.

אָבוואָל די אָפּשטימונג קען נאָך ניט געצעהלט ווערען, זיינען אלע די, וועלכע עס קענען די פארהעלטענישען אין די בראַנטשעס פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד איבער'ן גאנצען לאַנד, איבערצייגט, אַז דער מאַקסימום שטימען וואָס עס וועלען אָפּגעגעבען ווערען אין די בראַנטשעס פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען פארבאנד פאר דער פּרינציפּען ערקלעהרונג וועט זיין א 15 פּראָצענט פון דער גאנצער מיטגלידערשאַפט.

### מיטגלידערשאַפט פון פאַרבאַנד

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד פאַרמאָגט איבער'ן גאַנצען לאַנד 43 ברענטשעס. פון זיי געפינען זיך 14 ברענטשעס אין ניו יאָרק. די מיטגלי־דערשאַפט איז ארום 3,000. פון זיי זיינען געווען אין דעם יאָהר 1934 גוט־שטעהענד פון 16 ביז 17 הונדערט. די מיטגלידערשאַפט אינ'ם אידישען סאָציאַ־ליסטישען פאַרבאַנד, ספּעציעל אין די גרויסע שטעדט ווי ניו יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, דעטראָיט, קליוולאַנד, לאָס אַנדזשעלעס, באַשטעהט פון אַן ארבייטער עלעמענט. זיי זיינען אַקטיוו אין די יוניאָנס, ביי די טריידס וואו זיי ארבייטען, און ספּעציעל זיינען זיי אַקטיוו אין דעם ארבייטער רינג. אין די אויבען דער־מאָנטע אָרגאַניזאַציעס און ספּעציעל אין דעם ארבייטער רינג איבען זיי אויס דורך זייער אַקטיוויטעט א גרויסען סאָציאַליסטישען איינפלוס.

### טהעטיגקייטען פון פאַרבאַנד

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו צו גרינדען דעם פאָלקס געציינג קאַמפּיין. שפּעטער האָט זיך דער פאָלקס געציינג קאַמפּיין פאַראייניגט מיט'ן „אָרט". די ברענטשעס פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד האָבען אין פאַרלויף פונ'ם פאַרגאַנ־גענעם יאָהר זיך אַקטיוו באַטהייליגט אין די אַלע קאַמפּעינס, וועלכע דער „אָרט" האָט דאָ געפיהרט איבער'ן לאַנד. זיי האָבען געהאָלפען דר. אייסעראָוויטש'ן אין זיין טור איבערן לאַנד פאַר'ן „אָרט". זיי האָבען מעגליך געמאַכט די ערפאָלג־רייכע אַקציע פון „אָרט" אין ניו ענגלאַנד, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען און עס שטעהט נאָך איצט גענאָסע אייזענבערג.

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד איז געווען איינע פון די ערשטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדען דעם אידישען ארבייטער קאָמיטעט פאַר אידישע אַנגעלעגענהייטען, און ווען דער קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרען זיינען ברענטשעס פונ'ם אידישען סאָציאַליס־טישען פאַרבאַנד געווען דער כוח, וואָס האָט איהם זיך געהאָלפען פאָרמירען און ענטוויקלען.

עס איז אמת, אז די ברענטשעס פונ'ם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד האָבען די צוויי אויבען־דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס ניט געקאָנט העלפען ממשות'דיג פינאַנציעל. אָבער דערפאַר זיינען זיי געווען די אָנפירענדיגע גייסטער, סיי אין די ברענטשעס פונ'ם ארבייטער רינג, סיי אין די אידישע יוניאָנס.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד האָט דעם יאָהר 1934 דורכגעפיהרט א ערפאָלגרייכען טור איבער'ן לאַנד מיט גענאָסע ש. מענדעלסאָן, דער פאַרטרעטער פון צענטראַלען קאָמיטעט פון פוילישען „בונד". גענאָסע מענדעלסאָן האָט באַזוכט עטליכע און 60 שטעדט איבער'ן גאַנצען לאַנד, האָט אָפּגעהאַלטען איבער 100 פאַרזאַמלונגען און לעקציעס איבער פאַרשידענ־אַרטיגע געגענשטאַנדען. עס זיינען אין פאַרלויף פון דער צייט געמאַכט געוואָרען זאַמלונגען פאַר'ן „בונד", ספּעציעל פאַר זייער איינציגער טעגליכער ציימונג „די פאָלקסציימונג", און עס איז ביז איצט געשאַפען געוואָרען די סומע פון $23,000. די זאַמלונגען זיינען געמאַכט געוואָרען אויסשליסליך צווישען אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, און צווישען מענשען וועלכע זיינען נאָהענט סיי צו דעם אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד און סיי צו דעם „בונד" אין פוילען.

אין די יאָהרען 1933-34 האָט אויך געמאַכט א לענגערען טור פאַר'ן אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד פּראָפעסאָר א. גאַלאַצקי. זיינע טעמעס זיינען געווען

פּאָליטישע. די פאַרזאַמלונגען זיינען איבעראל געווען ערפאָלגרייכע. קלענערע באַזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען פון פאַרטרעטער און לעקטאָרס פונ'ם אידישען סאָציאליסטישען פאַרבאַנד, ארום ניו יאָרק.

דער אידישער סאָציאליסטישער פאַרבאַנד האָט ארויסגעגעבען דעם בוך „קולטור און קאַמף" פון דעם פאַרשטאָרבענעם א. ליטוואַק. דער בוך איז ארויס־געגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פון חיים זשיטלאָווסקי, ש. ניגער, הלל ראָגאָף, פ. געליבטער און חיים קאַנטאָראָוויטש. ער איז פאַרשפּרייט געוואָרען אין 1500 עקזעמפּלארען. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט אויך ארויסגעגעבען א בראָשורע פון 72 זייטען, געשריבען פון אָטאָ באַוער, „דער אויפשטאַנד פון די סאָציאַליסטען אין עסטרייך". די בראָשורע איז פאַרקויפט געוואָרען אין 5000 עקזעמפּלארען.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון אידישען סאָציאליסטישען פאַרבאַנד גיט ארויס אן אייגענעם צוויי־וועכענטליכען אָרגאַן „דער וועקער". ביז דעם מאָנאַט יולי, איז דער „וועקער" רעדאַגירט געוואָרען פון א רעדאַקציאָנס קאָלעגיום מיט א שטענדיגען רעדאַקטאָר, גענאָסע חיים קאַנטאָראָוויטש. צוליב דער דעמאָקראַטישער דעקלאַראַציע האָט דער רעדאַקציאָנס קאָלעגיום אין דער מערהייט רעזיגנירט, צוזאַ־מען מיט'ן רעדאַקטאָר. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט ביי א געוויסען מיטינג אָנגענומען א באַשלוס, אז דער „וועקער" דאַרף עדיטאָריעל שרייבען געגען דער דעקלאַראַציע, און אַזוי ווי די מערהייט פון דעם רעדאַקציאָנס קאָלעגיום זיינען געווען מיליטאַנטען, וועלכע האָבען פאַרטהיידיגט די דעמאָקראַטישער דעקלאַראַציע, האָבען זיי צוליב דעם רעזיגנירט. די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט דאַן ערוועהלט צייטווייליק די גענאָסען ב. געבינער און ג. כאַנין דעם „וועקער" צו רעדאַגירען.

א גאַנצע רייהע ברענטשעס פונ'ם אידישען סאָציאליסטישען פאַרבאַנד אין ניו יאָרק און איבער'ן גאַנצען לאַנד פירען אָן זייערע וועכענטליכע אָפען פאָרומס. די אָפען פאָרומס ווערען זעהר גוט באַזוכט. אין ניו יאָרק און אומגעגענד ווערען צו די אָפען פאָרומס צוגעשיקט רעדנער פונ'ם אידישען סאָציאליסטישען פאַרבאַנד. איבער'ן לאַנד פיהרען זיי די אָפען פאָרומס מיט זייערע אייגענע לאָקאַלע רעדנער. ביי די אָפען פאָרומס ווערט פאַרשפּרייט סאָציאליסטישע ליטעראַטור און לויט די באַריכטען האָבען די אָפען פאָרומס פון אידישען סאָציאליסטישען פאַרבאַנד דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער באַזוכט ארום 10,000 מענשען. אין מאַנכע פּלעצער ווערען די אָפען פאָרומס דורכגעפיהרט געמיינשאַפטליך מיט די דיסטריקט קאָמיטעטען, אָדער מיט די ברענטשעס פון ארבייטער רינג.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פונ'ם אידישען סאָציאליסטישען פאַרבאַנד פאַר־מאָגט איהר אייגענעם קעמפּ, וועלכער געפינט זיך 52 מייל פון ניו יאָרק און הייסט „קעמפּ גן־עדן". דער קעמפּ האָט צוויי אָפּטהיילונגען: איינע פאַר ערוואַקסענע און איינע פאַר קינדער. דעם יאָהר זיינען אונזער קעמפּ דורכגעגאַנגען איבער 500 קינדער. מיר האָבען געהאַט דעם יאָהר די גרעסטע צאָהל קינדער וואָס אונזער קעמפּ האָט געהאַט פאַר די לעצטע פיר יאָהר. אויך דער קעמפּ פון דערוואַקסענע איז דעם יאָהר געווען דער ערפאָלגרייכסטער וואָס מיר האָבען געהאַט פאַר די לעצטע ניין יאָהר.

אין קעמפּ סיי אין דער אָפּטהיילונג פאַר ערוואַקסענע, סיי אין דער אָפּטהיילונג פאַר קינדער, ווערען דורכגעפיהרט יעדע וואָך סאָציאליסטישע און קולטורעלע פּראָגראַמען. און דער קעמפּ איז געוואָרען אין די רייהען פון דעם אידישען סאָציאליסטישען פאַרבאַנד אין די זומער מאָנאַטען א וויכטיגע סאָציאליסטיש־קולטורעלע אינסטיטוציע. דער דאַון טאַונער ברענטש פון אידישען סאָציאליס־טישען פאַרבאַנד צוזאַמען מיט דער ליידיעס אָקזילערי פון קעמפּ „גן־עדן" האָבען

מיט דער הילף פון דער אמאַלגאַמייטעד און קלאָוקמייקערס יוניאָן, ווי אויך די געווערקשאַפטען לאָקאַלען, געהאָלפען אויפבויען א גרויסען און שעהנעם מאיר לאָנדאָן פּאַוויליאָן פאַר קינדער. דער פּאַוויליאָן איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אַלס א שעהנער מאָנומענט פאַר אונזער פאַרשטאָרבענעם פיהרער און ארבייטער טהוער מאיר לאָנדאָן.

אין די פּאָליטישע קאַמפּעינס, וועלכע די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אמעריקע פיהרט דורך יעדען יאָהר, באַטהייליגט זיך שטאַרק דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד און זיינע ברענטשעס איבער'ן לאַנד. עס ווערען ארויסגעגעבען סאָציאַליסטישע פּאַמפלעטען און פּלאַטפאָרמען. עס ווערען דורכגעפיהרט א גאַנצע רייהע אידישע סאָציאַליסטישע קאַמפּעין פאַרזאַמלונגען. די גענאָסען פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַרבאַנד קענוועסען אין צייט פון קאַמפּעין פאַר די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטען פון זייער דיסטריקט. אין ניו יאָרק ווערען אַלע מאָל ערב א קאַמפּעין גערופען קאָנפערענצען פון ברענטשעס פון ארבייטער רינג, וועלכע ווערען ערמוטיגט אין העלפען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין איהרע פּאָליטישע קאַמפּעינס. דורך דער איניציאַטיווע פון די קאָנפערענצען ווערען געשאַפען סומען געלד, ווי אויך ווערט אנגעפיהרט א גרויסע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אגיטאַציע צווישען די ברענטשעס פון ארבייטער רינג דורך דעם ספּעציעלען ארבייטער רינג קאַמפּעין קאָמיטעט.

## פּרינציפּען־ערקלערונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי

### (אָנגענומען אויף דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן)

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז די פּאַרטיי פון די ארבייטער אָהן אויסנאַמע פון ראַסע, קאָליר אָדער רעליגיע. די ארבייטער אין די מילס, מיינס, פאַרמס, אָפּיסעס און שולען קענען דורך ארויסווייזען זייער פאַראייניגטע מאַכט און דורך דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי עטאַבלירען א קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט וועלכע זאָל זיין אויף אייביג פריי פון מענשליכער עקספּלואַטאַציע און קלאַסען־הערשאַפט.

ליידען דאָס די ארבייטער אָפּ און שווימען מיט דעם שטראָם, דאַן פאַרלייכטערען זיי דעם פּעריאָד פון קנעכטשאַפט און דעם צופאַלענעם קאַפּיטאַליזם. די אונפּראָדוקטיווע, פאַרשווענדערישע און ברוטאַל אונטערדריקענדע סאָציאַלע סיסטעם נעמט פון די ארבייטער אוועק די מעגליכקייט צו ארבייט, אָהן שום פאַרזיכערונג דאָס אין דער צוקונפט זאָלען זיי ווידער קריגען באַשעפטיגונג. די פינאַנץ־מאַגנאַטען קאָנטראָלירען די מאַרקעטס און פּרייזען פון סחורה און רעגולירען אויטאָקראַטיש די אויסשפּרייטונג אָדער דאָס צוריקציהען פון קרעדיטען פאַר זייער אייגענעם נוצען. די וועלכע נוצען ווילקירליך אויס דעם פּראָפּיט־מאָטיוו פאַר אייגענע אינטערעסען, דריקען ארונטער דעם לעבענס־סטאַנדאַרד פון די ארבייטער. נאָר די אגרעסיוו אָרגאַניזירטע און ענערגיש קעמפּענדע ארבייטער קענען באַשיצען זייער רעכט. דאַן, אפילו אין דעם פאַל, באַקומען ניט די ארבייטער גענוג פון די רייכטהימער וועלכע קענען געשאַפען ווערען א דאַנק דעם מאָדערנעם פּראָדוקטיווען פּראָצעס פון טעכנישער ענטוויקלונג.

דער קאַפּיטאַליזם רייסט זיך אריין צווישען די רואיגע פאַרם־דיסטריקטען און ברייננגט דאָרט אריין כאָאָס, אונזיכערהייט און אין פילע פעלער פּשוט'ע דחקות. איבער דעם גאַנצען לאַנד אטאַקירט דער קאַפּיטאַליזם די היים און וואַרפט אריין צאָללאָזע קינדער אין נויטה.

די פּריווילעגירטע מינאָריטעט, וועלכע בענעפיטירט פון דער עקספּלואַטאַציע פון די מאַסען, באַנוגענען זיך ניט מיט זיין באַלעבאַטים פון דעם מעכאַניזם פון פּראָדוקציע און צוטיילונג וועלכע גיט זיי די עקאָנאָמישע מאַכט. זיי קאָנטראָלירען אויך די פּרעסע, ראַדיאָ און קינאָ, זיי טויטען און פאַר'סמ'ען די ערציהונגס־סיסטעם; זיי דאָמינירען די קאָורטס, מוניציפּאַליטים, סטעיט אסעמבלים און די נאַציאָנאַלע רעגירונג. אום אויסצושפּרייטען זייער עקאָנאָמישע הערשאַפט, שטעלען זיי אין געפאַר אריינצושלעפּען דאָס לאַנד אין נייע אימפּעריאַליסטישע מלחמות און דורך געוואַלד צווינגען די יוגענד פון אונזער ווי אויך אנדערע לענדער צו געהן אויף די מלחמה־פראָנטען. אום אנצוהאַלטען

זייער אויטאריטעט און פארנארען די מאסען, האלטען זיי אן גרויסע פאליטישע פארטייען. זייער אפיל צו די וועהלער ווארפט זיך צווישען אפענער רעאקציע און פאלשען ליבעראליזם. קיין איינע פון די צוויי עקסטרימען גיט ניט די ארבייטער קיין זיכערע און דויערענדע פראגראם צו באשיצען זייערע רעכט.

נאר די וועלכע ארבייטען מיט די הענד און מארך קענען מיט פאראייניגטע כוחות אומווארפען די שרעקליכע סיסטעם און זי פארבייטען מיט א סאציאליסטישער ארדנונג. ווען זיי וועלען דאס דורכפיהרען, קענען זיי טראנספערירען צום פאלק די אינדוסטריע, לאנד, פינאנץ־אינסטיטוציעס און די נאטירליכע רייכטהימער איינגעשלאסען די וואסער־קראפט און אפערירען דאס סאציאליסטישע אייגענטהום אום מאטעריעל און קולטורעל צו בארייכערען דאס פאלק. די טראנספערירונג פון די רייכטהימער הויבט זיך אן מיט דער גרויס־אינדוסטריע, ווי באנקען און פארזיכערונגס אינסטיטוציעס, מיינס, טראנספארטאציע און פארבינדונג, טראסטיפיצירטע אינדוסטריען, און דער פראצעס שפרייט זיך שנעל אויס אזוי אז רענט, פראצענט און פראפיט ווערט אפגעשאפט.

די סאציאליזירונג פון דער אינדוסטריע, ווי די סאציאליסטען פארשטעהן דאס, מיינט מעהר אלס רעגירונגס־אייגענטהום. עס מיינט דער געגענזאץ פון אונפעראנטווארטליכער ביוראקראטיע. עס שליסט איין דעמאקראטישע פארוואלטונג דורך ערוועהלטע און פאראנטווארטליכע פארשטעהער פון די ארבייטער אין דער געגעבענער אינדוסטריע און די ארבייטער אלס גאנצע.

די סאציאליסטישע פארטיי שלאגט פאר צו עטאבלירען א סיסטעם פון קאאפעראטיווע ווערהייזער, מארקעטס און קרעדיט, וועלכע זאלען זיין דאס אייגענטהום און פארוואלטעט ווערען פון פאלק; דורכפיהרען דירעקטען האנדעל צווישען פארמער און שטאט־געברויכער אויף דעם באזיס פון קאסט פון פארוואלטונג, אזוי ארום פארקלענערענדיג די קאסט פון לעבענסמיטעל און פארזיכערענדיג דעם פארמער א גערעכטע באלוינונג פאר זיין ארבייט און ראטעווען איהם פון דער צווייענדיגער קללה פון א טענענט און פארמארטגעדזשטער שקלאף.

ארבייטער פון שטאט און דארף דארפען זיין גוט ארגאניזירט, עקאנאמיש אזוי גוט ווי פאליטיש. דער כסדר'דיגער קאמף פון די ארבייטער יוניאנס און פון די פארמער ארגאניזאציעס, אין די קאנסטרוקטיווע טהעטיגקייט פון די ארבייטער קאאפעראטיווען, זיינען נויטיג, ניט בלויז פאר דער באלדיגער פארטהיידיגונג און פאר דער פארבעסערונג פון דער לאגע פון די פראדוצירענדע קלאסען, נאר אויך כדי צו ענטוויקלען ביי די פראדוצירער די נויטיגע פארשטענדניש און זעלבסט־דיסציפלין כדי זיי זאלען קענען אנפיהרען די אינדוסטריען איבער וועלכע זיי ווילען געווינען דעם קאנטראל.

ס איז די פליכט פון יעדען ארבייטער סאציאליסט צו זיין א לאיאלער און אקטיווער מיטגליד אין דער יוניאן פון זיין פאך און שטרעבען צו פארשטארקען און פאראייניגען די טרייד יוניאן באוועגונג. עס איז די פליכט און די פריווילעגיע פון דער סאציאליסטישער פרעסע צו העלפען די טרייד יוניאנס אין זייער קאמף פאר העכערע שכירות, קירצערע ארבייטס־שטונדען און בעסערע ארבייטס־באדינגונגען.

די סאציאליסטישע פארטיי אנערקענט, אז הגם זי קעמפט פאר די אינטערעסען פון די אמעריקאנער מאסען, איז אבער דער גורל פון איין פאלק ענג פארבונדען מיט'ן גורל פון אלע אנדערע פעלקער. געגען דעם צוטיילענדען נאציאנאליזם שטעלט זי ארויס די אינטערנאציאנאלע אייניגקייט פון דעם ארבייטער־קלאס. זי זאגט צו פולע שטיצע צו די סאציאליסטישע פארטייען פון אנדערע לענדער אין זייערע קאמפען, פאראייניגענדיג זיך מיט זיי פאר דעם געמיינשאפטליכען ציל אויפצובויען אן אלוועלטליכע פעדעראציע פון סאציאליסטישע רעפובליקען.

די סאציאליסטישע פארטיי קעמפט געגען מיליטאריזם, אימפעריאליזם און מלחמה. זי וויל אפשאפען די כסדר'דיגע עקאנאמישע קאנקורענץ פון קאפיטאליזם, וואס פיהרט צו אינטערנאציאנאלע קאנפליקטען. מלחמה אדער צוגרייטונג צו מלחמה קען פון סאציאליסטען ניט טאלערירט ווערען. סאציאליסטען וועלען פאראייניגטערהייט זוכען צו ענטוויקלען פארטרויענסווערטהע ארבייטער־אינסטרומענטען, וואס זאלען מעגליך מאכען דעם פרידליכען אויסגלייך פון אינטערנאציאנאלע קאנפליקטען, זיי וועלען זוכען אפצושאפען מיליטערישע ערציהונג אין די שולען, קאלעדזשעס און קעמפס. זיי וועלען זיין געגען מיליטערישע פאראדען, מאנעווערס און געגען אויסגאבען וואס געהן דירעקט פאר פארבערייטונגען צו מלחמה אדער פאר מיליטעריסטישער פראפאגאנדע, סיי אין מלחמה צייט, כי אין צייטען פון פרידען. זיי וועלען לאיאל שטיצען, אין דעם טראגישען פאל פון א מלחמה, יענע פון זייערע גענאסען וואס וועלען צוליב אנטי־מלחמה טהעטיגקייט אדער צוליב אפזא־

גען זיך פון דינען אין דער מלחמה קומען אין קאנפליקט מיט דער עפענטליכער מיינונג אדער מיט'ן געזעץ. נאך מעהר, פארשטייענדיג די שרעקליכקייט פון מאדערנע מלחמות און די מלחמה־שוועריגקייטען וואס פאלען איבערהויפט אויפ'ן ארבייטער־קלאס, וועלען זיי זיך אלס קאלעקטיוו אפזאגען צו סאנקציאנירען אדער שטיצען א וועלכע עס איז אינטערנאציאנאלע מלחמה. זיי וועלען אנשטאט דעם דורך אגיטאציע און אפאזיציע טהאן אלץ וואס זיי קענען, אז זיי זאלען ניט געבראכען ווערען דורכ'ן קריג, נאר אז זיי זאלען דעם קריג ברעכען. זיי וועלען באגעגנען מלחמה און אלע פארבארייטונגען פאר מלחמה, וואס ווערען שוין איצט געמאכט פון די מלחמה־פיהרענדיגע רעגירונגען דורך מאסען־ווידערשטאנדען געגען מלחמה, ארגאניזירט אויף ווי ווייט מעגליך אין דער פארמע פון א גענעראל סטרייק פון ארבייטער יוניאנס און פראפעסיאנעלע גרופען, כדי מיט פאראייניגטער אנשטרענגונג צו מאכען מלחמה פראקטיש אונמעגליך און צו פארוואנדלען דעם קאפיטאליסטישען מלחמה־קריזיס אין א סאציאליסטישען נצחון.

אין איהר קאמף פאר א נייער געזעלשאפט זוכט די ס. פ. צו דערגרייכען איהר ציל אויף א רוהיגען און פרידליכען אופן. זעהענדיג אבער ווי דער צוזאמענברעכענדיגער קאפיטאליזם קומט אלץ מעהר אז צום פאשיזם פאר דער אויפהאלטונג פון זיין גאנצקייט און זיין הערשאפט, וועט די ס. פ. זיך ניט לאזען אפנארען דורך דער פאשיסטישער פראפאגאנדע און זיך ניט לאזען באזיגען דורך די פאשיסטישע כחות. זי וועט טהאן אלץ אין איהרע כחות צו באקעמפען פאשיזם פון יעדען מין אומעטום אין דער וועלט און כסדר אז אן אויפהער ביז דער פאשיזם וועט זיין טויט. זי וועט זיך שטיצען אויף דער ארגאניזירטער און דיסציפלינירטער ארבייטער־באוועגונג. איהרע קאמפס־מעטאדען קענען איינשליסען א גענעראל סטרייק, וואס וועט ניט בלויז דינען אלס פארטהיידיגונגס־מיטלען געגען דער פאשיסטישער קאנטר־רעוואלוציע, נאר וואס וועט אויך איבערטראגען דעם רעוואלוציאנערען קאמף אין דעם לאגער פון דעם שונא.

די ס. פ. ערקלערט פון דאס ניי איהר גלויבען אין עקאנאמישער און פאליטישער דעמאקראטיע, אבער זי וועט ענטשלאסען זיך אפגעבען מיט דער אויפגאבע צו איינפיהרען אויפ'ן ארט פון דער איצטיגער פאלשער דעמאקראטיע (באנוס דעמאקראסי) פון קאפיטאליסטישען פארלאמענטאריזם, אן אמת'ע ארבייטער דעמאקראטיע. דער קאפיטאליזם איז פאר'משפט צום אונטערגאנג. אויב ער קען אפגעשאפט ווערען דורך אן אפשטימונג פון דער מערהייט וועלן מיר זיין מער ווי צופרידען. אויב אבער דער קריזים זאל קומען דורך דעם וואס מיר וועלען בארויבט ווערען פון אונזערע רעכט אלס מערהייט, נאכדעם ווי די וועהלער האבען אונז געגעבען א מאנדאט, וועלען מיר זיך ניט אפשטעלען פון פארניכטען דורך אונזער ארבייטער־סאלידאריטעט די הפקר'דיגע כחות פון דער רעאקציע און קאנסאלידירען דעם סאציאליסטישען שטאאט. אויב די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט זאל צוזאמענברעכען און עס זאל אנקומען אן אלגעמיינער כאאס און קאנפוזיע, וואו א רוהיגע איינדרוקספולע פראצעדורע איז ניט מעגליך, וועט זיך די ס. פ. ניט אפזאגען פון דער פעראנטווארטליכקייט צו ארגאניזירען און אויפהאלטען א סאציאליסטישע רעגירונג אונטער דער הערשאפט פון דער ארבייטערשאפט, אהן אונטערשיעד צי זי האט דערפאר א מערהייט אדער ניט. אמת'ע דעמאקראטיע איז א ווירדיגער מיטעל פאר פראגרעס, אבער אמת'ע דעמאקראטיע מוז באשאפען ווערען פון דעם ארבייטער קלאס פון דער וועלט.

# דער אידישער ארבייטער קאָמיטעט

דער געדאנק צו גרינדען א אידישען ארבייטער קאָמיטעט, וועלכער זאל פארטרעטען די אידישע ארבייטער־באוועגונג אויף אן ארגאניזירטען און קאנסאלידירטען שטייגער אין אלע פראגען, וואס האבען צו טאן מיט אידישע ווי מיט אלגעמיינע ארבייטער אנגעלעגענהייטען, איז שוין ארויסגעזאגט געווארען מיט איינינגע יאהרען צוריק.

עס זעהט אבער אויס, אז אין יענער צייט האט דער וויכטיגער געדאנק צוליב די אדער יענע אורזאכען ניט געקענט פארווירקליכט ווערען. עס איז וואהרשיינליך

נויטיג געווען א אויפטרייסלענדע פאַסירונג אין דעם לעבען פון די אידישע פאָלקס־מאסען, כדי דער געדאנק פון א פאראייניגטער אידישער ארבעטער קערפערשאפט זאָל רעאַליזירט ווערען.

די כוואליע פון פאשיזם און ברוטאלען היטלעריזם, וועלכע האָט זיך צוטראָגען איבער פארשידענע לענדער, וואו עס וואוינען און ווירקען אידישע מאסען, האָט ווירקליך אויפגעטרייסעלט דאָס אידישע לעבען און האָט געבראכט צו דעם, אז די אידישע ארבייטער אין אמעריקע זאָלען זיך באמת נעמען צו דער אָרגאַניזירונג פון א קערפערשאפט, וועלכע זאָל פארטרעטען פון דעם שטאנדפונקט פון אידישע אר־בייטער זייערע אידישע אינטערעסען. דער היטלעריסטישער אויסברוך אין דייטש־לאַנד און זיין שטארקע ווירקונג אין פיל אנדערע לענדער האָט געמאכט די אידישע ארבייטער מאסען אריינצוטראכטען זיך וועגען די מיטלען, ווי אזוי ניט נאָר צו קעמפפען געגען די פינסטערע פאשיסטישע כחות, וועלכע פארשפרייטען דעם אנטי־סעמיטיזם, נאָר אויך ווי אזוי צו העלפען די אידישע פאָלקס און ארבייטער מאסען אין אלע לענדער און אויך אין די פאראייניגטע שטאאטען איבערצובויען זייער עקאָנאָמישען און סאָציאלען לעבען.

אָט מיט די שטרעבונגען, איז אין ענד פון יאָהר 1933 געגרינדעט געוואָרען א פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט. אין דעם קאָמיטעט זיינען געווען פארטראָטען דער אידישער סאָציאליסטישער פארבאנד, די פאָרווערטס אסאָסיאיישאן, דער ארבייטער רינג, די אינטערנעישאָנאל ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן, די אמאלגאמייטעד, די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, דער נאַציאָנאַלער ארבייטער פארבאנד און פועלי ציון.

דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט אויסגעארבייט פּלענער וועגען דער גרינ־דונג פון א אידישען ארבייטער קאָמיטעט, וועלכער זאָל פארטרעטען די אידישע ארבייטער־מאסען און מיט דער הילף פון אידישע ארבייטער אָרגאַניזאציעס אָנ־צופאנגען א אקציע צו רעאגירען אויף דער איצטיגער שווערער לאגע.

אויפ'ן רוף פון דעם קאָמיטעט איז אָפּגעהאלטען געוואָרען א קאָנפערענץ אין פעברואר, 1934, אין סענטראל פּלאַזא, ניו יאָרק. העכער 1000 דעלעגאטען האָבען פארטראָטען די יוניאָנס, דעם ארבייטער רינג, דעם אידישען סאָציאליסטישען פאר־באנד, די פועלי ציון און אנדערע ארבייטער אָרגאניזאציעס.

די וויכטיגסטע פראגע, וועלכע איז געשטאנען אויף דער טאָג־אָרדנונג פון יענער קאָנפערענץ איז געווען ווי אזוי צו אָרגאַניזירען די אידישע ארבייטערשאפט אין קאמף געגען פאשיזם, אנטיסעמיטיזם אין די פארשידענע לענדער, ווי אויך ווי אזוי ווירקזאם אָנצופיהרען דעם באָיקאָט געגען דייטשלאַנד.

ביי דער קאָנפערענץ זיינען אויך געפירט געוואָרען דעבאטען וועגען די ברייט־טערע אויפגאבען, מיט וועלכע דער אידישער ארבייטער קאָמיטעט, וועלכער איז ביי דער קאָנפערענץ ערוועהלט געוואָרען, זאָל זיך אָפּגעבען. עס איז ארומגערעדט געוואָרען די פראגע וועגען אלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס, וועגען פארבינדונגען מיט דעם אידישען קאָנגרעס אין אמעריקע. די קאָנפערענץ האָט אונטער דעם פּאָרזיץ פון פריינד ב. וולאדעק באשלאָסען צו ערוועהלען אן עקזעקוטיווע, וועלכע זאָל צונויפשטעלען דעם אידישען ארבייטער קאָמיטעט. אין דער עקזעקוטיווע זיי־נען אריין פארטרעטער פון ארבייטער רינג, פון „פאָרווערטס" אסאָסיאיישאן, אידי־שער סאָציאליטישער פאָרבאנד, אינטערנעשאָנאל, אמאלגאמייטעד, פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, און אנדערע צענטראלע ארבייטער קערפערשאפטען, און די עקזעקוטיוו זאָל אויסארבייטען א פאסיגע פּראָגראם פון טהעטיגקייט אין איינ־קלאנג מיט דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

די קאָנפערענץ האָט אויך ערוועהלט די בעאַמטע פון דעם קאָמיטעט: ב. וולאַדעק, פאָרזיצער; י. באסקין, סעקרעטער; ד. דובינסקי, טרעזשורער, און וויצע־פאָרזיצער: י. וויינבערג, פון ארבייטער רינג, מ. זאַריצקי, פון קעפּמייקערס יוניאָן, מ. פיינסטאָון, פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, אַלעקס קאַהן, פון „פאָרווערטס" אַסאָסיאיישאָן, ס. ריפקין, פון אידישען סאָציאַליסטישען פאַר־באַנד און י. שלאָסבערג פון אמאַלגאַמייטעד.

די קאָנפערענץ האָט אויך אנגעצייכענט פאר דעם אידישען ארבייטער קאָמיטעט די פאָלגענדע צילען פון באַלדיגער טעטיגקייט:

1) העלפען די אידישע ארבייטער אויסצוארבייטען אַן איינהייטליכע און פעסטע פּראָגראַם און פּאָליסי אין אַלע וויכטיגע פראגען פון אידישען לעבען, וואָס זיינען באזונדערס ברענענדיג געוואָרען אין דער לעצטער צייט.

2) צו העלפען דורכפירען אין לעבען די רעזאָלוציעס פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר בנוגע סיי דער אידישער און סיי דער ארבייטער לאַגע אין דייטשלאַנד.

3) צו באקעמפען די אידישע און אמעריקאנער געזעלשאַפטליכע מיינונג מיט דעם פאַקט, אַז ניט נאָר אידען, נאָר אויך אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע און ליבע־ראַלע גרופּען ווערען ברוטאַל באַקעמפט פון פאַשיזם פונקט אַזוי ווי די אידען, און אַז פאָלגליך דאַרף זיין זייער אויפגאַבע צו שטיצען אַלע פאַרפאָלגטע גרופּען, וואָס קעמפּפען אויף לעבען און טויט מיט דער רעאַקציע. דער קאָמיטעט דאַרף זיך אויך באַשעפטיגען מיט פאָלגענדע פּראָבלעמען:

א) פּראָבלעם פון עמיגראַציע פון יענע לענדער פון וועלכע אידען זיינען געצוואונגען אויסצואוואַנדערען און דאָס פּראָבלעם פון אימיגראַציע אין יענע לענדער וואָס קענען אויפנעמען אידישע מאַסען.

ב) די רעקאָנסטרוקציע פון אידישען לעבען אויף די יסודות פון ארבייט בכלל און ערד־ארבייט בפרט.

ג) דער קאַמף פאר דעם אידישען רעכטליכען סטאַטוס און דער שטרעבען צו בירגערליכע, פּאָליטישע און קולטורעלע גלייכבארעכטיגונג.

ד) דער אויפבוי פון דער קולטור פון די אידישע פאָלקס־מאסען און אידישער ארבייטערשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישען זין.

ה) די פראַגע פון אַן אַלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס.

ו) די פראַגע פון אַן אַלוועלטליכען אידישען ארבעטער קאָנגרעס. און אנדערע אקטועלע פּראָבלעמען.

דער קאָמיטעט דאַרף זוכען צו העלפען אריינברענגען פּלאַנמעסיגקייט אין אַלע געלט־זאַמלונגען וואָס ווערען דורכגעפירט פאַר אידישע אינטערעסען און צו שטי־צען מיט אַלע כחות אַלע זאַמלונגען פאר דעם איבערבוי פון אידישען לעבען אויף מעהר געזונטע און פּראָדוקטיווע יסודות אומעטום.

די זעלבע קאָנפערענץ האָט איך באשלאָסען, אַז איינצעלנע פּערזאָנען און ארבייטער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע באַלאַנגען צום ארבייטער קאָמיטעט טאָרען נים באַלאַנגען צו אנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, פון דעם זעלבען כאַראַקטער, וועלכע פארנעמען זיך מיט די זעלבע אַלגעמיינע אידישע אנגעלעגנהייטען.

# די צוועקען פונ'ם אידישען ארבייטער קאָמיטעט

די אידישע ארבייטער קאנפערענץ, פאר־זאמעלט אין ניו יארק דעם 23טען פעברואר, 1934, מיט דעם צוועק צו באטראכטען די שטעלונג פון די ארגאניזירטע אידישע ארבייטער צו די גרויסע געפאהרען, צו די דרינגענדע פראבלעמען וואס דראהען איצט דאס אידישע לעבען אין פילע לענדער אין איצטיגען מאמענט, מאכט די פאלגענדע ערקלערונג:

ווי א גרויסער און וויכטיגער טייל פון דעם אידישען פאלק פיהלען מיר באזונדערס פיינלאך דעם אויפקום פון פאשיזם און נאציזם, וואס האבען געמאכט אנטיסעמיטיזם פאר א וואפע צו פארניכטען די דעמאקראטיע פון דער וועלט און צו באהערשען לענדער און פעלקער אין דעם קאמף, וואס געהט אן צווישען דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט און דעם באנקראטירטען און דיסקרעדיטירטען קאפיטאליזם.

מיר לעבען איצט דורך די טראגישסטע טעג אין דער געשיכטע פון אונזער פאלק.

אזוי ווי אונטער דעם אמאליגען צאריזם, אזוי אויך אונטער דער גרויזאמער דיקטאטור אין דער איצטיגער דייטשלאנד, און אונטער די דיקטאטורען און האלבע דיקטאטורען אין אנדערע לענדער, ווערען די אידען אויסגענוצט אלס דער שעיר לעזאזל פאר אלע טעות'ן, דורכפאלען און אכזריות'ן פון די הערשענדע קלאסען.

אין די פאראייניגטע שטאאטען פון אמעריקע, וואו דער אנטיסעמיטיזם איז ניט קיין פאליטישער עניז, אנטוויקעלט זיך דאך האלב אפען, האלב געהיים, אן אגיטאציע פון אידען־האס, וואס זוכט אריבערצוטראגען אויף דעם באדען פון דער אמעריקאנער רעפובליק דעם גיפט פון ראסען־פיינטשאפט, וואס ברויזט און פארפלייצט גאנץ אייראפע. אין א טייל אייראפייאישע לענדער איז דאס אידישע לעבען צוגעשטויסען געווארען צו א ראנד פון תהום. עקאנאמיש פארצווייפעלט, פאליטיש רעכטלאז, סאציאל עלענד און קולטורעל פאר'יתום'ט איז די לאגע פון די אידישע מאסען ערגער ווי ווען עס איז פריער.

עס איז אבער פאר אונז קלאר, אז ניט קוקענדיג אויף די אייביגע היסטארישע פארפאלגונגען פון דעם אידישען פאלק, צווישען פארשיידענערליי פעלקער, און אונטער פארשיידענערליי אומשטענדען, זיינען דאך די באוועגונגען געגען אונז פון היינט־צו־טאג ענג פארבונדען מיט דעם אלגעמיינעם סאציאלען קאמף, וואס וויקעלט איין די וועלט אלץ מעהר און מעהר אין א מלחמה צווישען ארבייט און קאפיטאל, צווישען די כוחות וואס שטרעבען צו פארשקלאפען די ארבייטענדע מענשהייט און די כוחות וואס קעמפען געגען יעדער פארם פון עקספלואטאציע פון די ארבייטער מאסען.

און דערביי איז אונז קלאר, אז אין אלע לענדער פון אייראפע, ווי אויך אין אמעריקע, איז די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט דער מעכטיגסטער שוץ געגען די אנפאלען אויף אונז, צי זיי זיינען פון אן עקאנאמישען כאראקטער אדער פון א פאליטישען אינהאלט.

די פארפאלגונגען אויף אידען שטייגען מיט דעם וואוקס פון אלגעמיינער רעאקציע און פאלען מיט דעם וואוקס פון ארבייטער־באוואוסטזיין און ארבייטער ארגאניזאציאנען.

צוליב אט דער אינווענינסטער פארבינדונג צווישען דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט אין דעם קאמף געגען אלע פארמען פון דיקטאטור, פאשיזם און אנטיסעמיטיזם, איז באזונדערס וויכטיג, אז די אידישע ארבייטער זאלען זיין ארגאניזירט אין א קערפערשאפט ארויסצוטרעטען אונטער אן אייגענער פאן אין אלע פראגען פון דער אידישער ווירקלאכקייט, אין אלע פאלען פון אטאקע און פארטיידיגונג.

עס איז ניט דער אבזיכט פון דער אידישער ארבייטערשאפט צו שטערן אירגענד וועלכער אנדערער קאנסטרוקטיווער אקציע אויף דעם געביט פון אידישען לעבען, אנגעפירט פון אנדערע גרופען. פארקערט עס איז אונזער צוועק צו פארשטארקען און צו דערהויבען יעדען וויכטיגען אלגעמיינעם שריט דורך ענערגישער און פלאנמעסיגער אונטערשטיצונג.

אבער כדי דאס צו דערגרייכען איז נויטיג, אז די אידישע ארבייטערשאפט זאל האנדלען אלס א גאנצע, און זאל האבען הינטער זיך די ארגאניזירטע און דיסציפלינירטע ערמוטיגונג פון די אידישע ארבייטער מאסען.

געבענדיג אונזער שטיצע צו יעדער קאנסטרוקטיווער אידישער אונטערנעמונג און נעמענדיג אנטייל אין יעדען וויכטיגען און נוצלאכען אידישען ארויסטריט, ערקלערען מיר, אין דער זעלבער צייט, אז עס איז אונזער פליכט און אונזער אינטערעס צו באקעמפען אנטיסעמיטיזם אלס א טייל פון דער אלגעמיינער פאליטישער און סאציאלער רעאקציע אין דער וועלט.

די אידישע ארבייטער קאָנפערענץ צייכענט אָן פאר אַן אידישען ארבייטער קאָמיטעט, צוזאמענגעשטעלט פון אלע טיילען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג, די פאָלגענדע צילען פון א באלדיגער טעטיגקייט:

1) כדי אונזער אנטייל זאָל קענען זיין קאָנסטרוקטיוו, און אין אנקלאנג מיט די אינטערעסען פון דעם אידישען ארבייטער קלאס, באשליסט די קאָנפערענץ צו העלפען די אידישע ארבייטער אויסצוארבייטען אן איינהייטלאכע און פעסטע פאליסי אין אלע וויכטיגע פראגען פון אידישען לעבען, וואָס זיינען באַזונדערס ברענענדיג געווארען אין דער לעצטער צייט.

2) צו העלפען דורכפירען אין לעבען די רעזאָלוציע פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר בנוגע דער אידישער און ארבייטער לאַגע אין דייטשלאנד.

3) צו באקעגען די אידישע און אמעריקאנער געזעלשאפטלאכע מיינונג מיט דעם פאקט, אז ארבייטער אָרגאַניזאציאָנען און אלע סאָציאַליסטישע און ליבעראלע מיינונגען און גרופען ווערען באקעמפט פון פאשיזם פונקט אזוי ברוטאל ווי די אידען, און אז פאָלגליך דארף זייער אויפגאבע זיין צו שטיצען ניט נאָר אלע אנדערע גרופען, וואָס באקעמפען אויף לעבען און טויט מיט דער רעאקציע, נאָר אונזערע פאָלקס־ברידער.

א) פראָבלעם פון עמיגראציע פון יענע לענדער פון וועלכע אידען זיינען געצוואונגען אויסצואוואַנדערען און דאָס פראָבלעם פון אימיגראציע אין יענע לענדער וואָס קענען אויפנעמען אידישע מאסען.

ב) די רעקאָנסטרוקציע פון אידישען לעבען אויף די יסודות פון ארבייט בכלל און ערד־ארבייט בפרט.

ג) דער קאמף פאר דעם אידישען רעכטלאכען סטאטוס און דער שטרעבען צו בירגערלאכע, פאָליטישע און קולטורעלע גלייכבארעכטיגונג.

ד) דער אויפבוי פון דער קולטור פון די אידישע פאָלקס־מאסען און אידישער ארבייטערשאפט אין א סאָציאליסטישען זין.

ה) די פראגע פון אן אלוועלטלאכען אידישען קאָנגרעס.

ו) די פראגע פון אן אלוועלטלאכען אידישען ארבייטער קאָנגרעס, און אנדערע אקטועלע פראָבלעמען.

4) צו העלפען אריינברענגען פלאַנמעסיגקייט אין אלע געלט־זאמלונגען וואָס ווערען דורכגעפירט פאר אידישע אינטערעסען און צו שטיצען מיט אלע כוחות אלע זאמלונגען פאר דעם איבערבוי פון אידישען לעבען אומעטום אויף מעהר געזונטע און פראָדוקטיווע יסודות.

## צוזאמענשטעל פון קאָמיטעט

דער אידישער ארבייטער קאָמיטעט זאָל זיין אָרגאַניזירט אויף דעם פאָלגענדען שטייגער:

אן עקזעקוטיוו קאָמיטעט זאָל ערוועהלט ווערען אין וועלכען עס זאָלען זיין פארטראטען צום וויינינגסטען 3 מיטגלידער פון יעדער צענטראלער אָרגאַניזאציע וואָס נעמט אנטייל און איז פארטראָטען אין דער ארבייט. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט זאָל האָבען דאָס רעכט צו פארברייטערן זיין מיטגלידערשאפט צו יעדער צייט ווען א נייע נאַציאָנאלע ארבייטער אדער קולטור קערפערשאפט וועט אויסדריקען איהר פארלאנג אנגעשלאָסען צו ווערען.

דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט זאָל פון זיך אויסקלייבען אן אקציאָנס־קאָמיטעט וואָס זאָל באשטעהן פון איין פארטרעטער פון יעדער צענטראלער קערפערשאפט, און פון פרעזידענט, טשערמאן און עקזעקוטיוו קאָמיטעט, טרעזשורער און סעקרעטאר וואָס וועלען ערוועהלט ווערען פון קאָנפערענץ. דער אקציאָנס קאָמיטעט זאָל קענען צוציען איין פאָרטרעטער פון אירגענד וועלכער ארבייטער אָרגאַניזאציע וואָס וועט שפעטער צושטעהן צו דער ארבייט.

קיין פערזאָן אָדער אָרגאַניזאציאָן וואָס איז פארבונדען מיט דעם אידישען ארבייטער קאָמיטעט קען ניט זיין פארבונדען מיט אירגענד וועלכער אנדער קערפערשאפט וואָס באַצוועקט אן אלגעמיינע אידישע טעטיגקייט און אלגעמיינע ארויסטרעטען מוזען קומען מיט דער צושטימונג און מיט'ן אויטאָריטעט פון דעם ארבייטער קאָמיטעט. נעמענדיג אין אכט אז טיילען, גרופעס און אָרגאַניזאציאָנען פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג זיינען זייט א משך פון יאָהרען פארבונדען מיט אלגעמיינע אידישע אָרגאַניזאציעס פאר אידישע אינטערעסען, אינסטרואירט די קאָנפערענץ דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט צו פארהאנדלען מיט זיי, אז זיי זאָלען זיך צוריקציען פון די אלגעמיינע אָרגאַניזאציעס און זאָלען צושטעהן צום ארבייטער קאָמיטעט.

אום צו דעקען די אויסגאבען פון דער אָרגאַניזאציאָן, פארפליכטעט זיך יעדע לאָקאלע קערפערשאפט בייצושטייערען א מינימום פון 5 דאלאר א יאָהר, און יעדע צענטראלע קערפערשאפט א מינימום פון 100 דאלאר א יאָהר צו דער טרעזשורי פון קאָמיטעט. דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט מוז אָפּגעבען א פינאנציעלען באריכט ניט ווייניגער ווי אלע 6 מאָנאַט.

# די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען

די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט אין דעצעמבער 1933 געפייערט איהר 45טען יובילעאום. דעם 9טען אָקטאָבער 1888 איז די אָרגאַניזאַציע גע-גרינדעט געוואָרען.

די פּראָגראַם פון די געווערקשאַפטען איז באַשטאַנען פון 1) געגענזייטיגע שטיצע פון פארשידענע יוניאָנס, 2) צו גרינדען נייע יוניאָנס אין ניט אָרגאַניזירטע טריידס, 3) צו שטיצען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישען די אידישע אַרבייטער.

אויף דער ערשטער קאָנפערענץ צו גרינדען די אידישע געווערקשאַפטען, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 9טען אָקטאָבער 1888, זיינען פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס געווען פארטראָטען: ברענטש 8 און ברענטש 17 פון דער ס. ל. פּ., די שריפטזעצער יוניאָן, די כאָריסטען יוניאָן, די אַקטיאָרען יוניאָן און דעלעגאַטען פון די דייטשע געווערקשאַפטען.

די דעלעגאַטען פון סאָציאַליסטישע ברענטשעס זיינען געווען מאָריס היל-קאָוויטש (הילקוויט), באַנדעס, ב. ווייַנשטיין און י. מאַגידאָוו; פון די שריפט-זעצער, מ. וועבער; פון די כאָריסטען, י. קרינסקי און לענצנער; פון די אַקטיאָרען, מ. סימאָנאָוו.

דער ערשטער סעקרעטער, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען אויף יענער קאָנפע-רענץ, איז געווען ב. ווייַנשטיין; קאָרעספּאָנדינג סעקרעטער איז געווען מאָריס הילקאָוויטש.

ב. ווייַנשטיין איז געווען פארבונדען מיט די געווערקשאַפטען לאַנגע יאָהר. ער האָט אָנגעהאַלטען דעם אַמט פון סעקרעטאַר 13 יאָהר צייט. מ. הילקאָוויטש איז געוואָרען באַריהמט אַלס מ. הילקוויט איבער דער וועלט אַלס דער טעאָרעטיקער און פּראַקטישער טוהער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

פון די ערשטע יוניאָנס, וואָס האָבען זיך פארבונדען מיט די געווערקשאַפטען, זיינען געווען די שוירט מייקערס יוניאָן און א שניידער יוניאָן. אַביסעל שפּעטער זיינען צוגעשטאַנען די פּענטס מעיקערס און די ניפּענטס מעיקערס יוניאָנס, און דעם נעקסטען יאָהר האָבען די געווערקשאַפטען אָרגאַניזירט א קלאָוק מאַכער יוניאָן. אין דעם זעלבען יאָהר האָבען זיך אָרגאַניזירט עטליכע טריידס, ווי בעקער, בוכבינדער, זייד וועבער, א. ז. וו. די מערסטע פון די יוניאָנס האָבען אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. זיי פלעגען אויפקומען אויף א קורצער צייט, דורכמאַכען א סטרייק, געווינען איניגע פארבעסערונגען, און ווען דער סעזאָן האָט זיך געענדיגט, האָבען די מיטגלידער אויפגעהערט צו צאָהלען דיוס און די אָרגאַניזאַציע איז צופאַלען געוואָרען.

די געווערקשאַפטען דעלעגאַטען האָבען אָנגעפיהרט א שווערע ערציהונגס אַרבייט, וועלכע האָט ביסלעכווייז אויסגעלערענט די אידישע אַרבייטער די וויכטיג-קייט פון אָרגאַניזאַציע. עס איז געווען זעהר א שווערע אַרבייט. די אידישע אימיגראַנטען זיינען געווען וועהניג ענטוויקעלט. זיי פלעגען ווערען אויף א וויל באַגייסטערט און דערנאָך אָפּגעקילט. אין דער צייט פון סעזאָן האָט די אַגיטאַציע געהאַט א ווירקונג, דערנאָך האָבען זיי פארלאָזען די יוניאָנס. עס האָט גענומען פיעל צייט און מיה צו לערנען די אידישע אַרבייטער, אז די יוניאָן איז אַזוי וויכטיג נאָכ'ן סעזאָן ווי אין דער צייט פון סעזאָן.

די געווערקשאַפטען איז א קינד פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די

בעסטע טהוער פון די געווערקשאַפטען זיינען געוועזן סאָציאַליסטען. און סאָציאַ־ליסטיש זיינען געבליבען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען ביז היינט. זיי שטיצען אלע סאָציאַליסטישע אונטערנעהמונגען און באטראַכטען זיך אלס א טהייל פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

שוין אין 1891 האָבען די געווערקשאַפטען געשיקט אב. קאהאן אלס דעלעגאט צום אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין בריסעל, בעלגיע.

אויף דעם קאָנגרעס האָט קאהאן פאָרגעבראַכט די אידישע פראגע. דאָס איז געוועזן דאָס ערשטע מאָל וואָס די פראַגע איז אָפיציעל אויפגענומען געוואָרען אויף אַן אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס. אויך פאר סאָציאַליסטען איז דאָס געוועזן אַן איבערראשונג, אז עס זיינען דאָ אָרגאַניזירטע אידישע ארבייטער אויף דער וועלט.

אין די ערשטע יאָהרען האָט די גאַנצע אידישע ראדיקאלע אינטעליגענץ געארבייט צו אָרגאַניזירען די יוניאָנס פון די געווערקשאַפטען. צווישען זיי האָבען זיך געפונען זאמעטקין, מילער, בראָנדעס, קאהאן, הילקוויט, פייגענבוים און ווינשטיין. שפּעטער איז צוגעקומען א וויכטיגע קראפט אין די געווערקשאַפטען אין דער פּערזאָן פון מאקס פיין, וועלכער איז עטליכע יאָהר נאָכאנאנד געוועזן סעקרעטאר און אָרגאַנייזער. פאר די לעצטע 20 יאָהר פארנעהמט דעם אַמט מאָריס פיינשטיין, וועלכער האָט איינינע יאָהר געאַרבייט אלס געהילפס סעקרעטאַר.

מאָריס פיינשטיין זעצט פאָר די וויכטיגע ארבייט פון אָרגאַניזירען די אידישע ארבייטער פון פארשידענע טרעידס.

דעם אַמט פון טשערמאַן פון די געווערקשאַפטען פארנעהמט ראובן גוסקין, דער מענעדזשער פון דער אקטיאָרען יוניאָן. מ. טיגעל איז דער וויס־טשערמאַן פון די געווערקשאַפטען.

אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג האָבען די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען געשפּילט גאָר א וויכטיגע ראָליע. זיי האָבען אָרגאַניזירט סטרייקס אונטער די שווערסטע באדינגונגען. און סטרייקס זיינען געפיהרט געוואָרען אין פארשידענע טרעידס. קלאָוקמאכער האָבען אויף אזוי פיעל צו פארדאנקען די געווערקשאַפטען, ווי בעקער, סאָדע וואסער ארבייטער, פעינטער, סוספענדער מאַכער אָדער אקטיאָרען. די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען ענט־וויקעלט דעם געפיהל פון סאָלידאריטעט צווישען פארשידענע יוניאָנס.

די געווערקשאַפטען באטהייליגען זיך אין אלע געזעלשאַפטליכע אונטערנעה־מונגען פון אידישע אַרבייטער מאַסען — קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע ארבייט אזוי גוט ווי עקאָנאָמישע.

א וויכטיגע ראָליע שפּילען די אידישע געווערקשאַפטען מיט דעם, וואָס זיי פארבינדען אידישע און אנדערע אימיגראנטען מיט דער אלגעמיינער אמעריקאנער אַרבייטער באוועגונג.

פאָלגענדע אָרגאניזאציעס זיינען אָנגעשלאָסען אָן די אידישע געווערקשאַפטען, לויט די אָפיציעלע ציפערען פון דזשענעראל סעקרעטאר מאָריס פיינסטאָון:

# דירעקטאָרי

לאָקאלע יוניאָנס און צענטראלע קערפּערשאַפטען וואָס זיינען פארבונדען מיט די פאראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען:

בוטשער וואָרקערס יוניאָן לאָקאל 174. — 243-247 איסט 84טע סטריט, ניו יארק. מ. ס. רעיזנער, סעקרעטאר. טעל. רידזשענט 4-5569.

מעמבער מיטינג — דעם 3טען דינסטאג, אויפ'ן זעלבען אדרעס. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — יעדען דאנערשטאג, אין אפיס.

בוטשער וואָרקערס יוניאָן לאָקאל 211. — 949 ווילאָובי עוועניו, ברוקלין, ניו יאָרק. פּ. האועיזען, סעקרעטאר. טעל. סטעג 2-0948. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דינסטאג, אויפ'ן זעלבען אדרעס. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דינסטאג, אין אפּיס.

באָטאָן און נאָוועלטי וואָרקערס יוניאָן.— 131 וועסט 33טע סטריט, ניו יאָרק. מ. גרינגלאז, מענעדזשער. טעל. לאקאוואנא 4-9549. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דינסטאג. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דינסטאג, אין אפּיס.

קעיק בעקערס יוניאָן. — 151 קלינטאן סט., ניו יאָרק. דזש. בלעס, סעקרעטאר. טעל. ארטשארד 4-0629. מעמבער מיטינג — דעם 1טען פרייטאג, אויפ'ן זעלבען אדרעס. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — יעדען מאָנטאג, אין אפּיס.

קעפּ מעיקערס יוניאָן לאָקאל 1. — 133 2טע עוועניו, ניו יאָרק. ס. הערשקאָוויטש, מענעדזשער. טעל. אָרטשאַרד 4.-9860. מעמבער מיטינג ניט רעגולער. עקזעקוטיוו באארד מיטינג יעדען מאָנטאג, אין אפּיס.

קלינערס, דייערס און פּרעסערס יוניאן — 799 בראָדוויי, נ. י. דזש. ג. קאהאן, סעק. טעל. סטייוועסענט 9-7868. מעמבער מיטינג — 2טען און 4טען מאָנטאג, אין אוירווינג פּלאזא. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — 1טען און 3טען מאָנטאג, אין אפּיס.

טשילדרען קאוט און ריפער מייקערס יוניאן, לאקאל 17 — 131 וועסט 33טע סטריט, ניו יאָרק. דזש. העלער, מענעדזשער. טעל. טשיקערינג 4-4696. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפּיס.

קלינינג און דאי האוז דרייווערס יוניאן — 403 איסט 14טע סטריט, ניו יאָרק. דזש. עפּראַט, מענעדזשער. טעל. אלגאָקווין 4-1686. מעמבערשיפּ מיטינגען ניט רעגולאר, אין קלינטאן האל, 151 קלינטאן סטריט. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפּיס.

קלאוק און סוט אפּערייטארס יוניאן, לאק. 1, 60 וועסט 35טע סטריט, ניו יאָרק. ל. ליוויי, מענעדזשער. טעל. וויסקאנסין 7-2655. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפּיס.

קלאוק און סוט טיילארס יוניאן, לאקאל 9 — 109 וועסט 38טע סטריט, ניו יאָרק. י. סארקין, מענעדזשער. טעל. וויסקאנסין 7-2250. מעמבערשיפּ מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — יעדען דינסטאג, אין אפּיס.

קלאוק און סוט פּרעסערס יוניאן, לאקאל 35 — 60 וועסט 35טע סטריט, ניו יאָרק. דזש. ברעסלאו, מענעדזשער. טעל. וויסקאנסין 5115-7. מעמבערשיפּ מיטינג ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — יעדען דינסטאג, אין אפּיס.

אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס אָוו אמעריקא. — 11-15 יוניאן סקווער, ניו יאָרק. טעל. אלגאנקווין 4-6500. דזש. שלאָסבערג, סעקרעטאר.

אמאלגאמייטעד לוידיעס גארמענט קאָטערס יוניאָן לאָקאל 10. — 60 וועסט 35טע סטריט, ניו יאָרק. ס. פּערלמוטער, סעקרעטאר. טעל. וויסקאנסין 7-8011. מעמבערשיפּ מיטינג— דעם 1טען און 3טען מאָנטאג אין ארלינגטאן האל. עקזעקוטיוו באארד מיטינג יעדען דאנערשטאג אין אפּיס.

אמאלגאמייטעד שיט מעטאל וואָרקערס יוניאָן. — באיבעל האוז, 8טע סטריט און 4טע עווע., ניו יאָרק. מ. ראזען, סעקרעטאר. טעל. סטייוועסאנט 9-4230. מעמבער מיטינג — דעם 1טען און דריטען פרייטאג אין ארלינגטאן האל. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — דעם 2טען און 4טען דינסטאג אין אפּיס.

אמעריקאן פעדערעישאָן אָוו מיוזישענס יוניאָן לאָקאל 802. — 1267 — 6טע עוועניו, נ. י. (6טע עווע. און 50טע סט.) ע. קאנאוואן, מענעדזשער. טעל. סוירקעל 7-5903. באארד אוו גאווערנארס מיטינג יעדען דינסטאג און דאנערשטאג אין אפּיס.

בעקערס יוניאָן לאָקאל 79. — 2028 מערמעיד עוועניו, ברוקלין, נ. י. ה. מעטה, סעקרעטאר. טעל. מעיפלאוער 9-8539. מעמבער מיטינג — דעם 1טען און 3טען פרייטאג, 3 נ. מ. (דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באארד מיטינג — יעדען דינסטאג, 3 נ. מ. אין זעלבען פּלאץ.

בעקערס יוניאָן לאָקאל 505. — 66 עלען סטריט, ניו יארק. ל. קארמאן, סעקרעטאר. טעל. ארטשארד 4-4720. מעמבער מיטינגען ניט רעגעלמעסיג. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען יעדען דינסטאג און דאנערשטאג, 3 נ. מ., אין אפּיס.

בעקערס יוניאָן לאָקאל 507. — 1353 באסטאן ראוד, בראנקס. מ. יאנאפּסקי, סעקרעטאר. טעל. אינטערוועיל 9-4779. מעמבער מיטינגען ניט רעגעלמעסיג, אין דעם זעלבען פּלאץ. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען יעדען דינסטאג און שבת, 3 נ. מ., אין אפּיס.

בעקערס יוניאָן לאָקאל 509. — 219 סעקמאן

סטריט, ברוקלין, נ. י. דזש. ראוז, סעקרעטאר. טעל. דיקענס 2-0270. מעמבער מיטינגען ניט רעגולער, אין בראנזוויל לעיבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט, ברוקלין. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען יעדען דינסטאג און שבת בייטאג, אין אפיס.

**בעלט מעיקערס יוניאן.** — 53 וועסט 21טע סטריט, ניו יארק. ס. שווארץ, סעקרעטאר. טעל. גרעמערסי 5-4186. מעמבער מיטינגען יעדען 2טען און 4טען דינסטאג, אין דעם זעלבען פלאץ.

**בוט און שוא ווארקערס יוניאן.** — 529 פולטאן עוועניו, ברוקלין, נ. י. אי. סי. דענער, סעקרעטאר. טעל. נעווינס 8-4335. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דינסטאג, אין דעם זעלבען פלאץ. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דינסטאג, אין אפיס.

קאנפעקשיאנערי און טאבעקא דזשאבערס עמפלאימענט יוניאן — 98 פארסייט סטריט, ניו יארק. ל. גרינבערג, סעק. טעל. דריי דאק 4-6583. מעמבערשיפ מיטינג — יעדען מאנטאג (אויף דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באארד מיטינג — יעדען דאנערשטאג — (אויף דעם זעלבען אדרעס).

דעליקאטעסען און קאונטערמען'ס יוניאן — 235—7טע עוועניו, ניו יארק. ה. גאלדשטיין, סעק. טעל. טשעלסי 2-5424. מעמבערשיפ מיטינג — 3טען פרייטאג. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — ניט רעגולאר, אין אפיס.

דרעס און קלאוק דרייווערס יוניאן, לאקאל 102 — 131 וועסט 33טע סטריט, ניו יארק. ס. מעטץ, מענעדזשער. טעל. טשיקערינג 4-3681. מעמבערשיפ מיטינג ניט רעגולאר, אין אפיס. עקזעקוטיוו באארד מיטינג — יעדען מאנטאג, אין אפיס.

דרעס און וויסט פרעסערס יוניאן, לאקאל 60 — 1369 בראדוויי, ניו יארק. מ. קאהאן, מענעדזשער. טעל. וויסקאנסין 7-4772. מעמבערשיפ מיטינגען — דעם 2טען דינסטאג. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפיס.

דרעסמייקערס יוניאן, לאקאל 22 — 218 וועסט 40טע סטריט, ניו יארק. ס. זימערמאן, סעקרעטער. טעל. לאנגאייקער 5-5100. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפיס.

פוירניטשור און פלאור דרייווערס יוניאן, לאקאל 138 — 22 איסט 17טע סטריט, ניו יארק. וו. סניידער, מענעדזשער. טעל. אלגאנקווין 4-1054. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען שבת, אין רענד סקול, 7 איסט 15טע סטריט. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 2טען און 4טען מיטוואך, אין אפיס.

פיונעראל שאופערס יוניאן — 265 וועסט 14טע סטריט, ניו יארק. י. דזש. קאהאן, סעק. טעל. טשעלסי 3-1376. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 1טען מאנטאג, אין אפיס.

פאריערס דזשאינט קאונסיל — 28 וועסט 31טע סטריט, ניו יארק. איזידאר קאהאן, מענעדזשער. טעל. פענסילוויינא 6-7932. דעלעגאטען מיטינג — יעדען דינסטאג, אין אפיס.

אידישע אקטיארען יוניאן — 31 איסט 7טע סטריט, ניו יארק. ר. גוסקין, מענעדזשער. טעל. ארטשארד 4-1923. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דינסטאג, אין אפיס, 2 נ. מ. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפיס, 2 נ. מ.

גרעיטער ניו יארק קאוט מייקערס יוניאן — 35—31 וועסט 15טע סטריט, ניו יארק. דזש. דארפמאן, סעקרעטער. טעל. טאמפקינס סקווער 6-5400. מעמבער מיטינגען — יעדען שבת 10 א זייגער, אין אפיס.

העט און קעפ לעטהערס ווארקערס יוניאן — 91 איסט 4טע סטריט, ניו יארק. א. גראסמאן, סעק. טעל. דריי דאק 4-0613. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דאנערשטאג (אויף דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דאנערשטאג, אין אפיס.

היברו אמעריקאן טייפאגראפיקאל יוניאן, לאקאל 83 — 142 הענרי סטריט, ניו יארק. טעל. ארטשארד 4-4873. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען פרייטאג, אין קלינטאן האל, 151 קלינטאן סטריט. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען— דעם לעצטען דינסטאג, אין אפיס.

היברו ביל פאוסטערס און אשערס יוניאן— 22 איסט 2טע סטריט, ניו יארק. ס. שיינבערג, סעק. טעל. דריי דאק 4-9198. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען שבת (אויף דעם זעלבען אדרעס). באארד אף אפיסערס, ניט רעגולאר, אין אפיס.

היברו בוטשערס ווארקערס יוניאן — 231 איסט 14טע סטריט, ניו יארק. דזש. בעלסקי, סעק. טעל. גרעמערסי 7-2520. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען פרייטאג. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דינסטאג, אין אפיס.

היברו כאריסט יוניאן — 1917 וואלטאן עוועניו, בראנקס, נ. י. מ. צוויבאק, סעקרעטער. טעל. טרימאנט 2-3556. מעמבער מיטינגען ניט

רעגולאַר. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען ניט רעגולאַר.

איין קרים סיילעסמען יוניאָן — 229 סאוט 9טע סטריט, ברוקלין, נ. י. דזש: בענדזשאמין, סעק. טעל. עווערגרין 8-9403. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דינסטאַג, אין אָפּיס. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מאָנטאַג, אין אָפּיס.

אינטערנעשאָנאַל פּאָר וואירקערס יוניאָן — 9 דזשעקסאָן עוועניו, לאָנג איילאַנד סיטי, ל. י. דע־לוקי, פּרעזידענט.

אינטערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן — 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יאָרק. ד. דובינסקי, פּרעזידענט. טעל. טשעלסי 3־2148.

אינטערנעשאָנאַל פּאָקעטבוק וואָרקערס יוניאָן — 53 וועסט 21טע סטריט, ניו יאָרק. טש. גאָלדמאַן, סעק. טעל. גרעמערסי 5־1021. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען דאָנערשטאָג, אין סטייוועסאַנט האַי סקול. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מאָנטאָג, 6 נ. מ., אין אָפּיס.

אידישער שרייבער קלוב — 425 לאָפּאיעט סטריט, ניו יאָרק. דר. ל. פּאָגעלמאַן, פּרעזידענט. טעל. ספּרינג 7־3251. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאַר. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מאָנטאָג 4 נ. מ., אין אָפּיס.

דזשאָינט באָארד אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס אַף אמעריקא — 31 וועסט 15טע סט., ניו יאָרק. א. מילער, סעק. טעל. טאמפּקינס סקוועער 6־5400. באָארד אַף דירעקטאָרס מיטינגען ניט רעגולאַר.

דזשאָינט באָארד קלאָוקמאַכערס יוניאָן — 127 וועסט 33טע סטריט, ניו יאָרק. א. אשביז, סעק. טעל. טשיקערינג 4-2730. דעלעגאַטען מיטינגען —יעדען דינסטאַג, אין 3 וועסט 16טע סטריט. באָארד אַף דירעקטאָרס מיטינגען — יעדען מאָנטאָג, אין 3 וועסט 16טע סטריט.

דזשאָינט באָארד דרעסמאַכער — 232 וועסט 40טע סטריט, ניו יאָרק. דזש. האָכמאַן, מענעדזשער. טעל. לאָנגאייקער 5־5100. באָארד אַף דירעקטאָרס מיטינגען — יעדען מאָנטאָג (אויף דעם זעלבען אדרעס). דעלעגאַטען מיטינגען — יעדען מיטוואָך (אויף דעם זעלבען אדרעס).

ליידיס טיילאָרס און קאַסטום דרעסמייקערס יוניאָן, לאָקאַל 38 — 107 וועסט 46טע סטריט, ניו יאָרק. דזש. ל. באָניש, סעק. טעל. ברייענט 9־6766. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאַר. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מיטוואָך, אין אָפּיס.

לאָונדרי דרייווערס יוניאָן, לאָקאַל 810 — 219 סעקמאָן סטריט, ברוקלין, נ. י. מאָזער, סעק. טעל. דיקענס 2־1144. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דאָנערשטאָג, (אויף דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מיטוואָך, אין אָפּיס.

לאָונדרי וואָרקערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, לאָקאַל 280 — 143-145 איסט 103טע סטריט, ניו יאָרק. דזש. מעקי, סעק. טעל. ליהיי 4־2421. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען און 4טען מאָנטאָג, 10 אזייגער (אויף דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — דעם 1טען און 3טען מאָנטאָג (אויף דעם זעלבען אדרעס).

מצה בעקערס יוניאָן — 153 סאָפאָלק סטריט, ניו יאָרק.

מילך דרייווערס יוניאָן — 265 וועסט 14טע סטריט, ניו יאָרק. מ. לייבלער, סעק. טעל. טשעלסי 3־0224. מעמבער מיטינגען — דעם 3טען דאָנערשטאָג, 3 נ. מ., אין בעטהאָווען האָל. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מיטוואָך אין אָפּיס, 6 נ. מ.

מעטראָפּאָליטאַן ריטייל פּוירניטשור סעילעסמענס יוניאָן — 175 איסט בראָדוויי, נ. י. א. סאָלאָוויאָף, מענעדזשער. טעל. דריי דאָק 4—0894. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דאָנערשטאָג, אין ראָיאַל האָל, 85 איסט 4טע סטריט.

מילינערי וואָרקערס יוניאָן — 31 וועסט 37טע סטריט, ניו יאָרק. א. ראָוז, סעק. טעל. וויסקאָנסין 7-1270. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאַר. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען דינסטאָג, אין אָפּיס.

מינעראַל וואָטער וואָרקערס יוניאָן — 54 רידזש סטריט, ניו יאָרק. מ. ג. וואָלפּערט, מענעדזשער. טעל. דריי דאָק 4־4478. מעמבער מיטינגען — יעדען שבת, „פֿאָרווערטס“ בילדינג, 175 איסט בראָדוויי. עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מיטוואָך, אין 175 איסט בראָדוויי.

מאָווינג פּיקטשור אָפּערייטאָרס יוניאָן — 251 וועסט 42טע סטריט, ניו יאָרק. טעל. וויסקאָנסין 7־3808.

ניו יאָרק קלאָדהינג קאַטערס יוניאָן, לאָקאַל 4 — 40־42 וועסט 17טע סטריט, ניו יאָרק. מ. וויינשטיין, מענעדזשער. טעל. טשעלסי 3־4905. מעמבער מיטינגען — יעדען שבת (אויף דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באָארד מיטינגען — יעדען מאָנטאָג (אויף דעם זעלבען אדרעס).

פּענטס מייקערס טרייד באָארד, — 31־35 וועסט 15טע סטריט, ניו יאָרק. ה. נאָוואָדוואָר, סעק. טעל. טאמפּקינס סקוועער 6־5400.

פּייפּער באָקס מייקערס יוניאָן — 693 בראָדוויי, ניו יאָרק. מיסס ה. וורויי, סעק. אלגאָנקווין

4-3063. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען מאנטאג, אין אפיס.

פראוויזשאן סעילסמענס יוניאן — 35 איסט 2טע סטריט, ניו יארק. ס. וואקסענבערג, סעק. טעל. ארטשארד 4-3044. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפיס.

ריטעיל קלאדהינג סעילסמענס יוניאן — 77 5טע עוועניו, ניו יארק. א. טשערנאוו, סעק. טעל. אלגאנקווין 4-4517. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען מאנטאג, אין אורווינג פלאזא, אורווינג פל. און 15טע סטריט, נ. י. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען מאנטאג, אין אורווינג פלאזא, אורווינג פל. און 15טע סט.

ריטייל דעיערי, גראסערי און פרוט קלוירקס יוניאן — 22 איסט 17טע סטריט, ניו יארק. ס וואלקאק, מענעדזשער. טעל. אלגאנקווין 4-5679. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דינסטאג. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפיס.

רוסישער באטה ראבערס יוניאן — 818 ניו לאטס עוועניו, ברוקלין, נ. י. ד. ראטשטיין, סעק. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דינסטאג, 10 אזייגער, אין 111 איסט האוסטאן סטריט. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דינסטאג, 10 אזייגער, אין 111 איסט האוסטאן סטריט .

סעילסמענס און פאולטרי ווארקערס יוניאן — 22 וועסט 17טע סטריט, ניו יארק. י. רענד, סעק. טעל. וואטקינס 9-4390. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דינסטאג, אין 69 סט. מארקס פלייס. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דינסטאג, אין אפיס.

סקווירט מייקערס יוניאן — 131 וועסט 33טע סטריט, ניו יארק. ל. רייז, סעק. טעל. לאקאוואנא 4-7094. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקז. באארד מיטינגען — יעדען אנדערען דינסטאג, אין אפיס.

סאפט דרינק ווארקערס יוניאן — 175 איסט בראדוויי, ניו יארק. ל. סטיינהאוזער, סעק. טעל. ארטשארד 4-0894. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען זונטאג, 10 אזייגער, אין לייבאר טעמפעל, 247 איסט 84טע סט. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דאנערשטאג, 9 אזייגער אויף זעלבען אדרעס. זעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען שבת נאכמיטאג, אין אפיס .

סוספענדאר מייקערס יוניאן, 98 פארסייט סט., נ. י. טש. סילווערמאן, סעק.

טהעאטריקאל דארמענס יוניאן—1668 וועסט 6טע סטריט, ברוקלין, נ. י. ה. פרענק, סעק. טעל. אקספלאנייד 5-5189. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען ניט רעגולאר.

טהעאטריקאל פראטעקטיוו יוניאן לאקאל 1, 254 וועסט 54טע סטריט, ניו יארק. דזשאהן דזש. קאזי, סעק. טעל. קאלאמבוס 5-2395. מעמבער מיטינגען — יעדען 4טען זונטאג, 11 אזייגער, אין האטעל נייטס אוו קאלאמבוס. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען פרייטאג, 1 נ. מ., אין אפיס.

טהעאטריקאל סטיידזש עמפלאימענט יוניאן, לאקאל 4 — 554 אטלאנטיק עוועניו, ברוקלין, נ. י. מ. מארטהא, סעק. טעל. טרייענגעל 5-9475. מעמבער מיטינגען — דעם 1טען און 3טען דאנערשטאג. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, 10 אזייגער, אין אפיס.

טהעאטריקאל טעילארס און דרעסערס יוניאן — 2270 איסט 23טע סטריט, ברוקלין, נ. י. ס. קאהען, סעק. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען ניט רעגולאר.

יונייטעד נעקווער מייקערס יוניאן — 7 איסט 15טע סטריט, ניו יארק. י. גאטעסמאן, סעק. טעל. אלגאנקווין 4-7082. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען דינסטאג, אין אפיס.

יונייטעד ריטייל קארפעט און לינאלעאום מעקעניקס יוניאן — 111 איסט האוסטאן סט., ניו יארק. בענדזשאמין גאלדבערג, סעק. טעל. ארטשארד 4-5747. מעמבער מיטינגען — יעדען דאנערשטאג (אויף דעם זעלבען אדרעס). עקז. באארד מיטינגען ניט רעגולאר.

וועיטערס יוניאן, לאקאל 1 — 290—7טע עוועניו, ניו יארק. וו. לעהמאן, סעק. טעל. לאקאוואנא 4-1386. מעמבער מיטינגען — דעם 2טען און 4טען דאנערשטאג, 3 נ. מ., אין בעטהאווען האל. עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — יעדען מיטוואך, 3 נ. מ., אין אפיס.

וועיטערס יוניאן, לאקאל 2 — 21 סאמנער עוועניו, ברוקלין, נ. י. מ. שטיין, סעק. טעל. ניו יארק. ס. שאר, מענעדזשער. טעל. אלגאנקווין 4-1861. מעמבער מיטינגען ניט רעגולאר (אויף דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באארד מיטינגען — דעם 2טען און 4טען פרייטאג, אין אפיס.

האלסייל דריי גודס קלאירקס יוניאן — 136 עלען סטריט, ניו יארק. א. אסמאן, פרעזידענט. טעל. דריי דאק 4-7821 (ביזנעס טעלעפאן). מעמבער מיטינגען — יעדען דאנערשטאג (אויף

דעם זעלבען אדרעס). עקזעקוטיוו באָארד מיטינ־גען — יעדען דאָנערשטאָג (אויף דעם זעלבען אדרעס).

בראָדערהוד אָף פּיינטערס און דעקאָרייטאָרס יוניאָן, לאָקאַל 261 — 143 איסט 103טע סט., ניו יאָרק. מ. גאָפּט, סעק. טעל. ליהיי 4-3141. מעמבער מיטינגען — יעדען פרייטאָג, אין 210 איסט 104טע סטריט. עקזעקוטיוו באָארד מיטינ־גען — דעם 2טען דינסטאָג, אין אָפּיס.

---

# די אידישע נאָדעל יוניאָנס

די נאָדעל יוניאָנס זיינען באַוואוסט אלס אידישע יוניאָנס. הגם אידישע ארבייטער זיינען שוין ניט מעהר די מאַיאָריטעט מיטגלידער פון די נאָדעל יוניאָנס, זיינען אָבער אידישע ארבייטער געווען די וועלכע האָבען די יוניאָנס געבויט און אונטער די שווערסטע באדינגונגען געטראָגען אויף זיך די לאַסט צו מאַכען אָט די יוניאָנס פאר גוטע קאַמפּס אָרגאַניזאַציעס פאר בעסערע באדינגונגען פון ארבייטער קלאַס.

איבערהויפּט האָט אמעריקע פיעל צו פאַרדאַנקען אידען אין דער ענטוויקלונג פון דער קליידער אינדוסטריע. פריהער די דייטשע אידען און דערנאָך די אידען פון מזרח אייראָפּא האָבען פון דער אינדוסטריע פון פאַרטיגע קליידער, וואָס האָט זיך געפונען פריהער אין אַן עלענדען צושטאַנד, געמאַכט איינע פון די וויכטיגסטע אינדוסטריען פון לאַנד. די קליידער אינדוסטריע האָט אויך צוגעצויגען א גרויסען טהייל פון אידישע אימיגראַנטען.

דער צופלוס פון אידישע אימיגראַנטען, פילע פון וועלכע זיינען פריהער קיין ארבייטער ניט געווען, האָט געשאַפען די סיסטעם, וואָס איז באַקאַנט אלס די „סוועטינג־סיסטעם". אידישע ארבייטער האָבען אָבער אָנגעפאַנגען צו קעמפען פאר בעסערע באדינגונגען. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א שטאַרקע אידישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. איינצעלנע אידישע יוניאָנס זיינען שוין געווען פון לאַנג. די יאָהרען 1888־1900 זיינען געווען די יאָהרען פון אָנפאַנג פון אידישע גרויסע יוניאָנס. דאָס זיינען געווען יאָהרען פון עקספּערימענטען, יאָהרען פון דורכפאַלען און נצחונות. א דאַנק דער אויפקלערונגס ארבייט פון די אידישע סאָציאַליסטען האָבען זיך ענטוויקעלט ריזיגע יוניאָנס, וואָס בריינגען נוצען ניט נאָר אידען אליין.

די נאָדעל אינדוסטריען געהן איצט ביסלעכוויז אריבער צו אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. דאָס איז א פאַקט. אָבער אויך איצט שפּילען אידען א געוואַלדיגע ראָלע אין די נאָדעל אינדוסטריען, סיי אלס באַלעבאַטים און סיי אלס ארבייטער. אין די נאָדעל יוניאָנס פאַרנעמען אידען א בכבוד'יגען פּלאַץ.

אין דער רייהע פון זייער וויכטיגקייט און זייער צאָהל ארבייטער, קען מען צוטהיילען די נאָדעל יוניאָנס אויף (1) שניידער פון מענער קליידער (רעק, וועסטען, הויזען און ני פענטס); (2) פרויען קליידער (קלאָוקס, סקוירטס, ליידיעס סוטס און דרעסעס); (3) קעפּס און לעדיס מילינערי העטס, און (4) פאָר ארבייטער.

# די אמאלגאמייטעד

(אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן אָוו אמעריקא)

די אמאלגאמייטעד, די יוניאָן פון מענער שניידער, איז איצט איינע פון די איינפלוסרייכסטע שטארקסטע יוניאָנס אין לאַנד. צו דער צעהנטער יעהרליכער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאלטען געוואָרען אין מאי, 1934, אין ראָטשעסטער, ניו יאָרק, האָט די „אמאלגאמייטעד" געהאט ארום 130 טויזענד מיטגלידער. דער יוניאָנ'ס טהעטיגקייט איז פארשפרייט איבער 65 שטעדט פון די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע.

געגרינדעט האָט זיך די אמאלגאמייטעד אין דעצעמבער, 1914, אויף א ספּעציעלער קאָנווענשאָן אין ניו יאָרק. די אמאלגאמייטעד האָט זיך אָבער אָנגעפאנגען צו ענטוויקלען פיעל פריהער פון דער קאָנווענשאָן. די אמאלגאמייטעד איז א קינד פון א רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע איז געמאכט געוואָרען געגען „די יונאיטעד גארמענט וואָרקערס". די מאיאָריטעט מיטגלידער פון דער „יונאיטעד גארמענט וואָרקערס" און די מייסטע לאָקאלען זיינען צוגעשטאנען צו דער ניי-געשאפענער „אמאלגאמייטעד".

יוניאָנס פון אידישע שניידער האָבען שוין אונטער זיך א לאנגע געשיכטע. מאקס פּיין האָט געגרינדעט די יוניאָן פון ני־פּענטס מאכער אין יאָהר 1888. די „יונאיטעד בראָדערהוד אָוו טעילאָרס" איז געווען הויפּטזעכליך א אידישע יוניאָן פון פארשידענע טרעידס. די יוניאָן האָט זיך פאראייניגט מיט דער „יונייטעד גארמענט וואָרקערס". די לאָקאלס זיינען געוואָרען איבערפילט מיט היימישע אידישע בונדיסטען און אנדערע ראדיקאלען. די מיטגלידער האָבען ניט געקענט פארטראָגען די קאָנסערוואטיווע פיהרונגען פון דער „גארמענט וואָרקערס". זיי האָבען אָבער געהאט די טראדיציע. ווען אָבער אין יאָהר 1913 זיינען די מענער שניידער ארויס אין א דזשענעראל סטרייק און דער סטרייק האָט זיך געענדיגט ניט גינסטיג פאר די מענער שניידער, איז די אונצופרידענהייט פארוואנדעלט געוואָרען אין אן אָפענעם רעוואָלט. די ארבייטער האָבען באשולדיגט אין סטרייק דורכפאל די פיהרער פון דער „גארמענט וואָרקערס". געגען די פיהרער האָט זיך ענטוויקעלט א שטארקע אָפּאָזיציע.

אין יאָהר 1913 האָט די „גארמענט וואָרקערס" אָפּגעהאלטען א קאָנווענשאָן אין נעשוויל. די דעלעגאטען פון די ניו יאָרקער לאָקאלען און פילע פון לאָקאלען פון אנדערע שטעדט זיינען ארויס אין אָפענער אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע דעלעגאטען זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער קאָנווענשאָן. די אויסגעשלאָסענע דעלעגאטען האָבען אָפּגעהאלטען אן אייגענע קאָנווענשאָן און זיך א נאָמען נעגעבען אנשטאָט „יונאיטעד גארמענט וואָרקערס יוניאָן", „יונאיטעד גארמענט וואָרקערס". ביידע נעמען זיינען געווען עהנליך און די „גארמענט וואָרקערס יוניאָן" האָט ארויסגענומען אן אינדזשאָנקשאָן געגען „גארמענט וואָרקערס". די אָפּאָזיציע האָט דאריבער אָפּגעהאלטען דעם 26טען דעצעמבער 1914 אין וועבסטער האָל, ניו יאָרק, א ספּעציעלע קאָנווענשאָן און האָבען זיך א נאָמען געגעבען „די אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס אָוו אמעריקא". אויף אזא אופן איז די אמאלגאמייטעד געגרינדעט געוואָרען. אין דער גרינדונג האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע דער באקאנטער סאָציאליסט דזשייקאָב פּענקין.

זינט יענער היסטאָרישער קאָנווענשאָן האָט די אמאלגאמייטעד אָפּגעהאלטען נאָך 9 קאָנווענשאָנס:

אין יאָהר 1916 איז פאָרגעקומען די 2טע קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער.
אין יאָהר 1918 איז פאָרגעקומען די 3טע קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר.

אין יאָהר 1920 איז פֿאָרגעקומען די 4טע קאָנוועשאָן אין באָסטאָן.
אין יאָהר 1922 איז פֿאָרגעקומען די 5טע קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ.
אין יאָהר 1924 איז פֿאָרגעקומען די 6טע קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע.
אין יאָהר 1926 איז פֿאָרגעקומען די 7טע קאָנווענשאָן אין מאָנטרעאָל.
אין יאָהר 1928 איז פֿאָרגעקומען די 8טע קאָנווענשאָן אין סינסינעטי.
אין יאָהר 1930 איז פֿאָרגעקומען די 9טע קאָנווענשאָן אין טאָראָנטאָ.
אין יאָהר 1934 איז פֿאָרגעקומען די 10טע קאָנווענשאָן אין ראָטשעסטער.

פון דער צייט, וואָס די אמאלגאמייטעד איז געגרינדעט געוואָרען, האָט זי מיט זיך געהאַט די מאַסען. יאָהרען לאַנג איז אָבער די אמאלגאמייטעד ניט געווען אנערקענט פון דער אמעריקאן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. די אמאלגאמייטעד איז געווען אויסער דער אמעריקאנער ארבייטער פעדעראציע. ערשט אין יאָהר 1933 איז די אמאלגאמייטעד אריין אין דער אמעריקאן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר. קיין אקטיווע אָפּאָזיציע האָט אָבער די אמאלגאמייטעד קיינמאָל ניט אָנגעפיהרט געגען דער פעדערעישאָן; פארקעהרט, די אמאלגאמייטעד האָט געשטיצט מיט א פולער האנד אלע סטרייקס, וואָס די אמעריקאן פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר האָט אָנגע־פיהרט.

די מענער שניידער לעבען איצט דורך שווערע צייטען. דער פארלענגערטער קריזיס האָט פיעל געווירקט אויף דער אינדוסטרי פון מענער קליידער. ארבייטס־לאָזיגקייט הערשט אין פילע צענטערען. די אמאלגאמייטעד האָט איינגעפיהרט א געוויסע סיסטעם פון ארבייטסלאָזיגקייט אינשורענס. ניט אין אלע שטעדט אָבער איז די סיסטעם אין קראַפט. מיליאָנען דאָלאר זיינען אָבער אויסגעצאָהלט געוואָרען אין ארבייטסלאָזע אינשורענס אין פארשידענע שטעדט.

דער יאָהר 1934 איז געווען זעהר א שווערער אין דער מענער קליידער אינ־דוסטרי. ארבייטסלאָזע זיינען דאָ פיעל אין אלע צענטערען פון דער אינדוסטרי. אונטער די שווערע באדינגונגען האָט אָבער די אמאלגאמייטעד דורכגעפיהרט א סטאַפּעדזש אין אלע צווייגען פון דער מענער שניידעריי. אונטער די שווערע באדינגונגען קעמפט אָבער די אמאלגאמייטעד פאר דער פארבעסערונג פון דער לאגע פון טרעיד.

די אמאלגאמייטעד פאראייניגט ארום 30 נאציאָנאליטעטען. עס איז אן אמתע אינטערנאציאָנאלע פאראייניגונג. עס זיינען דאָ אין דער אמאלגאמייטעד איטאליע־נער, גריכען, טשעכען, פּאָליאקען, רוסען, ליטווינער, אידען און זיהן פון פארשידענע נאציאָנאליטעטען. אידען זיינען דאָ — לויט די ציפערען פון דזשענעראל סעק־רעטאר שלאָסבערג — ארום 40 טויזענד, צווישען די 130 טויזענד מיטגלידער וואָס די אמאלגאמייטעד האָט. אידען מאַכען אוים העכער ווי 30 פּראָצענט.

די לאָקאלען פון דער אמאלגאמייטעד זיינען, ווי שוין אָנגעדייטעד געוואָרען, אין 65 שטעדט. די דזשאָינט באָארדס ווערען צוזאמענגעשטעלט פון פארשידענע לאָקאלען. אין ניו יאָרק סטעיט זיינען דאָ 46 לאָקאלען און 4 דזשאָינט באָארדס. אין דער שטאָדט ניו יאָרק זיינען דאָ 2 דזשאָינט באָארדס.

די קליידער אינדוסטרי איז איצט פארשפּרייט אין פילע צענטערען, ווי מען קען זעהען פון דער צאָהל פון לאָקאלען און דזשאָינט באָארדס, וואָס די אמאלגאמייטעד האָט. אין פארשידענע סטעיטס אויסער ניו יאָרק, וואו עס זיינען דא פאבריקען, האָט די אמאלגאמייטעד אויך לאָקאלען.

אין פּענסילווייניא זיינען דאָ 27 לאָקאלען פון דער אמאלגאמייטעד און צוויי דזשאָינט באָארדס; אין ניו דזשוירזי — 7 לאָקאלען און איין דזשאָינט באָארד; אין מאסאטשוזעטס — 14 לאָקאלען און איין דזשאָינט באָארד; אין אָהאיאָ —

9 לאָקאַלען און 2 דזשאָינט באָארדס; אין אילינאָי — 12 לאָקאַלען און איין דזשאָינט באָארד; אין קוויבעק — 6 לאָקאַלען און איין דזשאָינט באָארד; אין אָנטאַריאָ — 7 לאָקאַלען און איין דזשאָינט באָארד; אין מערילענד — 8 לאָקאַלען און איין דזשאָינט באָארד; אין מינעסאָטאַ — פיער לאָקאַלען און איין דזשאָינט באָארד; אין וויסקאָנסין — 3 לאָקאַלען און איין דזשאָינט באָארד. לאָקאַלען האָט נאָך די אמאַלגאַמייטעד אין אינדיאַנאַ (2), אין קענטאָקי (2), אין קאַליפאָרניא (3), און אין אָרעגאָן איין לאָקאַל.

די אמאַלגאַמייטעד גיט ארויס צייטשריפטען אין 8 שפּראַכען. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אמאַלגאַמייטעד איז „אדוואַנס" אין ענגליש. דער אידישער אָרגאַן „פאָרטשריט" האָט זיך צייטווייליג אָפּגעשטעלט. אמאָל האָט דער אידישער אָרגאַן פאַרנומען דעם אויבען־אָן.

די אמאַלגאַמייטעד האָט די מעהרצאָהל שעהרס אין צוויי באַנקען, וואָס געפינען זיך אין שיקאַגאָ און ניו יאָרק אונטער דעם נאָמען „אמאַלגאַמייטעד באַנקען". די אמאַלגאַמייטעד איז אויך פאַרבונדען מיט די קאָאָפּעראַטיווע הייזער, וואָס ווערען געבויט מיט דעם נאָמען אמאַלגאַמייטעד.

דער הויפּט אָפיס פון דער אמאַלגאַמייטעד איז אין 15 יוניאָן סקווער. פּרעזידענט פון דער אמאַלגאַמייטעד איז סידני הילמאַן; סעקרעטאַר־טרעזשורער, דזשאָזעף שלאָסבערג. די ניו יאָרק דזשאָינט באָארדס ווערען געמענעדזשט פון לואיס האָלענדער און קאַטאָלינאַט. אברהם מילער איז סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער דזשאָינט באָארד. זייער אָפיס געפינט זיך אין 35 וועסט 15טע סטריט. דער וויכטיגער לאָקאַל פון רעק ארבייטער ווערט געמענעדזשט פון דזש. גאָלד און אָרנאַני. אין שיקאַגאָ איז דער פיהרער פון דער אמאַלגאַמייטעד סעם לעווין.

די יונאַיטעד גאַרמענט וואָרקערס איז איצט געבליבען ביי אַ גאַנץ קליינער צאָהל מיטגלידער, הויפּטזעכליך פון די אָוועראָל מעיקערס. דער אָפיס פון די גאַרמענט וואָרקערס איז אין דער באיבעל הויז, ניו יאָרק. דער פּרעזידענט איז טהאָמאס ריקערט.

## די אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן אָדער פאַרקירצט „די אינטערנעשאָנאַל"

אויף דער 22סטער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שיקאַגאָ אין יאָהר 1934, איז באַריכטעט געוואָרען, אז די אינטערנעשאָנאַל האָט קרוב פון צוויי הונדערט טויזענד מיטגלידער. $174,907.91 איז אריינגענומען געוואָרען אין איינטריט געלד אליין. ארום 70 טויזענד דאָלאַר קומט נאָך פון לאָקאַלס פאַר נייע מיטגלידער. די איינטריט געלד פּער מיטגליד, וואָס דער הויפּט אָפיס באַקומט, איז $1.50.

פאַר דעם לעצטען יאָהר האָט די אינטערנעשאָנאַל ווידער אויפגעלעבט. די צאָהל פון מיטגלידער איז פאַרפילפאַכט געוואָרען. אויף דער קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ האָט די אינטערנעשאָנאַל ווידער דעמאָנסטרירט איהר גרויסע מאַכט און דעם איינפלוס, וואָס זי האָט צוריק געוואונען אין דער אַלגעמיינער ארבייטער באוועגונג בכלל און אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג בפרט.

אַ שווערע צייט האָט די אינטערנעשאָנאַל איבערגעלעבט די לעצטע עטליכע יאָהר. עס איז געווען אַ צייט, וואָס די אינטערנעשאָנאַל איז געווען דער שטאָלץ ניט נאָר פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג, נאָר פון דער גאַנצער אמעריקאַנער ארבייטער באוועגונג. די אינטערנעשאָנאַל האָט אריינגעבראַכט נייע באַגריפען אין דער אמעריקאַנער טרעיד יוניאָן באוועגונג. פון דעם היסטאָרישען סטרייק פון די קלאָוקמאַכער אין יאָהר 1910 ביז דעם יאָהר 1926 איז די אינטערנעשאָנאַל

געגאַנגען פון איין נצחון צום צווייטען. אין יאָהר 1926 איז אָבער פאָרגעקומען דער סטרייק, געפיהרט פון די קאָמוניסטען, וואָס האָט זיך פארצויגען אויף 7 מאָנאַטען. דער סטרייק האָט פאראליזירט די ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל. דער אומגליקליכער סטרייק האָט אָפּגעקאָסט דער אינטערנעשאָנאל פיעל געלד און פיעל פרעסטיזש. די יוניאָן פון דאמען קליידער האָט איבערגעלעבט א שווערע צייט.

די לאגע פון דער אינטערנעשאָנאל האָט זיך פיל פארערגערט אויך צוליב דעם פארצוייגענעם קריזיס. כאָטש די אינדוסטרי פון דאמען קליידער איז וועהניגער געטראָפען געוואָרען פון אלע אנדערע אינדוסטריעס, האָט דאָך די אינטערנעשאָנאל געהאט זעהר א שווערע אויפגאבע אויפצוהאלטען איהרע פּאָזיציעס. אויף דער קאָנווענשאָן אין פילאדעלפיא אין מאי 1932 איז די שטימונג פון די דעלעגאטען געווען זעהר א שווערע. די אינטערנעשאָנאל איז שטאַרק געפאלען סיי אָרגאניזא־ציאָנעל און סיי פינאנציעל. די לאָקאלען זיינען געוואָרען פאסיוו און אָהן מוטה. אין די שלעכטע צייטען האָט אָבער די אינטערנעשאָנאל אָנגעהאלטען איהרע גוטע טראדיציעס. ווען די געלעגענהייט איז געקומען האָט די אינטערנעשאָנאל צוריק אויפגעלעבט.

די געלעגענהייט איז געקומען מיט דער „ניראַ", וואָס פרעזידענט רוזוועלט האָט פּראָקלאמירט. וואָס די באדייטונג פון דער „ניראַ" זאָל ניט זיין פאר די ארבייטער, נאָר די אינטערנעשאָנאל האָט דעמאָנסטרירט די וויכטיגקייט פון א גוטער דיסציפּלינירטער ארבייטער אָרגאניזאציע, וואָס קאָן ווירקען אונטער פאר־שידענע אומשטענדען. די אינטערנעשאָנאל האָט אויסגענוצט די „ניראַ" פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער.

פאר איין יאָהר האָט די אינטערנעשאָנאל אויפגעלעבט. איהר מיטגלידער־שאַפט איז געוואקסען אונגעהויער. איהר מאכט און איינפלוס זיינען געוואקסען מיט דער פארבעסערונג פון איהר פינאנציעלער לאגע.

פאָלגענדע פארגלייכונגס טאבעלע וועט צייגען דעם אונטערשיעד אין איינע צוויי יאָהר:

| | — צאָהל פון מיטגלידער — | |
|---|---|---|
| | נאָוו. 1932 | פעב. 1934 |
| ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד פון קלאָוקמאכער | 16,510 | 32,766 |
| ניו יאָרק דזשאָינט באָארד פון דרעסמאכער | 10,362 | 77,608 |
| פארשידענע אנדערע ניו יאָרקער לאָקאלס | 5,653 | 31,045 |
| אין די לאָקאלס פון אנדערע שטעדט | 7,628 | 56,722 |
| סך הכל פון דער צאָהל מיטגלידער | 40,153 | 198,141 |

די צאָהל פון סטעמפּס, וואָס די אינטערנעשאָנאל האָט פארקויפט פון אפּריל דעם ערשטען 1932 ביז אפּריל דעם 30טען 1934 איז 5,224,836. די הכנסה פון דער אינטערנעשאָנאל פאר 25 מאָנאטען איז געווען $1,488,518.95, און די הוצאות $980,104.11. די אינטערנעשאָנאל האָט באצאָהלט חובות, וואָס זיינען געווען א גרויסע לאסט אויף איהר. דעם 30טען אפּריל 1934 איז דער פינאנציעלער צושטאנד פון דער אינטערנעשאָנאל געווען ווי פאָלגט:

| | |
|---|---|
| פארמעגען | 854,454.54 דאָלאר |
| חובות | 243,687.24 " |
| סורפּלוס פארמעגען איבער חובות | 610,767.30 דאָלאר |

די אינטערנעשאָנאַל האָט פארגרעסערט איהר מיטגלידערשאַפט אין ניו יאָרק, וואָס איז נאָך איצט אויך דער צענטער פון דער דאמען קליידער אינדוסטרי, און האָט באוויזען אויך צו גרינדען פילע לאָקאלען אין שטעדט, וואו עס זיינען פריהער גאָר קיין יוניאָנס ניט געווען. שפּעטער פון קלאָוקס און הויפּטזעכליך פון דרעסעס זיינען געעפענט געוואָרען אין די פּאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון אמעריקע. די ארבייטער, און הויפּטזעכליך די ארבייטערינס, זיינען געווען עקספּלואטירט אויף'ן שרעקליכסטען אופן. די „סוועטינג סיסטעם", וואָס איז באטראַכט געוואָרען אלס א ריין אידישע מכה, האָט זיך איינגענעסט גראָדע אין פלעצער פון עכטע אמעריקאנער. די אינטערנעשאָנאַל האָט אויסגענוצט די „ניראַ" און האָט געהאַט ערפאָלג אין דער אָרגאניזירונג פון פילע אָפּגעשטאַנענע פלעצער.

גרויסע אויפגאַבען און גאַנץ שווערע האָט נאָך די אינטערנעשאָנאַל פאר זיך. עס זיינען דאָ שווערע פראַגען פון טרעיד, שווערע פראַגען פון אָרגאניזאַציע און גאַנץ שווערע פראַגען פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד. די אינטערנעשאָנאַל האָט אָבער באוויזען די וויכטיגקייט פון א שטאַרקער אָרגאניזאַציע אונטער די שווערסטע אומשטענדען. די אינטערנעשאָנאַל איז אַן אָרגאניזאַציע מיט א רעקאָרד פון גרויסע אויפטוהונגען. דער קאַמף פון אידישע דאַמען שניידער איז שוין א גאַנץ לאַנגער.

אידישע יוניאָנס פון פרויען מאַנטלען און קליידער האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו אָרגאניזירען אין די אכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אין יאָהר 1890 איז פאָרגעקומען א גראַנדיעזער סטרייק פון קלאָוקמאַכער, וואָס איז געווען געפיהרט פון יוסף באַראָנדעס אין ניו יאָרק און אברהם ביזנאָ אין שיקאַגאָ. דער סטרייק האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער איצטיגער אינטערנעשאָנאַל.

די איצטיגע אינטערנעשאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1900 דעם 3טען יוני אין לעיבאָר ליסעאום אויף דער 4טער סטריט אין ניו יאָרק. אויף דער ערשטער קאָנווענשאָן זיינען געווען בלויז 11 דעלעגאַטען פון 7 לאָקאַלען, וואָס האָבען פארטראָטען ארום צוויי טויזענד מיטגלידער. זי איז אבער א פאָרטזעצונג פון א פריהערדיגער אינטערנעשאָנאַל.

די אידישע קלאָוקמייקערס זיינען געווען פון די פּיאָנערען אויף דעם געביט פון „טרעיד יוניאָניזם" דאָ אין לאַנד. די קלאָוקמאַכער האָבען געפיהרט העלדישע סטרייקס. עס זיינען נאָך איצט אויך דאָ אַלטע קלאָוקמאַכער, וואָס רייד‏ען מיט באַגייסטערונג וועגען די סטרייקס, וואָס באַראָנדעס האָט געפיהרט אין די יאָהרען 1890 און 1894. אין 1892 איז שוין געגרינדעט געוואָרען אַן „אינטערנעשאָנאַל". יענע „אינטערנעשאָנאַל" איז אפילו אונטערגעגאַנגען, אָבער זי איז געווען דער פונדאַמענט פון דער נייער אינטערנעשאָנאַל.

איבערהויפּט איז די אינדוסטרי פון דאמען קליידער א אידישער אויפטהו דאָ אין אמעריקע. אין דער פּראָדוקציע פון דאמען קליידער האָבען אידען איינגעפיהרט נייע מעטאָדען. די מעטאָדען האָבען געפיהרט דערצו, אז פרויען זאָלען זיך קענען קליידען ביליג און מיט שיק. אין אמעריקע זיינען פרויען געקליידעט שענער ווי אין אַלע לענדער. די אויסארבייטונג פון די קליידער איז געמאַכט מיט אזא געשיקטקייט, אז די פּאַרטיגע קליידער פּאַסען אזוי גוט ווי קליידער, וואָס ווערען געמאַכט פון שניידער.

זייענדיג א אינדוסטריע פון אידען, מיט אידישע באַלעבאַטים און אידישע ארבייטער, זיינען די ערשטע גראַנדיעזע קאַמפען פון ארבייטער פאר בעסערע באַדינגונגען פאָרגעקומען אויף דער אידישער גאַס. די אידישע פּרעסע, הויפּטזעכליך דער „פאָרווערטס", האָט פיעל מיטגעהאָלפען אין אויפבוי פון דער אינטערנעשאָנאַל.

אין דעם היסטאָרישען סטרייק פון יאָהר 1910 האָבען אידען געשפּילט די הויפּט ראָלע. אידען זיינען נאָך געבליבען די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דער אינטער־נעשאָנאַל. די אינטערנעשאָנאַל גיט ארוים נאָך איצט אויך א אידישע צייטשריפט, די „גערעכטיגקייט". אין דער אינטערנעשאָנאַל זיינען אָבער איצט אויך דאָ פילע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. די אַנדערע צייטונגען זיינען אין ענגליש און איטאַ־ליעניש.

די אינטערנעשאָנאַל טהוט א סך פאר דער קולטורעלער ערציהונג פון איהרע מיטגלידער. עס ווערען אָרגאַניזירט לעקטשורס און גאַנצע קורסען פאר די מיט־גלידער. די אינטערנעשאָנאַל זאָרגט אויך פאר דעם געזונד פון איהרע מיטגלידער מיט דעם „יוניאָן העלטה סענטער" און דער זומער קאָלאָניע „יוניטי הויז".

דעם אמט פון פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל האָבען פארנומען פריהער דזשאן דייטש, אב. ראָזענבערג, בענדזשאמין שלעזינגער און מאָריס זיגמאן. דער סעקרעטאר פאר פילע יאָהרען איז געווען אב. באראָף. דעם אמט האָט איבערגע־נומען דייוויד דובינסקי, וועלכער איז דערנאָך געוואָרען פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל.

שלעזינגער איז געווען פאר א צייט לאנג קראַנק. דובינסקי איז געוואָרען עקטינג פּרעזידענט. נאָך דעם טוידט פון שלעזינגער איז דובינסקי געוואָרען דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל. ער איז אויסגעקליבען געוואָרען דעם 6טען יוני 1932 פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו. דער ערשטער וויים־פּרעזידענט איז סאַלוואַטאָר נינפאָ. די ניו יאָרקער לאָקאלס באשטעהען פון אידען און איטאַליענער.

דער מענעדזשער פון ניו יאָרק דזשאָינט באָארד איז מ. נאַגלער. סעקרעטאר איז י. אשפּיז. דער מענעדזשער פון דער דרעסמאַכער אָפּטהיילונג איז דזשוליאוס האָכמאַן.

א גרויסע ראָלע אין דעם אויפבוי פון דער אינטערנעשאָנאַל האָבען געשפּילט די באוואוסטע פארשטאָרבענע סאָציאַליסטען מאיר לאָנדאָן און מאָריס הילקוויט. אָט דיביידע באריהמטע סאָציאַליסטען האָבען פיעל געהאָלפען דער יוניאָן אין אַלע איהרע קעמפע. מיט א קאַפּיטעל פון דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאָנאַל איז אויך פארבונדען דער נאָמען פון דעם פארשטאָרבענעם יצחק אייזיק הורוויטץ.

## קאַפּען מאַכער יוניאָן

מיט זעכציג יאָהר צוריק, אין יאָהר 1874, איז שוין דורכגעפיהרט געוואָרען א גרויסער סטרייק פון קאַפּען מאַכער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען פילע דייטשע אידען. דער קאַפּען מאַכער טרעיד איז איינער פון די עלטסטע אין אמעריקע.

דער סטרייק האָט געפיהרט דערצו אז עס זאָל געגרינדעט ווערען א יוניאָן. דער נאָמען פון דער יוניאָן איז געווען „די סענטראַל יוניאָן אוו קעפּמעיקערס". די יוניאָן האָט אָבער קיין לאַנגען קיום ניט געהאַט. עס זיינען געגרינדעט געוואָרען נאָך קאַפּען מאַכער יוניאָנס. זיי האָבען אָבער קיין גליק ניט געהאַט. זיי זיינען אויפגעבויט געוואָרען, געסטרייקט און צופאַלען.

די הויפּט שטערונג פון אָרגאַניזאַציע איז געווען די הויז ארבייט, וואָס איז אין קאַפּען פאַך געווען מעהר ענטוויקעלט, ווי אין אַנדערע פאַכען. די ארבייט פלעגט געטאָהן ווערען אין די טענעמענט הייזער און די עקספּלואַטאציע איז געווען א שרעקליכע.

דער געשריי געגען „סוועטינג סיסטעם" פון פאַרשידענע רעפאָרם אָרגאַניזאַ־ציעס, און הויפּטזעכליך די ארבייט פון די אידישע סאָציאַליסטען, האָט געבראַכט דערצו, אז ארבייט אין די טענעמענט הייזער זאָל אָפּגעשטעלט ווערען. אין יאָהר

1901 איז געגרינדעט געוואָרען אויף א קאָנווענשאַן אין ניו יאָרק „די יונאיטעד קלאָטה און העטמייקערס יוניאַן אָוו נאָרטה אמעריקא". אין יאָהר 1911 האָבען זיך אָרגאַניזירט אויך די פרויען העט אַרבייטער און האָבען ארויסגעקראָגען א טשאַרטער פון דער „קלאָטה און קעפּ מייקערס יוניאָן". אזוי איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער ערשטער מילינערי לאָקאַל.

די פרויען העט מאַכער זיינען געוואָרען א באדייטענדער טהייל און דער קאפּען מאַכער האָט צוליב דעם אָנגענומען אין יאָהר 1925 דעם איצטיגען נאָמען „די קעפּ, העט און מילינערי וואָרקערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן".

דער סעקרעטאַר און הויפּט בויער פון דער יוניאָן איז פאר א לאַנגער צייט געוועזן דער פארשטאָרבענער צוקערמאַן. די יוניאָן האָט געהאַט פילע יורידיקציע דיספּוטען מיט דער יונאיטעד העטערס יוניאָן. ערשט אין יאָהר 1925 זיינען אלע סכסוכים אויסגעגליכען געוואָרען.

די יוניאָן האָט אבער איצט פיעל ערענסטערע פּראָבלעמען. דער פאַרצווייגענער קריזיס און די ענדערונגען פון די סטאַילס פון פרויען העטס האָט געפיהרט צו גרויסער ארבייטסלאָזיגקייט צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאָן.

דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן איז מאַקס זאריצקי. דער מענעדזשער פון די מילינערי ארבייטער איז נ. ספּעקטאָר. דער סעקרעטאַר איז אלעקס ראָוז.

## די פאַריערס אינטערנעשאָנאַל

די פוטערוואַרג אינדוסטרי איז אויסגעוואַקסען הויפּטזעכליך אין די מלחמה יאָהרען. אין אמאָליגע צייטען זיינען די פאָריערס געוועזן פון די ערגסט באַצאָהלטע ארבייטער. דער טרעיד איז געוועזן פון די אונגעזונדסטע און עלענדע.

פּראָבעס צו אָרגאַניזירען די פּאָריער האָבען זיך אָנגעהויבען אזוי פריה ווי אין יאָהר 1892. די פּראָבעס זיינען אָבער געווען אָהן ערפאָלג. אין יאָהר 1906 איז געגרינדעט געוואָרען א פארבאנד פון עטלאָכע לאָקאלען. א גרויסען סטרייק האָבען די פּאָריערס געהאַט אין יאָהר 1912. דער סטרייק איז געווען ערפאָלגרייך. עס זיינען אויסגעקעמפּט געוואָרען בעסערע באדינגונגען. נאָך דעם סטרייק איז גע-גרינדעט געוואָרען די פּאָריערס אינטערנעשאָנאַל יוניאָן.

מיט דעם וואוקס פון דער אינדוסטרי איז געוואַקסען אויך די מאַכט פון דער אינטערנעשאָנאַל. די פּאָר אינדוסטרי איז געוואָרען פון די וויכטיגע אינדוסטריען אין לאַנד. אנדערע באַלעבאַטים זיינען רייך געוואָרען און די אַרבייטער האָבען דורך זייער אָרגאַניזאציע אויך געוואונען בעסערע פּאָזיציעס. אָט די לאַגע האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט.

אין יאָהר 1920 האָט די יוניאָן דורכגעמאַכט א לאַנגען סטרייק, וואָס האָט געדויערט 32 וואָכען. דער סטרייק האָט זיך געענדיגט מיט א גרויסער נידערלאַגע און דעמאָראַליזירט די רייהען פון די פּאָריער.

צוליב דער דעמאָראַליזאציע האָבען זיך אריינגעכאַפּט קאָמוניסטען אלס פיהרער. זיי האָבען געפיהרט סטרייקס, וואָס האָבען אָפּגעקאָסט פיעל געלד, האָבען אָבער קיין גוטע רעזולטאַטען פאר די אַרבייטער ניט געבראַכט.

די יוניאָן איז איצט איבערגעגאַנגען צו די רעכטע. עס איז אויסגעקליבען געוואָרען אלס פרעזידענט פּיטראָ לוקי. הערלד גאָלדשטיין איז וויים-טשערמאַן. איזידאָר קאָהען, איינער פון די גרינדער פון דער פּאָריערס יוניאָן, איז אָנגעשטעלט געוואָרען אלס מענעדזשער פון „דזשאָינט קאונסיל".

די קאָמוניסטען האָבען געגרינדעט אן אָפּאָזיציע יוניאָן. דער קאמף צווישעןביידע יוניאָנס ווערט אָנגעגעפיהרט פארביטערט און פארשאַפט גאָר וועהניג כבוד דער אַרבייטער באוועגונג.

אין דעם טרעיד איז אריינגעטראָטען א רעאקציע. די פּאָר אינדוסטרי האָט געליטען זעהר שטאַרק פון קריזיס. ארבייטסלאָזע פאָריער זיינען דאָ פיעל, די באַלעבאַטים נוצען אויס די שלעכטע לאגע פון טרעיד און די רייסערייען און דריקען די אַרבייטער ווי זיי קענען נאָר. די אָפּאָזיציע יוניאָן אנערקענט ניט קיין אָפּמאכען מיט דער פאָריערס יוניאָן. די באַלעבאַטים שליסען אָפּמאכען דאָ מיט איין יוניאָן דאָ מיט דער צווייטער.

ענדע סעפּטעמבער האָט זיך דער דזשאָינט קאונסיל פון די פאָריערס געווענדעט צו דער אינטערנעשאָנאל פון די דאמען קליידער ארבייטער מיט אן אפּליקאַציע אויפגענומען צו ווערען אלס א טהייל פון דער אינטערנעשאָנאל. די אפּליקאַציע איז גוט אויפגענומען געוואָרען פון די פיהרער פון דער אינטערנעשאָנאל.
א קאָמיטע איז אפּאָינטעט געוואָרען אויסצואַרבייטען א פּלאַן פון פאַראייניקונג.
יאָרק, מיט א שטענדיגען סעקרעטאַר.

# די לענדער פון דער וועלט

## אַרגענטינאַ

ארגענטינא געפינט זיך אין סאוט אמעריקא. זי פארנעמט א שטרעקע פון 1,153,418 סקווער מייל און האָט א באפעלקערונג פון 11,846,655 אייראָפּייער (ווייסע) און צווישען 20 און 30 מיליאָן אינדיאנער.

די הויפּט שטאָדט איז בונעס איירעס מיט א באפעלקערונג פון 2,214,700. ארגענטינע איז א רעפּובליק. דער איצטיגער פּרעזידענט, גענ אגוסטין יוסטא, איז ערוועהלט געוואָרען אין 1932 אויף 6 יאָהר.

די הויפּט באשעפטיגונג איז ערד ארבייט און פיהצוכט, אָבער אויך אינ־דוסטרי האָט זיך לעצטענס גענומען שטארק ענטוויקלען, צווישען וועלכע די הויפּט זיינען שלאכט הייזער, וויין און צוקער. אין דער אינדוסטריע זיינען באשעפטיגט ארום 600,000 ארבייטער. די ארגענטינער מטבע איז די פּעזאָ.

## עסטרייך

עסטרייך איז איצט בלויז א רעשטעל פון דער אמאָליגער גרויסער עסטרייך־אונגארישער אימפּעריע. די איצטיגע רעפּובליק פארנעמט א שטרעקע פון 32,369 סקווער מייל און א באפעלקערונג פון (לויטן צענזוס פון 1932) 6,732,325. די הויפּט שטאָדט איז וויען מיט א באפעלקערונג פון 1,868,328.

אין פעברואר 1934 האָט קאנצלער דאָלפוס מיט גוואלט פארניכטעט די רעפּובליק. די ארבייטער אויפשטענדע האָט ער דערטרונקען אין בלוט, פארניכטעט אלע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטע און איינגעפיהרט א פאשיסטישע דיקטאטור.

די עסטרייכישע מטבע איז דער שילינג.

## בעלגיע

בעלגיע געפינט זיך אין דרום אייראָפּא ביים ברעג פון נאָרדישען ים. זי גרעניצט זיך מיט האָלאנד, דייטשלאנד און פראנקרייך. זי פארנעמט א שטרעקע פון 11,752 סקווער מייל און האָט א באפעלקערונג פון 8,159,824. די הויפּט שטאָדט איז ברוסעל מיט א באפעלקערונג פון 207,838. די באפעלקערונג פון בעלגיע איז צוטהיילט צווישען 2 כמעט גלייכע, אָבער אָפּגעזונדערטע גרופּען, די פלעמען און וואלונס. די שפּראך פון די ערשטע איז פלעמיש און פון די צווייטע פראנצויזיש. די גרויסע מערהייט זיינען קאטאָליקען און די קאטוילישע קירכע שפּילט א גרויסע ראָלע אין פּאָליטישען און סאָציאלען לעבען פון בעלגיע.

בעלגיע איז א הויך אינדוסטריעל לאנד. די הויפּט פּראָדוקציעס זיינען שטאָל, אייזען און קוילען. די ארבייטער באוועגונג איז דאָרטען פּראָפּאָרציאָנעל איינע פון די שטארקסטע אין אייראָפּא. 864,620 ארבייטער זיינען דאָרטען אָרגאניזירט אין טרייד יוניאָנס, פון וועלכער צאָהל 585,000 באלאנגען צו סאָציא־ליסטישע יוניאָנס. דעם 1טען יאנואר 1932 זיינען געווען אין בעלגיע 2,767 קאָאָפּעראטיווע פאראיינען. בעלגיע איז א קעניגרייך, אָבער די גאַנצע געזעצ־

געבענדע מאַכט געפינט זיך אין די הענד פון פאַרלאַמענט, וועלכער ווערט ערוועהלט דורך אַלגעמיינע דירעקטע וואהלען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.
די בעלגישע מטבע איז דער בעלגישער פראַנק.

## אַפגאַניסטאַן

דאָס קעניגרייך פון אַפגאַניסטאַן געפינט זיך אין אַזיע. עס גרעניצט זיך מיט פערסיע, רוסלאַנד און אינדיע. עס פאַרנעמט אַ שטרעקע פון 245,000 סקווער מייל. מיט אַ באַפעלקערונג פון 6,330,500; די הויפט שטאָדט איז קאַבול מיט אַ באַפעל־קערונג פון אַרום 150,000. די באַפעלקערונג איז מאַכמעדאַניש. די הויפט באַשעפטיגונג איז ערד אַרבייט און פיהצוכט.

## אַלבאַניע

דאָס קעניגרייך פון אַלבאַניע איז אַ בערגיג לאַנד אין איירופּאַ. עס ליגט בײם ברעג פון אַדריאַטישען ים צווישען יוגאָסלאַוויע און גריכענלאַנד. עס פאַרנעמט אַ שטח פון 10,630 סקווער מייל מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,003,068. די הויפט שטאָדט איז טיראַנאַ מיט אַ באַפעלקערונג פון 31,000. ערד אַרבייט און פיהצוכט איז כמעט די איינציגע באַשעפטיגונג.

## אַנדאַרראַ

די רעפּובליק פון אַנדאַרראַ איז אַ קליין מדינה'לע צווישען פראַנקרייך און שפּאַניע, וועלכע פאַרנעמט אַ שטרעקע אין גאַנצען פון 191 סקווער מייל און האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 6,000, וועלכע איז צושפּרייט איבער 30 דערפער. די באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט האָדעווען שעפּסען.

## אַראַביע

אַראַביע איז אַ האַלבער אינזעל אין דרום־מערב זייט פון אַזיע. אַראַביע גרעניצט זיך מיט פּאַלעסטינאַ, סיריע און מעסאָפּאָטאַמיע. זי האָט אַ באַפעלקע־רונג פון 7,000,000 און פאַרנעמט אַ שטרעקע פון 1,003,600 סקווער מייל, פון וועלכער כמעט אַ העלפט איז מדבר. אין אַראַביע געפינען זיך די פאָלגענדע 4 מלוכות:

העדזשאַס. געפינט זיך אין דרום־מערב זייט פון דעם האַלבען אינזעל; די הויפט שטאָדט איז מעקקאַ מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 85,000.

יעמען. געפינט זיך ביים זייט פון העדזשאַז. די הויפט שטאָדט איז סאַנאַאַ מיט אַ באַפעלקערונג פון 20,000 און אַ פּאָרט־שטאָדט האַדעידאַ מיט אַ באַפעל־קערונג פון 40,000.

קואַוועיט. געפינט זיך אין מערב זייט פון האַלבען אינזעל. די הויפט שטאָדט איז קואַוועיט מיט אַ באַפעלקערונג פון 25,000.

אָמאַן. געפינט זיך אין דרום־מזרח זייט פון האַלבען אינזעל. די הויפט שטאָדט איז מוסקאַט מיט אַ באַפעלקערונג פון 20,000.

## בהוטאַן

דאָס קעניגרייך פון בהוטאַן געפינט זיך אין אַזיע אין די הימאַלאַיען בערג

צווישען טיבעט און אינדיע. עס פארנעהמט א שטח פון ארום 17,750 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון 250,000. די הויפט שטאָדט איז פונאכא. באשעפטיגונג איז פיהצוכט און ערד ארבייט.

## באָליוויא

באָליוויא איז א רעפובליק אין סאוטה אמעריקא. זי פארנעמט א שטרעקע פון 506,467 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון ארום 3,000,000, פון וועלכע ארום א מיליאָן און א האלב זיינען ארבייטער. די הויפט שטאָדט איז סוקרע מיט א באפעלקערונג פון 35,000. דאָס לאנד איז רייך מיט מינעראלען, הויפטזאכליך מיט גאָלד. די מטבע איז די באָליוויאנא.

## בראַזיליע

די פאראייניגטע שטאאטען פון בראזיליע איז די גרעסטע מלוכה אין סאוטה אמעריקא. זי פארנעמט א שטרעקע פון 3,285,319 סקווער מייל און האָט א באפעלקערונג פון העכער 41,000,000 מענשען. די הויפט שטאָדט איז ריאָ דע זשאנעיראָ מיט א באפעלקערונג פון 1,468,621. בראזיליע איז זעהר רייך מיט מינעראלען, וועלכע זיינען נאָך זעהר ווייניק ענטוויקעלט. דער הויפט פראָדוקט פון בראזיליע איז קאָפע, מעהר ווי אין דער גאנצער וועלט צוזאמענגענומען (זי פארמאָגט העכער פון 2,660 מיליאָן קאָפע ביימער).

די בראזיליער מטבע איז דער מילערים.

## בולגאַריע

דאָס קעניגרייך פון בולגאריע געפינט זיך אין איירופא. עס גרעניצט זיך מיט רומעניע, יוגאָסלאוויע, טערקיי און גריכענלאנד. עס פארנעמט א שטרעקע פון 39,814 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון 6,067,000. די הויפט שטאָדט איז סאָפיא מיט א באפעלקערונג פון 213,162. דער קעניג איז באָריס. אגרי-קולטור איז די הויפט באשעפטיגונג.

די מטבע פון בולגאריע איז די לעווא.

## די ענגלישע אימפעריע

ענגלאנד געפינט זיך אין מערב-איירָאפא אויף די אינזלען גרויס בריטאניע, אירלאנד און נאָך א רייהע קלענערע אינזלען. דאָס איז די מעטראָפאָליע אָדער דאָס מוטערלאנד פון דער בריטישער אימפעריע. אויסער דעם פארמאָגט ענגלאנד קאָלאָניעס אין אלע טהיילען פון דער וועלט. „אין דער ענגלישער אימפעריע פארגעהט קיינמאָל ניט די זון" — באריהמען זיך די ענגלענדער.

דער שטח און די באפעלקערונג פון דער בריטישער אימפעריע ווערט צוטהיילט ווי פאָלגט:

| | סקווער מייל | באפעלקערונג |
|---|---|---|
| בריטישע אינזלען | 94,184 | 46,189,206 |
| איירָאפא (אריינרעכענענדיג פרייען שטאאט אירלאנד) | 30,300 | 37,354,917 |
| אזיע | 1,961,001 | 363,097,669 |
| אפריקא | 3,833,278 | 50,015,929 |
| נאָרד-אמעריקא | 3,847,197 | 10,650,381 |

| | | |
|---|---|---|
| צענטראל אמעריקא | 8,598 | 51,347 |
| וועסט אינדיעס | 12,630 | 2,044,889 |
| סאוטה אמעריקא | 95,098 | 314,034 |
| אויסטראַליע, מיט אינזלען | 3,261,304 | 8,870,307 |
| אינזלען אין פאסיפישען אָקעאן | 28,365 | 394,092 |

דאָס מאַכט אוים אן ערך א פערטעל פון דער יבשה פון דער ערד און עטוואָס וועהניגער ווי א פערטעל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער וועלט.

די הויפט שטאָדט פון אָט דער ריזיגער מלוכה פון מלוכות איז לאָנדאָן, די גרעסטע שטאָדט אין דער וועלט, מיט א באפעלקערונג פון 8,202,818.

ענגלאַנד איז א קעניגרייך מיט א פארלאמענטארישער אָרדנונג. די געזעצ־געבענדע און אויספיהרונגס מאַכט געהערט דעם פארלאמענט, וואָס באַשטעהט פון 2 טהיילען: די האוז אָוו לאָרדס, וועלכע באַשטעהט פון דיוקס, באַראָנען, מארקיזען, גראפען א. ז. וו., צוזאמען 740 מיטגלידער, טהיילווייז באַשטימט ביים קעניג, טהייל־ווייז דורך ירושה. די האוז אָוו לאָרדס האָט נאָר די מאַכט צו וועטאָאירען א געזעץ. די האוז אָוו קאָמאָנס באַשטעהט פון 615 מיטגלידער, ערוועהלט דורך אלגעמיינע וואהלען פון דער גאַנצער ערוואַקסענער באַפעלקערונג.

ענגלאַנד האָט א שטאַרקע טרייד יוניאָן באַוועגונג. מיטגלידער אין אלע טרייד יוניאָנס זיינען דאָ ארום 5 מיליאָן און אין קאָאָפּעראַטיווען באַלאַנגען ארום 6 און א האַלב מיליאָן מיטגלידער.

די וויכטיגע פּאָליטישע פארטייען אין ענגלאַנד זיינען: 1) די קאָנסערוואַטיווע פּארטיי; 2) די ליבעראַלע פארטיי, און 3) די לעיבאָר פארטיי, וועלכע שטיצט זיך הויפּטזאַכליך אויף די טרייד יוניאָנס. די ענגלישע לעיבאָר פארטיי איז יעצט (נאָכ'ן אונטערגאַנג פון דער דייטשער ס. ד. פארטיי) די גרעסטע פארטיי אין דעם 2טען אינטערנאַציאָנאַל.

די ענגלישע מטבע איז דער פונט סטערלינג.

די הויפּט קאָלאָניעס פון ענגלאַנד זיינען פאָלגענדע:

## דער איירישער פרייער שטאַאַט (איריש פרי סטעיט)

האָט געוואונען זיין זעלבסשטענדיגקייט אין 1920.

ער פארנעמט א שטח פון 26,592 סקוועער מייל אין דער דרום'דיגער טהייל פון אינזעל איירלאַנד מיט א באפעלקערונג פון 2,972,802 (צענזוס פון 1926). הויפּט שטאָדט דובלין מיט א באַפעלקערונג פון העכער 300 טויזענד.

דער איירישער פרייער שטאַאט איז א דאָמיניאָן פון ענגלאַנד, מיט אן אייגענעם פארלאַמענט, וועלכער ווערט ערוועהלט פון אלע בירגער פון 21 יאָהר און העכער. אימאָן דע וואַלערא איז פּרעזידענט. אגריקולטור איז די הויפּט אינדוסטריע.

## אינדיע

אינדיע געפינט זיך אין דרום אזיע. זי גרעניצט זיך מיט כינע, טיבעט, אפגאַניסטאַן, פּערסיע און אינדישען אָקעאַן.

אינדיע איז לויט דער באַפעלקערונג די גרעסטע ענגלישע קאָלאָניע. זי האָט

א באפעלקערונג פון 351,399,880 מענשען און פארנעמט א שטח פון 1,805,252 סקווער מייל. הויפט שטאָדט דעלהי מיט א באפעלקערונג פון א האלבען מיליאָן.

די הויפט באשעפטיגונג איז אגריקולטור (רייז, ווייץ און קאטאָן). אינדיע פארמאָגט אויך א סך מינעראלען, ווי קוילען, קופער און אייזען, ווי אויך פעטראָלעאום, אָבער די אינדוסטריע איז נאָך ניט שטארק אנטוויקעלט.

אויסער אינדיע האָט ענגלאנד נאָך קאָלאָניעס אין אזיע, ווי אדען, פערים, סאקאטרא, סילאָן (אינזעל) און האָנג־קאָנג.

די גרעסטע ענגלישע קאָלאָניעס אין אפריקא זיינען:

## אַפריקע

1. דער פארבאנד פון דרום אפריקא (יוניאָן אָוו סאוטה אפריקא).

פארנעמט א שטרעקע פון 471,917 סקווער מייל און א באפעלקערונג פון 7 מיליאָן מענשען; הויפט שטאָדט קייפ־טאון מיט א באפעלקערונג פון ארום 300 טויזענד. די הויפט אינדוסטריע איז גאָלד און דימענטען.

2. ענגלישע דרום אפריקא (בריטיש סאוטה אפריקא).

פארנעמט א שטח פון 150,344 סקווער מייל און א באפעלקערונג פון עטוואָס איבער א מיליאָן מענשען. דאָס לאנד איז רייך מיט אוצרות פון גאָלד. אויסער דער אויסגראָבונג פון גאָלד איז די הויפט באשעפטיגונג ערד ארבייט.

3. ענגלישע מזרח אפריקא (בריטיש איסט אפריקא).

פארנעמט א שטח פון 508,785 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון איבער 10 מיליאָן. די הויפט באשעפטיגונג איז אגריקולטור און אויסגראָבונג פון פארשידענע מינעראלען. דאָס לאנד איז רייך מיט וועלדער.

4. ענגלישע מערב אפריקא (בריטיש וועסט אפריקא).

פארמאָגט א שטח פון 499,211 סקווער מייל און א באפעלקערונג פון 25 מיליאָן מענשען. דאָס לאנד, ווי אומעטום אין אפריקא, איז רייך מיט נאטירליכע רייכטהימער.

## אויסטראַליע

אויסטראליע איז א וועלט־טהייל פאר זיך, צווישען פאציפישען און אינדישען אָקעאן. דער שטח איז 2,974,581 סקווער מייל. באפעלקערונג — 6,623,754.

די רעפובליק אויסטראליע האָט פאָלגענדע שטאאטען: סאוטה־וויילס, וויקטאָריא, קווינסלענד, סאוטה־אויסטראליע, וועסטערן אויסטראליע און טאסמאניע. די הויפט שטאָדט איז סידני מיט א באפעלקערונג פון 1,262,440.

אויסטראליע איז באזעצט געוואָרען אין גאנצען מיט 150 יאָהר צוריק. הויפט באשעפטיגונג — ערד ארבייט און פיהצוכט.

## ניו־זילאַנד

ניו־זילאנד איז א גרופע אינזלען אין פאציפישען אָקעאן 1200 מייל מזרח צו פון אויסטראליע. דער ערד שטח פון אלע אינזלען איז 104,015 סקווער מייל; באפעלקערונג 1,524,633. הויפט שטאָדט — וועלינגטאָן מיט א באפעלקערונג פון 146,000. הויפט באשעפטיקונג — פיהצוכט און ערד ארבייט. אינדוסטריע איז שוואך אנטוויקעלט.

## קאַנאַדע

קאנאדע פארנעמט דעם צפון טהייל פון צפון אמעריקא, א שטח פון 3,684,463 סקוועער מייל, גרעסער ווי די פאראייניגטע שטאאטען. די באפעלקערונג פון אָט דער דאָזיגער ריזיגער טעריטאָריע איז אין גאנצען 10,376,786 (צענזוס 1931). די הויפט שטאָדט איז אָטאווא מיט א באפעלקערונג פון 126,872. אנדערע גרויסע שטעדט אין קאנאדע זיינען: מאָנטרעאָל — באפעלקערונג 818,577; טאָראָנטאָ — 631,207; וואנקואווער — 246,593; וויניפעג — 218,785; האמילטאָן—155,547; קוויבעק — 130,594.

קאנאדע איז רייך מיט מינעראלען, ווי זילבער, קופער, ניקעל א. ז. וו. האָט אויך אן ענטוויקעלטע אינדוסטריע, אָבער די הויפט פּראָדוקציע איז אגריקולטור.

## טשילי

רעפּובליק. געפינט זיך לעבען פּאציפישען אָקעאן אין סאוטה אמעריקא. שטח 286,322 סקוועער מייל; באפעלקערונג פון ארום 4 און א האלב מיליאָן. הויפט שטאָדט סאנטיאגאָ מיט א באפעלקערונג פון 712,533. דער באָדען איז רייך מיט מינעראלען, איבערהויפט קופער. די מטבע פון טשילי איז די פּעזא.

## כינע

כינע פארנעמט א שטח פון 3,853,560 סקוועער מייל (אויסער מאנדזשוריע) אין דעם מזרח טהייל פון אזיע, און פארמאָגט א באפעלקערונג פון ארום 450 מיליאָן (אויסער מאנדזשוריע). הויפט שטאָדט נאנקין מיט א באפעלקערונג פון 584,000. די אַלטע הויפט שטאָדט איז געווען פּעקינג מיט א באפעלקערונג פון 1,300,000.

כינע איז איינע פון די עלטסטע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט. זי האָט א געשיכטע, וואָס איז שוין אלט העכער 4000 יאָהר.

כינע איז איבערהויפּט אן אגריקולטור לאנד, אָבער גאנץ פּרימיטיוו, און דערפאר שוואך. זי פיהרט יעצט א קריג מיט יאפּאן, וועלכע האָט אָפּגעריסען פון איהר מאנדזשוריע, א שטיק לאנד פון 363,700 סקוועער מייל מיט א באפעל־קערונג פון 24 מיליאָן.

זינט 1911, ווען א רעוואָלוציע האָט אומגעוואָרפען די אלטע דינאסטיע פון מאנטשו, איז כינע א רעפּובליק; אָבער זינט דאן געהט אָן כמעט א שטענדיגע מלחמה צווישען פארשידענע גענעראלען און גובערנאטאָרען, וועלכע ווערען מייסטענס געהעצט און געשטיצט פון די גרויסע רעגירונגען פון אייראָפּא און פון יאפּאן. לעצטענס האָט זיך א גרויסע טהייל פון כינא, מיט א באפעלקערונג, וואָס ווערט געשאצט אין 75 מיליאָן, אָפּגעריסען און געגרינדעט א סאָוועטען רעגירונג. א גרויזאמע מלחמה ווערט יעצט אָנגעפירט פון דער יעצטיגער נאנקינער רעגירונג געגען די סאָוועטען.

די מטבע פון כינע איז דער יען אָדער זילבער־דאָלאר.

## קאָלאָמביע

די רעפּובליק פון קאָלאָמביע געפינט זיך אין דרום אמעריקא, צווישען בראזיל, פּערו, פּאציפישען אָקעאן און קאריבינער ים. זי פארנעמט א שטח פון 443,985

סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון 8,223,000 (1930). הויפט שטאָדט — באָגאָטא מיט א באפעלקערונג פון 235,421 (1928).

דאָס לאנד איז רייך אין וועלדער, אויך אין מינעראלען: גאָלד, זילבער, בליי און קוילען, אויך פארמאָגט זי גרויסע זאלץ מינען, וועלכע באלאנגען צו דער רעגירונג. אויסער די מינען איז די הויפט באשעפטיגונג ערד ארבייט און פיה־צוכט.

די מטבע פון קאָלאָמביע איז דער פעזא.

## קאָסטא-ריקא

די רעפובליק פון קאָסטא-ריקא געפינט זיך אין דרום טהייל פון צענטראל אמעריקא, צווישען פאנאמע און ניקאראגוא. זי פארנעמט א שטח פון 23,000 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון 527,690 (1931). הויפט שטאָדט — סאן־דזשואז, מיט א באפעלקערונג פון 55,857. דאָס לאנד איז רייך מיט טראָפּישע פרוכטען און קאָפע פון הויכער קוואליטעט. ערד ארבייט און פיהצוכט איז די הויפט באשעפטיגונג.

די מטבע איז די קאָלאָנע.

## קיובאַ

רעפובליק. דער גרעסטער אינזעל אין וועסט אינדיעס. פארנעמט א שטח פון 41,634 סקווער מייל. באפעלקערונג 3,763,375. הויפט שטאָדט — האוואנא מיט א באפעלקערונג פון 584,346.

דאָס לאנד האָט א טראָפּישען און פייכטען קלימאַט און איז זעהר רייך אין פרוכטען. דער הויפט פּראָדוקט איז צוקער. די צווייטע גרויסע אינדוסטריע איז טאַבאַק און די מאנופאַקטור פון ציגארען.

קיובא געפינט זיך אונטער דעם קאָנטראָל פון די פאראייניגטע שטאאטען. אין מאי 1934 האָט דער אמעריקאנער קאָנגרעס באשלאָסען אין 10 יאָהר ארום (1944) צוריקצוגעבען קיובא פולע זעלבסטשטענדיגקייט.

## טשעכאָסלאָוואַקיע

די טשעכאָסלאָוואקישע רעפובליק האָט זיך געגרינדעט נאָך דער וועלט מלחמה. בעפאָר דער מלחמה איז זי געוועזען א טהייל פון עסטרייך. זי געפינט זיך אין אייראָפּא צווישען דייטשלאנד, פוילען, אונגארען און עסטרייך. זי פארנעמט א שטח פון 54,207 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון 14,726,158 (1930). הויפט שטאָדט פראג, מיט א באפעלקערונג פון 848,081.

די באפעלקערונג פון טשעכאָסלאָוואקיע באשטעהט פון פארשידענע נאציאָנאליטעטען. די הויפט זיינען: טשעכען ארום 9 מיליאָן, דייטשען עפּעס איבער 3 מיליאָן, מאדיארען דריי פערטעל מיליאָן, אידען 180 טויזענד, רוטענער א האלבער מיליאָן, פּאָליאקען 75 טויזענד און אנדערע.

טשעכאָסלאָוואקיע איז איינע פון די רייכסטע אגריקולטור לענדער אין אייראָפּא. זי איז אן אמת לאָנד פון קליינע פאַרמס, וועלכע דערגרייכען די גרויסע צאָהל פון 3,791,621. א גאנצער דריטעל פון לאנד איז וואלד.

דאָס לאנד איז אויך רייך אין מינעראלען: אייזען, קופער, קוילען, גאָלד און

זילבער. אין 1931 האָט טשעכאָסלאָוואַקיע פאַרמאָגט 11,993 פאַבריקען, פון וועלכע טעקסטיל פאַבריקען זיינען געווען 1,890; גלאָז און פאַלשע דימאַנטען — 2,265; עסענשטאָף — 1,852! האָלץ און מעבעל — 1,414; מאַשינערי — 960; מעטאַל — 929; פאַפיר — 390, און כעמישע — 647. די מטבע איז די קראָנע.

דער פאַרלאַמענט האָט פאַרשטעהער פון 16 פאַרטייען. די רעגירונג איז א קאָאַליציע מיט סאָציאַליסטען אין מיניסטאָרען קאַבינעט.

## דאַנציג

לויט דעם ווערסאַילער פרידען אָבמאַך איז דאַנציג ערקלערט געוואָרען א פריי־שטאָדט. זי איז א האַפען־שטאָדט ביים אריינפאַלען פון דעם טייך ווייסעל אין באַל־טישען ים. זי פאַרנעמט א שטח פון 754 סקווער מייל און האָט א באַפעלקערונג פון 407,517, פון וועלכע איבער 95 פּראָצענט זיינען דייטשען און ארום פיר און א האַלב פּראָצענט פּאָליאַקען.

פאַר פּוילען האָט דאַנציג א גרויסע באַדייטונג, ווייל דאַנציג איז דער איינ־ציגער האַפען, וואָס גיט איהר א צוטריט צום ים.

## דענמאַרק

דענמאַרק ליגט אויף'ן האַלב־אינזעל יוטלאַנד און די אינזלען זעלאַנד, פיאַנע, לאַלאַנד און שלעזוויג, וועלכע זי האָט באַקומען פון דייטשלאַנד נאָך דער מלחמה. זי פאַרנעמט א שטח פון 17,110 מייל מיט א באַפעלקערונג פון 3,550,651. הויפּט־שטאָדט קאָפּענהאַגען מיט א באַפעלקערונג פון 771,168.

דענמאַרק איז הויפּטזעכליך אן אַגראַר־לאַנד. אינדוסטריע איז ווייניג אנטוויקעלט, די מטבע איז די קראָנע.

די רעגירונג איז א קאָאַליציע פון ליבעראַלען און סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין דענמאַרק.

## עגיפּטען (מצרים)

עגיפּטען ליגט אין צפון־מזרח ווינקעל פון אפריקא ביים מיטעל־לענדישען ים. זי פאַרנעמט א שטח פון 347,840 סקווער מייל, פון וועלכע ארום 336 טויזענט סקווער מייל איז מדבר, באַפעלקערונג 14,186,898, הויפּט־שטאָדט קאַאירא מיט א באַפעלקערונג פון 1,064,567. אין 1922 איז עגיפּטען ערקלערט געוואָרען אומ־אָפּהענגיג.

די באַפעלקערונג באַשעפטיגט זיך הויפּטזעכליך מיט ערד־ארבייט. דער טאָל ארום דעם טייך ניל איז שוין פאַר טויזענטער יאָהרען קולטיווירט געוואָרען פאַר ערד־ארבייט.

ארום 4.5 פון דער באַפעלקערונג זיינען יורשים נאָך פון דער אמאָליגער מצרים. עס זיינען דאָרטען אויך דאָ ארום 235 טויזענט קריסטען און 64 טויזענט אידען.

## עסטאָניע

די עסטאָניער רעפּובליק איז איינע פון די קליינע מלוכות, וועלכע זיינען אויפ־געשטאַנען לויט'ן ווערסאַילער טראַקטאַט. זי איז צוזאַמענגעשטעלט פון טיילען פון

די געוועזענע ליפלאנדער, פסקאָווער און פעטערבורגער גובערניעס. זי פאַרנעמט א שטח פון 18,355 סקווער מייל מיט א באַפעלקערונג פון 1,119,518. הויפּט־שטאָדט איז רעוועל מיט א באַפעלקערונג פון 133,634. הויפּט באַשעפטיגונג — לאַנד־ווירטשאַפט און פיהצוכט.

## אַביסיניע

אביסיניע איז א בערגיג, וואולקאַניש לאַנד אין צפון־מזרח אפריקע. זי פאַר־נעמט א שטח פון 350 טויזענט סקווער מייל און האָט א באַפעלקערונג פון אַן ערך 10 מיליאָן. הויפּט־שטאָדט אדיס־אבאבא מיט א באַפעלקערונג פון ארום 70 טויזענט. די אגריקולטורעלע און מינעראַלע רייכטהימער פון לאַנד זיינען זייער ווייניג אנטוויקעלט. אין נידעריגע טיילען פון לאַנד, וואו ס'איז זייער הייס, וואַק־סען צוקער שטעקענס, באַוועל, קאַפע און ס'ווערט פּראָדוצירט א סך ראָבער. די בערג איינוואוינער באַשעפטיגען זיך איבערהויפּט מיט פיהצוכט.

די מלוכה פאָרם איז א מאָנארכיסטישע. אבסיניע איז אריינגענומען געוואָרען אין דער פעלקער־ליגע אין 1923.

## פינלאַנד

די רעפּובליק פון פינלאַנד האָט געקראָגען פולע אומאָפּהענגיגקייט נאָך דער מלחמה. זי ליגט צווישען רוסלאַנד, דעם צפון ים און נאָרוועגיע. זי פאַרנעמט א שטח פון 149,641 סקווער מייל, פון וועלכע 62 פּראָצענט איז וואַלד און 11 און א האַלב פּראָצענט אָזערעס. די וויכטיגסטע אינדוסטרי איז וואַלד. די הויפּט באַשעפ־טיגונג איז לאַנדווירטשאַפט. פינלאַנד האָט א באַפעלקערונג פון 3,667,067. די הויפּט־שטאָדט איז העלסינגפאָרס מיט א באַפעלקערונג פון 234,096.

## פראַנקרייך

די פראַנצויזישע רעפּובליק געפינט זיך אין מערב אייראָפּא, צווישען בעלגיע, דייטשלאַנד, שווייץ, איטאַליע, שפּאַניע און אטלאַנטישען אָקעאַן. זי פאַרנעמט א שטח פון 212,659 סקווער מייל און האָט א באַפעלקערונג פון 41,834,923 (1931). פראַנקרייך האָט אויך קאָלאָניעס אין אזיע, אפריקא און אמעריקא מיט א באַפעל־קערונג פון 61,712,734. הויפּט־שטאָדט — פּאַריז מיט א באַפעלקערונג פון 2,891,020.

פראַנקרייך האָט אַן ענטוויקעלטע לאַנדווירטשאַפט. 52 פּראָצענט פון גאַנצען שטח איז פאַרנומען מיט אַקערלאַנד, 4 פּראָצענט וויינגערטנער, 11 פּראָצענט לאַנ־קעס און 15 פּראָצענט וואַלד. די אינדוסטריע האָט זיך שטאַרק אנטוויקעלט נאָך דער מלחמה, ווען פראַנקרייך האָט באַקומען פון דייטשלאַנד עלזאַס־לאָטארינגיע און סאַאר, מיט רייכע נאַטירליכע אוצרות.

פראַנקרייך פאַבריצירט הויפּטזאַכליך מאָדע און לוקסוס זאַכען. א באַדייטענדען אָרט פאַרנעמט די טעקסטיל און די זייד אינדוסטריע.

די געזעצגעבענדע מאַכט אין פראַנקרייך באַלאַנגט צום פּאַרלאַמענט, וואָס באַ־שטעהט פון דעפּוטאַטען־הויז, וואָס ווערט געקליבען דורך אלגעמיינע וואַהלען אויף 4 יאָהר און דעם סענאַט, וואָס ווערט געקליבען דורך וואַהל קאָמיסיעס פון די

באזונדערע דעפּאַרטאַמענטען און קאָלאָניעס אויף 9 יאָהר. דער פּרעזידענט ווערט ערוועהלט פון די דעפּוטאַטען פון ביידע הייזער אויף א טערמין פון 7 יאָהר.

די פּאָליטישע פּארטייען זיינען: די רעפּובליקאנער, ראַדיקאַלען, ראַדיקאַל־סאָציאַליסטען, די סאָציאַליסטישע פּארטיי און די קאָמוניסטישע פּארטיי.

## דייטשלאַנד

ליגט אין מיטען פון מערב אייראפּא. פאַרנעמט א שטח פון 185,889 סקווער מייל. באפעלקערונג 65,300,000. הויפּט־שטאָדט בערלין מיט א באפעלקערונג פון 4 מיליאָן.

דייטשלאנד (דויטשעס רייך) באשטעהט פון א צאָל באזונדערע שטאַאטען, ווי פאָלגט:

| | | |
|---|---|---|
| 1. פּרייסען. באפעלקערונג — — 38,175,989 | הויפּט־שטאָדט | בערלין |
| 2. בייערען. באפעלקערונג — — 7,379,594 | " " | מינכען |
| 3. זאַקסען. באפעלקערונג — — 4,996,138 | " " | דרעזדען |
| 4. ווירטעמבערג. באפעלקערונג — 2,579,453 | " " | שטוטגארט |
| 5. באַדען. באפעלקערונג— — — 2,312,462 | " " | קאַרלסרוע |
| 6. טיורינגען. באפעלקערונג — — 1,609,300 | " " | ווייאמאר |
| 7. העססען. באפעלקערונג — — 1,347,295 | " " | דארמשטאַט |
| 8. פריישטאָדט האמבורג. באפ. — 1,152,489 | " " | שווערין |
| 9. מעקלענבורג־שווערין. באפ. — 674,411 | " " | אָלדענבורג |
| 10. אָלדענבורג. באפעלקערונג — — 547,749 | " " | בראַנשווייג |
| 11. בראַנשווייג. באפעלקערונג— — 501,675 | " " | דעסאַאו |
| 12. אנהאלט. באפעלקערונג — — 351,485 | " " | דעטמאָלד |
| 13. פרייסטאָדט ברעמען. באפ. — 338,846 | " " | נייע־סטרעליץ |
| 14. ליפּפּע ברעמען. באפ. — — 163,577 | " " | ביוהעבורג |
| 15. פרייסטאדט ליובעק. באפ. — 129,971 | | |
| 16. מעקלענבורג, ליובעק. באפ. — 110,371 | | |
| 17. שאַומבורג־ליפּפּע. באפ. — — 48,044 | | |

אינדוסטריעל איז דייטשלאנד דאָס אנטוויקעלסטע לאַנד אין אייראפּא. א דאַנק דער פאַרלאָרענער מלחמה און דעם עקאָנאָמישען קריזיס איז די ארבייטסלאָזיגקייט דאָרטען זייער גרויס און די עקאָנאָמישע נויט פיהלט זיך דאָרטען שטאַרקער ווי אין אנדערע אינדוסטריעל אנטוויקעלטע לענדער.

נאָך דער מלחמה איז דייטשלאנד געוואָרען א רעפּובליק. די קאָנסטיטוציע, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרען אין 1919, אין ווייאמאר (באוואוסט אלס די ווייאמאר קאָנסטיטוציע) איז געווען איינע פון די דעמאָקראַטישסטע אין דער וועלט.

אין מארטש 1933 האָבען די נאַצים פארכאַפּט די מאכט אין דייטשלאנד און האָבען איינגעשטעלט א דיקטאַטור, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכען אין דער נייער געשיכטע פון דער מענשהייט.

## גריכענלאַנד

רעפּובליק. געפינט זיך אויפ'ן דרומ'דיגען טייל פון באַלקאַנישען האַלב־אינזעל. פאַרנעמט א שטח פון 41,641 סקווער מייל. די אינזלען וואָס באַלאַנגען צו גריכענלאַנד פאַרנעמען א שטח פון 8,616 סקווער מייל. באפעלקערונג 6 און א האַלב מיליאָן. הויפּט־שטאָדט אַטען מיט א באַפעלקערונג פון 452,919.

גריכענלאַנד איז הויפּטזעכליך אן אגריקולטורעל לאַנד, הויפּטזעכליך סעדעריי (פייגען, אראַנדזש און ציטרינען בוימער). אויך איז דאָרטען אנטוויקעלט דער האַנדעל. אינדוסטריע איז שוואַך אנטוויקעלט.

## גואַטעמאַלאַ

רעפּובליק. ליגט אין צפון טייל פון סאוט אמעריקא, איז א בערגיג און וואולקאַניש לאַנד. הויפּט פּראָדוקציע: באַנאַנאַס, צוקער, קאַפּע, טשיקל (גאָם). באַפעלקערונג 2,454,000 (1927). הויפּט־שטאָדט גואַטעמאַלאַ מיט א באַפעלקערונג פון 165,928.

## האַאיטי

רעפּובליק. געפינט זיך אין מערב פון דעם אינזעל האַאיטי אָדער סאַנטאַ־דאָמינגאָ. שטח 10,204 סקווער מייל. באַפעלקערונג 2 און א האַלב מיליאָן. הויפּט־שטאָדט פּאָרט־אָ־פּרינס מיט א באַפעלקערונג פון 79,797. הויפּט פּראָדוקציע: קאַפּע, בוימוואָל און צוקער.

## האָנדוראַס

רעפּובליק אין צענטראַל אמעריקא. שטח 46,332 סקווער מייל; באַפעלקערונג (1930) 859,761. הויפּט־שטאָדט טעגוסיגאַלפּאַ מיט א באַפעלקערונג פון 40,049. באַשעפטיגונג—לאַנד־ארבייט און פיהצוכט. האָנדוראַס פאַרמאָגט א סך וואַלד, אבער פאַרלויפיג זיינען זיי נאָך שוואַך באַארבייט.

## אונגאַרן

פאַר דער מלחמה איז אונגאַרן געווען א טייל פון עסטרייך־אונגאַרישער אימפּעריע. נאָכ'ן שלום־אָבמאַך איז אונגאַרן געוואָרען א זעלבסטשטענדיג קעניגרייך מיט א רעגענט. זי גרעניצט זיך מיט רומעניע און יוגאָסלאַוויע.

שטח 35,911 סקווער מייל. באַפעלקערונג (1930) 8,688,349. הויפּט־שטאָדט בודאַפּעסט מיט א באַפעלקערונג פון 1,006,140. באַשעפטיגונג — ערד־ארבייט און פיהצוכט. שטאַרק אנטוויקעלט איז דאָרטען וויינגערטנעריי.

## מעסאָפּאָטאַמיע

דאָס קעניגרייך מעסאָפּאָטאַמיע (אין אראַביש איראַק) געפינט זיך אין דרום־מערב זייט פון אזיע, צווישען קורדעסטאַן, פּערסיע, אראַבישען מדבר און פּערסישען ים איינגוס. זי פאַרמאָגט א שטח פון 143,240 סקווער מייל און האָט א באַ־

פעלקערונג פון ארום 3 מיליאָן. הויפּט־שטאָדט באגדאד מיט א באפעלקערונג פון ארום 300 טויזענט. באשעפטיגונג — ערד־ארבייט און פיהצוכט.

## איטאַליען

איטאליען פארנעמט דעם אַפּעניניגישען האלב־אינזעל און די אינזלען: סיציליע, סארדיניע, עלבע און נאָך אייניגע קלענערע. נאָך דער מלחמה האָט זי באקומען טיראָל און דעם האלב־אינזעל איסטריע. צוזאמען פארנעמט זי א שטח פון 119,744 סקוועער מייל מיט א באפעלקערונג אין 1933 פון 41,806,000. הויפּט־שטאָדט רוים מיט א באפעלקערונג (1931) פון העכער עטוואָס פון 1 מיליאָן.

הויפּט באשעפטיגונג איז ערד־ארבייט און פיהצוכט. אינדוסטריע איז שוואך אנטוויקעלט.

איטאליען איז דאָס ערשטע לאנד, וואָס איז באהערשט געוואָרען פון פאשיזם, פאשיסטען האָבען דאָרטען ארייננעכאפּט די מאכט אין אָקטאָבער 1922.

פאָלקס־בילדונג געפינט זיך אין א נידעריגען צושטאנד; איבער 60 פּראָצענט פון דער באפעלקערונג זיינען אנאלפאבעטען.

## יאַפּאַן

אימפּעריע. ליגט אין מזרח אזיע אויף אינזלען אין פאציפישען אָקעאן. יאפּאן גופא (יאפאנעזישער ארכיפּעלאָג) פארנעמט א שטח פון 148,756 סקוועער מייל; קארעא 85,206 סקוועער מייל, א טייל פון אינזעל סאכאלין 13,253 סקוועער מייל. צוזאמען מיט די איבעריגע אינזלען א שטח פון 263,359 סקוועער מייל. באפעלקערונג, (1930) 90,395,041; הויפּט־שטאָדט טאָקיאָ מיט א באפעלקערונג פון 5,311,000 (צוזאמען מיט די פאָרשטעדט).

יאפּאן האָט א סך בערג, וועלכע זיינען רייך מיט וואולקאנען און דעריבער קומען דאָרטען פאָר אָפטע ערדציטערנישען, וועלכע פארניכטען אמאָל גאנצע שטעדט. אין די טיפענישען פון דער ערד געפינען זיך מעטאלען און קוילען, דאָס האָט געגעבען א מעגליכקייט דער אינדוסטריע זי זאָל זיך דאָרטען שטארק אנטוויקלען.

דער קלימאט איז א ווארימער און א פייכטער, וואקסט דאָרטען רייז, מאאיס, טאבאק, טיי, ווייץ, אויך וואקסען דארטען בוימער אויף וועלכע עס האָדעווען זיך זייד־ווערעמלעך. זייד איז אין יאפּאן א וויכטיגע פּראָדוקציע.

יאפּאן איז א באגרענעצטע מאָנארכיע, זי האָט א פּארלאמענט, וועמענס מאכט ווערט וואָס ווייטער אלץ שטארקער.

יאפּאן פירט יעצט אָן א קריג מיט כינע, פון וועלכע זי האָט אָבגעריסען א שטיק מאנדזשוריע און די פּראָווינץ יעהאל, וועלכע שטעלען יעצט צוזאמען די נייע מאָנארכיע מאנטשוקאָ.

## לאַטוויע

פאר דער מלחמה איז לאטוויע געווען א טייל פון רוסלאנד; אין נאָוועמבער 1917 איז זי געוואָרען א זעלבסטשטענדיגע רעפּובליק. זי געפינט זיך ביים ברעג פון באלטישען ים און איז צוזאמענגעשטעלט פון קורלאנדער, א טייל פון ליפלאנדער און א טייל פון וויטעבסקער גובערניעס. זי פארנעמט א שטח פון 25,402

סקוועער מייל און האָט א באַפעלקערונג פון קארגע 2 מיליאָן. הויפּט־שטאָדט רינא מיט א באפעלקערונג פון 377,917.

הויפּט באשעפטיגונג — ערד־ארבייט און פיהצוכט. אויך איז אנטוויקעלט פישעריי ביי די ברעגען פון ים און די אָזערעס.

אין יוני 1934 האָבען די פאשיסטען פארכאַפּט די מאכט און לאַטוויע איז אויך געוואָרען א טייל פון דער שוין גרויס געוואָרענער משפחה פון פאשיסטישע מלוכות.

## ליבעריע

רעפּובליק. געפינט זיך אין דרום־מערב טייל פון אפריקע. שטח 45 טויזענט סקוועער מייל; באַפעלקערונג צווישען 1 און האַלבען און 2 מיליאָן; הויפּט־שטאָדט מאָנראָוויין מיט א באפעלקערונג פון 10 טויזענט. ארום 20 טויזענט אמעריקאנער נעגער געפינען זיך דאָרט.

הויפּט פּראָדוקט איז ראָבער (גומי). די פייערסטאָן טייער און ראָבער קאָמפּ. פון אמעריקע האָט אין 1925 אָבגעדונגען א מיליאָן אקער לאַנד צו אנטוויקלען ראָבער פּלאַנטאַציעס.

## ליטע

פאר דער מלחמה א טייל פון רוסלאנד; איינע פון די פילע קליינע מלוכות אויפגעשטעלט נאָכ׳ן ווערסאַילער טראַקטאַט. זי ליגט ביים באַלטישען ים צווישען לאַטוויע, פּוילען און דייטשלאנד. שטח 20,550 סקוועער מייל מיט א באפעלקערונג פון 2,340,038. הויפּט־שטאָדט קאָוונע מיט א באפעלקערונג פון 113 טויזענט, פון וועלכע איבער 50 טויזענט זיינען אידען.

די הויפּט באשעפטיגונג איז ערד־ארבייט. 80 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג וואוינען אין דערפער. אין 1931 האָט זיך אין ליטע געצעהלט 287,380 פערמעס. אינדוסטריע איז שוואך אנטוויקעלט.

## ליכטענשטיין

מאָנארכיע. ליגט צווישען עסטרייך און שווייץ. שטח 65 סקוועער מייל מיט א באַפעלקערונג פון 10,213 (1930); הויפּט־שטאָדט וואדוס מיט א באפעל־קערונג פון 1715 נפשות. באשעפטיגונג—לאנדווירטשאפט און פיהצוכט, וועלכע איז דאָרט זייער הויך אנטוויקעלט.

## לוקסעמבורג

גרויס-הערצאָגטום. ליגט צווישען דייטשלאנד, בעלגיע און פראנקרייך. שטח 999 סקוועער מייל; באפעלקערונג (1930) 300,748. הויפּט־שטאָדט לוקסעמבורג מיט א באפעלקערונג פון 53,791.

אין צפונדיגען טייל איז די באשעפטיגונג לאנדווירטשאפט; אין דרום איז אנטוויקעלט די מיין אינדוסטריע.

## מאַנטשוקאָ

מאנטשוקא איז אפגעריסען געווארען פון כינע מיט דער הילף פון יאפאן און איז פראָקלאמירט געווארען אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה דעם 18טען פעברואר 1932. דער געוועזענער „קינד" אימפעראטאָר הענרי פון יואי, וועמען די רעוואָ־לוציע אין כינע אין 1911 האָט ארונטערגעוואָרפען פון קייסער־שטול, איז צוריק ארויפגעזעצט געוואָרען אויפ'ן טראָן פון דער נייער מלוכה.

מאנטשוקא ליגט אין צפון־מזרח טייל פון כינע. זי האָט א שטח פון 460,383 סקוועך מייל און א באפעלקערונג פון איבער 34 מיליאָן. די הויפט־שטאָדט הסינקינג מיט א באפעלקערונג פון 134 טויזענט. אנדערע וויכטיגע שטעדט זיינען: הירין מיט 815 טויזענט מענשען; מוקדען — 422 טויזענט מענשען; כארבין — 333 טויזענט מענשען און אנטונג — 160 טויזענט מענשען.

די הויפט באשעפטיגונג איז ערד־ארבייט. דער באָדען פון מאנטשוקא איז איינער פון די רייכסטע אין דער וועלט. אויך איז דער באָדען זייער רייך מיט קוילען זאפאסען ווי אויך מיט אנדערע מינעראלען, וועלכע יאפאן, די אמת'ע הערשערין פון מאַנטשוקאָ קלייבט זיך צו אנטוויקלען.

## מעקסיקאָ

רעפובליק. שטח 767,198 סקוועך מייל; באפעלקערונג (1930) 16,404,030; הויפט־שטאָדט מעקסיקא־סיטי מיט א באפעלקערונג פון 968,443.

דער קלימאט אין מעקסיקא איז זעהר גינסטיג פאר דעם וואוקס פון פאר־שידענע פרוכטען; אויך איז דאָס לאנד רייך אין אלגעמיינע אגריקולטורעלע פראָ־דוקטען, ווי צוקער, קאַפע, רייז און אנדערע.

אינדוסטרי אין מעקסיקא איז נאָך שוואך אנטוויקעלט, הגם די לעצטע יאָהרען האָט זי זיך אנגעהויבען אנטוויקלען שטארקער, איבערהויפט די טעקסטיל און שטאָל אינדוסטרי.

מעקסיקא איז רייך אין אויל און פעטראָלעאום פעלדער. פון 1901 ביז 1932 האָט מעקסיקא פראָדוצירט איבער 16 טויזענט מיליאָן בארלס אויל, וואָס האָט געהאט א מארקעט ווערט פון איבער 15 טויזענט מיליאָן דאלאר.

מעקסיקא איז געווארען אן אומאָפּהענגיגע רעפובליק אין יאָהר 1810. אבער די שטענדיגע בירגער־קריגען און רעוואָלוציעס שוואכען שטארק אָפּ און פארהאַלטען די אנטוויקלונג פון לאנד.

## מאָנאַקאָ

פרינסיפאליטי (באהערשט פון א פרינץ) ליגט ביים מיטעללענדישען ים, אין שכנות פון פראנקרייך. שטח 399 טויזענט אקער לאנד; באפעלקערונג (1928) 24,927.

מאָנאַקאָ איז באוואוסט דורך דער שטאָדט מאנטע־קארלאָ, וועלכע איז באַ־ריהמט דערמיט, וואָס דארטען קומען זיך צוזאמען מענשען פון אלע טיילען וועלט מיט'ן איינציגען צוועק צו געמבלען. כמעט דער גאנצער איינקונפט פון דער קליינער מדינה'לע קומט פון די געמבלינג טישען.

## מאראָקאָ

די יעצטיגע מאראָקאָ איז מעהר ניט ווי א רעמאנאנט פון דער אמאָליגער גרויסער אימפעריע, וועלכע האָט פארנומען דעם גאנצען צפון־מערב׳דיגען טייל פון אפריקע. יעצט פארנעמט מאראָקאָ אין גאנצען א שטח פון 218,525 סקווער מייל און האָט א באַפעלקערונג פון עטוואָס איבער 5 מיליאָן (117 טויזענט אידען). הויפט־שטאָדט פעז מיט א באַפעלקערונג פון 108 טויזענט.

פון דרום צו צפון איבער דער גאנצער לענג פון מאראָקאָ לויפען די אטלאס בערג, וועלכע באשיצען דעם גאנצען ברעג פון אטלאַנטישען אָקעאן פון די הייסע ווינטען פון דעם מדבר סאכארע, דארום איז דאָ דער קלימאט זייער א מעסיגער און דער באָדען זייער פרוכטבאר.

באשעפטיגונג — ערד־ארבייט און פיהצוכט. אויסער פארשידענע ערד־פּראָדוקטען ווערט פון מאראָקאָ ארויסגעשיקט א סך עופות און אייער. אין 1930 האָט דער עקספּאָרט פון אייער דערגרייכט די סומע פון 97 מיליאָן פראנק.

מאראָקאָ איז אונטער׳ן קאָנטראָל פון פראנקרייך און שפּאניע.

## האָלאַנד

האָלאנד ליגט ביים ברעג פון צפון־ים, צווישען דייטשלאנד און בעלגיע. שטח 13,208 סקווער מייל; באַפעלקערונג (1931) 8,061,571. הויפּט־שטאָדט האאג מיט א באַפעלקערונג פון 449,614. אנדערע וויכטיגע שטעדט — אמסטערדאם, באַפעלקערונג 766,263 און ראטערדאם — 587,816.

האָלאנד איז א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע. דער פּארלאמענט באשטעהט פון 2 קאמערן. די אויבערשטע ווערט ערוועהלט דורך די פּראָווינציעלע ראטען אויף 9 יאָהר; די אונטערשטע דורך געהיימע וואהלען פון אלע בירגער פון 25 יאָהר אָן אויף 4 יאָהר.

הויפט באשעפטיגונג פיהצוכט; די אינדוסטריע איז שוואך אנטוויקעלט. האָלאנד איז הויפּטזעכליך א האנדעלס מלוכה. דער האנדעל ווערט מעהרסטענס געפירט מיט איהרע קאָלאָניעס.

## נאָרוועגיע

נאָרוועגיע פארנעמט דעם מערב׳דיגען בערגיגען טייל פון דעם סקאנדינאַווישען האלב־אינזעל. זי פארנעמט א שטח פון 124,964 סקווער מייל און האָט א באַפעלקערונג פון (1931) 2,817,124.

נאָרוועגיע איז א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע. דער פּארלאמענט (סטארטינג) ווערט ערוועהלט אויף 3 יאָהר פון אלע בירגער פון 23 יאָהר אָן.

די הויפּט באשעפטיגונג איז פיש־פאנג. נאָרוועגיע איז רייך מיט וואָלד און די האָלץ אינדוסטריע איז שטארק אנטוויקעלט.

הויפּט־שטאָדט איז אָסלאָ (ביז 1925 אונטער׳ן נאָמען כריסטיאנע) מיט א באַפעלקערונג פון 253,124.

## ניקאַראַגואַ

רעפובליק אין דרום אמעריקע. שטח 49,200 סקווער מייל; באפעלקערונג 750 טויזענט (1923). הויפט־שטאָדט מאנאגוואַ מיט א באפעלקערונג פון 45 טויזענט. דאָס לאַנד פארמאָגט א סך וואלד. הויפט באשעפטיגונג — אגריקולטור. דער הויפט עקספאָרט: באנאנעס, צוקער און קאַפע.

## פאַנאַמאַ

רעפובליק אין סאוט־אמעריקא, פארנעמט דעם שמאָלען פאַס לאַנד, וואָס פאראייניגט נאָרד און סאוט אמעריקא. שטח 33,667 סקווער מייל און האָט א באפעלקערונג פון ארום א האלבען מיליאָן. הויפט־שטאָדט פאנאמאַ מיט א באַפעלקערונג פון ארום 75 טויזענט. באשעפטיגונג פיהצוכט און ערד־ארבייט. פאנאמאַ שיקט ארויס א סך פרוכטען, איבערהויפט באנאנעס און קאַקאַ־ניס.

## פאַראַגוויי

רעפובליק אין סאוט־אמעריקא; שטח 61,647 סקווער מייל. פאראגוויי האָט א טענה אויף נאָך טעריטאָריע וואָס ליגט צווישען פאראגוויי און פילקאמאַאיאַ און וואָס איז באוואוסט אונטער'ן נאָמען גראן־טשאקאָ. איבער אָט דער טעריטאָריע געהט יעצט אָן א מלחמה צווישען פאראגוויי און באָליוויא.

באפעלקערונג, אויסער טשאקאָ, איז געווען אין 1930, 851,564. הויפט־שטאָדט אסונסיאָן מיט א באפעלקערונג פון 91,156. ערד־ארבייט און פיהצוכט איז די הויפט באשעפטיגונג.

## פערסיע

אָן אלט קעניגרייך אין אזיע. א גרויס אָבער אָן אָרים און ווייניג באפעלקערט לאַנד. פערסיע פארמאָגט א סך פעטראָלעאום, וועלכע ווערט קאָנטראָלירט פון דער אנגלאָ־פערסישער אויל קאָמפאַני. הויפט באשעפטיגונג איז ערד־ארבייט. די הויפט אינדוסטריע איז די קארפעט־וועבעריי, וועלכע ווערט געארבייט מיט די הענט.

באפעלקערונג (1931) ארום 9 מיליאָן; הויפט־שטאָדט — טעהעראן מיט א באפעלקערונג פון 320 טויזענט.

## פערו

רעפובליק אין סאוט־אמעריקא; שטח 532,047 סקווער מייל; באפעלקערונג ארום 5 מיליאָן. הויפט־שטאָדט לימא מיט א באפעלקערונג פון (1931) 272,242. דער באָדען איז רייך מיט פארשידענע מינעראלען, איבערהויפט קופער, זילבער און אויל. די גאנצע אינדוסטריע ווערט קאָנטראָלירט פון אויסלענדישען קאפיטאל.

## פוילען

די רעפובליק פון פוילען איז צוזאמענגעשטעלט געווארען נאָך דער וועלט־

מלחמה, אין 1919, פון טיילען, וואָס האָבען פריהער באַלאַנגט צו רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך. זי פאַרנעמט יעצט אַ שטח פון 149,957 סקווער מייל מיט אַ באַפעלקערונג פון 32,132,936, פון וועלכע עטוואָס ווייניגער פון 10 פּראָצענט זיינען אידען.

הויפּט־שטאָדט איז ווארשא מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,178,211. אנדערע וויכטיגע שטעדט — לאָדזש—605,287; לוואוו (לעמבערג)—316,177; פּאָזען — 246,574; קראַקאוו—221,260 און ווילנע—197,409.

לויט דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אנגענומען געווארען אין 1921, ווערט פּוילען רעגירט פון אַ פּאַרלאַמענט, וועלכער באַשטעהט פון סענאַט מיט 111 מיטגלידער און אַ סעים מיט 444 מיטגלידער, אָבער פאַקטיש הערשט דאָרטען אַ דיקטאַטאָר (מאַרשאַל יאזעף פּילסודסקי).

די באַפעלקערונג פון פּוילען שטעהט אויף ניט קיין הויכער קולטורעלער מדרגה; ביז איצט איז נאָך דאָ ארום 50 פּראָצענט אנאלפאבעטען, הויפּטזאכליך אין די געגענדען, וואָס זיינען אריבער פון רוסלאַנד.

אין אַלגעמיין איז פּוילען אַן אַגראַר לאַנד. אין גאַליציע ווערט פּראָדוצירט פּעטראָלעאום; אין אָבער־שלעזיע (דאַמבראָווער געגענד) ווערט פּראָדוצירט אַ סך קוילען, ווי אויך שטאָל, אייזען א. ז. וו.; אין לאָדזש און אומגעגענד ווערט פּראָדוצירט טעקסטיל.

די פּוילישע מטבע איז די זלאָטע, וועלכע האָט די ווערט פון ארום 19 סענט.

## פּאָרטוגאַל

רעפּובליק. פאַרנעמט דעם מערב־דיגען טייל פון פּירענייאישען האַלב־אינזעל אין אייראָפּא. זי פאַרנעמט אַ שטח פון 35,490 סקווער מייל מיט אַ באַפעלקערונג פון 6,698,345. הויפּט־שטאָדט ליסאַבאָן מיט אַ באַפעלקערונג פון 600 טויזענט. באַשעפטיגונג—ערד־ארבייט און וויין־גערטנעריי.

## רומעניע

קעניגרייך. שטח 113,886 סקווער מייל. באַפעלקערונג (1930) 18,025,237. הויפּט־שטאָדט בוקאַרעסט מיט אַ באַפעלקערונג פון 631,288.

די באַפעלקערונג פון רומעניע ווערט צוטיילט ווי פאָלגט: אַלט־רומעניע — 7,955,600; דאָבראָדזשאַ — 811,322; בעסאַראַביע — 2,865,506; טראַנסילוואַניאַ — 3,217,149; בוקאָווינאַ — 845,903; מאַראַמורעש — 1,387,675 און באַנאַט — 942,072. 13 מיליאָן זיינען רומענער, די איבעריגע 5 מיליאָן פון פאַרשידענע אנדערע נאַציאָנאַליטעטען. אידען זיינען דאָ אין רומעניע איבער אַ מיליאָן.

דער באָדען אין רומעניע איז זעהר, זעהר פּרוכטבאַר; 4 פינפטעל פון דער באַפעלקערונג זיינען באַשעפטיגט מיט ערד־ארבייט. די אינדוסטריע איז שוואַך אנטוויקעלט, אויסער די אויל אינדוסטריע; דער עקספּאָרט פון אויל אין 1931 האָט דערגרייכט די סומע פון 41 מיליאָן דאָלאַר.

פּאָליטיש באַלאַנגט רומעניע צום קלאַס האַלב־פאַשיסטישע לענדער. פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פרייהייטען זיינען דאָרט זייער שטאַרק באַגרענעצט.

## סאַלוואַדאָר

רעפובליק אין דרום־אמעריקא. שטח 13,173 סקווער מייל; באפעלקערונג (1930) 1,459,578. הויפט־שטאָדט סאַן־סאַלוואדאר מיט א באפעלקערונג פון 96,477.

סאלוואדאר איז אן אגריקולטורעל לאנד. עס פארמאָגט א סך וועלדער און עקספּאָרטירט א סך געהילץ.

## סיאַם

א קעניגרייך אין דרום־מזרח פון אזיע. פארנעמט א שטח פון 200,148 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג (1929) פון 11 און א האלב מיליאָן מענשען. הויפט־שטאָדט באנגקאָק מיט א באפעלקערונג פון 931,170. ערד־ארבייט און פיהצוכט איז די הויפט באשעפטיגונג.

## שפּאַניע

פארנעמט 5 זעקסטעל פון פירענייאישען האלב־אינזעל אין וועסט־אייראפא, א שטח פון 190,050 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון 28,719,177 אין 1933. הויפט־שטאָדט מאדריד. באפעלקערונג 900 טויזענט. הויפט באשעפטיגונג ערד־ארבייט און אויך פיהצוכט. שפאניע פארמאָגט א סך נאטירליכע אוצרות, ווי קופער, זילבער, צינק, קוועקזילבער, אייזען און קוילען.

דעם 14טען אפריל, 1931 איז שפאניע ערקלערט געווארען א רעפובליק. די געזעצגעבענדע מאכט ליגט אין די הענט פון קארטעס, וועלכער ווערט ערוועהלט פון אלע בירגער פוןביידע געשלעכטען.

## שוועדען

שוועדען פארנעמט דעם מזרח'דיגען טייל פון סקאנדינאווישען האלב־אינזעל אין צפון־אייראפא. שטח 173,157 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון (1930) 6,141,671. הויפט־שטאָדט סטאָקהאָלם מיט א באפעלקערונג פון 519,711. אנדערע גרויסע שטעדט: געטעבורג—247,911 און מאלמע—129,927.

הויפט באשעפטיגונג—ערד־ארבייט; 79 פּראָצענט פון דער באפעלקערונג וואוינט אין דערפער. די צווייטע וויכטיגע באשעפטיגונג איז וואלד־ווירטשאפט; געהילץ ווערט ארויסגעפירט אין אלע אייראָפּייאישע לענדער, אויך קיין אויסטראליע און דרום־אמעריקא. א סך האָלץ ווערט באארבייט אין לאנד גופא אויף שוועבעלאך און פּאפּיר. שוועדען פארמאָגט אויך נאטירליכע אוצרות, ווי אייזענארץ און קופער.

פּאָליטיש איז שוועדען א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע, אבער שוועדען איז איינע פון די דעמאָקראטישסטע לענדער אין אייראפא. די סאָציאליסטישע פארטיי האָט 104 דעפּוטאַטען אין פארלאַמענט פון אן אלגעמיינער צאָל 230. דער פּרעמיער איז דער סאָציאליסט אלבין האנסאן, און דער מיניסטאָרען קאבינעט איז א קאָאליציע פון סאָציאליסטען און פּויערים־פאָרשטעהער.

## שווייץ

ליגט צווישען דייטשלאנד, פראנקרייך, עסטרייך און איטאליע; פארנעמט א שטח פון 15,940 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון 4,066,400 אין 1930. הויפט־שטאָדט בערן מיט א באפעלקערונג פון 111,783. אנדערע שטעדט: צוריך—249,820; באזעל—148,063; זשענעווע—142,812 און לוזאן—75,915.

די באפעלקערונג און די שפראך איז א געמישטע; אין 1920 האָבען אין שווייץ געוואוינט: 2,750,622 מענשען דייטש; 824,320—פראנצויזיש און 238,544 איטא־ליעניש. ס'זיינען דאן געווען 402,385 אויסלענדער אין דער שווייץ.

הויפט באשעפטיגונג איז פיהצוכט און טיילווייז די מאנופאקטור פון זייגער, לוקסוס־זאכען, זייד און באוועל אויסארבייטונגען. א גרויסען איינקונפט האָט די שווייץ פון די פילע טוריסטען פון אלע עקען וועלט, וועלכע קומען צו באוואונדערען די שעהנע בערגיגע נאטור.

שווייץ איז א פארבאנד פון 22 קאנטאנען, וועלכע זיינען פאראייניגט אונטער איין פעדעראלע קאָנסטיטוציע. דער פארלאמענט באשטעהט פון 2 קאמערען: דער נאַציאָנאל־ראַט, ערוועהלט פון דער גאנצער באפעלקערונג, 187 פארשטעהער און דער שטאאט־ראט, וואו יעדער קאנטאָן שיקט צו 2 מיטגלידער. די עקזעקוטיווע מאכט ליגט אין דעם בונדעס־ראט פון 7 מיטגלידער, וועלכע ווערען ערוועהלט פון דעם פארלאמענט.

## טערקיי

פון דער גרויסער אָטאָמאנישער אימפעריע מיט א שטח פון 710,224 סקווער מייל איז נאָך דער מלחמה דער שטח פון טערקיי געבליבען בלויז 294,492 סקווער מייל, וועלכע 9,257 איז אין אייראפא און די איבעריגע אין אזיע. א טייל פון ארמעניע, סיריע, מעסאפאָטאמיע, עגיפטען און אראביע זיינען פון טערקיי אבגע־ריסען געווארען. די באפעלקערונג איז אין 1927 געווען 13,660,275. הויפט־שטאָדט אנגארא מיט א באפעלקערונג פון 74,789. די וויכטיגסטע שטאָדט איז קאָנסטאנטינאָפאָל מיט א באפעלקערונג פון 704,825.

הויפט באשעפטיגונג איז אגריקולטור; דער הויפט פראָדוקט איז טאבאק, וועל־כער ווערט עקספּאָרטירט אין אלע טיילען פון דער וועלט.

פאָליטיש איז טערקיי איצט א רעפובליק.

## אוראַגוויי

רעפובליק אין דרום-אמעריקא. פארנעמט א שטח פון 72,153 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון (1932) 1,941,398. הויפט־שטאָדט מאנטעווידעא מיט א באפעלקערונג פון 655,599.

הויפט באשעפטיגונג — ערד־ארבייט און פיהצוכט. פיהצוכט איז שטארק אנט־וויקעלט; אין 1931 איז אין אוראגוויי געווען 7,128,000 שטיק בהמות און אָקסען, 20 און א האלב מיליאָן שעפסען און 308,000 חזירים.

## ווענעזועלאַ

רעפּובליק אין דרום־אמעריקאַ. שטח 393,976 סקווער מייל. באַפעלקערונג (1926) 3,026,976. הויפּט־שטאָדט קאַראַקאַס; באַפעלקערונג 135,253.

דער קלימאַט איז א טראָפּישער. עס וואַקסען פאַרשידענע טראָפּישע תבואות און פּרוכטען. ערד־ארבייט און פיהצוכט זיינען די הויפּט באַשעפטיגונגען.

## יוגאָסלאַוויע

די גרעסטע מלוכה פון באַלקאַנישען האַלב־אינזעל אין אייראָפּאַ. שטח—96,018 סקווער מייל; באַפעלקערונג—(1931) 13,930,918.

יוגאָסלאַוויע באַשטעהט פון די פאָלגענדע לענדער: סערביע, מאָנטענעגראַ, באָסניאַ, הערצעגאָווינע, דאַלמאַציע, כּראָוואַציע און טיילען פון קראַינע און באַנאַט. די באַפעלקערונג איז זעהר א געמישטע.

דער הויפּט קוואַל פון חיונה איז ערד־ארבייט. עס זיינען אויך פאַראַן נאַטיר־ליכע אוצרות, אבער זיי ווערען ווייניג אויסגענוצט.

יוגאָסלאַוויע איז א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, מיט זייער ווייניג פּאָליטישע פרייהייטען.

# פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליס־טישע רעפּובליקען

## (סאָוועט רוסלאַנד)

סאָוועט־רוסלאַנד פאַרשפּרייט זיך אויף צוויי קאָנטינענטען; זי פאַרנעמט דעם מזרח העלפט פון אייראָפּא און דעם צפון'דיגען טייל פון אזיע. זי פאַרנעמט א שטח פון 8,144,228 סקווער מייל (21,253,572 קילאמעטער) מיט א באַפעלקערונג פון (לויט אפיציעלע ציפערן פון 1933) 165,700,000 נפשות.

הויפּט־שטאָדט — מאָסקווע, מיט א באַפעלקערונג (1931) פון 2,781,300. אנדערע שטעדט מיט א באַפעלקערונג פון העכער 200 טויזענט זיינען: לענינגראַד — 2,228,300; באַקו—575,200; קיעוו—539,500; כאַרקאָוו—521,500; אדעסא — 475,500; ראָסטאָוו אויפ'ן דאָן — 457,100; טאַשקענט — 421,800; ניזשני־נאָווגאָראָד — 350,300; טיפליס — 347,900; דניעפּרא־פּעטראָווסק — 322,800; סטאַלינגראַד — 294,500; סאַראַטאָוו — 277,500; סווערדלאָווסק — 223,300; סאַמאַרא — 240,400; קאַזאַן — 202,000.

דער פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקען (פ. ס. ס. ר.) איז א צוזאַמענשטעל פון א רייע רעפּובליקען און פאַרבאַנדען פון רעפּובליקען. אין 1932 איז דער צוזאַמענשטעל געווען ווי פאָלגט:

1) ר. ס. פ. ס. ר. (רוסישע סאָוועטישע פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע רעפּובליק, סאָוועט־רוסלאַנד גופא), וועלכע פאַרנעמט א שטח פון 92 פּראָצענט פון דעם שטח פון דעם גאַנצען פאַרבאַנד (19,757,953 קילאמעטער) און פאַרמאָגט כמעט 70 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג (100,858,000). די הויפּט־שטאָדט איז מאָסקווע. די פ. ס. פ. ר. איז א צוזאַמענשטעל פון די פאָלגענדע אויטאָנאָמע סאָוועטישע רעפּובליקען (אויסער דער רוסישער גופא):

| נאָמען פון רעפּובליק | הויפּט־שטאָדט | באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| 1. באַקשיר | אופא | 2,695,000 |
| 2. בוריאַט-מאָנגאָל | ווערכניע־אודינסק | 491,300 |
| 3. טשוואַש | טשעבאָקסאַרי | 894,500 |
| 4. קרים | סימפעראָפּאָל | 714,100 |
| 5. דאַגעסטאַן | מאַכאַטש־קאַלא | 788,100 |
| 6. דייטש־וואָלגא | ענגעלס | 571,900 |
| 7. קאַרא־קאַלפּאַק | נוקוס | 304,600 |
| 8. קאַרעליאַן | פּעטראָזאַוואָדסק | 269,700 |
| 9. קאַזאַק | אַלמא־אַטא | 6,291,700 |
| 10. קירגיז | פרונזע | 993,100 |
| 11. טאַטאַר | קאַזאַן | 2,495,000 |
| 12. יאַקוט | יאַקוטסק | 278,800 |

אויסער די צוועלף רעפּובליקען באַלאַנגען צו דער פּ. ס. ס. ר. די פֿאָלגענדע אויסנאַמע קרייזען (אָבלאַסט):

אדמיניסטראַטיווער צענטער

| קרייז | הויפּט־שטאָדט | באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| אדיגהע | קראַסנאַדאַר | 114,200 |
| אודמורט | אישעווסק | 956,300 |
| טשעטשען | גראָזני | 309,900 |
| סירקאַסיאַן | באַטאַלפּאַשינסק | 37,000 |
| אינגוש | אָרדזשאָניקידזע | 75,000 |
| קאַבאַרדיאַן־באַלקאַר | נאַיטשיק | 204,000 |
| קאַלמוק | עליסטאַ | 141,600 |
| קאַראַטשאַי | מיקאַיאַן־שאַכאַר | 65,000 |
| כאַקאַסקיאַן | אַבאַקאַן | 135,600 |
| קאָמי | סיקטיווקאַר | 207,800 |
| מאַרי | יאַשקאַר־אָלאַ | 482,100 |
| מאַרדוויאַן | סאַראַנסק | 1,298,000 |
| צפון־אָסעטיאַן | אָרדזשאָניקידזע | 152,400 |
| אויראַט | אויראַט־טולאַ | 99,900 |

2) די ווייס־רוסישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק באַשטעהט פֿון טיילען פֿון די אַמאָליגע מינסקער, מאָהליווער, וויטעבסקער און סמאָלענסקער גו־בערניעס. פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 126,792 סקוועיר קילאָמעטערס מיט אַ באַפעלקע־רונג פֿון (1926) 4,983,900. הויפּט־שטאָדט איז מינסק. ווייס־רוסלאַנד איז אַן אַגריקולטורעל לאַנד, פֿאַרמאָגט אבער אַ סך בלאָטעס און זומפּען; 250,500 אַקער זומפּען זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען און דער פּלאַן איז פֿאַר די קומענדע דריי יאָהר אויסטריקענען נאָך 5 און אַ האַלב מיליאָן אַקער.

די הויפּט אינדוסטריעס זיינען: האָלץ־אַרבייט, לינען, קאָנפעקטור, גלאָז, פּאַפּיר און שפּייז.

3) די אוקראַינער סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. דער גערדיכסטער באַזעצטער טייל פֿון סאָוועט־רוסלאַנד, פֿאַרמאָגט 2 פּראָצענט פֿון דער טעריטאָריע (451,731 סקוועיר קילאָמעטער) און 19,7 פּראָצענט פֿון דער באַפעלקערונג (אין 1926 האָט זי געהאַט אַ באַפעלקערונג פֿון 29,020,300). הויפּט־שטאָדט איז קיעוו (פּראָקלאַמירט אַלס הויפּט־שטאָדט דעם 25טען יוני 1934). 80 פּראָצענט פֿון דער באַפעלקערונג זיינען אוקראַינער, 9.5 פּראָצענט רוסען, 5.4 פּראָצענט אידען, 1.6 פּראָצענט פּאָליאַקען און 3.5 פּראָצענט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען. די שטאָדטישע באַפעלקערונג באַשטעהט פֿון 47.5 פּראָצענט אוקראַינער, 25 פּראָצענט רוסען און 22.7 פּראָצענט אידען. אין 3 פּערטעל פֿון די שולען ווערט געלערענט אין אוקראַי־ניש. 85.2 פֿון דער באַפעלקערונג זיינען אַרבייטער, 6 פּראָצענט פֿאַרמערס און 4.2 פּראָצענט זיינען אָפּיס אָנגעשטעלטע. אין אוקראַינע געפינט זיך דער באַוואוסטער שוואַרץ־ערד געגענד (טשערנאָזיאָם), דער פּרוכטבאַרסטער געגענט פֿון פֿאַרבאַנד. דער הויפּט פּראָדוקט איז ווייץ, אויך וואַקסט דאָרטען צוקער־בוריק און זאַמען־אויל. פּיהצוכט ווערט שטאַרק אַנטוויקעלט.

אוקראַינע פאַרמאָגט א סך נאַטירליכע אוצרות. אין דאַניעצער באַסיין ווערט אויסגעגראָבען 75 פּראָצענט פון די גאַנצע קוילען פון לאַנד, 70 פּראָצענט פון אייזען און א גרויסער טייל פון מאַנגאַנעזע. אין אוקראַינע איז שטאַרק אַנטוויקעלט די כעמישע און פאַרבען אינדוסטריען, זאַלץ־מינען און אַנדערע. אויפ'ן טייך דניעפּער איז אויפגעשטעלט געוואָרען דער באַוואוסטער דניעפּראָסטראָי, די גרעסטע עלעקטרישע סטאַנציע אין אייראָפּא.

4) די טראַנסקאַוקאַזער סאָציאַליסטישע פעדעראַלע סאָוועטישע רעפּובליק, וועלכע איז א צוזאַמענשטעלונג פון דער אַזערבאַיזשאַן רעפּובליק, מיט דער הויפּט שטאָדט באַקו, פון אַרמעניער רעפּובליק, מיט דער הויפּט־שטאָדט עריוואַן און פון גרוזינער (דזשאָרדזשיא) רעפּובליק, מיט דער הויפּט־שטאָדט טיפליס. די הויפּט־שטאָדט פון דער פעדעראַל רעפּובליק איז טיפליס. דער שטח איז 184,492 סקווער קילאָמעטער און די באַפעלקערונג איז אין 1926 געווען 5,850,700.

די באַפעלקערונג איז דאָ זעהר א געמישטע; איבער 20 נאַציאָנאַליטעטען וואוינען אין טראַנסקאַוקאַזיע. די הויפּט אינדוסטריע איז אויל. באַקו איז איינער פון די רייכסטע אויל געגענדען פון דער וועלט. דער הויפּט געוויקס אויף די פעלדער איז באַוועל פלאַנצען. פון די אינדוסטריען זיינען דאָ אַנטוויקעלט די באַוועל אינדוסטריע, זייד, לעדער און מילך פּראָדוקטען. לעצטענס זיינען דא אויך געפונען געוואָרען נייע נאַטירליכע אוצרות פון בליי, צינק, זילבער און אַנדערע.

5) די איזבעק סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק און די טורקאָמאַן סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק, וועלכע געפינען זיך אין צענטראַל אזיען. די אוזבעק ס. ס. ר. פאַרנעמט א שטח פון 340,388 סקווער קילאָמעטער און א באַפעלקערונג פון 5,270,200; הויפּט־שטאָדט טאַשקענט. די טורקאָמאַן ס. ס. ר. פאַרנעמט א שטח פון 491,216 סקווער קילאָמעטער און א באַפעלקערונג פון 1,030,500 הויפּט־שטאָדט אשכאַבאַד. דער הויפּט פעלד פּראָדוקט איז באַוועל - פלאַנצען (קאַטען). אויך זיינען דאָ אַנטוויקעלט וויינגערטנער, זייד פלאַנצען און פרוכט גערטנער. גרויסע פּלענער פאַר דער באַוואַסערונג פון פעלדער זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען, וואָס נעמען אריין איבער 9 מיליאָן אַקער לאַנד. דאָ ווערען שטאַרק אַנטוויקעלט לעצטענס די קוילען־מינען, אויל און זאַלץ אינדוסטריען.

6) די טאַדזשיקריסטאַנער סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק, ליגט אין אזיע, ביים כינעזישען גרעניץ. זי פאַרנעמט א שטח פון אַרום 100,000 סקווער מייל מיט א באַפעלקערונג פון אַרום א מיליאָן. הויפּט־שטאָדט סטאַלינאַבאַד. דאָס לאַנד איז רייך מיט נאַטירליכע אוצרות און די סאָוועט־רעגירונג שפּאָרט ניט קיין געלט די אוצרות צו אַנטוויקלען. דער הויפּט פּראָדוקט איצט איז באַוועל.

---

דער צענזוס פון 1926 האָט באַוויזען, אז אין פּ. ס. ס. ר. געפינען זיך 182 פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטען, מיט 149 פאַרשידענע שפּראַכען. 52.9 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג זיינען רוסען און 21.2 פּראָצענט אוקראַינער. דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג איז אַרום 3 און א האַלב מיליאָן א יאָהר.

דער העכסטער רעגירונגס־אָרגאַן אין דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטען איז דער אַלפאַרבאַנדישער קאָנגרעס, וואָס באַשטעהט פון איבער 2,000 מיטגלידער און וועלכער קומט זיך צוזאַמען אַן ערך איין מאָל אין צוויי יאָהר. דער לעצטער קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1934.

אין דער צייט צווישען קאָנגרעסען ליגט די העכסטע מאכט אין די הענט פון דעם צענטראַלען אויספיר קאָמיטעט. דער דאָזיגער קאָמיטעט איז צוזאַמענגעשטעלט פון דעם אַלפאַרבאַנדישען ראַט און פון דעם ראַט פון נאַציאָנאַליטעטען. דער אַל־פאַרבאַנדישער ראַט (450 מיטגלידער) ווערט ערוועהלט פון קאָנגרעס פון די פאַר־שטעהער פון די 7 רעפּובליקען פון דעם פאַרבאַנד; דער ראַט פון נאַציאָנאַליטעטען (193 מיטגלידער) איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשטעהער פון אַלע רעפּובליקען פון פאַרבאַנד צו 5 פון יעדע און צו פאַרשטעהער פון יעדען קרייז (אָבלאַסט).

דער צענטראַלער קאָמיטעט ערוועהלט א פּרעזידיום פון 27 מיטגלידער, וועלכער האָט די פולמאַכט אין דער צייט צווישען זיצונגען פון דעם קאָמיטעט.

דער צענטראַל אויספיר קאָמיטעט ערוועהלט מיטגלידער צום ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרען, וועלכער איז די אויספירונגס־מאַכט פון דער סאָוועט־רעגירונג. דער ראַט באַשטעהט פון 15 קאָמיסאַרען און א פאָרזיצער. די מיטגלידער פון דעם ראַט זיינען פאָלגענדע:

דער פאָרזיצער פון דעם ראַט — וו. מ. מאָלאָטאָוו.

קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים — מ. מ. ליטווינאָוו.
" " מיליטערישע ענינים — ק. ע. וואָראָשילאָוו.
" " אינערליכע פאַרטיילונג — א. א. מיקאיאַן.
" " אויסלענדישען האַנדעל — א. ראָזענגאָלץ.
" " טראַנספּאָרט — א. א. אַנדרעיעוו.
" " וואַסער טראַנספּאָרט — נ. מ. יאַנסאָן.
" " קאָמוניקאַציע — א. א. ריקאָוו.
" " פינאַנסען — ג. ט. גרינקאָ.
" " אַרבייטער און פויערים אינספּעקציע — דזש. ע. רודזוטאַק.
" " שווערע אינדוסטריע — ג. ק. אָרדזשאָניקידזע.
" " לייכטע אינדוסטריע — א. ע. ליובימאָוו.
" " האָלץ אינדוסטריע — ס. ס. לאָבאָוו
" " אַגריקולטור — י. א. יאַקאָוולעוו.

קאָמיסאַר איבער רעגירונגס פערמעס — טיכאָן יורקין.

פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר רעגירונגס־פּלענער (גאָספּלאַן) וו. וו. קיובישעוו.

פאָרזיצער פון דעם צענטראַלען אויספיר קאָמיטעט — מ. א. קאַלינין.

אַלע דעקרעטען, באַפעלען א. א. וו. ווערען געדרוקט אין 6 הויפּט שפּראַכען פון פאַרבאַנד: רוסיש, אוקראַיניש, ווייס־רוסיש, גרוזיש, אַרמעניש און טאָטעריש.

יעדע פון די פעדערירטע רעפּובליקען (ווי צ. ב. אוקראַינע) האָט איהרע איי־גענע קאָמיסאַרען פאַר אינערליכע ענינים, אַגריקולטור, גערעכטיגקייט, פאָלקס־בילדונג, געזונט־צושטאַנד און פאָלקס־וואוילשטאַנד.

לאַנד און נאַטירליכע אוצרות קען ניט ווערען דאָס אייגענטהום פון פּריוואַטע פּערזאָנען. נאַטירליכע אוצרות ווערען עקספּלואַטירט פון דער רעגירונג דורך רעגי־רונגס־טראָסטס אָדער פון פּריוואַטע קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבען א קאָנצעסיע און וואו די רעגירונג האָט א חלק. די גאַנצע אינדוסטריע פון לאַנד ווי אויך דער אויס־לענדישער האַנדעל ווערט אָנגעפירט דורך רעגירונגס טראָסטס.

די קאָמוניסטישע פּארטיי איז די איינציגע לעגאלע פּארטיי אין לאנד און די הערשענדע פּארטיי. די אָנפיהרענדע קערפּערשאפט פון דער פּארטיי איז דער צענט־ראלער קאָמיטעט, וועלכער ווערט ערוועהלט פון די פּארטיי קאָנגרעסען. דער צענט־ראלער קאָמיטעט ערוועהלט פון זיך א קליינע קערפּערשאפט פון 10, וואָס שטעלט מיט זיך פאר די באריהמטע פּאָליטביורא. זייענדיג די העכסטע אנפיהרענדע קער־פּערשאפט פון דער הערשענדער פּארטיי, איז די פּאָליטביוראָ פּאקטיש די אנפירענדע קערפּערשאפט פון דער רעגירונג פון לאנד.

פאָלגענדע זיינען די מיטגלידער פון דער פּאָליטביוראָ: קאגאנאָוויטש, קאלינין, ריקאָוו, קאזיאר, קיבישעוו, מאָלאָטאָוו, אנדרעיעוו, ארדזשאניקידזע, סטאלין און וואָראָשילאָוו. סטאלין איז דער גענעראל־סעקרעטער פון דער פּארטיי.

די מיטגלידערשאפט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון פארבאנד איז דעם 31טען דעצעמבער 1932 געווען 3,130,000; יונגע קאָמוניסטען (קאָמסאמאָלצעס) זיינען געווען 6,000,000 און פּיאָנערען — 9,000,000.

## פאָלקס־בילדונג אין סאָוועטען פארבאַנד

אין 1930 איז איינגעפירט געוואָרען צוואנגס בילדונג פאר אלע קינדער.

אין 1932 איז די צאָל אנאלפאבעטען אין פארבאנד געפאלען פון 70 פּראָצענט פון דער באפעלקערונג אין 1917 ביז 10 פּראָצענט.

אין 1932 זיינען אין העכערע בילדונג־אנשטאלטען געווען 400 טויזענט סטו־דענטען; אין ארבייטער פאקולטעטען — 320 טויזענט; אין טעכנישע שולען — 830 טויזענט און אין פאבריק־שולען א מיליאָן. ארום 13 מיליאָן דערוואקסענע זיינען אין יענעם יאָהר געגאנגען אין שולען פאר דערוואקסענע און 7 מיליאָן קליינע קינדער אין קינדער־גארטענס.

אויסגאבען אויף פאָלקס־בילדונג זיינען די לעצטע יאָהרען געווען: אין 29־1928 — 1,493 מיליאָן רובעלס, אין 30־1929 — 2,316 מיליאָן רובעלס; אין 1931 — 4,399 מיליאָן רובעלס און אין 1932 — 6,508 מיליאָן רובעלס. אין עלעמענטארע שולען האָט די צאָל סטודענטען אין 1932 דערגרייכט 20 מיליאָן.

אין 1932 זיינען אין סאָוועטען פארבאנד ערשינען 6,700 צייטונגען מיט אן אלגעמיינער צירקולאציע פון 38 מיליאָן. אין 1913 זיינען, אין אמאָליגער רוסלאנד, ערשינען 860 צייטונגען מיט א צירקולאציע פון 2 מיט א האלב מיליאָן.

## דער פינף־יאָהר פּלאַן

מיט דעם דאָזיגען צוועק איז געבאָרען געוואָרען דער פינף־יאָהר פּלאָן.

דער פּלאן איז געווען צו גרינדען א באזע פאר אן אינדוסטריעל לאנד, אויף סאָציאליסטישע יסודות, און אויך ביסלעכווייז סאָציאליזירען די לאנד־ווירטשאפט דורך דעם, וואָס ס'וועלען געגרינדעט ווערען גרויסע רעגירונגס־ און קאָלעקטיווע פארמס, וואו אלץ וועט באארבייט ווערען מיט די נייסטע מיטלען. די סכעמא איז געווען, אז פּראָדוקציע זאָל פאר די 5 יאָהר פארגרעסערט ווערען אויף 133 פּראָ־צענט און פאר די 5 יאָהר זאָל אריינגעלעגט ווערען אין דער אינדוסטריע די ריזיגע סומע פון 64 און א האלב טויזענט מיליאָן רובעל.

אין דער פאָרליגענדער טאבעלע ווערט אנגעגעבען די פּראָדוקציע פון די וויכ־טיגסטע פּראָדוקטען פאר דעם יאָהר 1932, דעם 4טען יאָהר פון פּלאָן, די פּראָ־דוקציע פון די זעלבע פּראָדוקטען פאר דעם יאָהר 28־1927 (דער לעצטער יאָהר פאר דעם פּלאן. דער פּלאן האָט זיך אנגעפאנגען דעם 1טען אָקטאָבער 1928) און ציפערען, וועלכע דער פּלאן האָט פאָרגעשריבען, דארפען פּראָדוציערט ווערען. פון

דער טאַבעלע קען מען זעהן, אויף ווי ווייט דער פּלאַן איז פאַרווירקליכט געוואָרען:

| | 1932 | 1927-28 | 5 יאָהר פּלאַן |
|---|---|---|---|
| קוילען (אין טאָנען) — — — — | 64,000,000 | 35,400,000 | 75,000,000 |
| אייזען (אין טאָנען) — — — — — | 6,206,000 | 3,280,000 | 10,000,000 |
| שטאָל (אין טאָנען) — — — — — | 5,885,000 | 3,370,000 | 10,400,000 |
| אויל (אין טאָנען) — — — — — | 21,380,000 | 11,600,000 | 20,800,000 |
| מאשין בויאונג (מיליאָנען רובעלס) | 5,400 | 740 | 4,340 |
| עלעקטריק אינדוסטריע (מיליאָנען רובעלס) — — — — | 1,075 | 221 | 895 |
| עלעקטרישע קראפט (מיליאָנען קילאָוואט שטונדען) | 13,500 | 5,000 | 22,000 |
| צעמענט (בארעלס) — — — — — | 22,500,000 | 11,900,000 | 41,000,000 |
| טראַקטאָרס — — — — — — — — | 50,250 | 1,500 | 55,000 |

## לאַנד-ווירטשאַפט

דורכפיהרען דעם פּלאַן צווישען די פויערים איז אנגעקומען פיל שווערער. א גרויסע צאָל פון זיי האָבען זיך אנטזאגט צו געהן אין די קאָלעקטיוון. די רעגי-רונג האָט באנוצט גוואַלט-מיטלען. דער רעזולטאט איז געווען, אז דער „סאָציאַליס-טישער שטח" פון דעם באָדען איז אין 1933 געווען 80 פּראָצענט פון דעם גאנצען פּאַרזייטען שטח לאַנד, אנשטאט 20 פּראָצענט, לויט דער פּראָגראַם פון פּלאַן. דער רעזולטאט פון די גוואַלט-מיטלען איז אבער אויך געווען, אז מאַסען פויערים האָבען סאבאטירט די קאָלעקטיוון, אז דער תבואה-שניט אין די יאָהרען 1931-32 איז געווען ווייניגער ווי אין 1930 און ווייניגער ווי די פּראָגראַם פון פּלאַן. דער עקס-פּאָרט פון תבואות אין 1930 איז געווען 4,769,000 טאָן, אין 1931 — 5,050,306 טאָן און אין 1932 בלויז 1,763,298 טאָן. אויך איז געפאלען די צאָל פון בהמות פערד, חזירים און אנדערע, ווייל דער פויער האָט אין פילע פעלע בעסער געשאָכטען די בהמה איידער געבען איהר אין קאָלעקטיוו.

אין 1933 איז די רעגירונג געוואָרען אביסעל ליבעראַלער מיט די פויערים.

## טראַנספּאָרטאַציע

די לענג פון אייזענבאַנען אין סאוועטען פארבאנד אין 1932 איז געווען 83,400 קילאָמעטער (51,790 מייל), אין פארגלייך מיט 76,900 קילאָמעטער אין 1927-28 און 58,500 קילאָמעטער אין 1913. פראכט איז איבערגעפירט געוואָ-רען אין 1932, 169 טויזענט מיליאָן טאָן — קילאָמעטער, אין פארגלייך מיט 88 טויזענט מיליאן טאָן — קילאָמעטער אין 1913. פּאסאזשירען זיינען אריבערגע-פירט געוואָרען אין 1932—84 טויזענט מיליאָן פּאסאזשיר-קילאָמעטער, אין פאר-גלייך מיט 23 און א האלב טויזענט מיליאָן פּאסאזשיר-קילאָמעטער אין 1928 און עטוואס איבער 25 טויזענט מיליאָן פּאסאזשיר-קילאָמעטער אין 1913. אין 1933 איז פארענדיגט געוואָרען א נייע דאָן-ליניע פון 1,200 קילאָמעטער (איבער 800 מייל) צווישען מאסקווע און דאנעצער באסיין.

די האנדעלס-פלאָטע פון פארבאנד איז אין 1933 באשטאַנען פון 346 שיפען פון 594,084 טאָן און 95 מאָטאָר-שיפען פון 246,177 טאָן.

די לענג פון לופט-באַן וועגען איז אין 1933 געווען 36 טויזענט קילאָמעטער, אין פארגלייך מיט 12 טויזענט אין 1928. פּאסאזשירען זיינען געפלויגען אין 1923 — 31,600 און אין 1928 — 9 טויזענט.

# פאַשיזם

פאשיזם איז די באוועגונג פון די רואינירטע מיטעל קלאסען, וואס האבען פארלארען יעדען אנהאלט אין דער כאאטישער עקאנאמישער לאגע אין דעם פאר־צווינגענעם וועלט־קריזיס, וואס איז א רעזולטאט פון דער עקאנאמישער צוטרייסלונג פאראורזאכט פון דער וועלט־מלחמה. די באוועגונג ווערט שטארק אונטער־שטיצט פון גרויסע קאפיטאליסטען אויס מורא פאר דער וואקסענדיגער מאכט פון די ארבייטער.

דער פאשיזם האט זיך צוערשט ענטוויקעלט אין איטאליע און פון דארטען פארשפרייט זיך די באוועגונג, ווי א וואלד פייער אין די לענדער וועלכע עס זיינען פון קריזיס אם שטארקסטען געטראפען געווארען.

די מיינונג פון דעם ווארט פאשיזם איז מאכט און סאלידאריטעט. דער ווארט נעהמט זיך פון דעם לאטיינישען ווארט „פאסטצעס", פאסטינען, דאס מיינט א באנדעל פון ריטער, מייסטענס בעראזעווע ריטער. אין מיטען פון באנדעל איז דא א האק. עס איז געוועזן דער סימבאל פון די רוימישע מאכטהאבער.

דער סימבאל האט באדייטעט סאלידאריטעט לויט דעם אלטען משל, אז עס איז לייכט צו ברעכען ריטער, ווען זיי זיינען צושאטען, אבער עס איז זעהר שווער צו ברעכען ריטער, ווען זיי זיינען צוזאמענגעבונדען אין איין באנדעל. דער סימבאל מיינט אבער אויך מאכט. דער וואס האט די מאכט, „די פאסטינען מיט דער האק", האט די מאכט צו באשטראפען אפילו מיט'ן טויט די וואס פאלגען איהם ניט. מוסאליני, דער פיהרער פון די פאשיסטען אין איטאליע, וועלכער חלומ'ט צו מאכען רוים אזוי מעכטיג ווי אין אלטע צייטען, האט אויסגעקליבען דעם פארצייטיגען רוימישען סימבאל אלס סימבאל פאר זיינע אנהענגער.

די וועלט מלחמה האט געמאכט פון מענשען אמת'ע אטאמאטען, גולמ'ס, וועלכע ווארטען אויף די באפעהלען פון די קריגס־קאמאנדירען. די מלחמה האט אויך צורייצט די קראנקהאפטע פאטריאטישע געפיהלען פון די מאסען. דער עקאנאמישער קריזיס האט די מייסטע בירגער אזוי צוטומעלט, אז זיי ווארטען אויף א פיהרער, אויף א משיח, וועלכער דארף זיי ארויספיהרען פון דעם שרעקליכען כאאס אין וועלכען זיי געפינען זיך. די מלחמה און איהרע נאכוועהענישען האבען צוגעגרייט דעם באדען פאר פאשיזם.

א וויכטיגער טהייל פון פאשיזם איז דער פיהרער „איל דוטשע", ווי מוסאליני, היטלער און אנדערע הויפטלינגע רופען זיך, לויט דער לאנדעס שפראך. דער פיהרער באפעהלט און די אנהענגער מוזען פאלגען. אין פאשיזם האט א איינ־צעלנער מענש פון דער מאסע קיין ווערט ניט. די הויפט זאך איז די מלוכה.

פאשיזם האט פארשידענע פארמען, אבער אין אלע פארמען איז די באוועגונג ארגאניזירט מיליטעריש מיט אן אייזערנער דיסציפלין. די דיסציפלין ווערט אנגעווענדעט ווי אין א קריגס צושטאנד. פאשיסטען זיינען זעהר נאציאנאליסטיש. זיי שארפען דעם שווערד געגען אויסערליכען שונא. אין דעם איינענעם לאנד באקעמפען זיי פאסיפיסטען, ליבעראלען און מארקסיסטישע סאציאליסטען.

פאסיפיסטען זיינען פארהאסט פון די פאשיסטען צוליב דעם, וואס פאסיפיסטען זיינען געגען פאשיסטישען קריגס גייסט. ליבעראלען זיינען פארהאסט צוליב זייער שטרעבונג פאר דעמאקראטי און פרייהייט. מעהר פאר אלעמען האסען די

פאַשיסטען די מאַרקסיסטען. דער מאַרקסיסטישער פּרינציפּ פון קלאַסען קאַמף פּאַסט זיך איבערהויפּט ניט אַריין אין אַ פאַשיסטישער מלוכה פון אַרבייטער פאַר־שקלאַפונג. „פאַשיזם איז געבויט אויף סאָלידאַריטעט, ניט אויף קלאַסענקאַמף", איז אַ וויכטיגער פּרינציפּ אין פאַשיזם.

זייענדיג אַ באַוועגונג מיט אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטען, זוכען די פאַשיסטען צו שטערען אינטערנאַציאָנאַלע פאַרשטענדיגונג. אָנגעהויבען האָט זיך די באַוועגונג אין איטאַליע צוליב דעם, וואָס די איטאַליענער אימפּעריאַליסטען האָבען געזוכט צו אַנעקסירען טיראָל, פיום, דאַלמאַציע און אַלבאַניע. די צוואַווילדעוועטע פּאַטריאָטען אונטער דער פירערשאַפט פון דעם צוואַווילדעוועטען פּאָעט ד'אַנונציאָ האָבען אָנגעפאַנגען אַ מאַרש אויף פיום, וואָס איז געווען אפילו ניט צום געשמאַק פון איטאַליענישען קעניג.

נאָך דער מלחמה האָבען זיך אָנגעפאַנגען אַרבייטער אונרוהען, וואָס האָבען דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט אין יאָהר 1920. די אויסגעהונגערטע אַרבייטער האָבען אָנגעפאַנגען צו פאַרכאַפּען פאַבריקען. אין די דערפער האָבען זיך אָנגע־פאַנגען פּויערים אונרוהען, און די צושראָקענע בירגער האָבען געוואַרט אויף אַ שטאַרקען מאַן, וואָס זאָל זיי ראַטעווען פון די אַרבייטער און פאַרזיכערען זייער אייגענטהום און שאַפען אַ מעגליכקייט פאַר אַן עקאָנאָמישער עקזיסטענץ.

אַ שטאַרקער מאַן, אין די אויגען פון די קליינבירגער, איז ערשינען. בעניטאָ מוסאָליני, אַן אַמאָליגער סאָציאַליסט, האָט זיך געשטעלט אַן דער שפּיצע פון פּאַטריאָטישע באַנדעס, וואָס האָבען געטראָגען שוואַרצע העמדלעך. ער האָט אָנגעפאַנגען אַ מאַרש אויף רוים. בעניטאָ מוסאָליני איז געוואָרען דער פירער, „איל דוטשע", פון די פאַשיסטען.

דער איטאַליענישער קעניג וויקטאָר עמאַנועל איז געבליבען אין אַמט. ער ציהט שכירות, פּאַהרט אַרום און לעבט אַ טאָג. די מאַכט איז אָבער איבערגע־גאַנגען צו דעם אַמאָליגען סאָציאַליסט בעניטאָ מוסאָליני. ער איז געוואָרען דער איינציגער בעל הבית איבער איטאַליע. וואָס ער וויל טהוט ער.

מוסאָליני האָט אונערבאַרעמליך אָנגעפאַנגען צו פאַרפאָלגען זיינע אַמאָליגע חברים, די סאָציאַליסטען און די ליבעראַלען. מיט שרעקליכע ענוים האָט ער געפּייניגט די קרבנות. דער באַליבטער מיטעל פון די פאַשיסטען איז געווען אָנצוטרינקען די געפאַנגענע מיט עמערם ריצען אויל. די טורמעס זיינען געוואָרען איבערפילט מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע איבער וועלכע די פאַשיסטען האָבען זיך איזדעקעוועט. פילע האָט מוסאָליני פאַראורטיילט צום טויט.

אַ שטאַרקען אויפזעהען איבער דער וועלט האָט אָנגעמאַכט דער פאַל פון דעם סאָציאַליסט מאַטעאָטי, אַ פירער פון סאָציאַליסטען און אַ שטאַרקער געגנער פון פאַשיסטען. מאַטעאָטי איז געכאַפּט געוואָרען פון מוסאָליניס אַגענטען אין אויסלאַנד. ער איז געבראַכט געוואָרען אין איטאַליע און איז ערמאָרדעט געוואָרען אין יאָהר 1924. מאַטעאָטי'ס טויט האָט אויפגערודערט די וועלט, אָבער די פאַשיסטען רעכענען זיך ניט מיט דער עפנטליכער מיינונג. מוסאָליני האָט זיך איבער אַלע זיינע געגנער ברוטאַל און אונמענשליך איזדעקעוועט.

מוסאָליני האָט איבערגעבויט דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען לעבען אין איטאַליע אויף פאַשיסטישע יסודות. די מלוכה איז אַלץ. אַ קאָרפּאָראַטיווער שטאַאַט. אַלע אַנדערע טריידס און פּראָפעסיעס, אפילו האַנדעלס געזעלשאַפטען, קאָאָרדי־נירען מיט'ן שטאַאַט. דער עפנטליכער לעבען אין איטאַליע איז אונטער דעם אייזערנעם קנאַפּעל פון פאַשיזם.

א צווייטע פאשיסטישע מלוכה איז עטאבלירט געוואָרען אין אונגארען.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אונגארען אָפּגעטהיילט פון עסטרייך. מיכאעל קאראָלי איז געוואָרען דער פּרעזידענט פון דער אונגארישער רעפּובליק. דעם 22טען מערץ האָבען די אונגארישע באָלשעוויקעס פארכאפּט די מאכט. זיי האָבען אייגגעאָרדענט אונגארישע סאָוועטען. די סאָוועטען זיינען געוואָרען אונטער־דריקט מיט דער הילף פון רומענישע סאָלדאטען. דעם 23טען מערץ איז אונגארען ערקלעהרט געוואָרען א מאָנארכיע. איידער א מאָנארך וועט קומען אין אונגארען, איז אפּוינטעט געוואָרען גענעראל האָרטי אלס רעגענט. האָרטי רעגירט אונגארען אויף פאשיסטישע יסודות. האָרטי איז דער פיהרער פון אונגארישע פאשיסטען. ער רעגירט ברוטאל און אונמענשליך.

אין דייטשלאנד רופען זיך די פאשיסטען „נאצים". דאָס זיינען די ראשי תיבות פון די ווערטער „נאציאָנאלע ארבייטער סאָציאליסטישע פּארטיי" פון דייטשלאנד. די דייטשע פאשיסטען האָבען איבערגעאָפּען די איטאליענישע.

אין דייטשלאנד זיינען שוין פאר לאנגע יאָהרען געווען פּראָבעס צו פאר־אייניגען דעם סאָציאליזם מיט עקסטרימע נאציאָנאליסטישע טענדענצען. פּראָ־פעסאָרען, גלחים און שרייבער האָבען אזעלכע פּראָבעס געמאכט. זיי האָבען אָבער קיין ערפאָלג ניט געהאט. ערפאָלג אין דער באוועגונג האָט געהאט גראדע אן עסטרייכער מיט סלאווישע בלוט אין זיינע אָדערען (מען זאָגט אויך אז ער שטאמט פון אידען). דער פיהרער פון די דייטשע נאצים איז געוואָרען אדאָלף היטלער.

דער נאָמען סאָציאליזם מיינט גאָר נישט. עס איז בלויז א זאמאנקע צו פארכאפּען ארבייטער. דער יסוד פון דעם נאציאָנאלען סאָציאליזם איז א דייטשער יונקערשער פאשיזם, א פאשיזם וואָס זוכט צו פארדעקען זיין בעסטיאלע נאקעטקייט מיט די פייגענבלעטער פון פאלשע טהעאָריעס וועגען בויענדען און פארניכטענדען קאפּיטאליזם, צוגעפּארבט מיט דיסקרעדיטירטע טהעאָריעס פון ראסע.

די נאצים זיינען געוואקסען אין דעם כאאָטישען צושטאנד פון דייטשער פאבעלהאפטער אינפלאציע, וואָס האָט רואינירט מיליאָנען מענשען, און אונטער דעם דרוק פון שווערע רעפּאראציעס פון די עלאיס. די דעמאָקראטישע רעגי־רונגען פון דייטשלאנד, מורא האָבענדיג צו פארלעצען דעם דעמאָקראטישען פּרינ־ציפּ, האָבען גאָר נישט געטאָן צו דערשטיקען די באוועגונג, ווען זי איז נאָך געווען שוואך.

אָנגעהויבען האָט זיך די באוועגונג אין מינכען, בייערן. די ערשטע גרופּע איז באשטאנען פון זיבען. די גרופּע איז געווען אונטערשטיצט פון דעם דיס־קרעדיטירטען גענעראל לודענדאָרף. דער „פיהרער" איז אָבער געוואָרען אדאָלף היטלער, א געוועזענער פּעינטער. היטלער האָט ווייניג בילדונג, דערפאר אָבער א סך חוצפה און א געשליפענעם צונג.

דעם 9טען נאָוועמבער 1923 איז פאָרגעקומען דער טרויעריג באריהמטער ביער שענק בונט „פּוטש" מיט לודענדאָרף און היטלער אלס פיהרער. דער בונט איז אונטערדריקט געוואָרען. היטלער איז ארעסטירט געוואָרען און פאראורטהיילט געוואָרען אויף 5 יאָהר פּריזאָן. ער איז אָבער גלייך באפרייט געוואָרען. די באוועגונג פון די נאצים האָט אָבער געהאלטען ביים צוזאמענברעכען.

אין יאָהר 1924 האָבען זיך די נאצים פאראייניגט מיט אנטיסעמיטען. דער אנטיסעמיטיזם פון דער פּארטיי האָט שטארק אפּעלירט צו די רואינירטע קליינ־

בירגער און געוועזענע אָפיצירען. די באוועגונג הויבט אָן צו וואקסען. אין יאָהר 1928 האָבען די נאצים ערוועהלט 12 דעפוטאטען, פאר וועלכע עס האָבען געשטימט 809,541 וועהלער. אין די נעקסטע יאָהרען זיינען זיי געוואקסען אונגעהויער.

דאָס איז דער צעטעל פון זייער וואוקס:

| יאָהר | שטימען | ערוועהלט אָפגעאָרדענטע |
|---|---|---|
| 1930 | 6,406,397 | 107 |
| דזשולי 1932 | 13,732,777 | 230 |
| נאָוועמבער 1932 | 11,737,185 | 196 |
| מערץ 1933 | 17,269,629 | 288 |

אין מערץ 1933 האָבען די נאצים געצויגען 52 פראָצענט פון אלע שטימען. היטלער איז אפוינטעט געוואָרען קאנצלער דעם 30טען יאנואר 1933. די וואהלען האָבען זיין פאזיציע געשטארקט. ער האָט אָנגעפאנגען אן אויסראָטונגס קאמף געגען אידען, פאסיפיסטען, ליבעראלען, קאטאָליקען, דער עיקר אָבער געגען אידען און מארקסיסטען.

דער טהעאָרעטיקער פון די נאצים איז גאָטפריד פעדער. ער האָט דאָס אויסגעקלעהרט די טהעאָריע, אז עס איז דאָ דער צושטערענדער אידישער צינזען קאפיטאל און דער בויענדער ארישער קאפיטאל. קאפיטאליסטען לאָזען אָבער די נאצים צורוה. אפילו אידישע קאפיטאליסטען קענען זיך אויסקויפען פון די נאצים. דער גאנצער צאָרען פון די נאצים האָט זיך אויסגעגאָסען אויף אידישע אינטעליגענטען און מארקסיסטען פון אלע נאציאָנאליטעטען. די מעשים תעתועים פון היטלער'ן ווערען ווילדער פון טאָג. (זעה „אידישע כראָניקע").

א באזונדער סאָרט פאשיזם האָט זיך ענטוויקעלט אין עסטרייך. דאָס איז א פאשיזם, ווי אין פסוק שטעהט „רוממות אל בגרונם וחרב פפיות בידם". זיי ריידען פון גאָט און האלטען א שארפען שווערד. דער עסטרייכער פאשיזם איז ניט וועניגער בלוטיג ווי דער דייטשער, אָבער דער עסטרייכער פאשיזם גלאָצט מיט די אויגען צו גאָט און צו זיין זוהן יעזוס. דער עסטרייכער פאשיזם איז דער קריסטליך סאָציאלער, וואָס האלט זיך מיט די גנאָדען פון מוסאָליני.

דאָלפוס, דער פאשיסטישער עסטרייכער קאנצלער, האָט געקעמפט כלומרשט געגען די דייטשע נאצים, אָבער דער עיקר קאמף איז געגען מארקסיסטען. די בלוט באָד, וואָס די עסטרייכישע פאשיסטען האָבען געמאכט געגען ארבייטער אין פעברואר 1934, איז א שוידערליכער קאפיטעל אפילו אין דער בלוטיגער פאשיס־טישער באוועגונג. דאָלפוס איז ערמאָרדעט געוואָרען פון „נאצים". זיין פאשיזם איז אָבער געבליבען ווי פריהער.

א פאשיסטישע רעגירונג איז פראָקלאמירט געוואָרען אין מאי 1934 אין לאטוויע. אויך בולגאריע איז אוועק אויפ'ן פאשיסטישען וועג.

דעם 20טען מאי 1934 האָט דער בולגארישער צאר צוטריבען דעם בולגארישען פארלאמענט און האָט עטאבלירט א פאשיסטישע רעגירונג. דער פאשיזם פאר־שפרייט זיך איבער פילע לענדער.

# די געווינער פון נאָבעל פרייזען

דער שוועדישער אינדזשיניר אַלפרעד בערנאַרד נאָבעל, האָט איבערגעלאָזען 9 מיליאָן דאָלאַר אַלס אַ שטענדיגען פאָנד, פון וועלכען מען טיילט אויס יעהרליך פרייזען פאַר די וואָס צייכענען זיך אויס אין נאַטור־וויסענשאַפט (פיזיקס, כעמיע און מעדיצין), אין ליטעראַטור און גוטע אויפטואונגען צו שטאַרקען דעם שלום אויף דער וועלט.

עס קען אפשר קלינגען ווי אַ איראָניע דער פאַקט, וואָס נאָבעל אליין, וועמענס געלט עס ווערט אויסגעצאָלט פאַר קולטורעלע צוועקען און פאַר שלום, איז געווען דער ערפינדער פון דינאַמיט און רויכלאָזען פולווער, אָט די ערפינדונגען, וואָס מאַכען מלחמות אַזוי שרעקליך. עס קען אָבער גראָדע זיין, אַז נאָבעל איז ניט שולדיג, וואָס זיינע ערפינדונגען ווערען אויסגענוצט ניט פאַר קאָנסטרוקטיווע צוועקען, נאָר הויפּטזעכליך פאַר צושטערונגס ארבייט.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, האָט אבער נאָבעל אָנגעקליבען זיינע ריזיגע קאַפּי־טאַלען פון פאַבריקאַציע פון עקספּלאָדירענדע מאַטעריאַלען. נאָבעל איז געבאָרען געוואָרען אין סטאָקהאָלם, שוועדען, אין יאָהר 1833. ער האָט שטודירט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען. אין יאָהר 1867 האָט ער געשאַפען די פאָרמולע פאַר דינאַמיט און מיט אַ קורצע צייט שפּעטער האָט ער ערפונדען אויך די מעטאָדע פון פאַבריצירען רויכלאָזען פולווער. זיינע פעקטאָרים האָט ער געהאַט אין פאַרשיידענע שטעדט אין פאַרשיידענע וועלט־טיילען. ער איז געוואָרען זייער רייך. ער איז גע־שטאָרבען אין יאָהר 1896 און האָט איבערגעלאָזען אַ צוואה צו שאַפען אַ פאָנד, פון וועלכען פרייזען זאָלען אויסגעצאָלט ווערען פאַר לייסטונגען אין וויסענשאַפט, ליטע־ראַטור און שלום. די פרייזען ווערען געדעקט מייסטענס מיט די פּראָצענטען פון פאָנד.

די פרייזען האָט מען אָנגעהויבען אויסצאָלען אין יאָהר 1901.

פאָלגענדע האָבען געקראָגען פרייזען פאַר שלום אויפטואונגען און ליטעראַטור:

| יאָהר | שלום | נאַציאָנאַליטעט | ליטעראַטור | נאַציאָנאַליטעט |
|---|---|---|---|---|
| 1901 | ה. דונאַנט, שווייץ. | | סולי־פּרודהאָם, פראַנקרייך. | |
| | פר. פאַססי, פראַנקרייך. | | | |
| 1902 | ע. דוקאַמון, שווייץ. | | טהעאָדאָר מאַססען, דייטשלאַנד. | |
| 1903 | וו. ר. קרעמער, ענגלאַנד. | | ב. בזשאָרנסאָן, נאָרוועגיע. | |
| 1904 | אינסטיטוט פון אינט. געזעץ. | | פ. מיסטראַל, פראַנקרייך. | |
| | | | י. עבעגאַראַי, שפּאַניע. | |
| 1905 | באַראָנעס פאָן זוטנער, עסטרייך. | | ה. סיענקעוויטש, פוילען. | |
| 1906 | ט. רוזוועלט, אַמעריקאַ. | | ג. גאַרדוטשי, איטאַליע. | |
| 1907 | ע. ט. מאָנעטאַ, איטאַליע. | | ר. קיפּלינג, ענגלאַנד. | |
| | ל. רענאַלט, פראַנקרייך. | | | |
| 1908 | ק. פּ. אַרנאָלדסאָן, שוועדען. | | ר. יוקען, דייטשלאַנד | |
| | פ. באַיער, דענמאַרק. | | | |

| יאָהר | שלום נאַציאָנאַליטעט | ליטעראַטור נאַציאָנאַליטעט |
|---|---|---|
| 1909 | א. בירנאירעט, בעלגיע. | סעלמא לאגערלאף, שוועדען. |
| | באראן דע־קאנסטאנט, פראנק. | |
| 1910 | אינט. שלום ביוראָ, שווייץ. | פ. העיזע, דייטשלאנד. |
| 1911 | ט. אססער, דענמארק (איד). | א. ה. פריעד, עסטרייך (איד). |
| 1912 | עליאו רוט, אמעריקא. | ג. האופטמאן, דייטשלאנד. |
| 1913 | לא פאנטען, בעלגיע. | ר. טאגאר, אינדיע. |
| 1914 | ניט געווען קיין פרייז. | ניט געווען קיין פרייז. |
| 1915 | ניט געווען קיין פרייז. | ראמיין ראָלאנד, פראנקרייך. |
| 1916 | ניט געווען קיין פרייז. | פאָן הענדעלשטאט, שוועדען. |
| 1917 | אינט. רויטער קרייץ, שווייץ. | גיעלערופ, דענמארק. |
| 1918 | ניט געווען קיין פרייז. | ניט געווען קיין פרייז. |
| 1919 | וואודראָו ווילסאָן, אמעריקא. | קארל ספיטעלער, שווייץ. |
| 1920 | ל. בורזשוא, פראנקרייך. | קנוט האמסון, נארוועגיע. |
| 1921 | ק. ה. בראנטינג, שוועדען. | אנאטאל פראנס, פראנקרייך. |
| | ב. ל. לאנגע, נאָרוועגיע. | |
| 1922 | פ. נאנסען, נאָרוועגיע. | י. בענאווענטע, שפאניע. |
| 1923 | ניט געווען קיין פרייז. | וו. ב. יעיטס, אירלאנדיע. |
| 1924 | ניט געווען קיין פרייז. | וול. רעמאָנט, פוילען. |
| 1925 | טש. י. דאוז, אמעריקא. | ג. ב. שאָו, ענגלאנד. |
| | א. טשעמבערליין, ענגלאנד. | |
| 1926 | אריסטיד בריאן, פראנקרייך. | סיניארא דעלעדא, שפאניע. |
| | ג. סטרעזמאן, דייטשלאנד. | |
| 1927 | לודוויג קוויד, דייטשלאנד. | הענרי בערגסאן, פראנקרייך. |
| | פ. באיסאן, פראנקרייך. | |
| 1928 | ניט געווען קיין פרייז. | פרוי אונדסעט, נאָרוועגיע. |
| 1929 | פ. ב. קעלאג, אמעריקא. | טהאָמאס מאנן, דייטשלאנד. |
| 1930 | נ. סאדערבלאם, שוועדען. | סינקלער לואיס, אמעריקא |
| 1931 | נ. מ. באטלער, אמעריקא. | עריק קארלפעלט, שוועדען. |
| | דזשיין עדעמס, אמעריקא. | |
| 1932 | ניט געווען קיין פרייז. | דזשאן גאלסווארטי, ענגלאנד. |
| 1933 | ניט געווען קיין פרייז. | איוואן בונין, רוסלאנד. |

| יאָהר | פיזיק נאַציאָנאַליטעט | כעמיע נאַציאָנאַליטעט |
|---|---|---|
| 1901 | וו. רענטגען, דייטשלאנד. | י. ה. וואנט האף, דענמארק. |
| 1902 | ה. א. לארענץ, דענמארק. | ע. פישער, דייטשלאנד. |
| | פ. זיעמאן, דענמארק. | |
| 1903 | ה. בעקווערעל, פראנקרייך. | ס. א. ארהעניוס, שוועדען. |
| | פ. און מאריע קוריע, פראנקרייך. | |
| 1904 | לארד רעיליע, ענגלאנד. | וום. רעמסעי, ענגלאנד. |
| 1905 | פ. לענארד, דייטשלאנד. | פאָן באיער, דייטשלאנד. |
| 1906 | דזש. טאמסאן, ענגלאנד. | ה. מואסאן, פראנקרייך. |
| 1907 | א. א. מייקעלסאָן, אמעריקא. | א. בוכנער, דייטשלאנד. |
| 1908 | זש. ליפמאן, פראנקרייך. | ע. רוטערפארד, ענגלאנד. |

| יאָהר | פיזיק | כעמיע |
|---|---|---|
| 1909 | ג. מארקאָני, איטאליע.<br>פ. בראון, דייטשלאנד. | וו. אסטוואלד, דייטשלאנד. |
| 1910 | וואן דערוואאלס, דענמארק. | א. וואלאך, דייטשלאנד. |
| 1911 | וו. וויען, דייטשלאנד. | מאריע קוריע, פראנקרייך. |
| 1912 | ג. דאַלען, שוועדען. | וו. גרינגארד, פראנקרייך.<br>פ. סאבאטיער, פראנקרייך. |
| 1913 | קאמערלינג־אנעס, דענמארק. | א. ווערנער, שווייץ. |
| 1914 | פאן לאוע, דייטשלאנד. | ט. ריטשארדס, אמעריקא. |
| 1915 | וו. ה. ברעג, ענגלאנד.<br>וו. ל. ברעג, ענגלאנד. | ר. ווילסטאטער, דייטשלאנד. |
| 1916 | ניט געוועזן קיין פרייז. | ניט געוועזן קיין פרייז. |
| 1917 | פראָפ. טשארלז, דייטשלאנד.<br>בארקלא, ענגלאנד. | ניט געוועזן קיין פרייז. |
| 1918 | מ. פלאנק, דייטשלאנד. | פריץ האבער, דייטשלאנד. |
| 1919 | י. שטארק, דייטשלאנד | ניט געוועזן קיין פרייז. |
| 1920 | ס. גוליאם, שווייץ. | וו. נערנסט, דייטשלאנד. |
| 1921 | אלבערט איינשטיין, דייטשלאנד. | פר. סאדרע, ענגלאנד. |
| 1922 | נ. באהר, דענמארק. | פ. וו. אסטאן, ענגלאנד. |
| 1923 | ר. מיליקאן, אמעריקא. | פריץ פרעגעל, עסטרייך. |
| 1924 | ק. זיגבאן, שוועדען. | ניט געוועזן קיין פרייז. |
| 1925 | יאס. פראנק, דייטשלאנד.<br>גוסטאוו הערץ, דייטשלאנד. | ר. זיגמאנדי, דייטשלאנד. |
| 1926 | זשאן פעררין, פראנקרייך. | ט. סוועדבערג, שוועדען. |
| 1927 | א. קאמפטאן, אמעריקא. | ה. ווילאנד, דייטשלאנד. |
| 1928 | א. וו. ריטשארדסאָן, ענגלאנד. | א. ווינדאוז, דייטשלאנד. |
| 1929 | דוק דעבראגלי, פראנקרייך. | א .הארדען, ענגלאנד.<br>פאן אולערשעלפין, דייטשלאנד. |
| 1930 | וואנקאטא ראמאן, אינדיע. | האנס פישער, דייטשלאנד. |
| 1931 | ניט געוועזן קיין פרייז. | קארל באש, דייטשלאנד.<br>פ. בערגיוס, דייטשלאנד. |
| 1932 | וו. הייזענבערג, דייטשלאנד. | א. לאנגמיור, אמעריקא. |
| 1933 | פ. דירעק, ענגלאנד.<br>א. שרעדינגער, דייטשלאנד. | ניט געוועזן קיין פרייז. |

| יאָר | מעדיצין |
|---|---|
| 1901 | פאן בעהרינג, דייטשלאַנד. |
| 1902 | ראנאלד ראסס, ענגלאנד. |
| 1903 | נ. ר. פינסען, שוועדען. |
| 1904 | א. פ. פאוולאָוו, רוסלאנד. |
| 1905 | ר. קאָך, דייטשלאַנד. |
| 1906 | ס. גאלגי, איטאליע. |
| 1907 | ס. לאווערען, פראנקרייך. |
| 1908 | פ. עהרליך, דייטשלאַנד.<br>ע. מעטשניקאָוו, רוסלאַנד. |
| 1909 | טע. קאכער, שווייץ. |
| 1910 | א. קאססעל, דייטשלאַנד. |
| 1911 | א. גולסטראנד, שוועדען. |
| 1912 | א. קאררעל, אמעריקא. |
| 1913 | ס. רישעט, פראנקרייך. |
| 1914 | ר. באראני, עסטרייך. |
| 1915 | ניט געוועזן קיין פרייז. |
| 1916 | ניט געוועזן קיין פרייז. |
| 1917 | ניט געוועזן קיין פרייז. |

| יאָר | מעדיצין נאַציאָנאַליטעט | | |
|---|---|---|---|
| 1918 | ניט געווען קיין פּרייז. | 1926 | י. פּיביגער, דענמארק. |
| 1919 | זשול באָרדע, פראַנקרייך. | 1927 | י. וו. יאַאורעג, עסטרייך. |
| 1920 | א. קראוג, דענמארק. | 1928 | ש. ניקאָלע, פראַנקרייך. |
| 1921 | ניט געווען קיין פּרייז. | 1929 | ס. אייקמאַן, דענמאַרק. |
| 1922 | א. וו. היל, ענגלאַנד. | | פ. האָפּקינס, ענגלאַנד. |
| | מעיערהאָף, דייטשלאַנד. | 1930 | קאַרל לאַנדשטעינער, אמעריקא |
| 1923 | פ. באַנטינג, קאַנאַדע. | 1931 | אָטאָ וואַרבורג, דייטשלאַנד. |
| | דר. מעקלעאָד, קאַנאַדע. | 1932 | טש. שערינגטאָן, ענגלאַנד. |
| 1924 | וו. עינטהאָווען, דענמאַרק. | | ע. ד. אדריאַן, ענגלאַנד. |
| 1925 | ניט געווען קיין פּרייז. | 1933 | ט. ה. מאָרגאַן, אמעריקא. |

## פאָלגענדע אמעריקאַנער האָבען געקראָגען דעם נאָבעל פּרייז

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1906 | טעאָדאָר רוזוועלט, פאַר שלום. | 1929 | פ. ב. קעללאָג, פאַר שלום. |
| 1907 | א. מייקעלסאָן, פאַר פיזיק. | 1930 | קאַרל לאַנדשטיינער, פאַר מעדיצין. |
| 1912 | עליו רוט, פאַר שלום. | 1930 | סינקלער לואיס, פאַר ליטעראַטור. |
| 1912 | א. קאַררעל, פאַר מעדיצין. | 1931 | נ. מ. באַטלער, פאַר שלום. |
| 1914 | ט. ריטשאַרדס, פאַר כעמיע. | 1931 | דזשיין עדעמס, פאַר שלום. |
| 1919 | וואודראָו ווילסאָן, פאַר שלום. | 1932 | א. לאַנגמיור, פאַר כעמיע. |
| 1923 | ר. מעליקאַן, פאַר פיזיק. | 1933 | טאָמאַס מאָרגאַן, פאַר מעדיצין. |
| 1925 | טש. ס. דאַוז, פאַר שלום | | |
| 1927 | אַרטור קאָמפּטאָן, פאַר פיזיק. | | |

## פאָלגענדע אידען האָבען געוואונען נאָבעל פּרייזען

| נאָמען | געבאָרען | לאַנד געוו. פּרייז פאַר | באַמערקונגען |
|---|---|---|---|
| אססער טאָביאַס | 1838 | האָלאַנד — שלום. | געשטאָרבען 1913. |
| באַראַני, ראָבערט | 1876 | עסטרייך — מעדיצין. | באַריהמטער דאָקטאָר. |
| בערגסאָן, העגרי | 1859 | פראַנקרייך — פילאָזאָפיע. | באַריהמט מיט זיין פילאָזאָפישע טעאָרי וועגען אינטואיציע. |
| עהרליך, פאול | 1854 | דייטשלאַנד — מעדיצין. | געשט. 1925. באַריהמט מיט זיין רפואה געגען סיפיליס. |
| איינשטיין, אלבערט | 1879 | דייטשלאַנד — פיזיק. | פאַרטריבען פון דייטשלאַנד זיין פאַרמעגען קאָנפיסקירט. |
| פראַנק, דזשיימס | 1882 | דייטשלאַנד — פיזיק. | רעזיגנירט פרייוויליג פון פּראָפעסאָר שטעלע אין דייטשלאַנד, אין 1933. |
| פריד, אלפרעד | 1864 | עסטרייך — שלום. | געשטאָרבען 1921. |
| פריץ, האבער | 1868 | דייטשלאַנד — כעמיע. | געראַטעוועט פילע פון הונגער אין דייטשלאַנד אין צייט פון מלחמה מיט זיינע כעמישע ערפינדונגען. געשטאָרבען אין גלות 1934. |
| הערץ, גוסטאַוו | 1887 | דייטשלאַנד — פיזיק. | רעזיגנירט פרייוויליג פון פּראָפעסאָר שטעלע. |
| לאַנדשטיינער, קאַרל | 1868 | אמעריקא — מעדיצין. | באַריהמטער דיאַגנאָסטיקער |
| ליפּמאַן, גבריאל | 1845 | דייטשלאַנד — פיזיק | פאָרשער אין קאָלירען. |
| מעיערהאָף, אָטאָ | 1884 | דייטשלאַנד — מעדיצין | באַריהמטער דאָקטאָר. |
| מיכעלסאָן, א. א. | 1852 | אמעריקא — פיזיק | געשטאָרבען 1931. |
| וואַלאַך, אָטאָ | 1847 | דייטשלאַנד — כעמיע | געשטאָרבען 1907. |
| ווילשטאַטער, ר. | 1872 | דייטשלאַנד — כעמיע | |
| וואַרבורג אָטאָ | | דייטשלאַנד — מעדיצין | באַריהמטער דאָקטאָר. |

אין 1934 האָבן פאָלגענדע געוואונען דעם נאָבעל-פרייז:
אין כעמיע—אירויי. אמעריקאַנער.
אין מעדיצין—דר. מינאָט, דר. מוירפי און דר. וויפעל. אמעריקאַנער.
אין ליטעראַטור—לואידזי פירנזעלא. איטאַליענער.
פאַר שלום—אַרטור הענדערסאָן. ענגלאַנד.

## איינפאַכע פּראָצענט טאַבעלע

| סומע | צייט | 4 פּראָצ. | 5 פּראָצ. | 6 פּראָצ. | 7 פּראָצ. | 8 פּראָצ. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| איין דאָלער | 1 מאָנאַט | .003 | .004 | .005 | .005 | .006 |
| „ | 2 „ | .007 | .008 | .010 | .011 | .013 |
| „ | 3 „ | .011 | .013 | .015 | .017 | .020 |
| „ | 6 „ | .020 | .025 | .030 | .035 | .040 |
| „ | 12 „ | .040 | .050 | .060 | .070 | .080 |
| 100 דאָלער | 1 טאָג | .011 | .013 | .016 | .019 | .022 |
| „ | 2 „ | .022 | .027 | .032 | .038 | .044 |
| „ | 3 „ | .034 | .041 | .050 | .058 | .067 |
| „ | 4 „ | .045 | .053 | .066 | .077 | .080 |
| „ | 5 „ | .056 | .069 | .280 | .097 | .111 |
| „ | 6 „ | .067 | .083 | .100 | .116 | .133 |
| „ | 1 מאָנאַט | .334 | .416 | .500 | .583 | .667 |
| „ | 2 „ | .667 | .832 | 1.000 | 1.166 | 1.333 |
| „ | 3 „ | 1.000 | 1.250 | 1.500 | 1.750 | 2.000 |
| „ | 6 „ | 2.000 | 2.500 | 3.000 | 3.500 | 4.000 |
| „ | 12 „ | 4.000 | 5.000 | 6.000 | 7.000 | 8.000 |

# וואָג און מאָס

## אין די פאַראייניגטע שטאַאטען

### געוויינליכע וואָג

16 דראַכמעס = 1 אונץ
16 אונצעס = 1 פונט
112 פונט = א הונדערטוועיט
20 הונדערטוועיט = 1 טאָן
דער רוסישער פוד באשטעהט פון 36.113 פונט

### אפּטעיקערס וואָג

20 גראַנס = סקרופּל
3 סקרופּלס = 1 דראַכמע
8 דראַכמעס = 1 אונץ
12 אונצעס = 1 פונט

### טראָי וואָג (פאַר וועגען גאָלד)

24 גראַנס = 1 פּעניוועיט.
20 פּעניוועיטס = 1 אונץ
12 אונצעס = 1 פונט

### מאָס פאַר טרוקענע געגענשטענדע

2 פּאינט = 1 קוואָרט
8 קוואָרט = 1 פּעק
4 פּעק = 1 בושעל

### מאָס פאַר פליסיגע זאַכען

4 דזשילס = 1 פּאינט
2 פּאינטס = 1 קוואָרט
44 קוואָרט = 1 גאַלאָן
31 1/2 גאַלאָנס = 1 באַרעל.
2 באַרעלס = 1 האָגסהעד.

### מאָס פון לענג

12 אינטשעס = 1 פוס
3 פוס = 1 יאַרד
5-1/2 יאַרד = 1 ראָד
40 ראָד = 1 פוירלאָנג
8 פוירלאָנגס = 1 מייל
1760 יאַרד אָדער 5280 פוס = 1 מייל
דער רוסישער ארשין האַלט 28 אינטשעס

### קוואַדראַטנע מאָס (צו מעסטען שטח)

144 קוואַדראַטנע אינטשעס = 1 קוו. פוס

9 קוואַדראַטנע פוס = 1 קוו. יארד
30-1/4 קוואַדראַטנע יארד = 1 קוו. ראד
160 קוואַדראַטנע ראדס = 1 אַקער
640 אַקער = 1 קוואַדראַטנע מייל

קוביק מאָס (פאר סאָלידע געגענשטענדע)
1728 קוביק אינטשעס = 1 קוביק פוס
27 קוביק פוס = 1 קוביק יארד

צייט מאָס
60 סעקונדען = 1 מינוט
60 מינוטען = 1 שטונדע
24 שטונדען = 1 טאג
7 טעג = 1 וואך
365 טעג = 1 יאהר
366 טעג = ־ עבור יאהר

רונדע מאָס (צו מעסטען צירקלען)
60 סעקונדען = 1 מינוט
60 מינוטען = 1 דיגרי
30 דיגרים = 1 סיין
12 סיינס = 1 צירקעל

א קופע האָלץ 8 פוס לאנג, 4 פוס ברייט און 4 פוס הויך איז א קאָרד.

ברעטער ווערען פארקויפט ביים ברעט פוס. א ברעט פוס איז 1 פוס לאנג, 1 פוס ברייט און 1 אינטש גראָב.

מאָס וואָס א הויז פרוי דארף וויסען

א קווארט מאָס האלט די פאָלגענדע זאכען: 1 פונט ווייצענע מעהל אָדער א פונט פוטער, אָדער א פונט מיט אן אונץ זאמד צוקער.

אין דורכשניט זיינען דא 10 אייער אין א פונט.

אין א פאינט געפינען זיך 32 עסלעפעל אָדער 2 גלעזער.

אין א טהעלעפעל געהן אריין 80 טראָפענס.

## גאָלד־זאפאס פון צענטראלע באַנקען און רעגירונגען אין 1932 אין טויזענדער דאָלאר

| | |
|---|---|
| פאראייניגטע שטאאטען | $4,045,522 |
| ענגלאנד | 582,948 |
| פראנקרייך | 3,254,247 |
| דייטשלאנד | 192,043 |
| ארגענטינא | 248,817 |
| יאפאן | 211,897 |
| שפאניע | 435,832 |
| איטאליע | 307,157 |
| רוסלאנד | 367,692 |
| צוזאמען אין 50 לענדער | 11,897,323 |

## נאַציאָנאַלער רייכטהום פון פארשידענע לענדער אין דער וועלט בעפאָר דעם וועלט קריזיס

| לאנד | יאָהר פון אויסרעכענונג | ביליאָנען דאָלארען |
|---|---|---|
| ארגענטינא | 1928 | 15.0 |
| בראזיליע | 1928 | 16.0 |
| בעלגיע | 1928 | 10.8 |
| דענמארק | 1928 | 5.4 |
| קאנאדא | 1927 | 27.7 |
| טשעכאָסלאָוואקיע | 1928 | 9.9 |

| לאנד | יאהר פון אויסרעכענונג | ביליאנען דאלארען |
|---|---|---|
| האָלאנד | 1928 | 8.2 |
| אונגארן | 1924 | 3.2 |
| אינדיע (בריטיש) | 1922 | 45.0 |
| איטאַליע | 1925 | 22.3 |
| פראנקרייך | 1925 | 51.6 |
| דייטשלאנד | 1924 | 40.0 |
| ענגלאנד | 1925 | 117.8 |
| שפּאניע | 1928 | 42.1 |
| רוסלאנד (אין אייראָפּא) | 1924 | 50.0 |
| יאפּאן | 1928 | 51.0 |
| מעקסיקאָ | 1928 | 6.8 |

## ארמייען אין די לענדער פון אייראָפּא

| מלוכה | גרויס פון ארמיי |
|---|---|
| בעלגיע | 83,948 |
| בולגאריע | 19,956 |
| טשעכאָסלאָוואקיע | 109,637 |
| פראנקרייך | 593,040 |
| דייטשלאנד | 99,191 |
| גריכענלאנד | 53,043 |
| אונגארן | 84,993 |
| איטאַליע | 425,897 |
| האָלאנד | 55,376 |
| פּוילען | 266,015 |
| פּאָרטוגאל | 41,797 |
| רומעניע | 122,273 |
| שפּאניע | 162,285 |
| סאָוועטען רעגירונג | 562,000 |
| יוגאָסלאוויע | 112,610 |

# וויכטיגער דאָקומענט

## דייטשע פּראָקלאַמאַציע צו אידען אין דער צייט פון מלחמה

איהר ווילט וויסען דעם נוסח פון דער פּראָקלאַמאַציע? אָט איז זי וואָרט ביי וואָרט:

### צו די אידען אין פּוילען

די העלדישע אַרמייען פון די גרויסע מיטעל־אייראָפּעאישע רעגירונגען, דייטשלאַנד און עסטרייך, זיינען אריין קיין פּוילען.

דער מעכטיגער מאַרש פון אונזערע אַקציעס האָט געצוואונגען די דעספּאָטישע רוסישע רעגירונג צו אַנטלויפען.

אונזערע פאָהנען ברענגען אייך רעכט און פרייהייט: גלייכע בירגער־רעכט, פרייהייט פאַר'ן גלויבען, פרייהייט צו אַרבייטען אומגעשטערט אין אַלע צווייגען פון עקאָנאָמישען און קולטורעלען לעבען אין אייער גייסט.

צו לאַנג האָט איהר זיך געפּלאָגט אונטער דעם אייזערנעם מאָסקאָוויטישען יאָך.

ווי פריינט קומען מיר צו אייך, די באַרבאַרישע פרעמדע רעגירונג איז אוים.

די גלייכע רעכט פאַר אידען זאָל ווערען געבויט אויף פעסטע פונדאַמענטען.

לאָזט אייך ניט, ווי א סך מאָל, אָפּנאַרען דורך חניפה'דיגע פאַרשפּרעכונגען.

צי האָט ניט אייך אין 1905 דער צאַר צוגעזאָגט די גלייכע רעכט פאַר די אידען און צי האָט ער ניט דערויף געגעבען דעם העכסטען מאַניפעסט?

ווי האָט ער אייך אָפּגעצאָהלט דעם דאָזיגען חוב, וואָס מען האָט אויף זיך גענומען פאַר דער גאַנצער וועלט?

געדענקט דאָס אַרויסטרייבען, וואָס מען טרייבט די אידישע מאַסען פון זייערע איינגעזעסענע מקומות!

געדענקט קישינעוו, האָמעל, ביאַליסטאָק, שעדלעץ און פילע הונדערטער אַנדערע בלוטיגע פּאָגראָמען!

געדענקט דעם ביילים־פּראָצעס, און די אַרבייט פון דער באַרבאַרישער רעגירונג צו פאַרשפּרייטען דעם שרעקליכען ליגען פון בלוט־געברויך ביי אידען!

אזוי האָט דער צאַר געהאַלטען זיין מאָנאַרכיש וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען זייענדיג אין דער קלעם!

ער איז איצט ווידער אין א קלעם! — אָט דאָס איז די סיבה פון זיינע פאַרשפּרעכונגען!

אייער הייליגער חוב איז איצט צוזאַמענצונעמען אַלע קרעפטען, מיטצואַרבייטען ביי דער באַפרייאונג.

אַלע פאָלקס־קרעפטען: אייער יונגער דור, אייערע קהלות, אייערע חברות — מוזען זיך שטעלען ווי איין מאַן, מיטצואַרבייטען ביי דער הייליגער זאַך.

מיר ערוואַרטען, אז איהר וועט באַווייזען, דורך פאַקטען, אייער פאַרשטאַנד און אייער איבערגעבענקייט.

ווענדט זיך מיט דעם גרעסטען בטחון צו די קאָמענדאַנטען פון אונזער מיליטער אין די ערטער וואָס זיינען נאָהענט צו אייך.

אַלע סאָרט ליפעראונגען ווערען באַלד און גוט באַצאָהלט.

באַהיט דעם וועג צו באַצווינגען אינגאַנצען דעם שונא און צו ברענגען דעם נצחון פון פרייהייט און גערעכטיגקייט!

די אָבערע לייטונג פון די פאַר־
בינדעטע דייטשע און עסט־
רייך-אונגארישע ארמייען.

# כראָנאָלאָגיע

## פאַר די מאָנאַטען פון סעפּטעמבער 1933 ביז דעם 20טען נאָוועמבער 1934.

### 1933

סעפּטעמבער 4. — דער שטאַאַט מעין שטימט צוויי צו איינס צוריקצורופען פּראָהיבישאַן.

סעפּטעמבער 13. — א גרויסער מאַרש אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט איבער א מיליאָן מענשען האָבען מאַרשירט אין ניו־יאָרק לכבוד די נ. ר. א.

סעפּטעמבער 19. — א אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע פון יוריסטען, וואָס האָט אין לאָנדאָן אונטערזוכט דעם רייכסטאַג פייער, האָט אַרויסגעטראָגען אַן אורטייל, אַז דער פייער האָט גאָר געקענט זיין אין די אינטערעסען פון די נאַצים.

סעפּ. 20. — דאָלפוס האָט פאָרמירט א פאַשיסטישע רעגירונג פון עטליכע פאַשיסטישע פּאָליטישע גרופּען.

די עוואַנגעלישע קירכע אין זאַקסען האָט באַשלאָסען אַרויסצוואַרפען די אידישע ווערטער אמן און הללויה פון דייטשען תהלים.

סעפּט. 21. — אין לייפּציג האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס פון רייכסטאַג־פייער. עס ווערען באַשולדיגט דריי בולגאַרישע קאָמוניסטען. דער דייטשער קאָמוניסט טאָרגלער און פאַן דער־לובע. פון די באַשולדיגטע האַלט זיך זעהר מוטיג דער בולגאַר דימיטריעוו.

סעפּט. 26. — די קעניגין פון אַבעסיניע האָט באַזוכט ירושלים. זי קלעימט אַז זי שטאַמט פון דער מלכת שבא און קעניג שלמה.

אָקטאָבער 2. — אין ניו־יאָרק האָט זיך געעפענט דער גלות אוניווערסיטעט וואו די פאַרטריבענע דייטשע וויסענשאַפטסלייט פאַרנעמען שטעלעס אַלס פּראָפעסאָרען.

אָקטאָבער 10. — פּרעזידענט רוזוועלט האָט זיך געווענדעט צו קאַלינין, דעם פּרעזידענט פון דער עקזעקוטיוו פון די פעדעראַטיווע רוסישע רעפּובליקען צו שיקען א שליח און אָנצופאַנגען פאַרהאַנדלען וועגען אַנערקענונג פון רוסלאַנד. קאַלינין האָט געענטפערט, אַז ער שיקט אַרויס מאַקסים ליטווינאָוו.

אָקטאָבער 13. — די אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר אויף דער קאָנווענשאַן אין וואַשינגטאָן האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע צו באָיקאָטירען דייטשע סחורות.

אָקטאָבער 14. — היטלער האָט ערקלעהרט, אַז דייטשלאַנד ציהט זיך צוריק פון דעם ליעג אָף ניישאָנס. ראַטיפיקאַציע איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם 12טען נאָוועמבער, 1933.

אָקטאָבער 21. — א פאַרם סטרייק איז פּראָקלאַמירט אין איינינע אַמעריקאַנער מערב שטאַאַטען.

אין לעמבערג איז דערשאָסען געוואָרען דער רוסישער קאָנסול מעלאָוו.

אָקטאָבער 26. — דזשעימס מאַקדאָנאַלד ווערט באַשטימט אַלס היי־קאָמישיאָנער פאַר די דייטשע פליכטלינגע.

אָקטאָבער 27. — אין א דעמאָנסטראַציע פון אַראַבער אין פּאַלעסטינע געגען אידישער אימיגראַציע ווערען 20 אַראַבער געטויטעט און איבער הונדערט פאַרוואונדעט.

נאָוועמבער 2. — דער אידישער פאַרלאָג אולשטיין מיט א גרויסער צאָהל צייטונגען, זשורנאַלען און דרוקערייען פון ביכער ווערט איבערגענומען פון די נאַצים.

נאָוועמבער 7. — מאַקסים ליטווינאָוו, דער רוסישער אויסלענדישער מיניסטער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע צו פאַרהאַנדלען וועגען אַנערקענונג פון רוסלאַנד דורך אַמעריקע.

מעקליווי, א קאַרפּענטער ווערט ערוועהלט אַלס סאָציאַליסטישער מעיאָר אין ברידזשפּאָרט, קאָנעקטיקוט.

נאָוועמבער 12. — פערציג מיליאָן דייטשען ראַטיפיצירען מיט יע די טהאַט פון היטלער'ן, וואָס ער האָט פאַרלאָזען די ליעג אָף נעישאַנס. די צאָהל ניין זאָגער איז איבער צוויי מיליאָן. די אויסלענדישע צייטונגען טייטשען אוים די באַדייטענדע צאָהל ניין זאָגער אונטער דעם טעראָר וואָס הערשט אין דייטשלאַנד אַלס צייכען פון אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער שטימונג.

נאָוו. 13. — אַן אונטערזוכונגס קאָמיטע אויסצופאָרשען טהעטיגקייט פון נאַצים ווערט באַשטימט פון קאָנגרעס.

נאָוו. 17. — די פאַראייניגטע שטאַאַטען שטעלט צוריק נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט סאָוועט־רוסלאַנד. סאָוועט־רוסלאַנד

ווערט אנערקענט און וויליאם בוליט ווערט באַשטימט אלס ערשטער אמבאסאדאר פון די פאראייניגטע שטאַאטען אין רוסלאנד.

נאָוו. 17. — הענרי מארגענטוי ווערט עקטינג סעקרעטערי אַף טרעזשורי. דער סעקרעטערי וואודין קריגט א לאנגע וואקיישאן צוליב זיין שוואכען געזונד.

נאָוו. 19. — אלעקסאנדער טראַיאַנאָווסקי ווערט אויסגעקליבען אלס ערשטער סאָוועט־רוסישער אמבאסאדאר אין די פאראייניגטע שטאַאטען.

נאָוו. 21. — רוזוועלט'ס פינאנציעלער ראטגעבער, פּראָפּ. ספּראג, רעזיגנירט מיט אן אַטאַקע אויף דעם פּרעזידענט'ס פינאַנציעלע פּלענער.

נאָוו. 22. — די דיסארמאַמענט קאָנפערענץ האָט ווידער אין א נאָווינע אבגעלייגט איהרע זיצונגען אויף א מאָנאַט.

נאָוו. 24. — אל. סמיטה, דער אמאַליגער דעמאָקראַטישער קאנדידאט פאר פּרעזידענט און מעהרערע מאָהל גאָווערנאר פון ניו־יאָרק, קומט ארויס מיט אן אַטאַקע אויף די פינאַנציעלע פּלענער פון רוזוועלט. ער פאָדערט א גאָלד דאלאר ניט קיין „באלאָני דאלאר".

דעצעמבער 5. — מיט דעם רעזולטאט פון שטימען אין די שטאַאטען פּענסילווייניע, אהייא און יוטא, איז אַטאָמאַטיש ראטיפיצירט געוואָרען דער 21טער אמענדמענט פון דער אמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, וואָס רופט צוריק דעם 18טען אמענדמענט וועגען „פּראָהיבישאָן".

דעצעמבער 6. — די דייטשע "סטויבען געזעלשאפט" פייערט דעם דייטשען טאָג מיט סוואסטיקאס און נאצי פּלעגם. אמבאסאדאר לוטהער אדרעסירט די פארזאמלונג.

דעצ. 6. — קוירנעל טשארלס א. לינדענבערג מיט זיין פרוי פליהען איבער דעם אטלאַנטישען ים פון אפריקע ביז בראזיליען, א שטרעקע פון 1875 מיילען געדויערט ביי זיי 16 שטונדען.

דעצ. 8. — א גענעראל סטרייק איז ערקלעהרט געווארען אין שפּאניען. ער האָט זיך ניט געקרוינט מיט קיין פולען ערפאָלג.

דעצ. 12. — דער נאצי־רייכסטאג ווערט פארזאמעלט. פון די 661 דעלעגאטען זיינען צוויי בלומרשט ניט קיין נאצים. דאָס זיינען פאָן פאפּען און דאקטאר הוגענבערג. די טראגיקאָמעדיע האָט געדויערט בלויז עטליכע שטונדען.

דעצ. 11. — די ענגלישע רעגירונג קויפט אָב פאר א האלבען מיליאָן דאלאר א אלטען תנ"ך פון דער סאָוועט־רעגירונג.

דעצ. 17. — יאן דוקא, דער רומענישער פּרעזידענט ווערט ערמארדעט פון א יונגען סטודענט. דער מערדער איז א מיטגליד פון א אנטיסעמיטישער אָרגאַניזאציע „די אייזערנע גווארדיע".

דעצ. 19. — אויף א קאָנפערענץ פון פּאַן אמעריקע אין מאָנטעווע, האָט הולל, דער שטאַאטס סעקרעטאר פון רוזוועלט'ס קאבינעט ערקלעהרט, אז קיין אמעריקאנער קליינער שטאַאט דארף ניט מורא האָבען פאר אינטערווענציע פון אמעריקע.

דעצעמבער 7. — דער געזעץ צו פארבאָטען שחיטה געהט אריין אין קראפט אין גאנץ דייטשלאנד אונטער'ן אויסרייד פון „צער בעלי חיים". א אידישער רב האָט געזאָגט וועגען דעם, אז עס פּאַסט זיך דער פסוק „זובחי אדם עגלים ישקון". זיי שעכטען מענשען און קושען קעלבער.

דעצ. 14. — א מיטינג פון דאקטוירים און דענטיסטען נעמט אָן א רעזאָלוציע צו באָיקאָטירען דייטשע סחורות.

דעצ. 23. — דער היי־קאָמישיאָנער פון די „ליעג אַף ניישאָנס" דזשיימס מעקדאָנאלד, פארעפענטליכט א דערווייליגען באריכט איבער דעם צושטאַנד פון דייטשע פליכטלינגע. פליכטלינגע זיינען דא אין פילע לענדער. א העלפט פון אלע פליכטלינגע זיינען אין פראנקרייך, א צעהנטעל אין פאלעסטינע. די צאָהל פון פליכטלינגע איז ארום 60 טויזענד. 86 פּראָצענט פון זיי זיינען אידען.

דעצ. 23. — דער פּראָצעס פון די באשולדיגטע אין רייכסטאג פייער ווערט פארענדיגט. די בולגארען און טארגלער ווערען דערקלעהרט ניט שולדיג. דער האלב צודרעהטער, דעגענערירטער האָלענדער פאָן דע לובע ווערט ערקלעהרט אלס דער הויפּט שולדיגער. די בולגאַרישע קאָמוניסטען ווערען באפרייט. דער דייטש טאָרגלער פארבלייבט אין תפיסה.

דעצ. 28. — ישיבה לייט פון ראדינער ישיבה (געגרינדעט פון חפץ חיים) ערקלעהרען א סטרייק זיי ענטזאָגען זיך צו לערנען ביז מען וועט זיי ניט געבען עסען.

דעצ. 30. — סאָוועט־רוסלאנד פארעפענטליכט די פונקטען פון דעם צווייטען 5־יאָהריגען פּלאַן.

דעצ. 28 — וויליאם גרין, פּרעזידענט פון אמעריקאָן פעדערייששאָן אַף לעיבאר, לאָזט ארויס א פּראָקלאַמאציע צו די יוניאָנס, אנגעשלאָסען אָן דער א. פ. אוו ל. צו פארשטארקען דעם באָיקאָט פון דייטשע סחורות.

# 1934

יאנואר 1. — עס געהט אריין אין קראפט דער פונקט צו פארזיכערן דעפאזיטס ביז 2500 דאלאר, וואס איז אנגענומען געווארען אין דער אויסערגעוועהנליכער זיצונג פון קאנגרעס.

דער 73טער קאנגרעס האט זיין ערשטע רעגעלע זיצונג דעם 3טען יאנואר 1934, לויט דער באשטימונג פון דעם 20טען אמענדמענט.

יאנואר 15. — דער קאנגרעס אויטאריזירט דעם פרעזידענט צו שניידען די וואג פון גאלד אין דאלאר פון 40 ביז 50 פראצענט. די וואג ווערט באשטימט 59.06 פון פריהערדיגען וואג.

יאנואר 10. — דזשיימס מעקדאנאלד, הויי־קאמישיאנער פון ליעג אף נייישאנס האט ערקלעהרט, אז פון 20 ביז 25 מיליאן דאלאר איז נויטיג איינצוארדענען דייטשע פליכלינגע.

יאנואר 14. — הונדערט טויזענד דייטשען הערען זיך צו ווי דער פראפאגאנדא מיניסטער דר. געבעלס האט פארעפענטליכט א געזעץ, לויט וועלכען דער אייגענטהימער פון א געשעפט איז דער האר איבער די אונטערטעניגע ארבייטער.

יאנואר 23. — פרעזידענט רוזוועלט אנערקענט די נייע רעגירונג פון קיובא.

יאנואר 26. — א שלום אבמאך געסיינט צווישען פוילען און דייטשלאנד.

יאנואר 30. — היטלער'ס רייכסטאג נעמט אן א געזעץ לויט וועלכען אלע פעדעראלע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען ווערען אבגעשאפט.

פעברואר 6. — גרויסע אומרוהען אין פאריז אנגעפיהרט פון איין זייט פון קאמוניסטען און פון דער צווייטער זייט פון ראיאליסטען. עדוארד דעלאדיע, פרעמיער קריגט א פארטרויאונגס וואוט פון פארלאמענט.

פעברואר 17. — דער קעניג פון בעלגיען אלבערט ווערט דער'הרג'עט קלעטערענדיג אויף בערג.

פעברואר 23. — דער 33־יעהריגער יונגערמאן לעאפאלד ווערט קעניג אין בעלגיען אלס לעאפאלד דער דריטער.

## אויפשטאנד אין עסטרייך

פעברואר 12. — צוליעב דער פראוואקאציע פון דעם צבועק דאלפוס האט אויסגעבראכען א אויפשטאנד פון דעם עסטרייכישען סאציאליסטישען שוץ־בונד אין ווין. וויענער ארבייטער באוואפענט מיט אלטפרענקישע געוועהר האבען זיך פארבאריקאדירט אין די באריהמטע סאציאליסטישע מוניציפאלע הייזער אין ווין. די היימוועהר, די פאשיסטישע ארמיי צוזאמען מיט פאליסלייטע, באוואפענט מיט שווערע ארטילעריע און האוויצערס האבען באמבארדירט די הייזער און מיט קריסטליכע אויגענגלאצעריי ערמארדעט פרויען און קינדער.

די ארבייטער און זייערע פרויען האבען ארויסגעוויזען אויסערגעוועהנליכען העראאיזם. פיער טעג האט געדויערט דער העלדישער קאמף. די קעמפער האבען ערווארטעט, אז אלע עסטרייכישע ארבייטער זאלען ערקלעהרען א גענעראל סטרייק. קיין גענעראל סטרייק איז ניט פארגעקומען און די וויענער ארבייטער האבען נאך שווערע קרבנות אויפגעגעבען דעם קאמף.

דער אויפשטאנד האט זיך פארשפרייט אין אנדערע עסטרייכישע שטעדט, אין סטייער, ברוק און מור, עגענבורג, ווילהעלמסבורג און נאך עסטרייכישע שטעדט. הונדערטע ארבייטער פרויען און קינדער זיינען געפאלען אין שלאכט. דורך מארד, פראוואקאציע און טייכען בלוט האט דער קריסט דאלפוס פראקלאמירט דעם „דייטשען קריסטליכען קאאפעראטיווען שטאט".

דער אויפשטאנד האט זיך אנגעפאנגען מיט א פאר טעג פריהער אין לינץ. די פאשיסטישע היימוועהר האבען געפאדערט פון די סאציאליסטישע באאמטע אויפצוגעבען די לאקאלע רעגירונגען און אז דער שוצבונד זאל זיך ענטוואפענען. דער שוצבונד האט זיך געשטעלט געגען. אין ווין האט די היימוועהר ארעסטירט א גרויסע צאהל סאציאליסטישע פיהרער און געפאדערט פון דער וויענער סאציאליסטישער שטאדט רעגירונג זיך אויפצולייזען. די וויענער ארבייטער זיינען געווארען ענטריסטעט און דער אויפשטאנד האט אויסגעבראכען. די סאציאליסטישע פיהרער דזשוליוס דייטש און אטא באוער, וועמען מען האט ניט געקענט ארעסטירען זיינען געשטאנען מיט די קעמפער ביז'ן לעצטען מאמענט. דזשוליוס דייטש איז געווען זייער פארוואונדעט.

פעברואר 16. — די געשעהעניסע אין ווין האבען ארויסגערופען צארן און פראטעסטען אין די ארבייטער קרייזען אין דער גאנצער וועלט. די אמעריקאנער סאציאליסטען האבען אויך פאררופען א פראטעסט דעמאנסטראציע אין מעדיסאן סקוועער גארדען אין ניו יארק. אין אלע שעפער וועלכע זיינען קאנטראלירט פון אידישע יוניאנס האבען ארבייטער געסטאפט פון זייער ארבייט און אין מאסען געגאנגען

אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדען. די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיך אריינגעריסען אין האַל האָבען געשטערט די רעדנער. עס האָבען אויסגעבראָכען געשלעגען און די ריזיגע דעמאָנסטראַציע איז אָבגעבראָכען געוואָרען. דער צאָרן פון די אידישע ארבייטער איז אויך געווען גרויס געגען די קאָמוניסטען.

פעברואר 25. — דער אידישער ארבייטער קאָמיטעט האָט פאַררופען א פאַרזאַמלונג פון אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס אָנצופאַנגען א ענערגישען קאַמף געגען פאַשיזם אויף דער גאַנצער וועלט. אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען פאָרטראָטען אידישע יוניאָנס, ארבייטער אָרדענס, פועלי ציוניסטען און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. די צאָהל פון דעלעגאַטען איז געווען 565. צוליב א רעזאָלוציע וועגען אידישען קאָנגרעס, האָבען די ציוניסטיש געשטימטע דעלעגאַטען פאַרלאָזען דעם האַל.

מארטש 1. — הענרי פו יאי ווערט געקרוינט אלס דער ערשטער קעניג פון מאַנדזשוקאָ, אונטער יאַפּאַנ׳ס השגחה.

מארטש 7. — די אמעריקאַן פעדערייישאָן אָף לייבאָר בשותפות מיט׳ן אידישען קאָנגרעס האָבען אראַנזשירט א געריכט איבער היטלער אין ניו יאָרק, אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדען. עס האָבען גערעדט 23 פּראָמינענטע רעדנער, ווי סענאַטאָר טיידינגס, דער אמאָהליגער סעק. אָף סטייט קאָלבי, לאַ גוואַרדיע, אַל. סמיטה, דזשאַדזש סעמועל סיבורי, מעטהיו וואָהל, וויים טשערמאַן פון דער א. פ. און ל., ראַבאַי סטיפען ווייז, אייב קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“ און נאָך. דער מיטינג טראָגט ארויס א אייגשטימיגע רעזאָלוציע, אַז היטלער האָט מיט זיינע מעשים תעתועים באַגאַנגען א שרעקליכען פאַרברעכען געגען דער ציוויליזאַציע.

מארטש 8. — דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר לוטהער פּראָטעסטירט געגען אורטייל פון מעדיסאָן סקוועער גאַרדען צו דעם אמעריקאַנעם סטייט דעפּאַרטמענט.

מארטש 20. — דער אמעריקאַנער קאָנגרעס נעהמט אָן די רעזאָלוציע פון דעם קאָנגרעסמאַן דיקשטיין צו באַשטימען א קאָנגרעשיאָנאַל קאָמיטע צו אונטערזוכען די טהעטיגקייט פון די נאַציס אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

אפריל 5. — ספּיקער רעני באַשטימט א פּאַרמאַלע אונטערזוכונגס קאָמיטע אויסצופאָרשען די טהעטיגקייט פון אונאַמעריקאַנער עלעמענטען. קאָנגרעסמאַן מעקקאָרמיק טשערמאַן. די איבעריגע מיטגלידער זיינען: קאָנגרעסמאַן דיקשטיין, קרעמער, מיידעמאַן און געינאָר.

אפּריל 25. — וואַלדעק פּראָטעסטירט געגען דעם נאַצי אינספּירירטען דייטשען לעהר־בוך, וואָס ווערט באַנוצט אין די אמעריקאַנער הייסקולס. די באָארד אָף עדיוקיישאָן פאַרשפּרעכט די זאַך צו אונטערזוכען.

מאַי 9. — א סטרייק פון לאָנגשאָרמען האָט זיך אָנגעפאַנגען אין סאַן פראַנציסקאָ.

מאַי 16. — א פאַשיסטישע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין לאַטוויע. אלע האָבען געשלאָפען און טיף אין דער נאַכט האָט דער מיניסטער־פּרעזידענט קאַרל אולמאַניס געלאָזט ארעסטירען אלע סאָציאַל־דעמאָקראַטען און לעגיאָנערען און האָט פּראָקלאַמירט א פאַשיסטישע דיקטאַטור. צווישען די ארעסטירטע זיינען דאָ די בונדיסטען דר. מייזעל, ישראל ברוין, יוליוס ראַבינאָוויטש, ווי אויך פיהרער פון די פועלי ציון פּראָפעסאָר לאַזאַרסאָן.

מאַי 20. — אויך בולגאַריע איז אריינגעטראָטען אין די רייען פון פאַשיסטישע מלוכות.

צו דעם הונדערט־יאָהריגען טויט פון פראַנצויז לאַפאַיעט, וועלכער האָט אַקטיוו מיטגעהאָלפען אין דער אמעריקאַנער רעוואָלוציע, האָט דער אמעריקאַנער קאָנגרעס אָבגעהאַלטען א ספּעציעלע זיצונג. דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר האָט די זיצונג אַדרעסירט.

מאַי 23. — א אידישער גענעראַל סטרייק פאַר איין טאָג איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אין פּאַלעסטינע געגען די באַשרענקונג פון אימיגראַציע פון אידען.

מאַי 28. — בעני ראָס, וועמעס אמת׳ער נאָמען עס איז בנימין ראָזאָווסקי, א זוהן פון א אידישען גראָסערימאַן האָט געוואונען א דאַבל טשעמפּיאָנשיפּ אלס שלעגער.

מאַי 24. — דער אַלטער מאַסאַריק איז ווידער ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט פון טשעכאָסלאָוואַקיע.

מאַי 29. — אין קאַטאָוויץ הויבט זיך אָן א פּראָצעס וועגען תלמוד.

א עהרען־באַנקעט איז אראַנזשירט געוואָרען צו לואי וואַלדמאַן פאַר זיין ערפאָלגרייכע פאַרטיידיגונג פון אַסמאַן, א אידישער סאָלדאַט, וועלכער איז באַשולדיגט געוואָרען אין שפּיאָנאַזש.

### סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן אין דעטרויאיט

מאַי 31. — די סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן אין דעטרויאיט ווערט ערעפענט מיט א גרויסער מאַסענפאַרזאַמלונג וועגען אמעריקאַנער

פּראָבלעמען. נאָרמאַן טאָמאַס, דזשייקאָב פּענקין און אַנדערע טרעטען אויף אַלס רעדנער. דער עולם נעמט זיי אויף מיט באַגייסטערונג.

אין דעם באַריכט וואָס די עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט צוגעשטעלט ווערט אָנגעגעבען, אַז די צאָהל מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דעם 1טען דזשאַנואַרי 1914 איז געווען 22,861.

לעאָ קירציקי, דער פּאַרזיצער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט די קאָנווענשאָן אָפיציעל געעפענט.

ביי דער וואָהל פון פּאַרזיצענדען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אויף דער קאָנווענשאָן זיינען פּאַרטראָטען דריי ריכטונגען. רעכטע, ראַדיקאַלען און עקסטרימע לינקע, וועלכע שטעהן אין פאַרהאַנדלונגען מיט די טראָצקיסטען און לאַווסטאָניסטען. דער לינקער גענאָסע אַלען פון קאָנעקטיקוט האָט געקראָגען 74 שטימען, גענ. אַלדזשערנאָן ליע, האָט געקראָגען 51 שטימען.

א שטורמישע דעבאַטע איז אויסגעבראָכען אויף דער קאָנווענשאָן צוליעב פּרינציפּיעלע פראַגען. די לינקע האָבען געזוכט אַריינצוברייננגען א רעזאָלוציע אָנצונעמען אין פּרינציפּ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און אָנווענדען דעם גענעראַל סטרייק אין פאַל פון א מלחמה. פאַר דער רעזאָלוציע האָט גערעדט קרוגער פון שיקאַגאָ, געגען דער רעזאָלוציע זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטען די גענאָסען סאָלאָמאָן, וואַלדעק, פּענקין און וואַלדמאַן. גענאָסען נאָרמאַן טאָמאַס שלאָגט פאָר די רעזאָלוציע אין דער פאָרמע אין וועלכער זי איז פאָרגעלייגט געוואָרען אָבלעהנען, אָבער אָנצונעהמען א פּשרה רעזאָלוציע לויט וועלכער עס ווערט אָנערקענט דער פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיע, אָבער אין אויסערגעוועהנליכע פאַלען זאָל מען זיך ניט אָבשרעקען פאַר דיקטאַטור. פאַר טהאָמאַס פּשרה האָבען געשטימט דעלעגאַטען, וועלכע רעפּרעזענטירען 10,822 שטימען און געגען 6512. (די טהאָמאַס רעזאָלוציע איז געדרוקט אויף אַן אַנדער פּלאַץ).

אין דער עקזעקוטיוו פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ווערען ערוועהלט: קרוגער, שיקאַגאָ, הודס, פּענסילווייניע, שאַדיד, אָקלאַהאָמאַ, פּראָפ. ספּאַרגאָ, פראַנץ דאַניעלס, האַפּגוד, דזשיימס גראַהאַם, דזשיימס אָניעל און נאָרמאַן טהאָמאַס.

דזשון 4. — אויף דער לויה פון דעם אידישען אַרבייטער לובינסקי, וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרען פון די פּוילישע „נאַרעס" (א פּוילישע אָרגאַניזאַציע ענהליך צו נאַציס) זיינען געווען איבער צעהן טויזענט מענשען.

דזשון 5. — פון פילע פּוילישע שטעדט קומען אָן ידיעות, אַז די פּוילישע נאַראָס פּאָגראָמירען אידען.

דזשון 8. — נאָך עטליכע וואָכען פון פאַרהאַנדלונגען אין געריכט אין דער באַשולדיגונג פון די רעוויזיאָניסטען סטאַווסקי און ראָזענבלאַט אין דעם מאָרד פון דאָקטאָר אַרלאָזאָראָוו, וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרען דזשון דעם 16טען, 1933, האָבען די ריכטער אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל, אַז עס זיינען ניטאָ קיין באַווייזע געגען ראָזענבלאַט, אָבער סטאַווסקי איז שולדיג.

דזשון 14. — דער אידישער שלעגער מאַקס בער צוזאָמיטט דעם איטאַליענישען וועלט-טשעמפּיאָן שלעגער פּרימאָ קאַרנערע. מאַקס בער קריגט דעם טיטעל טשעמפּיאָן שלעגער פון דער וועלט.

דזשון 15. — היטלער איז געפלויגען אין איטאַליען דורכצורעדען זיך וועגען פּאָליטישע פראַגען. מען דענקט אַז די פראַגע פון עסטרייך האָט פאַרנומען אין די פאַרהאַנדלונגען דעם ערשטען פּלאַץ.

סאָל עפּשטיין און האַנס ציגלער זיינען פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט אין דייטשלאַנד פאַר א פאַרדאַכט, אַז זיי זיינען שולדיג אין מאָרד פון דעם אויסוואָורף האָרסט וועסעל.

דזשון 15. — פאָן פּאַפּען איז אַרויס מיט א שאַרפער קריטיק געגען דעם, וואָס די נאַציס אונטערדריקען יעדע מיינונג.

דזשון 20. — אחי מאיר, דער אָנפיהרער פון די טעראָריסטען „בריונים" ווערט פאַראורטיילט צו 21 מאָנאַטען טורמע.

דזשון 19. — דער 73טער קאָנגרעס שליסט זיך 5 פּאַרטאָג.

דזשון 24. — די ביינער פון אהרן ליבערמאַן, דער ערשטער אידישער סאָציאַליסט, ווערט איבערגעפיהרט פון סיראַקיוז אין ניו יאָרק 53 יאָהר נאָך זיין טויט. די ביינער פון ליבערמאַן ווערען באַערדיגט אויף דער מאָונט כרמל בית עולם פון אַרבייטער רינג.

דזשון 24. — א קאָנפערענץ פון 10 סטייטס ווערט אָבגעהאַלטען וועגען סאָציאַליסטישע פּאָליטיק. עס ווערט אָנגענומען א רעזאָלוציע צו באַקעמפען די פּרינציפּען ערקלעהרונג פון דער דעטראָיטער קאָנווענשאָן. וואַלדעק, ראַנער און דאַווידאָוו ווערען בעאויפטראַגט צו פאַרהאַנד-

לען מיט דער עקזעקוטיווע פון דער סאציאליס־טישער פארטיי וועגען דעם רעפערענדום פון דער פרינציפען ערקלעהרונג.

דזשון 25. — א קאנפערענץ פון אידישען קאמיטעט מיט זעקס הונדערט דעלעגאטען איז אבגעהאלטען געווארען.

דזשון 27. — עס שטארבט אין גלות דער אידישער דייטשער קאמיקער מאקס פאלענבערג.

דזשון 28. — עס איז געווארען צוואנציג יאהר זינט א סערבישער סטודענט האט געשאסען אין סאראיעווע דעם קרוינפרינץ. דער שאס וואס האט אונטערגעצונדען די וועלט.

עס איז געווארען 15 יאהר זינט דער ווער־סאילער פרידען איז געשלאסען געווארען. אין בערלין האבען די נאציס דעמאנסטרירט געגען דעם פרידען.

דזשון 28. — סעקרעטער אף סטייט האל קומט ארויס מיט א שארפער נאטע געגען דייטשער שטעלונג אין פריוואטע חובות.

דזשון 29. — די פוילישע פליהער אדאמא־וויץ האבען אנגעפאנגען זייער פאטאלע לופט־רייזע אויף א שטרעקע פון 3200 מייל. זיי פלי־ען אריבער דעם אקעאן, אבער זיי זיינען אומ־געקומען אין דייטשלאנד.

דזשון 29. — א פארמער סטרייק איז ער־קלעהרט געווארען אין פילע שטאאטען אין אמע־ריקע.

דזשון 30. — די וועלט איז ערשטוינט פון דעם שוידערליכען בלוטבאד, וואס היטלער און זיינע באנדעס האבען געמאכט אין פילע שטעדט פון דייטשלאנד. מען רעכענט אז די צאהל הרוגים דערגרייכט עטליכע הונדערט מענ־שען. היטלער האט אומגעבראכט זיינע בעסטע פריינד, ווי די פאגראמשציקעס היינעס, רעהעם און ערנסט. עס זיינען אבער אויך אומגעקומען עהרליכע מענשען, ווי דר. קלויזנער, גענעראל שלייכער און אנדערע.

דזשולאי 3. — א גענעראל סטרייק האט אויסגעבראכען אין סאן פראנציסקא אין סימ־פאטיע מיט די לאנג שארמען.

דזשולאי 5. — ערנסטע אומרוהען זיינען פארגעקומען צווישען סטרייקער. עס זיינען דא טויטע און פארוואונדעטע.

דזשולאי 7. — ידיעות פון טערקיי קומען אז, אז די ארטיגע בעאמטע האבען פארטריבען אידען פון טראציע, וואס האבען דארטען גע־וואהנט הונדערטע יאהרען. די צענטראלע טער־קישע רעגירונג האט פארשפראכען אנצונעמען מיטלען געגען דעם ווילדען אנטיסעמיטיזם.

קאמוניסטישע אומרוהען קומען פאר אין האלאנד.

דזשולאי 7. — ראקאפעלער'ס פרעס־אגענט אייווי לי האט זיך מודה געווען, אז היטלער האט איהם געדונגען צו מאכען פראפאגאנדע פאר נאצי־דייטשלאנד.

סנאודען איז ארויסגעקומען מיט א ער־קלעהרונג, אז ענגלאנד שטעהט אויפ'ן שוועל פון רעוואלוציע.

דזשולאי 16. — עס ווערט באשטעטיגט, אז פינף און פערציג אידישע הייזער זיינען צו־רויבט געווארען אויף די דארדאנעלען אין טער־קיי. הונדערטע אידען זיינען זיך צולאפען.

דזשולאי 19. — טארנאוו אין גאליציען איז פארפלייצט געווארען. פילע מענשען זיינען אומ־געקומען.

דזשולאי 20. — דעם אפיעל, וואס סטאווסקי האט געמאכט געגען זיין פאראורטיילונג אלס מערדער פון ארלאזאראוו איז אנגענומען גע־ווארען. ער איז באפרייט געווארען אויף א טעכנישען גרונד.

דזשולאי 21. — לויט ידיעות איז די לאגע פון אידישע פליכטלינגע אין טערקיי א שרעק־ליכע.

גענעראל היו דזשאהנסאן קומט ארויס מיט אן ערקלעהרונג, אז ער איז פיזיש קראנק פון היטלער'ס מעשים תעתועים. דער דייטשער אמ־באסאדאר פראטעסטירט.

דזשולאי 23. — דער באנדיט דילינדזשער ווערט געשאסען פון פעדעראלע אגענטען.

דזשולאי 25. — נאציס מאכען א אויפשטאנד אין וויען. זיי ארעסטירען אלע מיניסטארען און ערמארדען דאלפוס'ן. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער בונט איז אינספירירט געווא־רען פון בערלין.

דזשולאי 27. — אין מיניאפאליס, מינע־סאטא, ווערט ערקלעהרט קריגס־צושטאנד צוליב די ערנסטע אומרוהען פון סטרייקער.

די באריהמטע אקטריסע מאריע דרעסלער געשטארבען.

דזשולאי 27. — מאקס קאהלער, א אידישער געלערנטער שטארבט.

דזשולאי 28. — מאיר וויליאם קעפנער און זיינע צוויי קאלעגען הויבען זיך אויף 77 טויזענד פוס הויך אויף א לופט באלאן. דער באלאן פלאצט.

אויגוסט 2. — דער דייטשער פרעזידענט הינדענבורג שטארבט.

אויגוסט 3. — היטלער פארנעהמט היג־

דענבורג'ס פלאץ. ער נעהמט אן דעם טיטול רייכספיהרער.

אויגוסט 6. — א בלוטיגער פאגראם קומט פאר אין קאנסטאנטין, אלדזשיער. מען שאצט די צאהל טויטע איבער הונדערט.

פוילישע "נאראס" באפאלען אידען אין לאדזש און פארוואונדען צעהן אידען.

אויגוסט 19. — ספיקער רעני שטארבט.

אויגוסט 23. — דער פלעביסציט, וואס איז אבגעהאלטען געווארען אין דייטשלאנד גוטצוהייסען דעם פאקט, וואס דער געוועזענער עסטרייכער פעינטער האט זיך געקרוינט אלס רייכספיהרער האט געגעבען פאלגענדע רעזולטאטען לויט אפיציעלע קוועלען: פאר גוטהייסען האבען געשטימט 38,279,714; געגען 4,287,808. ניט גילטיגע באלאטס 871,056.

ווי ווייט די רעזולטאטען זיינען ריכטיג קען מען ניט וויסען. די אויסלענדישע פרעסע ווייזט אן, אז די צאהל געגנער פון היטלער'ן וואקסט אין דייטשלאנד.

אויגוסט 23. — עס איז געשלאסען געווארען די אידישע וועלט־קאנפערענץ, וואס האט געדויערט פון מאנטאג דעם 20טען ביז דאנערשטאג דעם 27טען אויגוסט.

עס ווערען אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציעס: 1) צו רופען אין א יאהר צייט א אידישען וועלט־קאנגרעס צו פארטיידיגען דעם גוטען נאמען פון אידען און באשיצען זייערע רעכטע אין אלע לענדער; 2) צו פארשטארקן דעם באיקאט פון דייטשע סחורות; 3) צו פראטעסטירען געגען דעם, וואס דער דייטשער אימפארט אין ארץ ישראל האט זיך פארגרעסערט. עס ווערט אויסגעקליבען א ראטה פון פארשידענע מדינות.

מר. וואלדמאן פון דער דזשואיש קאמיטע איז ארויסגעקומען מיט אן ערקלעהרונג, אז דער קאנגרעס רעפרעזענטירט ניט די אידישע עפענטליכע מיינונג.

אויגוסט 31. — אן אלגעמיינער סטרייק פון טעקסטיל ארבייטער ווערט ערקלעהרט. ארום א האלבען מיליאן ארבייטער אין פארשידענע שטעדט ווערען פון סטרייק באריהרט. איבער 50 טויזענד טעקסטיל ארבייטער שטעהן צו צום סטרייק.

**א אידישע שיף מיט 380 חלוצים וואנדערט ארום פון איין פארט אין צווייטען. קיין פארט לאזט די שיף ניט לאנדען. מען רופט די שיף, „די שיף פון גייסטען", דער שיף איז אבער א שיף מיט וואנדערער „אהן א לאנד".**

סעפטעמבער 8 — די שיף „מארי קעסטל" מיט הונדערטע פאסאזשירען קומט אום ביי די ברעגען פון ניו־דזשוירזי. פילע ווערען דערטרונקען.

סעפט. 18. — סאוועט־רוסלאנד ווערט אריינגענומען אין דער ליגע אף ניישאנס. בלויז 3 מלוכות האבען געשטימט געגען.

סעפט. 19. — א דייטש מיט'ן נאמען ברונא ריטשארד הויפטמאן איז ארעסטירט געווארען אלס דער קידנעפער פון לינדענבערג'ס בייבי. מען האט ביי איהם געפונען ארום 14 טויזענד דאלאר פון די אויסלייז געלד, וואס לינדענבערג האט געגעבען. דער דייטש האט א רעקארד פון א פארברעכער. אין אמעריקא איז ער אריין ניט לעגאל.

סעפט. 22 — אן אלגעמיינער סטרייק פון טעקסטיל ארבייטער ווערט פארענדיגט. איבער 60 פראצענט פון אלע טעקסטיל ארבייטער האבען געסטרייקט.

סעפט. 23. — די פאסטארס פון דער לוטעראנישער קירכע דעמאנסטרירען געגען רייכס־בישאף מילער.

סעפט. 26. — א טעקסטיל לעיבאר רעלייאנס באארד ווערט באשטימט פון פרעזידענט רוזוועלט צו אונטערזוכען די ארבייטס באדינגונגען פון דער טעקסטיל אינדוסטרי אין אמעריקע.

סעפט. 22. — א קאמיטע פון דעם טשעימבער אף קאמוירס פון די פאראייניגטע שטאאטען רעקאמענדירט אז די נ. ר. א. זאל בלייבען אויף נאך דעם 13טען דזשון, 1935. די נ. ר. א. מוז אבער פיעל געענדערט ווערען. פרעזידענט רוזוועלט באשטימט א. נ. ר. א. באארד פון פינף. וויליאם קליי, פון דער טאבאק אינדוסטריע, וועהייטסייד, א דירעקטאר פון דער קרעדיט אגענטור פון דאן און בראדסטרעט; פראפעסאר וואלטאן האמילטאן פון יעיל אוניווערסיטעט; פראפעסאר לעאן מארשאל, פון דזשאהן האפקינס אוניווערסיטעט; סידני הילמאן, פרעזידענט פון דער אמאלגאמייטעד יוניאן.

סעפט. 25. — דזשענעראל היו דזשאהנסאן רעזיגנירט פון דער נ. ר. א.

סעפט. 30. — פרעזידענט רוזוועלט אפעלירט אין א ראדיא רעדע צו ארבייטער זיי זאלען ערקלעהרען א וואפענשטילשטאנד און ניט סטרייקען פאר א געוויסער צייט.

אקטאבער 4. — די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר ווערט ערעפענט אין סאן פראנציסקא.

אקטאבער 5. — א רעוואלוציע פון ראדיקאלען ברעכט אויס אין שפאניען. די רעוואלוציע ווערט אונטערדריקט פון די רעאקציאנערען מיט גרויס אכזריות.

אקטאבער 6. — מוסאליני רעדט פאר א גרויסען עולם וועגען דער וויכטיגקייט צו דער נענטערען זיך פון איטאליען צו יוגאסלאוויען און פראנקרייך. יוגאסלאוויע מוז אבער אויפהערען חוזק צו מאכען פון דער איטאליענער ארמיי.

אקטאבער 9. — קעניג אלעקסאנדער פון יוגאסלאוויע איז ערמארדעט געווארען גלייך נאך דעם ווי ער איז אנגעקומען אין פראנקרייך. ער איז געווען אויפ'ן וועג פון מארסיי אין פאריז. צוזאמען מיט איהם זיינען ערמארדעט געווארען בארטו, דער אויסלענדישער מיניסטער פון פראנקרייך און א גענעראל. דער מערדער איז געלינטשט געווארען פון המון.

אקטאבער 12. — דער אינגעל „ינוקא” פיאטער, דער זוהן פון אלעקסאנדער ווערט גע־קרוינט אלס קעניג פון יוגאסלאוויע. ער שטעהט אונטער דער השגחה פון 3 רעגענטען, וועלכע וועלען דערווייל רעגירען דאס לאנד.

אקטאבער 10. — די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר נעהמט אן א רעזאלוציע, ערלויבען ווערטיקאלע אינדוסטריעלע יוניאנס אין די אינדוסטריעס פון מאסען פראדוקציע. די קאנווענשאן נעהמט אויך אן א רעזאלוציע צו פארשטארקען דעם באיקאט געגען היטלער'ס דייטשלאנד.

אקטאבער 28. — א באריכט וועגען דער 54טער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אף לייבאר ווערט אבגעגעבען פון געג. וולאדעק אין רענד סקול, ניו יארק. געג. וולאדעק האט אנגעוויזען, אז טיף געהענדע ענדערונגען קומען פאר אין דער אמעריקאנער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט. דער פאקט, וואס סיטרין און געג. וולאדעק זיינען איינגעלאדען געווארען צו אדרעסירען די פארטרעטער פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט צייגט אויף דעם פראגרעסיווען גייסט פון דער קאנווענשאן. אין דעמזעלבען זינן האבען גערעדט נאך רעדנער.

אקטאבער 29. — אין בערן האט זיך אנגעפאנגען דער משפט וועגען דער קלאגע וואס די פעדעראציע פון אידישע קהלות אין שווייצאריע האט אריינגעבראכט געגען די שווייצארישע נאצישע ארגאניזאציעס פאר פארשפרייטען די פאלשע פראטאקאלען פון ‚זקני ציון”. אלס עדות זיינען אויפגעטראטען חיים ווייצמאן, דר. עהרענפרייז, פאול מיליוקאוו, בורצעוו און נאך. דער משפט, וואס דערמאהנט אן מיטעלאלטער רופט ארויס גרויס אינטערעס אין פארשידענע קרייזען.

דריי אמעריקאנער געווינען נאבעל פרייזען. אין מעדיצין, דר. מינאט, דר. מוירפי און דר. וויפעל. דעם פרייז פאר ליטעראטור געווינט דער איטאליענער דראמאטורג, לואידזע פרינזעלא.

נאוועמבער 3. — די ארבייטער פארטיי אין ענגלאנד האט אין די וואהלען צו שטאדטישע קאונסילס ערוועהלט מעהר פארטרעטער פון אלע אנדערע פארטייען צוזאמענגענומען. די פארטיי האט געוואונען 740 פלעצער פון 13 הונדערט.

נאוועמבער 17. — די נאצי־צייטונג, „די דייטשע צייטונג” איז ארויסגעקומען מיט „על חטא” שלאגען זיך. זי גיט צו, אז זי האט אידען פארלוימדעט און האט מיסרעפרעזענטירט פאקטען. זי פארשפרעכט צו ווערען אנשטענדיג. די תשובה האט דער רעדאקטאר אויף זיך גענומען אויסצוקויפען זיך פון א יאהר טורמע פאר לייבעל געגען ריכטער גאלדשטיין.

נאוועמבער 21. — גענעראל באטלער איז ארויסגעקומען מיט א סענסאציאנעלער ערקלערונג, אז וואל סטריט מאגנאטען האבען געוואלט פינאנסירען א מארטש אויף וואשינגטאן צו פארכאפען די מאכט און איינשטעלען א פאשיסטישע רעגירונג.

# אידישע ביכער דערשינען אין אמעריקע אין 1934–1933

„א פּאַטש“ פון וויליאם איבראַמס, ארויסגעגעבען פון פארלאג „סיגנאל“ (ביים „פּראָלעט פען“), 31 זייטען.

„ווי מענשען לעבען אין סאָוויעט רוסלאַנד“ (איינדרוקען פון א רייזע), פון מ. אָשעראָוויטש, 392 זייטען.

„פונדקא רטיבתא“ פון י. אפּאטאָשו, צייכענונגען פון הענך גליצענשטיין. פארלאג ל. מ. שטיין, שיקאגא, 23 זייטען, ארויסגעגעבען אין 200 עקזעמפּלארען.

„הובעל שפּענער“, אויטאָביאָגראפישע סקיצען און געקליבענע שריפטען פון בראנזווילער סטאָלער, א מתנה פון די פערזענליכע פריינד און פארעהרער פון דעם מחבר ב. גרינפעלד, ארויסגעגעבען פון דער „בראנזווילער סטאלער שריפטען קאָמיטעט“, ניו יאָרק—לאָס אנדזשעלעס, 224 זייטען.

“איאָלא“, א נאָוועלע און אנדערע ערצעהלונגען, פון משה טאָלטשין, אילוסטרירט פון ט. געלער און א. סוזאן. טשעשינסקי׳ס פארלאג, 208 זייטען.

„סניטקאָוו, מיין שטעדטעל“, (צווייטער בוך, קינדער יאהרען) פון י. ל. מאלאמוט, 96 זייטען.

„זאָלען אידען לאַכען“, פון ב. קאָוונער (י. אדלער), געקליבענע הומאָריסטישע שריפטען, קורצע מעשה׳לאך פאר פארלעזער, דעקלאַמאַטארס, ראַדיאָ-ארטיסטען און פאר יעדער אידישער היים. פארלאג „אידיש לעבען“, 176 זייטען.

„לאַכט אידען לאַכט, פון ב. קאָוונער (י. אדלער), פארלאג „אידיש לעבען“, 176 זייטען.

„פון וואָלאָזשין ביז ירושלים“, צוויי בענד, פון הרב מאיר בערלין. ערשטער באנד 242 זייטען, צווייטער—228 זייטען.

„אין קריג—מיט זיך אליין“, פון שלום שווארצבארד, צייכענונגען פון חנוך הענך גליצענשטיין און מיכל ציפּאַרין. ארויסגעגעבען פון „שלום שווארצבארד קאָמיטעט“, 259 זייטען.

„לעבעדיג און לוסטיג“ פון אָנקעל סעם פארלאג ”רויטע פעדים“, 15 זייטען.

„אנטאלאָגיע“, די אידישע פּאָעזיע פון מיטוועסט און מערב ביז די לעצטע טעג פון משה ליב האלפּערן, צוזאמענגעשטעלט פון מאַטעס דייטש, בען שאלעם און שלמה שווארץ. צייכענונגען פון ט. געלער און מ. ציפּארין, פארלאג מ. צעשינסקי, 200 זייטען.

„לידער„ פון ד. זיידמאן, מיט א במקום הקדמה, פון א. אלפּערט (איש קאָוונע), באסטאן, מאַס., 16 זייטען.

דאָס טייכעל קאָטשעט זיך אויפ׳ן בייכעל“ (לידער און פאבלען פאר קליין און גרויס) פון מ. טקאטש. שער־בלאט געצייכענט פון טאָדרעס געלער. פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 64 זייטען.

„היטלער׳ס מפּלה“, א סאַטירישע פּאָעמע, פון יוסף בן—גיל. פארלאג „ליטין ליינא סוירווים“, 20 זייטען.

„שער און אייזען“ (און אנדערע פּאָפּולערע רעציטאציעס) פון באשמאל, ארויסגעגעבען פון פּראָלעט פען, פארלאג „סיגנאל“, 64 זייטען.

„צו דיר — צו מיר“ (א פּאָעמע) פון א. לעיעלעס, 64 זייטען.

„פינף און צוואנציג לידער“ פון וו. לאָנגפעלאָו, איבערזעצט פון דר. א. אייסען, פארלאג „אויפקום“, 48 זייטען.

“ווייסע טריט“, פון ל. מאָטעס, צייכענונגען פון טאָדרעס געלער. ארויסגעגעבען פון א גרופּע פארעהרער און פריינד. פארלאג „פּאלמע“. לאָס אנדזשעלעס. 194 זייטען.

„סניטקאָוו רעציטאַציעס“. געזאמעלטע שריפטען (דריטער בוך). פון י. ל. מאַלאַמוט, 60 זייטען.

„איסט בראָדוויי און ראָיאַל קאפּיי“. פערטער בוך רעציטאציעס געזאמעלטע שריפטען (יובילי אויסגאבע) פון י. ל. מאַלאַמוט. פארלאג „מאלאמוט“, 40 זייטען.

„אין שאָטן פון הונגער“ פון שאול מאלץ. פארלאג „בידערמאן“, 96 זייטען.

היטלערס חלום", פארפאסט פון ב. מאמר־גענשטערן. 8 זייטען. ארויסגעגעבען צוזאמען מיט דער ענגלישער איבערזעצונג.

„אירליכט" פון יעקב סטאדאלסקי. פארלאג „גאב", 128 זייטען.

„געקליבענע לידער", פון עוזר סמאָלענסקי. ארויסגעגעבען פון פילאדעלפיער היברו ליטעראטור סאָסייעטי, מיט דער מיטווירקונג פון פילאדעלפיער צווייג "אידישע קולטור געזעלשאפט", 299 זייטען.

„די אומרו", און אנדערע לידער פון ל. קוסמאן. פארלאג אטלאנטיס, 95 זייטען.

‚בלוטוויין", פאָעמען און לידער פון א י. קריזאָווסקי, טאוועל געצייכענט פון אויטאר. פארלאג „ימיינאנילימילי", 224 זייטען.

„העלדן־לעבען", א פאָעמע אין דריי געזאנגען פון ברוך בערנאַרד, פארלאג „מזרח", 96 זייטען.

„א ביכעל לידער", ארויסגעגעבען פון דער צענטראלער פארוואלטונג פון די ארבייטער רינג שולען אין פילאדעלפיע, 16 זייטען.

„אין שטילע מינוטען", פון יעקב דאַניעלעוויטש (דאַנילאוו), ארויסגעגעבען פון קלוב „יוגענט", 40 זייטען.

"טויבעלע", פון רבקה גאלין. פארלאג ‚צעשינסקי", 158 זייטען. אילוסטראציעס פון נ. קאַזלאָווסקי.

„דער אָנפאַנגער", דריטער טייל (זעקסטע אויפלאגע), פון יעקב לעווין. פארלאג „אידישע שול", 138 זייטען.

„כעלמער חכמים", צוזאמענגעשטעלט און איבערזעצט פון בן מרדכי, אילסטראציעס פון עוועלין בלומגארדען. פארלאג „היברו", 124 זייטען.

„אידיש פאר אָנפאנגער" בוך „ב" (צווייטע אויפלאגע) ב. אסטראָווסקי און ש. הורוויץ (זאלקעס). אילוסטרירט פון יהודא גאמבערג, 128 זייטען.

„יודזשין דעבס", א מעשה פון א מענשען פון נפתלי גראָס. פאַדערבלאט צייכנונג נ. קאָזלאָווסקי. ארויסגעגעבען פון ארבייטער רינג בילדונגס דעפארטמענט, 64 זייטען.

„אידען אמאָל", ארבייטס־בוך און לייענבוך פאר אידישע געשיכטע פון גלות בבל ביז נאך בר כוכבא'ס אויפשטאנד, פון ה. בעז (בעזפראַזוואני). פארלאג "מאקס נ. מייזעל", 192 זייטען.

„פון אידישען לעבען", פון ה. גרענט (מיט דער מיטווירקונג פון ק. וועייטמאן). פארלאג ‚היברו", 206 זייטען.

„קען אידיש" (ערשטער טייל). צו העלפען די קינדער אויסלערנען זיך ריכטיג שרייבען און רעדען אידיש, פון יעקב לעווין. פארלאג „אידישע שול", 102 זייטען.

„וואָרט און בילד" (דאס ערשטע בוך) פון שרה ל. ליבערט. צייכנונגען פון נאָטע קאָזלאָווסקי. פארלאג „מתנות", 78 זייטען.

„דאָס קלוגע שניידערל", פון ש. סיימאן, אילוסטרירט פון י. פרידלענדער. פארלאג „מתנות", 127 זייטען.

„קינדער" (פערטע רעווידירטע אויפלאגע), פון ד. טאראנט און ב. פרידמאן. ארויסגעגעבען פון "אינט. אר. אָרדען", 160 זייטען.

מאָריס ווינטשעווסקי" (לייען־ביכעל) צוזאמענגעשטעלט פון א לעהרער קאָמיסיע פון די אידישע קינדער שולען ביים א. א. א. פארלאג „א. א. א.", 16 זייטען.

דאָס טעלערל פון הימעל", פון אלעף כץ, אילוסטרירט פון יאסל קאָטלער. פארלאג „מתנות" 30 זייטען. אויפ'ן בוך איז אנגעגעבען דער יאהר 1934.

„פאר וועמען האָט היימ'ס טאָטע געשטימט", פון מוישע שיפּרים. קענעדער ביבליאָטעק נום. 1 ביים א. א. א., 8 זייטען.

„די ארבייטער שול", לייענבוך פאר'ן צווייטען לערניאר, צוזאמענגעשטעלט פון א. מייזעל און בעצאַלעל פרידמאן. פארלאג א. א. א., 160 זייטען.

„מיין לייענבוך", צוזאמענגעשטעלט פון י. שטיינבוים. צווייטער טייל (פערטע פארבעסערטע אויפלאגע) פון צווייטן טייל „לייענביכער פאר דער אידישער שול". פארלאג דערציאונג, 160 זייטען.

ליטעראטור און קאמף", ליטעראַרישע עסייען פון א. ליטוואק. ארויסגעגעבען פון פארלאג "וועקער", 272 זייטען.

„אידישע שריפטשטעלער" (באנד איינס) פון ז. ווייַנפּער. פארלאג „אויפקום", 156 ז

„ביכער און שרייבער", פון חיים ליבערמאַן, 300 זייטען.

"גריגאָרי גערשוני", זיין לעבען און טעטיגקייט. רעדאקטירט פון וויקטאָר טשערנאוו. ארויסגעגעבען פון „גרינגארי גערשוני סאצ. רעוו. בר. 247 א. ר., 360 זייטען.

"באַריהמטע רעדעס פון די שיקאגא'ער מאָרטירער" מיט א פאָרוואָרט פון אלעקסאנדער בערקמאן( אידיש פון א. פרומקין). ארויסגע־

געבען פון אמשאל—קראפאטקין גרופע, 284 זייטען.

„קלאסנקאמפען אין אלטערטום", פון קלמן מרמר. פארלאג א. א. א., 432 זייטען.

„דאָס יום-טוב בוך" (די געשיכטע פון די אידישע יום-טובים) פון חיים שויס. ארויסגעגעבען פון מחבר, 274 זייטען.

„ספר תורה און חכמה", פון רבי יוסף דר. אברהם אהרן דאנאָווסקי. פארלאג „פרדס" 142 זייטען.

„תורה און לעבען", פון הרב יוסף מאיר מרגליות. פארלאג „פרדס", ערשטער באנד, 258 זייטען. צווייטער באנד, 296 זייטען.

„רעדנער און דענקער" (2 בענד) פון הרב דר. דוד מנחם שאַכעט. פארלאג "פרדס", ערשטער באנד, 160 זייטען. צווייטער — 156 זייטען.

„ספר נצר מטעי", חלק שני ושלישי, מאת הרב יצחק וואלטמאן, 64 זייטען.

„ספר גנזי דרשות ורעיונות" אוצרות פון אידעען און געדאנקען פון הרב צבי הירש הכהן. פארלאג „פרדס", חלק א., 175 זייטען. חלק ב, 240 זייטען.

„ילקוט יהודה", א זאמלונג פון פערל, פון ספרים און אייגענע, אן אוצר פון משלים, ווערטלאך, צחות פתגמים ומכתבים. געזאמעלט פאר צעהנדליגער יאהרען פון הרב יהודה ליב לאַזאראָוו. פארלאג „פרדס פאבלישינג הויז, אינק." ערשטער טייל, 120 זייטען. צווייטער טייל, 104 זייטען. דריטער טייל, 112 זייטען, פערטער טייל, 112 זייטען, פינפטער טייל, 112 זייטען, זעקסטער טייל, 112 זייטען, זיבעטער טייל 112 זייטען.

„קאָנצערט" (ציקל לידער) פון מיכל געלבאַרט, מוזיק צו די ווערטער פון: ה. לייוויק, א. ליעסין, א. לעיעלעס, מ. ל. האלפערן, איציק פעפער, ה. רויזענבלאט, א. רייזען, ל. מילער, י. באקסט, זישע לאנדאו, א. אלמי, י. י. שווארץ, ד. האפשטיין און ה. וויינערמאן. פארלאג „מעטרא", 72 זייטען.

„זינגער קינדער" (געזאנג כרעסטאמאטיע פאר אידיש-וועלטליכע שולען) פון מיכל געלבאַרט, מוזיק צו די ווערטער פון: הינדע געלבארט, משה שיפרים, מ. ג., ל. גארעליק, מ. ד. גיסער, נ. ראזאָווסקי, נחום י., מ. בראָדערזאָן.

„אידישע לידער" (א נייע אויפלאגע) פון סאלאמאן גאלוב, מוזיק צו די ווערטער פון: מאני לייב, א. אלמי, נפתלי גראָס, מ. ל. האלפערן, אברהם רייזען, יואל סלאָנים, מאָרים ראָזענפעלד, ב. י. ביאלאסטאצקי, יצחק בלום, ראוז פעלדבלום, צביה גרינגלאָז, י. א .ראנטש, מ וויגאגראד, עליזא גרינבלאט און סאלאמאן גאָלוב. ארויסגעגעבען פון "יוניווערסאל קאָנצערט עקסטשיינדזש", 100 זייטען.

„80 ער, 70 זי", פון א. וו. וואַרשאָווסקי (נאָמען פון מחבר ניט אנגעגעבען), מוזיק פון: העגרי לעפקאָוויטש: „פעלד קלאנגען" (מחבר אומבאקאנט) מוזיק פון העגרי לעפקאָוויטש.

„דריי שוועסטער" פון מאָרים ווינטשעווסקי, מוזיק פון העגרי לעפקאָוויטש: „ראָזשינקעס מיט מאנדלען", פון א. גאָלדפאדען, מוזיק אראנזשירט פון העגרי לעפקאָוויטש.

„דער סוחר'ל פון פערל", פון מאני-לייב, מוזיק פון שמואל בוגאטש.

„אווענט שאָטנס" פון י. א. ראנטש, מוזיק פון שמואל בוגאטש.

„ליבעס לידער" פון מארים ראָזענפעלד, מוזיק פון אברהם עלשטיין.

„דער למדן ר' סענדער", פון מ. רונד, מוזיק פון יהושע וויזער, אראנזשירט פון העגרי לעפקאָוויטש.

"ביום תהלים", פון י. אדלער, מוזיק פון אהרן ראָזען.

„צו דיר", פון נחום יוד, מוזיק פון אהרן ראָזען.

„די נייע וואך", ווערטער און מוזיק פון ש. גאָזענסקי.

„דער שמעטערלינג און די בלום", פון אברהם רייזען, מוזיק פון ז. זילבערטס.

„דעם שניידער'ס טעכטערל", פון חיים טאובער, מוזיק פון העגרי לעפקאָוויטש.

„אין חדר", ווערטער און מוזיק פון מ. מילנער.

„זכור" (נאָמען פון מחבר ניט אנגעגעבען) מוזיק פון י. רומשינסקי.

„קויפט א פייפער", פון חיים טאובער, מוזיק פון מ. י. רובינשטיין.

„אין מיינע אויגען ביזטו שעהן", פון מאלי פיקאָן און נ. סטוטשקאָף, מוזיק פון י. רומשינסקי.

אלע אויבענדערמאָנטע איינצעלנע לידער, זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון דער "מעטרא מוזיק קאָ."

„מארקסיזם אין אונזער צייט", זאמלבוך לכבוד דעם 50טען יאהרצייט פון קארל מארקס, רעדאגירט פון חיים קאנטאָראָוויטש און נ. כאַנין. פארלאג „וועקער", 80 זייטען.

„דראַמאַטישע שריפטען", ערשטער בוך פון מארים מילשטיין, פארלאג „כסף וזהב", 191 זייטען.

„מיט פאראייניגטע כחות", פון מ. אָלגין. פארלאג א. א. א., 32 זייטען.

„בילדער און צייכענונגען" פון שאול ראסקין, 28 זייטען.

„פאַרוואָס גיסט זיך בלוט אין פּאלעסטינע", איקאר ביכעל נומ. 9 (נאמען פון מחבר ניט אנגעגעבען) ארויסגעגעבען פון "איקאר", 14 זייטען.

„דער וועגווייזער" פאר ארבייטער אין פראגען פון קאמפּענסיישאן. פארפאסט פון אראלף גערש, ארויס פון דער „אויסברייטונגס אפּטיילונג פון דער בילדונג ענד עלייעד טריידס קארפּאריישאן סורוויס ביורא", 20 זייטען.

„לעקציעס פאר'ן יאָהר 33-34", רעקאמענדירט פון בילדונגס קאמיטעט פון ארבייטער רינג. פ. געליבטער, בילדונגס דירעקטאר. ארויס פון בילדונגס קאמיטעט פון א. ר., 24 זייטען.

„די שטאַטישע פּלאַטפאָרמע פון דער סאָצ. פּארטיי אין ניו יאָרק, ארויס פון „אידישען סאָציאליסטישען פארבאנד," 7 זייטען.

„ציוניזם אין א ברוין העמדעל", פון פּ נאוויק.

פארלאג פון דער איד. ביורא ביים צ. ק. פון דער קאמ. פּארטיי אין די פאראייניגטע שטאאטען, 24 זייטען.

„דער אמת וועגען דער „ביראָ", פון אוירל בראודער (נאמען פון איבערזעצער ניט אנגעגעבען) פארלאג איד. ביורא ביים צ. ק. פון דער קאמ. פּארטיי אין די פאר. שטאאטען, 31 זייטען.

„ווער איז די קליקע וואָס פּראָטעסטירט געגען דעם קאָאָפּעראטיוו און פאר וואָס? (פּאמפלעט) 16 זייטען.

„אויפ'ן אַגראַר פראָנט" פון פּראָפ. יעקב ש. יפה, 12 זייטען.

„אידישער קאָאָפּעראטיווער היימשול און קינדער גאָרטען אַלמאַנאַך", 20 זייטען. באַגריסונגען און קינדער ארבייטען.

„פרייע ארבייטער שטימע" (סאוועניר זשורנאל), 8 זייטען לייען מאטעריאל.

„ארץ ישראל סאָוועניר בוך" לכבוד דעם צעהן יאהריגען יובילעאום פון געווערקשאפטען קאמפּיין, 44 זייטען.

„וואַרשעווער יאָהר בוך" (חיים סאלאמאן מושב זקנים), 31 זייטען לייען מאטעריאל.

„היברו אמעריקאן טיפּאָגראפיקאל יוניאָן" נומ. 83 א. ט. י., 45 יאהריגער יובילעי, 16 זייטען.

„פינף און פערציג יאָהר" געווערקשאפטען יובילעאום זשורנאל. רעדאקציע: ד. שוב, ס. ח. פיינסטאן, 78 זייטען.

„פינף און צוואנציג יאָהר פּועלי ציון וועלט־פארבאַנד", פון זרובאוול. ארויסגעגעבען פון צענטראל קאמיטעט אידישע ארבייטער פּארטיי (לינקע פּועלי ציון), שיקאגא, 32 ז.

„די קאָלעקטיוויסטיש־קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניע", 15 זייטען.

„די הסתדרות אין קאמף און בויען" (אן ענטפער די געגנער פון דעם ארגאניזירטען אידישען ארבייטער אין ארץ ישראל), פון ד. בן גוריון, 48 זייטען.

„פּוילען א שעכט הויז פאר מענשען", פון זיסקינד ליעוו. ארויסגעגעבען פון די ביאַליסטאקער, נאָווי־דוואָרער און טשענסטאָכאָווער הילפס־קאמיטעטען צו שטיצען די פּאָליטישע ארעסטירטע אין פּוילען, 72 זייטען.

„געקעמפט און געלאכט" (איינאקטערס) פון סעם ליפּציז. פארלאג „רויטע פעדים", 32 זייטען.

„איקאר יאָהר־בוך 1933", ארויסגעגעבען פון נאצ. עק. קאמ. פון דעם איקאר, רעדאקציע קאלעגיע: ש. אלמאזאוו, י. מ. בודיש, 144 ז.

„פריהייט געזאַנג פאראיין" (צעהן יאהריגער יובילעי) רעדאקציע: י. ספּאקאיני, ב. טשערטקאוו, י. שייפער, 21 זייטען.

"הארקאווי'ס ביאָ־ביבליאָגראפיע", ארויסגעגעבען פון דעם יובילעי קאמיטעט לכבוד א. הארקאווי'ס זיבעציג יאהריגען יובילעי, א מתנה פון דער „היברו", 18 זייטען.

„יובילעאום בוך לכבוד דער 40 יאהריגער עקזיסטענץ פונ'ם טשארטקאווער שפּירא פאראיין אין ניו יארק", רעדאקטירט אונטער דער לייטונג פון גרשם באדער, 179 זייטען.

„תהלים", אידיש פון יהואש, פארלאג „היברו", 396 זייטען.

בולעטין פון מעדיקאל דעפּארטמענט ארבייטער רינג" (שיקאגא), רעדאקטירט פון ה. קאהען און ד. רובין, 24 זייטען.

„דער איד וועגען זיך און וועגען אנדערע", אין זיינע שפּריכווערטער און רעדענסארטען, אויס פארשידענע מקורים צוזאמענגעקליבען פון י. ל. כהן, ארויסגעגעבען פון „אידישען וויסענשאפטליכען אינסטיטוט", אמ־אפּטייל, 32 זייטען.

„קינדער רינג" (א זאמלונג פון קינדער שאפונגען, באגריסונגען און ארטיקלען), ארויסגעגעבען צו דעם פאראייניגטע פריהלינגס קאנצערט (13טע אויסגאבע), רעדאקטירט פון לעהרער־ראט, און באאמטע פון פאראייניגטע קאָמיטעט פון א. רינג דיסטריקט ארג. קאמיטע, א. ר. צענטראלע שולען פארוואלטונג, א. ר.

יוגענד קלובען, א. ר. קעמפ „האפענונג“, אידישע סאציאליסטישע ברענטשעס פון פילאדעלפיא, 46 זייטען.

„פוילישע אידען“, רעדאקטירט פון ז. טיגעל, ארויסגעגעבען פון דער פעדעראציע פון די פוילישע אידען אין אמעריקא, צו איהר 25 יאהריגער עקזיסטענץ, 76 זייטען.

"דער קעסעל גרוב פוילען", פון פ. נאַוויק. ארויסגעגעבען פון ‚אידישע ביורא ביי דער קאָמ. פארטיי פון אמעריקא", 32 זייטען.

„פאשיזם דייטשלאנד“, פון פ. נאוויק. ארויסגעגעבען פון „אידישע ביורא ביי דער קאמ. פארטיי פון אמעריקא“, 39 זייטען.

„פאראייניגטער פראָנט“, פון י. סולטאן. ארויסגעגעבען פון „אידישע ביורא ביי דער קאמ. פארטיי פון אמעריקא“, 40 זייטען.

„די ארבייטער באַוועגונג אין ענגלאנד פאר'ן וועלט-קריג“, פינפטע לעקציע פון מארקסיסטישע שטודיר-קורסען, פארלאג א. א. א., 47 זייטען.

„דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל און די פאריזער קאָמונע“, פערטע לעקציע פון מארקסיסטישע שטודיר־קורסען. פארלאג א. א. א., 47 זייטען.

„דער קאמפּיינער“, ארויסגעגעבען פון געווערקשאפטען קאמפּיין קאָמיטעט, באסטאן, 8 ז.

קריסקא רעספּיעס" פאר דער אידישער באַלעבאָסטע, 78 זייטען.

„מיין ניגון“, פון י. י. סעגאל, מאנטרעאל, 346 זייטען.

"וואנדער וועגען", פון יודיקא, ארויסגעגעבען פון דער שרייבער־גרופּע ‚מאנטרעאל", 96 זייטען.

„וויזערס“, פון מארטין בירנבוים, צייכנונגען: יאסעל קאָטלער. ארויס ביי דעם פּראָלעט־פען פארלאנג „סיגנאל“, 158 זייטען.

פאָלקסטימליכע לידער, פון בתיה באראד, 64 זייטען.

„מיניאטורען“, פון י. ל. טעלער, 48 זייטען.

„פון אומעטום“, פון אליעזר גרינבערג, (צייכנונגען: יאסעל קאָטלער), 92 זייטען.

„לידער פון קאמף“, 35 זייטען.

„פינף און צוואנציג לידער“, פון וואלט וויטמאן, אידיש פון דר. א. אייסען, ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש לעבען“, 62 זייטען.

„די גאולה קאָמעדיע" (דער גולם חלום'ט) א דראמאטישע פּאעמע, פון א. לייוויק, ארויס פון "אידישע קולטור געזעלשאפט", ביכער אויסגאבעס ביים פארלאג ל. מ. שטיין, 226 זייטען.

„דאוויד בלאנק (א ראמאן אין פערזען), פון ל. פיינבערג. פארלאג „סיגנאל“, ביים „פּראָלעט־פען“, 160 זייטען.

„פון חבר צו חבר“, פון שבתי בערל, מאנטרעאל, 64 זייטען.

„צו דיר“, פון אברהם סירע, פילאדעלפיע, 96 זייטען.

„אונזערע טעג“, פון ה. גאלדאווסקי, ארויסגעגעבען פון לאס אנדזשעלעסער צווייג „אידישע קולטור געזעלשאפט“, 128 זייטען.

„זינגען מיר“, לידער, וואס מען זינגט אין קעמפּ „נייע וועלט“, 24 זייטען.

"לידער", פון ה. ל. סיימאן, אילוסטרירט פון טאָדרעס געלער, פארלאג "צעשינסקי", 128 זייטען.

צייכענס", פון ב. לאפּין. פארלאג „כאווירים“, 238 זייטען.

„איצט“ (פּאעמען צו לייענען פאר זיך און פאר יענעם) פון ד. קריוויצקי, 31 זייטען.

„אונטערוועגענס“, פון ז. וויינפּער, פארלאג „אויפקום“, 136 זייטען.

„האטואיי“, פון י. א. פינים, קובא, 106 זייטען.

„אונטערגאנג“, פון יאסעל קאטלער, (בילדער און אילוסטראציעס פון אויטאר), 192 זייטען.

"געזאמעלטע שריפטען", פון י. ל. מאלאמוט (ערשטער בוך), פערטע אויפלאגע, פארלאג „מאלאמוט“, 72 זייטען.

„אין גאנג פון די יאָהרען“, פון יצחק בלום, פארלאג „בלום“, 160 זייטען.

„אין אומרוה פון לעבען“, פון יצחק בלום, פארלאג „בלום“, 160 זייטען.

„פּראָלעט שטיפער“, פון מרדכי קויפמאן, פארלאג „רויטע פעדים“, 124 זייטען.

„אין קריעג מיט זיך אליין“, פון שלום שווארצבארד, צייכנונגען הנוך העניך גליצענשטיין. מיכל קויפמאן. ארויסגעגעבען פון שלום שווארצבארד קאָמיטעט, פארלאג צעשענסקי, 259 זייטען.

„פון שטאָדט און דאָרף“, פון ווערא ראַזאנקא, פארלאג "בידערמאן", 198 זייטען.

„ניט געדאה'געט" (צו זינגען און צו זאגען), פון סעם ליפּצין, ארויסגעגעבען פון „אמאלגאמייטעד ברענטש" נומ. 82, אינ. ארב. אָרדען, 208 זייטען.

אין „דאָס וואָרט“, ביבליאָטעק, ארויסגעגעבען פון ש. צ. זעצער געזעלשאפט, זיינען ערשינען: „די צוואה פון בעל שם" (אידיש, ש. צ. זעצער), העפט נומער 1, 32 זייטען; העפט

נומער 2, 32 זייטען; „מ. ז. פייערבערג" (קאַ־ פּיטלאך ערזינערונגען) פון ש. צ. זעצער, העפט נום. 1, 32 זייטען; העפט נום. 2, 32 זייטען; „דעם בעל שם'ס משלים און אפאריזמען" (מיט א קורצער איינלייטונג פון ש. צ. זעצער), 32 זייטען „ערצעהלונגען", פון מ. ז. פייערבערג (אידיש פון ש. צ. זעצער), העפט נום. 1, 32 זייטען, „צוויי עסייען", פון ש. צ. זעצער, 28 זייטען; „ערצעהלונגען", פון מ. ז. פייערבערג, (אידיש פון ש. צ. זעצער), העפט נומער 2, 31 זייטען.

"קאָלאָמבוס דער איד", אריגינעלער היס־ טארישער ראמאן, פון שאול ספיר, 415 זייטען.

„צווישען רוים און ירושלים", צווייטע אויפלאגע פון שאול ספיר, 512 זייטען.

"פאלעסטינא", (א באזוך אין יאהר 1925 און אין יאהר 1929) פון אב. קאהאן, ארויסגעגעבען פון „פארווערטס אסאסיאיישאן", 426 זייטען.

„טייבעלע", פון רבקה גאלין, פארלאג „צע־ שענסקי", 158 זייטען.

(ווער עס האט די אילוסטראציעס געמאכט ווערט ניט אנגעגעבען.)

„אידיש פאר אנפאנגער", בוך „ב" (צוויי־ טע אויפלאגע) פון ב. אסטראווסקי און ש. שווארץ (זאלקעס), אילוסטרירט פון יהודה גאמבערג, 128 זייטען.

„דאָס מעלערל פון הימעל", פון אלעף כץ, אילוסטראציעס פון יאסעל קאטלער, פארלאג „מתנות", 30 זייטען.

די קינדער ביבליאטעק פון אינטערנאציא־ נאלען ארבייטער ארדען, האט ארויסגעגעבען: "פאר וועמען האט הײמי'ס טאטע געשטימט", 8 זייטען.

„די קינדער פון משערי סטריט", פון חבר פאוער, 16 זייטען.

„וואו איז דיין טאטע אין אזא שפעטער שעה", פון חבר פאוער, 8 זייטען.

„לענין וויוזט דעם וועג", פון משה שיפ־ רים, 16 זייטען.

„די רעוואלוציע וועט קומען", פון משה שיפרים, 16 זייטען.

„די ארבייטער שולע", צוזאמענגעשטעלט פון א. מייזעל און בצלאל פרידמאן, פארלאג „אינט. ארב. ארדען", 160 זייטען.

„צו גאַסט", איינאקטערס פאר קינדער, פון א. לייב. פארלאג „רויטע פעדים", 16 זייטען.

„המן און זיינע שאָטענס", פון איטשע וו. בידערמאן, פארלאג "בידערמאן", 31 זייטען.

„רעוואלוציאָנערער דעקלאמאטאָר", גע־ זאמעלט און רעדאגירט פון וויליאם אייבראמס און קלמן מרמר, ארויסגעגעבען פון אינט. ארב. ארדען, 330 זייטען.

„דער גאָלדענער פאַנטאָן", (מעשה'לאך אין פערזען) פון י. א. פינים, פארלאג „האוואנער לעבען", קובא, 114 זייטען.

„דער רמב"ם", זיין לעבען און זיין שאפען, פון חיים קרוגער, ארויסגעגעבען פון „קענעדער אדלער", מאנטרעאל, 279 זייטען.

פארלאג „פרדס פאבלישינג הויז, אינק.", ערשטער טייל, 120 זייטען; צווייטער טייל, 104 זייטען; דריטער טייל, 112 זייטען; פערטער טייל 112 זייטען; פינפטער טייל, 112 זייטען; זעקסטער טייל, 112 זייטען און זיבעטער טייל 112 זייטען.

„פון אייביגען קוואל", ערקלעהרונגען אויף פילע פרשיות פון דער תורה, (ערשטער טייל) פון שמואל מנחם הלוי פיין, רב בעיר דעטראיט, מישיגען, 96 זייטען.

„ספר חבר מצוה", של יעקב בהרב ר' יצחק סאדין שליט"א, 12 זייטען.

„משניות אין אידיש", מסכתא ברכות פרק א', איבערזעצט און ערקלעהרט פון הרב שמריהו ליב הורוויץ, 95 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריזען", זיבען יאהר־ הונדערט אידישע געשיכטע, פון גרשם באדער, ערשטער טייל „די חכמים פון דער משנה", 416 זייטען.

„דברי חן ושכל", גלייכווערטלעך און אנעקדאטען, פון גרשם באדער, פארלאג „פרדס", 103 זייטען.

„בית ועד לחכמים", ערוך ומסודר ע"י גרשם באדער (אידיש און העברעאיש), הוצאת „בית ועד לחכמים", 96 זייטען.

„ספר שירי חיים וצדק", פון הירש בער קראנענבלאט, 124 זייטען.

„ספר לקוטי יוסף", (מהדורה תנינא עם הוספות שונות), מאת יוסף (יוזפא), ב"ר אברהם אליעזר למשפחת שפילמאן, 67 זייטען.

"תורה ווערטלאך און אנעקדאטען" פארב

„תורה ווערטלאך און אנעקדאָטען", גע־ קליבען פון ישראל ליפסקי הכהן, ארויס פון בית מסחר הספרים „פרדס", 84 זייטען.

„א וויגע ליעד", פון פיינגאלד, מוזיק פון איידא ב. ארנשטיין, פארלאג „היברו".

„א ליעד פון א פייגעלע" (פאלקס ליעד), אראנזשירט פון איידא ב. גאלדשטיין, פארלאג „היברו".

„עלענד", פון איידא ב. ארנשטיין, פארלאג „היברו".

"אידישע נעמען", ווערטער און מוזיק

פון ליפא פיינגאלד. (נאמען פון פארלאג ניט אנגעגעבען).

„אין אידישען שענקעל", (האטצא דראַלא) פון מ. רונד, מוזיק פון ש. וויינער.

„טייערע כלה" (דער בעכער) (בים באָם) פון מ. מ. ווארשאווסקי, אראנזשירט פון ה. לעפקאוויטש.

„שטילקייט", פון י. גויכבערג, מוזיק פון אהרן ראַזען.

"די פרעמדע רויז", פון י. ל. פּרץ, מוזיק פון אהרן ראַזען.

„ליבעס עראינערונגען", פון יהואש, מוזיק פון אהרן ראַזען.

„מאַרש, מאַרש, מאַרש", פון מאַלי פּיקאָן, מוזיק פון י. רומשינסקי.

„חסיד׳ישע ניגונים", פון י. רומשינסקי.

„איך בענק אהיים", פון לודוויג זאַץ, מוזיק פון י. רומשינסקי.

די אלע אויבענדערמאנטע לידער זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון דער „מעטרא מוזיק קאמפּאני".

די פאלגענדע לידער זיינען ארויסגעגעבען געווארען פון „קיימען מוזיק קאָ."

„געלד", ווערטער און מוזיק פון דוד מאַיראוויטש.

„דער דיש וואַשער", פון הערמאן יאבלאָקאָף.

"אין שאָפּ אויף דער עלטער", פון ש. לאזאראווסקי, מוזיק פון שלום סעקונדא.

„שוינדעלע", פון דזשייקאב דזשייקאבס, מוזיק פון יאשא קרייטצבערג.

„עד מתי", פון ש. לאזאראווסקי, מוזיק פון שלום סעקונדא.

„רעפּאָרט פון דער דרעס און וויסט פּרעסערס יוניאָן לאָקאל 60", צו דער 22טער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן, אידיש, 12 זייטען.

„קאָנווענשאָן קאלעקאָטקע", הויפּט־רעדאקטער: עליאס און זשעק, 22טע קאנווענשאן, שיקאגא, אילל., 14 זייטען.

„דער קרומער שפּיגעל", לכבוד דר. לעא בלאס, 2 זייטען.

„דורכגעלעבט און דורכגעטראכט" (זכרונות) פון י. א. בענעקוויט, פארלאג „קולטור פעדעראציע", 388 זייטען.

„אידישע מוזיק", ארויסגעגעבען פון יעקב ביימעל.

"געזאַנג און קאַמף", צוזאמענגעשטעלט און רעדאגירט פון יעקב שייפער מיט מוזיק פון צ. וו. בולגיי, פיינמוף, י. שייפער, א. דאווידענקא, טשערבעדזשי, שישאוו און גרעטשאנינאוו. צו די ווערטער פון י. פעפער, כאשטשעוואצקי, ב. טשערטקאוו, מ. ווינטשעווסקי, מ. נאדיר, י. מילער, י. א. ראנטש און י. גרינשפאן, פארלאג „אימאַף", 50 זייטען.

„27טער יעהרליכער רעפּאָרט" פון דער סעמעטערי דעפּארטמענט ארבייטער רינג, ארויסגעגעבען פון „פיונעראל קאָנטראָל", 64 זייטען.

„סאָוועניר", דווינסקער ברענטש 75 א. ר. (יובילײ אויסגאבע).

„אהרן שמואל ליבערמאַן", זיין שטורמישע לעבען און טראגישער סוף, אפּשאצונג פון מ. איוועינסקי, מיט אן איינלייטונג פון י. באַסקין, ארויסגעגעבען פון א. ר. שול נומער 1, 24 זייטען.

„דער רעוויזיאָניזם", זיין געשיכטע, זיינע „מעשים טובים" אין דער פארגאנגענהייט, געגענווארט און פארבערייטונגען פאר דער צוקונפט, פון דוד ווערטהיים (העקטאגראפירט), ארויסגעגעבען פון פועלי ציון—צעירי ציון פון אמעריקא, 19 זייטען.

„דריי-טאָגיקער באַזאַר פון שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט", שיקאגא, 3 זייטען.

"דער אוואנגארד", ארויסגעגעבען פון דער ארבייטער רינג שול איינס, קליוולאנד, 19 ז.

„וואָס ווילען מיר", פון די פועלי ציון—צעירי ציון, 8 זייטען.

„די פּיאָנערען-פּרוי", פון דער פּיאָנערען פרויען ארגאניזאציע, דיטראיט.

„צווייטער יעהרליכער קאָנצערט", פון דער אידיש-נאציאָנאלער פאָלקשול, פּיטסבורג.

„ניו יאָרקער ארבייטער רינג בוך", לכבוד דעם 15 יעהריגען יובילײ פון די ארבייטער רינג שולען, ארויסגעגעבען פון „ניו־יארקער צענטראלער שול פארוואלטונג", רעדאקציע: ז. יעפּרויקין, פּ. געליבטער, י. לאזארסאן, ר. בלאק און נ. פיינערמאן, 59 זייטען.

„קינדער שטימעלאך", פון שלום עליכם פאָלק שול 2.

„א. ר. יוגענט", קינדער שאפונגען (מימיאגראפירט), ארויסגעגעבען פון די קינדער פון די מעדיסאנער (וויס.) א. ר. שול, 91 זייטען.

„אלמאנאך", פון דער שלום עליכם פאלק שול נומ. 13 (מאטעריאל), 11 זייטען.

"קינדער שאפונגען", פון שלום עליכם פאלק שול נומ. 15 (מאטעריאל), 9 זייטען.

„לאָדזשער אלמאנאך", ארויסגעגעבען פון לאָדזשער בר. א. ר., 142 זייטען.

„קינדער רינג", רעדאקטירט פון לעהרעראטה, ארויסגעגעבען פון דער צענטראלער פאר־

וואלטונג פון די ארבייטער רינג שולען, אין פילאדעלפיא, 52 זייטען.

„פּראָווידענסעס פּסח בלאַט", ארויסגעגעבען פון פּועלי ציון—צעירי ציון פּרויען פּיאָנערען קלוב, איד. נאצ. ארב. פארבאנד, אלתר בוימאן, רעדאקטאר, אידישע אפּטיילונג, 9 ז.

„כאָמעץ לייפּעסאַך", רעדאקטירט פון ב. פענסטער, ארויסגעגעבען פון איד. ביורא ביים צ. ק. פון דער קאָמ. פּארטיי, 32 זייטען.

„דער אפּיקורס", רעדאקטירט פון ב. פענסטער, ארויסגעגעבען פון איד. ביורא ביים צ. ק. פון דער קאָמ. פּארטיי, 32 זייטען.

„גראַדואיר זשורנאל", ארויסגעגעבען פון שלום עליכם פאָלק שול נומ. 12, (מימיגראפירט) 7 זייטען.

"אידישע און אראבישע ארבייט אין ארץ ישראל", פון משה ערעם, ארויסגעגעבען פון „געזעלשאפט פריינד פון ארבייטער פּאַלעסטינער", 16 זייטען.

„געדענק-בוך פון לאָדז", ארויסגעגעבען פון לאָדזער ברענטש 324 א. ר.

„נוארקער אידען", (צווייטער באנד) פון דר. י. אונטערמאן, 96 זייטען.

„זאַמעלבוך" צו דער געשיכטע פון דער אידישער פּרעסע אין אמעריקא, רעדאקטירט פון דר. יעקב שאצקי, ארויסגעגעבען פון „אידישער קולטור געזעלשאפט", מאנטריאל, 54 זייטען.

עס געפינט זיך איצט אין דרוק: „מיט די פּיס אויף דער ערד", פון גרשון גראפּשטיין; „ערצעהלונגען", פון י. קרעפּליאק; "טאלי", פון י. מעצקער; „לידער", 2 בענדער, פון מ. ל. האלפּערן; „לידער", פון י. בערקאָוויטש; „לידער" פון מאקס שערמאן; „געזאמעלטע שריפטען" פון חיים גאָלדבלום; „אדא'ם לידער־בוך" פון אפרים אויערבאך; „דער וועג צו מענש", פון אהרן ניסענזאן; "פּאַביאס לינד", פון א. לעיעלעס; „מאַכט", פון א. לעיעלעס; „ארום בעטלעהעם", פון תלוש; „50 יאָהר אידישע געשיכטע אין פילאדעלפיא", (צווייטער באנד), פון מאזעס פריהמאן; „געקליבענע הומאָרסיטישע שריפטען" פון מ. צ. זאקהיים; „וואנדערער אין נעבעל", פון זעליג העלער; „די פינף מגילות", פון נ. גראָס; „דורכגעלעבט און דורכגעטראכט", (צווייטער באנד) פון י. א. בענעקוויט; "ערצעהלונגען", פון ז. ליבין; „די טאָכטער פון מדבר", פון שאול ספיר; „פערציג יאָהר אין מדבר", פון שאול ספיר; „אידישע שריפטשטעלער" (צווייטער באנד) פון י. וויינפּער; „א בוד", פון ח. נ. ביאליק (אידיש פון י. י. שווארץ). "ערצעהלונגען", פון א. י. דובעלמאן; „פּאַשיזם אין אייראָפּא", פון נ. שמן; „קאלעוואלא" (פינישער עפּאס) פון ראָזענפעלד; "בריעף", פון מארים ראָזענפעלד, רעדאגירט פון דר. יעקב שאצקי.

א ראָמאן פון ה. געלבוים, און „שפּעט זומער", פון א. מ. דילאָן.

צווישען די וואָס האָבען דעם פארגאנגענעם יאָהר ארויסגעגעבען זייערע ביכער אין אייראָפּא זיינען: חיים בר כהן, פּרץ הירשביין, בנימין טייטעלבוים, ב. מאזאר און מענדעל עלקין.

אין סאָוועט רוסלאנד איז ארויס אן אנטאָלאָגיע פון אמעריקאנער אידישע דיכטער.

לייבוש לעהרער האָט רעדאקטירט „שריפטען פאר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאגאָגיק", ארויסגעגעבען פון „איווא".

עס איז געפייערט געווארען דער 50 יאָהריגער יובילייו פון: ראובן אייזלאנד, ש. ניגער, ה. סעקלער, הלל ראָגאָף, ה. רויזענבלאט, שלמה ערעלהייט און ב. ריווקין.

עס געהט איצט ארויס א זאמעל־בוך וועגען ווילנע, מיט׳ן נאָמען „דער ווילנער". דאָס בוך ווערט ארויסגעגעבען פון בר. 367 ארבייטער רינג אונטער יעפים טורינס רעדאקציע. עס איז א בוך פון איבער 700 זייטען מיט פילע בילדער, אילוסטראציעס און וויכטיגע דאטען וועגען ווילנע.

# יזכור...

## באריהמטע פערזענליכקייטען און ארבייטער טוער וואָס זיינען געשטאָרבען פאר די לעצטע פאָר יאָהר.

יעקב קאצמאן, אידישער אקטיאָר, (67 יאָהר), געשטאָרבען 7טען יוני, 1932.

משה לייב האלפערן, אידישער פּאָעט, (46 יאָהר), געשטאָר־בען 31 אויגוסט, 1932.

א. ליטוואק (העלפאנד), אידישער סאָציאליסט און שרייבער (58 יאָהר). געשטאָרבען 26 סעפּטעמבער, 1932.

אָסיפּ מינאָר, אידיש־רוסישער סאָציאליסט־רעוואָלוציאָנער, (73 יאָהר), געשטאָרבען 26 סעפּטעמבער, 1932.

אב. באראָף, סעקרעטאר אינט. ליידיס גארמענט וואָרקערס יוניאָן, (63 יאָהר), געשטאָרבען 27 סעפּטעמ־בער, 1932.

באריס שאַץ, פּראָפעסאר פון ירושלים, קינסטלער, (68 יאָהר), געשטאָרבען 1 אָקטאָבער, 1932.

ב. פייגענבוים, סאָציאַליסטישער שרייבער, (72 יאָהר), גע־שטאָרבען 10 נאָוועמבער, 1932.

דר. י. ב. פיש, מעדיקאל די־רעקטאר פון ארבייטער רינג, (70 יאָהר) געשטאָרבען 26 נאָוועמבער, 1932.

הלל זלאטאפּאָלסקי, ציוניסטישער פירער, ערמאָרדעט 11טען דעצעמבער, 1932.

עדוארד בערנשטיין, סאָציאליסטישער טעאָרעטיקער און טוער (83 יאָהר), געשטאָרבען 18 דעצ., 1932.

מ. וויינער־דיקאר, סקולפּטאר, (48 יאָהר), ווערט דער־הרג'עט אונטער א סאָבוויי־טריין אין ניו יאָרק דעם 12 מערץ, 1933.

י. ליכטענשטיין, טוער פון פּוילישען „בונד", (48 יאָהר), גע־שטאָרבען אין ניו יאָרק 22טען אפּריל, 1933.

פעליקס אדלער, געלער־טער, גרינדער פון עטיקעל סאָסייעטי, (82 יאָהר), געשטאָרבען 24טען אפּריל, 1933.

י. פּיראָזשניקאָוו, מוזי־קער, (64 יאָהר), געשטאָרבען 14 יוני, 1933.

חיים ארלאזאראָוו, פיהרער פון הסתדרות אין פּאלעסטינע, (35 יאָהר), ערמארדעט 16 יוני, 1933.

חזן יאָסעלע ראָזענ־בלאט, (51 יאָהר), געשטאָרבען 19 יוני, 1933.

ראוז פּאסטאר סטאוקס, געוועזענע סאָציאליסטקע, לעצטענס קאָ־מוניסטקע, (54 יאָהר), געשטאָרבען 20 יוני, 1933.

מאריס הילקוויט, בא־ריהמטער סאָציאליסטישער טוער און שרייבער (64 יאָהר), געשטאָרבען 8 אָק־טאָבער, 1933.

א. גאָלדבערג, רעדאקטאר פון ווארשעווער „היינט", (52 יאָהר), געשט. 24 אָקטאָבער, 1933.

א. י. שיפּלאקאָוו, בא־ריהמטער סאָציאליסטישער טוער, (56 יאָהר), געשטאָרבען 7 פעברואר, 1934.

לואי גאָלדבערג, טעא־טער מענעדזשער, (50 יאָהר), געשט. 4 מערץ, 1934.

ישראל פרידמאן, (דער יענקי), אידישער שרייבער, (56 יאָהר), געשטאָרבען 19 מערץ, 1934.

חיים נחמן ביאליק, דער אידישער נאַציאָנאלער פּאָעט, (61 יאָהר), געשטאָרבען 4 יולי, 1934.

מענדעל בייליס, דער אידישער מארטירער פון א בלוט־בלבול,

(62 יאָהר), געשטאָרבען 9 יולי, 1934.

לעאָן בלאַנק, אידישער אַקטיאָר, (66 יאָהר), געשטאָרבען 9 סעפּטעמבער, 1934.

יעקאַטערינא ברעשקאָווסקאַיאַ (באַבושקא), באַוואוסטע סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערקע, (99 יאָהר), געשטאָרבען אין פּראַג דעם 13 סעפּטעמבער, 1934.

אהרן שאַפּירא, סאָציאַליסטישער טוער און נאַציאָנאַליסט, כלל טהוער, (50 יאָהר), געשטאָרבען אין לאָס אנדזשעלעס ענדע דעצ., 1933.

שבתי בולגאטש, אַרבייטער רינג טוער און סאָציאַליסט, (61 יאָהר), געשטאָרבען 16 נאָוועמבער, 1933.

א. נ. פּעטרעסאָוו, „סטאַראָווער". באַריהמטער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, געשטאָרבען 1934.

דר. ענעלי, באַריהמטער ראַביי, (56 יאָהר), געשטאָרבען פעברואר, 6טען, 1934.

מערי עפּשטיין, אידישע אַקטריסע, (66 יאָהר), געשטאָרבען 6 פעברואר, 1934.

אָטטאָ קאהן, פינאַנסיר און מעצענאַט פון מיוזיק, (67 יאָהר), געשטאָרבען 29 מאַרטש, 1934.

רוקח ישראל, (92 יאָהר), געשטאָרבען 11 אויגוסט, 1933.

סער לואיס בערנאַרד, באַראָן, (57 יאָהר), געשטאָרבען אין יאָהר 1934.

רבי ישראל מאיר הכהן, באַוואוסט מיט דעם נאָמען פון זיינעם א ספר דער „חפץ חיים", פּאַטריאַרך, למדן און בעל מוסר, (105 יאָהר), געשטאָרבען 15 סעפּט. 1933.

שמואל ליב גאָרדאָן, העברעאישער פּאָעט, (66 יאָהר), געשטאָרבען 19טען נאָוועמבער, 1933.

האבער פריץ, באַריהמטער געלערנטער און כעמיקער, נאָבעל פּרייז געווינער. גערעטעוועט דייטשלאַנד אין צייט פון דער וועלט-מלחמה מיט זיינע כעמישע ערזאַץ-מיטלען, געשטאָרבען אין גלות דעם 1טען פעברואר, 1934.

לינעצקי הירש, גרינדער פון „האיאם", (77 יאָהר), געשטאָרבען דעם 8טען אַפּריל, 1934.

שהרזאן יחזקאל, אידישער פּאַרלעגער, (69 יאָהר), געשטאָרבען 16 אויגוסט, 1933.

פרידלענדער, מאַקס, א איד וואָס איז געוואָרען אַפּוינטעד פון ווילהעלם דעם 2טען צו זאַמלען דייטשע פאָלקס - לידער. געשטאָרבען עלענד און פאַרלאָזען דעם 2טען מאַי, 1934.

מאקסימון, העברעאישער שרייבער און עסעאיסט, תלמיד פון אחד־העם, (51 יאָהר), געשטאָרבען אין מאַי, 1933.

קליאצקא, לעוו, קעניג פון רעפּאַרטערס אין רוסלאַנד, (60 יאָהר), געשטאָרבען 9 דעצ., 1934.

לעסינג, טהעאָדאָר, פּראָפעסאָר, פילאָזאָף און באַרימטער שרייבער, ערמאָרדעט פון נאַצים אין פּראַג, אוגוסט 1933.

מאָריס ווינטשעווסקי, ג. י. אידישער אַרבייטער דיכטער און זשורנאַליסט, דער „זיידע" פון דעם סאָציאַליזם צווישען אידען. געשטאָרבען מאַרטש 18, 1932 אין עלטער פון 76 יאָהר.

ניימען זווירין, זשורנאַליסט, לאַיער און כלל טהוער, געשטאָרבען דזשון 24, 1933 אין ניו־יאָרק אין עלטער פון 60 יאָהר.

אייבערעהעם צוקער, סאָציאַליסטישער טהוער, פאַרבונדען מיט דעם „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, געשטאָרבען מאַרטש 4, 1934, אין עלטער פון 43 יאָהר.

מאָצקין, לעאָן, באַריהמטער ציוניסט און כלל טוער, פילע מאָל פּרעזידענט פון אַקציאָנס קאָמיטעט און אַלגעמיינע ציוניסטישע קאָנגרעסען, געשטאָרבען 7טען נאָוועמבער, 1933.

וואסערמאַן, יעקב, באַריהמטער דייטשער-אידישער שרייבער, (60 יאָהר), געשטאָרבען 1טען יאַנואַר, 1934.

וואָהלמאַן, שרייבער, (75 יאָהר), געשטאָרבען דעצעמבער, 1933.

ב. נ. סילקינער, העברעאישער פּאָעט, געשטאָרבען אין ניו־יאָרק יאָרק, סעפּטעמבער, 1934.

דילאָן, באַריהמטער אידישער פּאָעט, (51 יאָהר), געשטאָרבען אין ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1934.

אָסקאַר וואַסערמאַן, באַנקיר און טוער פון אידישער אַגענטור, געשטאָרבען אין סעפּט., 1934.

דר. אביגדור יאַקובסאָן, געשטאָרבען אין סעפּט. 1934.

זלמן ביכאָווסקי, העברעאישער שרייבער. געשטאָרבען אין סעפּטעמבער, 1934.

באַראָן עדמונד (בנימין) ראָטשילד, דער אויפבויער פון פילע אידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, באוואוסט אלס דער „נדיב הידוע”, (87 יאָהר), געשטאָרבען דעם 2טען נאָוועמבער, 1934.

דר. י. י. בלושטיין, אמעריקאַנער העברעאישער שרייבער און אַלטער ציוניסט, ((75 יאָהר), געשטאָרבען 3טען נאָוועמבער, 1934.

אָסקאַר קאָהן, באַריהמטער פיהרער פון די דייטשע סאָציאַליסטען, לעצטענס גענייגט צום ציוניזם. געשטאָרבען אין גלות אין 1934.